STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01060

DI SOVETISHE YIDISHE MELUKHISHKAYT

Henri Sloves

Permanent preservation of this book was made possible
by Lawrence I. Thorpe
in honor of
his wonderful Barbara

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ח. סלאָוועס

סאָוועטישע יידישע מלוכהשקייט

ח. סלאָוועס

סאָוועטישע ייִדישע מלוכהשקייט

פּאַריז 1979

H. SLOVÈS

L'ETAT JUIF DE L'UNION SOVIÉTIQUE

Tous droits réservés pour tous les pays
Copyright by H. Slovès
Paris 1979
Printed in France

Imprimerie S.I.P.E., 32, rue de Ménilmontant, 75020

פאָרוואָרט

„צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון יידישן פאָלק, האָט זיך פאַרווירקלעכט זיין הייסער ווונטש וועגן שאַפן אַן אייגן לאַנד, וועגן שאַפן אַן אייגענע נאַציאָנאַלע מלוכהשקייט".

די דאָזיקע שורות זיינען אַרויסגענומען פון אַ מלוכה־דע־קרעט, וואָס איז דערשינען — אין מאָסקווע! — דעם 29סטן אויגוסט 1936, ס'הייסט קנאַפע צוויי צענדליק יאָר נאָך דער באַל־פור־דעקלאַראַציע און העכער אַ יאָרצענדליק פאַר דעם אויפקום פון מדינת ישראל.

אָט די „אייגענע נאַציאָנאַלע מלוכהשקייט", מער נאָך — די ערשטע יידישע מלוכהשע אויסבילדונג זינט צוויי טויזנט יאָר („צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון יידישן פאָלק"), האָט געזאָלט זיין דאָס ווערק — פון ראַטנפאַרבאַנד. אַ מלוכהשע אויס־בילדונג אָבער — נישט קיין אָביעקט פון אינטערנאַציאָנאַלן רעכט, נאָר אין די ראַמען פון אינערלעך־קאָנסטיטוציאָנעלן רעכט פונעם פאַרבאַנד פון די סאָציאַליסטישע סאָוועטן־רעפּובליקן.

עס איז אפשר ניט אומנויטיק צוצוגעבן, אַז דאָס דאָזיקע „אייגן לאַנד", אַן אייגן יידיש לאַנד, געפינט זיך טאַקע אין ראַטנ־פאַרבאַנד, ריכטיקער — געפינט זיך דאָרט נאָך אַלץ, לכל הדעות אָפיציעל, אויפן פּאַפּיר.

דער אַרטיקל 87 פון דער נייער סאָוועטישער קאָנסטיטוציע פון 1977 לייענט זיך, נעמלעך, אַזוי: „אין דער רוסלענדישער פעדעראַטיווער סאָציאַליסטישער סאָוועטן־רעפּובליק גייען אַריין די אויטאָנאָמע געגנטן: אַדיגייער, באַרג־אַלטייער, יידישע, קאַ־ראַטשייעוו־טשערקעסער, כאַקאַסער".

אין סאָוועטישן וייטן מזרח, אויף דער סאַמע גרענעץ פון כינע, אין אַ געגנט, וואָס איז געווען לחלוטין אומבאַקאַנט און

כמעט אומבאַוווינט און האָט נאָך אפילו רעכט קיין נאָמען ניט גע־האַט — מען האָט זי גערופן אַמאָל „בירסקאָ־בידזשאַנסק", אַמאָל „בידזשאַנאָ־בירסק" — איז דעם 28סטן מערץ 1928 פאַרלייגט געוואָרן דער יסוד פאַר דער סאָוועטישער יידישער מלוכהשקייט.

אין דער יידישער געשיכטע האָט אומגעריכט געזאָלט זיך עפענען אַ ניי קאַפּיטל, מיט אַן אויסטערלישן טיטל: ביראָבי־דזשאַן. אַ נאַציאָנאַלע יידישע אויטאָנאָמע געגנט, אין באַשטאַנד פון ווייט־מזרחדיקן קאַנט פון רספסר. אַ צוקונפטיקע יידישע אױ־טאָנאָמע סאָציאַליסטישע סאָוועטן־רעפובליק.

דער פאָרזיצער פונעם צענטראַלן אויספיר־קאָמיטעט פון ראַטנפאַרבאַנד — אָפיציעלער מלוכה־פּרעזידענט — מיכאַיל קאַ־לינין, האָט אין מאַי 1934 דערקלערט:

„איך באַטראַכט ביראָבידזשאַן פונעם שטאַנדפונקט פון גרוי־סע פערספעקטיוון, פון דעם, אַז די יידישע פראָלעטאַריער האָבן זייער פאָטערלאַנד, פסםר, און אַן אייגענע נאַציאָנאַלע מלוכה. זיי זיינען געוואָרן אַ נאַציע".

און נאָך: „איך רעכן, אַז אין אַ יאָר צען אַרום, וועט ביראָ־בידזשאַן זיין דער וויכטיקסטער, אויב ניט דער איינציקער אויפ־היטער פון דער יידישער סאָציאַליסטישער נאַציאָנאַלער קול־טור".

דער „וויכטיקסטער, אויב ניט איינציקער אויפהיטער" — — פאַר וועמען? די יידיש־סאָוועטישע געזעלשאַפטלעכקייט האָט דעם באַגריף אויסגעטייטשט זייער ברייט. דעם 18טן אַפּריל 1937 האָט דער מאָסקווער „עמעס" געשריבן: „די יידישע אויטאָנאָמע געגנט דאַרף ווערן און וועט ווערן דער וויכטיקסטער קולטור־צענטער פון יידישן פאָלק אין ראַטנפאַרבאַנד — און נישט נאָר אין ראַטנפאַרבאַנד". אַנדערש געזאָגט, דער וויכטיקסטער יידי־שער קולטור־צענטער — נישט בלויז פאַרן סאָוועטישן יידנטום, נאָר פאַרן יידישן פאָלק אין גאַר דער וועלט.

„דאַרף ווערן און וועט ווערן...". די נבואה איז אָבער נישט מקוים געוואָרן.

ניט קיין אַנדערער, ווי דער גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער אַלפאַרבאַנדישער קאָמוניסטישער פאַרטיי און פאָרזיצער פון מיניסטאָרן־ראַט פון פסםר, ניקיטאַ כרושטשאָוו, האָט אין

אַפּריל 1958 דערקלערט: „אויב מען מאַכט אַ סך־הכּל, מוז מען פעסטשטעלן, אַז די יידישע קאָלאָניזאַציע אין ביראָבידזשאַן האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ דורכפאַל".

✶

די געשיכטע פון דער סאָוועטישער יידישער מלוכהשקייט איז כמעט אומבאַקאַנט אויסערהאַלב דעם ראַטנפאַרבאַנד און אפילו, הגם מחמת גאַנץ אַנדערע טעמים, אויך אין ראַטנפאַר־באַנד גופא. זי איז אָבער טיף באַלערנדיק און זייער אָפּט — ממש דערשיטערנדיק. די געשיכטע פון ביראָבידזשאַן שטייגט ווייט אַריבער די גרענעצן פון ביראָבידזשאַן. זי איז דער קריסטאַליזיר־פונקט פון דער גאַנצער פּראָבלעמאַטיק פון סאָוועטישן יידנ־טום. במילא באַלאַנגט אָט די געשיכטע — נישט בלויז צו גע־שיכטע. זי איז אַקטועל, אין אירע פאַרשיידנסטע אויסקלאַנ־גען, ביז אויף היינטיקן טאָג.

איז די סאָוועטישע יידישע מלוכהשקייט געווען — און אויב יאָ, פאַרוואָס — פון לכתחילה אָן, פאַרמשפּט אויף דורכ־פאַל, אַ קרבן פון אומלייזבאַרע אָרגאַנישע סתירות? האָט דאָס קאַפּיטל „ביראָבידזשאַן" געמוזט פאַרבלייבן — און אויב יאָ, פאַרוואָס — ניט מער ווי אַן עפּיזאָד, אויף קורצע יאָרן, אַן אויס־טערלישער, אַ טראַגישער און צומאָל פּשוט אַן אַבסורדאַלער — אַריינצושרייבן אפשר אין די אַלטע, בלוטיקע פּנקסים פון פאַלשן משיחיזם?

די פאַרליגנדיקע אַרבעט באַמיט זיך אויף אָט די פראַגן צו געפינען אַ תשובה, אין פולער אָביעקטיוויטעט, לויט די מעג־לעכקייטן פון די ביז איצט באַקאַנטע מקורות, וואָס זיינען זי־כער נאָך נישט קיין דעפיניטיווע.

לויטן אָפיציעלן נוסח, האָט די סאָוועטישע יידישע מלו־כהשקייט געזאָלט זיין דאָס קרוין־ווערק, „די באַקרוינונג פון דער גאַנצער אַרבעט פון דער פאַרטיי און דער ראַטנמאַכט אין דער יידישער סביבה". („עמעס", 18 אַפּריל 1937). ביראָבי־דזשאַן איז געוואָרן אַ סימבאָל — דער סימבאָל פון סאָציאַליס־

טישער לייזונג פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע בכלל און פון דער יידן־פראַגע בפרט.

אָט דער סימבאָל איז פאַרבליבן, אָבער האָט פאַרוואַנדלט זיך אין זיין דיאַלעקטישן קעגנזאַץ — ער איז אַ סימבאָל פון ניט־לייזונג, פון פולשטענדיקן דורכפאַל, פון אַבסאָלוטן פיאַסקאָ.

קאַלינין האָט ליב געהאַט אָנצורופן ביראָבידזשאַן: „דער מלוכהשער שפּיגל פון סאָוועטישן יידישן פאָלק".

אויף אָט דעם שפּיגל ליגט היינט אויסגעגאָסן די טראַגיק פון דעם אויסטערלישן גורל — הן פון דער סאָוועטישער יידישער מלוכהשקייט, הן פון גאַנצן „סאָוועטישן יידישן פאָלק".

ח. ס.

אַלע דאָקומענטן און ציטאַטן פון די יידיש־סאָוועטישע מקורות ווערן געבראַכט, נישט אין זייער אָריגינעלן אויסלייג, נאָר בדרך כלל, מיט דער היינטיקער, אַלגעמיין־אָנערקענטער אָרטאָגראַפיע.

קאַפּיטל איינס

דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט קעגן כלל־ישראל

דעם 20סטן אָקטאָבער 1918 איז אין מאָסקווע, אין אַ רעקוויזירטן פּאַלאַצל — און זיץ־אָרט פון דעם צענטראַלן יידישן קאָמיסאַריאַט — פייערלעך דערעפנט געוואָרן אַ קאָנפערענץ מיט אַ ביסל אַן אויסטער־לישן נאָמען. זי האָט געהייסן, לויט די מעלדונגען אין דער פּרעסע: „ערשטע קאָנפערענץ פון די יידישע קאָמוניסטן און פאָרשטייער פון די יידישע קאָמיסאַריאַטן און פון די יידישע לערער, וואָס אָנערקע־נען די שול־פּראָגראַם פון יידישן קאָמיסאַריאַט".

דער דאָזיקער דרייגאָרנדיקער שיער־ניט דריימיניקער צוזאַמענ־שטעל — קאָמוניסטן, קאָמיסאַריאַטן און לערער — האָט געקאָנט באַטייטן, אַז דאָ האַנדלט זיך וועגן אַ צונויפקום, וואָס איז געווידמעט אינגאַנצן אָדער בעיקר פּראָבלעמען פון שול און דערציאונג. אַזוי איז אָבער נישט געווען. די ענינים, וואָס די קאָנפערענץ האָט געדאַרפט באַטראַכטן, זיינען אָנגעצייכנט געוואָרן דורך פאָלגנדיקן סדר־היום:

1) דער פּאָליטישער מאָמענט.
2) באַריכט פון צענטראַלן יידישן קאָמיסאַריאַט.
3) די אויפגאַבע פון די יידישע קאָמוניסטישע אָרגאַניזאַציעס.
4) די נאַציאָנאַלע פראַגע און די סאָוועטנמאַכט.
5) אונדזער באַציאונג צו דער קהילה און צו די איבעריקע גע־זעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס.
6) אונדזערע קולטור־און בילדונג־אויפגאַבן (בייפאָרטראָג וועגן יידישן טעאַטער).

פאַר אַזאַ מין סדר־היום איז אָבער אויסטערליש געווען די אָנ־טיילנעמערשאַפט פון דער קאָנפערענץ. עס זיינען זיך צוזאַמענגעקומען 64 דעלעגאַטן, צווישן זיי 31 קאָמוניסטן, פאָרטרעטער פון די יידישע קאָמיסאַריאַטן און די יידישע פּאַרטיי־סעקציעס, און 33 אומפּאַרטיי־

אישע, וואָס האָבן קיינעם ניט פאַרטראַטן, זיינען דורך קיינעם ניט גע־וואָרן געוויילט, נאָר איינגעלאַדן פּערזענלעך דורכן צענטראַלן יידישן קאָמיסאַריאַט. און שוין גאָר אויסטערליש איז געווען דער כאַראַק־טער פון אָט די איינלאַדונגען: אויף די דריי און דרייסיק פאַרבעטענע „דעלעגאַטן" האָבן קוים דריי זוכה געווען צו באַקומען שטימרעכט און דאָס אויך, בלויז אין פראַגן פון שול־וועזן.

אזוי האָט אויסגעזען דער ערשטער פּרוּוו, וואָס עס האָט געמאַכט דער צענטראַלער יידישער קאָמיסאַריאַט — די איינציקע אָפיציעלע פאַרשטייערשאַפט פון דער סאָוועטנמאַכט אויף דער יידישער גאַס, דער איינציקער צענטראַלער יידישער מלוכה־אָרגאַן — צו „מאָביליזירן אַלע קולטור־כוחות, וועלכע האָבן געוואָלט שטיצן די סאָוועטנמאַכט און נעמען אַן אָנטייל אין העלפן שאַפן די נייע יידישע פּראָלעטאַרישע קול־טור" *

דער דאָזיקער פּרוּוו האָט תיכף ומיד זיך פאַרענדיקט מיט אַ פול־שטענדיקן דורכפאַל. גלייך אויף דער דערעפענונג פון דער קאָנפערענץ האָבן די גאַסטגעבער זיך געכאַפּט, אַז זיי האָבן זיך לחלוטין טועה גע־ווען אין חשבון בנוגע זייערע געסט. „אַ גאָר גרויסער טייל" פון די פאַרבעטענע לערער און קולטור־טוער האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַר „קעגנער פון דער סאָוועטנמאַכט, ביטערע שונאים פון יידישן קאָמיסאָ־ריאַט און סתם קליינבירגערלעכע נאַציאָנאַליסטן". **

דער ערשטער צוזאַמענשטויס איז אויסגעבראָכן אַרום דער פראַ־גע וועגן שטימרעכט. די איינגעלאַדענע „דעלעגאַטן" האָבן דווקא גע־וואָלט זיין מיט אַלע אַנדערע דעלעגאַטן גלייך. דערנאָך איז געקומען אַ צוזאַמענשטויס וועגן שפּראַך. די לערער און קולטור־טוער האָבן גע־פאָדערט, אַז די קאָנפערענץ זאָל געפירט ווערן אויסשליסלעך אויף יידיש. דאָס איז אָבער קוים מעגלעך געווען, מחמת אַ טייל דעלעגאַטן, פאַרטרעטער פון די יידישע קאָמיסאַריאַטן, האָבן קיין יידיש אינגאַנצן אָדער כמעט ווי נישט געקענט. סוף כל סוף איז געוואָרן קלאָר, אַז דער זיווג איז נישט בלויז ניט קיין געראָטענער, נאָר ממש ניט קיין

---

* „די יידישע קאָמיסאַריאַטן און די יידישע קאָמוניסטישע סעק־ציעס", פּראָטאָקאָלן, מינסק 1928. זייט 19. אויף ווייטער: „די יידישע קאָמיסאַריאַטן . . .".

** דאָרטן, ז. 20.

באַשערטער. די פאַרבעטענע „דעלעגאַטן" זיינען געוואָרן איגנאָרירט. די אָפּגעשטימטע רעזאָלוציעס זיינען אָנגענומען געוואָרן אין נאָמען פון דער „ערשטער אַלרוסלענדישער קאָנפערענץ פון די יידישע קאָמיסאַריאַטן און קאָמוניסטישע סעקציעס". אונטער דעם דאָזיקן נאָמען איז די קאָנפערענץ געבליבן אין דער געשיכטע פון דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט אין ראַטנפאַרבאַנד.

אָט דער בליץ־שנעלער דורכפאַל פונעם פּרווו צו „מאָביליזירן די יידישע קולטור־כוחות", צו „פאַראייניקן אַלע סאָוועטיש־געשטימטע קולטור־טוער און זיי גרופּירן אַרום די יידישע קאָמיסאַריאַטן און „סעקציעס",* איז אַ בולטע אילוסטראַציע — איינע פון פיל אַנדערע — צו אַ היסטאָרישן פאַקט, וועלכער דאַרף ווערן דערמאָנט און אונטערגעשטראָכן: די אָקטאָבער־רעוואָלוציע און די סאָוועטנמאַכט האָבן לכתּחילה נישט געפונען צווישן דעם רוסלענדישן יידנטום קיין שום אָנשפּאַר.

די סיבות דערפון זיינען באַקאַנט. די באָלשעוויסטישע פּאַרטיי איז ביז דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע געווען לחלוטין אָפּוועזנדיק אין דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט, צווישן יידישן אַרבעטער־קלאַס. אין קעגנזאַץ צו דער פּוילישער אַרבעטער־באַוועגונג, וווּ די פּוילישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי (פּ. פּ. ס.) האָט זיך באַמיט צו שלאָגן וואָרצלען אויך צווישן יידישן פּראָלעטאַריאַט פון לאַנד — און דאָס איז איר טייל־ווייז געלונגען — האָט די רוסישע אַרבעטער־באַוועגונג בכלל און די באָלשעוויסטישע פּאַרטיי בפרט נישט געפירט, פּאַקטיש, קיין שום טעטיקייט צווישן דער יידישער אַרבעטערשאַפט. אין 1903, נאָך דעם ווי דער „בונד" איז, מחמת פּרינציפּיעלע חילוקי־דעות אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע, אַרויסגעטראָטן פון דער ביז דאַן געמיינזאַמער „רוסלענדישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פּאַרטיי" (ר. ס. ד. אַ. פּ.), זיינען אמת געגרינדעט געוואָרן די א"ג „צפון־מערבדיקע און פּאָלעסיער קאָמיטעטן", אָדער „גרופּן" פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אין אַ ריי שטעט, ווי ווילנע, מינסק, קאָוונע, וויטעבסק א"אַ. זייער אויפגאַבע איז געווען צו באַווירקן הן די יידישע פאָלקס־מאַסן — אין קאַמף קעגן „בונד" — הן די אָרטיקע רוסישע אַרבעטערשאַפט. דער איינפלוס זייערער אין דער יידישער סביבה איז אָבער געווען אַ נישטיקער. דער קאָמוניסטישער היסטאָריקער נחום בוכבינדער שטעלט

---

* דאָרטן, ז. 19.

פעסט, אַז „די גרופּעס פון דער ר. ס. ד. אַ. פּ.״ האָבן „קיין באַזונדערן דערפאָלג ניט געהאַט, דערהויפּט זיינען זיי געווען אָרעם אין אינטע־ליגענטע כוחות און עס האָט זיך זיי אפילו ניט איינגעגעבן צו שאַפן וועלכע ניט איז אַגיטיר־ליטעראַטור אויף יידיש״.*

די פולשטענדיקע אָפּוועזנהייט פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי אויף דער יידישער גאַס האָט אויך באַשטעטיקט אַזאַ באַגלויבטער עדות, ווי שמעון דימאַנשטיין, ערשטער אָנפירער פון צענטראַלן קאָמי־סאַריאַט פאַר יידישע ענינים, אַן אַלטער באָלשעוויק און אַליין אַ גע־וועזענער טוער פונעם „צפון־מערב קאָמיטעט״: „די רוסלענדישע פּאַר־טיי פון די באָלשעוויקעס — האָט ער געשריבן — האָט ניט געפירט קיין שום אַרבעט צווישן די יידישע מאַסן... אין משך פון פופצן יאָר עקזיסטענץ פון דער פּאַרטיי, איז נאָר אַרויס די פּראָגראַם פון דער רוסלענדישער פּאַרטיי, איבערגעזעצט אין אַ שרעקלעכן יידיש און אַ פּאָר אויפרופן אויף יידיש. ניט רעכענענדיק די קליין ביסל יידישע ליטעראַטור, וואָס איז אַרויס אין פּוילן, איז דאָס אַלץ, וואָס די פּאַרטיי האָט געטאָן ספּעציעל אויף דער יידישער גאַס. ביי אַזאַ אויפמערקזאַמ־קייט, וואָס מען האָט אָפּגעגעבן דער יידישער אַרבעט, איז גאָר קיין וווּנדער ניט, וואָס מיר האָבן געזען ווייניק יידישע חברים אין אונדזערע רייען. זיי האָבן געדאַרפט בלייבן ביי דעם „בונד״ און ביי אַנדערע יידי־שע פּאַרטייען, וועלכע האָבן ספּעציעל פאַר זיי געזאָרגט, וועלכע האָבן זיי באַדינט אויף זייער אייגענער שפּראַך״.**

מען וואָלט געקאָנט טראַכטן, אַז די דאָזיקע דערשיינונג לאָזט זיך דערקלערן — לכל הדעות, טיילווייז — מיט די באַדינגונגען פון אומ־לעגאַליטעט, אין וועלכע עס האָט זיך געפונען די רוסלענדישע אַרבע־טער־באַוועגונג. דאָס שטימט אָבער ניט מיט דערווירקלעכקייט. דווקא ווען די אומלעגאַליטעט האָט אויפגעהערט, איז אמבולטסטן דערשינען אָט די אויסטערלישע אָפּגעפרעמדקייט צווישן דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי, פון איין זייט, און דער רוסלענדישער יידישער געזעלשאַפטלעכ־קייט, פון דער צווייטער.

---

* נ. בוכבינדער, „געשיכטע פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין רוסלאַנד״, ווילנע, 1931, ז. 314. אויף ווייטער: בוכבינדער...

** „די יידישע קאָמיסאַריאַטן...״, אַריינפיר, ז. 3.

תיכף נאָך דער פעברואַר־רעוואָלוציע, וועלכע האָט, כידוע, אָפּ־געשאַפט די גאַנצע צאַרישע אַנטי־יידישע געזעצגעבונג און פּראָקלאַ־מירט די פולע גלייכבאַרעכטיקונג פון רוסלענדישן יידנטום, איז גע־קומען אַן אומגעזעענע ממש אויפלעבונג אויף דער יידישער גאַס. דער אויפברויז פון געזעלשאַפטלעכער ענערגיע און איניציאַטיוו, דער פאַר־מעסט צווישן קעגנערישע געזעלשאַפטלעכע כוחות, דער אַלץ שאַר־פערער פּאַרטיי־קאַמף האָבן זיך אויסגעדריקט, צווישן אַנדערן, אין אַ שטוינענדיקן וווּקס פון דער יידישער פּרעסע, אויף יידיש און רוסיש. גאָר באַזונדערס אין שייכות מיטן געפּלאַנטן אַלרוסלענדישן יידישן צו־זאַמענפאָר, זיינען אויפגעקומען — ס׳רוב ניט אויף לאַנגע יאָר — צענ־דליקער און צענדליקער אויסגאַבן, פון טאָג־צייטונגען און פעריאָדישע צייטשריפטן ביז איינמאָליקע בלעטער.

דאָס איבערוויגנדיקע ערשטע אָרט אין דער יידישער פּרעסע אויף יידיש האָט פאַרנומען דער „בונד". דערנאָך זיינען געקומען: די יידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַרבעטער־פּאַרטיי „פּועלי־ציון", די „פאַראיי־ניקטע יידישע סאָציאַליסטישע אַרבעטער־פּאַרטיי ס. ס. און י. ס.", די „יידישע פאָלקס־פּאַרטיי", די „ציוניסטישע פאָלקס־פּראָקציע צעירי־ציון" און אויפן לעצטן פּלאַץ, מיט אַ קנאַפּן צענדליק טיטלען, די ציו־ניסטישע אָרגאַניזאַציע.

פּונקט אַ פאַרקערטע איז געווען די פּאַרטיי־פּראָפּאָרץ אין דער יידישער פּרעסע אויף רוסיש. דאָס ערשטע אָרט, מיט כמעט אַ העלפט אויסגאַבן, האָט דאָ פאַרנומען די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע. דאָס לעצ־טע אָרט — דער „בונד". צווישן זיי ביידן, און אין דער זעלבער אָרדע־נונג, אַלע אויסגערעכנטע פּאַרטייען.

און דאָ וואַרפט זיך אין די אויגן אַן אויסטערלישער פאַקט: אין אָט דעם יאָר פון צוויי רעוואָלוציעס, ווען דאָס גאַנצע רוסלענדישע יידנטום האָט ממש געברויזט מיט פּאַרטייאישקייט, ווען דער עפנטלע־כער פאַרמעסט צווישן כלערליי געזעלשאַפטלעכע ריכטונגען האָט דער־גרייכט אַ נאָך קיינמאָל ניט געזעענעם פאַרנעם, אין דעם דאָזיקן פרי־לינג־יאָר 1917, האָט צווישן די שטרייטנדיקע צדדים געפעלט איין צד, דווקא דער, וואָס איז גאָר אין קורצן געוואָרן דער הויפּט־צד, דער דאָמינירנדיקער — און באַלד דער איינציקער — עס האָט לחלוטין געפעלט דאָס וואָרט פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי. ניט פאַר דער פעברואַר־רעוואָלוציע, ניט נאָך איר, ניט פאַר דער אָקטאָבער־רעוואָ־

לוציע און אפילו נישט תיכף נאָך איר, האָט די באָלשעוויסטישע פּאַר־טיי ניט געשאַפן זיך קיין שום טריבונע צווישן רוסלענדישן יידנטום.

די ערשטע קאָמוניסטישע צייטשריפט אויף יידיש איז דערשינען אַ קנאַפּן האַלבן יאָר נאָך די אָקטאָבער־געשעענישן, דעם 8־טן מערץ 1918, אונטערן נאָמען „די וואַרהייט", אַרויסגעגעבן דורכן צענטראַלן יידישן קאָמיסאַריאַט, לכתחילה ווי דער „אָרגאַן פון די ס. ד. באָלשע־וויקעס און לינקע סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן", ס'הייסט פון די צוויי רעגירונג־פּאַרטייען, און שפּעטער פון חודש יוני אָן, נאָך דעם ווי די לינקע עסערן האָבן די רעגירונג פאַרלאָזן — ווי דער „אָרגאַן פון די קאָמוניסטן (באָלשעוויקעס)". דעם 7־טן אויגוסט 1918 איז די צייט־שריפט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ טעגלעכע אויסגאַבע, די ערשטע קאָמוניסטישע יידישע טאָג־צייטונג. דער דייטשמערישער טיטל „די וואַרהייט" איז פאַרביטן געוואָרן אויפן יידישלעכן „דער אמת", גע־שריבן נאָך לויטן אַלטן, טראַדיציאָנעלן אויסלייג: אַן אלף, אַ מם און אַ תו.

וועגן די הבלי־לדה פון דער צייטונג האָט דערציילט שמעון די־מאַנשטיין: „ווען אונדז איז אויסגעקומען צו שטעלן אונדזער ערשטע קאָמוניסטישע צייטונג „די וואַרהייט", האָבן מיר זיך באַגעגנט מיט ניט געהערטע שוועריקייטן. עס איז ניט נאָר ניט געווען ווער ס'זאָל שטענ־דיק שרייבן פּאַסנדיקע אַרטיקלען, אפילו קיין איבערזעצער איז ניט געווען צו קריגן. קיינער האָט ניט געוואָלט גיין. ס'איז אויסגעקומען צו נעמען צוויי עמיגראַנטן, וואָס זיינען נאָר וואָס געקומען פון אויס־לאַנד, פון זיי האָט איינער ניט געקענט קיין רוסיש, דער צווייטער — קיין יידיש, געבן זיי צווייערלייאיקע ווערטער־ביכער און אַוועקזעצן זיי צו דער מלאכה פון איבערזעצער".*

די שוועריקייטן פון שפּראַך פאַרענטפערן אָבער ווייט נישט אַלץ. אגב, זיי אַליין זיינען גיכער געווען אַ רעזולטאַט ווי אַ סיבה. די צייט־שריפט, וואָס דער יידישער קאָמיסאַריאַט האָט אַרויסגעגעבן אויף רוסיש — „יעווריעיסקאַיאַ טריבונאַ" — איז דערשינען נאָך שפּעטער, ווי „די וואַרהייט", ערשט אין אַפּריל 1918, און האָט זוכה געווען קוים צו עטלעכע נומערן. דאָ זיינען שוין קיין שפּראַך־שוועריקייטן נישט גע־ווען. די סיבה — ניט קיין טעכנישע נאָר אַ פּאָליטישע — איז געלעגן

* „די יידישע קאָמיסאַריאַטן". פאָרווערטס, ז. 6.

אַ סך טיפֿער און צו דעם דאָזיקן ענין וועט אויסקומען ניט איין מאָל זיך אומקערן. נישט קיין שפּראַך־עקראַן — אַמווייניקסטן פֿון אַלץ אַ שפּראַך־עקראַן — האָט אָפּגעטיילט די באָלשעוויסטישע פּאַרטיי פֿון דעם רוסלענדישן יידנטום, נאָר אַן עיקרדיקער ווידעראַנאַנד, אַן אַב־סאָלוטע אומפּאַרשטענדעניש פֿון די היסטאָרישע פּראָצעסן, וואָס האָבן במשך פֿון דער צווייטער העלפֿט ניינצנטן און אָנהויב צוואַנציקסטן יאָרהונדערט איבערגעשטאַלטיקט אין דער טיף די גאַנצע יידישע רע־אַליטעט פֿון מזרח־אייראָפּע און געמאַכט זי לחלוטין אומענלעך צו די אַלטע סכעמעס, וועלכע האָבן געשטאַמט נאָך פֿון מאַרקסן אַליין. דערפֿון איז במילא אַרויסגעדרונגען אַן אומפּאַרשטענדעניש פֿאַר די יידישע געזעלשאַפֿטלעכע באַוועגונגען און פֿאַר דער גאַנצער יידישער נאַציאָנאַ־לער פּראָבלעמאַטיק.

אין תוך איז די אַזוי גערופֿענע „יידישע גאַס" געווען פֿאַר דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי אַ „טעררא אינקאָגניטאַ", אַן אומבאַקאַנט לאַנד און אַן אומפּריינדלעך לאַנד — ריכטיקער, אַ פֿיינדלעך לאַנד — וואָס מען האָט עס ערשט געדאַרפֿט דעראָבערן — מיטן כוח פֿון דיקטאַטור פֿון פּראָלעטאַריאַט. פּאַראַדאָקסאַל איז, אין דעם פֿאַל, דער אָביעקט פֿון פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור געווען, נישט בלויז די יידישע בורזשו־אַזיע און דער יידישער קליינבירגערטום, נאָר אויך — דער יידישער פּראָלעטאַריאַט גופֿא.

גלייך אין דער ערשטער רעגירונג נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלו־ציע איז איינגעשטעלט געוואָרן אַ פֿאָלקס־קאָמיסאַריאַט (דער טערמין מיניסטעריום איז אָפּגעשאַפֿט געוואָרן) פֿאַר נאַציאָנאַלע ענינים. אין פֿאַרגלייך מיט אַזעלכע געביטן, ווי אַרמיי, אינערלעכע זיכערקייט, אויי־סערן־פּאָליטיק א״א, איז דער „פֿאָלקאָמנאַץ" — אַזוי האָט ער גע־הייסן אין דער אָנגענומענער רעוואָלוציאָנערער טערמינאָלאָגיע — גע־ווען ווייט ניט פֿון ערשטראַנגיקן באַטייט. פֿאַר אַן אָנפֿירער פֿון דעם דאָזיקן פֿאָלקס־קאָמיסאַריאַט איז באַשטימט געוואָרן אַ באָלשעוויסטי־שער טוער — אויך פֿון ניט ערשטראַנגיקן באַטייט — אַ געוויסער יאָסיף וויסאַריאָנאָוויטש סטאַלין. ווי אַ געהילף איז אים צוגעטיילט געוואָרן דער אַלטער באָלשעוויק שמעון דימאַנשטיין.

נאָך אין 1917 האָט דער „פֿאָלקאָמנאַץ" אָנגעהויבן אָרגאַניזירן באַ־זונדערע נאַציאָנאַלע קאָמיסאַריאַטן — אַ פּוילישן, אַ לעטישן וכדומה — וועלכע האָבן געדאַרפֿט פֿאַרשפּרייטן די אידעען פֿון אָקטאָבער און

דורכפירן די ערשטע מאָסמיטלען פון דער ראַטנמאַכט אין זייערע נאַ־ציאָנאַלע סביבות. די דאָזיקע קאָמיסאַריאַטן זיינען געשאַפן געוואָרן אָן קיין שום שוועריקייטן, אין ענגער מיטאַרבעט מיט די קאָמוניסטישע, אָדער קאָמוניסטיש־פריינדלעכע נאַציאָנאַלע פּאַרטייען פון די געגע־בענע סביבות און פּאַקטיש, ווי אַן עמאַנאַציע פון די דאָזיקע פּאַר־טייען. ביז גאָר אַנדערש איז אָבער געווען די לאַגע, ווען מען איז צו־געטראָטן שאַפן דעם יידישן קאָמיסאַריאַט.

„עס האָט זיך אַרויסגעוויזן — האָט דערציילט דימאַנשטיין — אַז ס׳איז ניט געווען קיין איין פּאַרטיי, אָדער אַן אָרגאַניזירטע יידישע גרופּע, וועלכע זאָל זיך נעמען אַזאַ אויפגאַבע. פיל איינציקע חברים, יידישע קאָמוניסטן, האָבן דערזען, אַז ס׳איז אַ גרויסער פעלער, וואָס מיר לאָזן די יידישע מאַסן דעם „בונד“ און די איבעריקע יידישע קליינבירגערלעכע פּאַרטייען. נאָר דאָס זיינען אַלץ געווען חברים, וואָס האָבן פריער ניט געפירט ספּעציעל קיין יידישע אַרבעט“. מער נאָך: „זיי... זיינען ניט געווען באַקאַנט מיט דעם לעבן פון די יידישע אַר־בעטער, אַנדערע האָבן אפילו קיין יידיש ניט געקאָנט ריידן“.*

דער „גרויסער פעלער“ פון איבערלאָזן די יידישע מאַסן האָט אָבער ניט אַזוי לייכט געקאָנט פאַרריכט ווערן. סיי דער „בונד““, סיי „די איבעריקע יידישע קליינבירגערלעכע פּאַרטייען“ — און מיט זיי די יידישע מאַסן — האָבן זיך געפונען אין לאַגער פון די אַנטשיידענע קעגנער פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע און דער ראַטנמאַכט. אויף דער דערעפענונג־זיצונג פון דעם צווייטן אַלרוסלענדישן צוזאַמענפאָר פון די סאָוועטן, אין זעלבן מאָמענט, ווען די קריג־שיף „אַווראָראַ“ האָט אָנ־געהויבן באָמבאַרדירן דעם ווינטער־פּאַלאַץ, האָט ה. ערליך — אין נאָ־מען פון „בונד“ — געמאַכט פאָלגנדיקע דעקלאַראַציע: „אין נאָמען פון דער גרופּע בונדיסטן, האַלט איך פאַר מיין חוב צו דערקלערן, אַז מיר באַטראַכטן פאַר אַן אומגליק דאָס אַלץ, וואָס קומט פאָר אין פּעטראָגראַד. אונדזער חוב פאַרן יידישן פּראָלעטאַריאַט פון גאַנצן לאַנד איז דאָס צו דערקלערן. איך בין אויך באַפולמעכטיקט צו מעלדן אין נאָמען פון די מענשעוויקעס און ס. ר. אַז אַ טייל ראַטמענער פון דער שטאָט־דומע האָבן באַשלאָסן צו גיין אומבאַוואָפנט אונטער דער שיסע־

---

* „די יידישע קאָמיסאַריאַטן...“, ז. 4 און 32.

ריי אויפן פלאַץ פון ווינטער־פּאַלאַץ. דער אויספיר־קאָמיטעט פון ראַט פון די פויערים־דעפּוטאַטן, די פראַקציעס פון די מענשעוויקעס און ס. ר. (פון אַרבעטער־און סאָלדאַטן־ראַט) האָבן באַשלאָסן מיט זיי צו גיין. מיר האָבן באַשלאָסן אויף אַזאַ אופן אויסצודריקן אונדזער פּראָטעסט קעגן דעם, וואָס קומט פאָר און מיר רופן אַלע, ווער ס'וויל נישט קיין בלוט־פאַרגיסונג, צו גיין מיט אונדז. אפשר וועט אונדזער אַוועקגיין צווינגען די משוגעים אָדער פאַרברעכער, אַז זיי זאָלן קומען צו זיך". *

נאָך דער דאָזיקער דערקלערונג האָבן די עסערן, די בונדיסטן און די מענשעוויקעס פאַרלאָזן דעם צוזאַמענפאָר פון די סאָוועטן. צי זיי זיינען דערגאַנגען צום פּלאַץ פון ווינטער־פּאַלאַץ איז נישט זיכער. זיכער איז אָבער אַז „די משוגעים אָדער פאַרברעכער" זיינען „צו זיך" נישט געקומען. עס האָבן זיך אָנגעהויבן די „צען טעג, וואָס האָבן אויפגעטרייסלט די וועלט".

אין דעצעמבער 1917 איז אין פּעטראָגראַד זיך צונויפגעקומען דער אכטער צוזאַמענפאָר פון „בונד". ער האָט שאַרף און קאַטעגאָריש פאַרורטיילט די אָקטאָבער־איבערקערעניש. „אונטער אַ מאַסקע פון קלאַסן־דיקטאַטור פון אַרבעטער און פויערים — זאָגט זיך אין דער פּאָליטישער רעזאָלוציע פון צוזאַמענפאָר — איז באַשאַפן געוואָרן אַן אומאויפהערלעכע אַנאַרכיע, אַ דיקטאַטור פון אַ פּאַרטיי, אַן אומדערטרעגלעכע טיראַניע פון אומפאַראַנטוואָרטלעכע קאָמיסאַרן און קאָמיטעטן... אונטער דער פאָן פון קאַמף קעגן דער בורזשואַזיע, ווערט אין דער אמתן געפירט אַ קאַמף קעגן דער מערהייט פון דער דעמאָקראַטיע. דאָס איז גינסטיק נאָר פאַר דער בורזשואַזער קאָנטער־רעוואָלוציע און שטויסט די באָלשעוויקעס צו פירן אַ פּאָליטיק פון טעראָר און ווילקיר, צו אונטערדריקן אַלע בירגערלעכע פרייהייטן". **

די צוויי אַנדערע יידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, די „פּועלי־ציון" און די „פאַראייניקטע", זיינען געווען באַטייטיק ווייניקער באַטייליקט אין אַלגעמיין־פּאָליטישן לעבן פון לאַנד און באַטייטיק ווייניקער אין קאָנטאַקט מיט די דירעקטע אָנטיילנעמער פון דער גרויס־

* י. ש. הערץ, „די צווייטע רוסלענדישע רעוואָלוציע" אין „די געשיכטע פון „בונד", דריטער באַנד, ניו־יאָרק 1966, ז. 167.

** דאָרטן, ז. 186.

סער היסטאָרישער דראַמע, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט אין די אָקטאָבער־טעג. זייער שטעלונג איז געווען אַ מער ניואַנסירטע און בדרך כלל אַ ווייניקער שאַרפע, אָבער אויך אַ בפירוש נעגאַטיווע.

דער צענטראַלער יידישער קאָמיסאַריאַט איז אָפיציעל געגרינדעט געוואָרן דעם 20סטן יאַנואַר 1918. די יידישע געזעלשאַפטלעכקייט האָט אויף דעם תיכף געענטפערט — מיט אַ באָיקאָט, אַן ענלעכן צו דעם, וואָס די רוסישע קעגנער פון דער ראַטנמאַכט און דער רוב מנין פון דעם רוסישן באַאַמטנטום האָבן דערקלערט דעם סאָוועטישן מלוכה־אַפּאַראַט אין אַלע זיינע געשטאַלטונגען. מען האָט זיך אָפּגעזאָגט מיטצואַרבעטן מיטן יידישן קאָמיסאַריאַט, מען האָט געמאַכט אַ דרוק אויף דער אומפּאַרטייאישער אינטעליגענץ, זי זאָל אָפּוואַרפן יעטוועדן אָנבאָט פון וועלכן ניט איז פּאָסטן. סיי ווי האָט די מאַכט פון די באָלשעוויקעס געזאָלט אַנהאַלטן בלויז געציילטע וואָכן, העכסטנס געציילטע חדשים. בראש פון דעם באָיקאָט איז געשטאַנען דער „בונד", מיט אָפיציעלע באַשלוסן הן אויף דער בונדישער קאָנפערענץ אין מינסק, אין מאַי 1918, הן אויף דער צענטראַלער באַראַטונג פון „בונד" אין מאָסקווע, בערך אין דער זעלבער צייט.

פולשטענדיק איזאָלירט אין דער הויפּטשטאָט, ווו די יידישע באַפעלקערונג, דאַן אַ ווייניק צאָלרייכע, האָט געשווייבלט מיט כלערליי פּאַרטיי־פירער, פּאַרטיי־שטאַבן און פּראָפעסיאָנעלער אינטעליגענץ, האָט דער צענטראַלער יידישער קאָמיסאַריאַט געזוכט אַן אָנשפּאַר אין די געדיכטע יידישן מאַסן־ישובים פון דער פּראָווינץ. מיט דער הילף פון עטלעכע „בונדיסטן־קאָמוניסטן" — די ערשטע איבערגעגאַנגענע פון „בונד" — איז געלונגען צו גרינדן העכער אַ צענדליק לאָקאַלע אָפּטיילונגען. עס זיינען געמאַכט געוואָרן גרויסע אָנשטרענגונגען אויפן פּאָליטישן געביט — קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם, סיי אין אַלגעמייןמלוכהשן פּאַרנעם, דורך די צענטראַלע פּאַרטיי־אינסטאַנצן און דער רעגירונג, סיי דירעקט אויף די ערטער. עס זיינען אויך געמאַכט געוואָרן גרויסע אָנשטרענגונגען בכדי צו העלפן די מלחמה־פּליטים. קיין שום אויפטו האָט אָבער ניט געבראַכט די מינדעסטע אָנערקענונג.

דעם 30סטן יוני 1918 איז אין מאָסקווע פּאָרגעקומען אַ צוזאַמענפאָר פון קהילה־דעלעגאַטן פון גרויס־רוסלאַנד. דער צוזאַמענפאָר האָט אויסגעאַרבעט אַ סטאַטוט פאַר די קהילות און אויסגעוויילט אַ צענטראַלע אָנפירנדיקע קערפּערשאַפט פון 40 מיטגלידער: 16 ציוניסטן,

6 בונדיסטן, 5 אָרטאָדאָקסן, 4 אומפּאַרטייאישע, 3 פּאַראייניקטע, 3 פּועלי־ציון, 2 פֿאָלקיסטן און 1 פֿון אַן א״ג נאַציאָנאַלער גרופּע. די דאָזיקע חלוקה האָט אָפּגעשפּיגלט מער־ווייניק ריכטיק די פּאַרטיי־איינפֿלוסן אין דער ייִדישער געזעלשאַפֿטלעכקייט, אַזוי ווי זיי זײַנען געקומען צום אויס־דרוק אין פֿאַרשיידענע קהילה־וואַלן. אין בירגערלעכן לאַגער האָבן דאָמינירט די ציוניסטן, מיט בערך פֿערציק פּראָצענט פֿון דער אַלגע־מיינער צאָל ווײַלער און צווישן דער אַרבעטערשאַפֿט האָט דאָמינירט דער „בונד״, מיט בערך צוואַנציק פּראָצענט פֿון אַלע ווײַלער.

קיין באָלשעוויקעס זײַנען אין אָט דער „אָנפֿירנדיקער קערפּער־שאַפֿט״ נישט געווען און האָבן ניט געקאָנט זײַן — זיי האָבן צו די קהילות ניט געהאַט קיין שום שייכות. די לאַגע איז אָבער פּאַרט גע־ווען אַן אויסטערלישע: נישט בלויז איז דער ייִדישער קאָמיסאַריאַט — אַ מלוכה־אָרגאַן און אָרגאַן פֿון דיקטאַטור פֿון פּראָלעטאַריאַט אויף דער ייִדישער גאַס — געשטעלט געוואָרן מחוץ למחנה פֿון דער ייִדישער גע־זעלשאַפֿטלעכקייט, נאָר די ייִדישע גאַס האָט, אַכט חדשים נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, זיך געקהלט, ווי ס׳וואָלט קיינמאָל גאָרניט גע־שען און דער שלימזלדיקער דיקטאַטאָר, אַ געוואָרענער לא יבא בקהל, האָט געמוזט נעבעך זיך צוקוקן פֿון דער ווײַטן, ווי מען מאַכט פּשוט חוזק פֿון זײַן גאַנצער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטאָרישקייט. אַזאַ מצב האָט נאַטירלעך לאַנג ניט געקאָנט אָנהאַלטן. די פֿריער דערמאָנטע קאָנ־פֿערענץ פֿון 20סטן אָקטאָבער 1918 האָט געדאַרפֿט מאַכן אָרדענונג אויף דער ייִדישער גאַס. אויך דאָ, ווי אין גאַנצן לאַנד, הגם מיט אַ פֿאַר־שפּעטיקונג פֿון אַ פֿולן יאָר, האָט די גאַנצע מאַכט געדאַרפֿט געהערן — די סאָוועטן, דעם פּראָלעטאַריאַט.

ווי אַ פֿאָרזיצער פֿון דער קאָנפֿערענץ איז אויסגעקליבן געוואָרן, איינשטימיק, שמעון דימאַנשטיין. אויך די לערער און קולטור־טוער האָבן געשטימט פֿאַר אים. נאָך דער דערעפֿענונג־רעדע זײַנען געקומען באַגריסונגען: צו דער קאָנפֿערענץ — אין נאָמען פֿון די מאָסקווער אַרבעטער און פּעטראָגראַדער אַרבעטער — און פֿון דער קאָנפֿערענץ — קודם אַ באַגריסונג־טעלעגראַמע צו די חברים לענין און טראָצקי. (קיינעם איז אַפֿילו אויפֿן געדאַנק ניט געקומען צו באַגריסן דעם די־רעקט פֿאַראַנטוואָרטלעכן פֿאַרן געביט פֿון נאַציאָנאַלע קאָמיסאַריאַטן, און דאָס הייסט, פֿאַר דער קאָנפֿערענץ גופֿא, דעם „פֿאָלקאָמנאַץ״, פֿאָלקס־קאָמיסאַר פֿאַר נאַציאָנאַלע ענינים, יאָסיף וויסאַריאָנאָוויטש

סטאַלין); אויך אַ באַגריסונג־טעלעגראַמע צום חבר קאַרל ליבקנעכט, פירער פון דייטשישן „ספּאַרטאַקוס־בונד". די חברים לענין, טראָצקי און ליבקנעכט זיינען דערקלערט געוואָרן פאַר ערן־מיטגלידער פון פּרעזידיום.

אויף דער קאָנפערענץ, צווישן די איינגעלאַדענע לערער און קול־טור־טוער, האָבן כידוע זיך געפונען אַ גרויסע צאָל „פאַרברענטע שונ־אים פון יידישן קאָמיסאַריאַט און סתם קליינבירגערלעכע נאַציאָנאַ־ליסטן". די אַרבעטן זיינען דעריבער געפירט געוואָרן ס׳רוב אין די קאָמיסיעס און בעיקר אין דער „קאָמפראַקציע", ס׳הייסט אין געשלאָ־סענע זיצונגען מיטן אָנטייל פון בלויז מיטגלידער און סימפּאַטיקער פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. דאָרט זיינען באַהאַנדלט און באַשלאָסן געוואָרן די וויכטיקסטע פראַגן, וואָס זיינען פאַר דער קאָנפערענץ גע־שטאַנען און נעמלעך: די אופנים פון „אַריינפירן די דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט אויף דער יידישער גאַס". עס איז ערשטנס נויטיק גע־ווען אויסצושמידן דעם געהעריקן אינסטרומענט פון אָט דער דיקטאַטור, דעפינירן זיין כאַראַקטער און קאָמפּעטענץ און, צווייטנס, אָנצייכענען פאַר אים די ערשטע קאָנקרעטע אויפגאַבן.

דער אינסטרומענט פון פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור איז, אין גאַנצן לאַנד, געווען — די קאָמוניסטישע פּאַרטיי און, נאַטירלעך, האָט ניט געקאָנט זיין קיין רייד וועגן וועלכן ניט איז אַנדערן אינסטרומענט פאַר דער יידישער גאַס. די פראַגע איז געשטאַנען בלויז וועגן דער אינסטי־טוציאָנעלער פאָרם פון דער א"ג „יידישער אַרבעט" פון דער קאָמ־פּאַרטיי, אַן אַרבעט, וועלכע איז אָבער פּאַקטיש ערשט נאָר־וואָס געהאַט אָנגעהויבן געוואָרן, מיטן אַריבערקומען פון די ערשטע, געציילטע טוער פון די אַלטע יידישע אַרבעטער־פּאַרטייען. עס איז לחלוטין ניט געווען קלאָר, וועלכע פאָרמען די דאָזיקע אַרבעט וועט אָננעמען, אין וועלכע אָרגאַניזאַציאָנעלע ראַמען זי וועט ווערן איינגערעמט. די ניי־אַריבער־געקומענע טוער האָבן זיך אַרומגעטראָגן מיטן געדאַנק וועגן שאַפן אַ יידישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי, אָנשטאָט די אַלטע יידישע סאָציאַ־ליסטישע פּאַרטייען.

איינער פון די גרינדער פון צענטראַלן יידישן קאָמיסאַריאַט (זיי זיינען געווען פיר) שמואל אַגורסקי, קאָמיסאַר פאַר יידישע ענינים אין וויטעבסק און שפּעטערדיקער היסטאָריקער פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, האָט גלייך נאָך דער מאָסקווער קאָנפערענץ, אין אַ ספּע־

ציעלער בראָשור, וואָס איז דערשינען אין וויטעבסק אין 1918, גע־שריבן — נאָך מיטן אַלטן אויסלייג — „די ערשטע קאָנפערענץ פון יידישע קאָמוניסטן איז פאָרגעקומען פונקט אין דער צייט, ווען די שפּאַלטונג („בונד", „פאַראייניקטע", „פ. צ.") האָט זיך אָנגעהויבן און ביי דער קאָנפערענץ האָט זיך קריסטאַליזירט נייע שטרעמונגען פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג... אויף דער קאָנפערענץ זיינען אויסגעאַרבעט געוואָרן פּלענער וועגן שאַפן אַ „יידישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי. *

אַזעלכע פּלענער זיינען זיכער געווען ביי ניט איינעם און, מער נאָך, זיי זיינען פאַרווירקלעכט געוואָרן קוים עטלעכע חדשים שפּעטער אין ווייסרוסלאַנד, וווּ עס איז, אין פעברואַר 1919, באמת געשאַפן געוואָרן מיטן הסכם פון דעם צענטראַל־קאָמיטעט פון דער ווייסרוסישער קאָ־מוניסטישער פּאַרטיי, אַ „יידישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי". די דאָזיקע „יידישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי" האָט דעם 28סטן פעברואַר 1919 אָפּ־געהאַלטן אין מינסק איר ערשטע — און לעצטע — עפנטלעכע פּאַר־טיי־קאָנפערענץ. זי האָט ניט געהאַט קיין אריכות ימים און שנעל געמוזט משנה שם זיין: די „יידישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי" איז גע־וואָרן דער „יידישער קאָמוניסטישער פאַרבאַנד פון ווייסרוסלאַנד און ליטע" און אגב באַלד זיך אַריינגעגאָסן אין די רייען פון דער קאָמו־ניסטישער לאַנד־פּאַרטיי.

אויף דער מאָסקווער קאָנפערענץ אָבער איז דער געדאַנק וועגן אַ באַזונדערער יידישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי — וואָס האָט זיכער געשטאַמט פון די „ניי־קאָמוניסטן" — עפנטלעך אפילו ניט אַרויסגע־בראַכט געוואָרן. די פאָרויסגעזעענע אָרגאַניזאַציאָנעלע פאָרם פון דער „יידאַרבעט" איז געווען — די „יידישע קאָמוניסטישע סעקציע". אין אַ באַזונדערן רעפעראַט האָט שמעון דימאַנשטיין אָנגעצייכנט די גרונט־ליניעס פון אָט דער נייער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע אויף פאָלגנדיקן אופן:

„די פראַגע פון די יידישע קאָמוניסטישע סעקציעס איז אַזאַ:

„די אַלגעמיינע רוסישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי קען ניט אָנפירן די אַרבעט אויף באַזונדערע שפּראַכן. עס מוז געגרינדעט ווערן יידישע קאָ־

* ש. אַגורסקי „די באַדייטונג פון דער ערשטער יידישער קאָמו־ניסטישער קאָנפערענץ". פאַרלאַג: וויטעבסקער קאָמיסאַריאַט פאַר יידי־שע ענינים, 1918.

מוניסטישע סעקציעס. די סעקציעס האָבן צווייערליי אויפגאַבן. פון איין זייט, ריין טעכנישע: צו פירן די אַגיטאַציע צווישן די יידישע אַרבעטער. פון דער אַנדער זייט, דאַרפן מיר דורכפירן די דיקטאַטור פון פּראָלע־טאַריאַט אויף דער יידישער גאַס.

„די נייע יידישע סעקציעס וועלן באַשטיין פון נייע חברים, וועלכע טרעטן איצט אַריין אין דער פּאַרטיי. די אַלטע באָלשעוויקעס וועלן אָן ספק בלייבן אין די רייען פון דער אַלגעמיינער פּאַרטיי. דאַרפן מיר זען, אַז די סעקציעס זאָלן בלייבן ריין פון וועלכע ניט איז בירגערלעכע נאַ־ציאָנאַליסטישע ריכטונגען.

„אונדזער הויפּט־אויפגאַבע איז — דורכפירן אין דער פּראַקטיק אַלץ, וואָס עס שטעלט פאַר זיך די קאָמוניסטישע פּאַרטיי. מיר זיינען ניט אַ ספּעציעלע פּאַרטיי פאַר זיך, נאָר אַ טייל פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, וועלכע באַשטייט פון יידישע אַרבעטער.

„זייענדיק אינטערנאַציאָנאַליסטן, שטעלן מיר ניט פאַר זיך קיינע ספּעציעלע נאַציאָנאַלע אויפגאַבן, נאָר ריין קלאַסן־פּראָלעטאַרישע אויפ־גאַבן. אויף וויפל מיר ריידן אויף אַ באַזונדער שפּראַך, זיינען מיר מחויב, אַז די יידישע מאַסן זאָלן קאָנען אויף זייער אייגענער שפּראַך באַפרידיקן די גאַנצע גייסטיקע באַדערפענישן זייערע. מיר זיינען אָבער אויך ניט קיין פאַנאַטיקער פון דער יידישער שפּראַך. זי ווערט פאַר אונדז ניט קיין „יידיש־קודש", ווי פאַר יידישע נאַציאָנאַליסטן. ניין, די שפּראַך איז אַן און פאַר זיך פאַר אונדז ניט וויכטיק.

„אונדזער אויפגאַבע איז דערנענטערן די אַרבעט פון אלערליי פעל־קער און פאַרבינדן זיי אין איין אינטערנאַציאָנאַלער משפּחה.

„אונדזערע יידישע קאָמוניסטישע סעקציעס דאַרפן אין אָרגאַניזאַ־ציאָנעלן זין געפינען זיך אינעווייניק אין דער אָרגאַניזאַציע פון יעדער שטאָט און האָבן איין קאָמיטעט, ווי אַלע איבעריקע מיטגלידער פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי".*

פאַר אַט דעם ניי־באַשאַפענעם אינסטרומענט פון דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט — גלייכצייטיק טעכניש־שפּראַכלעכער פּראָפּאַגאַנדע־אַפּאַראַט און פּאָליטישער פּוסק אחרון אין דער יידישער סביבה, פעסט איינגעשלאָסן אין דער אַלגעמיינער פּאַרטיי־רעם, אַן „ספּעציעלע נאַ־

* „די יידישע קאָמיסאַריאַטן..." ז. 21 און 22.

ציאָנאַלע אויפגאַבן" און מיט אַ ריין פּראַגמאַטישן, נייטראַליסטישן, ריכטיקער ניהיליסטישן, צוגאַנג צו יידיש; פאַר אַט די יידישע קאָמו־ניסטישע סעקציעס (וועלכע האָבן נאָך ערשט געדאַרפט געבוירן ווערן) און פאַר די שוין עקזיסטירנדיקע יידישע קאָמיסאַריאַטן, האָט די קאָנ־פערענץ אָנגעצייכנט אַ ריי אויפגאַבן — רעוואָלוציאָנערע און ווייט־גייענדיקע: איבערנעמען תיכף די מאַכט, אין נאָמען פון יידישן אַרבע־טער־קלאַס, און פּראָקלאַמירן אויף דער יידישער גאַס די דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט. אין דעם זין איז אָקטאָבער 1918 געווען פאַרן רוסלענדישן יידנטום אַ מין יידישער וואַריאַנט פונעם אַלרוסישן אָק־טאָבער 1917.

די אַלטע טראַדיציאָנעלע סטרוקטור פון דער יידישער געזעלשאַפט־לעכקייט האָט געדאַרפט ווערן גענצלעך צעבראָכן. „די כלערליי אָנ־שטאַלטן, וועלכע האָבן ביז אַהער געבאַלעבאַטעוועט אויף דער יידישער גאַס", זיינען דורך דער קאָנפערענץ דערקלערט געוואָרן ווי „שעדלעכע פאַר די בלוטיקע אינטערעסן פון די ברייטע יידישע מאַסן". די קהילות זיינען געוואָרן ליקווידירט (לויט דער אָפיציעלער טערמינאָלאָגיע: „רע־אָרגאַניזירט אויף דעם יסוד פון דיקטאַטור פון די אַרבעטער און אָרע־מע שיכטן פון דער באַפעלקערונג") און זייער פאַרמעגן קאָנפיסקירט. די שולן, ביבליאָטעקן און אַנדערע קולטור־אַנשטאַלטן זיינען איבער־גענומען געוואָרן דורכן יידישן קאָמיסאַריאַט. די פאַרשיידענע הילף־קאָמיטעטן פאַר מלחמה־פּליטים זיינען אַרונטערגעפאַלן אונטערן קאָנ־טראָל פון קאָמיסאַריאַט. אַלע יידישע געזעלשאַפטלעכע אַנשטאַלטן האָבן זיך געמוזט פאַררעגיסטרירן אין יידישן קאָמיסאַריאַט און זייער גאַנ־צע טעטיקייט, איינגעשלאָסן אויך די פינאַנס־טעטיקייט, האָט גע־דאַרפט קאָנטראָלירט ווערן הן אין צענטער, הן אין די פּראָווינץ־אָפּ־טיילן. אין די אָפיציעלע אינסטרוקציעס פון צענטראַלן יידישן קאָמי־סאַריאַט צו זיינע עמיסאַרן אויף דער פּראָווינץ און צו די קאָמיסאַרן פון די פּראָווינץ־אָפּטיילן איז געווען אַ בפירושער פּונקט וועגן „צו־גרייטן דאָס צוזאַמענרופן פון אַן אַלרוסישן צוזאַמענפאָר פון די יידישע סאָוועטן", נאַטירלעך ווי אַ קעגנגעוויכט צום פריער געפּלאַנטן אַלרוס־לענדישן יידישן צוזאַמענפאָר. (אגב, ניט דער ערשטער און ניט דער צווייטער זיינען קיינמאָל ניט צושטאַנד געקומען).

מיט ברוטזנדיקן רעוואָלוציאָנערן ענטוזיאַזם און פולשטענדיקער איינשטימיקייט האָט די קאָנפערענץ, ס'הייסט די פאָרשטייער פון די

יידישע קאָמיסאַריאַטן און די יידישע סעקציעס, אָפּגעשטימט אַלע פאָר־שלאָגן, וואָס עס האָט, אין נאָמען פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי גע־בראַכט שמעון דימאַנשטיין, אַלע — אויסער איינעם, וואָס האָט אַרויס גערופן שטוינונג, צעמישונג און שאַרפע וויכוחים. דאָס איז געווען אַ פאָרשלאַג, ריכטיקער אַ געדאַנק, וועגן יידישער ערד־באַזעצונג. די־מאַנשטיין האָט, נעמלעך, זיך אויסגעדריקט, אַז „די יידישע קאָמוניסטן דאַרפן מאַכן פאַר איינער פון די וויכטיקסטע אויפגאַבן די פראַגע צו באַזעצן יידן אויף ערד", אַ זאַך, וואָס האָט אויסגעזען משונהדיק אומ־פאַרשטענדלעך.

ער האָט געזאָגט נאָך מער און נאָך פּרטימדיקער:

„די אָקטאָבער־רעוואָלוציע האָט געעפנט מעגלעכקייטן פאַר די יידישע אַרבעטער אויפן אַגריקולטור־געביט. אונטער דער צאַרישער רעגירונג זיינען די יידישע פאָלקס־מאַסן געווען צוזאַמענגעשפאַרט אין דעם געטאָ. מען האָט זיי ניט געלאָזן זיין ערד־אַרבעטער און דאָס האָט זיי געצוווּנגען צו ווערן הענדלער. דאָס האָט ביי אונדז געשאַפן אַ קלאַס מענטשן, וואָס האָבן אַ בורזשואַזע פּסיכאָלאָגיע מיט אַ פּראָלעטאַרישער קעשענע.

„אַדאַנק די עקאָנאָמישע ענדערונגען, וואָס קומען איצט פאָר אין אונדזער לעבן, פאַרלירן איצט די דאָזיקע הענדלער זייער עקזיסטענץ, פיל פון זיי זיינען איצט געבליבן הענגען אין דער לופטן און ביי זיי ווערט דורך דעם אַנטוויקלט אַן אַנטיראַטן־געפיל. מיר מוזן זיך מיט דעם פאַקט רעכענען.

„מיר מוזן אָננעמען מיטלען, אַז די מענטשן זאָלן ווערן נוציקע מענטשן, וואָס זאָלן קאָנען דינען אונדזער סאָציאַליסטישער ראַטן־רע־פּובליק. מיר מוזן עפענען יידישע קאָמונעס און באַשאַפן יידישע ערד־אַרבעטער. מיר מוזן מאַכן אַ פּאַלעסטינע אין מאָסקווע. מיר מוזן אויס־ראָטן די בורזשואַזע פּסיכאָלאָגיע פון די מענטשן מיט פּראָלעטאַרישע קעשענעס".*

די קאָנפערענץ־דעלעגאַטן זיינען פון אָט די ווערטער געוואָרן מבולבל. עפּעס האָט דאָ בפירוש ניט געשטימט, לחלוטין ניט געשטימט. דער וואָרטזאָגער פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, דער אַלטער באַל־שעוויק שמעון דימאַנשטיין, האָט צוערשט געהאַט פאַרזיכערט, אַז די

---

* „די יידישע קאָמיסאַריאַטן..." ז. 36.

יידישע קאָמוניסטן אין די יידישע קאָמוניסטישע סעקציעס, „זייענדיק אינטערנאַציאָנאַליסטן, שטעלן ניט פאַר זיך קיינע ספּעציעלע נאַציאָנאַלע אויפגאַבן, נאָר ריין קלאַסן־פּראָלעטאַרישע אויפגאַבן". דאָס איז געווען פּשוט און קלאָר. אָבער באַזעצן אויף ערד יידישע הענדלער, וואָס „זיינען געבליבן הענגען אין דער לופטן" האָט, ביים בעסטן ווילן, קוים געקאָנט באַטראַכט ווערן ווי אַ „ריין קלאַסן־פּראָלעטאַרישע אויפגאַבע". דאָס האָט קאַפּויער, געשמעקט מיט עפּעס אַזוינס, וואָס האָט געהאַט דעם ביז גאָר אומאָנגענעמען גערוך פון שיער־ניט „נאַציאָנאַלע אויפגאַבן". סוף כל סוף איז די דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט ניט באַשאַפן געוואָרן בכדי צו דאגהן פאַרן קלאַסן־שונא, אים קעכלען און פאַרזאָרגן מיט פּרנסה, נאָר בכדי אים צו באַזיגן און עווענטועל — פאַרניכטן. אַמ־שאַרפסטן זיינען אַרויסגעטראָטן די אַנוועזנדיקע אויף דער קאָנפערענץ „לינקע בונדיסטן". זיי האָבן געוואָרנט מיט טיפן ערנסט: „אויב די יידישע קאָמיסאַריאַטן וועלן זיך פאַרנעמען מיט העלפן די יידישע פאַר־אָרעמטע קליינבירגער, וועלן זיי אַריינפאַלן אין נעץ פון פאַרגיפטעטן נאַציאָנאַליזם און קליינבירגעריי".*

די שאַרפסטע וויכוחים האָט אָבער אַרויסגערופן דער געדאַנק וועגן „שאַפן יידישע קאָמונעס" און „מאַכן אַ פּאַלעסטינע אין מאָסקווע". אויב מען האָט נאָך, ווי עס איז, געקאָנט פאַרשטיין דעם פאַרלאַנג, צי דעם טרוים, „אויסצוראָטן די בורזשואַזע פּסיכאָלאָגיע ביי מענטשן מיט פּראָלעטאַרישע קעשענעס", איז אָבער געווען אַבסאָלוט אומפאַרשטענד־לעך און בפירוש אומדערלאָזבאַר דאָס צונויפמישן אַזעלכע הימל־און־ערד־קעגנזעצלעכע באַגריפן ווי „מאָסקווע", פון איין זייט און „פּאַ־לעסטינע", פון דער צווייטער. דער צענטראַלער יידישער קאָמיסאַר, געהילף פונעם פאָלקס־קאָמיסאַר פאַר נאַציאָנאַלע ענינים, יאָסיף ווי־סאַריאָנאָוויטש סטאַלין, דער אַלטער באָלשעוויק שמעון דימאַנשטיין איז אָפן באַשולדיקן געוואָרן אין... ציוניזם.

קיין אָפיציעלע באַשלוסן וועגן דער גאַנצער פראַגע זיינען ניט אָנגענומען געוואָרן. ס'איז נאָך אגב געווען פּריצייטיק עפּעס וואָס וועגן דעם צו באַשליסן. די גרויסע יידישע מאַסן־ישובים פון אוקראַינע און ווייסרוסלאַנד זיינען געווען אָפּגעשניטן דורך דער דייטשישער אָקופּאַ־ציע און אין גרויסרוסלאַנד האָט זיך צעפלאַקערט דער בירגער־קריג.

---

* דאָרטן, ז. 21.

דער געדאַנק אָבער וועגן ייִדישער ערד־באַזעצונג, וואָס איז אַרויס־געבראַכט געוואָרן דורך אַן אָנפירנדיקן ייִדישן קאָמוניסט, צום ערשטן מאָל אין ראַטנפאַרבאַנד — און אפילו דער ערשטער ווידעראַנאַנד אַרום דעם פּראָבלעם — איז געווען עצמדיק כאַראַקטעריסטיש פאַר דער גאַנ־צער שפּעטערדיקער אַנטוויקלונג פון דער סאָוועטיש־ייִדישער געזעל־שאַפטלעכקייט. אוודאי איז שווער צו פאַררעכענען דימאַנשטיינס פאַר־מול וועגן „מאַכן אַ פּאַלעסטינע אין מאָסקווע" צו די מוסטערן פון פּאָ־ליטישער עלאָקווענץ (אגב, זי האָט זיך ממש געבעטן אויף אַן אַנטי־סעמיטן פּשט, אַז בכן — די ייִדן שטרעבן צו פאַרכאַפּן מאָסקווע). די פאָרמול גופא אָבער — צי מען זאָל זי באַטראַכטן ווי פּשוט אומגעראָ־טענע מליצה, צי ווי אַ לאַפּסוס, מיט פּרווידיאַנישע אויסקלאַנגען — האָט אַרויסגעבראַכט קורץ און בינדיק די גרונט־הנחות און אויך די גרונט־סתירות פון דער אַזוי גערופענער סאָוועטישער „ייִדאַרבעט" במשך פון צוויי יאָרצענדליקער.

„מאַכן אַ פּאַלעסטינע אין מאָסקווע" האָט באַטייט, נאַטירלעך, ניט בלויז זיך באַגנוגענען מיט „ייִדישע קאָמונעס" און ייִדישע ערד־אַרבע־טער, נאָר — געפינען אַ פולשטענדיקע און אַלזייטיקע לייזונג פאַר דער ייִדן־פראַגע, אין אַלע אירע אויסמעסטן און אויף אַלע געביטן: פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעך, יורידיש, עקאָנאָמיש און נאַציאָנאַל. אַ לייזונג, וואָס זאָל דערפילן אַלע פּאָלקישע טרוימען און באַגערן, וועלכע האָבן געפונען זייער אויסדרוק אין ציוניזם — און מער נאָך — אָבער אויף אַ העכערן היסטאָרישן שטאַפּל, מיט העכערער היסטאָרישער קוואַלי־טעט, אין סאָציאַליזם, אין קאָמוניזם, אין פעלקער־ברודערשאַפט, מיט איין וואָרט: פּאַלעסטינע פּלוס מאָסקווע, ס'הייסט אַ מין גן־עדן התחתון פאַר ייִדן, וואָס צוליב אים זאָלן אפילו די ציוניסטן פאַרגעסן וועגן ארץ־ישראל.

„מאַכן אַ פּאַלעסטינע אין מאָסקווע" האָט באַטייט, אַזוי אַרום — פאַרטראַכטן די טעטיקייט פון די ייִדסעקציעס, אויב ניט אויסשליס־לעך, איז לכל הדעות אין געוויסע געביטן, ווי אַן אַלטערנאַטיוו צום ציוניזם, וועלכער האָט געהאַט געשלאָגן טיפע וואָרצלען צווישן רוס־לענדישן ייִדנטום און, לויט די געגעבענע פון פאַרשיידענע וואַלן פון די יאָרן 1918/1917, משפּיע געווען אויף מער ווי אַ העלפט פון דער ייִדי־שער באַפעלקערונג פון דער געוועזענער צאַרישער אימפּעריע; אַן אַל־טערנאַטיוו צום ציוניזם ניט בלויז פאַר די ייִדן פון ראַטנפאַרבאַנד

אַליין, נאָר אויך, און מער נאָך אפשר, פאַר די אויסלענדישע יידישע פאָלקס־מאַסן פון גאָר דער וועלט.

„מאַכן אַ פּאַלעסטינע אין מאָסקווע״ האָט אָבער באַטייט, בפירוש — אָפענע און שרייענדיקע סתירה צו די יסודות פון די יידסעקציעס און פון דער יידאַרבעט, וועלכע האָבן ניט באַדאַרפט זיך שטעלן קיין שום „ספּעציעל נאַציאָנאַלע אויפגאַבן״, נאָר בלויז „ריין קלאַסן־פּראָ־לעטאַרישע אויפגאַבן״. סתירה, אָבער גלייכצייטיק אויסדרוק פונעם פּאָליטישן פּראַגמאַטיזם פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און פון ראַטנ־מאַכט, פון אָט דעם באַרימטן דיאַלעקטישן גאַנג, וואָס האָט געפּסקנט ווייס אָדער שוואַרץ — און צומאָל ווייס און שוואַרץ צוזאַמען — וועגן דער זעלבער פאַרב, אָפּהענגיק פון צייט און פון דער אַרומיקער באַ־לייכטונג. ניט אומזיסט האָבן קעגן „מאַכן אַ פּאַלעסטינע אין מאָסקווע״ פּראָטעסטירט אַמשאַרפסטן און אַמהיציקסטן די „לינקע בונדיסטן״. זיי האָבן נאָך ערשט באַדאַרפט דורכגיין דעם חדר פון לעניניזם בכדי צו באַנעמען די גאַנצע קאָמפּלעקציטעט און קאָמפּליצירטקייט פון די קעגנזייטיקע באַציאונגען צווישן פּאָליטישער טעאָריע און פּאָליטי־שער רעאַליטעט.

און לסוף „מאַכן אַ פּאַלעסטינע אין מאָסקווע״ האָט באַטייט אויך — אוודאי ניט אויסדריקלעך, אוודאי ניט צילבאַוווּסט (ווער האָט גאָר געקאָנט זיך פאָרשטעלן אַזוינס אין אָקטאָבער 1918, וועלכע ווילד־צע־שויבערטע פאַנטאַזיע האָט זיך עס געקאָנט אויסמאָלן?!), אָבער פּאָ־טענציעל גענומען און ווי אַ היסטאָרישע עווענטואַליטעט, האָט עס באַ־טייט אויך — די מעגלעכקייט, אין ראַטנפאַרבאַנד, נישט בלויז פון אַ „פּאַלעסטינע של מליצה״, נאָר פון אַ רעאַלער סאָוועטישער „פּאַלעס־טינע״, ס׳הייסט פון עפעקטיווער סאָוועטישער יידישער מלוכהשקייט. עס וועט זיין יושרדיק פעסטצושטעלן, למען היסטאָרישן אמת, אַז דער ערשטער רמז אויף אַזאַ מין סאָוועטיש־יידישער מלוכהשקייט איז גע־מאַכט געוואָרן אויף דער קאָנפערענץ פון 20סטן אָקטאָבער 1918.

דער גאַנצער ענין איז נאָך אָבער דאַן געווען — צוקונפט־מוזיק. דער גורל גופא פון דער סאָוועטן־מאַכט האָט געהאַלטן אין איין וויגן זיך אויף די וואָגשאָלן פון געשיכטע. איבערן לאַנד איז אָנגעגאַנגען אַ בלוטיקער, אומברחמנותדיקער געראַנגל אויף לעבן און טויט. מען האָט געמוזט שמידן וואָס שנעלער, וואָס שטאַרקער, דאָס פּאָליטישע געווער פאַרן זיג — די דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט. פאַר די יידישע

קאָמוניסטן איז אָנגעצייכנט געוואָרן ווי „די ערשטע אויפגאַבע" — צו „פאַרניכטן דעם איינציקן כלל־ישראל־פראָנט".* אין דעם דאָזיקן פיינד־לעכן „פראָנט" האָט זיך אמת געפונען אויך דער יידישער אַרבעטער־קלאַס, ס'הייסט דער דיקטאַטאָר אַליין. קיין אַנדער ברירה איז אָבער נישט געווען. מען האָט געמוזט אויפנעמען די געשעענישן דיאַלעקטיש. דער אָנטייל פון יידישן אַרבעטער אין דער דיקטאַטור, וועלכע איז פראָ־קלאַמירט געוואָרן אין זיין נאָמען, האָט דערווייל געדאַרפט זיין — בלויז אַ טעאָרעטישער, זיין פּלאַץ — אַ רעזערווירטער, אין דער היס־טאָרישער היפּאָטעזע, אַז ער מוז קומען און וועט קומען.

ביז וואָס־ווען האָט עס אויף דער באַרימטער „יידישער גאַס" אויס־געזען בערך אַזוי: אַ דיקטאַטור — אַ שטאַרק אָנווע זנדיקע — פון אַ פּראָלעטאַריאַט — דערווייל אַן אָפּוועזנדיקן — קעגן גאַנצן כלל־ישראל.

* „די יידישע קאָמיסאַריאַטן", ז. 41.

קאַפּיטל צוויי

כלל־ישראל ווערט פּראָסאָוועטיש

די באַציאונג צו דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע מצד דעם רוב מנין פון דער הונדערט־פערציק מיליאָניקער באַפעלקערונג פון רוסלאַנד — דערפון קרוב אַכציק פּראָצענט פויערים — האָט זיך געהאַט קריס־טאַליזירט אַרום צוויי עיקר־פּראָבלעמען: דער פּראָבלעם וועגן שלום און דער פּראָבלעם וועגן ערד. פון דער לייזונג, וואָס די דאָזיקע פּראָ־בלעמען האָבן באַקומען, אָדער געזאָלט באַקומען, איז געווען אָפּהענגיק דער גורל גופא פון דער רעוואָלוציע.

ניט צופעליק איז, קוים עטלעכע שעה נאָך דער באָלשעוויסטישער איבערקערעניש, אין דער נאַכט פון 26סטן אָקטאָבער 1917, אָפּגע־שטימט געוואָרן דורכן צווייטן אַלרוסלענדישן צוזאַמענפאָר פון די סאָוועטן דער דעקרעט וועגן שלום און דער דעקרעט וועגן ערד.

דער דעקרעט וועגן שלום האָט זיך געוואָנדן צו אַלע קעמפנדיקע צדדים פון דער ערשטער וועלט־מלחמה מיט אַ פייערלעכן רוף תיכף ומיד אָפּצושטעלן די קריגס־אָפּעראַציעס און שליסן אַ וואָפנשטילשטאַנד פון מינימום דריי חדשים, בכדי אָנצוהויבן פאַרהאַנדלונגען וועגן אַ שלום־אָפּמאַך. דער דאָזיקער דעקרעט האָט, ווי באַקאַנט, — נאָך דעם קאַטעגאָרישן אָפּזאָג פון די אַנטאַנטע־מלוכות — דערפירט צום סעפּאַראַטן שלום פון ברעסט־ליטאָווסק, וואָס איז דיקטירט געוואָרן דורך די דייטשן און אונטערגעשריבן דורך די פאָרשטייער פון דער סאָוועטן־רעגירונג דעם 3טן מערץ 1918. דעם שלום פון ברעסט־לי־טאָווסק האָט לענין באַצייכנט ווי „אַ שענדלעכן אָפּמאַך“. דאָס האָט ער אַליין פונדעסטוועגן ממש אויפגעצוווּנגען, מען זאָל אים אונטער־שרייבן. פון דער טעריטאָריע פון דער געוועזענער צאַרישער אימפּע־ריע זיינען דאַן, דורך אָט דעם אָפּמאַך, אָפּגעריסן געוואָרן: פּוילן, די

באַלטישע לענדער, פינלאַנד, אוקראַינע, אַ טייל ווייסרוסלאַנד און אַ טייל גרוזיע.

דער דעקרעט וועגן ערד האָט אָפּגעשאַפט יעדן מין פּריוואַט־אייגנטום פון באָדן. אַלע ערד־שטחים, וואָס האָבן געהערט צו גוטבאַזיצער, צו דער מלוכה און צו דער קירך, זיינען געוואָרן קאָנפיסקירט, אָן קיין שום אַנטשעדיקונג, און איבערגעגעבן אין רשות פון די פּויערים־ראַטן. מער נאָך, די פּויערים זיינען גערופן געוואָרן אַליין צו נעמען ערד און צו אָרגאַניזירן זיך בכדי אַליין צו באַשטימען אויף וועלכע יסודות די ערד וועט דאַרפן ווערן באַאַרבעט.

ווי באַקאַנט, האָט דער דעקרעט וועגן ערד לחלוטין ניט געשטימט מיט דער פאַרמלחמהדיקער אַגראַר־פּראָגראַם פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי. ער האָט, דאַקעגן, זיך געשטיצט כמעט ווערטלעך אויף אַ פּראָיעקט, וואָס איז געהאַט אויסגעאַרבעט געוואָרן אין חודש אויגוסט 1917 דורך דעם אַלרוסישן פּויערים־צוזאַמענפאָר, אויף וועלכן עס האָבן דאָמינירט די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן (עסערן). מיטן צואייגענען פּראָסט־פּשוט דעם עסערישן פּראָגראַם, וואָס מען האָט אים צוערשט געהאַט שאַרף באַקעמפט, אָבער אין וועלכן לענין האָט שנעל איינגעזען „דעם אויסדרוק פון אַבסאָלוטן ווילן פון דער גרויסער מערהייט פונעם באַוווסטזיניקן פּויערטום פון גאַנץ רוסלאַנד” — האָט די באָלשעוויסטישע פּאַרטיי באַוויזן, שוין נישט צום ערשטן מאָל, די מערקווירדיקע פּראגמאַטישקייט פון איר טאַקטיק און איר טיפן חוש פאַר פּאָליטישער רעאַליטעט.*

וועגן דער גורלדיקייט פון די פּראָבלעמען שלום־און־ערד זאָגט עדות אויך דער פאַקט, וואָס די קאָנסטיטואַנטע (דער דעמאָקראַטיש אויסגעוויילטער פּאַרלאַמענט — גרינדונג־פאַרזאַמלונג, ווו די באָלשעוויקעס האָבן באַקומען קוים פינף־און־צוואַנציק פּראָצענט דעפּוטאַטן), וועלכע איז דערעפנט געוואָרן דעם 18טן יאַנואַר 1918, פיר אַזייגער נאָכמיטאָג, און פונאַנדערגעטריבן דעם 19טן יאַנואַר פיר אַזייגער פאַרטאָג — האָט במשך פון איר צוועלף־שעהדיקער עקזיסטענץ אָפּגעשטימט קודם כל צוויי געזעצן, ווידער וועגן שלום און וועגן ערד,

---

* די ציטאַט פון לענין געבראַכט פון Charles Bettelheim : « Les luttes de classes en U.R.S.S. », Paris, 1974, Seuil-Maspéro p. 183.

פאַרשטייט זיך, ניט אין זעלבן גייסט און פון זעלבן אינהאַלט, ווי דער צווייטער צוזאַמענפאַר פון די סאָוועטן.

פאַראַדאָקסאַל האָט די פּראָבלעמאַטיק פון ערד־און־שלום, און במילא די גרונט־איינשטעלונג צו דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, געפונען צווישן רוסלענדישן יידנטום אַ לחלוטין אַנדער אָפּקלאַנג, ווי צווישן דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג פון לאַנד. דער דעקרעט וועגן ערד, וואָס האָט געוווּנען פאַר דער ראַטנמאַכט די ריזיקע פּויערים־מאַסע פון געוועזענעם צאַרישן רוסלאַנד, איז בכלל געלעגן אויסער דעם אינטע־רעסן־קרייז פון דער יידישער באַפעלקערונג. מיטן אויסנאַם פונעם צענדליק טויזנט יידישע קאָלאָניסטן־משפחות פון אוקראַינע, וועלכע האָבן זיך באַהעפט צו לאַנדווירטשאַפט, האָט אין רוסלאַנד קיין יידיש פּויערטום, אין אייגנטלעכן זין פון וואָרט, נישט עקזיסטירט. דער פּראָ־בלעם וועגן ערד איז אַזוי אַרום, לכל הדעות סוף 1917 און אָנהויב 1918, בכלל קיין פּראָבלעם נישט געווען.

דער דעקרעט וועגן שלום האָט, קאַפּויער, אַנגערירט די יידישע באַפעלקערונג אַ סך מער, ווי די אַלגעמיינע באַפעלקערונג, אָבער אויף אַן אַנדערן אופן. במשך פון אַ פולן יאָרהונדערט, פון דעם ווינער קאָנ־גרעס פון 1815 אָן, איז כמעט דאָס גאַנצע מזרח־אייראָפּעישע יידנטום — אויסער די ישובים פון גאַליציע און רומעניע — געווען פּאַראייניקט אינערהאַלב פון איינע און די זעלבע מלוכה־גרענעצן — פון דער רוסלענ־דישער אימפּעריע. דער ברעסט־ליטאָווסקער „שענדלעכער אָפּמאַך" האָט דעם אייניהייטלעכן נאַציאָנאַלן אָרגאַניזם צעשניטן אויף שטיקער. דער־ביי זיינען אָפּגעריסן געוואָרן דווקא די וויכטיקסטע ישובים, נישט בלויז דאָס פּוילישע יידנטום, וואָס האָט במילא זיך געהאַט געפונען אונ־טער דער דייטשישער אָקופּאַציע און קיין שייכות ניט געהאַט צו די געשעענישן אין רוסלאַנד, נאָר אויך די מאַסן־ישובים פון געוועזענעם „תחום המושב". אַזוי אַרום איז דער ווייט גרעסטער טייל פונעם אייגנט־לעכן רוסישן יידנטום — פון אוקראַינע, ליטע און ווייסרוסלאַנד — געשטעלט געוואָרן אויסער די סאָוועטישע גרענעצן און האָט במילא מער ניט מיטגעלעבט מיט דער פּראָבלעמאַטיק פון רעוואָלוציאָנערן רוסלאַנד.

מען דאַרף צוגעבן, למען האמת, אַז אין אַט די ישובים האָט מען די צעשיידונג ווייט ניט אויפגענומען ווי אַ נאַציאָנאַלע קאַטאַסטראָפע. ספּעציעל אין אוקראַינע, וואָס האָט זיך געהאַט פּראָקלאַמירט פאַר

אַ זעלבשטענדיקע רעפּובליק און האָט געשלאָסן אַ באַזונדערן שלום מיט דייטשלאַנד, איז אָנגעגאַנגען אַן עקספּערימענט פון היסטאָרישן באַטייט, אויף וועלכן די יידישע געזעלשאַפטלעכקייט און גאָר באַזונדערס די יידישע אַרבעטער־פּאַרטייען, האָבן געלייגט אומגעהויער גרויסע האָפענונגען. די אוקראַינישע רעגירונג האָט אָנערקענט דעם פּרינציפּ פון נאַציאָנאַל־פּערסאָנאַלער אויטאָנאָמיע פאַר די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן — יידישער, פּוילישער, גרויסרוסישער א״א — און דער אוקראַינישער געזעצגעבערישער מלוכה־אָרגאַן, די א״ג „צענטראַלע ראַדע״, האָט דעם דאָזיקן פּרינציפּ סאַנקציאָנירט דורך אַ ספּעציעלן געזעץ. עס איז געגרינדעט געוואָרן אַ מיניסטעריום פאַר יידישע נאַציאָנאַלע ענינים. דער יידישער ישוב האָט געלעבט מיט אַן אויסערגעוועלעך אינטענסיוון געזעלשאַפטלעכן לעבן — פּאָליטיש, סאָציאַל און קולטורעל. די צענטראַלע „קולטור־ליגע״ אין קיעוו — אַן אמתער יידישיסטישער קולטור־מיניסטעריום — האָט אין גאַנץ אוקראַינע געעפנט צענדליקער דערציאונג־אַנשטאַלטן, — קינדער־היימען, פאָלקסשולן, גימנאַזיעס, לערער־קורסן — ביבליאָטעקן, כאָרן, פאַרלאַגן, טעאַטער־קרייזן וכדומה. אַן ענלעכע טעטיקייט, און מיטן זעלבן אייפער, האָבן געפירט אויף העברעאיש די „תרבות״־באַוועגונג און דער פאַרלאַג „מוריה״. אין נאָוועמבער 1918 איז אין קיעוו דערעפנט געוואָרן די יידישע נאַציאָנאַל־פאַרזאַמלונג פון אוקראַינע, אַן אויסגעוויילטע אויפן יסוד פון דעמאָקראַטישע, פּראָפּאָרציאָנעלע וואַלן.

עס איז דעריבער מער ווי פאַרשטענדלעך, אַז אין אַזעלכע באַדינגונגען האָט די יידישע געזעלשאַפטלעכקייט פון אוקראַינע — אָט דער „כלל־ישראל־פראָנט״, וועלכער האָט אַריינגענומען אויך די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג — נישט געקאָנט ענדערן איר באַציאונג, וואָס איז געווען אַ נעגאַטיווע, צו דער ראַטנמאַכט. און אויב שוין יאָ ענדערן — איז אויף נאָך מער נעגאַטיוו. דערביישפּיל פון אוקראַינע האָט באַווירקט אויך ווייסרוסלאַנד און אפילו צענטראַל־רוסלאַנד גופא.

אַזוי אַרום האָט זיך באַקומען, אַז נישט דער דעקרעט וועגן ערד און נישט דער דעקרעט וועגן שלום — וועלכע זיינען, ביי דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג פון לאַנד, געווען דעצידירנדיק פאַרן גורל פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע — האָט דעם רוסלענדישן יידנטום נישט משפיע געווען אין דער קלענסטער מאָס, וואָס שייך זיין צוגאַנג צו דער ראַטנמאַכט. אגב, דער „שענדלעכער אָפּמאַך״ פון ברעסט־ליטאָווסק איז פיי־

ערלעך אַנולירט געוואָרן דורך דער סאָוועטן־רעגירונג דעם 13טן נאָ־וועמבער 1918, צוויי טעג נאָך דער דייטשישער קאַפּיטולאַציע פאַר די אַנטאַנטע־מלוכות.

ווענן דער באַציאונג פון דעם „כלל־ישראל־פראַנט" צו דער סאָ־וועטנמאַכט האָט דעצידירט אַן אָפיציעלער מלוכה־אַקט פון אַן אַנדער מין — דער אויפרוף פונעם ראַט פון די פאָלקס־קאָמיסאַרן וועגן אַנטי־סעמיטיזם און פּאָגראָם־אַגיטאַציע און לענינס רעקאָרדירטע רעדע אויף דער זעלבער טעמע: ריכטיקער, ניט גופא און ניט בלויז דער אויפרוף און די רעדע, נאָר דער גאַנצער אופן, ווי אַזוי די סאָוועטי־שע רעגירונג האָט אויפגענומען אין וואָרט און טאַט, און געלייזט דעם פּראָבלעם פון אַנטיסעמיטיזם. דערביי דאַרף ווערן דערמאָנט און אונטערגעשטראָכן, אַז אין יענע טראַגישע און גרויזאַמע יאָרן, איז דער ענין אַנטיסעמיטיזם געווען אין פולן זין פון וואָרט אַ פראַגע פון לעבן און טויט פאַר צענדליקער און הונדערטער יידישע ישובים.

ווי באַקאַנט, האָט שוין די פעברואַר־רעוואָלוציע געבראַכט דעם רוסלענדישן יידנטום פולע בירגער־רעכט. דעם 22סטן מערץ 1917, אַ קנאַפּן חודש נאָך איר אַנטשטייאונג, האָט די צייטווייליקע רוסלענ־דישע רעגירונג פאַרעפנטלעכט אַ דעקרעט, וואָס האָט אָפּגעשאַפט די גאַנצע צאַרישע אויסנאַם־געזעצגעבונג און אַלע מינים נאַציאָנאַלע און רעליגיעזע באַגרענעצונגען. דער דאָזיקער דעקרעט איז, באַטיר־לעך, געווען פון אומגעהויערן, עפּאָכע־מאַכנדיקן באַטייט, אָבער די יידישע גלייכבאַרעכטיקונג האָט נאָך געדאַרפט, פון אַ ריין פאָרמע־לער, פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ פאַקטישער, אַריינגעפירט ווערן אין דער פּראַקטיק, אין געזעלשאַפטלעכן לעבן.

אגב, די פרייד פון באַפרייאונג, די פרייד פון ווערן גלייכבאַרעכ־טיקטע בירגער, איז שנעל געוואָרן פאַרשטערט. אין לאַנד האָט זיך געשפּרייט אַ גיפטיקע אַנטיסעמיטישע פּראָפּאַגאַנדע און מיט איר — די געפאַר פון פּאָגראָמען. דאָ און דאָרט זיינען אויסגעבראָכן, אַלץ מער און אָפטער, אומרוען, וואָס האָבן זיך געענדיקט מיט אָנפאַלן אויף יידן און מיט רויבן יידיש האָב־און־גוטס. אַ טאָג־טעגלעכע דערשיינונג זיינען געוואָרן די א"ג „שיכורע־פּאָגראָמען" אָדער „מי־ליטער־פּאָגראָמען" פון דעמאָראַליזירטע און הפקרדיקע סאָלדאַטן־מחנות, וועלכע האָבן פאַרלאָזן דעם פראָנט. עס איז ברייט — און אָפן — געפירט געוואָרן אַ שווארצמאהדיקע אַגיטאַציע, אין באַקאַנטן

נוסח פון די אַלטע גוטע צייטן, אַז די יידן זיינען שולדיק אין אַלע צרות, אין אל דעם בייז. די רעגירונג האָט ניט געוואָגט צו רעאַגירן.

רעאַגירט האָט יאָ דער ערשטער אַלרוסלענדישער צוזאַמענפאָר פון די אַרבעטער־און סאָלדאַטן־ראַטן, וואָס איז פאָרגעקומען אין פעטראָגראַד, אין יוני 1917. איינשטימיק איז אָנגענומען געוואָרן אַ רעזאָלוציע וועגן קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם, וועלכע ענדיקט זיך אַזוי: „דער אַלרוסלענדישער צוזאַמענפאָר פון ארבעטער־און סאָלדאַטן־ראַטן רופט אַלע אָרטיקע ראַטן אַכטונג צו געבן אויף דער טעטיקייט פון די אַנטיסעמיטישע גרופּעס און אַגיטאַטאָרן, צו פירן אַן אומאויפהערלעכע אַגיטאַציע־און אויפקלערונג־אַרבעט צווישן די סאַמע ברייטע פאָלקס־מאַסן מיטן ציל צו קעמפן קעגן דער אַנטי־יידישער העצע. ער באַפולמעכטיקט אויך דעם צענטראַלן קאָמיטעט אַרויסצוגעבן פּאַסיקע ליטעראַטור וועגן דער יידן־פראַגע. שיקנדיק זיין ברידערלעכן גרוס דעם יידישן אַרבעטער־קלאַס, וועלכער קעמפט אין די אַלגעמיינע רעוואָלוציאָנערע רייען, רופט אים דער צוזאַמענפאָר איינצופלאַנצן אין די יידישע פאָלקס־מאַסן די פעסטע זיכערקייט, אַז די אָרגאַניזירטע רעוואָלוציאָנערע דעמאָקראַטיע פון לאַנד וועט שטיין פאַר זיי שטאָל און אייזן און וועט זיי פאַרטיידיקן קעגן יעדן פּרווו אָנצווענדן גוואַלד קעגן יידן“.*

און באמת, אין אַ ריי אָרטשאַפטן האָבן די לאָקאַלע אַרבעטער־ראַטן באַשיצט די יידישע באַפעלקערונג און נישט דערלאָזט צו קיין פּאָגראָמען. ס׳רוב אָבער זיינען זיי געווען פשוט מאַכטלאָז קעגן אויפגערייצטן און שיכורן המון.

אין אויגוסט 1917 איז דורך דער צייטווייליקער רעגירונג צונויפגערופן געוואָרן אין מאָסקווע אַ מלוכה־באַראַטונג, אין וועלכער עס האָבן זיך באַטייליקט קרוב צוויי טויזנט פאָרשטייער פון דער רוסלענדישער געזעלשאַפטלעכקייט און צווישן זיי אַ פאָרשטייערשאַפט אויך פון די יידישע געזעלשאַפטלעכע קרייזן. דער פאָרטרעטער פון „בונד“ האָט געלייענט אַ דעקלאַראַציע אין נאָמען פון אַלע יידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען. נאָכן דערמאָנען, אַז אויף די יידישע פאָלקס־מאַסן „האָבן זיך געשאָטן די גרויזאַמסטע, די שרעקלעכסטע קלעפּ פון צאַריזם און פון דער רעאַקציע, וועמענס שטאַרקסטע געצייג איז שטענדיק געווען העצן אייִן

* „די געשיכטע פון „בונד“, דריטער באַנד, ז. 106.

פאָלק אויפן צווייטן און פריידיקן שנאה צו יידן״, האָט ער אָנגעוויזן אַז עס הויבן אָן „אַרומקריכן פינצטערע שאָטנס פון דער פאַרגאַנגענ־הייט״ און אַז איבערן לאַנד „ווערט געפירט אַן אַנטיסעמיטישע און פאָגראָם־אַגיטאַציע״.*

אין דער צייטווייליקער רעגירונג האָבן דאַן, שוין נאָכן אַרויס־טריט פון די קאַדעטישע מיניסטאָרן, געהאַט אַ מערהייט די סאָציאַ־ליסטן. פרעמיער־מיניסטער איז געווען קערענסקי, אַ סאָציאַל־רעוואָ־לוציאָנער (עסער). פונדעסטוועגן איז גאָרניט געטאָן געוואָרן, בכדי אָפיציעל צו פאַרמשפּטן דעם אַנטיסעמיטיזם און די פּאָגראָמשטשיקעס. עס וואָלט אוודאי געווען אָן אומזין צו חושד זיין די קערענסקי־רעגי־רונג אין וועלכער ניט איז אומפריינדלעכקייט צו יידן. גיכער ווי אַלץ האָט זיך עס געהאַנדלט וועגן אַ מין פּאָליטישער אינהיביציע צום פּראָבלעם פון אַנטיסעמיטיזם, וועגן אַ טענדענץ צו פאַרשווייגן, צו פאַרמאַכן די אויגן, בכדי אויסצומיידן די נויטווענדיקייט צו נעמען שטע־לונג און אַריינגיין אין אָפענעם קאָנפליקט — צוליב דער יידן־פראַגע — מיט „די פינצטערע שאָטנס פון דער פאַרגאַנגענהייט״.

די דאָזיקע אינהיביציע איז געווען לחלוטין פרעמד דער באָלשע־וויסטישער פּאַרטיי, פונקט ווי ס׳איז איר געווען לחלוטין פרעמד אַ וועלכער ס׳זאָל ניט זיין „יידן־קאָמפּלעקס״. אין דער גאַנצער איקאָ־נאָגראַפיע פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע — וועלכע איז שפּעטער כמעט פולשטענדיק פאַרניכטעט געוואָרן דורך סטאַלינען — פיגורירן לענין און טראָצקי תמיד זייט ביי זייט, ווי אַ געמיינזאַמער סימבאָל פון דער רעוואָלוציע. אין דער סאָוועטישער רעגירונג פון לענינס צייטן — און אויך לאַנג שפּעטער — זיינען תמיד געווען אַ צאָל יידן ווי פאָלקס־קאָמיסאַרן. אויפן הויכן אַמט פון פאַרזיצער פון „וציק״, ס׳הייסט אָפּי־ציעלער פּרעזידענט פון דער סאָוועטן־רעפּובליק, איז אויסגעוויילט גע־וואָרן, צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון רוסלאַנד, אַ ייד — יעקב סווערדלאָוו. דאָס איז געווען, פאַר יענער צייט — און ניט בלויז פאַר יענער צייט — אַן אַקט פון אומגעהויערער פּאָליטישער דרייסט־קייט און גלייכצייטיק פון פּרינציפּיעלער קלאָרקייט: אַנטיסעמיטיזם, יידן־דיסקרימינאַציע האָט באַטייט — קאָנטער־רעוואָלוציע.

איינע פון די הויפּט־אויפגאַבן פון צענטראַלן יידישן קאָמיסאַ־

---

* דאָרטן, ז. 151 און 152.

ריאַט איז געווען — קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם. צו דעם צוועק איז ביים קאָמיסאַריאַט געשאַפן געוואָרן אַ ספּעציעלע אָפּטיילונג. די ירושה פון דער פאַרגאַנגענהייט איז געווען אַ שווערע. אפילו אין די סאָוועטישע אַנשטאַלטן, ספּעציעל אין דער פּראָווינץ, האָבן ניט געפעלט קיין אַנטיסעמיטן. ס׳זיינען געווען פאַלן פון אַנטי־יידישע אינצידענטן און בלבולים, ממש בלוט־בלבולים — אַז יידן האָבן כלומרשט געשאָסן אויף אָפּטרעטנדיקע רויט־אַרמייער. דער יידישער קאָמיסאַריאַט האָט יעדעס מאָל ענערגיש אינטערווענירט און די שולדיקע זיינען געשטעלט געוואָרן פאַרן געריכט.

די אופנים, ווי אַזוי צו פירן דעם קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם, זיינען דורכן צענטראַלן יידישן קאָמיסאַריאַט אָנגעוויזן געוואָרן די לאָקאַלע יידישע קאָמיסאַריאַטן אין דער פּראָווינץ דורך פאָלגנדיקע אינסטרוקציעס: „מען דאַרף באַקעמפן די באַפעלקערונג — דורך לעקציעס און מיטינגען — מיט דעם קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן אינהאַלט פון אַנטיסעמיטיזם און נאַציאָנאַליזם. מען דאַרף לייענען פאַרטראָגן צווישן די רויטאַרמייער; באַוואָפענען די מיטגלידער פון סאָוועטישן יידישן אַרבעטער־קלוב און שטיין אין פאַרבינדונג מיט די ספּעציעלע סאָוועטישע אָפּטיילן; איינשטעלן אַ קאָנטאַקט מיט די אָרטיקע קאָמיסיעס צו קעמפן מיט דער קאָנטער־רעוואָלוציע״.

דער קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם איז אָבער דורך דער סאָוועטישער רעגירונג באַטראַכט געוואָרן — נישט ווי אַ בלויז יידישער ענין, וואָס געהערט צו דער אויסשליסלעכער קאָמפּעטענץ פון די יידישע קאָמיסאַריאַטן, נאָר ווי אַן אַלגעמיינער און עיקרדיקער מלוכה־פּראָבלעם. דעם 27סטן יולי 1918 איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַ דעקרעט פונעם ראַט פון די פאָלקס־קאָמיסאַרן, אונטערגעשריבן דורך לענינען, וואָס האָט געהאַט אַן אומגעהויערן אָפּקלאַנג. עס זאָגט זיך אין דעקרעט:

„לויט די ידיעות, וואָס זיינען אָנגעקומען אין ראַט פון די פאָלקס־קאָמיסאַרן, פירן די קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן אין אַ סך שטעט, איבערהויפּט נאָענט ביים פראָנט, אַ פּאָגראָם־אַגיטאַציע, וואָס אין איר רעזולטאַט זיינען אין איניקע ערטער פאָרגעקומען עקסצעסן קעגן דער אַרבעטנדיקער יידישער באַפעלקערונג. די בורזשואַזע קאָנטער־רעוואָלוציע נעמט איבער אין אירע הענט דאָס געווער, וואָס איז אַרויסגעפאַלן פון דעם צאַרס הענט.

„יעדעס מאָל, ווען דער זעלבסטהערשערישער רעגירונג איז גוי־טיק געווען אָפּצוווענדן פון זיך דעם פאָלקס־צאָרן, האָט זי אים געריכ־טעט אויף די יידן.

„אין דער רוסלענדישער סאָוועטישער פעדעראַטיווער רעפּובליק, ווו ס'איז פּראָקלאַמירט געוואָרן דער פּרינציפּ פון זעלבסטבאַשטימונג פון די אַרבעטנדיקע מאַסן פון אַלע פעלקער, קאָן ניט האָבן קיין פּלאַץ די נאַציאָנאַלע אונטערדריקונג. דער יידישער בורזשואַ איז אונדז אַ שונא נישט אַלס ייד, נאָר אַלס בורזשואַ, דער יידישער אַרבעטער איז אונדז אַ ברודער.

„דער ראַט פון די פאָלקס־קאָמיסאַרן דערקלערט אַז די אַנטיסע־מיטישע באַוועגונג און די פּאָגראָמען אויף יידן זיינען אַ לעבנס־געפאַר פאַר דער זאַך פון דער אַרבעטער־און פּויערים־רעוואָלוציע און פאַ־דערט אויף דאָס אַרבעטנדיקע פאָלק פונעם סאָציאַליסטישן רוסלאַנד צו קעמפן מיט אַלע מיטלען קעגן אָט דעם בייז.

דער ראַט פון די פאָלקס־קאָמיסאַרן באַפעלט אַלע סאָוועטן אַנצונע־מען די אַנטשיידנדיקסטע מיטלען צו דערשטיקן אין וואָרצל די אַנטי־סעמיטישע באַוועגונג. די פּאָגראָמשטשיקעס און פּאָגראָם־אַגיטאַטאָרס שטעלן אויסערן געזעץ".*

צום ערשטן מאָל זיינען אַנטיסעמיטיזם און פּאָגראָם־העצע דער־קלערט געוואָרן ווי אַ פאַרברעכן, וואָס מען דאַרף אויסוואָרצלען מיט „די שטרענגסטע מיטלען", צום ערשטן מאָל זיינען פּאָגראָמשטשיקעס און פּאָגראָם־העצער געשטעלט געוואָרן „אויסערן געזעץ" און דאָס האָט געמיינט, ספּעציעל אין יענער האַרבער צייט — טויט־שטראָף.

צום דעקרעט פון 27סטן יולי, וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן הן אין דער צענטראַלער פּרעסע אין מאָסקווע, הן אין די פּראָווינ־ציעלע צייטונגען, האָט דער אַרבעטער־ראַט פון וויטעבסק, — און וואָרשיינלעך אויך אַ רייע אַנדערע פּראָווינצער אַרבעטער־ראַטן — צו־געגעבן, לשם קלאָרקייט וועגן, פאָלגנדיקן טשעקאַוון קאָמענטאַר: „פּו־בליקירנדיק דעם אויפרוף פון ראַט פון די פאָלקס־קאָמיסאַרן, איז מו־דיע דער אויספיר־קאָמיטעט פון וויטעבסקער אַרבעטער־ראַט, אַז יעדער אַנטיסעמיטישער פּרווו און פּאָגראָם־אַרויסטריט, אין וועלכער פאָרם דאָס זאָל ניט אַרויסגעוויזן ווערן, וועלן גערודפט ווערן מיט דער גאַנ־

* פולער טעקסט פון דעקרעט אין די צוגאָבן.

צער שטרענגקייט און האַרטקייט פון רעוואָלוציאָנערן געזעץ. אַלע יענע, וועלכע וועלן האָבן די העזה צו פירן אַ פּאָגראָם־אַגיטאַציע, וועלן פאַררעכנט ווערן צוגלייך מיט די פּאָגראָמשטשיקעס אַליין און זיי וועלן אויסגעראָטעט ווערן פון דער וועלט".*

און לסוף, בעת אָט דער העפטיקער קאַמפּאַניע קעגן אַנטיסעמי־טיזם, וואָס איז פונאַנדערגעוויקלט געוואָרן איבערן גאַנצן לאַנד, איז אַרויסגעטראָטן לענין פּערזענלעך, מיט זיין באַרימטער רעדע, וועלכע איז ספּעציעל געוואָרן פאַרצייכנט אויף אַ גראַמאָפאָן־פּלאַט, בכדי צו דערמעגלעכן, זי זאָל אויסגענוצט ווערן ווי אַמברייטסטן. נאָכן דער־מאָנען, אַז „די צאַרישע פּאָליציי, אין בונד מיט די פּריצים און קאַפּי־טאַליסטן, האָט איינגעאָרדנט יידישע פּאָגראָמען", אַז „די שנאה פון די אויסגעפּייניקטע דורך דער נויט אַרבעטער און פּויערים האָבן די פּרי־צים און קאַפּיטאַליסטן זיך באַמיט צו ווענדן קעגן יידן", האָט לענין איבערגעחזרט דעם גרונט־געדאַנק, אַז אַנטיסעמיטיזם און פּאָגראָם־העצע זיינען אַ טויט־געפאַר פאַר דער רעוואָלוציע גופא און פאַרענ־דיקט די רעדע מיטן כאַראַקטעריסטישן אויסרוף: „שאַנדע דעם פאַר־שאָלטענעם צאַריזם, וואָס האָט געפּייניקט און פאַרפאָלגט די יידן! שאַנדע פאַר די אַלע, וואָס זייען שנאה צו יידן, וואָס שפּרייטן האָס צו אַנדערע נאַציעס!".

אָט דער רעדע, פּונקט ווי דעם דעקרעט פון 27סטן יולי, איז געווען באַשערט אָפּצושפּילן אַן אומגעהויערע ראָל אין דער געשיכ־טע פון עלרוסלענדישן יידנטום — קוים עטלעכע חדשים נאָך דעם, ווי זיי זיינען געוואָרן פאַרעפנטלעכט.

אין דער צווייטער העלפט פון 1918 האָט זיך אָנגעהויבן די אויס־לענדישע אינטערווענץ פון די אַנטאַנטע־מלוכות קעגן סאָוועטן־רוס־לאַנד. אין צפון האָבן די ענגלענדער און פראַנצויזן פאַרנומען אַרכאַנ־געלסק און מורמאַנסק און געשאַפן אַ „רעגירונג פון צפון־רוסלאַנד". די יאַפּאַנער האָבן זיך אַרויסגעזעצט אין וולאַדיוואָסטאָק און פאַרנומען דעם וויים־מזרחדיקן ים־געביט. אין סיביר, ביזן אוראַל און די וואָל־גאַ־געגנטן, האָט זיך געגרייט די אַרמיי פון צאַרישן אַדמיראַל קאָל־טשאַק. אין צפון־קאַווקאַז האָבן די גענעראַלן קאָרנילאָוו, אַלעקסעיעוו און דעניקין אָרגאַניזירט די „פרייוויליקע אַרמיי" פון ווייס־גוואַרדע־

* „די יידישע קאָמיסאַריאַטן", ז. 80

יער. אין דאָן־געביט האָט געשאַפן אַ קאָזאַקן־אַרמיי דער אַטאַמאַן קראַסנאָוו.

נאָך דער קאַפּיטולאַציע פון דייטשלאַנד און דעם סוף פון דער דייטשיש־עסטרייכישער אָקופּאַציע פון אוקראַיִנע און צפון־קאַווקאַז, האָט דער בירגער־קריג זיך פונאַנדערגעפלאַקערט מיט אַן אומגעזעע־נער בלוטיקייט און אומברחמנותדיקייט. איבער גאַנץ אוקראַיִנע, אין דער לענג און אין דער ברייט, האָבן זיך אַ לאָז געגעבן די אומציילי־קע חילות פון די צאַרישע גענעראַלן און אַטאַמאַנען. צווישן זיי האָבן זיך אויך געפונען — צומאָל קעגן זיי, צומאָל מיט זיי — די אוקראַיִ־נישע פאָלקן פון פּעטלוראַן און די כלערליי מינים פון כלערליי־קאָליריקע באַנדעס. אַלע האָבן געטראָגן אין זיך אַ ברענענדיקע שנאה צום באָלשעוויזם און גלייכצייטיק — אַ ברענענדיקע שנאה צו די יידן. אויף די פאָנען פון אַלע, בוכשטעבלעך אַלע, ווייסע אַרמייען איז גע־ווען אויפגעשריבן: „הרגע די יידן (די „זשידעס"), ראַטעווע רוסלאַנד!". די הייליקע מאַמע־רוסלאַנד האָט זיך געפּעדערט אָפּצוואַשן די שאַנד פון באָלשעוויזם — מיט יידיש בלוט. אין די טראַדיציעס פון די אַל־טע גוטע צייטן — פון רוסישע צאַרן, פון באַגדאַן כמיעלניצקי, פון די אוקראַיִנישע היידאַמאַקעס — האָט זיך אָנגעהויבן אַ מוראדיקע פּאָ־גראָם־כוואַליע, מיט מאַסן־שחיטות פון דער יידישער באַפעלקערונג, איבער שטעט און שטעטלעך. די צאָל פון די יידן־פּאָגראָמען, פאַר די יאָרן 1919־1921, בלויז אין אוקראַיִנע (און עס זיינען געווען פּאָגראָ־מען אויך אין אַנדערע טיילן פון רוסלאַנד) ווערט געשאַצט אויף קרוב צוויי טויזנט, אין 700 אָרטשאַפטן, מיט פינף און זיבעציק טויזנט הרו־גים און העכער אַ האַלבן מיליאָן אַנדערע קרבנות, וועלכע האָבן פאַר־לוירן זייער גאַנצן האָב־און־גוטס. אַלע טרוימען וועגן יידישער גלייכ־באַרעכטיקונג, אַלע האָפענונגען אויף יידישער נאַציאָנאַל־פּערסאָנאַלער אויטאָנאָמיע זיינען דערטרונקען געוואָרן אין בלוט.

אין אָט דעם גרויזאַמען בלוטיקן מבול איז געווען בלויז איין שוץ־ווינקל, איין און איינציקע נחס־תבה — די ראַטנמאַכט. די יידישע באַ־פעלקערונג — די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג, לחלוטין אומאָפּהענ־גיק פון סאָציאַלן שטאַנד און פּאָליטישער אָנגעהעריקייט, אומאָפּהענ־גיק פון וועלט־באַנעם, פון פילאָזאָפיע און מאָראַל, אַלע, קליין און גרויס, אָרעם און אפילו רייך — האָבן געזען פאַר זיך איין און איינ־ציקן מלאך הגואל: די רויטע אַרמיי, וועלכע האָט יעדן מין פּאָגראָמ־

שטשיק געשטעלט, קורץ און שאַרף, „אויסערן געזעץ". האָבן טאַטעס און זיידעס תפילה געטאָן פאַר דער רויטער אַרמיי, געבעטן גאָט, די רויטאַרמייער זאָלן נישט אַוועק פון זייער שטאָט־און־שטעטל, אָדער ווי אַמשנעלסטן קומען צוריק, מחמת ביי זיי איז מען געווען כאָטש זי־כער מיטן נפש. אין דער זעלבער צייט האָבן זין־און־טעכטער זיך געוואָרפן מיט לייב־און־לעבן צו פאַרטיידיקן די ראַטנמאַכט, אין די רייען פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און דעם קאָמסאָמאָל, אין די רייען פון דער רויטער גוואַרדיע און דער רויטער אַרמיי, אויף אַלע פראָנטן פון בירגער־קריג.

עס איז פאָרגעקומען אַ טאָפּלטע אידענטיפיקאַציע. די קאָנטר־רע־וואָלוציע פון אַלע מינים און שאַטירונגען האָט אידענטיפיצירט די יידישע באַפעלקערונג מיטן באָלשעוויזם און דער ראַטנמאַכט. ביס־לעכווייז האָט די יידישע באַפעלקערונג גופא — און ווי אַ גאַנצע — אַנגעהויבן אַליין זיך אידענטיפיצירן, אויב ניט מיטן באָלשעוויזם ווי אַזעלכן (ווייט ניט!), איז אָבער מיט דעם נייעם מלוכהשן סדר, וואָס די אָקטאָבער־רעוואָלוציע האָט איינגעשטעלט. דורך דעם אומשולדיק פאַרגאָסענעם בלוט פון די פּאָגראָם־שחיטות און די אומצאָליקע בלוט־קרבנות פון דער יידישער יוגנט אויף אַלע שלאַכט־פעלדער פון ביר־גער־קריג, איז פאַרשניטן געוואָרן אַ בונד צווישן דעם רוסלענדישן יידנטום, פון איין זייט, און דער סאָוועטנמאַכט, פון דער צווייטער.

אָט דער בונד איז פאַרטיפט געוואָרן דורך אַ דערשיינונג, וואָס איז געווען איינציק — און איז אַזאַ פאַרבליבן — אין דער געשיכטע פון אייראָפּעישן יידנטום.

במשך פון יאָרהונדערטער און יאָרהונדערטער, האָבן די יידישע ישובים אין די אייראָפּעישע לענדער געלעבט — אויב ניט תמיד אָפּי־ציעל, איז אָבער פאַקטיש — מיט אַ סטאַטוס פון פרעמדע און זיינען במילא געווען דערווייטערט פון יעטוועדער פאָרם פון שותפות, אָדער אָנטייל אין דער מלוכהשקייט פון די לענדער פון זייער וווינאָרט. אין גוטע צייטן האָבן די ישובים געפירט זייער אייגן לעבן אין פולער אויטאָנאָמיע — ווי אין דער תקופה פונעם ועד ארבע ארצות אין פוילן — אָדער אין רעלאַטיווער גוט־שכנהשאַפט מיט דער אַרומיקער ניט־יידישער סביבה און דער אָנוועזנהייט אפילו פון יידישע מיניס־טאָרן — ווי למשל אין שפּאַניע. אין ווייניקער גוטע צייטן זיינען גע־ווען, ביים מלכות, יידישע שתדלנים, יידישע באַנקירן, הויף־יידן וכדומה.

אין שלעכטע צייטן איז צווישן מלכות און די יידישע ישובים געלעגן אַ תהום — פול מיט שנאה און פורעניות.

די גרויסע פראַנצויזישע רעוואָלוציע און די שפּעטערדיקע עמאַנציפּאַציע־באַוועגונג אין מערב־און צענטראַל־אייראָפּע האָבן די יידן געגעבן בירגער־רעכט. דער איינגלידערונג־פּראָצעס אינעם אַלגעמיינעם מלוכה־לעבן איז אָבער געווען אַן אויסערגעוועגלעך לאַנגזאַמער. צום ערשטן מאָל איז אַ ייד, אין פראַנקרייך, באַשטימט געוואָרן ווי אַ מיניסטער קרוב זעכציק יאָר נאָך דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע (אַדאָלף קרעמיע, אין 1848) און ווי אַ פּרעמיער־מיניסטער — קרוב הונדערט פופציק יאָר נאָך איר (לעאָן בלום, אין 1936). במשך פון אַנדערטהאַלבן יאָרהונדערט, און ניט געקוקט אויף דעם זייער גרויסן — און זייער אַנזעעוודיקן — אַנטייל פון פראַנצויזישן יידנטום אויף אַלע געביטן פון קונסט, וויסנשאַפט און ליבעראַלע פּראָפעסיעס, איז אָבער זיין חלק אין אייגנטלעכן מלוכה־לעבן — רעגירונג, מלוכה־אַדמיניסטראַציע, אַרמיי, דיפּלאָמאַטיע וכדומה — געווען אַ ביז גאָר באַשיידענער און כמעט אַן אויסנאַמיקער. אַ וועזנטלעך ענלעכע איז געווען די לאַגע אין דייטשלאַנד, שוין ניט ריידנדיק וועגן צאַרישן רוסלאַנד, ווו אפילו אָט דער באַשיידענער אַנטייל איז געווען בלויז אַ טרוים און אַלץ, בפירוש אַלץ, וואָס האָט געהאַט דעם מינדעסטן שייכות צו מלוכהשקייט, איז געווען פאַר יידן — פאַרשלאָסן אויף זיבן שלעסער.

און אָט איז פּלוצלונג געקומען אַ פולשטענדיקע איבערקערעניש, ווייניקער מיט דער פעברואַר־רעוואָלוציע, ווי דווקא מיט דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. אַלע טירן, וואָס זיינען דורותלאַנג געשטאַנען אומצוטריטלעך פאַרקלאַפּט, האָבן פּלוצלונג ברייט זיך צעעפנט. די אַלטע צאַרישע אַדמיניסטראַציע האָט זיך אַליין אויפגעלייזט — אין אַן אָרגאַניזירטן באָיקאָט קעגן דער ראַטנמאַכט — און איז אינגאַנצן צעפאַלן. פון דער אַלטער צאַרישער אַרמיי איז קיין זכר ניט געבליבן. די סאָלדאַטן־מאַסע האָט פאַרלאָזן דעם פראָנט און איז אַוועק אַהיים, דער אָפיצערן־קאָרפּוס איז בדרך כלל אַריבער אויף דער זייט פון דער קאָנטער־רעוואָלוציע. דער אויסערן־מיניסטעריום איז געבליבן אָן דיפּלאָמאַטן, די רוסישע אַמבאַסאַדעס אין אויסלאַנד האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין קאָאָרדיניר־צענטערן פון מיליטערישער אינטערווענץ קעגן דער סאָוועטן־רעפּובליק.

אין אַלע טיילן פון מלוכה־אַפּאַראַט האָט זיך באַוויזן אַ געפּערלע־כער וואַקוּום, אַן אויסגעליידיקטקייט, אַ בלוטלאָזיקייט, וואָס האָט גע־דראָט צו פּאַראַליזירן דאָס גאַנצע מלוכה־לעבן. דער וואַקוּום האָט גע־מוזט פּאַרפולט ווערן און פּאַרפולט האָבן אים, אין אַ באַטייטיקער מאָס, נאָך אַ געוויסער צייט פון ספקות און וואַקלונגען, די יידישע איני־טעליגענץ און די יידישע אַרבעטער־טוער פון אַלע פּאַרטייען. אפילו דער „בונד״, ביי זיין גאַנצער פּרינציפּיעלער קעגנערשאַפט צו דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, האָט, אויף זיין צענטראַלער באַראַטונג פון דע־צעמבער 1918, אין מאָסקווע, אין אַנגעזיכט פון דער קאָנטער־רעוואָלו־ציע און דעם בירגער־קריג, באַשלאָסן צו דערלויבן זיינע מיטגלידער אָנצונעמען מלוכהשע און געזעלשאַפטלעכע פּאָסטנס, מיט איין באַדינג, אַז „די טעטיקייט אויף די דאָזיקע פּאָסטנס וועט זיי ניט ברענגען צו אַ סתירה מיטן פּראָגראַם און מיט די באַשלוסן פון דער פּאַרטיי״.*

זייער שנעל איז אויפגעקומען צווישן דער יידישער באַפעלקערונג אַ באַטייטיקער שיכט פון מלוכה־באַאַמטע, אויף אַלע שטאַפּלען פון מלוכה־לייטער און אויף אַלע געביטן פון מלוכה־לעבן: פּאָליטיש־אַד־מיניסטראַטיווע, עקאָנאָמישע, פינאַנסיעלע, זיכערקייט־דינסטלעכע א״אַז. אויפן 15טן קאָנגרעס פון דער סאָוועטישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, אין דעצעמבער 1927, האָט דער פאָלקס־קאָמיסאַר פאַר אַרבעטער־און פּויערים־אינספּעקציע („ראַבקרין״) סערגאָ אָרדזשאָניקידזע אָפּגעמערקט אין זיין באַריכט, אַז יידן האָבן פּאַרנומען 10,3 פּראָצענט פון אַלע אַדמיניסטראַציע־פּאָסטנס אין מאָסקווע, 20,6 פּראָצענט פון אַלע מלוכה־אַמטן אין אוקראַינע און 30,6 פּראָצענט פון אַלע מלוכה־אַמטן אין ווייס־רוסלאַנד.**

באַדייטנדיק גרויס איז אויך געווען דער שיכט יידישע מיליטער־לייט, פון אַלע ראַנגען.

און לסוף, באַזונדערס כאַראַקטעריסטיש פאַר יענע צייטן איז גע־ווען די צאָל יידן אין צענטראַל־קאָמיטעט און פּאָליטביוראָ פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, אין ראַט פון די פאָלקס־קאָמיסאַרן, צווישן די

---

* „געשיכטע פון „בונד״, דריטער באַנד, ז. 208.

** ציטירט לויט: William Korey « La situation juridique des Juifs soviétiques », dans « Les Juifs en Union Soviétique depuis 1917 », Paris, Calmann-Lévy, 1971, p. 129.

אַמבאַסאַדאָרן וכדומה. אפילו אויב די דאָזיקע יידן האָבן פון זייער יידישקייט ניט געמאַכט דעם מינדעסטן וועזן און קוים צו איר זיך אָנערקענט — אָבער אויך זי ניט פאַרלייקנט — זיינען זיי פאַר דער יידישער באַפעלקערונג געווען דער סימבאָל פון פולשטענדיק פאַר־ווירקלעכטער יידישער גלייכבאַרעכטיקונג.

דאָס אַלץ מיט, גלייכצייטיק, דעם כסדרדיקן קאַמף קעגן אַנטיסע־מיטיזם, אויך נאָך דעם בירגער־קריג, במשך פון די גאַנצע צוואַנצי־קער און אָנהויב דרייסיקער יאָרן, האָט ענדגילטיק דעצידירט וועגן דער באַציאונג פון דעם רוסלענדישן יידנטום — אין גאַנצן גענומען און איינגעשלאָסן בדרך כלל אויך דעם בירגערטום — צו דער ראַטנ־מאַכט. אויף דער דורותדיקער, קלאַסישער שאלה: „גוט פאַר יידן ?... שלעכט פאַר יידן ?...” האָט דער סאָוועטישער ייד־פון־אַ־גאַנץ־יאָר געענטפערט, אָן דעם קלענסטן ספק: „די סאָוועטסקע וולאַסט איז גוט פאַר יידן”.

כלל־ישראל איז געוואָרן פּראָסאָוועטיש.

קאַפּיטל דריי

די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג טרעט אַריין אין דער תקופה פון וועלט־רעוואָלוציע און קאָמוניזם

דעם 8טן מערץ 1918 האָט לענין, אין אַן אַרטיקל, וואָס האָט געהייסן „אַן אומגליקלעכער שלום", געשריבן וועגן אָפּמאַך פון ברעסט־ליטאָווסק: „די שלום־באַדינגונגען זיינען אומגעהויער שווערע. דאָס לעצטע וואָרט אָבער וועט זאָגן — די געשיכטע".

און באמת, די געשיכטע האָט געזאָגט איר וואָרט, מיט אַן אומדערוואַרטער שנעלקייט. אין נאָוועמבער 1918 איז אויסגעבראָכן די רעוואָלוציע אין דייטשלאַנד און גלייך דערנאָך, אין דער אימפּעריע פון עסטרייך־אונגאַרן. אין יאַנואַר 1919, נאָך דעם אויפשטאַנד פון „ספּאַרטאַקוס־בונד" (דייטשישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי), וואָס איז דערשטיקט געוואָרן אין בלוט, האָבן זיך צעפלאַקערט ספּאָראַדישע אויסברוכן אין גאַנץ דייטשלאַנד. דעם 21סטן מערץ 1919 איז פּראָקלאַמירט געוואָרן אַ סאָוועטן־רעפּובליק אין אונגאַרן, בראש מיט בעלאַ קון. אין איטאַליע האָט די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג זיך צעברויזט מיט אַן אומגעזעענער קראַפט. די אַרבעטער האָבן באַזעצט די פאַבריקן. אין פראַנקרייך זיינען פאָרגעקומען ערנסטע אומרוען אין די פּאָרט־שטעט ברעסט און מאַרסעיל.

אויפן האָריזאָנט האָט זיך באַוויזן, אַלץ בולטער, אַלץ נעענטער, די וועלט־רעוואָלוציע — אַ שוואַרצע דראָענדיקע כמאַרע פאַר די מע־רב־לענדער, אַ שטראַלנדיק ליכט מין השמים פאַר דער סאָוועטן־רעפּובליק. דאָס אומגעהויערע רוסלאַנד האָט אָנגעהויבן פיבערן — מיט אַלוועלטלעכקייט. דער רוסישער פויער, וואָס איז ביז דער מלחמה קיינמאָל ניט געהאַט אַריבערגעטראָטן דעם גבול פון זיין דאָרף, האָט פלוצלונג באַקומען פליגל. דער רוסישער אַרבעטער האָט זיך פאַר־

מאָסטן — ניט מער, אָבער ניט ווייניקער — ווי אויף אויסלייזן די וועלט. „אַלוועלטלעך" איז געוואָרן דער באַליבטסטער, דער פּאָפּולערסטער אויסדרוק פון פּאָליטישן לעקסיקאָן. קינד־און־קייט, ממש קינדער אין די וויגן, האָבן געזונגען דאָס ליד וועגן צעפלאַקערן אַ וועלט־שרפה, אויף פאַהיבעל אַלע בורזשויען. אין מערץ 1919 איז אין מאָסקווע, אויפן ערשטן קאָנגרעס פון די קאָמוניסטישע פּאַרטייען, געגרינדעט געוואָרן דער דריטער אינטערנאַציאָנאַל, דער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל, דער באַלד באַרימטער „קאָמאינטערן" — דער רוח החיים און אָרגאַניזאַציאָנעלער צענטער פון דער וועלט־רעוואָלוציע. ווי אַ מעכטיקער שאַל פון טראָמפּייטן, האָט זיך צעטראָגן זיין מאַניפעסט צום אַלוועלטלעכן פּראָלעטאַריאַט — אַ פייערלעכער רוף צו דעם „לעצטן, דעם אַנטשיידענעם שטרייט".

אין סאָוועט־רוסלאַנד גופא האָט די יונגע רויטע אַרמיי, אַ שלעכט־באַוואָפנטע, אַ הונגעריקע, אָבער אַ שטורעמדיק־־צעפלאַמטע, אַנגעהויבן גיין פון נצחון צו נצחון. עס זיינען צעשלאָגן און באַזיגט געוואָרן די חילות פון גענעראַל יודעניטש הינטער פּעטראָגראַד, די חילות פון אַדמיראַל קאָלטשאַק אין סיביר, די חילות פון גענעראַל דעניקין אין אוקראַינע. און אָט האָט די רויטע אַרמיי זיך אַ לאָז געגעבן בליץ־שנעל אויף וואַרשע — „אַנצוטאַפּן מיט דער ביקס דעם פּולס פון אייראָפּע", לויט לענינס אויסדרוק. פון וואַרשע איז געווען ממש מיט דער האַנט צו דערלאַנגען צום רעוואָלוציאָנערן בערלין און פון דאָרט — אַ קאַצן־שפּרונג צום צעברויזטן פּאַריז, צום צעברויזטן רוים. עס איז געגאַנגען באמת דער „לעצטער, דער אַנטשיידענער שטרייט" — פאַר אַ נייער וועלט. אין דעם דאָזיקן שטרייט האָט ניט געקאָנט, האָט ניט געטאָרט פעלן — ס'איז געווען אומבאַגרייפלעך, עס זאָל פעלן — דער יידישער אַרבעטער־קלאַס.

די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג האָט געמוזט שנעל זיך איבער־אָריענטירן, איבערשאַצן גרינטלעך אַלע אירע פריערדיקע איינשטעלונגען. די יידישע אַרבעטער־פּאַרטייען זיינען געהאַט אַרויס פון דער הנחה, אַז די רוסישע רעוואָלוציע איז אין איר מהות אַ בירגערלעך־דעמאָקראַטישע און קאָן קיין אַנדערע ניט זיין, אין די באַדינגונגען פון אַלגעמיינער צוריקגעשטאַנענקייט פון דער רוסלענדישער געזעלשאַפט־לעכקייט בכלל און פון די פּראָדוקציע־קרעפטן אין לאַנד בפרט. דער פּרווו צו פאַרוואַנדלען די דאָזיקע בירגערלעך־דעמאָקראַטישע רעוואָ־

לוציע אין אַ סאָציאַלער רעוואָלוציע איז פּאַר זיי דערשינען, ווי אַן אויסדרוק פון סאָציאַל־אוטאָפּיסטישע און אַנאַרכאָ־סינדיקאַליסטישע שטרעמונגען, פארמשפּטע אויף דורכפאַל, און די אָקטאָבער־איבערקע־רעניש — ווי אַן אומפאַראַנטוואָרטלעכע מאַכט־פאַרכאַפּונג פון פּאָלי־טישע אַוואַנטוריסטן, „משוגעים אָדער פאַרברעכער". און אַט האָט זיך פּלוצלונג אַרויסגעוויזן, אַז „אָקטאָבער" איז געווען דער פונק — און דער פאַקל — וואָס האָט אָנגעצונדן אַ וועלט־רעוואָלוציע. מער נאָך, דאָס צוריקגעשטאַנענע רוסלאַנד, די רוסלענדישע ראַטן־רעפּובליק, איז מיט איר אידעאָלאָגיע, איר טעאָריע, איר סטראַטעגיע און איר טאַק־טיק געוואָרן דער צענטער און דער וועגווייזער פון דער וועלט־רעוואָ־לוציע.

ביז גאָר כאַראַקטעריסטיש איז געווען דאָס איבעראָריענטירן זיך פון די „פּועלי־ציון". גלייך אָנהויב 1919 האָט די פּאַרטיי אין סאָוועטן־רוסלאַנד זיך געשפּאָלטן. ס'איז געשאַפן געוואָרן די „יידישע קאָמו־ניסטישע פּאַרטיי פּועלי־ציון" (לויט די רוסישע ראשי־תבות: „יעקאַ־פּע"), וואָס האָט שוין פון 1טן מאַי 1919, אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן אַ צייטשריפט „דער קאָמוניסטישער גערדאַנק". גלייכצייטיק איז נאָך געבליבן די אַלטע „יידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַרבעטער־פּאַרטיי פּועלי־ציון", וועלכע איז אָבער אויסגעשלאָסן געוואָרן דורכן וועלט־פאַרבאַנד פון זיינע רייען. אין דעצעמבער 1919 האָט דאָס ביוראָ פונעם וועלט־פאַרבאַנד זיך געוואָנדן צום „קאָמאינטערן" מיט אַ מעמאָראַנדום, ווו עס איז אויסגעדריקט געוואָרן דער ווונטש אָנצושליסן זיך אין קאָ־מוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל.

אויף דער פינפטער וועלט־קאָנפערענץ פון „פּועלי־ציון" אין ווין, אין אויגוסט 1920, איז, ווי באַקאַנט, געקומען צו אַ שפּאַלטונג דווקא אַרום דער פראַגע פון אינטערנאַציאָנאַל. די לינקע מערהייט האָט זיך אַרויסגעזאָגט פאַרן אָנשלוס צום „קאָמאינטערן", אין אַ רעזאָלוציע, וואָס ענדיקט זיך אַזוי: „מיט דעם נצחון פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָ־לוציע אין רוסלאַנד איז אַנטשטאַנען דער דריטער אינטערנאַציאָנאַל, וואָס נאָר ער איז מסוגל צו צעברעכן די הערשאַפט פון די הערשנדיקע קלאַסן, צו פאַרווירקלעכן די פּראָלעטאַרישע דיקטאַטור, כדי צו בויען אויף ס'ניי די וועלט אויף סאָציאַליסטישע יסודות. אַנטשפּרעכנדיק דערצו באַשליסט די פינפטע קאָנפערענץ פון יידישן סאָציאַליסטישן

אַלוועלטלעכן פאַרבאַנד „פּועלי־ציון" צוצושטיין צום דריטן אינטער־נאַציאָנאַל".

אגב, נאָך פאַר דער דאָזיקער אָפיציעלער רעזאָלוציע פון דער ווינער קאָנפערענץ, האָט אַ פאַרשטייער פון דעם וועלט־פאַרבאַנד שוין אָנטייל גענומען אין צווייטן קאָנגרעס פון קאָמאינטערן, בכדי צו אונטערשטיצן די ווענדונג פון דער פאַרטיי אויפגענומען צו ווערן ווי אַ מיטגליד פון אינטערנאַציאָנאַל. דעם תּמצית פון פּועלי־ציוניזם האָט ער, אין זיין רעדע, דעפינירט אויף פאָלגנדיקן אופן: „וואָס איז די באַציאונג אונדזע־רע, פון די קאָמוניסטישע „פּועלי־ציון", צו ארץ־ישראל? קודם כל האָבן מיר ניט בדעה צו גרינדן אַ מדינה, און ספּעציעל נאָך מיט דער הילף פון בריטישן אימפּעריאַליזם. אָבער מיר זיינען איבערצייגט, אַז אין פּראָצעס פון דער פּראָדוקטיוויזאַציע פון די יידישע מאַסן... אין דער תּקופה פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, וועט אַ קענטיקע צאָל יידן פאַרלאָזן די לענדער, אין וועלכע זיי לעבן איצט אין די מאַסן, ווי אין אוקראַינע, ליטע און ספּעציעל פּוילן. אַ טייל פון זיי וועט גיין קיין ארץ־ישראל און דאָרט אַרבעטן אין דער לאַנדווירטשאַפט... ווען ארץ־ישראל וועט אין דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון דער סאָ־ציאַלער רעוואָלוציע ווערן אַ סאָוועטישע מדינה, וועט די פראַגע פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע פון דעם דאָזיקן לאַנד ווערן אַ טייל פון דער אַלגעמיינער פראַגע פון פּראָדוקטיוויזאַציע פון די יידישע מאַסן און זייער באַטייליקונג אין דעם סאָציאַלן אויפבוי פון אַ פרייער מענטשלעכער אַרבעטנדיקער געזעלשאַפט — אונדזערע דאָזיקע מיי־נונגען האָבן קיין שום שייכות ניט צום געדאַנק פון אַ יידישער מדינה און ספּעציעל פון אַ בירגערלעכער מדינה".*

דער דאָזיקער פּועלי־ציוניזם אָן אַ יידישער מדינה האָט ביי דער אָנפירונג פון וועלט־פאַרבאַנד אַרויסגערופן זייער ווייניק ענטוזיאַזם, ס'איז אָבער באַשלאָסן געוואָרן פאַרצוזעצן די אונטערהאַנדלונגען אויף דער זעלבער אידעאָלאָגישער באַזע, מחמת מען האָט „פאַרשטאַנען, אַז עס איז בעסער אין משא־ומתן מיטן קאָמאינטערן ניט אָנצוהייבן פון דאָס ניי".** דעם 20סטן אַפּריל 1921 איז אַרויסגעשיקט געוואָרן קיין

---

* ציטירט לויט נחום ניר־ראַפאַלקעס „וואַנדערונגען", פרץ־פאַר־לאַג, תּל־אביב, 1966, ז. 216 און 217.

** דאָרטן, ז. 218.

מאָסקווע אַ נייער דעטאַליזירטער מעמאָראַנדום און אַ ספּעציעלע דע־לעגאַציע איז אַרויסגעפאָרן צום דריטן קאָנגרעס פון קאָמאינטערן.

די אויפגאַבן, וואָס די דעלעגאַציע האָט פאַר זיך געשטעלט, זיינען געווען ביז גאָר קאָמפּליצירטע און האָבן געפאָדערט אומגעהוי־ער אַ סך דיפּלאָמאַטיע. אָט ווי עס רעזומירט דעם ענין אַ מיטגליד פון דער דעלעגאַציע: „מיר, די מערהייט אין פאַרבאַנד, זיינען געווען זי־כער אין אונדזער ציוניזם, ניט געקוקט אויף דעם, וואָס עס איז געווען געשריבן אין דעם מעמאָראַנדום. מיר זיינען געווען זיכער, אַז אויב עס וועט אונדז נאָר געלינגען דורכצופירן אונדזערע פאָרשלאָגן אין קאָמאינטערן, וועלן מיר הערשן אין די יידישע סעקציעס און מיר וועלן ריכטן די אַרבעט אין זיי לויט אונדזער ווילן און לויט אונדזערע אָנ־שויאונגען״. *

עס האָט הייסט עס, זיך געהאַנדלט וועגן איין קלייניקייט: „דורכ־פירן די פאָרשלאָגן״, — וואָס איז אָבער נישט געלונגען. דעם עקזע־קוטיוו־קאָמיטעט פון קאָמאינטערן האָט אין די אונטערהאַנדלונגען פאַר־טראָטן קאַרל ראַדעק און ער האָט די ווענדונג פון פּועלי־ציון — זייער חבריש און מיט גרויסן באַדויער — אָפּגעוואָרפן. זיין שטעלונג האָט ער מאָטיווירט אַזוי: „לויט מיין מיינונג, תיכף מיט דעם אַנטשטיין פון דער סאָוועטישער אינטערנאַציאָנאַלער רעפּובליק, וועלן די יידישע מאַסן אין יעדן אָרט אַריבערגיין צו פּראָדוקטיווער אַרבעט און וועלן ניט ווערן געצוווּנגען צו עמיגרירן. דעריבער דאַכט זיך מיר, אַז דער פּאַלעסטינע־פּראָגראַם איז אַן איבערבלייב פון די אַלטע שאָוויניסטי־שע געדאַנקען״. **

עס זיינען נאָך געהאַלטן געוואָרן אַ צאָל רעדעס, אויף אַ צאָל זי־צונגען, אָבער „דער משא־ומתן״ מיטן קאָמאינטערן איז געווען ווענזנט־לעך פאַרענדיקט. געבליבן איז איין אויסוואַל — און בלויז איין־און־איינציקער: אָדער אָנשליסן זיך אין קאָמאינטערן און אָפּזאָגן זיך פון פּועלי־ציוניזם, אָדער בלייבן ביים פּועלי־ציוניזם און אָפּזאָגן זיך פון קאָמוניזם. אַ טייל מיטגלידער פון דער פּועלי־ציון־דעלעגאַציע האָבן גלייך אויפן אָרט, נאָך אין מאָסקווע, אויסגעוויילט: זיי זיינען אָפיציעל

* דאָרטן, ז. 221.

** דאָרטן, ז. 288.

אַרויסגעטראָטן פון „פּועלי־ציון" און געוואָרן מיטגלידער פון די קאָ־מוניסטישע פּאַרטייען פון זייערע ווײַן־לענדער.

אין ראַטנפאַרבאַנד האָט די „יעקאָפּע" — „יידישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי פּועלי־ציון" — נאָך עקזיסטירט לעגאַל במשך פון יאָרן, אָבער אינגאַנצן אויפן ראַנד פון דער סאָוועטישער געזעלשאַפטלעכקייט. זי האָט געפירט אַ טעטיקייט אויך צווישן דער יוגנט, אַרויסגעגעבן צייט־שריפטן הן אויף יידיש, הן אויף רוסיש. (די יעווסעקציע האָט קיין רו־סישע צייטשריפטן נישט אַרויסגעגעבן). דער אָפיציעלער אָרגאַן פונעם צענטראַל־קאָמיטעט פון דער „י. ק. פּ." — „פּראָלעטאַרישער געדאַנק" — האָט נאָך זוכה געווען אַרויסצולאָזן, אין נאָוועמבער 1927, אַ ספּע־ציעלן נומער געווידמעט דעם צענטן יובל פון דער אָקטאָבער־רעוואָ־לוציע. דאָס איז געווען זיין שוואַנען־ליד. קוים עטלעכע חדשים שפּע־טער איז די פּאַרטיי אויפגעלייזט געוואָרן און אירע מיטגלידער זיינען אַריינגעטראָטן אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

די פּאָליטישע איבעראַריענטירונג פון די „פּאַראייניקטע" איז פּאָר־געקומען אויך אין 1919, אָבער אין וועזנטלעך אַנדערע באַדינגונגען, ווי ביי די „פּועלי־ציון" — אין באַדינגונגען פון פאַרשאַרפטן בירגער־קריג אין אוקראַינע, וווּ די פּאַרטיי האָט געהאַט איר הויפּט־איינפלוס. (בעת די וואַלן צו דער יידישער נאַציאָנאַל־פאַרזאַמלונג אין אוקראַינע, אין נאָוועמבער 1918, האָבן, אויף 209.128 אָפּגעגעבענע שטימען, באַ־קומען: דער „בונד" — 37.704 שטימען, די „פּאַראייניקטע" — 19.689 און די „פּועלי־ציון" — 18.416).

ווי באַקאַנט, איז די „פּאַראייניקטע יידישע סאָציאַליסטישע אַרבע־טער־פּאַרטיי" געבוירן געוואָרן אין יוני 1917 פונעם צונויפגוס פון צוויי פּאַרטייען: די „ס. ס." (ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע אַרבעטער־פּאַרטיי) און די „י. ס." (יידישע סאָציאַליסטישע אַרבעטער־פּאַרטיי, אָדער „סיימיסטן"). די „ס. ס." וואָס איז געהאַט געגרינדעט געוואָרן אין 1905, האָט זיך גערעכנט פאַר אַ מאַרקסיסטישע פּאַרטיי און גע־זוכט אַ סינטעז צווישן סאָציאַליסטישן ציוניזם און טעריטאָריאַליזם. די „י. ס." געגרינדעט אין 1906, איז געשטאַנען פּאָליטיש נעענטער צו די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן. דער גרונטקערן פון איר פּראָ־גראַם איז געווען: קאַמף פאַרן איבערבוי פון יידישן לעבן דורך נאַ־ציאָנאַל־פּערסאָנאַלער אויטאָנאָמיע, בראש מיט נאַציאָנאַלע פּאַרלאַ־

מענטן („סיימען"), ווי אַ מין עמבריאָנערע באַזע פון יידישער מלוכה־שאַפט.

די צונויפגיסונג פוןביידע פּאַרטייען איז פאָרגעקומען — אין דעם דעמאָקראַטישן רוסלאַנד פון נאָך דער פעברואַר־רעוואָלוציע — בעיקר אויף דער פּלאַטפאָרם פון נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע און אָט דער פּראָגראַם האָט, אין זיין גאַנצן פאַרנעם, געזאָלט פאַרווירקלעכט ווערן קודם כל אין אוקראַינע. בראש פון מיניסטעריום פאַר יידישע ענינים איז געשטעלט געוואָרן דער פאַרשטייער פון די „פאַראייניקטע", מיטגרינדער און טעאָרעטיקער פון די געוועזענע „י. ס.־סיימיסטן", דר. משה זילבערפאַרב. אויפן חשבון פון אָט דעם מיניסטעריום ווערט אַרויפגעשריבן דאָס אויסאַרבעטן און דורכפירן — אין דעם העכסטן געזעצגעבערישן אָרגאַן פון אוקראַינע, די „צענטראַלע ראַדע" — דעם אַלגעמיין־מלוכהשן געזעץ וועגן נאַציאָנאַל־פּערסאָנאַלער אויטאָנאָמיע פאַר די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן פון דער אוקראַינישער רעפּובליק.

נאָך דעם ווי די יידישע אויטאָנאָמיע אין אוקראַינע איז דערטרונקען געוואָרן אין יידישן בלוט און נישט בלויז די אַרמייען פון די צאַרישע גענעראַלן, נאָר אויך די חילות פון די אוקראַינישע סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן און סאָציאַל־דעמאָקראַטן, בראש מיט פּעטלוראַן, האָבן זיך אַ לאָז געגעבן מיט גרויס התמדה צו אָרגאַניזירן יידישע פּאָגראָמען, האָט די פּאַרטיי פון די „פאַראייניקטע", מיטן טראַגישן סוף פון איר אידעאָלאָגישן יסוד, פאַרלוירן איר פּאָליטישע ממשות און פּאָליטישן זכות הקיום. פון דער צווייטער זייט, האָט דער צעפלאַקערטער בירגער־קריג אויפגעצוווּנגען צו נעמען שטעלונג תיכף ומיד, צו דעפינירן זיך פּאָליטיש כלפּי די צוויי קעמפנדיקע הויפּט־צדדים. פאַר אַ יידישער אַרבעטער־פּאַרטיי האָט קוים געקאָנט זיין אַ ספק, פאַר וועלכן צד זיך אַרויסצוזאָגן. אויף דער צווייטער קאָנפערענץ פון די „פאַראייניקטע", אין יאַנואַר 1919, האָט די פּאַרטיי, מיט אַ ווייט איבערוועגנדיקער מערהייט, זיך געשטעלט אויף דער פּלאַטפאָרם פון ראַטנמאַכט און קאָמוניזם. עס איז פאָרגעקומען אַ שפּאַלטונג און, אין אַפּריל 1919, האָט די „פאַראייניקטע יידישע אַרבעטער־פּאַרטיי" זיך פאַרוואַנדלט אין דער „פאַראייניקטער יידישער קאָמוניסטישער אַרבעטער־פּאַרטיי". אַ חודש שפּעטער, אין מאַי 1919, האָט די „פאַראייניקטע יידישע קאָמוניסטישע אַרבעטער־פּאַרטיי" זיך צונויפגעגאָסן מיטן „אַלגע־

מיינעם יידישן קאָמוניסטישן אַרבעטער־בונד״ („קאָמבונד״), וואָס איז געהאַט געגרינדעט געוואָרן אין אוקראַינע דעם 1טן מערץ 1919. די ניי־געשאַפענע אָרגאַניזאַציע האָט געהייסן „יידישער קאָמוניסטישער פאַרבאַנד״. אין אויגוסט 1919 האָט אָט דער „יידישער קאָמוניסטישער פאַרבאַנד״ זיך אויפגעלייזט און זיינע מיטגלידער זיינען אַריינגעטראָטן אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

פון באַזונדערן אינטערעס — און דראַמאַטישער געשפּאַנטקייט — איז געווען „די באַקערונג צום קאָמוניזם״ פון דער גרעסטער און וויכטיקסטער יידישער אַרבעטער־פּאַרטיי, דעם „בונד״. אָט די געשפּאַנטקייט האָט זיך גענומען פון פילפאַכע סיבות, הן אינערלעך־יידישע, הן אויסערלעכע.

דער „בונד״ איז געווען, נישט בלויז די גרעסטע און וויכטיקסטע יידישע אַרבעטער־פּאַרטיי, נישט בלויז די עלטסטע אין דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, נאָר בכלל די ערשטע יידישע פּאָליטישע פּאַרטיי, אין מאָדערנעם זין פון וואָרט. דער ציוניזם, וואָס איז געבוירן געוואָרן מער־ווייניק אין דער זעלבער צייט, ווי דער „בונד״, האָט פאַרגעשטעלט מיט זיך נאָך דאַן בלויז אַ באַוועגונג, מיט זייער אַלגעמיינע און מטושטשע קאָנטורן, בעת דער „בונד״ איז שוין געווען סטרוקטורירט אָרגאַניזאַציאָנעל, מיט אַ פּאַרטיי־פּראָגראַם, אַ מיטגלידערשאַפט, פּאַרטיי־דיסציפּלין, פּאַרטיי־אינסטאַנצן א״אוו. במשך פון יאָרצענדליקער האָט דער „בונד״ געשפּילט אַן ערשטראַנגיקע ראָל אין דער אויסגעשטאַלטיקונג פון דער מאָדערנער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט און דער מאָדערנער יידישער קולטור. די העלדישקייט און קרבנות־גרייטקייט פון די מיטגלידער פון „בונד״, הן אין פּאָליטישן קאַמף אונטערן צאַריזם, הן אויך אין די זעלבשוץ־קאַמפן בעת די צאַרישע פּאָגראָמען, האָבן פאַר דער פּאַרטיי געשאַפן אַן אומגעהויערן פּרעסטיזש.

גלייכצייטיק איז געוואָקסן אינערהאַלב דער פּאַרטיי אָט דער ספּעציפישער בונדישער „לאָקאַל־פּאַטריאָטיזם״, וואָס האָט תמיד געפאָדערט פאַרן „בונד״ דעם פּלאַץ דווקא פון „איינציקן פאַרשטייער״ פון יידישן אַרבעטער־קלאַס, אפילו דאַן, ווען דאָס האָט שוין מער ניט געשטימט מיט דער ווירקלעכקייט. אויך נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע האָט מען, אויף די באַרימטע בונדישע „ליאַמעס״ (חברישע צו־

נויפטרעפן) נאָך אַלץ געזונגען: „דער „בונד״ איז אײנער און ווייטער איז קיינער״.*

דער „בונד״ אָבער האָט געהאַט די בכורה, נישט בלויז אין דער ייִדישער, נאָר אויך אין דער אַלגעמיין־רוסלענדישער אַרבעטער־באַוועגונג און דער דאָזיקער פאַקט איז געווען פון ערשטראַנגיקן באַטייט אין דער אויספורעמונג פון די באַציאונגען צווישן „בונד״, פון איין זייט, און דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, פון דער צווייטער זייט. עס איז אוממעגלעך צו פאַרשטיין די ראָל, וואָס דער „בונד״ האָט געשפּילט נאָך דער פעברואַר־רעוואָלוציע, עס איז אוממעגלעך צו פאַרשטיין די באַציאונגען צווישן „בונד״ און די באָלשעוויקעס, מיט לעַנינען בראש — באַציאונגען, וואָס האָבן שפּעטער באַווירקט אויף אַן אַנטשיידנדיקן אופן דעם מהות גופא פון דער יעווסעקציע — אויב מען נעמט ניט אין חשבון דעם היסטאָרישן יחוס און די היסטאָרישע בכורה פון „בונד״.

דער גרינדונג־צוזאַמענפאָר פון דער פּאַרטיי, וואָס האָט זיך קאָנסטיטואירט ווי דער „אַלגעמיינער ייִדישער אַרבעטער־בונד אין רוסלאַנד און פּוילן״ (און שפּעטער געענדערט דעם נאָמען אויף „אַלגעמיינער ייִדישער אַרבעטער־בונד אין ליטע, פּוילן און רוסלאַנד״) איז פאָרגעקומען אין ווילנע, אין די טעג פון 25סטן־27סטן סעפּטעמבער 1897. דאָס איז די געבוירן־דאַטע פון דער אָרגאַניזירטער ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג, ווי אַ זעלבשטענדיקער נאַציאָנאַלער צווייג פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג. לויט דער איניציאַטיוו פון דעם „בונד״ טאַקע און פון עטלעכע רוסישע סאָציאַליסטישע גרופּן, איז מיט אַ האַלב יאָר שפּעטער, אין מערץ 1898, זיך צונויפגעקומען אין מינסק דער ערשטער צוזאַמענפאָר פון דער רוסלענדישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פּאַרטיי (ר. ס. ד. אַ. פּ.). עס האָבן אין אים אָנטייל גענומען בסך הכל ניין מענטשן, וואָס זיינען אגב באַלד אַלע געוואָרן אַרעסטירט. אויף די ניין אָנטיילנעמער פון צוזאַמענפאָר, זיינען דריי — פון צווישן די איניציאַטאָרן — געווען דעלעגאַטן פון „בונד״.

עס איז דעריבער נישט קיין צופאַל, וואָס די וויגעלע פון אָט דער פּאַרטיי, אין וועלכער עס האָבן שפּעטער אָנגעהויבן זיך אויס־

---

* ר. אַבראַמאָוויטש, „אין צוויי רעוואָלוציעס״, ניו־יאָרק 1944, ז. 310.

צוקריסטאַליזירן, צוערשט ווי טענדענצן און פּראַקציעס און דער־נאָך ווי פאַקטיש צוויי פּאַרטייען, די מערהייטלער (באָלשעוויקעס) און מינדערהייטלער (מענשעוויקעס) — ס׳איז נישט קיין צופאַל, וואָס די וויגעלע פון דער ר. ס. ד. אַ. פּ. איז געשטאַנען נישט אין פּעטער־בורג, דעם צענטער פון רוסישן פּראָלעטאַריאַט, און נישט אין קיין שום אַנדערן פּראָלעטאַרישן צענטער פון גרויסן רוסלאַנד, נאָר דווקא אין יידישן מינסק. ביי דער שטאַרק אומגלייכער אַנטוויקלונג פון דער אַרבעטער־באַוועגונג צווישן די פאַרשיידענע פעלקער פון צאַרישן רוס־לאַנד, האָט די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג, אָנהויב פון 20סטן יאָר־הונדערט זיך געפונען, אין אָרגאַניזאַציאָנעלן זין, אויפן ערשטן פּלאַץ.
אויף דעם מינסקער צוזאַמענפאָר איז דעריבער ספּעציעל געשטאַ־נען די פראַגע וועגן אָרט, וואָס דער „בונד" דאַרף פאַרנעמען אין דער ניי־געשאַפענער רוסלענדישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פּאַר־טיי און ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז „זייענדיק אַ טייל פון דער פּאַר־טיי, בלייבט דער „בונד" אַן אויטאָנאָמע אָרגאַניזאַציע, אַ זעלבשטענ־דיקע בלויז אין די פראַגן, וואָס האָבן אַ שייכות צו דעם יידישן פּראָ־לעטאַריאַט". *

אָט דער פּרינציפּ פון פולשטענדיקער אויטאָנאָמיע פון דער יידי־שער אַרבעטער־באַוועגונג איז געוואָרן איינער פון די אָרגאַניזאַציאָנעלע גרונט־עיקרים פון „בונד", אַ פּאַרהייליקטע ממש טראַדיציע, וואָס האָט זיך אָבער פאַרוואַנדלט אין אַ דראַמאַטישן אבן נגף אויפן וועג צום קאָמוניזם.

און לסוף, די דראַמאַטישע שפּאַנונג אינעם „באַקערן זיך צום קאָ־מוניזם" איז געווען אַ רעזולטאַט אויך פון די ספּעציפישע באַציאונגען, וואָס האָבן, זינט דער שפּאַלטונג אין דער ר. ס. ד. אַ. פּ., אין 1912, זיך איינגעשטעלט צווישן דעם „בונד" און די מענשעוויקעס. עס האָט זיך געהאַנדלט נישט בלויז וועגן פּאָליטישער קרובהשאַפט, נאָר אויך וועגן פּערזענלעכע שייכותן. צווישן „בונד" און דער מענשעוויסטישער פּאַרטיי איז געשאַפן געוואָרן — אויב מען קאָן זיך אַזוי אויסדריקן — אַ מין „פּערזענלעכע אוניע". אַ טייל פון די עלטסטע און חשובסטע פירער פון די מענשעוויקעס, אַזעלכע ווי מאַרטאָוו און אַבראַמאָוויטש,

* ציטירט לויט נ. א. בוכבינדער, ז. 83.

זיינען גלייכצייטיק געווען צווישן די עלטסטע און חשובסטע פירער פון „בונד". אַ ריי אַנדערע בונדישע פירער פון יינגערן דור זיינען געווען מיטגלידער גלייכצייטיק פון די צענטראַל־קאָמיטעטן פון ביידע פּאַרטייען. איבעררייסן אַלע פעדעם פון אַ פּיליאַריקער פּאָליטישער און פערזענלעכער פריינטשאַפט איז אוודאי געווען ניט קיין לייכטער פּראָצעס, אָבער אַ היסטאָריש אומפאַרמיידלעכער. אגב האָט אויך די מענשעוויסטישע פּאַרטיי אויפגענומען מיט ענטוזיאַזם די ידיעות וועגן די געשעענישן אין דייטשלאַנד. אַ ספּעציעלע רעזאָלוציע פון צענטראַל־קאָמיטעט האָט „פלאַמענדיק באַגריסט די דייטשישע רעוואָלוציע, האָט אַרויסגעזאָגט די האָפענונג, אַז דאָס וועט ווערן דער אָנהויב פון אַ סאָציאַליסטישן איבערבוי פון גאַנץ אייראָפּע, האָט פאַרלאַנגט אַן ענגע צוזאַמענאַרבעט און סאָלידאַריטעט צווישן רוסלאַנד און דייטשלאַנד, די צוויי גרעסטע רעוואָלוציאָנערע לענדער".*

דעם 16טן מערץ 1919 האָט אין מינסק זיך דערעפנט די עלפטע קאָנפערענץ פון „בונד". דער פאַרשטייער פון אוקראַינע, משה ראַפעס, איז געקומען שוין ווי אַ שליח פון „קאָמבונד" און בלויז צוליב אינפאָרמאַציע־צוועקן. נאָך לאַנגע און לײדנשאַפטלעכע וויכוחים, איז מיט אַ מערהייט פון 31 שטימען קעגן 17, אָנגענומען געוואָרן אַ פּאָליטישע רעזאָלוציע, וואָס איז געווען הימל־ווייט פון דער פריערדיקער פּאַרטיי־ליניע. די רעזאָלוציע האָט נעמלעך געזאָגט: „די אַנטוויקלונג פון דער רוסלענדישער רעוואָלוציע האָט אַרויסגעוויזן, אַז די אומפאַרמיידלעכע פאָרם פון מאַכט קאָן ביי די געגעבענע באַדינגונגען נאָר זיין די דיקטאַטור פון די ראַטן... שטייענדיק אויפן באָדן פון דער רעוואָלוציאָנערער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, נעמען מיר אַראָפּ די לאָזונג פון ווידער אויפשטעלן די פאָלקאָמע דעמאָקראַטיע, וואָס קאָן איצט פאַרטונקלען דעם קאַמף פאַר דער אמתער מאַכט פון די אַרבעטנדיקע מאַסן, און שטעלן אַרויס די לאָזונג פון דער אמתער פאַרווירקלעכונג פון דער ראַטן־דיקטאַטור".**

דאָס איז נאָך ניט געווען קיין פולשטענדיקע אידענטיפיקאַציע מיט דער פּאָליטיק פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. אדרבא, די רעזאָלוציע האָט געפאָדערט פרייהייט פון וואָרט און שריפט און זיך

* ר. אַבראַמאָוויטש, „אין צוויי רעוואָלוציעס", ז. 260.

** „געשיכטע פון „בונד", דריטער באַנד, ז. 211.

אַרויסגעזאָגט קעגן טעראָר און טויט־שטראָף. דער „בונד" האָט זיך אָבער געשטעלט פּרינציפּיעל אויף דער פּלאַטפאָרם פון דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט און פון ראַטנמאַכט און גערופן די יידישע אַרבעטער אַריינצוטרעטן אין דער רויטער אַרמיי.

דער ווייטערדיקער און דעצידירנדיקער שריט איז געמאַכט געוואָרן אַ יאָר שפּעטער, אויף דער צוועלפטער קאָנפערענץ פון „בונד", וואָס האָט זיך דערעפנט אין מאָסקווע, אין אַפּריל 1920. גלייך פון אָנהויב האָבן זיך קלאָר אָנגעצייכנט צוויי שאַרף־קעגנזעצלעכע ריכטונגען, אַ מערהייטלעכע און אַ מינדערהייטלעכע. אין נאָמען פון דער מערהייט האָט געהאַלטן אַ גרונט־רעפעראַט אסתר פרומקין, אין נאָמען פון דער מינדערהייט — רפאל אַבראַמאָוויטש. נאָך דעם, ווי עס איז אָנגענומען געוואָרן אַ רעזאָלוציע אויפן סמך פון דעם רעפעראַט פון אסתר פרומקין, האָט די מינדערהייט פאַרלאָזן די קאָנפערענץ. די פּאַרטיי האָט זיך אָפיציעל געשפּאָלטן.

די אָנגענומענע רעזאָלוציע איז אַרויס פון פאָלגנדיקע הויפּט־הנחות: „דער קריזיס פון קאַפּיטאַליזם פאַרטיפט זיך, די סאָציאַלע רעוואָלוציע אַנטוויקלט זיך. די איבערצייגונג, אַז בלויז דער סאָציאַליזם קען אַרויספירן די וועלט פון תהום, ווערט דער גלויבן און באַוועג־קראַפט פון מיליאָנען מענטשן. די אַרבעטער־מאַסן באַפרייען זיך פון די פאַרלאַמענטאַרישע און רעפאָרמיסטישע אילוזיעס אין אַלע לענדער, זיי נעמען אָן די רעוואָלוציאָנערע קאַמף־טאַקטיק און שטעלן זיך אויפן באָדן פון דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט. די רוסלענדער סאָוועטישע רעפּובליק ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ מעכטיקן אָרגאַניזירצענטער פון דער וועלט־רעוואָלוציע. די כוחות פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע אָרגאַניזירן זיך צום אָנגריף אויפן קאַפּיטאַל מיט די לאָזונגען פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע".

פון די אַלע הנחות האָט די רעזאָלוציע געמאַכט פאָלגנדיקע אויספירן:

„1) שוין פון דער 11טער קאָנפערענץ איז דער „בונד" פּרינציפּיעל געשטאַנען אויף דער פּלאַטפאָרם פון קאָמוניזם; 2) דער פּראָגראַם פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, וואָס איז גלייכצייטיק דער פּראָגראַם פון דער סאָוועטישער מאַכט, אַנטשפּרעכט דער פּרינציפּיעלער פּאָזיציע פון „בונד"; 3) אָן איינהייטלעכער סאָציאַליסטישער פראָנט מיט פּרינציפּיעלע קעגנער פון דער סאָוועטישער מאַכט, וואָס

שטעלן דעם פּראָלעטאַריאַט אַנטקעגן זיין מאַכט, איז נישט מעגלעך; 4) ס׳איז געקומען דער מאָמענט, ווען דער „בונד" קען זיך אָפּזאָגן פון זיין אָפיציעל־אָפּאָזיציאָנעלער פּאָזיציע און נעמען אויף זיך די אחריות פאַר דער פּאָליטיק פון דער סאָוועטישער מאַכט".*

די צוועלפטע קאָנפערענץ פון „בונד" — די מערהייטלעכע קאָנ־פערענץ — האָט דעריבער באַשלאָסן: דערקלערן זיך אַלס „קאָמוניס־טישער בונד" („קאָמבונד"), אַרויסטרעטן פון דער רוסלענדישער סאָ־ציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פּאַרטיי (ר. ס. ד. אַ. פּ.) ס׳הייסט, איבעררייסן מיט די מענשעוויקעס און אַלע קעגנער פון דער ראַטנ־מאַכט, אָנשליסן זיך אין דריטן אינטערנאַציאָנאַל און אַריינטרעטן אין דער רוסלענדישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. אַריינטרעטן אָבער — ווי אַן אויטאָנאָמע אָרגאַניזאַציע פון יידישן אַרבעטער־קלאַס, אין הסכם מיט די טראַדיציאָנעלע בונדישע אָרגאַניזאַציע־פּרינציפּן און אויף די זעלבע יסודות, וועלכע זיינען פאַרן „בונד", צוליב זיינע „היסטאָרישע רעכט", אָנערקענט געוואָרן אין דער ר. ס. ד. אַ. פּ. אָט די פאָדערונג פון אויטאָנאָמיע איז דורך דער קאָנפערענץ באַצייכנט געוואָרן ווי אַן אימפּעראַטיווע.

די צייטן זיינען אָבער געווען אַנדערע און לחלוטין האָבן זיך גע־האַט געענדערט די פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע כוחות־פאַרהעלטענישן. היסטאָרישער יחוס בכלל האָט מער ניט געהאַט קיין גרויסן ווערט און ווייניקער ווי ווער ניט איז, האָבן פון דער אַמאָליקער בונדישער בכורה געקאָנט נתפּעל ווערן — די באָלשעוויקעס. דער צענטראַל־קאָ־מיטעט פון דער רוסלענדישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי האָט קאַטעגאָ־ריש אָפּגעוואָרפן די אויטאָנאָמיע־פּרעטענזיעס פון „קאָמבונד" און זיי קוואַליפיצירט ווי קאָנסערוואַטיווע, פּאַרעלטערטע, שיער־ניט רעאַק־ציאָנערע. עס האָבן זיך אָנגעהויבן פאַרהאַנדלונגען — לאַנגע, פאַר־עקשנטע און אין תוך, האָפענונגלאָזע. דער „קאָמוניסטישער בונד", וואָס האָט אין צווישנצייט זיך צונויפגעגאָסן מיט די „פאַראייניקטע" פון ווייסרוסלאַנד, האָט זיך געוואַנדן נאָך הילף צום... קאָמאינטערן. עס איז געשאַפן געוואָרן אַ ספּעציעלע קאָמיסיע, פוןביידע צדדים — פאַרשטייער פון צענטראַל־קאָמיטעט פון „קאָמבונד" און פון צענ־טראַל־קאָמיטעט פון דער קאָמפּאַרטיי — אונטערן פאָרזיץ פון אַ פאַר־

* „געשיכטע פון „בונד", דריטער באַנד, ז. 227.

שטייער פון קאָמאַינטערן. די אונטערהאַנדלונגען אין דער קאָמיסיע האָבן זיך געצויגן אַ קנאַפּן יאָר צייט און לסוף איז געפאַלן דער פּסק־דין, אַ שאַרפער ווי דער שאַרף פון אַ מעסער. נישט בלויז האָט דער „קאָמבונד" ניט באַקומען קיין שום אויטאָנאָמיע אינערהאַלב דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, נאָר ער איז אפילו אַהין נישט דערלאָזט גע־וואָרן, ווי אַן אָרגאַניזירטער קאָלעקטיוו. צוערשט האָט ער געמוזט באַ־גיין פּאָליטישן זעלבסטמאָרד, פולשטענדיק זיך אויפלייזן, און ערשט דאַן איז זיין מיטגלידערשאַפט אויפגענומען געוואָרן אין דער קאָמו־ניסטישער פּאַרטיי, טאַקע אויטאָמאַטיש, אָבער בלויז ווי יחידים.

דער האַרבער גזר־דין האָט אין די רייען פון „קאָמבונד" אַרויס־גערופן שטורעמדיקע וויכוחים. דער צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּאַר־טיי האָט סוף כל סוף באַשלאָסן זיך אונטערצוואַרפן דעם גורל — מיט 6 שטימען קעגן 5. אַ ספּעציעלע קאָנפערענץ פון דער פּאַרטיי, אין מערץ 1921, האָט דעם באַשלוס באַשטעטיקט. די קאַפּיטולאַציע איז פונדעסטוועגן נישט געווען קיין פולע. די קאָנפערענץ־רעזאָלוציע האָט זיך געטרייסט מיט דער האָפענונג אַז „די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג וועט זיך אין די ראַמען פון דער ר. ק. פּ. פריער אָדער שפּעטער אויסגיסן אין די נאָרמאַלע און ריכטיקע פאָרמען, וועלכע זיינען איר געגעבן געוואָרן ביז איצט אין „בונד". אין אַ ספּעציעלן אויפרוף צו די יידישע אַרבעטער איז אויפגעקלערט געוואָרן: „מיר האַלטן אויך היינט, אַז אויב אין דער איינהייטלעכער צענטראַליזירטער קאָמוניס־טישער פּאַרטיי וואָלט בלייבן אַ „בונד", וואָלט אונדז גרינגער און בעסער געווען צו אָרגאַניזירן די יידישע אַרבעטער, אַריינפירן זיי אין קאָמוניזם, העלפן זיי בויען דאָס יידישע לעבן אויף נייע יסודות. אָבער אין סאָוועט־רוסלאַנד, ווו דער פּראָלעטאַריאַט און זיין פּאַרטיי שטייט ביי דער מאַכט, איז מער ניטאָ קיין צייט זיך צו אַמפּערן וועגן אָרגאַניזאַציע־פראַגן". *

דער אמת איז אָבער, אַז דאָ האָט זיך ווייט־ווייט ניט געהאַנדלט וועגן אָרגאַניזאַציע־פראַגן, אין ענגערן זין פון וואָרט. דער וויכוח וועגן אָרגאַניזאַציאָנעל־פּאַרטייאישער סטרוקטור האָט פאָרגעשטעלט מיט זיך בלויז איין אַספּעקט פון אַ טיפערן אָבער אַלגעמיינעם ווידעראַנאַנד

* דאָרטן, ז. 236.

— וועגן נאַציאָנאַלן פּראָבלעם בכלל און דער לייזונג פון דער אַזוי אָנ־געוויטאָקטער יידן־פראַגע בכלל. אַט דער היסטאָרישער וויכוח, וואָס האָט אָנגעהאַלטן העכער צוויי יאָרצענדליקער אינערהאַלב דער רוס־לענדישער אַרבעטער־באַוועגונג, צווישן „בונד" פון איין זייט און לע־נינען פון דער צווייטער זייט, האָט פלוצלונג, אין די נייע באַדינגונ־גען, באַקומען פאַרן סאָוועטישן יידנטום אַן אויסקלאַנג פון דירעקטער און ממש ברענענדיקער אַקטואַליטעט.

אין סאַמע אָנהויב יאָרהונדערט, אויף דעם פערטן צוזאַמענפאָר, אין 1900, האָט דער „בונד" פּראָקלאַמירט דעם פּרינציפּ — אָבער נאָך נישט די לאָזונג — פון פעדעראַטיווער סטרוקטור פאַר דער צוקונפ־טיקער רוסלענדישער מלוכה, מיט פולער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע פאַר אַלע פעלקער, וואָס באַוווינען דאָס לאַנד, בתוכם אויך פאַרן יידישן פאָלק.

„דער צוזאַמענפאָר אָנערקענט — זאָגט זיך אין דער רעזאָלוציע וועגן דער נאַציאָנאַלער פראַגע — אַז אַזאַ מלוכה ווי רוסלאַנד, וואָס באַשטייט פון אַ מענגע פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן, דאַרף זיך אין דער צוקונפט פאַרוואַנדלען אין אַ פעדעראַציע פון נאַציאָנאַליטעטן מיט פולער אויטאָנאָמיע פאַר יעדערער פון זיי, אומאָפּהענגיק פון דער טעריטאָריע, אויף וועלכער זי וווינט.

„דער צוזאַמענפאָר אָנערקענט, אַז דער באַגריף „נאַציאָנאַליטעט" קאָן אָנגעווענדט ווערן בנוגע דעם יידישן פאָלק".*

דער פּרינציפּ פון נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע איז אָבער געבליבן אין אַלגעמיינע ראַמען און נישט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ תיכפדי־קער פּאַרטיי־לאָזונג — מחמת טעמים, וואָס דער צוזאַמענפאָר האָט געהאַלטן פאַר נויטיק ספּעציעל אונטערצושטרייכן: „האַלטנדיק דאָך פאַר פריצייטיק ביי די איצטיקע באַדינגונגען אַרויסצושטעלן די פאָ־דערונג וועגן נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע פאַר די יידן, געפינט איצט דער צוזאַמענפאָר פאַר גענוגנד צו קעמפן פאַר דעם אָפּשאַפן די אַלע אויסנאַם־געזעצן קעגן די יידן, אָנווייזן און פּראָטעסטירן קעגן דער אונטערדריקונג פון דער יידישער נאַציע, אויסמיידנדיק דעם פונאַנ־דערבלאָזן פון דעם נאַציאָנאַלן געפיל, וואָס קאָן בלויז פאַרטונקלען

---

* נ. א. בוכבינדער, ז. 107.

דעם קלאַסן־באַוווסטזיין פון דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט און פירן אים צום שאָוויניזם״.*

עס איז בלי ספק, אַז די מורא פאַרן „פונאַנדערבלאָזן דעם נאַציאָנאַלן געפיל״ האָט געהאַט אַ דירעקטע שייכות צו דער אויפקומענדיקער ציוניסטישער באַוועגונג, וועלכע איז אגב דורכן בונדישן צוזאַמענפאָר פאַרמשפּט געוואָרן ממש מיט די זעלבע ווערטער, אין פאָלגנדיקער רעזאָלוציע: „די אַגיטאַציע פון די ציוניסטן בלאָזט פונאַנדער דעם נאַציאָנאַלן געפיל און קאָן זיין אַ שטער פאַר דער אַנטוויקלונג פון דעם קלאַסן־באַוווסטזיין״.**

וואָס שייך די באַציאונגען מיט דער רוסלענדישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פאַרטיי (ר. ס. ד. אַ. פּ.), וועלכע איז געהאַט געשאַפן געוואָרן מיט צוויי יאָר פריער, האָט דער צוזאַמענפאָר באַשלאָסן, אַז דער „בונד״ זאָל אין דער פאַרטיי אַריינטרעטן אויף פעדעראַטיווע יסודות („אַלס פעדעראַטיווער טייל״) און ווי דער פאָרשטייער פון יידישן אַרבעטער־קלאַס, מיט זיינע ספּעציפיש־עקסטעריטאָריעלע און נאַציאָנאַלע אינטערעסן.

ביי דער גאַנצער פּאָרזיכטיקייט פון זיינע פאָרמולירונגען און ניט געקוקט אויפן אָפּגרענעצן זיך פונעם גוזמהדיק „פונאַנדערגעבלאָזענעם נאַציאָנאַלן געפיל״, האָט אָבער דער צוזאַמענפאָר פון „בונד״ גערעדט מיט אַ פולן מויל וועגן יידישן פאָלק, יידישער נאַציאָנאַליטעט און יידישער נאַציע — אַלץ באַגריפן, וואָס זיינען פאַר דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג פון יענער צייט געווען פרעמד און אומאָנגענבאַר. קעגן דער בונדישער שטעלונג אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע, ווי אויך קעגן דער בונדישער קאָנצעפּציע פון פעדעראַטיווער פאַרטיי־סטרוקטור אין דער אַלרוסלענדישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פאַרטיי, איז אַרויסגעטראָטן די גאַנצע אָנפירונג פון דער ר. ס. ד. אַ. פּ. וואָס האָט זיך דאַן גרופּירט ארום דער צייטשריפט „איסקראַ״ (דער פונק). באַזונדערס שאַרף האָט רעאַגירט לענין.

אין אַ ריי אַרטיקלען האָט לענין קאַטעגאָריש אָפּגעלייקנט די עקזיסטענץ פון וועלכע ניט איז ספּעציפישע אינטערעסן — שוין אָפּגערעדט וועגן נאַציאָנאַלע אינטערעסן — פון יידישן פּראָלעטאַריאַט.

---

* דאָרטן, ז. 107.

** דאָרטן, ז. 108.

דאָס איינציקע ספּעציפישע, וואָס ער האָט אָנערקענט, איז געווען — די פּראָפּאַגאַנדע און אַגיטאַציע אויף יידיש — („אויף זשאַרגאָן" האָט עס דאָן געהייסן) בכדי צו „באַפרידיקן די לאָקאַלע באַדערפענישן און פאָדערונגען, וואָס נעמען זיך אַדאַנק די באַזונדערע אייגנאַרטיקייטן פון יידישן שטייגער". דערביי האָט אָבער לענין אונטערגעשטראָכן: „אין אַלעם איבעריקן איז נויטווענדיק דער ענגסטער און פולסטער צוזאַמענגוס מיט דעם רוסישן פּראָלעטאַריאַט, נויטווענדיק אין די אינטערעסן פון קאַמף פון פּראָלעטאַריאַט פון גאַנץ רוסלאַנד".*

די רעדאַקציע און די הויפּט־מיטאַרבעטער פון „איסקראַ" — נישט בלויז די רוסן לענין, פּלעכאַנאָוו, ווערא זאַסוליטש, נאָר אויך, און מער נאָך אפשר די יידן מאַרטאָוו, אַקסעלראָד, טראָצקי א״א — זיינען וואָס שייך דער יידן־פּראָגע געווען איבערצייגטע אָנהענגער פון אַסי־מילאַציע. מיטהעלפן און פאַרשנעלערן דעם אַסימילאַציע־פּראָצעס איז פאַר זיי געווען אידענטיש מיט רעוואָלוציענערן טאָט.

„די אָרעמע, אין וויסנשאַפטלעכן זין, אידעע וועגן אַ באַזונדערן יידישן פאָלק — האָט געשריבן לענין אין 1903 — איז רעאַקציאָנער לויט איר פּאָליטישער באַדייטונג. אין גאַנץ אייראָפּע איז דאָס פאַלן פון מיטלאַלטער און די אַנטוויקלונג פון דער פּאָליטישער פרייהייט געגאַנגען האַנט ביי האַנט מיט דער פּאָליטישער עמאַנציפּאַציע פון די יידן, מיט דעם פאַרביטן דעם זשאַרגאָן זייערן אויף דער שפּראַך פון דעם פאָלק צווישן וועלכן זיי לעבן, און בכלל מיט דעם באַשיינפּער־לעכן פּראָגראַם פון דער אַסימילאַציע מיט דער אַרומיקער באַפעלקע־רונג. צי דאַרפן מיר זיך ווידער אומקערן צו די פּרימיטיווע טעאָריעס און דערקלערן, אַז רוסלאַנד וועט טאָקע זיין אַן אויסנאַם, הגם די באַ־פרייאונג־באַוועגונג פון די יידן איז פיל טיפער און ברייטער אין רוס־לאַנד, אַדאַנק דער אויפוואַכונג פון דעם העלדישן זעלבסטבאַוווסטזיין צווישן דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט? ניט שוין זשע קאָן מען דער־קלערן אַלס צופעליקייט דעם פאַקט, וואָס די רעאַקציאָנערע כוחות פון גאַנץ אייראָפּע, און דערהויפּט פון רוסלאַנד, פאַראייניקן זיך קעגן

---

* לענין, „צי נויטיקט זיך דער יידישער פּראָלעטאַריאַט אין אַ זעלבשטענדיקער פּאַרטיי", „איסקראַ", נומער 34, פון 15טן יאַנואַר 1903; ציטירט לויט נ. בוכבינדער, ז. 301.

דער אַסימילאַציע פון די יידן און באַמיען זיך צו פאַרפעסטיקן זייער אייגנאַרטיקייט ?״.*

פון דער געשיכטלעכער עמאַנציפּאַציע־דערפאַרונג אין מערב־אייראָפּע מאַכט לענין פאָלגנדיקן אויספיר: „די יידישע פראַגע שטייט אַזוי: אַסימילאַציע אָדער אָפּגעזונדערטקייט. און די אידעע פון אַ „יידישער נאַציאָנאַליטעט״ טראָגט אַן אויסגעשפּראָכענעם רעאַקציאָנערן כאַראַקטער, נישט נאָר ביי די קאָנסעקווענטע אָנהענגער פון אָט דער אידעע (ציוניסטן), נאָר אויך ביי די, וואָס ווילן זי פאַראייניקן מיט דער אידעע פון סאָציאַל־דעמאָקראַטיע (בונדיסטן). די אידעע פון אַ יידישער נאַציע איז סותר די אינטערעסן פון יידישן פּראָלעטאַריאַט, שאַפנדיק אין אים דירעקט און אומדירעקט אַ פיינדלעכע שטימונג בנוגע דער אַסימילאַציע, אַ געטאָ־שטימונג״.**

צוליב אָט דעם פּרינציפּיעלן ווידעראַנאַנד — אָפיציעל בלויז וועגן אָרגאַניזאַציאָנעלער סטרוקטור, אָבער פאַקטיש און גלייכצייטיק אויך וועגן נאַציאָנאַלן פּראָגראַם — איז אויפן צווייטן צוזאַמענפאָר פון דער רוסלענדישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פּאַרטיי (ר. ס. ד. אַ. פּ.), אין לאָנדאָן, אין 1903, געקומען צו אַ העפטיקן צוזאַמענשטויס צווישן דער דעלעגאַציע פון „בונד״ און דער ווייט גרעסטער מערהייט אַנוועזנדיקע דעלעגאַטן. די בונדישע דעלעגאַציע האָט פאַרלאָזן דעם צוזאַמענפאָר און דער „בונד״ איז אַרויסגעטראָטן פון דער פּאַרטיי.

למען היסטאָרישן אמת דאַרף ווערן דערמאָנט, אַז אויך אינערהאַלב די רייען פון „בונד״ גופא זיינען, אָנהויב יאָרהונדערט, געקומען צום אויסדרוק מיינונגען ביז גאָר נאָענטע צו דער שטעלונג, וואָס לענין האָט פאַרטראָטן אין „איסקראַ״. די פּראָטאָקאָלן פונעם פינפטן צוזאַמענפאָר פון „בונד״, אין יוני 1903, ברענגען למשל אַזעלכע אַרויסזאָגונגען פון דעלעגאַטן, אָנגעזעענע פירער און טוער פון דער פּאַרטיי:

„דער יידישער פּראָלעטאַריאַט האָט נישט קיין ריין־נאַציאָנאַלע אינטערעסן... אַז די יידן וועלן ווערן אויסגעגליכן אין פּרט פון ביר־

---

* לענין, „די לאַגע פון „בונד״ אין דער פּאַרטיי״, „איסקראַ״, נומער 51, פון 22סטן אָקטאָבער 1903; נ. בוכבינדער, ז. 303 און 304.

** דאָרטן, ז. 304.

גערלעכע און פּאָליטישע רעכט און זיי וועלן זיך אויסלערנען די רו־
סישע שפּראַך, וועט דער „בונד" אויפהערן עקזיסטירן" (קאָיגען יאָ־
נאָוו); „ פּאַרוואָס דאַרף די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע זיין קעגן אַסימילאַ־
ציע? נאַטירלעך, נישט אין זין פון צוואַנג, נאָר דער פּראָלעטאַריאַט
קאָן זיך באַוווסטזיניק, צוליב זיינע אייגענע אינטערעסן, אָפּזאָגן פון
נאַציאָנאַלע אייגנטימלעכקייטן" (צ. קאָפּעליזאָן); „די מאַסע שטרעבט
צו דער רוסישער שפּראַך... די גאַנצע פראַגע איז אַ פראַגע פון
שפּראַך. יידן האָבן זיך אומעטום אַסימילירט. ווען עס זאָלן נישט זיין
קיין אויסנאַם־געזעצן, וואָלטן יידן גערעדט רוסיש" (ש. לעווין); „עס
איז אוטאָפּיש צו מיינען, אַז די אַסימילאַציע וועט אונטערגיין. זי איז
פאַרבונדן מיט דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג און וועט קיינמאָל ניט
אונטערגיין" (פּ. קורסקי); „די יידישע מאַסע דאָ פּראָלעטאַריזירט זיך
און דאָס הייסט, אַז זי אַסימילירט זיך... יידן זיינען נישט קיין איינ־
הייטלעכער נאַציאָנאַלער אָרגאַניזם. און דערפאַר איז נישטאָ קיין איינ־
הייטלעכע נאַציאָנאַלע קולטור", (מ. ווינאָקור).*

דאָס האָט פאַרגעשטעלט מיט זיך אַ מין סך־הכל פונעם נאַיוו־
מעכאַנישן קאָסמאָפּאָליטיזם פון דער אייראָפּעישער סאָציאַל־דעמאָ־
קראַטיע אין 19טן יאָרהונדערט. דער „בונד", וואָס איז געווען אָרגאַ־
ניש איינגעגלידערט אין דער נייער יידישער היסטאָרישער רעאַלי־
טעט, האָט שנעל באַוויזן אָט דעם קאָסמאָפּאָליטיזם ביי זיך אויסצו־
לעבן. שוין דער זעקסטער בונדישער צוזאַמענפאָר פון 1905 האָט
כמעט איינשטימיק פּראָקלאַמירט די לאָזונג פון נאַציאָנאַל־קולטורעלער
אויטאָנאָמיע. פאַר דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי אָבער, וואָס איז
פון דער יידישער רעאַליטעט געווען לחלוטין דערווייטערט, זיינען
די היסטאָרישע פּראָצעסן אינערהאַלב דעם מאָדערנעם אייראָפּעישן
יידנטום געבליבן בעצם אומבאַקאַנט און אומפאַרשטענדלעך.

אין 1905, אין שייכות מיטן אויפשטייג פון דער רעוואָלוציאָנע־
רער כוואַליע און מיטן רעוואָלוציאָנערן אויפברויז אין רוסלאַנד, האָט
זיך אויפגעצווונגען די נויטווענדיקייט צו פאַראייניקן אַלע רעוואָלו־
ציאָנערע כוחות פון לאַנד — און דער „בונד" איז נאָך אַלץ געווען
צווישן די וויכטיקסטע פון זיי. נאָך לענגערע אונטערהאַנדלונגען און
קעגנזייטיקע הנחות, איז אויפן פאַראייניקונג־צוזאַמענפאָר פון שטאָק־

* „די געשיכטע פון „בונד", צווייטער באַנד, זייטן 530־534.

האָלם, אין אַפּריל 1906, דער „בונד" צוריק אַריינגעטראָטן אין דער ר. ס. ד. אַ. פּ., אמת נישט אויף פעדעראַטיווע יסודות, אמת נישט ווי דער איינציקער פאָרשטייער פון יידישן אַרבעטער־קלאַס, אָבער מיט זיין אייגענעם נאַציאָנאַלן פּראָגראַם — די נאַציאָנאַל־קולטורעלע אויטאָנאָמיע — און מיט אַ פולשטענדיקער אָרגאַניזאַציאָנעלער אויטאָנאָמיע, פונקט ווי אַלע אַנדערע נאַציאָנאַלע, ניט־רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס — אוקראַאינישע, אַרמענישע, גרוזינישע א״א. אַזוי אַרום איז אָנערקענט געוואָרן, פאַקטיש, די עקסטעריטאָריעלע סטרוקטור פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג.

זומער 1913 האָט לענין אויסגעאַרבעט אַ פּראָיעקט פון אַ נאַציאָנאַלן פּראָגראַם פאַר דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי, וועלכער איז דיסקוטירט און אָנגענומען געוואָרן אויף דער א״ג „אויגוסט־קאָנפערענץ 1913". אין דער קאָנפערענץ האָבן אָנטיילגענומען די מיטגלידער פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי און אַ ריי אָנגעזעענע פּאַרטייטוער. אַרום דעם פּראָגראַם האָט זיך גלייך אַנטוויקלט אַ דיסקוסיע אין דער רוסלענדישער מאַרקסיסטישער — דאָן שוין לעגאַלער — פּרעסע און לענין איז תיכף אַרויס מיט אַ תשובה, סוף יאָר, אין אַ גרעסערן אַרטיקל „קריטישע באַמערקונגען צו דער נאַציאָנאַלער פראַגע". מיט דער כאַראַקטעריסטישער פאַר אים שאַרפקייט און בייסיקער איראָניע, האָט ער אָפּגעענטפערט אַלע זיינע אָפּאָנענטן — אוקראַאינישע, יידישע, פוילישע (ראָזאַ לוקסעמבורג בעיקר) און אויך רוסישע. די שאַרפסטע פיילן זיינען אָבער געווען געצילט — קעגן „בונד", וועלכער האָט, דער ערשטער, אַריינגעבראַכט אין דער רוסלענדישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע די לאָזונג פון נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע. די באָלשעוויסטישע פּאַרטיי איז געווען קעגן נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע און האָט איר קעגנגעשטעלט די לאָזונג פון טעריטאָריעלער אויטאָנאָמיע, אין ברייטסטן זין פון וואָרט, איינגעשלאָסן דאָס רעכט אויף זעלבסטבאַשטימונג. דער „בונד" איז אַזוי אַרום, אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע, געווען דער הויפּט־קעגנער און לענין האָט, מיט פולער האַנט, צוגעטיילט דעם „הער בונדיסט", „אונדזער בונדיסט", דעם „טייערן בונדיסט", אַזעלכע קאָמפּלימענטן ווי: „שונא פון פּראָלעטאַריאַט", „פּשוטער בורזשואַ", „נאַציאָנאַליסטיש־רעאַקציאָנערער קליינבירגער", „מיטשותף פון די רבנים" און נאָך אַנדערע עפּיטעטן פון זעלבן מין.

די „קריטישע נאָטיצן צו דער נאַציאָנאַלער פראַגע" האָבן געהאַט אַ טיפע השפּעה — דירעקט און אומדירעקט — אויף דער שפּעטערדי־קער אויסגעשטאַלטיקונג פון דער סאָוועטישער יידישער ווירקלעכ־קייט, אפילו אויך אויף דער יידישער מלוכהשקייט. זיי זיינען געוואָרן אַ מין אַבליגאַטאָרישער שולחן ערוך פאַר דער גאַנצער פענאָמענאַלאָ־גיע פונעם נאַציאָנאַלן און נאַציאָנאַליסטישן (באַזונדערס יידישן) — אַ געביט פון אומגעהויערער ברייט און לענג, פול אויף יעדן טריט מיט לויערנדיקע סכנות נפשות.

לענין איז געווען טיף איבערצייגט, אַבסאָלוט איבערצייגט, אַז עס עקזיסטירט „אַ היסטאָרישע, אוניווערסאַלע טענדענץ פון קאַפּיטאַ־ליזם אומצווואַרפן די נאַציאָנאַלע מחיצות, אָפּצווישן די נאַציאָנאַלע אונטערשיידן, און אַסימילירן די פעלקער, אַ טענדענץ וואָס ווערט אַלץ מעכטיקער מיט יעדן יאָרצענדליק און וואָס שטעלט פאַר מיט זיך איינעם פון די וויכטיקסטע פאַקטאָרן אויף איבערגעשטאַלטיקן דעם קאַפּיטאַליזם אין סאָציאַליזם".* דער פּראָצעס פון פעלקער־אַסי־מילאַציע דערשיינט פאַר לענינען ווי אַ פענאָמען פון „אומגעהויערן היסטאָרישן פּראָגרעס".** וועגן דער אַסימילאַציע, למשל, פון אוקראַי־נישן אַרבעטער מיט די צענדליקער און הונדערטער טויזנטער רוסי־שע פויערים און אַרבעטער, וואָס זיינען געקומען קיין אוקראַיִנע, אין די פאַבריקן און קוילן־גרובן, שרייבט לענין: „די אַסימילאַציע פון רוסישן און אוקראַיִנישן פּראָלעטאַריאַט איז אַן אומצווייפלדיקער פאַקט. און דער דאָזיקער פאַקט איז בלי ספק אַ פּראָגרעסיווער".*** אויף אַן ענלעכן אופן האָט לענין אָפּגעשאַצט דעם באַרימטן אַמעריקאַנער „שמעלץ־טאָפּ": „ס'איז אויך פּראָגרעסיוו די אויסמישונג פון פעלקער אין אַמעריקע".****

במילא איז אַלץ, וואָס שטערט אָדער האַמעוועט דעם פּראָצעס פון פעלקער־אַסימילאַציע — אַנטי־פּראָגרעסיוו און רעאַקציאָנער. דאָס טאָ־

* „קריטישע נאָטיצן", פּראָנצויזישע אויסגאַבע, מאָסקווע, ז. 13 און 14.

** דאָרטן, ז. 15

*** דאָרטן, ז. 17.

**** דאָרטן, ז. 17.

קע האָט לעניִן פאַרגעוואָרפן דעם באַגריף פון נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע. „אָנערקענען דעם נאַציאָנאַליזם אין אַ באַשטימטער „יושר־דיק" באַגרענעצטער ספערע, „באַגרינדן" דעם נאַציאָנאַליזם, אָפּטיילן דורך מחיצות, פעסט און אויף שטענדיק, אַלע נאַציעס איינע פון די אַנדערע, דורך אַ ספּעציעלער מלוכה־אינסטיטוציע — דאָס איז די אידעאָלאָגישע באַזע און דער אינהאַלט פון דער נאַציאָנאַל־קולטורע־לער אויטאָנאָמיע. די דאָזיקע אידעע איז, פון אַלע קוק־ווינקלען, אַ בורזשואַזע און אַ לחלוטין פאַלשע. דער פּראָלעטאַריאַט קאָן ניט אָנערקענען און אונטערשטיצן קיין שום נאַציאָנאַליזם. אין קעגנטייל, ער אונטערשטיצט אַלץ, וואָס העלפט אָפּווישן די נאַציאָנאַלע אונטער־שיידן, וואָס העלפט אומוואַרפן די נאַציאָנאַלע מחיצות, אַלץ וואָס מאַכט נעענטער די פאַרבינדונג צווישן נאַציאָנאַליטעטן, אַלץ וואָס פירט צום צונויפגוס פון די נאַציעס. האַנדלען אַנדערש, באַטייט זיך שטעלן אויף דער זייט פון דעם נאַציאָנאַליסטישן רעאַקציאָנערן פיליס־טערטום". *

לעניִנס אויספיר איז דעריבער אַ קלאָרער און קאַטעגאָרי־שער: „עס קאָן ניט זיין קיין פשרה צווישן מאַרקסיזם און דעם נאַציאָנאַליזם — אפילו דעם סאַמע „גערעכטן", דעם „לויטערסטן", דעם פיינסטן און אַממערסטן ציוויליזירטן. אויפן פּלאַץ פון יעדן מין נאַציאָנאַליזם, שטעלט דער מאַרקסיזם דעם אינטערנאַציאָנאַליזם, דעם צונויפשמעלץ פון די פעלקער אין אַ העכערער איינהייט, וואָס אַנט־וויקלט זיך פאַר אונדזערע אויגן ממש, מיט יעדן נייעם ווייאָרסט אייזנ־באַן, מיט יעדן נייעם אינטערנאַציאָנאַלן טרעסט, מיט יעדן אינטער־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד". **

וואָס שייך דער יידן־פראַגע, איז לעניִן פאַרבליבן ביי זיין שטע־לונג פון די „איסקראַ"־צייטן, וועלכע איז נאָך מער באַקרעפטיקט גע־וואָרן דורך די אַרבעטן פון די פירער פון דער דייטשישער און עס־טרייכישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, קאַרל קאַוטסקי און אָטאָ באַוער. בכלל איז די רוסלענדישע אַרבעטער־באַוועגונג געשטאַנען אונטערן דירעקטן איינפלוס פון די מערב־אייראָפּעישע אַסימילאַציע־טעאָריעס.

* דאָרטן, ז. 22.

** דאָרטן, ז. 20.

קאַוטסקיס „ראַסע און יידנטום״, וואָס איז דערשינען אין 1913, איז תיכּף געוואָרן אַ מין תורה פון באַרג סיני פאַר אַלע אייראָפּעישע און אַמעריקאַנער סאָציאַליסטן. אגב, די פלאַמיקסטע קאַוטסקי־חסידים זיי־נען, אויף דעם געביט, געווען דווקא די סאָציאַליסטישע פירער פון יידישן אָפּשטאַם, אַזעלכע ווי וויקטאָר אַדלער און אָטאָ באַוער אין עסטרייך, מאַרטאָוו און טראָצקי אין רוסלאַנד, ראָזאַ לוקסעמבורג אין פוילן א״א.

די קאַוטסקי־תורה האָט בעצם פאַרגעשטעלט מיט זיך אַ וווּלגאַ־ריזאַציע און אַ מעכאַניסטישן המשך פון דער באַרימטער בראָשור „צו דער יידן־פראַגע״ פונעם יוגנטלעכן קאַרל מאַרקס. קאַוטסקי, למשל, האָט געשריבן: „יידישקייט איז געגליכן צו אַ בלייענעם געוויכט, וואָס איז צוגעבונדן צו די פיס פון די יידן, וועלכע לעכצן נאָך פּראָגרעס... דאָס איז איינס פון די איבערגעבליבענע רעשטלעך פון פעאָדאַלן מיטל־אַלטער... מיר קאָנען ניט זאָגן, אַז מיר זיינען שוין פולשטענדיק אַרויס פון מיטלאַלטער, אַזוי לאַנג ווי דאָס יידנטום עקזיסטירט נאָך צווישן אונדז. וואָס שנעלער דאָס יידנטום וועט פאַרשווינדן, וועט זיין בעסער, נישט בלויז פאַר דער גאַנצער געזעלשאַפט, נאָר פאַר די יידן גופא״.*

ביי דעם גאַנצן ווידערגעפּיל, וואָס עס רופט אַרויס קאַוטסקיס סטיל, וועלכער קלינגט אָפּ מיט אַ בפירוש אַנטי־יידישן אונטערטאָן — און אַזאַ אונטערטאָן איז אויך געווען כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם יונגן קאַרל מאַרקס — ביי דעם גאַנצן גרויזאַמען עכאָ, וואָס עס טראָגט מיט זיך, נאָכן היטלער־חורבן, דער אויסדרוק „פאַרשווינדן פון יידנ־טום״, וואָלט אָבער געווען אומיושרדיק צו פאַרגעסן, אַז דער טעאָרע־טיקער פון דער דייטשישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע האָט געפּרעדיקט ניט עפּעס אַנדערש, ווי די פולשטענדיקע צונויפגיסונג פון די יידן מיט דער אַרומיקער באַפעלקערונג, זייער פולע, אייגנוויליקע און אומ־געצוווּנגענע איינגלידערונג אין דער אַלגעמיינער סביבה, ווי פרייע און גלייכבאַרעכטיקטע בירגער פון לאַנד.

אין קעגנזאַץ צו קאַוטסקין, באַנוצט לענין קיינמאָל ניט, שרייבנ־

---

* ק. קאַוטסקי „ראַסע און יידנטום״, אַמעריקאַנער אויסגאַבע, ניו־יאָרק 1926, ז. 246.

דיק וועגן יידן, זיין געוועגלעך שאַרפע פּען. אדרבא, ער רעדט מיט מיטגעפיל וועגן דעם „אָממערסטן פאַרפאָלגטן און אונטערדריקטן פאָלק — דעם יידישן פאָלק" און מיט באַוווּנדערונג, וועגן „די אוניווערסאַלע און פּראָגרעסיווע ווערטן פון דער יידישער קולטור".* אָבער קאַוטס־קי בלייבט פאַרט דער גרויסער אויטאָריטעט, אויף וועלכן מען פאַררופט זיך. „אין דער ציוויליזירטער וועלט — שרייבט לענין — שטעלן די יידן ניט פאָר מיט זיך קיין נאַציע; זיי האָבן זיך אַסימילירט מער ווי אַלע אַנדערע, זאָגן ק. קאַוטסקי און אָ. באַוער. די יידן פון גאַ־ליציע און רוסלאַנד שטעלן אויך ניט פאָר מיט זיך קיין נאַציע; זיי זיינען, צום באַדויערן (נישט צוליב זייער שולד, נאָר צוליב דער שולד פון די פּורישקעוויטשעס) בלויז אַ קאַסטע... וואָס באַווייזן די דאָזיקע פאַקטן? זיי באַווייזן, אַז קעגן „אַסימילאַציע" קאָנען ליאַרעמען בלויז די יידישע קליינבירגערלעכע רעאַקציאָנערן, וואָס ווילן דרייען אויף צוריק די ראָד פון געשיכטע... קעגן אַסימילאַציע האָבן זיך קיינ־מאָל ניט אַרויסגעזאָגט די אָנגעזעענסטע צווישן יידן, די באַרימטסטע אין דער וועלט־געשיכטע און וואָס האָבן געגעבן דער מענטשהייט די וויכטיקסטע פירער פון דעמאָקראַטיע און סאָציאַליזם".**

דער פּראָגרעסיווער כאַראַקטער פון פעלקער־צונויפשמעלצונג איז אָבער פאַר לענינען אַפּהענגיק פון אַ גרונט־באַדינג, וועלכן ער חזרט איבער פילמאָליק און שטרייכט אונטער ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן: דער אַסימילאַציע־פּראָצעס דאַרף זיין אַן אַבסאָלוט פרייוויליקער, אָן קיין שום צוואַנג אָדער דרוק און טאָר זיך אויך ניט שטיצן אויף קיין שום פּריווילעגיעס. דערפון איז געדרונגען דאָס פאַרקערטע — דאָס אַבסאָלוטע רעכט אויף נישט־אַסימילאַציע, אויף נאַציאָנאַלן אייגנאַרט, אויף אַן אייגן נאַציאָנאַלן לעבן, דאָס אַבסאָלוטע רעכט פון יעדן פאָלק אויף אייגענער שפּראַך און אייגענער קולטור.

דאָס דאָזיקע רעכט איז פאַר לענינען אַזוי פּרינציפּיעל־עיקרדיק און פון אַזאַ ערשטראַנגיקן באַטייט, אַז ער האָט פאַר אים געפאָדערט אַ ספּעציעלע קאָנסטיטוציאָנעלע גאַראַנטיע. אין די „קריטישע נאָ־טיצן" גיט דער מחבר אַ ביישפּיל, ווי אַזוי די גאַראַנטיע — אין פאָרם

---

* „קריטישע נאָטיצן", ז. 11.

** דאָרטן, ז. 14 און 15.

פון אַ מלוכהשן גרונט־געזעץ — וואָלט פונקציאָנירט. דער ביישפּיל איז נישט בלויז ניט פאַרעלטערט, נאָר אדרבא, ער איז געוואָרן פון גרויסער אַקטואַליטעט — דווקא פאַרן ראַטנפאַרבאַנד.

לעניִנס טעקסט, וואָס פאַרדינט בפירוש מען זאָל אים אָפּטער דערמאָנען, לייענט זיך אַזוי: „און אַט, ווען אין דער מלוכהשער קאָנס־טיטוציע וואָלט זיך געפונען אַ גרונט־געזעץ, וועלכער דערקלערט פאַר בטל יעטוועדן מאָסמיטל, וואָס פאַרלעצט דאָס רעכט פון דער מינ־דערהייט, וואָלט יעדער בירגער געקאָנט פאָדערן, עס זאָל אָפּגעשאַפט ווערן, למשל, דער פאַרבאָט אָנצושטעלן, אויפן חשבון פון דער מלוכה, לערער פון יידיש, פון יידישער געשיכטע וכדומה, אָדער צו באַשטי־מען אַן אָפּיציעלן לאָקאַל אויף לעקציעס פאַר יידישע קינדער, פאַר אַרמענישע, רומענישע און אפילו פאַר איין און איינציקן גרוזינישן קינד״.*

נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע האָט לעניִן אַריינגעבראַכט עט־לעכע עצמדיקע ענדערונגען אין זיין פאַרמלחמהדיקער וויזיע וועגן דעם „צונויפשמעלץ פון פעלקער אין אַ העכערער איינהייט, וואָס אַנט־וויקלט זיך פאַר אונדזערע אויגן ממש״. אין „קינדער־קראַנקייט פון קאָ־מוניזם״, וואָס איז דערשינען אין 1920, שרייבט ער: „אַזוי לאַנג ווי עס עקזיסטירן נאַציאָנאַלע און מלוכהשע אונטערשיידן צווישן פעלקער און לענדער — און די דאָזיקע אונטערשיידן וועלן נאָך אָנהאַלטן זיי־ער אַ לאַנגע צייט, שוין אפילו נאָך דעם, ווי די דיקטאַטור פון פּראָ־לעטאַריאַט וועט איינגעשטעלט ווערן אין וועלט־מאַסשטאַב — פאָ־דערט די אייניקייט פון דער אינטערנאַציאָנאַלער טאַקטיק פון דער אַרבעטער־באַוועגונג אין אַלע לענדער, נישט צו אַנולירן די אַנדערש־קייטן, נישט צו ליקווידירן די נאַציאָנאַלע אונטערשיידן (אין איצטיקן מאָמענט איז עס אַ טרוים פון נאַראָנים), נאָר אַזוי באַנוצן זיך מיט די גרונט־פּרינציפּן פון קאָמוניזם (סאָוועטן־מאַכט און דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט), וואָס זאָלן אין געוויסע פּרטים צופּאַסן די דאָזיקע פּרינציפּן, ווי געהעריק זיי איינשטעלן אין איינקלאַנג מיט די נאַציאָ־נאַלע און מלוכהש־נאַציאָנאַלע אונטערשיידן״.**

---

* דאָרטן, ז. 32.

** לעניִן, „די קינדער־קראַנקייט פון קאָמוניזם״ (דער „לינקיזם״), פּראַנצויזישע אויסגאַבע, מאָסקווע, 1968, ז. 280.

די אַריינגעבראַכטע קאָרעקטיוון געהערן אמת צום געביט פון טאַקטיק, אין די אינטערעסן פון דער וועלט־רעוואָלוציע. פּאָרט אָבער איז „דער צוניפשמעלץ פון די פעלקער״ און „דאָס ליקווידירן די נאַ־ציאָנאַלע אונטערשיידן״ פאַרוואַנדלט געוואָרן — פון אַ תיכפדיקער, אויגנבליקלעכער דערשיינונג — אין אַ ענין פון דער ווייטער צוקונפט. אין פאַרגלייך מיט דעם פאַרמלחמהדיקן מעכאַניסטיש־פּאַראיינפאַכטן צוגאַנג צום פּראָצעס פון פעלקער־צוניפמישונג, לאָזט זיך מערקן אַ וועזנטלעכע ענדערונג. לחלוטין אומגעענדערט איז אָבער געבליבן לענינס צוגאַנג צו דער יידן־פראַגע. שוין נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָ־לוציע, אין די יאָרן 1920/1919, האָט לענין איבערגעחזרט פאַר שמעון דימאַנשטיין — וועלכער האָט עס תיכף געלאָזט וויסן „אורבי עט אָר־בי״ — אַז „יידן זיינען נישט קיין נאַציע״.

דאָס מאָל אָבער, און אין קעגנזאַץ צו די פאַרמלחמה־צייטן, האָט זיך עס געהאַנדלט נישט וועגן פאַרטיי־פּאָלעמיק, צי וועגן סתם וויסנ־שאַפטלעך־היסטאָריאָגראַפישע קלאַסיפיקאַציעס, נאָר וועגן אַ פּאָלי־טישער דאָקטרין, וואָס האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ מלוכה־דאָקטרין. דער נאַציאָנאַלער פּראָגראַם פון דער באָלשעוויסטישער פאַרטיי האָט פּראָקלאַמירט דעם פּרינציפּ פון „טעריטאָריעלער באַשטימונג פון נאַ־ציע״ ס׳הייסט די אומבאַדינגלעכע, די אַבסאָלוטע שייכותדיקייט צווישן נאַציע און טעריטאָריע. טעריטאָריע איז דערקלערט געוואָרן ווי איי־נער פון די אָבליגאַטאָרישע סימני־מובהק פון דעם באַגריף נאַציע בכלל. דער דאָזיקער פּרינציפּ איז קאָדיפיצירט געוואָרן — ווי אַ חוק ולא יעבור — דורך סטאַלינען, אין זיין „מאַרקסיזם און די נאַציאָנאַלע פראַגע״, פון 1912. אַזוי אַרום זיינען די יידן — אויטאָמאַטיש, קאָן מען זאָגן — אַרויסגעפאַלן פון דער קאַטעגאָריע „נאַציעס״. עס איז ניט דערלאָזבאַר געוואָרן קיין שום אויסנאַם פון כלל, אפילו ניט בלויז בכדי דעם כלל צו באַשטעטיקן.

דער 10טער צוזאַמענפאָר פון דער אַלפאַרבאַנדישער קאָמוניסטי־שער פאַרטיי, אין מערץ 1921, האָט אין זיין רעזאָלוציע וועגן נאַציאָ־נאַלער פּאָליטיק אַריינגערעכנט די יידן אין דער קאַטעגאָריע „נאַ־ציאָנאַלע מינדערהייטן, וואָס אין ראַטנפאַרבאַנד האָבן זיי קיין טערי־טאָריע ניט, אָבער זיי האָבן טעריטאָריעס ערגעץ אַנדערש״. אין דער דאָזיקער קאַטעגאָריע פיגורירן די יידן זייט ביי זייט מיט די לעט־לענדער, פּאָלאַקן, עסטלענדער א״א. און זיי ווערן אַלע כאַראַקטעריזירט

„ווי פּליסיקע נאַציאָנאַלע גרופּן, נאַציאָנאַלע מינדערהייטן אַריינגע־שפּרענקלטע אין אַנדערע נאַציאָנאַלע מערהייטן״. פּאַר די דאָזיקע מינ־דערהייט־גרופּן האָט די רעזאָלוציע פון פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר אָנער־קענט דאָס רעכט אויף פולער און פרייער נאַציאָנאַלער אַנטוויקלונג.

עס וואַרפט זיך אין די אויגן, אַז דאָס צורעכענען דעם סאָוועטישן יידנטום צו דער קאַטעגאָריע מינדערהייטן, „וואָס האָבן טעריטאָריעס ערגעץ אַנדערש״, איז אַן אַבסאָלוטע פיקציע. אָט די פיקציע האָט אָבער געדאַרפט אונטערשטרייכן, אַז פּונקט ווי ביי אַלע אַנדערע מינדער־הייטן, וועמענס צענטער פון נאַציאָנאַלן לעבן געפינט זיך אויסער די גרענעצן פון ראַטנפאַרבאַנד, אַזוי איז אויך די פּראָבלעמאַטיק פון סאָוועטישן יידנטום נישט קיין נאַציאָנאַלע פּראָבלעמאַטיק, ס׳הייסט קיין גורל־באַשטימענדיקע — דורך דער דיקטאַטור פון פּראָלעטאַ־ריאַט, פאַרשטייט זיך — וועגן קיום (עקאָנאָמישן, קולטורעלן, פּאָלי־טישן) פון אַ געוויסער היסטאָרישער פאָלקס־געמיינשאַפט, נאָר בלויז און איינציק די פּראָבלעמאַטיק פון אַ ישוב, פון „אַ פּליסיקער גרופּע״ און דאָס הייסט, פון אַ פאַרענדערלעכער און פאַרגענגלעכער גרופּע. במילא זיינען דאָ נישט נויטיק געווען קיין שום נאַציאָנאַלע פּראָגראַ־מען, קיין שום נאַציאָנאַלע לאָזונגען, קיין שום ספּעציעלע עפנטלעך־רעכטלעכע אָרגאַנען אָדער אינסטיטוציעס, נישט קיין פּאַרטייאישע, נישט קיין מלוכהשע. אגב איז דאָך געווען קלאָר, אַז בלויז דער באַ־גריף נאַציע האָט געקאָנט ווערן, אויב נישט אידענטיפיצירט, איז לכל הדעות ענג פאַרבונדן מיט היסטאָרישן דויער — און דאָס אויך, ביז דעם מאָמענט פון „צונויפשמעלצונג״. דאַקעגן איז יעדע אַנדערע נאַ־ציאָנאַלע געמיינשאַפט, אַ „נישט־נאַציע״, — אַ פאָלק, אַ שבט, אַ קאַס־טע, אַ „נאַצמינדערהייט״ — געווען דער סינאָנים פון היסטאָרי־שער פאַרגענגלעכקייט, פון אונטערגיין, פון פאַרשווינדן, פון צונויפ־גיסן זיך מיט דער „נאַצמערהייט״. אַנדערש געזאָגט — פון אַסימי־לאַציע. דאָס איז אין תוך געווען די תשובה, וואָס די באָלשעוויסטישע דאָקטרין האָט געגעבן דעם „בונד״ און דער גאַנצער יידישער אַרבע־טער־באַוועגונג. דער „בונד״ און די אַנדערע יידישע אַרבעטער־פּאַר־טייען האָבן די תשובה אָנגענומען.

עס איז אַ פאַקט, אַז די רוסלענדישע יידישע אַרבעטער־באַווע־גונג האָט, אַריינגיסנדיק זיך אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, גע־מוזט צוערשט גרינטלעך אויסרוימען ביי זיך דעם גאַנצן יידישן נאַ־

ציאָנאַלן חמץ — אַלע נאַציאָנאַלע פּראָגראַמען, וואָס זיינען געוואָרן נאַציאָנאַליסטיש — און אים עפנטלעך פאַרברענען אויפן פייער. משה ראַפעס, איינער פון די אָנגעזעענסטע בונדישע פירער, דער פאַר־שטייער פון „בונד" אין דער אוקראַינישער „צענטראַלער ראַדע" און וואָס האָט אָפּגעשפּילט אַ דעציזירנדיקע ראָל ביים שפּאַלטן דעם „בונד", צוערשט אין אוקראַינע, דערנאָך אין רוסלאַנד און שפּעטער אפילו אינעם אומאָפּהענגיקן פּוילן, האָט געשריבן וועגן דער קיעווער גרינדונג־קאָנפערענץ פון „קאָמבונד" אין אוקראַינע, דעם 1טן מערץ 1919: „ווען אויף דער קאָנפערענץ פון 1טן מאַרט איז געווען געשאַפן די אָרגאַניזאַציע פון „קאָמוניסטישן בונד", האָט די דאָזיקע אָרגאַני־זאַציע קיין שום באַזונדערע אידעאָלאָגיע שוין דאָן ניט געהאַט".*

אין אַן ענלעכן נוסח האָט די צוועלפטע קאָנפערענץ פון „בונד" אין מאָסקווע, אין אַפּריל 1920, פעסטגעשטעלט אין איר גרונט־רעזאָלו־ציע וועגן דער נאַציאָנאַלער פראַגע, אַז „די פאָדערונג פון נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע, וואָס איז אַרויסגעשטעלט געוואָרן אין די ראַמען פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג, פאַרלירט איר זין אין די באַדינגונגען פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע".** אַזוי אַרום האָט געזאָלט ענדגילטיק אָפּגעשלאָסן ווערן דער היסטאָרישער וויכוח, פון קנאַפּע צוויי יאָרצענדליקער, צווישן לעניניזם און דעם „בונד", אָפּגעשלאָסן — נישט מחמת דעם, וואָס דער „בונד" האָט אָנערקענט, אַז ער איז פון תמיד אָן געווען בעצם אומגערעכט, נאָר דערפאַר וואָס דער אָביעקט גופא פון וויכוח האָט פאַרלוירן דעם זין, אין די נייע היסטאָרישע באַדינגונ־גען פון סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע, וועלכע האָבן דאָן געמיינט במילא — ממש ווי אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט — סאָציאַליסטי־שע וועלט־רעוואָלוציע.

אין זיין פריער ציטירטן זכרונות־בוך „אין צוויי רעוואָלוציעס" דערמאָנט דער געוועזענער פירער פון „בונד" און פון דער מענשע־וויסטישער פאַרטיי רפאל אַבראַמאָוויטש אַ שמועס, האַרבסט 1919, אין אַ נאַכט־צוג, מיט זיין אַלטן פריינט משה ראַפעס, וואָס איז שוין דאַן געהאַט אַריבער צו דער קאָמוניסטישער פאַרטיי. מען האָט גערעדט וועגן כאַראַקטער פון דער רעוואָלוציע און ראַפעס האָט געזאָגט: „אַזוי

* מ. ראַפעס, „קאַפּיטלען געשיכטע פון „בונד", קיעוו 1929 ז. 249.
** „געשיכטע פון „בונד", דריטער באַנד, ז. 229.

לאַנג, ווי עס האָט זיך געהאַנדלט נאָר וועגן רוסלאַנד, בין איך געווען פעלזן־פעסט איבערצייגט, פּונקט אַזוי ווי איר, אַז וועגן קיין שום סאָציאַליזם קאָן מען ניט טראַכטן. מיר האָבן כמעט ניינציק פּראָצענט פּויערים אין אונדזער לאַנד, מיר האָבן וויניק אינדוסטריע, מיר האָבן אַ קליינעם אַרבעטער־קלאַס. ווי אַזוי קאָן מען אין אַזאַ לאַנד פּרובירן פאַרווירקלעכן אַ סאָציאַליסטישע אָרדענונג? אָבער די דייטשישע רע־וואָלוציע האָט אַלץ געביטן... אויב דייטשלאַנד זאָל אַרויף אויפן וועג פון סאָציאַליזם און מיטרייסן מיט זיך גאַנץ צענטראַל־אייראָפּע, דאָן הייסט עס, אַז די אייראָפּעישע סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע האָט גע־זיגט. אָבער אויב אין אייראָפּע ווערט אויפגעשטעלט אַ סאָציאַליסטישע אָרדענונג, באַקומט אויך די פראַגע וועגן דער רעוואָלוציע אין רוס־לאַנד אַן אַנדער פּנים. דאָן שטייט ניט די פראַגע וועגן דעם, ווי אַזוי קאָן דאָס אָפּגעשטאַנענע רוסלאַנד פאַרווירקלעכן ביי זיך אַ סאָציאַליס־טישע אָרדענונג, דאָן שטעלט זיך די פראַגע אַנדערש: ווי אַזוי זאָל אַ סאָציאַליסטיש אָרגאַניזירטע אייראָפּע פאַרווירקלעכן אין רוסלאַנד אַ מער אָדער וויניקער סאָציאַליסטישע אָרדענונג".*

עס קאָן אונדז אויסזען אויסטערליש, אָט די לייכטקייט, די פּשטות, די זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט — ווי אַ זאַך, וואָס קאָן ניט גע־שטעלט ווערן אונטער דעם מינדעסטן ספק — מיט וועלכע אַ דער־פאַרענער געזעלשאַפטלעכער טוער, אַ פּאַרטיי־פירער און פּאָליטיקער האָט אַ שפּרייז געגעבן, מיט איין טראָט, פון רעוואָלוציאָנערן, סאָ־ציאַליסטישן דייטשלאַנד צו אַ סאָציאַליסטישער אייראָפּע. אָבער אויך אַבראַמאָוויטש, איינער פון די וויכטיקסטע פירער פון דער מענשע־וויסטישער פּאַרטיי, און אויסגעהאַלטענער קעגנער פון באָלשעוויזם, איז געווען זעלבער פון דער זעלבער מיינונג. „אין דער מעגלעכ־לעכקייט פון אַ סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע אין אייראָפּע — שרייבט ער — האָב איך דעמאָלט, אין האַרבסט 1919, אויך ניט געלייקנט. איך בין געווען ניט אַזוי אָפּטימיסטיש, ווי ראַפּעס, וועגן דער וואָרשיינלעכ־קייט פון אַזאַ איבערקערעניש. אָבער אין פּרינציפּ האָב איך עס גע־האַלטן אינגאַנצן פאַר מעגלעך און דאָס איז דעמאָלט געווען אַן אַנגע־נומענע אָנשויאונג ניט נאָר ביי אונדז, די סאָציאַליסטישע אינטעלי־גענטן אין רוסלאַנד, וואָס זיינען געווען נאָך היפּש אָפּגעשניטן פון

* ר. אַבראַמאָוויטש, ז. 304 און 305.

דער גאַנצער וועלט. דאָס איז געווען אויך אַן אַנגענומענע טעאָריע אין אייראָפּע גופא און צווישן די דייטשישע סאָציאַליסטן און אפילו ניט־סאָציאַליסטן״.*

פון דער סאָציאַליסטישער אייראָפּע האָט שוין געפּירט אַ וועג — גלייך און נאָך גלייכער, פּשוט און נאָך פּשוטער — צו מזרח און מערב און צפון און דרום, צו גאָר דער וועלט. אין דער לופטן האָבן זיך געטראָגן די שאַרפע, די פאַרשיכורנדיקע ריחות פון וועלט־רעוואָלוציע.

דער פאַרשטייער פון די „פּועלי־ציון״, וואָס איז געקומען צום צווייטן קאָנגרעס פון קאָמאינטערן, אין 1920, בכדי צו אונטערשטיצן די ווענדונג פון זיין פּאַרטיי וועגן אַנשלוס אין קאָמוניסטישן אינטער־נאַציאָנאַל, האָט אין זיין רעדע פאָרויסגעזען: „ווען ארץ־ישראל וועט אין דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, ווערן אַ סאָוועטישע מדינה...״ און קאַרל ראַדעק האָט, אין נאָמען פון עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פון קאָמאינטערן באַשטעטיקט: „תיכף מיט דעם אַנטשטיין פון דער סאָוועטישער אינטערנאַציאָנאַלער רעפּובליק...״. דאָס זיינען נישט געווען קיין היסטאָרישע היפּאָטעזן, דאָס איז געווען שוין — ס׳הייסט, נאַטירלעך, האָט אויסגעזען צו זיין — אַ היסטאָרי־שע רעאַליטעט, וואָס האָט געדאַרפט, היינט־מאָרגן, זיך אויסגעשטאַל־טיקן ענדגילטיק.

אָט די רעאַליטעט איז געווען — ס׳הייסט, האָט געזאָלט, האָט געדאַרפט, האָט געמוזט זיין — אַ וווּנדערלעך נייע; אַ ניי לעבן, אַ נייער מענטש, אַ נייע געזעלשאַפט, אַ נייע קולטור און ציוויליזאַ־ציע. וועלט־רעוואָלוציע האָט באַטייט — נייע מעשה בראשית, אַ ניי־ער אָנהויב אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט, אַ נייע ערע פון פרייהייט, ברידערלעכקייט און גליק. פאַר דער יידישער אַרבע־טער־באַוועגונג גאָר באַזונדערס האָט עס באַטייט — סובלימירונג פון אָט דעם משיחיש אוניווערסאַליסטישן גרונט־מאָטיוו, וואָס האָט תמיד, ווי אַן עכאָ פון פאַרצייטיקער נבואה, אָפּגעקלונגען אין אירע טיפסטע טיפענישן. אין שטראַלנדיקן ליכט פונעם אוניווערסאַלן, האָט „פאַר־לוירן איר זין״, נישט בלויז די פאָדערונג פון נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע. די גאַנצע נאַציאָנאַלע פראַגע בכלל איז געוואָרן בטל ומבוטל, האָט זיך אויסגעלעבט, זיך אויפגעלייזט און פאַרלוירן איר

---

* דאָרטן, ז. 305.

ממשות. די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג פון סאָוועט־רוסלאַנד איז אַריינגעטראָטן אין דער תקופה פון וועלט־רעוואָלוציע, ווי אין אַ לח־לוטין נייעם היסטאָרישן ציקל, אַ ציקל פון באחרית־הימימדיקייט — פון קאָמוניזם.

אַ נייע לאָזונג האָט זיך באַוויזן (צום ערשטן מאָל — אין דער פריער ציטירטער רעזאָלוציע פון דער בונדישער ליקווידיר־קאָנפע־רענץ, פון מערץ 1921): „אַריינפירן אין קאָמוניזם" די יידישע אַר־בעטער, די יידישע פאָלקס־מאַסן. זי איז שנעל געוואָרן דאָס שליסל־וואָרט, דער שם המפורש פון דער נייער צייט. ווי אַזוי „אַריינפירן אין קאָמוניזם", האָט נאַטירלעך קיינער ניט געוווּסט און ניט געקאָנט וויסן — די שעה פון באחרית־הימימדיקייט האָט נאָך קיינמאָל פריער ניט געהאַט אויסגעשלאָגן אין דער מענטשלעכער געשיכטע. די פאָר־מול גופא איז אָבער געווען אָנגעלאָדן מיט אַסאָציאַטיווער קראַפט: „אַריינפירן אין קאָמוניזם" האָט אָפּגעקלונגען ווי — אַריינפירן אין אַ נייעם גלויבן, אין אַ נייער אמונה, אין אַ נייער קירך. במילא האָט זיך אויפגעצוווּנגען די אַנאַלאָגיע מיטן קריסטנטום. עס איז כאַ־ראַקטעריסטיש, ווי אַזוי דער אַלטער באַלשעוויק שמעון דימאַנשטיין, אָנפירער פון צענטראַלן יידישן קאָמיסאַריאַט, האָט באַשריבן די אויפטועך פון זיין „ערשטן עמיסאַר" אויף דער פּראָווינץ, שמואל אַגורסקי, אַ געוועזענער אַנאַרכיסט און פּאָליטישער עמיגראַנט אין ענגלאַנד און אין די פאַראייניקטע־שטאַטן, וועלכער האָט זיך אומגע־קערט קיין רוסלאַנד נאָך דער פעברואַר־רעוואָלוציע. „ער איז נאָך געווען — שרייבט דימאַנשטיין — דער „יוחנן המטביל", ער איז אַרומגעפאָרן מיט הייסע רעדעס, אַז עס איז געקומען אַ נייער גורל פאַרן יידישן אַרבעטער, דער יידישער קאָמיסאַריאַט און דער קאָ־מוניזם, אין וועלכן מען מוז נעמען גלויבן און צו וועלכן אַלע פעל־קער וועלן זיך בוקן"* נאָך דעם „ערשטן עמיסאַר" — יוחנן המטביל — זיינען געקומען די קאָמיסאַרן, די אַפּאָסטאָלן פונעם „נייעם גורל", אין וועלכן מען האָט געמוזט נעמען גלויבן און צו וועלכן מען האָט גע־דאַרפט זיך בוקן.

אין אַ משיחיש־עוואַנגעלישן, שיער־ניט עסכאַטאָלאָגישן סטיל האָט אויך גערדרשנט, אויף אַ מיטינג אין קיעווער שטאָט־ראַט, משה ראַ־

* די יידישע קאָמיסאַריאַטן" ז. 9.

פעס. „איצט, האָט ער געררופן, ווען די סאָציאַלע רעוואָלוציע איז ענד־לעך געקומען, דאַרף מען מיט אַן אייזערנעם בעזעם אויסקערן די אַלע מענדעלעך, מיט די פּרצעס און שלום־עליכמס". ראַפּעסעס אַן אַלטער פריינט, אַ געוועזענער פּאַרטיי־חבר, הערנדיק אַזעלכע רייד, האָט זיך הילכיק צעוויינט.*

ענלעכע דרשות האָט, מיט קרוב צוויי טויזנט יאָר פריער, גע־האַלטן אין די סינאַגאָגעס פון קליין־אַזיע דער גאָט־געלערנטער בעל־דרשן, רבי שאול פון תרשיש, דער שפּעטערדיקער הייליקער פּאַולוס. אין נאָמען פון דעם „נייעם בונד", וואָס גאָט האָט פאַרשניטן מיט זיין זון, דעם געקרייציקטן משיח און דערלייזער, האָט רבי שאול דער־קלערט פאַר בטל ומבוטל — מיט אַן אייזערנעם בעזעם אויסצוקערן — די דינים און געבאָטן פון „אַלטן בונד", אַ פאַרשניטענעם מיט אברהם אבינו, בלויז פאַר די קינדער פון זרע־אברהם. אין נאָמען פון דעם נייעם משיח, די סאָציאַלע רעוואָלוציע — אין איר אַלוועלטלעכ־קייט און ·אלמענטשלעכקייט — האָט ראַפּעס גערופן איבערצורייסן מיט דער יידישער באַזונדערקייט, מיט ספּעציפישער יידישער גייסטי־קייט און במילא מיט יידישער היסטאָרישער אידענטיטעט.

ראַפּעסן און זיינע חסידים האָט מען, אפילו אין די קרייזן פון דער יעווסעקציע, פאַרגעוואָרפן אַסימילאַטאָרישקייט. די באַצייכענונג איז אָבער נישט קיין פּינקטלעכע. אַסימילאַציע הייסט — אויסמישן זיך מיט אַ פרעמדן פאָלק, אָננעמען אַ פרעמדן לעבנס־נוסח, אַ פרעמדע שפּראַך, אַ פרעמדע קולטור, עווענטועל אַ פרעמדע רעליגיע. אין דעם זין זיינען די ראַפּעס'עס נישט געווען קיין אַסימילאַטאָרן, פּונקט ווי שאול פון תרשיש איז עס נישט געווען. זיי האָבן נישט גערופן — ניט אויסצומישן זיך מיט וועמען, ניט איבערצונעמען ביי קיינעם עפּעס־וואָס. זיי האָבן געפּריידיקט „אַ נייעם בונד", „אַ נייעם אַנהויב", דורך וועלכן דאָס יחידישע און דאָס נאַציאָנאַלע זאָלן זיך אויפלייזן אין אוני־ווערסאַלן.

נאָך דעם „נייעם אָנהויב" פון שאול פון תרשיש, האָט די געשיכ־טע באַוויזן צו פאַרצייכענען עטלעכע נייע „נייע אָנהויבן", אפילו מיט

---

* אברהם גאָלאָמב, „צו די טיפן פון יידישן געדאַנק", פּרץ־פאַרלאַג, תל־אביב, ז. 340.

נייע צייט־רעכענונגען — דער נייערער „נייער אָנהויב״ פון מחמד און דער נאָך נייערער „נייער אָנהויב״ פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע — וואָס האָבן געדאַרפט גרינטלעך ענדערן דעם גורל פון מענטשן, דעם גורל פון דער וועלט און דעם גורל אפילו פון יענער־וועלט.

מיט דער וועלט־רעוואָלוציע איז דערשינען דער נייסטער „נייער אָנהויב״, דער בעצם־נייער, דער אמת־נייער, דער איינציק־נייער — דער „נייער אָנהויב״ פון קאָמוניזם.

קאַפּיטל פיר

„אין דער סאָכע ליגט די מזל־ברכה״ — יידישע קאָלאָניזאַציע

„פאַרווירקלעכן די דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט אויף דער יידישער גאַס״ איז אוודאי געווען אַ גרויסע היסטאָרישע אויפגאַבע און „אריינפירן אין קאָמוניזם די יידישע פאָלקס־מאַסן״ — בלתי ספק, נאָך אַ גרעסערע. דערווייל אָבער איז אויפגעשווומען אַ פּראָבלעם פון גאָר אַן אַנדער מין, אַ נייער פּראָבלעם, וואָס איז גענוי און פּינקטלעך דעפינירט געוואָרן דורך אַן אַלטן יידישן שפּריכוואָרט: „איידער עס וועט קומען די נחמה, קאָן אַרויס די נשמה״.

ווען ס׳האָט זיך פאַרענדיקט דער בירגער־קריג און דאָס קאַפּיטל „מלחמה־קאָמוניזם״ און ס׳איז מעגלעך געוואָרן אונטערצוציען דעם ערשטן סך־הכל, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער מצב פון סאָוועטישן יידנטום איז, אין פולן זין פון וואָרט, אַ קאַטאַסטראָפאַלער.

די יידישע שטעטלעך זיינען געוואָרן פולשטענדיק רואינירט. דאָס אַלץ, וואָס איז ניט געהאַט אַוועק מיטן רויך־און־פייער פון בירגער־קריג און די פּאָגראָמען, אָדער מיט די נאַציאָנאַליזאַציעס, רעקוויזיציעס און קאָנפיסקאַציעס פון מלחמה־קאָמוניזם, איז געבליבן ווי עלנטע חורבות פון אַ פאַרשניטענער וועלט. אַלע אַמאָליקע עקאָנאָמישע פונקציעס פון שטעטל — די פאַרשיידנסטע פאָרמען פון פאַרמיטלערריי צווישן דאָרף און שטאָט — זיינען אין דער נייער ווירקלעכקייט לחלוטין בטל געוואָרן. דאָס שטעטל איז געבליבן אָן ברויט און אָן האָפענונג אפילו אויף ברויט. מיט ווייטאָק אין האַרצן, אָבער מיט יוגנטלעך־קאָמסאָמאָלישן ברען און טיפער איבערציינגונג אין דער ענדגילטיקייט פון היסטאָרישן גזר־דין, האָט דער דיכטער פון ווייסרוסישן יידנטום, איזי כאַריק, געזונגען:

אַ לעצטער רויך האָט צוגעדעקט מיין שטעטל
און לעצטן רויך האָט אָנגעשיקט דער ווינט.
אוי, ביז וואַן, און אוי, ביז וואַנען בעטן זיך
— שטעטעלע, פאַרשווינד.

וואָס הייסט אָבער — פאַרשווינד ?! אויף אַט דער פאַראורטיילטער, זינקענדיקער שיף האָבן זיך געפונען העכער אַ מיליאָן יידן, אין דער גרעסטער נויט, אויפן ראַנד פון הונגער. ווער ס׳האָט נאָר געקאָנט — די יוגנט קודם כל — האָט זיך געלאָזט אין די שכנותדיקע שטעט, אָדער נאָך ווייטער אויף מזרח, אויסער די גרענעצן פון פארמלחמה־דיקן תחום המושב. אָבער אויך אין די שטעט האָט געהערשט אַ מורא־דיקע אַרבעטלאָזיקייט. די אינדוסטריע איז געווען רואינירט, דאָס האַנטווערקערטום האָט כמעט זיך אָפּגעשטעלט, ס׳האָט אויסגעפּעלט רוישטאָף. דער האַנדל האָט לחלוטין אויפגעהערט צו זיין אַ מקור פון פּרנסה. בלויז אויפן געביט פון באַאַמטנטום — אין מלוכה־אַפּאַראַט, אין די שטאָטישע און שטעטלשע סאָוועטן, אין די נאַציאָנאַליזירטע אונטערנעמונגען — האָבן נאָך עקזיסטירט געוויסע אַרבעט־מעגלעכ־קייטן.

דער מצב איז געווען נאָך טרויעריקער דערמיט, וואָס עקאָנאָמי־שער חורבן איז געגאַנגען בײנאַנד מיט געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישער פאַרמשפטקייט. דער איבערוועגנדיקער טייל פון דער מיליאָניקער שטעטלשער מאַסע, אַט די זעלבע טאַקע, וועלכע האָבן ניט לאַנג צו־ריק דריי מאָל אַ טאָג געבעטן גאָט פאַר דער רויטער אַרמיי, זיינען אַרונטערגעפאַלן אונטער די רעדער פון דער רעוואָלוציע און באַטראַכט געוואָרן פאַר קלאַסן־שונאים, שיער־ניט פאַר אָפענע קאָנטער־רעוואָלו־ציאָנערן.

צו דער קאַטעגאָריע קלאַסן־שונאים איז פאַררעכנט געוואָרן אוי־טאָמאַטיש, צוגלייך מיט די גייסטלעכע פון אַלע אמונות אויך דער יידישער קלער — אַלע רבנים און דיינים און שוחטים און מוהלים און חזנים און בדחנים און שמשים און מלמדים און כל המינים כלי קודש. צו דער זעלבער קאַטעגאָריע קלאַסן־שונאים איז פאַררעכנט געוואָרן, צוגלייך מיט די פּריצים און קאַפּיטאַליסטן פון גאַנצן לאַנד, אויך די געוועזענע שטעטלשע בורזשואַזיע. אמת, קיין יידישע גוט־באַזיצער און סוחרים פון ערשטער אָדער צווייטער גילדע זיינען דאָרט,

בדרך כלל, נישט געווען בנמצא, דערפאַר אָבער — אַ וועלט געוועזענע קרעמער און מאַרק־הענדלער און דאָרף־גייער און מעקלער און שטעקל־דרייער און סתם לופט־מענטשן פון פאַרשיידנאַרטיקסטן האַנדל־וואַנדל. אין דער אונטערשטער שורה האָט זיך באַקומען, אַז אַ גוטע העלפט פון דער שטעטלשער יידישער באַפעלקערונג און אַ שפּאַרער חלק אויך פון דער שטאָטישער, פון זעלבן סאָציאַלן שטאַנד, האָבן זיך געפונען אין דער קאַטעגאָריע פון די אַזוי גערופענע „לישענצעס", ס׳הייסט בירגער ביי וועמען די ראַטנמאַכט האָט צוגענומען אַלע פּאָליטישע רעכט און פאַרוואַנדלט זיי אין „געוועזענע מענטשן", אין געזעלשאַפט־לעכע פּאַריאַס. די קינדער זייערע האָבן באַדאַרפט אויסבאַהאַלטן — אויב נאָר דאָס איז געווען מעגלעך — אַז זיי האָבן אַזאַ מין פלעק אין דער משפחה.

אין דער דאָזיקער אַטמאָספערע פון פיזישן און גייסטיקן עלנט, איז דער איינציקער ישועה־מאָטיוו געווען „אין דער סאָכע ליגט די מזל־ברכה". (אגב, אָט דאָס ליד פון אליקום צונזער האָט מען געזונ־גען, אין גאַנצן יידישן „תחום", ממש ווי אַ פאָלקס־ליד). דער בליק פון דער פאַרצווייפלטער שטעטלשער באַפעלקערונג, און נישט בלויז שטעטלשער, האָט זיך געוואַנדן — צו דער סאָכע, צום דאָרף, צו ערד־אַרבעט.

די יידישע קאָלאָניזאַציע אין רוסלאַנד, בעיקר אין דרום־אוקראַי־נע, אָבער אויך אין ווייסרוסלאַנד, איז שוין דאַן אַלט געווען אַ קנאַפּן יאָרהונדערט. האַרט ערב דער ערשטער וועלט־מלחמה האָבן, אין די גרענעצן פון צוקונפטיקן סאָוועטן־פאַרבאַנד, געלעבט פון יידישער לאַנדווירטשאַפט העכער פופציק טויזנט נפשות און נעמלעך: אין ווייסרוסלאַנד — 9.105, אין דער רעכט־ברעגיקער אוקראַינע — 2.385 און אין דרום־אוקראַינע — 41.268; אין סך־הכל — 52.758.

די מלחמה, די רעוואָלוציע און בעיקר דער בירגער־קריג מיט דער בלוטיקער כוואַליע פון פּאָגראָמען האָבן דער יידישער לאַנדווירט־שאַפט פאַרשאַפט אומגעהויער שווערע פאַרלוסטן. טייל קאָלאָניעס זיי־נען אינגאַנצן חרוב געוואָרן. אַלע איבעריקע זיינען געבליבן שטאַרק פאַראָרעמט. די קאָלאָניסטן זיינען זיך צעלאָפן אין די שטעט בכדי צו ראַטעווען דעם נפש. געוויסע קאָלאָניעס האָבן פאַרלוירן ביז ניינ־ציק פּראָצענט פון זייער באַפעלקערונג, און כמעט דעם גאַנצן לעבע־

דיקן און טויטן אינווענטאַר. אַזוי שנעל אָבער ווי די פּאָגראָם־כוואַ־ליע איז אָפּגעפֿאַלן, האָבן די יידישע לאַנדווירטן זיך צוריקגעקערט אין זייערע היימען.

אין ווייסרוסלאַנד, וווּ דער בירגער־קריג האָט אָנגענומען ווייניקער שאַרפֿע פֿאָרמען, ווי אין אוקראַינע, און די פּאָגראָם־מגפה איז געווען אַ קלענערע, האָט די שטעטלשע יידישע באַפעלקערונג אָנגעהויבן ציען אין דאָרף אַריין נאָך אין 1919. דאָס יידישע שטעטל און דער ניט־יידישער דאָרף זיינען שוין דאַן ניט געלעגן אין אַזעלכע צוויי אָפּגע־זונדערטע און ווייטע וועלטן, ווי אין די צייטן פון מענדעלעס „מסעות בנימין השלישי". שטעטלשע יידן האָבן אָפּט זיך פאַרנומען מיט אַזוינע פּרנסות ווי גערטנעריי, סעדעריי, פּיצוכט, בינענצוכט וכדומה. דער איבערגאַנג צו ערד־אַרבעט איז פֿאַר זיי ניט געווען פֿאַרבונדן מיט באַזונדערס גרויסע שוועריקייטן. ערד האָבן זיי, בדרך כלל, באַקומען לרוב פון די אָרטיקע מלוכה־אָרגאַנען, וואָס האָבן דורכגעפֿירט די חלוקה פון די פּריצישע גיטער. אויף די צוגעטיילטע ערד־חלקים — כמעט תמיד אין דירעקטער שכנות מיטן שטעטל — האָבן די שטעטל־שע יידן געשאַפֿן אַ גרעסערע צאָל לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָלעקטיוון. די שותפותדיקע פאָרם פון דער באַלעבאַטישקייט האָט געדאַרפט, ראשית, פאַרלייכטערן דאָס אַריינפּאַסן זיך אין די נייע אַרבעט־און לעבנס־באַ־דינגונגען, והשנית, פאַרגרעסערן די אַלגעמיינע זיכערקייט, אין די דע־מאָלטיקע אומרואיקע און אומזיכערע צייטן. דער פּראָצעס פון אַי־בערגיין אויף ערד האָט נישט געשטאַמט פון קיין שום יידישער גע־זעלשאַפטלעכער איניציאַטיוו און ניט געשטיצט זיך אויף קיין שום געזעלשאַפטלעכער הילף. סטיכיש, נאָך די ערשטע געלונגענע פּרוּוון, האָט ער אָנגעהויבן זיך אויסשפּרייטן בליץ־שנעל, טאַקע מיט סטיכי־שער קראַפט.

אָט דער פּראָצעס איז, פאַרשטייט זיך, נישט געבליבן אומבאַ־מערקט פאַר דעם צענטראַלן יידישן קאָמיסאַריאַט. ווי באַקאַנט, האָט דער אָנפירער פון קאָמיסאַריאַט, שמעון דימאַנשטיין, נאָך אין אָקטאָ־בער 1918, אויף דער ערשטער קאָנפערענץ פון די יידישע קאָמוניס־טישע סעקציעס, געשטעלט די פראַגע וועגן דער דרינגענדיקער נויט־ווענדיקייט צו פאַרנעמען זיך מיטן ענין פון יידישער ערד־באַזעצונג — פאַר וואָס ער איז תיכף באַשולדיקט געוואָרן, דורך די אָנוועזנדיקע

קאָמבונדיסטן, אין... ציוניזם. דער יידישער קאָמיסאַריאַט האָט פונ־דעסטוועגן אונטערגענומען אַ ריי צוגרייט־אַרבעטן, געשאַפן אַ באַ־זונדערע עקאָנאָמיש־סטאַטיסטישע קאָמיסיע און זיך געוואָנדן מיט מע־מאָראַנדומס צו פאַרשיידענע אינסטאַנצן. דימאַנשטיין דערציילט וועגן אַ ספּעציעלן שמועס, וואָס ער האָט וועגן דעם ענין געהאַט מיט לע־נינען. „מיר איז אויסגעקומען — שרייבט דימאַנשטיין — צו שטעלן די פראַגע וועגן דער יידישער ערד־אַרבעט פאַר לענינען. לענין האָט זיך שטאַרק פאַראינטערעסירט מיט דער פראַגע, זעענדיק אין דעם אַ גיכן און ראַדיקאַלן אויסוועג פאַר דער שווערער עקאָנאָמישער לאַגע פון די יידישע מאַסן. ער האָט די פראַגע אַוועקגעשטעלט אינעם צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פאַרטיי און ס'איז אָנגענומען געוואָרן אַ באַשטי־מונג פאַרצולייגן די אַנטשפּרעכנדיקע צענטראַלע אָרגאַנען פון דער סאָוועטישער רעגירונג, זיי זאָלן העלפן דעם איבערגאַנג פון די יידי־שע מאַסן צו ערד־אַרבעט. אין איינקלאַנג מיט דער דאָזיקער באַשטי־מונג האָט דער פאָלקס־קאָמיסאַריאַט פאַר ערד־ענינים אינגיכן געגעבן אַ ספּעציעלן צירקולאַר פאַר ערד־אַפּטיילונגען וועגן יידישער ערד־איינאָרדע־נונג. דאָס איז געווען זומער 1919״.*

דער פאָלקס־קאָמיסאַריאַט פאַר ערד־ענינים („פאָלקאָמערד״) האָט טאַקע ווירקלעך, דורך אַ באַשלוס פון 12טן יולי 1919, באַאויפטראַגט די צענטראַלע פאַרוואַלטונג פון ערד־פאָנדן („צענטראָערד״) צו פאַר־נעמען זיך מיטן ענין פון פרייע ערד־פאָנדן פאַר דער יידישער ערד־באַזעצונג. דאָס איז אָבער געווען — אין מיטן זומער 1919, ווען אין גאַנצן לאַנד האָט געפלאַקערט דער בירגער־קריג און אין אוקראַינע האָט יידיש בלוט זיך געגאָסן טייכנווייז. וועגן גרויסע, ווייטצויגיקע פּלענער האָט קוים געקאָנט זיין אַ רייד. די יידישע ערד־באַזעצונג איז ווייטער אָנגעגאַנגען סטיכיש, פּלאַנלאָז, אומאָרגאַניזירט — אָבער מיט גרויס דערפאָלג. אין פרילינג 1923 האָט די יידישע לאַנדווירטשאַפט־לעכע באַפעלקערונג פון סאָוועטן־פאַרבאַנד אויסגעמאַכט שוין 75.911 נפשות, פאַרטיילטע אין פאָלגנדיקע געגנטן: ווייסרוסלאַנד — 19.613, רעכט־ברעגיקע אוקראַינע — 12.408, דרום־אוקראַינע — 43.90. אַזוי אַרום, און ניט געקוקט אויף אַלע גרויזאַמע פאַרלוסטן פון די יאָרן

---

* „יידן אין פ. ס. ס. ר.״, זאַמלבוך, מאָסקווע, 1935, ז. 20.

פון מלחמה, בירגער־קריג און פּאָגראָמען, האָט די צאָל יידישע ערד־אַרבעטער, אין פאַרגלייך מיט 1913, זיך פאַרגרעסערט אויף גאַנצע פינף און פערציק פּראָצענט. עס זיינען צוגעקומען אין דער יידישער לאַנד־ווירטשאַפט, בעיקר אין די יאָרן 1920־1923, אין רעזולטאַט פון סטי־כישן דראַנג נאָך ערד, — און אויך, מען דאַרף עס נישט פאַרגעסן, פון שרעקלעכער נויט — העכער 23.000 נפשות.

פּאַראַדאָקסאַל איז די דאָזיקע דערשיינונג געבליבן כמעט אויסער דעם אינטערעסן־קרייז פון דער אָפיציעלער יידישער געזעלשאַפטלעכ־קייט, ס׳הייסט פון די יידסעקציעס. אויף דער צווייטער קאָנפערענץ פון די יידסעקציעס, דעם 1טן יוני 1919, האָט שמעון דימאַנשטיין ווידער „אַרויסגעשטעלט אַ שלאָג־אויפגאַבע — העלפן די יידישע קליינביר־גערלעכע עלעמענטן, וואָס זיינען רואינירט געוואָרן דורך דער נאַ־ציאָנאַליזאַציע פון האַנדל״. און ווידער איז „די דאָזיקע מיינונג... באַ־קעמפט געוואָרן פון די געוועזענע קאָמבונדיסטן״.*

איינער פון אָט די געוועזענע קאָמבונדיסטן, חפץ, אַמאָליקער פירנ־דיקער טוער פון אוקראַינישן „בונד״, האָט זיך אַרויסגעזאָגט קעגן פּרינציפּ גופא פון באַזונדערע יידישע סעקציעס און דערקלערט קאַטע־גאָריש, אַז „מיר מוזן איין מאָל פאַר אַלע מאָל קלאָר מאַכן, אַז יעדער אויספיר פון קאָמוניזם איז דער היפוך פון וועלכע ניט איז נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען״.** די מערהייט דעלעגאַטן האָט פונדעסטוועגן אויס־געדריקט איר הסכם מיט דער שטעלונג פון דימאַנשטיין. עס איז באַשלאָסן געוואָרן מיטצוהעלפן דעם פּראָצעס פון ערד־באַזעצונג, אָבער — ניט מער ווי מיט עצות טובות, מיט אינפאָרמאַציעס און אָנווייזונגען.

נאָך דער קאָנסאָלידירונג פון דער יעווסעקציע, איז אפילו די דאָזיקע הילף געוואָרן בלויז אַ טעאָרעטישע. די דריטע קאָנפערענץ פון די יידסעקציעס, אין יולי 1920, האָט זיך וועזנטלעך אונטער־שיידט פון די צוויי פריערדיקע קאָנפערענצן. פון די 64 דעלעגאַטן מיט באַשטימונג־רעכט און 22 מיט באַראַטונג־רעכט, איז די איבערוועגנ־

* די יידישע קאָמיסאַריאַטן״, ז. 186.

** דאָרטן, ז. 186.

דיקע מערהייט געהאַט אַריינגעטראָטן אין דער קאָמוניסטישער פּאַר־טיי ערשט מיט איין יאָר פריער, נאָך דער שפּאַלטונג פון „בונד" און פון די „פאַראייניקטע" אין אוקראַינע. אויף די 86 דעלעגאַטן האָבן פריער אָנגעהערט צו אַנדערע פּאַרטייען: 36 צום „בונד", 11 צו די „פאַר־אייניקטע", 7 צו „פועלי־ציון", 2 צו די מענשעוויקעס און 1 צו די אַנאַרכיסטן".*

אויף דער קאָנפערענץ איז שאַרף און פילמאָליק אַטאַקירט גע־וואָרן דער צענטראַלער יידישער קאָמיסאַריאַט און זיין אָנפירער, שמעון דימאַנשטיין. איינער פון די הויפּט־פאָרוואורפן, וואָס איז געמאַכט גע־וואָרן דעם קאָמיסאַריאַט, איז געווען דאָס, וואָס ער האָט געעפנט אַ סטאַטיסטישע אָפּטיילונג, אויף צו פירן אַן עקאָנאָמישע אַרבעט צווישן דער יידישער באַפעלקערונג. דאָס איז דערקלערט געוואָרן פאַר נאַציאָנאַליזם. אברהם מערעזשין, געוועזענער פירנדיקער טוער פון „בונד" און שפּעטערדיקער פאַראַנטוואָרטלעכער פאַר דער גאַנצער בי־ראָבידזשאַן־איבערוואַנדערונג, האָט זיך אַרויסגעזאָגט קאַטעגאָריש קעגן יעדער פאָרם פון אַזאַ מין אַרבעט. ער האָט דערקלערט: „אויב מען וועט אָרגאַניזירן די יידישע קליינבירגער באַזונדער, וועט מען אויך מוזן אָרגאַניזירן די רוסישע און אַנדערע, און עס וועט זיך אָנהויבן אַ קאַמף צווישן די אָרגאַניזירטע קליינבירגערלעכע מאַסן".**

וועגן דער אַלגעמיינער שטימונג פון די יידסעקציעס און זייערע פירער (מען האָט זיי גערופן, מיט אַ ביסל איראָניע, „די יונגע קאָמו־ניסטן") זאָגט אמבעסטן עדות דער פאָלגנדיקער אויסצוג פון דער רעזאָלוציע וועגן קולטור־אַרבעט: די קאָנפערענץ געפינט „אַז די יידי־שע קולטור־אָרגאַנען דאַרפן וואָס גיכער באַפרייען זיך פון יענע קול־טור־טראַדיציעס, וואָס זיינען אַ רעזולטאַט פון אַן אַנדער תקופה און וואָס אַנטשפּרעכן אינגאַנצן ניט דער איצטיקער עפּאָכע פון אַלוועלט־לעכער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע".***

---

* „ידיעות פון צענטראַל־ביוראָ פון די יידישע סעקציעס ביים צענ־טראַל־קאָמיטעט פון דער רוסלענדישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי", נו־מער 1, אָקטיאָבער 1920.

** ש. ב. אַגורסקי: די דריטע קאָנפערענץ פון די יידישע קאָמו־ניסטישע סעקציעס — „די יידישע קאָמיסאַריאַטן".

*** דאָרטן, ז. 358.

אין דער זעלבער צייט, ווי די אָפיציעלע סאָוועטיש־יידישע געזעל־שאַפטלעכקייט האָט מיט גרויס התלהבות אַריינמאַרשירט אין דער עפּאָכע פון אַלוועלטלעכער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע, האָט די סאָ־וועטישע רעגירונג, מיט גרויס מיושבדיקייט, זיך פאַרטראַכט וועגן אָפּקלאַנג — פּאָליטיש און פינאַנסיעל — וואָס די יידישע קאָלאָני־זאַציע אין ראַטנפאַרבאַנד איז מסוגל אַרויסצורופן אין אויסלאַנד בכלל און גאָר באַזונדערס, צווישן אַלוועלטלעכן יידנטום.

אויף דער מאָסקווער אַלפאַרבאַנדישער לאַנדווירטשאַפטלעכער אויס־שטעלונג פון 1923 איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַ ספּעציעלער יידי־שער פּאַוויליאָן, וואָס האָט געדאַרפט באַווייזן די דערגרייכונגען פון יידישער ערד־אַרבעט אין ראַטנפאַרבאַנד. אויף דער דערעפענונג פון יידישן פּאַוויליאָן זיינען אַרויסגעטראָטן מיט רעדעס אַזש צוויי פאָלקס־קאָמיסאַרן, פון צווישן די סאַמע חשובסטע: דער פאָלקס־קאָמיסאַר פאַר אויסערן־ענינים, טשיטשערין און דער פאָלקס־קאָמיסאַר פאַר אויסערן־האַנדל, קראַסין. קיין איינער פון זיי האָט ניט געהאַט די מינדעסטע שייכות צו לאַנדווירטשאַפט.ביידע האָבן אָבער געהאַט אַ גרויסע און דירעקטע שייכות — צו אויסלאַנד. צום ערשטן מאָל האָבן סאָוועטישע מלוכה־מענער זיך געוואָנדן מיט אַ רוף צו די אויס־לענדישע יידן און צו די אויסלענדישע יידישע אָרגאַניזאַציעס, זיי זאָלן שטיצן פינאַנסיעל די יידישע קאָלאָניזאַציע אין ראַטנפאַרבאַנד. די סאָ־וועטישע רעגירונג האָט אַזוי אַרום געפונען פאַר פולשטענדיק נאָר־מאָל צו בעטן הילף, פאַר דער ערד־באַזעצונג פון סאָוועטישע יידן, ביי כלל ישראל, ביי די יידן פון גאָר דער וועלט. דערביי האָט קראַסין אונטערגעשטראָכן, אין זיין רעדע, דעם גרויסן חילוק צווישן יידישער ערד־אַרבעט אין סאָוועטן־פאַרבאַנד און אין פּאַלעסטינע — אַ חילוק, פאַרשטייט זיך, אינגאַנצן לטובת דעם ראַטנפאַרבאַנד.

די גרויסע יידישע הילף־אָרגאַניזאַציעס — ייק״א, אָרט־פאַרבאַנד און דזשאָינט — האָבן אויף דער סאָוועטישער ווענדונג זיך אָפּגערופן שנעל און ברייטהאַרציק. אַזוי למשל איז גלייך אין 1923 געשלאָסן גע־וואָרן אַן אָפּמאַך צווישן דער סאָוועטישער רעגירונג און דער ייק״א (יידישע קאָלאָניזאַציע־געזעלשאַפט, אויף רוסיש: „יעקאָ״) וועגן באַ־נייען די טעטיקייט פון דער אָרגאַניזאַציע אויף דער טעריטאָריע פון ראַטנפאַרבאַנד. אַט די טעטיקייט איז געהאַט איבערגעריסן געוואָרן

דורך דער מלחמה און דעם בירגער־קריג. אין דעם אָפּמאַך געפינט זיך אַ כאַראַקטעריסטישע פּרינציפּן־דערקלערונג: די ייק״א, וואָס איז געווען אַ פילאַנטראָפּישע אָרגאַניזאַציע פאַר־עקסעלאַנס, האָט זיך מתחייב געווען צו פירן אין ראַטנפאַרבאַנד „אַ טעטיקייט נישט פון פילאַנטראָפּיע, נאָר פון ווידעראויפבוי״. עס זיינען געוואָרן פאַרויסגעזען פאָלגנדיקע אַרבעט־געביטן: אַ) רעקאָנסטרוקציע פון די חרובע ווירטשאַפטן אין די אַלטע יידישע קאָלאָניעס פון די געוועזענע כערסאָנער און יעקאַטערינאָסלאַווער גובערניעס; הילף מיט זריעה און אינווענטאַר (לעבעדיקן און מאַשינעס). ב) הילף פאַר האַנטווערקערטום און האַנטווערק־פּרנסות: אַרבעט־אינסטרומענטן, רוישטאָף וכדומה. ג) צוגרייטונג פון דער יידישער יוגנט צו קוואַליפיצירטע פאַכן, סובסידיעס פאַר טעכנישע שולן.* ענלעכע אָפּמאַכן זיינען געשלאָסן געוואָרן מיט דעם אָרט און דעם דזשאָינט.

פון סוף 1923 האָט אין דעם פּראָצעס פון יידישער ערד־באַזעצונג זיך אָנגעמערקט אַ וועזנטלעכע ענדערונג. ער איז נאָך אַלץ געווען אַ סטיכישער, אָבער האָט אויפגעהערט צו זיין אַ בלויז בײַשטעטלשער. דאָס אַריבערגיין אויף ערד איז ביז דאַן נישט געווען פאַרבונדן, בדרך כלל, מיט איבערוואַנדערונג. מען האָט זיך באַזעצט אין דירעקטער שכנהשאַפט מיט די דורותדיקע וווינערטער, האַרט ביים שטעטל, אָדער ניט ווייט פון שטעטל, יעדנפאַלס אין דער זעלבער געגנט. ביסלעכווייז אָבער האָבן די פרייע ערד־שטחים אַרום די שטעטלעך גענומען זיך אויסשעפּן. מען איז געצוווּנגען געוואָרן צו געזעגענען זיך מיט די אַלטע היימען, איבערלאָזן אויף הפקר די ירושה־שטיבלעך — ס׳איז ניט געווען אפילו וועמען זיי צו פאַרקויפן — און זיך לאָזן אין דער ווייט. געגאַנגען איז מען מיטן אַלטן וועג פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע אין רוסלאַנד, ס׳הייסט אויף דרום, צו די אוקראַינישע סטעפּעס, טאַקע קודם צו די אַלטע יידישע קאָלאָניעס, אָבער אויך אין אַנדערע דרומדיקע געגנטן, וווּ ערד האָט ניט געפעלט. אויף אַזאַ אופן האָט די איבערוואַנדער־כוואַליע דערגרייכט אַזש קיין קרים. אין דער צווייטער העלפט פונעם יאָר 1924, איז די יידישע לאַנדווירטשאַפטלעכע

* „פינף יאָר אַרבעט פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע־געזעלשאַפט אין פ. ס. ס. ר.״, אויף רוסיש (1923־1927), מאָסקווע, 1928.

באַפעלקערונג געוואָרן געשאַצט אויף בערך הונדערט טויזנט נפשות, ס'הייסט מיט אַ נייעם צוווקס פון פינף און צוואַנציק טויזנט מאַן.

די יידישע ערד־באַזעצונג איז אַזוי אַרום געוואָרן איינער פון די צענטראַלע פּראָבלעמען פון סאָוועטישן יידנטום, אין רעקאָנסטרוקציע־פּעריאָד פון דער ראַטנפאַרבאַנדישער פאָלקס־ווירטשאַפט, ס'הייסט אין דער ערשטער העלפט פון די צוואַנציקער יאָרן. עס איז מער ניט מעגלעך געווען צו איגנאָרירן דעם פּראָבלעם, אָדער לאָזן אים אויף גאָטס באַראָט. די סטיכיע האָט געמוזט ווערן רעגולירט, אויב נישט — האָט געדראָט אַ כאַאָס. די פינפטע באַראַטונג פון די יידסעקציעס האָט לסוף איינגעזען די נויטוועדיקייט צו פאַרנעמען זיך ערנסט מיטן ענין, צו קאַנאַליזירן דעם אימפּעטיקן שטראָם, אים סיסטעמאַטיזירן און ווענדן, אויף אַ פּלאַנמעסיקן אופן, צו גרויסע ערד־מאַסיוון, מיט אַ פּערספּעקטיוו פון קאָמפּאַקטע יידישע מאַסן־ישובים. דער סטיכישער און כאַאָטישער פּראָצעס האָט געדאַרפט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַן אָרגאַניזירטער, פּלאַניפיצירטער און קאָנטראָלירטער מאַסן־באַוועגונג.

דער תמצית פון דער באַוועגונג און איר פאָן, איר גרונט־לאָזונג, האָט געדאַרפט זיין — פּראָדוקטיוויזאַציע, עקאָנאָמישע און סאָציאַלע אויפריכטונג פון די רואינירטע און דעקלאַסירטע יידישע פאָלקס־מאַסן. דער וועג, וואָס האָט געפירט צו דעם ציל איז געווען — אַגראַריזאַציע, אויסבילדונג פון אַ באַדייטנדיקן שיכט יידישע ערד־אַרבעטער, פון אַן עכטן און אויטענטישן יידישן פּויערטום, צום ערשטן מאָל זינט יאָרהונדערטער, זינט יאָרטויזנטער כמעט. במילא האָט דער פאַרמעסט באַקומען אַ נייעם אויסקלאַנג, אַ נייע קוואַליטעט. דאָס איז שוין געווען לחלוטין עפּעס אַנדערש — און אומגעהויער מער — ווי סתם „עקאָנאָמישע אַרבעט", אָדער ווי „הילף פאַר די רואינירטע קליינבירגערלעכע עלעמענטן". ס'האָט זיך אָנגעצייכנט אַ פּרווו צו איבערשטאַלטיקן פון גרונט אויס די גאַנצע סאָציאַ־עקאָנאָמיק פון אַ פאָלק, וואָס יאָרהונדערטער פון נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג האָבן זי אויסגעקרימט און פאַרקריפּלט.

זומער 1924 זיינען געשאַפן געוואָרן צוויי ספּעציעלע אינסטיטוציעס אויף אָנצופירן מיט דער יידישער מאַסן־קאָלאָניזאַציע — אַ מלוכה־אָרגאַן און אַ געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציע. דער מלוכה־אָרגאַן האָט געהייסן „קאָמיטעט פאַר איינאָרדענען די אַרבעטנדיקע יידן אויף

ערד״, מיטן פֿאַרקירצטן נאָמען „קאָמערד״ (אויף רוסיש „קאָמזועט״). די געזעלשאַפֿטלעכע אָרגאַניזאַציע האָט געהייסן „געזעלשאַפֿט פֿאַר איינאָרדענען אויף ערד אַרבעטנדיקע יידן אין פֿססר״, מיטן פֿאַר־קירצטן נאָמען „געזערד״ (אויף רוסיש: „אָזעט״).

לויט אַ דירעקטיוו פֿון צענטראַל־קאָמיטעט פֿון דער אַלפֿאַרבאַנדישער קאָמוניסטישער פֿאַרטיי, איז דער ערשטער „קאָמערד״ געשאַפֿן געוואָרן אין ווייסרוסלאַנד, דעם 24סטן יולי 1924, דורך אַן אָפּיצילען באַשלוס פֿון צענטראַל־קאָמיטעט פֿון דער ווייסרוסישער קאָמוניסטישער פֿאַרטיי.* זיין אויפֿגאַבע: „אָנהויבן פּלאַנמעסיק אַריבערפֿירן אויף ערד־אַרבעט באַשטימטע טיילן פֿון דער יידישער באַפֿעלקערונג״. אַ קאַרגע וואָך שפּע־טער, דעם 29סטן יולי, איז געשאַפֿן געוואָרן דער „קאָמערד״ אין אוּ־קראַינע, ווידער לויט אַן אָפּיציעלן באשלוס — דאָס מאָל פֿון צענ־טראַל־קאָמיטעט פֿון דער אוקראַינישער קאָמוניסטישער פֿאַרטיי. פּונקט אַ חודש שפּעטער, דעם 29סטן אויגוסט 1924, איז אויפֿן זעלבן אופֿן, דורך אַן אָפּיציעלן באַשלוס פֿון צענטראַל־קאָמיטעט פֿון דער אַלפֿאַר־באַנדישער קאָמוניסטישער פֿאַרטיי, געגרינדעט געוואָרן דער אַלפֿאַר־באַנדישער „קאָמערד״.

בכדי צו אונטערשטרייכן דעם פֿאַקט — פֿון אומגעהויערן פּאָלי־טישן באַטייט — אַז דער ענין פֿון יידישער ערד־באַזעצונג איז נישט בלויז קיין יידישער פּראָבלעם, נאָר אַן אַלגעמיין־סאָוועטישער, האָט די רעגירונג אָוועקגעשטעלט בראש פֿונעם אַלפֿאַרבאַנדישן „קאָמערד״ דעם וויצע־פֿאָרזיצער פֿון אַלפֿאַרבאַנדישן צענטראַלן אויספֿיר־קאָמיטעט (וציק), ס׳הייסט דעם אָפּיציעלן וויצע־פּרעזידענט פֿון ראַטנפֿאַרבאַנד, פּ. ג. סמידאָוויטש (אַ ווייסרוס). צווישן די מיטגלידער פֿון „קאָמערד״ האָבן פֿיגורירט אַ ריי ערשטראַנגיקע סאָוועטישע מלוכה־מענער, אַזעל־כע ווי מ. ליטווינאָוו, י. קראַסין, א״א. אינסטיטוציאָנעל האָט דער „קאָ־מערד״ פֿונקציאָנירט ווי אַן אָרגאַן פֿונעם „וציק״.

די אויפֿגאַבן, וואָס זיינען געוואָרן אָנגעצייכנט פֿאַרן „קאָמערד״, זיינען רעזומירט אין אַ מערקווירדיקן דאָקומענט, וועלכער איז מיט רעכט באַצייכנט געוואָרן ווי אַ היסטאָרישער. דאָס איז אַ באַשלוס פֿון פּרעזידיום פֿונעם אויספֿיר־קאָמיטעט („ציק״) פֿון דער ווייסרוסישער

* ש. דימאַנשטיין, „יידן אין פּ. ס. ס. ר.״, ז. 23.

ראַטן־רעפּובליק, פון 25סטן יולי 1925. דער דאָקומענט לייענט זיך אַזוי:

„די אָקטאָבער־רעוואָלוציע האָט געמאַכט אַ סוף צו דער נאַציאָנאַלער רעכטלאָזיקייט און צו די נאַציאָנאַלע רדיפות און האָט איינגעשטעלט אין פאַרבאַנד פון די סאָוועטישע רעפּובליקן גלייכבאַרעכטיקונג פאַר אַלע פעלקער אָן אויסנאַם.

„כדי אָבער אויסצורייסן מיטן שורש די ירושה פונעם לאַנגיאָריקן יאָך; כדי ענדגילטיק ליקווידירן אַלע רעשטלעך פון פינצטערן עבר, איז נישט גענוג אַרויסצוגעבן געזעצן, וואָס שטעלן איין נאַציאָנאַלע גלייכבאַרעכטיקונג. די סאָוועטישע מאַכט שטעלט זיך פאַר אַן אויפגאַבע צו פאַרווירקלעכן נישט נאָר יורידישע גלייכבאַרעכטיקונג נאָר טאַקע אַ פּאַקטישע גלייכע לאַגע פון אַלע פעלקער, איינפירן גלייכבאַרעכטיקונג נישט אין ווערטער, נאָר אין לעבן.

„אַרויסגייענדיק פון דעם דאָזיקן שטאַנדפּונקט, האַלט דער צענטראַלער אויספיר־קאָמיטעט פון דער ווייסרוסישער רעפּובליק פאַר נויטיק צו ווענדן אַ באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט אויף דער שרעקלעכער לאַגע פון די יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן, וואָס איז אַ דירעקטער רעזולטאַט פון יאָרהונדערטער רדיפות.

„די רדיפות און באַגרענעצונגען האָבן פאַרצוימט פאַר די יידישע ארבעטנדיקע מאַסן דעם וועג צו אַ גאַנצער ריי צווייגן פון פּראָדוקטיווער אַרבעט.

„די יידן זיינען געווען פאַרשפּאַרט אין די גובערניעס פון תחום, נאָר אויך אין די דאָזיקע גובערניעס האָבן זיי ניט געטאָרט וווינען אויסער די שטעט און שטעטלעך. זיי זיינען ניט צוגעלאָזט געוואָרן נישט אויף מלוכהשע שטעלעס, נישט צו אַרבעט אויף די אייזנבאַנען, נישט אין דער שווער־אינדוסטריע. זיי האָבן ניט געטאָרט קויפן קיין ערד און האָבן ניט געטאָרט וווינען אין דערפער. זיי האָבן געמעגט זיך באַשעפטיקן נאָר מיט האַנדל און האַנטווערק. דער רעוואָלוציאָנערער קאַמף פון די יידישע אַרבעטער האָט אַרויסגערופן נאָך גרעסערע פאַרפאָלונגען פון דער צאַרישער רעגירונג. אָן רעכט פון פרייער באַוועגונג, תמיד געיאָגט נאָך אַ שטיקל ברויט, האָט די יידישע אַרבעטנדיקע באַפעלקערונג אַלץ מער זיך צונויפגעשטופּט אין די שטעט און שטעטלעך און איז אַלץ מער און מער אַריינגעפאַלן אין אַ שרעקלעכן דלות. די אימפּעריאַליסטישע מלחמה, דער בירגער־קריג, די גירושים, דאָס פּליכטליגנטום, ענדלעך די פּאָגראָמען — דאָס אַלץ האָט

דערפירט די פּאַראַרעמטקייט פון דער יידישער מאַסע ביזן לעצטן גרענעץ פון נויט.

„דער וווּקס פון דער סאָוועטישער ווירטשאַפט, די אַנטוויקלונג פון דער קאָאָפּעראַציע מאַכן נאַטירלעך און אומפאַרמיידלעך צו נישט די ראָל פון יידישן קליינעם הענדלער און זעלבשטענדיקן בעל־מלאכה.

„אויף אַזאַ אופן קומען צו יעדן טאָג צו די טויזנטער און צענ־דליקער טויזנטער קרבנות פון דער מלחמה און פּאָגראָמען און פון דער קאָנטער־רעוואָלוציע, נייע און נייע מאַסן אַרויסגעשטויסענע פון פּראָדוקציע־פּראָצעס, אָן מיטלען צום לעבן, וועלכע מוזן זיך לאָזן אויפן וועג פון ספּעקולאַציע, קאָנטראַבאַנדע און בעטלערטום.

„די סאָוועטישע מאַכט שטרעבט צו עפענען אַ וועג צו פּראָדוק־טיווער אַרבעט אַט פאַר די אַלע מאַסן. ביי דער לאַנגזאַמער אַנטוויק־לונג פון דער אינדוסטריע, באַקומט אַ באַזונדער וואָג דער איבער־גאַנג צו לאַנדווירטשאַפטלעכער אַרבעט. צווישן די יידישע אַרבעטער־מאַסן מערקט זיך אַלץ מער און מער אַ נטיה צו ערד. די פּראַקטיק פון די יידישע לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָלאָניעס און קאָלעקטיוון אין אוקראַינע און ווייסרוסלאַנד האָט באַוויזן, אַז די יידישע באַפעלקערונג איז פעיק צו ערד־אַרבעט, נעמט גרינג אויף די פאָרמען פון קאָלעק־טיוון ערד־אייגנטום און די מער פּולקומענע מעטאָדן פון ווירטשאַפט־פירונג. אויף דער אַלסאָוועטישער לאַנדווירטשאַפטלעכער אויסשטע־לונג האָט דער יידישער פּאַוויליאָן צוגעצויגן די אַלגעמיינע אויפמערק־זאַמקייט און איז שטאַרק געוואָרן געלויבט.

„ווי קליין ס׳איז ניט דער פרייער ערד־פאָנד פון ווייסרוסלאַנד, רעכנט דאָך דער צענטראַלער אויספיר־קאָמיטעט, אַז אויף דעם דאָ־זיקן פאָנד האָבן רעכט גלייך מיט דער אָרטיקער לאַנדווירטשאַפטלע־כער באַפעלקערונג אויך יענע, וועמען די צאַרישע באַגרענעצונגען האָבן פאַרשטעלט דעם וועג צו ערד און וועלכע שטרעבן איצט, נאָך דעם ווי די קנעכטשאַפט און רעכטלאָזיקייט זיינען בטל געוואָרן, צו לאַנדווירטשאַפטלעכער אַרבעט.

„דעריבער באַשליסט דער פּרעזידיום פון צי״ק:

„ביים פאַרטיילן דער רעזערוו פון ערד־פאָנד, וועלכער ווערט פעסטגעשטעלט אין רעזולטאַט פון די דורכגעפירטע אַרבעטן און פון דער מעליאָראַציע און אויך אַלס רעזולטאַט פון פאַרוואַנדלען וואַלד־פעלצער אין לאַנדווירטשאַפטלעכע ערד־פאָנדן — נעמען אין אַכט אויך

די מעלדונגען פון יידן, יחידים און קאָלעקטיוון, אפילו אויב זיי האָבן זיך ביז איצט נישט פאַרנומען מיט ערד־אַרבעט, און באַפרידיקן די לעצטע באַגלייך און אויף די זעלבע רעכט מיט דער אַרטיקער לאַנד־ווירטשאַפטלעכער באַפעלקערונג״.*

דער דאָזיקער דאָקומענט איז דערגענצט געוואָרן דורך אַ צוגאָב, פון אומגעוועגלעכן, ממש סימבאָלישן באַטייט. דער דעקרעט פון צי״ק האָט פאַראָרדנט אָנצונעמען די ערד־בקשות פון יידן „באַגלייך און אויף די זעלבע רעכט״, ווי פון ניט־יידן. איז אָבער באַלד אויפגעשווומען אַ האַרבע שאלה: לויטן סאָוועטישן געזעץ, האָבן נישט געקאָנט אָנ־געהערן צו קיין שום איבערוואַנדערישע לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָלעק־טיוון בירגער, ביי וועמען די רעוואָלוציע האָט צוגענומען דאָס וואַל־רעכט, ס׳הייסט די קאַטעגאָריע פון די א״ג „לישענצעס״, צו וועלכער עס זיינען אָבער דווקא געווען פאַררעכנט די מערהייט שטעטלשע יידן. אַ ספּעציעלער צירקולאַר פון די פאָלקס־קאָמיסאַריאַטן פון לאַנדווירט־שאַפט און פון יוסטיץ האָט דעריבער אויפגעקלערט, אַז דער אַלגעמיי־נער פאַרבאָט פאַר „לישענצעס״ איז נישט חל אויף יידן, אפילו געווע־זענע הענדלער. דאָס איז געווען, אין פולן זין פון וואָרט, אַ מין אויס־נאַם־געזעץ, אָבער — צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע — לטובת יידן.

דער דעקרעט פון ווייסרוסישן צי״ק און דער צוגאָב־צירקולאַר האָבן אין גאָר דער יידישער וועלט געמאַכט אַ טיפן רושם. (אגב, ענ־לעכע דעקרעטן זיינען דערשינען אויך פאַר אוקראַינע און פאַר דער רוסלענדישער פעדעראַטיווער רעפּובליק). אפילו אַזאַ פּרינציפּיעלער קעגנער פון קאָמוניזם און פון ראַטנפאַרבאַנד, ווי דער עקאָנאָמיסט יעקב לעשצינסקי, האָט מיט יאָרן שפּעטער אונטערגעשטראָכן: „די באָלשעוויסטישע מאַכט, די צענטראַלע אין דער אַבסאָלוטער מאָס, אָבער אין אַ גאַנץ גרויסער מאָס אויך די לאָקאַלע, האָט פון ערשטן מאָמענט אָן אַרויסגעוויזן אַ ברייטהאַרציקייט און אַ נשמה־גרייטקייט, וואָס יידן האָבן נישט געהאַט אין קיין שום לאַנד אין זייער לאַנגן גלות״.**

* ציטירט לויט: יעקב לעשצינסקי, „דאָס סאָוועטישע יידנטום״, ניו־יאָרק 1941, ז. 191־193.

** דאָרטן, ז. 189.

גלײַכצײַטיק מיטן קאָמערד, הגם פאָרמעל, עטלעכע חדשים שפּעטער, איז געשאַפן געוואָרן דער געזערד: די „געזעלשאַפט פאַר אײַנאָרדענען אויף ערד אַרבעטנדיקע ײדן אין פסס״ר.* דורכן קאָמערד, איז גע־קומען צום אויסדרוק די מלוכה: זי האָט אויסגעאַרבעט באַזעצונג־פּלע־נער, אויסגעטײלט ערד־שטחים, אַסיגנירט קרעדיטן וכדומה. דורך גע־זערד האָט געדאַרפט קומען צום אויסדרוק די געזעלשאַפטלעכקייט גו־פא; אין פּרינציפּ, די סאָוועטישע געזעלשאַפטלעכקייט בכלל — די אָרגאַניזאַציע איז נישט געווען קיין ספּעציעל ײדישע — פּאַקטיש אָבער, די ײדישע געזעלשאַפטלעכקייט, אין ברייטסטן זין גענומען, ס׳הייסט, פּאַרטייאישע און אומפּאַרטייאישע. די אויפגאַבע פון געזערד איז גע־ווען: אַרײַנברענגען אין דער ײדישער ערד־באַזעצונג פּלאַנמעסיקייט און אָרדענונג, העלפן אָפּקלייבן דעם געהעריקן מענטשן־מאַטעריאַל, צוגרייטן די איבערוואַנדערער טעכניש און געזעלשאַפטלעך, אַריבער־פירן זײ אויף די באַשטימטע ערטער, געבן די ערשטע נויטיקע הילף בײַם אויפשטעלן הײַזער, בײַם אײַנקויפן אינווענטאַר און בכלל בײַ דער אָרגאַניזאַציע פון די נײַע ישובים. די ווײַטערדיקע אײַגנטלעך־לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעט פון די ישובים איז שוין געפירט געוואָרן בלויז אונטער דער אַלגעמיינער השגחה פון געזערד און אונטער דער פּאַקטישער לייטונג פון די הילף־אָרגאַניזאַציעס — אָרט, ייק״א און דזשאָינט.

אויפן געזערד איז אַרויפגעלייגט געוואָרן נאָך אַ צווייטע אויפגאַ־בע, פון אַן אַנדער מין — אויפקלערונג און פּראָפּאַגאַנדע, הן אין לאַנד, הן אין אויסלאַנד. מיט דעם איז אויך געווען פאַרבונדן דער ענין פון אויסלענדישער הילף. די סאָוועטישע מלוכה, וואָס האָט ערשט געהאָט אָנגעהויבן צו פאַרהיילן די וווּנדן פון מלחמה און בירגער־קריג, איז נישט געווען בכוח צו פינאַנסירן אַליין און אינגאַנצן די ײדישע ערד־באַזעצונג. זי האָט אָבער גאָרנישט געהאַט דערווידער, אדרבא, אַז אויס־לענדישע ײדן זאָלן דעקן אַ טייל פון די הוצאות. דער ערשטער אַל־ווײַסרוסישער צוזאַמענפאָר פון ײדישע פּויערים, אין נאָוועמבער 1924, האָט זיך געוואַנדן מיט אַ רוף „צו די ײדישע אַרבעטנדיקע אין אויס־לאַנד״, זײ זאָלן מיטהעלפן דער ײדישער ערד־באַזעצונג אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. דער רוף איז תיכף אויפגענומען געוואָרן, בעיקר אין די

---

* ש. דימאַנשטיין, „ײדן אין פסס״ר״, ז. 22.

יידישע פּראָסאָוועטישע קרייזן. גלייך אין דעצעמבער 1924 איז אין ניו־יאָרק געגרינדעט געוואָרן די געזעלשאַפט „איקאָר" („אידישע קאָ־לאָניזאַציע אין ראַטנפאַרבאַנד"), וועלכע האָט במשך פון די שפּעטער־דיקע יאָרן איבערגעשיקט קיין ראַטנפאַרבאַנד פאַר הונדערטער טויזנטער דאָלאַרן פאַרשיידענע לאַנדווירטשאַפטלעכע מאַשינען און אינסטרומענטן. בערך אין דער זעלבער צייט איז אין בוענאָס־איירעס געשאַפן געוואָרן דער אַרגענטינער „פּראָקאָר", מיט די זעלבע צילן, ווי דער אַמעריקאַנער „איקאָר". ענלעכע הילף־אָרגאַניזאַציעס זיינען געגרינדעט געוואָרן אין כמעט אַלע גרעסערע יידישע ישובים פון גאָר דער וועלט. וועגן אָפּקלאַנג פון דער יידישער סאָוועטישער קאָלאָניזאַציע זאָגט אַמבעסטן עדות דער פאַקט, וואָס די גרעסטע אַמעריקאַנער יידישע הילף־אָרגאַניזאַציע, דער דזשאָינט, האָט אין 1924 געשאַפן אַ באַזונדער שוועסטער־אָרגאַניזאַציע, דעם אַגראָ־דזשאָינט
American Jewish Joint Agricultural Corporation, מיטן איינציקן ציל צו ברענגען הילף דער יידישער לאַנדווירטשאַפט אין ראַטנפאַר־באַנד.

פאַר אַ פאָרזיצער פון געזערד איז אויסגעוויילט געוואָרן דער אָנ־געזעענער סאָוועטישער פּובליציסט און עקאָנאָמיסט, מיטגליד פון וואַצ"ק און פון קאָמערד, יורי לאַרין (לוריע), אַ זון פון קיעווער „קאַזיאָנעם רב". נאָך זיין פריצייטיקן טויט, אין 1932, האָט דעם אַמט פון פאָרזי־צער פאַרנומען, במשך פון לאַנגע יאָרן, שמעון דימאַנשטיין. אויפן נאָ־מען פון יונג פאַרשטאָרבענעם ערשטן פאָרזיצער פון געזערד, איז אָנ־גערופן געוואָרן איינער פון די צוויי יידישע נאַציאָנאַלע ראַיאָנען אין קרים — דער לאַרינדאָרפער ראַיאָן. דימאַנשטיין איז געווען אויך דער הויפּט־רעדאַקטאָר פון דער געזערד־צייטשריפט, „טריבונע פון דער יידישער סאָוועטישער געזעלשאַפטלעכקייט", וואָס איז דערשינען, אויף רוסיש, פון יאָר 1927 אָן, צוערשט ווי אַ חודש־שריפט און שפּעטער צוויי מאָל אַ חודש. דאָס איז געווען די איינציקע יידישע פעריאָדישע צייטשריפט אין רוסיש, אין גאַנצן ראַטנפאַרבאַנד.

דער פאָרמעסט פון קאָמערד־געזערד איז תיכף געווען אַ גראַנדיע־זער. עס זיינען אָנגעוואָרפן געוואָרן פאַרשיידענע פּלענער. אגב, לאַרין איז געווען אַ ספּעציאַליסט פון פּלאַניפיקאַציע, אָפט אויך פון פאַנטאַס־טישער פּלאַניפיקאַציע. די גאַנצע תקופה אָבער און טאַקע אויך דער געביט — דאָס לאָזן זיך אויף ערד, אין די סטעפּעס — האָט געאָ־

טעמט מיט מעשה־בראשיתדיקער פֿאַנטאַסטיק. סוף כּל סוף איז אָנגעצייכנט געוואָרן אַן א״ג „פּערספּעקטיוו־פּלאַן״, אויף גאַנצע צען יאָר, פֿון 1927 ביז 1936. במשך פֿון די צען יאָר, האָבן געדאַרפֿט באַזעצט ווערן אויף ערד הונדערט טויזנט יידישע משפּחות, ס׳הייסט אַ האַלבער מיליאָן יידן. אמת, אין דעם האַלבן מיליאָן זיינען שוין אַריינגערעכנט געוואָרן די העכער צען טויזנט משפּחות איבערוואַנדערער, וואָס האָבן זיך באַזעצט אויף די צוגעטיילטע ערד־שטחים פֿון אוקראַינע און קרים אין די יאָרן 1925/1924 און 1926/1925, דערפֿון צוויי דריטל אין אוקראַינע און איין דריטל אין קרים. דער „פּערספּעקטיוו־פּלאַן״ איז געווען אַ געניי דורכגעשטודירטער און דעטאַליזירטער. דער ריטם פֿון דער איבערוואַנדערונג האָט געדאַרפֿט זיין פֿאָלגנדיקער: אין 1927 — 6.000 משפּחות, אין 1928 — 7.000, אין 1929 — 8.000, אין 1930 — 9.000 און אין יעדן איינעם פֿון די זעקס יאָר פֿון 1930 ביז 1936 — צו 10.000 משפּחות. צו די דאָזיקע צאָלן זיינען צוגערעכנט געוואָרן די צען טויזנט שוין באַזעצטע משפּחות פֿון 1926/1924.

די „פּערספּעקטיוו״־צאָל פֿון אַ האַלבן מיליאָן איבערוואַנדערער האָט נישט אויסגעזען קיין גוזמאדיקע און אוודאי ניט קיין פֿאַנטאַסטישע. בלויז ביי אַ טיילווייזער רעגיסטראַציע, צווישן דער יידישער באַפֿעלקערונג, אין דער ערשטער העלפֿט פֿון 1926, האָבן זיך פֿאַרשריבן אויף ערד־אַרבעט העכער 40.000 משפּחות.* דער דראַנג צו ערד איז געווען אַן אַלגעמיינער, נישט בלויז ביים עלטערן דור, נאָר אויך ביי דער יוגנט. עס האָט זיך פֿונאַנדערגעוויקלט, אין איר גאַנצן בראשיתדיקן צויבער — מיט דער ראָמאַנטיק פֿון די אומענדלעכע אוקראַינער סטעפּעס און פֿון „אַ שטיבעלע אין קרים״ — די שטוינענדיקע עפּאָפּייע „ערד״, וואָס האָט זיך באַלד צעקלונגען אין דער גאַנצער יידיש־סאָוועטישער ליטעראַטור. אין דער צווייטער העלפֿט פֿון 1926, האָט די יידישע לאַנדווירטשאַפֿטלעכע באַפֿעלקערונג פֿון ראַטנפֿאַרבאַנד אויסגעמאַכט 150.000 נפשות, ס׳הייסט דריי מאָל אַזוי פֿיל, ווי ערב דער וועלט־מלחמה און טאָפּלט ווי בסך הכּל מיט דריי יאָר פֿריער, אין 1923.

אַזאַ מין דערפֿאָלג האָט נאַטירלעך געגעבן פֿליגל די סאָוועטישע טוער. דער עקאָנאָמיסט י. קאַנטאָר, איינער פֿון די פֿירער פֿון אָר־קראַינער געזערד, האָט געשריבן: „ווען מיר פֿאַרגלייכן די דאָזיקע

---

* דימאַנשטיין, „יידן אין פּסטר״, ז. 22.

רעזולטאַטן מיט דעם, וואָס מיר האָבן פאַר צענדליקער יאָרן באַקומען אין פּאַלעסטינע און אין אַרגענטינע, זעען מיר, אַז ניט געקוקט אויף דעם, וואָס סיי יעק״אַ אין אַרגענטינע און סיי די ציוניסטן צוזאַמען מיט דער יעק״אַ אין פּאַלעסטינע האָבן אויסגעבראַכט גרויסע צענדליקער מיליאָנען געלט, איז דאָרט באַשאַפן געוואָרן אין משך פון 25 יאָר אַ גאַנץ קליין יידיש פּויערטום: אין אַרגענטינע 30.735 נפשות און אין פּאַלעסטינע אינגאַנצן 15.000 נפשות. אַנדערש געזאָגט, איןביידע לענדער צוזאַמען — אַ העלפט פון דעם, וואָס אין ראַטנפאַרבאַנד האָבן מיר פאַר די ערשטע צוויי יאָר״.*

די סיבות פונעם דערפאָלג זעט י. קאַנטאָר אַזוי: „קורץ גערעדט, האָט די יידישע קאָלאָניזיר־אַרבעט אין ראַטנפאַרבאַנד אַזאַ גיכן דערפאָלג מחמת דעם, וואָס די אָרגאַניזיר־אַרבעט קומט פאָר ניט אין אַ בורזשואַז־קאַפּיטאַליסטישער מלוכה, נאָר אין אַ לאַנד, ווו ביי דער מאַכט שטייט דער אַרבעטער־קלאַס און ס׳בויט זיך די סאָציאַליסטישע ווירטשאַפט.

„דאָס באַטייט:

„אַ) אין דער צייט, ווען אין אַלע בורזשואַז־קאַפּיטאַליסטישע לענדער מוזן קאָלאָסאַל־גרויסע סומען אויסגעגעבן ווערן אויף איינצוקויפן דעם ערד־באָדן (אין פּאַלעסטינע קאָסט אַן ערד־נחלה פאַר ווירטשאַפט נישט ווייניקער ווי 10.000 רובל), גיט די ראַטנמאַכט ערד בחינם.

„ב) אין די בורזשואַז־קאַפּיטאַליסטישע באַדינגונגען איז עס כמעט ווי ניט מעגלעך, אַז דער שטאָטישער איינוווינער זאָל אַריבערגיין צו ערד־אַרבעט. דער אַלגעמיינער פּראָצעס פון קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפט איז אַ פאַרקערטער: די איבערוואַנדערונג גייט פון דאָרף אין שטאָט. דאָ ווירקן סטיכישע געזעצן און ס׳איז דעריבער אַן אוטאָפּיע צו קלערן, אַז דער יידישער שטאָטישער איינוווינער וועט וועלן און קאָנען אין אַ מאַסן־מאַסשטאַב אַריבערגיין דאָרט צו ערד־אַרבעט. אין ראַטנפאַרבאַנד איז די לאַגע אַן אַנדערע. אויף וויפל אונדזער ווירטשאַפט בויט זיך פּלאַנמעסיק... ווערן ביי אונדז אויך רעגולירט די פּראָצעסן, וואָס קומען פאָר צווישן שטאָט און דאָרף.

---

* י. קאַנטאָר, „ראַטנבויאונג אין דער יידישער סביבה״, קיעוו 1928, ז. 139. אויף ווייטער: י. קאַנטאָר, „ראַטנבויאונג...״

„ג) קיין מלוכה אין דער וועלט שטרעבט ניט באמת מיטצוהעלפן דערצו, אַז דאָס יידיש לעבן זאָל איבערגעבויט ווערן אויף נייע יסו־דות. די יידישע קאָלאָניעס סיי אין פּאַלעסטינע, סיי אין אַרגענטינע — דאָס איז נאָר אַ מיטל פאַר די צוועקן פון די בורזשואַזע לענדער; דאָס איז אַ דיפּלאָמאַטישע שפּיל מיט די אינטערעסן פון דער יידי־שער באַפעלקערונג. קיין ממשותדיקע שטיצע פאַר דער יידישער באַ־פעלקערונג זאָלט איר דאָ נישט זוכן. ראַטנפאַרבאַנד איז די איינציקע מלוכה אין דער וועלט, ווו די יידישע ערד־איינאָרדענונג איז נישט קיין דיפּלאָמאַטישע הינטערשטיק, קיין ווערטער־שפּיל, נאָר אַ קאָנקרעטע און פּראַקטישע מלוכה־אויפגאַבע, וואָס ווערט פון טאָג אויף טאָג רע־אַליזירט אויף אַ מלוכהשן אופן". *

ס'איז אינטערעסאַנט אָפּצומערקן, אַז אַן ענלעכע איינשטעלונג, הגם נישט מיט די זעלבע מאָטיווירונגען, איז געווען פאַרשפּרייט צווישן די יידישע געזעלשאַפטלעכע קרייזן אויך אויסער די גרענעצן פון ראַטנפאַרבאַנד. אַזוי למשל האָט דער געוועזענער מיניסטער פאַר יידישע ענינים פון דער אוקראַינער רעגירונג, דר. משה זילבערפאַרב באַחשבונט, אַז אין סאָוועט־רוסלאַנד „וועט די איינאָרדענונג פון איין פאַמיליע אויף ערד קאָסטן דער יידישער געזעלשאַפט (די אייגענע געלטער פון די קאָלאָניסטן אויך אַריינגערעכנט) דורכשניטלעך 600 דאָלאַר — צען־צוועלף מאָל ביליקער אין פאַרגלייך מיט די קאָלאָניזיר־קאָסטן פון איין יידישער פאַמיליע אין פּאַלעסטינע". **

„ס'וועט דעריבער נישט זיין קיין גוזמא — האָט ער געשריבן — ווען מיר וועלן זאָגן, אַז די קאָלאָניזאַציע אין ראַטנפאַרבאַנד איז פאַר יידן די ביליקסטע אויף דער גאַרער וועלט. דאָ, אין ראַטנפאַרבאַנד, האָט זיך פאַר דער יידישער קאָלאָניזאַציע געשאַפן אַ זעלטן־גינסטיקע קאָניונקטור, וועלכע באַשטייט דערין וואָס: 1) דער קאָלאָניזאַציע־גע־ביט ליגט אַזוי נאָענט צום אויסוואַנדערונגס־געביט פון די קאָלאָניסטן, אַז די רייזע און טראַנספּאָרט־קאָסטן קומען כמעט נישט אין באַ־טראַכט...; 2) די ערד ווערט געגעבן דעם קאָלאָניסט אינגאַנצן אומ־

---

* דאַרטן, ז. 140 און 141.

** דר. משה זילבערפאַרב, „געזאַמלטע שריפטן", באַנד איינס, וואַר־שע, 1935, ז. 183.

זיסט...; 3) די ראַטן־רעגירונג שטיצט אויסער דעם די יידישע קאָ־לאָניזאַציע דורך פאַרשיידענע אירע אינסטיטוציעס מיט קרעדיטן, וועל־כע האָבן אַ טענדענץ צו שטייגן״.*

און אַט איז דער אויספיר, וואָס עס האָט געמאַכט דר. זילבער־פאַרב:

„די יידישע קאָלאָניזאַציע אין ראַטנפאַרבאַנד (האָט) דערגרייכט פאַר אַ האַלבן צענדליק יאָר אַזעלכע קאָלאָסאַלע רעזולטאַטן, וועלכע זיינען ביז איצט נישט געווען באַקאַנט אין דער יידישער געשיכטע. דער פאַרנעם און דער טעמפּ פון דער דאָזיקער באַוועגונג זיינען אַזוי ווייט אומדערוואַרטעט, אַז מ׳מוז אָנהויבן צו גלויבן, אַז דער אָנגעמערק־טער פּלאַן צו באַזעצן אַ האַלבן מיליאָן יידן אויף ערד, איז נישט קיין חלום און אפילו נישט קיין פּשוטער טעאָרעטישער פּאָסטולאַט, נאָר אַ רעאַלע פּראָגראַם, וואָס לאָזט זיך, ביי געוויסע באַדינגונגען, דורכ־פירן אין לעבן, אויב נישט ביזן יאָר 1930, ווי מען רעכנט, איז מיט אַ צענדליק יאָר שפּעטער״.**

* דאָרטן, ז. 184.
** דאָרטן, ז. 185.

קאַפּיטל פינף

קיום האומה — יידישער נאַציאָנאַליזם פון אַ רוסישן מלוכה־פּרעזידענט

דעם 15טן יוני 1926 האָט דער פּרעזידיום פונעם אַלפאַרבאַנדישן אויספיר־קאָמיטעט (וצי״ק) אָנגענומען אַן אָפיציעלן באַשלוס וועגן „פּערספּעקטיוו־פּלאַן״ צו באַזעצן אויף ערד אַ האַלבן מיליאָן יידן. אין דעם באַשלוס איז דערקלערט געוואָרן, אַז דער דאָזיקער פּלאַן „אַנט־שפּרעכט סיי די אַלגעמיין־מלוכהשע אינטערעסן, סיי דער נויט פון דער יידישער אַרבעטנדיקער באַפעלקערונג״.

אין דער זעלבער צייט, וואָס עס איז אַזוי אַרום אָפיציאַליזירט געוואָרן מיט טריומף, דער צוערשט סטיכישער פּראָצעס פון יידישער ערד־באַזעצונג, האָט זיך אָנגעצייכנט, פּאַראַלעל, און לכתחילה אויך סטיכיש, אַ צווייטער פּראָצעס — נישט קיין קעגנזעצלעכער, אָבער וועלכער האָט טיף באַווירקט דעם פּאַרנעם, דעם ריטם און דאָס גאַנ־צע ספּעציפיש געוויכט פון דער יידישער אַגראַריזאַציע. דאָס איז געווען דער פּראָצעס פון אַריינדרינגען אין דער אינדוסטריע.

דאָס יאָר 1925 איז פאַרן ראַטנפאַרבאַנד געווען אַ גורלדיק יאָר פון פרשת דרכים. עס איז קלאָר געוואָרן, אַז די האָפענונג אויף אַ וועלט־רעוואָלוציע האָט זיך נישט באַרעכטיקט. די רעוואָלוציעס אין דייטשלאַנד, אין אונגאַרן, אין איטאַליע, אין בולגאַריע האָבן זיך גע־ענדיקט מיט בלוטיקן דורכפאַל. די רעוואָלוציאָנערע כוואַליע פון צענ־טראַל־און מערב־אייראָפּע איז אָפּגעפּלאָסן. קיינער האָט מער ניט באַ־לאַגערט די טירן פון קאָמאינטערן, בעלנים אויף אָנשלוס זיינען גע־וואָרן אַלץ זעלטענער און האָבן באַלד זיך אויסגעלאָזט אינגאַנצן. ס׳איז מער ניט געווען קיין ספק, אַז דער קאַפּיטאַליזם איז אַריינגעטראָטן אין אַ תקופה פון פּאָליטישער און עקאָנאָמישער סטאַביליזאַציע. אַ פּראָ־

גע האָט געקאָנט זײַן בלויז אײנע: װי לאַנג אָט די תקופה איז מסוגל צו דויערן.

במילא אָבער איז געשטעלט געװאָרן אונטער אַ פֿרעג־צײכן דער גורל גופֿא פֿון סאָציאַליזם אין סאָװעטן־פֿאַרבאַנד, די היסטאָרישע פּערספּעקטיװ זײַנע און בעיקר — די מעגלעכקײט אים צו פֿאַרווירקלעכן, אין אָט דעם אויסגעבלוטיקטן און אָפּגעשטאַנענעם לאַנד, בלויז מיט אײגענע כּוחות און בעת די װעלט־רעװאָלוציע האָט דעפֿיניטיװ פֿאַרשפּעטיקט. אין פֿאַרביטערטע קאַמפֿן אינערהאַלב דער קאָמוניסטישער פּאַרטײ האָבן זיך צונױפֿגעשטויסן צוויי קעגנזײַטלעכע קאָנצעפּציעס: די שיטה װעגן „פּערמאַנענטער רעװאָלוציע", פֿון טראָצקין, מיט עיקרדיקע באַװאָרענישן בנוגע דער מעגלעכקײט גופֿא צו פֿאַרווירקלעכן דעם סאָציאַליזם, אין די געגעבענע היסטאָרישע באַדינגונגען; און די שיטה פֿון סטאַלינען װעגן „סאָציאַליזם אין אײן לאַנד". אויף דער 14טער קאָנפֿערענץ פֿון דער אַלפֿאַרבאַנדישער קאָמוניסטישער פּאַרטײ, אין אַפּריל 1925 און אויפֿן 14טן פּאַרטײ־צונױפֿפֿאָר פֿון דעצעמבער 1925, האָט געזיגט דעפֿיניטיװ די סטאַלין־קאָנצעפּציע, װעלכע איז געװאָרן די „גענעראַל־ליניע" פֿון דער פּאַרטײ. ראַטנפֿאַרבאַנד האָט זיך פֿאַרמאָסטן „אויפֿבויען דעם סאָציאַליזם אין אײן לאַנד". דאָס האָט געהײסן קודם כּל פֿאַרװאַנדלען דאָס צוריקגעשטאַנענע אַגראַרלאַנד אין אַ מאָדערנער אינדוסטריעלער מדינה, װאָס זאָל זײַן בכּוח אַלײן צו פֿאַבריצירן איר אײגענע נויטיקע מאַשינען־באַזע, בכדי צו װערן עקאָנאָמיש אומאָפּהענגיק פֿון אויסלאַנד, פֿון דער אַרומיקער קאַפּיטאַליסטישער װעלט. דער שם־המפֿורש פֿון דער גענעראַל־ליניע איז געװאָרן — אינדוסטריאַליזאַציע און באַלד, די פֿינפֿיאָר־פּלענער.

גלײַך אין די ערשטע חדשים פֿון 1926 האָט זיך אָנגעהויבן אַ סטיכישער שטראָם פֿון דער אַרבעטלאָזער יידישער יוגנט — פֿון די שטעטלעך און שטעט — צו דער אינדוסטריע. דער שטראָם איז געגאַנגען דורך די פֿאַבריק־שולן, די טעכניש־פּראָפֿעסיאָנעלע שולן, די קװאַלפֿיקאַציע־קורסן וכדומה. די יידישע יוגנטלעכע האָבן אויף אַזאַ אופֿן באַקומען אַ צוטריט צו פּראָדוקציע־צווײַגן — װי למשל אײַזנבאַן און באַן־אינדוסטריע — װוּ קײן ייד איז פֿריער קײנמאָל ניט געװען בנמצא. דאָס זײַנען געװען בלויז די ערשטע טריט פֿון אינדוסטריאַליזאַציע, בלויז אַ טענדענץ נאָר, װאָס האָבן אָבער תּיכּף זיך אָפּגערופֿן

אויפֿן פֿאַרנעם, און בעיקר אויף דער אינטענסיווקייט פֿונעם פּראָצעס פֿון ערד־באַזעצונג.

דעם 15טן נאָוועמבער 1926 איז אין מאָסקווע, מיט גרויס פֿייער־לעכקייט, דערעפֿנט געוואָרן דער ערשטער אַלפֿאַרבאַנדישער צוזאַמענ־פֿאָר פֿון געזערד, ביי דער אָנוועזנקייט פֿון פֿאָרשטייער פֿון דער פּאַר־טיי און דער רעגירונג, בראש מיטן פּאַרזיצער פֿון וועצי״ק — דעם אָפֿיציעלן מלוכה־פּרעזידענט — מיכאַיל איוואַנאָוויטש קאַלינין. אַ קאָר־גע העלפֿט פֿון די צוזאַמענפֿאָר־דעלעגאַטן (ניינציק אויף צוויי הונדערט) זיינען געווען אומפּאַרטייאיש. עס זיינען אויך געקומען געסט פֿון אויסלאַנד און צווישן זיי — דער געוועזענער מיניסטער פֿאַר יידישע ענינים פֿון אוקראַינע, געוועזענער פֿירער פֿון די „פֿאַראייניקטע״, דר. משה זילבערפֿאַרב.

דער צוזאַמענפֿאָר, נאָך דעם ווי די רעגירונג האָט באַשטעטיקט דעם גראַנדיעזן „פּערספּעקטיוו־פּלאַן״, האָט נאַטירלעך געדאַרפֿט זיין אַ טריומפֿאַלער, הן אין זין פֿון דערגרייכונגען, הן נאָך מער אין זין פֿון פֿאַרמעסטן. ער האָט אָבער אויך, נאָך דעם אַלגעמיינעם פּאָליטישן חשבון־הנפֿש פֿון לאַנד, נישט געקאָנט אויסמיידן צו פֿאַרטראַכטן זיך וועגן אייגענער גורלדיקייט. און לסוף וועט קוים זיין אַ גוזמא צו זאָגן, אַז דער צוזאַמענפֿאָר איז געווען אַ היסטאָרישער, ס׳הייסט, אַ בלייבנ־דיקער אין דער געשיכטע פֿון סאָוועטישן יידנטום. צום ערשטן מאָל האָט אַ פּרעזידענט פֿון דער ראַטן־מלוכה גענומען אַ וואָרט עפֿנטלעך, בכדי צו דערמאָנען וועגן רעכט פֿון יידישן פֿאָלק אויף קיום האומה, מער נאָך — וועגן פֿליכט, וועגן עול פֿון קיום האומה.

די וויכוחים אויפֿן צוזאַמענפֿאָר האָבן זיך געפֿירט אַרום דריי עיקר־פּראָבלעמען: טעריטאָריעס פֿאַר דער יידישער קאָלאָניזאַציע, מע־טאָדן פֿון איבערוואַנדערונג און — די אייגנטלעכע צילן פֿון דער ערד־באַזעצונג.

די פֿראַגע וועגן טעריטאָריעס איז געווען נישט בלויז פֿון ערשט־ראַנגיקער וויכטיקייט, נאָר גלייכצייטיק פֿון אויסערגעוויינלעכער דרינג־גענדיקייט. די פֿרייע ערד־שטחים אויף די סטעפּעס פֿון אוקראַינע, אַט דער דורותדיקער רעזערוואָר פֿאַר יידישער קאָלאָניזאַציע, האָבן אָנגעהויבן זיך אויסצושעפּן. אין דעקרעט פֿון 19טן מאַי 1926 וועגן „די מיטלען אויף צו פֿאַרבעסערן די מאַטעריעלע לאַגע פֿון די יידי־שע אַרבעטנדיקע מאַסן״, וואָס עס האָט פֿאַרעפֿנטלעכט דער ראַט פֿון

די פאָלקס־קאָמיסאַרן און דער פּרעזידיום פון צי״ק פון דער אוקראַי־נער ראַטן־רעפּובליק, זאָגט זיך קלאָר, אינעם פּונקט צוויי: „אין צו־זאַמענהאַנג מיט דעם ערד־דוחק אויף אוקראַינע, וואָס צוליב דעם איז אוממעגלעך אין אַ גענוגנדיקער מאָס צו באַפרידיקן מיט ערד יענעם טייל יידישע באַפעלקערונג, וואָס פאַרלאַנגט אַריבערצוגיין צו ערד־אַרבעט — אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם, ווענדן זיך מיט אַ בקשה צום צי״ק פון פ. ס. ס. ר. אויסצוטיילן פאַר דער יידישער ערד־איינאָרדע־נונג פון אוקראַינע באַשטימטע ערד־שטחים פון די מלוכה־פאָנדן אויף קאַווקאַז, קרים, סיביר און אַנדערע ראַיאָנען". עס איז מעגלעך און אפילו וואַרשיינלעך, אַז אין אָט דעם „ערד־דוחק" האָט אויך געשפּילט אַ געוויסע ראָל דער אומווילן פון טיילן אוקראַינישער באַפעלקערונג צו אַ יידישער מאַסאָווער ערד־באַזעצונג. לכל הדעות איז אויף די אוקראַינער ערד־פאָנדן מער נישט געווען וואָס צו רעכענען.

דער דעקרעט פון 19טן מאַי 1926 האָט געעצהט: קאַווקאַז, קרים אָדער סיביר. פון אָט די דריי געגנטן איז קרים שוין געווען אַ צענטער פון יידישער ערד־באַזעצונג און דווקא איינער פון די אַממערסטן גע־ראָטענע צענטערן. סוף 1926 האָבן דאָרט זיך שוין געפונען קאַרגע טויזנט איבערוואַנדערער־משפחות און זייער קאָלאָניזירונג איז געווען אַ באַזונדערס הצלחהדיקע. אָבער אויך אין קרים זיינען די ערד־רע־סורסן געווען באַגרענעצטע. די פרייע ערד־פאָנדן זיינען געלעגן נישט אין דרומדיקן טייל פון קרימער האַלב־אינדזל, מיט זיין באַרימטן מילדן קלימאַט, נאָר אין צפונדיקן טייל, אין א״ג „סטעפּישן קרים". דווקא אָבער איז דאָרט די ערד נישט געווען פון היכער קוואַליטעט און, ווי־דער אַ מאָל, האָבן ניט געפעלט קיין אַנדערע בעלנים אויף איר — אין דער ערשטער ריי, די אַרטיקע טאַטאַרן. אין בעסטן פאַל האָבן די קרימער ערד־פאָנדן געקאָנט אויפנעמען נישט מער ווי אַ פערט־חלק, צי אַ פינפט־חלק פון די פּראָיעקטירטע הונדערט טויזנט משפחות.

עס זיינען דעריבער געווען נויטיק אויסצוגעפינען, דרינגענדיק, נאָך אַנדערע געגנטן פאַר יידישער ערד־באַזעצונג און די אָנפירער־שאַפט פון געזערד — גאָר באַזונדערס, דער פאָרזיצער יורי לאַרין — האָבן זיך אָפּגעשטעלט קודם כל אויף צוויי פּראָיעקטן:

א) די געגנט פון די א״ג „ביי־אַזאָווישע פלייץ־ערד", אַן אומגע־הויערער שטח ביים דרום־מזרחדיקן ברעג פון אַזאָווישן ים, פון אַלו־וויאַלן, זייער פּרוכטיקן באָדן, צוגעפּאַסט פאַר אינטענסיווער לאַנדווירט־

שאַפט. די געגנט, נישט ווייט פון דער אַלטער יידישער קאָלאָניזאַציע, האָט זיך אָבער געגוויטיקט אין ספּעציעלע טעכנישע איינריכטונגען, מחמת דער באָדן ווערט פאַרפלייצט דורכן ים. ענלעכע איינריכטונגען זיינען מיט דערפאָלג דורכגעפירט געוואָרן אין האָלאַנד.

ב) מערב־צו פון דער ביי־אַזאָווישער געגנט, אין דרום־טייל פון דער געוועזענער כערסאָנער גובערניע — די וויגעלע פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע אין רוסלאַנד — אומגעהויערע שטחים פון זאַמדיקן באָדן, וואָס האָט געזאָלט זיין צוגעפּאַסט, נאָך געוויסע מעליאָראַציע־אַרבעטן, צו וויינגערטנערייי און סעדערייי.

„די סטראַטעגישע ליניע" פון די אַלע פּראָיעקטן איז געווען אַ קלאָרע: די נייע, האַלב־מיליאָניקע יידישע ערד־באַזעצונג האָט געדאַרפט גיין מיטן וועג פון דער כמעט שוין הונדערט־יאָריקער יידישער קאָלאָניזאַציע אין רוסלאַנד, ס׳הייסט — אויף דרום. איר הינטערלאַנד אויף אָנצושפּאַרן זיך האָט געדאַרפט זיין טאַקע די אַלטע איינגעפונדעוועטע יידישע לאַנדווירטשאַפט פון אוקראַינע. דער פאַרשלאַג וועגן סיביר, מיט די באמת אומענדלעכע און פרייע ערד־שטחים, איז אפילו ניט גענומען געוואָרן אין באַטראַכט.

צוזאַמען מיט דער ריכטליניע בנוגע טעריטאָריע, איז פעסטגעשטעלט געוואָרן אויך די ריכטליניע בנוגע די מעטאָדן פון דער איבערוואַנדערונג. די ערד־באַזעצונג האָט געדאַרפט זיין אַ „דורכויסיקע", אויף „דורכויסיקע מאַסיוון", אויף „דורכויסיקע ערד־שטחים" (ריכטיקער, לויטן סאָוועטישן נוסח: „אויף דורכויסיקע ערד־שעטעכן"). דער טראָפּ איז געשטעלט געוואָרן אויף קאָנצענטרירטקייט, אויף דער אויסבילדונג פון „גרויסע, לעבנספעיקע מאַסן־ישובים". דאָס איז געווען אַ רעאַקציע קעגן פריערדיקן פעריאָד פון סטיכישקייט, פון צעשפליטערקייט און אויך קעגן אויספעלן פון אינטערעס צום גאַנצן ענין מצד די יידסעקציעס.

די פּראָבלעמען פון מעטאָד און פאָרם האָבן אָבער געפירט דירעקט צום פּראָבלעם פון אייגנטלעכן תוך, פון טיפערן זין. צו וואָס טאַקע זיינען נויטיק געווען דווקא אָט די „גרויסע לעבנספעיקע מאַסן־ישובים"? ניט שוין זשע בלויז צוליב דעם, עס זאָל זיין לייכטער, באַקוועמער זיי צו באַדינען פּאָליטיש און קולטורעל? ניט שוין זשע האָט זיך געהאַנדלט בלויז וועגן פּראָדוקטיוויזאַציע, וועגן עקאָנאָמישער אויפריכטונג און סאָציאַלער איבערשיכטונג? אויף די דאָזיקע שאלות

איז, אינגאַנצן אומגעריכט, געקומען אַ לחלוטין אומגעריכטע תשובה, פון אַן אַבסאָלוט אומגעריכטן פּוסק. דאָס איז געווען נישט קיין אַנדע־רער, ווי דער פּרעזידענט פון ראַטנפאַרבאַנד, דער שטאַרק פּאָפּולערער און שטאַרק באַליבטער „אַלסאָוועטישער סטאַראָסטאַ״, מיכאַיל איוואַ־נאָוויטש קאַלינין.

קאַלינין איז נישט געווען קיין טעאָרעטיקער און אויך ניט קיין פּאַרטיי־פירער אין ענגערן זין פון וואָרט. זיין אַמט פון מלוכה־פּרעזי־דענט האָט, נאַטירלעך, ניט פאַרגעשטעלט מיט זיך די מינדסטע פּאָ־ליטישע מאַכט־פּאָזיציע. ער האָט אָבער געהערט צו דער גרופּע אַלטע באַלשעוויקעס — פון די סאַמע ראשונים — און די צענדליקער יאָרן פון אונטערערדישן רעוואָלוציאָנערן קאַמף האָבן אים דערנענטערט צו יידישע רעוואָלוציאָנערן, צאַלרייך פאַרטראָטענע אין דער רוסלענדי־שער אַרבעטער־באַוועגונג און אין די צאַרישע תפיסות, און דערוועקט ביי אים אַ פריינדשאַפט צו יידן בכלל, די אממערסטן אונטערדריקטע פון אַלע אונטערדריקטע. דער „אַלסאָוועטישער סטאַראָסטאַ״ האָט גע־שטאַמט פון פּויערים און איז געבליבן, זיין גאַנץ לעבן, פאַרבונדן מיטן דאָרף. זיין פּראָסטער, פּאָלקישער שכל־הישר און זיין פשטות זיינען געווען אַ שם דבר און האָבן אים געמאַכט ברייט באַליבט אין גאַנצן לאַנד. פון דער פּריסטער יוגנט איז ער געוואָרן אַ פּראָלעטאַריער, אַ קוואַליפיצירטער מעטאַל־אַרבעטער, און באַלד אַן אַנגעזעענער אַר־בעטער־פירער, ביי שטרייקן און מאַניפעסטאַציעס אין די וויכטיקסטע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען פון פּעטערבורג און דער פּראָווינץ. אין לעבינס אויגן איז ער געווען דער סימבאָל ממש פון דעם „צוזאַמענ־שלוס״ צווישן פּויערטום און דעם פּראָלעטאַריאַט. ווי אַזעלכער טאַקע איז ער געוואָרן אויסגעוויילט פאַר אַ פאַרזיצער פון וואַצי״ק.

קאַלינין איז געווען אַ מיטגליד פון פּאָליטביוראָ פון דער אַלפאַר־באַנדישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. ס׳איז אָבער ווייניק וואַרשיינלעך, אַז זיין פאַרטראַג אויפן צוזאַמענפאָר פון געזערד זאָל האָבן צוערשט געוואָרן באַטראַכט דורך אָט דער העכסטער פּאַרטיי־אינסטאַנץ. עס איז אין פאַרטראַג ניט געווען קיין סימן פון אָבליגאַטאָרישן מאַרקסיסטישן אַנאַליז און קיין שמץ פונעם אָנגענומענעם פּאָליטישן זשאַרגאָן. דאַקעגן האָט אין אים אָפּגעקלונגען אַ מין נאַציאָנאַלער, שיער־ניט נאַציאָנאַליס־טישער — אָבער יידיש־נאַציאָנאַליסטישער — אונטערטאָן, וואָס האָט גע־מאַכט אויפציטערן דאָס האַרץ ביי אַלע אָנוועזנדיקע דעלעגאַטן און

געסט, אָבער אויפּציטערן אויף אַן אַבסאָלוט קעגנזעצלעכן אופן: ביי איינע — מיט אמתער באַגייסטערונג, ביי די צווייטע — מיט שטוינונג און פּראָטעסט.

און געזאָגט האָט קאַלינין, צווישן אַנדערע, אָט וואָס:

„... עס דוכט זיך מיר, אַז די שטרעבונג, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט אַ באַדייטנדיקן טייל פון דער יידישער פאָלקס־אינטעליגענץ און נאָך אַ גרעסערן שיכט פון דער יידישער אָרעמקייט, דהיינו אַ שטרעבונג צו באַזעצן זיך אויף ערד, האָט אונטער זיך קודם כל אַן עקאָנאָמישע נויטווענדיקייט, דעם באַגער אַזוי צי אַנדערש צו באַפעסטיקן די אייגענע עקאָנאָמישע באַזע. איך מוז אָבער צוגעבן, אַז אויב מיר וועלן צוגיין צו דעם דאָזיקן ענין אידעאָלאָגיש, פון נאַציאָנאַלן שטאַנדפּונקט, האַלט איך, אַז אונטער דער דאָזיקער שטרעמונג פּורעמט זיך אויס אַ מעכטיקע, מאַסנהאַפטע, אומבאַוווּסטזיניקע דערשיינונג, אַ שטרעבונג צו דערהאַלטן די אייגענע נאַציאָנאַליטעט. מיר דוכט, אַז די דאָזיקע דערשיינונג שטעלט פאַר מיט זיך איינע פון די פאָרמען פון זעלבסטדערהאַלטונג פון דער נאַציאָנאַליטעט...

"... ס'איז נאַטירלעך, אַז אויך די יידישע באַפעלקערונג, וועלכע איז קולטורעל לעבעדיק־באַוועגלעך, פּאָליטיש און געזעלשאַפטלעך געשולט אין איר שטענדיקן קאַמף פאַרן קיום, האָט נישט געקאָנט ניט אַנטפּלעקן ביי זיך אַ דראַנג, ניט שטרעבן צו געפינען אויך איר נאַציאָנאַלן אָרט אין ראַטנפאַרבאַנד.

"... פאַרן יידישן פאָלק שטעלט זיך אַ גרויסע אויפגאַבע — איינצוהיטן די אייגענע נאַציאָנאַליטעט און פאַר דעם דאָזיקן צוועק דאַרף מען פאַרוואַנדלען אַ באַדייטנדיקן טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג אין אַ באַזעסענער פּויערישער לאַנדווירטשאַפטלעכער קאָמפּאַקטער באַפעלקערונג, וועלכע זאָל ציילן לכל הפחות הונדערטער טויזנטער".*

---

* מ. קאַלינין, „יידישע ערד־אַרבעטער אין פ. ס. ס .ר.", אויף רוסיש, מאָסקווע, 1927; ציטירט לויט: דר. ר. מאהלער, „דאָס סאָוועטישע יידנטום פאַר נייע אויפגאַבן", „יידישע קולטור", ניו־יאָרק, יוני 1946.

מען דערציילט, אַז גלייך נאָך קאַלינינס אַרויסטריט, האָבן אַלע פּאַרטיי־מיטגלידער, אַנוועזנדיקע אויפן צוזאַמענפאַר, זיך פאַרזאַמלט אין אַ געשלאָסענער פראַקציע־זיצונג, אויף וועלכער עס זיינען פאַרגע־קומען זייער לאַנגע, זייער הייסע און זייער דראַמאַטישע דיסקוסיעס.

דער פאַרזיצער פון געזערד, יורי לאַרין (מען האָט אים שפּעטער, אין דער פרעסע, גערופן „דער יידישער נאַציאָנאַליסט לאַרין") איז געגאַנגען נאָך ווייטער ווי קאַלינין. ריכטיקער, ער האָט קאַלינינס פּרינ־ציפּ פון קיום האומה פאַרטייטשט גלייך אין קאָנקרעטע מלוכהשע קאַ־טעגאָריעס. „ס׳איז אַבסאָלוט קיין שום ספק ניט, האָט לאַרין דערקלערט, אַז דאָס איינפּלאַנצן יידישע ערד־אַרבעט איז אַ זאַך נישט בלויז פון פאַרבעסערן די לאַגע פון דער יידישער אָרעמקייט, נאָר אויך אַ זאַך פון שאַפן, פון צוגרייטן דעם בנין פון אַ יידישער מלוכהשער איינהייט. דערין באַשטייט איר זין. אָפּרייסן איינס פונעם אַנדערן וואָלט געהייסן גאָרניט פאַרשטיין אין דעם דאָזיקן ענין". און ענטפערנדיק אַ פאַר־שטייער פון די יידסעקציעס, האָט ער אונטערגעשטראָכן: „אונדזער קורס איז צו געבן אַ נאַציאָנאַלע רעפּובליק יעדער נאַציאָנאַליטעט, וואָס עקזיסטירט ביי אונדז אין לאַנד און מיר, קאָמוניסטן, וועלן נישט דערלויבן אומבאַוווּסטזיניקע אַסימילאַטאָרן צו פאַרקריפּלען די נאַציאָ־נאַלע פּאָליטיק פון אונדזער פאַרטיי און איינפּלאַנצן אין די מוחות פון אומפּאַרטייאישע חברים סברות, אַז די ראַטנמאַכט איז קעגן נאַציאָנאַ־לע רעפּובליקן. קיין שום אָפּנייג בנוגע דער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק וועט נישט זיין".*

דער צוזאַמענפאַר פון געזערד איז פאַר די יידסעקציעס געווען אַ ווענדפּונקט. די אָנפירונג פון דער יידאַרבעט איז געשטעלט געוואָרן פּנים אל פּנים מיט עיקר־פּראָבלעמען, צו וועלכע זי האָט געמוזט נע־מען שטעלונג. עס איז איר אויפגעצוווּנגען געוואָרן אַ פּיינלעכער חשבון הנפש, וואָס זי האָט אים ביז דאַן, מיט אַלע כוחות, אויסגעמיטן.

די פּאַרטיי־ליניע פון „סאָציאַליזם אין איין לאַנד" איז געווען די תשובה, מצד דעם ראַטנפאַרבאַנד, אויף דער פּאַרשפּעטיקטער וועלט־רעוואָלוציע. אָבער דווקא די וועלט־רעוואָלוציע איז געווען די וויכ־טיקסטע, די דעצידירנדיקע סיבה, צוליב וועלכער די יידישע אַרבעט־

* דר. משה זילבערפאַרב, „געזאַמלטע שריפטן", ערשטער באַנד, ז. 193 און 194.

טער־באַוועגונג האָט זיך געהאַט אויפגעלייזט און אַריינגעגאָסן אין די רייען פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. צוליב דער וועלט־רעוואָלוציע האָבן די יידישע אַרבעטער־פּאַרטייען זיך אָפּגעזאָגט פון זייערע נאַציאָנאַלע פּראָגראַמען. אין דעם אוניווערסאַליזם פון דער וועלט־רעוואָלוציע, אין אָט דעם „נייעם אָנהויב", האָט דאָס נאַציאָנאַלע פּאַרלוירן יעדן ממשות און איז בטל געוואָרן. אוודאי איז ניט געווען מעגלעך פּאַרויסצוזאָגן און פּאָרויסצוזען די פּאַרמען, אין וועלכע — נאָך דער סטאַדיע פון פּאַרלייקענונג — עס וועט זיך אויסגעשטאַלטיקן דער דיאַלעקטישער סינטעז צווישן דער אַלטער און נייער געשיכטלעכקייט. לכל הדעות איז אָבער געווען זיכער, אַז דער סינטעז וועט פּאַרשטעלן מיט זיך אַ נייעם, אַ העכערן שטאַפּל אין דער מענטשלעכער געשיכטע. מיט אָט דער היפּאָטעזע פון באחרית הימימדיקן אוניווערסאַליזם — און בלויז מיט דער איין און איינציקער היפּאָטעזע — האָט די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג פּאַרבונדן איר גורל. די היפּאָטעזע האָט זיך נישט רעאַליזירט, אָבער — קיין וועג צוריק איז שוין נישט געווען.

אַ טייל פירער פון די געוועזענע יידישע אַרבעטער־פּאַרטייען — אַזעלכע ווי משה ראפעס למשל — האָבן פון דער לאַגע געמאַכט אַן אייגנאַרטיקע מסקנא. אַז דער באַרג, כידוע, איז נישט געקומען צו מחמדן, איז מחמד געקומען צום באַרג. אַז די וועלט־רעוואָלוציע איז נישט געקומען צו דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, זיינען אָט די געוועזענע יידישע פּאַרטיי־פירער אַוועקגעגאַנגען — צו דער וועלט־רעוואָלוציע, אין איר אָרגאַניזיר־צענטער, אין אַפּאַראַט פון „קאָמאינטערן". אויף געהיימע און לעבנס־געפערלעכע שליחות, אין גאַר דער וועלט, זיינען זיי געוואָרן די אַפּאָסטאַלן, די פּראָפעסיאָנאַלן פון דער וועלט־רעוואָלוציע. זיין בוך „קאַפּיטלען געשיכטע פון „בונד", וואָס איז דערשינען אין קיעוו, אין 1929, פּאַרענדיקט משה ראפעס — נאָך אַלץ! — מיט די ווערטער וועגן „קעמפן פּאַר די ווייטערדיקע נצחונות פון דער פּראָלעטאַרישער וועלט־רעוואָלוציע". אגב, אַ קנאַפּן צענדליק יאָר שפּעטער זיינען די אַלע מאַהיקאַנער פון דער וועלט־רעוואָלוציע אומגעבראַכט געוואָרן דורך דער שטראָפנדיקער האַנט פון סטאַלינס „רעוואָלוציאָנערער גערעכטיקייט".

אַ טייל אַנדערע געוועזענע פירער פון די יידישע אַרבעטער־פּאַרטייען זיינען בכלל אַוועק פון דער „יידישער גאַס", מיט איר גאַנצער

קאָמפּליצירטער פּראָבלעמאַטיק, און — אַ סך פּשוטער — אַריין איז אַלגעמיין־פּאַרטייאישן אָדער מלוכהשן אַפּאַראַט, אויף אַנגעזעענע און פּאַראַנטוואָרטלעכע פּאָסטנס.

די „יידישע גאַס" איז אָבער דאָך פּאַרבליבן און אויף איר — די טוער פון די יידסעקציעס און זיי האָבן, אין דער נייער פּאָליטישער ווירקלעכקייט פונעם „סאָציאַליזם אין איין לאַנד", געמוזט זיך דע־פינירן אויפסניי. עס האָט נאַטירלעך קוים געקאָנט זיין אַ רייד, ביים אויפקומענדיקן סטאַליניזם, וועגן אַ וועלכן ניט איז נאַציאָנאַלן פּראָגראַם. איז געבליבן די אַלטע פאָרמול „אַריינפירן אין קאָמוניזם", וועלכע האָט אָבער נישט בלויז פאַרלוירן איר אויסקלאַנג פון משיחישן או־ניווערסאַליזם, נאָר איז געוואָרן אַזוי בלייך, אַזוי אומרעאַל, אַז נישט איר אייגנטלעכער פּשט איז געבליבן וועזנטלעך, נאָר דער דרוש, וואָס איז אַרום פּשט געמאַכט געוואָרן. און דער דרוש פון דער יידסעקציע איז געוואָרן אַ קאַטעגאָרישער. אַנטקעגן דער נאַציאָנאַלער פינאַלי־טעט איז קעגנגעשטעלט געוואָרן — ווי עפּעס לחלוטין סתירותדיקס — די קאָמוניסטישע פינאַליטעט. דער פאַראַנטוואָרטלעכער פאַרן „אי־דעאָלאָגישן פראָנט" אין צענטראַל־ביוראָ פון די יידסעקציעס, משה ליטוואַקאָוו, רעדאַקטאָר פון „עמעס", האָט עס פאָרמולירט אויף פאָלגנ־דיקן אופן: „טוער וואָס שאַפן שטענדיק נייע פאַקטן פון נאַציאָנאַלן איבערבוי האָבן דאָך ניט מורא געהאַט צו שטעלן די פּראָבלעם פון אַסימילאַציע. פאַרוואָס? ווייל זייער איינציקער ענדציל איז נישט נאַ־ציאָנאַלער איבערבוי, נאָר קאָמוניסטישער איבערבוי — קאָמוניזם".*

אַ חודש נאָך דעם געזערד־צוזאַמענפאָר, איז פאָרגעקומען אין מאָסקווע, אין דעצעמבער 1926, די פערטע „אַלפאַרבאַנדישע באַראַ־טונג פון די יידישע סעקציעס פון דער אַלפאַרבאַנדישער קאָמוניסטי־שער פּאַרטיי (באָלשעוויקעס)". אויף דער באַראַטונג איז זייער פיל און זייער שאַרף קריטיקירט געוואָרן קאַלינינס געזערד־רעדע. „מיר געפינען זיך — האָט דערקלערט אַלעקסאַנדער טשעמעריסקי, סעקרע־טאַר פונעם צענטראַל־ביוראָ פון די יידסעקציעס, געוועזענער מיטגליד פון צענטראַל־קאָמיטעט פון „בונד" — אויפן שוועל פון אַ נייעם דרוק פון דער קליינבירגערלעכער סטיכיע, דאָס מאָל אין אַ סאָוועטישן לבוש: דער קאַמף פאַר איינהיטן די יידישע נאַציע דורך שאַפן אַ נאַ־

* מ. ליטוואַקאָוו, „אף צווי פראָנטן", מאָסקווע, 1931, ז. 8.

ציאָנאַלע מלוכה — אַט דאָס איז די פאָרם, אין וועלכער דער דאָזיקער נאַציאָנאַליזם מאַסקירט זיך אין אַ סאָוועטישן און אפילו קאָמוניסטישן קאָליר, כדי אַזוי אַרום דערלאַנגען אַ בעסערן קלאַפּ... די נאַציאָנאַ־ליסטישע אידעאָלאָגיע באַאיינפלוסט אויך געוויסע גרופּן קאָמוניסטן, וואָס... קאַפּיטולירן פאַקטיש פאַרן נאַציאָנאַליזם, ווי למשל, אויפן צוזאַמענפאָר פון געזערד און אויפן מאָסקווער מיטינג וועגן אַנטיסע־מיטיזם״.*

און וואָס שייך דעם תוך: „פאַרוואָס דאַרפן מיר מסכים זיין מיט דער מיינונג וועגן איינהאַלטן די נאַציע? אַזעלכע לאָזונגען האָט די פאַרטיי נישט געגעבן. פאַרוואָס דאַרף איך זיין מיטן רב, טיילן זיינעליידן אין דער פראַגע וועגן די פאַלגן פון די געמישטע חתונות, ווען די אָנגעפּאָרענע אין מאָסקווע יידישע מיידלעך האָבן חתונה מיט ניט־יידן? אויף וויפל מיר איז באַוווּסט, איז ניטאָ קיין אין פאַרטייאישער באַשלוס וועגן דער נאַצפּאָליטיק אין אַלימענטן־ענינים״. נאָך אַט דער פראַזע פאַרצייכנט דער פּראָטאָקאָל, אין קלאַמערן: „געלעכטער״**

און לסוף, די פּאָליטישע אויספירן: „אויף וויפל אַ באַשטימטער טייל קליין־בורזשואַזיע, אין געשטאַלט פון פּויערטום, וועט אין רע־רעזולטאַט פון דער ערד־איינאָרדענונג פאַרנעמען אַ דורכויסיקע טערי־טאָריע, אויף אַזוי פיל שאַפט זיך די מעגלעכקייט פאַר אַ יידישער אויטאָנאָמיע. נאָר פון אַ מעגלעכקייט ביז צו דער רעאַליזירונג, ביז פּראָקלאַמירן אַזאַ לאָזונג איז נאָך זייער ווייט, און מיר זיינען קעגן פּראָקלאַמירן אַזאַ לאָזונג״.***

די לאַגע פון דער יידסעקציע איז אָבער פאַרט געווען אַ פיינלעך אומבאַקוועמע. אַרויסטרעטן עפנטלעך קעגן אַ דערקלערונג פונעם סאָ־וועטישן מלוכה־פּרעזידענט, מיטגליד פון פּאָליטביוראָ פון דער קאָ־מוניסטישער פאַרטיי, האָט געקאָנט הייסן שיער־ניט אַרויסטרעטן קעגן דער פאַרטיי. איז געפונען געוואָרן אַ פּשטל, אַזוי צו זאָגן: פּרינצי־פּיעל איז די אָנפירונג פון דער יידסעקציע פולשטענדיק מסכים מיטן חבר קאַלינין, פּונקט ווי דער חבר קאַלינין איז בלי ספק פולשטענדיק

* „די פערטע אַלפאַרבאַנדישע באַראַטונג פון די יידישע סעקציעס״, מאָסקווע, 1927, ז. 91. אויף ווייטער: „אַלפאַרבאַנדישע באַראַטונג...״

** דאָרטן, ז. 106.

*** דאָרטן, ז. 150.

מסכים מיט דער יידסעקציע; דער חילוק איז בלויז אין סטיל, אין טאָנאַליטעט, אין פּעדאַגאָגישן צוגאַנג.

די דעליקאַטע אויפגאַבע איינצוקנעלן אָט די האַרבע פּרשה מיט די דעלעגאַטן פון דער באַראַטונג איז איבערגעגעבן געוואָרן דעם אידעאָלאָג פון דער יידסעקציע, דער געוועזענער פירערין פון „בונד" אסתר פרומקין — דער באַרימטער חברטע אסתר.

די חברטע אסתר האָט קודם כל אָנערקענט דעם פאַקט, אַז „די צענטראַל־ביוראָ איז אַליין מסכים מיט קאַלינינס רעדע און רעדט פונדעסטוועגן ניט אינגאַנצן אַזוי, ווי עס האָט גערעדט קאַלינין". זי האָט אָבער אין דעם נישט געזען קיין שום סתירה. דאָס „ניט אינגאַנצן אַזוי" האָט, לויט איר, זיך רעדוצירט בסך הכל צו אַ פראַגע פון — אינטערנאַציאָנאַליסטישער דערציאונג. „קיין שום ווידערשפּרוך איז אין דעם ניטאָ — האָט זי פאַרזיכערט — אַזוי האָט אונדז לענין געלערנט. דאָס האָט ער אונדז געלערנט, אַז די אינטערנאַציאָנאַליסטישע דערציאונג קאָן ניט געפירט ווערן אַלצאיינס אין די נאַציעס, וואָס האָבן אונטערדריקט און אין נאַציעס, וואָס זיינען געווען אונטערדריקט".

נאָכן ציטירן אַ פּסוק פון לענינען, וואָס האָט ניט געהאַט די מינדעסטע שייכות צום ענין — וועגן זעלבסטבאַשטימונג־רעכט פון אונטערדריקטע נאַציעס אויף אָפּצוטיילן זיך אין אַ באַזונדערע מלוכה — האָט אסתר פרומקין באַגרינדעט די שטעלונג פון דער יידסעקציע אויף פאָלגנדיקן אופן: „די קאָמוניסטן פון דער נאַציע, וואָס האָבן אונטערדריקט, דאַרפן באַטאָנען דעם מאָמענט פון פרייהייט, פון אויסטיילן זיך פאַר די אַמאָל אונטערדריקטע. די קאָמוניסטן פון דער נאַציע, וואָס איז געווען אונטערדריקט, דאַרפן באַטאָנען דעם מאָמענט פון פאַראייניקונג מיט די אַנדערע נאַציעס. קאַלינין זאָגט: אויב איר ווילט זיך איינהיטן, וועלן מיר אייך ניט שטערן. מיר וועלן אייך העלפן. אַזוי דאַרף ער ריידן. ער באַטאָנט די פרייהייט פון אויסטיילן זיך. אָבער מיר, יידישע קאָמוניסטן, קאָמוניסטן פון דער אַמאָל אונטערדריקטער נאַציע — מיר ריידן מיט אַן אַנדערן טאָן. מיר האַלטן די נאַציאָנאַלע קאָנסאָלידאַציע פאַר ווינטשנסווערט. מיר זאָגן דאָס, אָבער מיר באַטאָנען, אַז אונדז איז וויכטיק ניט דורכויס איינהיטן די נאַציע און ניט בלויז די טעריטאָריע אַליין, נאָר דער פּראָצעס פון אַריינוואָקסן אין סאָציאַליזם, האַנט ביי האַנט מיט די אַרבעטער און האַרעפּאַשני־

קעס פון אַלע פעלקער. אויף אַלע וועגן — אי דורך אַגראַריזאַציע, אי דורך אינדוסטריאַליזאַציע. מיר באַטאַנען ניט אַזוי די טעריטאָריעלע אויסטיילונג (נאַציאָנאַלע קאָנסאָלידאַציע), נאָר די אינטערנאַציאָנאַלע פּאַראייניקונג אויף אַלע טעריטאָריעס, ווו די יידישע מאַסן לעבן ווי מינדערהייטן. אַזוי האָט אונדז געלערנט לענין. און איך בין איבער־צייגט, אַז ח' קאַלינין וואָלט פּולקאָם מסכים געווען מיט אונדזער שטע־לונג, זי איז אים גאָרניט סותר".*

עס איז ממש צו שטוינען, ווי אַזוי די באַרימטע חברטע אסתר, אַ פרוי פון הויכער אינטעליגענץ און פון גרויסער געזעלשאַפטלעכער אחריות, האָט אַזוי פשוט, אַזוי לייכט און אַזוי בפרהסיא געקאָנט פעלשן — הן לענינען, הן קאַלינינען. לענין, אין ציטירטן טעקסט, האָט גע־רעדט נישט וועגן רעכט אויף אויסטיילן זיך, נאָר וועגן רעכט אויף אָפּטיילן זיך, פאַר אונטערדריקטע פעלקער, בכדי צו שאַפן אַ באַזונ־דערע, אַן אייגענע מלוכה. דאָס האָט נאַטירלעך ניט געקאָנט האָבן די מינדעסטע שייכות צו דער יידישער באַפעלקערונג. וואָס שייך קאַלי־נינען ווידער, האָט אים די חברטע אסתר צענזורירט און קאָרעגירט אויף אַן אויסטערלישן אופן. קאַלינין האָט אויפן געזערד־צוזאַמענפאָר נישט געזאָגט: „אויב איר ווילט זיך איינהייטן, וועלן מיר אייך ניט שטערן". ער האָט געזאָגט עפּעס אַנדערש, פרינציפּיעל אַנדערש: „פאַרן יידישן פאָלק שטייט אַ גרויסע אויפגאַבע — איינהיטן זיין נאַציאָנאַלי־טעט". דאָס איז געווען פיל מער, ווי לענינס טאַקטישע פאָדערונג, פון נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, „נישט צו אַנולירן די אַנדערשקייטן, נישט צו ליקווידירן די נאַציאָנאַלע אונטערשיידן", אַזוי לאַנג ווי זיי עקזיסטירן. קאַלינין האָט זיך נישט באַגנוגנט מיטן איינהאַלטן דעם סטאַטוס־קוואָ, ער האָט גערופן דאָס יידיש פאָלק „איינצוהיטן זייך נאַ־ציאָנאַליטעט", ס'הייסט פאַרפאַנצערן זי, פאַרוואָרצלען און פאַראייביקן. דאָס האָט אָבער אין פיל אויערן אָפּגעקלונגען מיטן עכאָ פון „דרייען די ראָד פון געשיכטע אויף צוריק", פון פאַרפעסטיקן די נאַ־ציאָנאַלע מחיצות, אַנשטאָט זיי אומצוּוואַרפן, פון בולטער מאַכן די נאַ־ציאָנאַלע אונטערשיידן, אַנשטאָט זיי אָפּצווּוישן, מיט איין וואָרט, דאָס האָט אָפּגעקלונגען מיט דעם אַלעם, פאַר וואָס לענין האָט אין 1913, אין זיינע „קריטישע נאָטיצן צו דער נאַציאָנאַלער פראַגע", אַזוי אומברח־

* דאָרטן, ז. 142 און 143.

מנותדיק געשמיסן דעם „בונד". און דעם טעם פון לעגינס פייערדיקע ריטער האָבן נאָך כמעט אַלע פירער פון דער יידסעקציע געפילט אויף זייער אייגן לייב — פון געוועזענע בונדיסטן.

„איינהייטן די נאַציאָנאַליטעט" האָט באַטייט: אָרגאַניש פאַרפלעכטן דעם נעכטן מיטן היינט און זיי פּראָיעצירן,ביידע — אויפן מאָרגן. אין אָט דעם געשיכטלעכן קאָנצעפּט פאַר־עקסעלאַנס, אינעם ציקל פון יידישער היסטאָרישקייט, האָט זיך אַריינגעשריבן קאַלינינס דערקלע־רונג וועגן יידישן פאָלקס־קיום. די יידסעקציע דאָקעגן האָט פון דאָ־זיקן ציקל זיך אָפּגעקערט. די רוסלענדישע יידישע אַרבעטער־באַוועגונג, מיט איר ווונדערלעכער פאַרגאַנגענהייט, מיט איר גאַנצן פּאָלי־טישן האָב־און־גוטס, האָט זיך איבערגעשלאָסן אין אַ צווייטן, אַן אַנ־טאַגאָניסטישן היסטאָרישן ציקל — אין ציקל פונעם „נייעם אָנהויב". פאַר דער יידסעקציע איז געווען וויכטיק „ניט דורכויס איינהייטן די נאַציע", נאָר „דער פּראָצעס פון אַריינוואַקסן אין סאָציאַליזם". דאָס וואָס קאַלינין האָט באַצייכנט ווי „אַ גרויסע אויפגאַבע פאַרן יידישן פאָלק" — און במילא אַ וויכטיקע, אַ פּראָגרעסיווע, אַ פּאָליטיש־כשרע — איז דורכן סעקרעטאַר פון צענטראַל־ביוראָ פון די יידסעקציעס קוואַליפיצירט געוואָרן ווי „נייער נאַציאָנאַליזם" געבוירן פון „קליינ־בירגערלעכער סטיכיע".

אַזוי אַרום האָט דער קאָנצעפּט גופא פון סאָוועטישער יידישער מלוכהשקייט, נאָך איידער אפילו ער איז אָפיציעל אַרויסגעבראַכט גע־וואָרן אויפן פּאַפּיר, זיך באַוועגט פון לכתחילה אָן אין צוויי אַנטינאָ־מישע היסטאָרישע דימענסיעס, וואָס האָבן אין אים געשאַפן אַ פּערמאַ־נענטע אינערלעכע שפּאַנונג און אָרגאַנישע סתירה. פּאַראַדאָקסאַל איז דער וואָרטזאָגער פון דער יידיש־היסטאָרישער דימענסיע געווען דער ניט־ייד, דער רוס מיכאַיל קאַלינין. דער יידישער צד, קאָפּויער, די יידסעקציע, האָט קאַטעגאָריש זיך אָפּגעזאָגט צו „דרייען אויף צוריק די ראָד פון געשיכטע" און איז געבליבן, פעסט און שטאָלץ, אויף די פּאָזיציעס פון אָרטאָדאָקסאַלן לעניניזם.

דאָס איז אגב געווען איינער פון די גרונט־שטריכן, איינער פון די אָרגאַנישע קאָמפּאָנענטן פון אָט דער דערשיינונג, וואָס מען האָט אָנגערופן מיטן כלל־נאָמען „יעווסעקיזם". דער קאָמפּאָנענט האָט גע־שטאַמט פון מין קאָמפּלעקס, וואָס בעט זיך ממש, מען זאָל אים קאַטאָ־לאָגירן אַלס „קאָמפּלעקס פון פּאָליטישן חטא הקדמון". אָט די מחלה

האָט זיך אויסגעדריקט אין אַ באַזונדערס פאַרשאַרפטער און ווייטאָק־דיקער פּילבאַרקייט, אין אַ ממש פּרווידיאַנישער באַציונג פון פאַסצי־נירנדיקער צוציאונג־אָפּשטויסונג צו לענינס גרונט־טעקסטן וועגן דער נאַציאָנאַלער פראַגע און בעיקר צו זיין פּאָלעמיק מיטן „בונד".

העכער אַ יאָרצענדליק נאָך דער פּאָלעמיק גופא און יאָרן שוין נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, ניט געקוקט דערויף וואָס אַלץ האָט, דורך דער צייט, וועזנטלעך זיך געענדערט, האָבן לענינס איראָניש־בייסיקע עפּיטעטן וועגן דעם „הער בונדיסט", „אונדזער בונדיסט", „דעם טייערן בונדיסט", וועלכער האָט זיך אַרויסגעוויזן „פאַר אַ פּשוטן בור־זשואַ", פאַר „אַ נאַציאָנאַלן פיליסטער", „אַ פאַרבינדעטן פון די רבנים און דער בורזשואַזיע" — ניט אויפגעהערט אָפּצוקלינגען אין דער גאַנצער סאָוועטישער געזעלשאַפטלעכקייט. אַמפּיינלעכסטן האָבן זיי אָפּ־געהילכט אין באַוווסטזיין — און נאָך מער אין אונטערבאַוווסטזיין — פון די יידישע קאָמוניסטן אין ראַטנפאַרבאַנד, ניט בלויז פון די גע־וועזענע „בונדיסטן", נאָר אויך פון די געוועזענע „פאַראייניקטע" און „פּועלי־ציון", פון אַלע „געוועזענע" בכלל. לענינס פלאַם־פייערדיקע רייד האָבן זיך פאַר זיי פאַרוואַנדלט — פאַר יעדערן באַזונדער און פאַר אַלעמען צוזאַמען — אין אַ מין טראַגישן געמיש פון הייליקער תורת משה, אויסגעקריצט אויף די לוחות פון די „קריטישע נאָטיצן", זייט ביי זייט מיטן דראָענדיק־אָפּשרעקנדיקן „מנא מנא תקל ופרסין".

איז דעריבער געווען נויטיק און ממש לעבנסוויכטיק צו דערווייזן — קודם פאַר זיך אַליין, דערנאָך פאַר דער געזעלשאַפטלעכקייט און בעיקר דער פּאַרטיי — אַז הגם דער אַמאָליקער האַרבער לענין־משפט איז אין זיין צייט טאַקע געווען אַ משפט צדק (און פאַרשטענדלעך, האָט ער קיין אַנדערער גאָרניט געקאָנט זיין), האָט ער אָבער איצט, אָט דער משפט צדק, די מינדעסטע שייכות ניט צו זיי גופא, אין זייער איצ־טיקן פּאָליטישן גלגול, מחמת זייער זינדיקע פאַרגאַנגענהייט איז אויפ־ריכטיק פאַרלייקנט און זייערע אַמאָליקע חטאים זיינען אָפּגעווישט דורך ערלעכער תשובה און חרטה. מען האָט געדאַרפט איבערצייגן — זיך אַליין און בעיקר די פּאַרטיי — אַז מען איז געוואָרן די בעסטע, די אויסגעהאַלטנסטע, די ווייטגייענדיקסטע קעמפער קעגן יידישן נאַ־ציאָנאַליזם, אין אַלע זיינע פאָרמען, אויסדרוקן און טיפסטע באַהעל־טענישן, אַז מען איז אָפּגעהיט מיט שטרענג־באָלשעוויסטישער אָפּ־געהיטקייט, וואָכזאַם מיט אומברחמנותדיקער באָלשעוויסטישער וואַכ־

זאַמקייט, שטרענג פּרינציפּיעל, אומבויגזאַם און אומדערשראָקן, דיסציפּלינירט און איבערגעגעבן דער פּאַרטיי ביזן לעצטן אָטעם, ווי עס דאַרף זיין אַן אמתער באָלשעוויק, אַ מוסטערהאַפטער באָלשעוויק, אַן אידעאַלער באָלשעוויק, הגם ער איז געווען אַמאָל — און טאַקע דווקא ווייל ער איז געווען אַמאָל — אַ מיטגליד פון איינער פון אָט די פאַרשווונדענע יידישע „נאַציאָנאַל־מענשעוויסטישע" פּאַרטייען: „דער יידישער אַרבעטער־בונד אין ליטע, פּוילן און רוסלאַנד", „די פאַראייניקטע יידישע סאָציאַליסטישע אַרבעטער־פּאַרטיי (ס. ס. און י. ס.)" אָדער די „יידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַרבעטער־פּאַרטיי פּועלי־ציון".

די געוועזענע פירער פון אָט די געוועזענע פּאַרטייען האָבן, אויף די עלטערע יאָרן, זיך אַ לאָז געטאָן מיט יוגנטלעכן ברען אין חדר צו לערנען און געשעפּט פולע עמערס פון לענין־ברונעם און, מיט התלהבותדיקער עניוות, זיך געגרויסט מיטן טיטל: תלמידים פונעם גרויסן רבין. די חברטע אסתר האָט מחבר געווען צוויי חיבורים, איינעם פאַר דער יוגנט: „גיי מיט לענינס וועג" און אַ צווייטן, אַ מער אויספירלעכן, אויף קרוב דריי הונדערט זייטן, וואָס האָט זוכה געווען אַזש צו דריי אויפלאַגעס: „לענין און זיין אַרבעט". דער געוועזענער פירער פון די „פאַראייניקטע" משה ליטוואַקאָוו, רעדאַקטאָר פון „עמעס", האָט ניט אויפגעהערט צו דערמאָנען: „מיר שילער לענינס...", „אונדזער לענין...", „לענין האָט אונדז געלערנט...", די יידסעקן זיינען שנעל געוואָרן די בעסטע לענין־תלמודיסטן, די שאַרפזיניקסטע לענין־מפורשים, די אייפעריקסטע, די אָרטאָדאָקסאַלסטע לעניניסטן.

נישט געקוקט אָבער אויף דעם קאַטעגאָריש־האַפערדיקן „מיר זיינען קעגן" פון דער יידסעקציע, האָט דער ענין פון יידישער ערד־באַזעצונג באַקומען, נאָך דער קאַלינין־דעקלאַראַציע, אַ לחלוטין נייעם אויסמעסט. פאַר דעם געזערד־צוזאַמענפּאַר האָט זיך געהאַנדלט בלויז וועגן עקאָנאָמישער און סאָציאַלער אויפריכטונג פון די רואינירטע יידישע פאָלקס־מאַסן. קאַלינין האָט געבראַכט דעם אַנזאָג אויך — פון נאַציאָנאַלער אויפריכטונג, פון „נאַציאָנאַלער קאָנסאָלידאַציע", מיט איר נאַטירלעכער פּערספּעקטיוו — פון סאָוועטישער יידישער מלוכהשקייט.

קאַפּיטל זעקס

דאָס צוגעזאָגטע לאַנד — קרים אָדער ביראָבידזשאַן

אין זיין היסטאָרישער רעדע אויפן געזערד־צוזאַמענפאַר, האָט קאַלינין אונטערגעשטראָכן די נויטיקייט צו „פאַרוואַנדלען אַ באַדייטנדיקן טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג אין אַ באַזעסענער פויערישער לאַנדווירטשאַפטלעכער קאָמפּאַקטער באַפעלקערונג". ער האָט אָבער קיין איין איינציק מאָל ניט אָנגערופן קיין איין און איינציקע טעריטאָריע, ווו דער דאָזיקער קאָמפּאַקטער יידישער לאַנדווירטשאַפטלעכער ישוב זאָל ווערן קאָנצענטרירט. ער האָט ניט דערמאָנט — ניט אוקראַינע, ניט ווייסרוסלאַנד, ניט קרים און אוודאי שוין ניט ביראָבידזשאַן, און דאָס צוליב דער זייער פשוטער סיבה, וואָס דער נאָמען, דאָס וואָרט גופא ביראָבידזשאַן האָט נאָך דאַן, אין נאָוועמבער 1926, בכלל ניט עקזיסטירט. די פראַגע וועגן דער טעריטאָריעלער באַזע פון דער יידישער „נאַציאָנאַלער קאָנסאָלידאַציע" און במילא פון דער צוקונפטיקער — זאָל זיין אפילו בלויז אין וויטער פערספּעקטיוו —סאָוועטיש־יידישער מלוכהשער אויסבילדונג, איז געבליבן אינגאַנצן אָפן.

דאָס הייסט אָבער ניט, אַז די פראַגע איז ניט געשטאַנען. אדרבא, זי איז ניט אַראָפּ פון סדר־היום. עס האָט געמוזט, מיט דער העכסטער דרינגענדיקייט, באַשלאָסן ווערן ווו אַהין עס זאָל געווענדט ווערן דער מאַסן־שטראָם פון דער יידישער ערד־באַזעצונג. די ערד־פאָנדן, וואָס די סאָוועטישע רעגירונג האָט געהאַט אויסגעטיילט פאַר דער יידישער קאָלאָניזאַציע האָבן, אין 1926, באַטראָפן בערך 340.000 העקטאַר, דערפון אַרום 175.000 אין אוקראַינע, 130.000 אין קרים, 25.000 אין ווייסרוסלאַנד און 20.000 אין צפון־קאַווקאַז, דאַגעסטאַן, אוזבעקיסטאַן א"א. *

* י. קאַנטאָר, „ראַטנבויאונג..." ז. 183.

פּראָפּאָרציאָנעל צום פאַרנעם און דעם ערד־באַזיץ פון די אויסגערעכנטע רעפּובליקן, זיינען די צוגעטיילטע שטחים געווען אומבאַטייטיקע. עס האָט אָבער געהייסן, אין די מיטן־צוואַנציקער יאָרן, אַז די גרייטע מלוכהשע ערד־פאָנדן, צוגעפּאַסטע פאַר תיכּפדיקער קאָלאָניזאַציע, האַלטן זיך ביים אויסשעפּן, אָדער האָבן ממש זיך שוין אויסגעשעפּט. אַזוי למשל רעדט זיך קלאָר, אינעם פריער ציטירטן דעקרעט פונעם צי״ק פון דער אוקראַינישער ראַטן־רעפּובליק, פון 19טן מאַי 1926, וועגן אַן „ערד־דוחק אין אוקראַינע״, וואָס דערלויבט ניט צו באַפרידיקן די ווענדונגען פון נייע יידישע קאָלאָניסטן. וועלכע עס זאָלן ניט האָבן געווען די אמתע סיבות פון אָט „דעם ערד־דוחק״ — ריין עקנאָמישע, צי גיכער פּאָליטישע, צי וואַרשיינלעך ביידע צוזאַמען — איז לכל הדעות אַ פאַקט, אַז די אָרטיקע דאָרפישע באַפעלקערונג, איבערהויפּט אין אוקראַינע, האָט נישט אַרויסגעוויזן קיין צו גרויסן ענטוזיאַזם פאַר דער יידישער קאָלאָניזאַציע. די יאָרן פון בירגער־קריג, און די בלוטיקע פּאָגראָמען זיינען נאָך געווען פריש אין זכרון. דער קאַמף קעגן דורותדיק פאַרוואָרצלטן אַנטיסעמיטיזם האָט זיך ערשט געהאַט אָנגעהויבן. אויף דער דאָזיקער דערשיינונג האָט זיך ברייטער אָפּגעשטעלט יורי לאַרין, פאָרזיצער פון געזערד, אין זיין בוך „די יידן און דער אַנטיסעמיטיזם אין פּ. ס. ס. ר.״ וואָס איז דערשינען, אויף רוסיש, אין 1929.

לויט די חשבונות פון די פּלאַניפיקאַטאָרן פון קאָמערד און געזערד, האָט די פאָרויסגעזעענע ערד־באַזעצונג פון הונדערט טויזנט משפּחות געפאָדערט אַן ערד־מאַסיוו פון העכער צוויי מיליאָן העקטאַר. אויף דער פראַגע, ווו מען קאָן געפינען אַזעלכע באַטייטיקע ערד־שטחים — דורכויסיקע און פרייע — האָט די יידישע געזעלשאַפטלעכקייט געענטפערט, ממש בפה אחד: אין צפון פון קרימער האַלבאינדזל און צפונדיק פון קרים, ביים אויסגוס פון דאָן און לענגויס דעם אַזאָווישן — און אפילו שוואַרצן — ים. דאָס איז געווען דער א״ג „קרימער פּראָיעקט״. די קרימער יידישע קאָלאָניזאַציע איז בכלל געווען אַ שטאַרק הצלחהדיקע און באַליבטע. „אַ שטיבעלע אין קרים״ איז געוואָרן אַ לעגענדע און אַ סימבאָל — דער סימבאָל פון געזונטער יידישע מי, פון בליענדיקע יידישע פעלדער, פון באַפרייאונג און באַנייאונג פון אַ גאַנצן פאָלק.

אין די דאָזיקע באַדינגונגען איז קאַלינינס רעדע אויפן געזערד־

צוזאַמענפּאַר און זיין רמז אויף יידישער מלוכהשקייט, אויפן סמך פון טעריטאָריעלער לאַנדווירטשאַפטלעכער קאָנצענטראַציע, פאַרשטאַנען און אויפגענומען געוואָרן דורך דער גאַנצער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט, ווי אַן אָנזאָג פון יידישער קאָנצענטרירטער ערד־באַזעצונג און יידישער מלוכהשקייט — אין קרים, אויף די שטחים פון „קרימער פּראָיעקט". אין דער אַלגעמיינער רעזאָלוציע, וואָס איז געוואָרן אָנגענומען דורכן צוזאַמענפּאַר, איז אַריינגעשטעלט געוואָרן אַ ספּעציעלער פּונקט, וואָס לייענט זיך אַזוי: „דער געזערד רוקט אַרויס באַזונדער די אויפגאַבע פון באַזעצן די ביי־אַזאָווישע פליי־ערדן („פּריאַזאָווסקיע פּלאַווני") נישט אָפּשטעלנדיק זיך פאַר די נויטיקע אויסגאַבן".*

אין זעלבן חודש נאָוועמבער 1926, האָט די צענטראַל־פאַרוואַלטונג פון געזערד באַשלאָסן צו אָרגאַניזירן אַ גרויסע וויסנשאַפטלעך־פאָרשערישע עקספּעדיציע אין צפון־קרים, אויף די שטחים פון די „ביי־אַזאָווישע פליייץ־ערדן" און ביי די ברעגן פון שוואַרצן ים. דאָס האָט באַטייט אַ מין אָפיציעלע קאָנסעקראַציע פון „קרימער פּראָיעקט". די עקספּעדיציע, אין באַשטאַנד פון גאַנצע הונדערט אַכציק פּערזאָן — צווישן זיי פינף און אַכציק וויסנשאַפטלער־ספּעציאַליסטן: געאָלאָגן, אַגראָנאָמען, באָטאַניקער, עקאָנאָמיסטן, פּלאַניפיקאַטאָרן א״א — איז אַרויסגעפאָרן קיין קרים אין חודש יולי 1927 און האָט פאַרענדיקט איר אַרבעט אין פרילינג 1928. דער באַריכט מיט די אויספירן פון אירע פאָרשונגען איז אָבער קיינמאָל ניט דערגאַנגען צו דער עפנטלעכקייט. ער האָט פאַרשפּעטיקט. אין צווישנצייט איז אויפגעקומען און באַשלאָסן געוואָרן — מיט אַן אומגעוווינלעכער און איבעראַשנדיקער שנעלקייט — דער ענין ביראָבידזשאַן.

דער „קרימער פּראָיעקט" האָט געשטאַמט פון די קרייזן פון געזערד, ס׳הייסט פון דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט אין ראַטנפאַרבאַנד. ער האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט, אין די נייע היסטאָרישע באַדינגונגען, אַ מין המשך פון דער דורותדיקער רוסלענדישער יידישער קאָלאָניזאַציע, וואָס איז אַלט געווען שוין העכער אַ יאָרהונדערט. דער „ביראָבידזשאַנער פּראָיעקט" האָט געשטאַמט פון קאָמערד — אַ רעגירונגס־אָרגאַן, ס׳הייסט דירעקט פון דער סאָוועטישער רעגירונג. וועגן דער פאָרגעשיכטע פון דעם „ביראָבידזשאַנער פּראָיעקט" האָט שמעון די־

* דר. זילבערפאַרב, „געזאַמלטע שריפטן", ז. 198.

מאַנשטיין, אין זיין אַרטיקל „צוואַנציק יאָר גרויסע סאָציאַליסטישע רע־וואָלוציע און דאָס יידישע פאָלק אין ראַטנפאַרבאַנד", דערציילט אַז וואָס: „צו דעם געדאַנק וועגן ווייטן מזרח, ווי אַן אָרט פאַר דער יידי־שער איבערוואַנדערונג, זיינען געקומען טוער פונעם פאָלקס־קאָמיסאַ־ריאַט פאַר פאַרטיידיקונג און פון דער לאַנדווירטשאַפט־אַקאַדעמיע, אַזעלכע ווי פראָפ. וויליאַמס און דער איצטיקער פרעזידענט פון דער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע, קאָמאַראָוו".*

דער פּראָיעקט וועגן יידישער וויִט־מזרחדיקער ערד־באַזעצונג איז אַרויפגעבראַכט געוואָרן אָפיציעל פאַרן קאָמערד אין די ערשטע חדשים פון 1927. גלייך אין חודש אַפּריל איז געוואָרן באַשלאָסן אַרויס־צושיקן אויפן ווייטן מזרח אַ וויסנשאַפטלעכע עקספּעדיציע, מיט דער אויפגאַבע אויסצופאָרשן די געגנט, וועלכע האָט דאַן נאָך געהייסן „בירס־קאַ־בידזשאַנער", אָדער „בידזשאַנאַ־בירסקער", אַ פון גאָט פאַרוואָר־לאָזטע און לחלוטין אומבאַקאַנטע, וואָס איז אָבער באַלד געוואָרן וועלט־באַרימט אונטערן נאָמען „בירָאָבידזשאַן". די אָנטיילנעמער פון דער עקספּעדיציע האָבן געדאַרפט זיך אַרויסזאָגן, צי די דאָזיקע געגנט איז צוגעפּאַסט פאַר יידישער ערד־באַזעצונג. אין דער עקספּעדיציע האָבן זיך באַטייליקט אַ ריי אָנגעזעענע סאָוועטישע געלערנטע — געאָלאָגן, געאָגראַפן, אַגראָנאָמען, ווירטשאַפטלער א"א — בראש מיט פּראָפ. ווי־ליאַמס, פון דער לאַנדווירטשאַפטלעכער טימיריאַזעוו־אַקאַדעמיע, און פּראָפ. ברוק, הויפּט־אַגראָנאָם פון קאָמערד און גלייכצייטיק, טוער פון געזערד.

די עקספּעדיציע איז אַרויסגעפאָרן פון מאָסקווע דעם 26סטן מאַי 1927 און איז אָנגעקומען אויפן אָרט אין מיטן חודש יוני. אירע אייגנט־לעכע אַרבעטן האָט זי אָנגעהויבן דעם 22סטן יוני און זיי פאַרענדיקט דעם 7טן אויגוסט. במשך פון בסך הכל 47 טעג איז אויסגעפאָרשט גע־וואָרן אַ געביט פון העכער אַ מיליאָן העקטאַר, כמעט סאַמע ווילדע־ניש, וואָס האָט פאַרגעשטעלט מיט זיך אַ קנאַפּע העלפט פון דער אָנ־געצייכנטער טעריטאָריע. אויפן סמך פון אירע אייגענע אויספירן — און שטיצנדיק זיך אויך אויף די סך־הכלען פון צוויי פריערדיקע מלו־

---

* „פאַרפאָסט", בירָאָבידזשאַן, 1937, נומער 3. ציטירט לויט: יעקב לבבי, „ההתישבות היהודית בבירוביג׳אן", ירושלים, 1965, ז. 44. אויף ווייטער: י. לבבי, „ההתישבות..."

כהשע עקספּעדיציעס, פון 1925 און 1926 — איז די עקספּעדיציע גע־קומען צו דער מסקנא, אַז די געגנט איז צוגעפּאַסט פאַר יידישער ערד־באַזעצונג, ניט געקוקט אויף איר האַרבן קלימאַט און אויף אַ ריי נאַ־טירלעכע שוועריקייטן. די קאָמערד־עקספּעדיציע האָט אַזוי אַרום גע־געבן איר ברכה אויף דעם „געדאַנק וועגן ווייטן מזרח, ווי אַן אָרט פאַר יידישער איבערוואַנדערונג", וועגן וועלכן עס דערציילט דימאַנ־שטיין. אַנדערש האָט עס קוים געקאָנט זיין, אויב מען נעמט אין באַ־טראַכט, אַז איינער פון די פאָטערס פון דעם געדאַנק, פּראָפ. ווי־ליאַמס, איז געשטעלט געוואָרן בראש פון דער עקספּעדיציע. אַנדערש האָט עס ניט געקאָנט זיין אויך מחמת דעם, וואָס צווישן די איני־ציאַטאָרן פונעם ווייט־מזרחדיקן פּראָיעקט (און וואַרשיינלעך אויך צווישן די מיטגלידער פון דער עקספּעדיציע) האָבן, לויט דימאַנשטיינען, זיך געפונען, אויסער די ספּעציאַליסטן־לאַנדווירטשאַפטלער, אויך „ספּעציאַ־ליסטן פון פאָלקס־קאָמיסאַריאַט פאַר פאַרטיידיקונג". דאָס האָט אָנגע־געבן, פון לכתחילה אָן, דעם ענין־ביראָבידזשאַן אַ לחלוטין נייעם אויסמעסט, פון גאָר אַן אַנדער כאַראַקטער, שוין נישט קיין ספּעציפיש־יידישן, נאָר אַן אַלגעמיין־מלוכהשן. עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן די סטראַטעגישע מלוכה־אינטערעסן פון ראַטנפאַרבאַנד, אין זיינע ווייט־מזרחדיקע געביטן, אויף זיינע ווייט־מזרחדיקע גרענעצן.

ווען דער באַרימטער „צוקונפטיקער היסטאָריקער" וועט אין כמה וכמה יאָרן אַרום באַקומען אַ צוטריט צו די פאַרטייאישע און מלוכה־שע אַרכיוון פון ראַטנפאַרבאַנד — וועלכע זיינען איצט פאַרשלאָסן אויף זיבן שלעסער — וועט ער העכסט וואַרשיינלעך געפינען, אַז די מינ־דעסטע שוועריקייטן, אַלע דאָקומענטאַלע באַווייזן, אַז די פראַגע וועגן באַשטימען ביראָבידזשאַן ווי אַ געביט פאַר יידישער ערד־באַזעצונג איז געווען, נישט בלויז באַטראַכט, נאָר ענדגילטיק שוין באַשלאָסן דורך די העכסטע פאַרטייאישע און מלוכהשע אינסטאַנצן — נאָך איידער ס'איז געהאַט אַרויסגעפאָרן אויפן ווייטן מזרח די קאָמערד־עקספּעדי־ציע. דער באַשלוס איז וואַרשיינלעך אָנגענומען געוואָרן אויפן סמך פון די אויספירן פון די פריערדיקע צוויי עקספּעדיציעס, פון 1925 און 1926, ביידע פון סטראַטעגישן כאַראַקטער, און וועלכע האָבן ניט געהאַט די מינדעסטע שייכות צו דער פּראָבלעמאַטיק פון יידישער ערד־באַזעצונג, אָבער וואָס זיינען געוואָרן אַקטואַליזירט אין 1927, מיט דער פּערספּעקטיוו פון אַ יידישער מאַסן־איינוואַנדערונג.

דאָס אויבן־געזאָגטע איז, נאַטירלעך, בלויז אַ השערה. לכל הדעות איז אָבער קוים מעגלעך זיך פאָרצושטעלן, אַז אַן ענין, וואָס האָט אָנ־געריר ט די זיכערקייט פון לאַנד און די וועזנטלעכסטע סטראַטעגישע מלוכה־אינטערעסן, זאָל געלייזט ווערן ערגעץ אַנדערש, ווי אין די העכסטע פּאַרטיי־און מלוכה־אינסטאַנצן. סיי די קאָמערד־עקספּעדיציע, סיי די שפּעטערדיקע דיסקוסיעס אין קאָמערד און געזערד, סיי אַלע וויטערדיקע באַשלוסן און דעקרעטן האָבן געדאַרפט בלויז די זאַך „אָפיציאַליזירן" און דאָס אויך — שנעל, אַזוי שנעל ווי מעגלעך, מח־מת עס איז אַלץ מער און מער געוואַקסן דער באַטייט פון דעם פּאַק־טאָר: „צייט".

אין 1918, בעת עס האָט זיך אָנגעהויבן די אויסלענדישע אינטער־ווענץ קעגן דער יונגער סאָוועטן־מאַכט און בעת די אַנטאַנטע־מלוכות, פראַנקרייך און ענגלאַנד, האָבן אַרויסגעשיקט מיליטער־אָפּטיילן אין צפון און דרום פון אייראָפּעישן רוסלאַנד, האָט יאַפּאַן פאַרנומען דעם הויפּט־צענטער, דעם לעבנס־נערוו פונעם רוסישן ווייטן מזרח — דעם פּאָרט וולאַדיוואָסטאָק. די יאַפּאַנישע אָקופּאַציע און די הערשאַפט אויפן ווייטן מזרח פון כלערליי ווייסע גענעראַלן און אַטאַמאַנען, וואָס די יאַ־פּאַנער האָבן דערהאַלטן ביים לעבן, האָבן געדויערט גאַנצע פיר יאָר. אין 1922 זיינען, נאָך שווערע און בלוטיקע קאַמפן, פאַרטריבן געוואָרן סיי די יאַפּאַנער, סיי זייערע רוסישע משרתים. דאַן אָבער איז ערשט דערשינען באַשיינפּערלעך, אַז דער סאָוועטישער ווייט־מזרחדיקער קאַנט איז נישט בלויז, ווי גאַנץ סאָוועט־רוסלאַנד, אַרויס מיט טיפע וווּנדן פון דעם בירגער־קריג און דער אויסלענדישער אינטערווענץ, נאָר אַז ער איז נאָך דערצו אויסגעשטעלט אויף פּערמאַנענטער סכנה — צוליב זיין אומבאַפעלקערטקייט. אויף אַן אומגעהויערן שטח פון העכער צוויי מיט אַ האַלבן מיליאָן קוואַדראַט־קילאָמעטער — פינף מאָל אַזוי גרויס ווי פראַנקרייך — האָט געלעבט אַ באַפעלקערונג פון קאַרגע צוויי מיליאָן איינוווינער, ס׳הייסט אין דורכשניט, ווייניקער ווי איין איינוווינער אויף אַ קוואַדראַט־קילאָמעטער.

באַזונדערס קריטיש איז געווען דער מצב אין דרום־טייל פון דעם ווייט־מזרחדיקן קאַנט, טאַקע אין אָט דעם „בידזשאַנאַ־בירס־קער", אָדער „בירסקאַ־בידזשאַנער" ראַיאָן, וואָס האָט זיך געצויגן לענגויס דער סאַמע גרענעץ מיט כינע. די גענויע קאָנטורן פון דאָ־זיקן ראַיאָן זיינען דאַן נאָך ניט געווען אָנגעצייכנט. זיין שטח איז

דורך דער קאַמערד־עקספּעדיציע געשאַצט געוואָרן אויף צוויי מיט אַ האַלבן מיליאָן העקטאַר, ס׳הייסט אויף פינף און צוואַנציק טויזנט קוואַדראַט־קילאָמעטער. די באַפעלקערונג איז באַשטאַנען פון בערך 27.000 איינוווינער, דערפון 75 פּראָצענט רוסן (טראַנסבאַיקאַלער קאָזאַקן), אוקראַינער און ווייסרוסן, און די איבעריקע — קאָרעאַנער, כינעזער, טונגוסן און אַנדערע אַרטיקע שבטים. דער סטאַטיסטישער באַפעלקערונג־דורכשניט איז דאָ אַזוי אַרום געווען דווקא עטוואָס אַ העכערער, ווי אין גאַנצן קאַנט — עפּעס מער ווי איין איינוווינער אויף אַ קוואַדראַט־קילאָמעטער. ס׳האָט זיך אָבער געהאַנדלט וועגן אַ גרענעץ־ראַיאָן, אין ביידע זייטן פון דער באַן־ליניע פונעם טראַנס־סיבירער אייזנבאַן. ביים טייך אַמור, וואָס האָט פאַרגעשטעלט מיט זיך די מלוכה־גרענעץ צווישן סאָוועטן־פאַרבאַנד און כינע, האָבן זיך געפונען אַ צאָל קליינע קאָזאַקישע דערפער, נאָך פון 19טן יאָרהונדערט. אויף ממש הונדערטער קילאָמעטער אָבער איז די גרענעץ געווען איינגאַנצן אומבאַוווינט און דאָס הייסט — אומבאַשיצט.

דער סאָוועטישער ווייט־מזרחדיקער קאַנט, איינער פון די הויפּט־צילן פון דער יאַפּאַנישער קאָנטינענטאַלער עקספּאַנסיע, איז דורך דער גרענעץ ביים טייך אַמור — געלעגן אָפן. אין דער זעלבער צייט האָט זיך אַלץ מער פּרעציזירט — פון דער רוסיש־יאַפּאַנישער מלחמה אין 1905, פונעם פאַרוואַנדלען קאָרעאַ אין אַ יאַפּאַנישער קאָלאָניע אין 1910, ביז דער יאַפּאַנישער אינטערווענץ אין סאָוועטן־פאַרבאַנד אין 1922/1918 — די געאָ־פּאָליטישע דאָקטרין פון יאַפּאַנישן אימפּעריאַליזם. דורך אַ „דראַנג אויף מערב״, אויפן אַזיאַטישן קאָנטינענט, האָבן געדאַרפט געפונען ווערן פרייע טעריטאָריעס און נאַטירלעכע אוצרות פאַר די איבערבאַפעלקערטע און אָרעמע יאַפּאַנישע אינדזלען. סיי טעריטאָריעס, ריזיקע און כמעט אומבאַוווינטע, סיי נאַטור־אוצרות, ממש אומשאַצבאַרע, האָבן זיך געפונען אין סאָוועטישן ווייט־מזרחדיקן קאַנט, גאָר נאָענט, פּשוט מיט דער האַנט צו דערלאַנגען — נאַטירלעך, אויב נאָר די האַנט איז בכוח עס אָנצונעמען.

פון דער ערשטער וועלט־מלחמה איז יאַפּאַן אַרויס צווישן די זיגער, מיט אַ ברכה פאַר איר עקספּאַנסיע־פּאָליטיק מצד די זיגרייכע גרויסמאַכטן. הגם דער אינטערווענץ־פּרוּוו אין וולאַדיוואָסטאָק — פונקט איבעריקנס ווי די אינטערווענץ פון די אַנטאַנטע־מלוכות — האָט זיך אויסגעלאָזט מיט אַ דורכפאַל, איז אָבער געווען קלאָר, אַז

מיט דעם וועט דער יאַפּאַנישער „דראַנג אויף מערב“ זיך נישט ענ־דיקן. עס איז אפילו מעגלעך געוועזן פּאָרויסצוזען די ליניע פון צו־זאַמענשטויס. פונקט ווי אין 1905, בעת דעם ערשטן פאַרמעסט צווישן דער צאַרישער אימפּעריע און דער „אימפּעריע פון דער אויפ־גייענדיקער זון“, האָט דער וועג פון דער יאַפּאַנישער עקספּאַנסיע נאָך אַלץ געפירט דורך מאַנדזשוריע — אין דער ריכטונג פונעם רוסישן ווייטן מזרח. דורך מאַנדזשוריע — דאָס האָט געהייסן במילא, דורך די דרומדיקע און דרום־מזרחדיקע גרענעצן פון ווייט־מזרחדיקן קאַנט, דורכן טייך אַמור, און במילא אויך, דורך דעם „בירסקאָ־בי־דזשאַנער“, צי „בידזשאַנאָ־בירסקער“ ראַיאָן.

דער אַנוואַקסנדיקער עקאָנאָמישער און פּאָליטישער קריזיס אין יאַפּאַן, אין דער צווייטער העלפט פון די צוואַנציקער יאָרן, די ראַ־שיקע מיליטאַריזירונג און פאַשיזירונג פון לאַנד, האָבן עדות גע־זאָגט, אַז דער אויסברוך וועט לאַנג אויף זיך נישט לאָזן וואַרטן. מען האָט אים פאָרויסגעזען אויף די סוף־צוואַנציקער, אָדער אָנהויב־דרייסיקער יאָרן. און ווירקלעך, אין 1931 האָט יאַפּאַן פאַרכאַפּט מאַנ־דזשוריע, אָפּגעריסן אָט די פּראָווינץ פון כינע און פּראָקלאַמירט זי ווי אַ „זעלבשטענדיקע מלוכה“. אין אַ שיינעם פרימאָרגן האָט די יאַפּאַנישע אַרמיי זיך באַוויזן אויפן דרומדיקן ברעג פון טייך אַמור, אין דירעקטער שכנות מיטן „בידזשאַנאָ־בירסקער“ ראַיאָן, וואָס האָט שוין דאַן געהייסן — ביראָבידזשאַן. דער פאַקטאָר „צייט“ איז גע־וואָרן אַלץ מער דרינגענדיק און דעצידירנדיק.

די „אָפּיציאַליזירונג“ (אָדער, לויטן סאָוועטישן אויסדרוק: „דאָס אָנגעבן די געהעריקע פאָרם“) פונעם ענין־ביראָבידזשאַן איז פאָרגע־קומען מיט אַן אומגעווייַנלעכער שנעלקייט. די קאָמערד־עקספּעדיציע האָט זיך צוריקגעקערט פון ווייטן מזרח אין סעפּטעמבער 1927. אין דעצעמבער, אויף אַ פּלענאַר־זיצונג פון דער צענטראַל־פאַרוואַלטונג פון געזערד, איז אָפיציעל געמאָלדן געוואָרן, אַז די עקספּעדיציע האָט זיך אַרויסגעזאָגט פאַר דער ייִדישער ערד־באַזעצונג אין ווייטן מזרח. דעם 17טן יאַנואַר 1928 איז פאָרגעקומען אַ זיצונג פון קאָ־מערד, אויף וועלכער פּראָפ. ברוק האָט אָפּגעגעבן דעם אָפיציעלן באַ־ריכט פון דער עקספּעדיציע. עס איז באַשלאָסן געוואָרן תיכף צו „ווענדן זיך צום אַלפאַרבאַנדישן איבערוואַנדערונג־קאָמיטעט מיט אַ השתדלות צו פאַרפעסטיקן פאַרן קאָמערד דעם ביראָ־בידזשאַנער

ראַיאָן פון ווייט־מזרחדיקן קאַנט" און מער נאָך, ניט פאַרלירנדיק קיין רגע, „באַאויפטראַגן דעם סעקרעטאַריאַט אָנצונעמען די נויטיקע מיטלען צו אָרגאַניזירן די אַרבעטן אין בירא־בידזשאַנער ראַיאָן אין לויפנדיקן יאָר".

אויפן 6טן פעברואַר 1928 איז פאַררופן געוואָרן אַ פייערלעכע, אויסגעברייטערטע זיצונג פון די פרעזידיומס פון דער צענטראַל־פאַר־וואַלטונג און צענטראַל־ראַט פון אַלפאַרבאַנדישן געזערד און פון זיין צענטראַלער רעווידיר־קאָמיסיע, מיטן אָנטייל פון פרעזידיום פון מאָס־קווער געזערד און פון אַ צאָל אָרטיקע געזערד־טוער. אויף דער זיצונג איז אָנגענומען געוואָרן פאָלגנדיקע רעזאָלוציע:

„די אינטערעסן פון די יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן פאָדערן, אַז די יידישע ערד־איינאָרדענונג זאָל פאָרקומען אויף אַ דורכויסיקער טעריטאָריע, ווייל דאָס פאַרלייכטערט די אָרגאַניזירונג פון דער דאָזי־קער אַרבעט און פאַרגרעסערט די מעגלעכקייט פון קולטור־בויאונג אויף דער מוטער־שפּראַך.

„נעמענדיק אין אַכט, אַז דער בירא־בידזשאַנער ראַיאָן איז צוגע־פאַסט פאַר אַ מאַסאָווער יידישער ערד־איינאָרדענונג אויף אַ גרויסן דורכויסיקן שטח, וועלכע גיט די מעגלעכקייט צו אָרגאַניזירן דאָרטן מיט דער צייט אַן אויטאָנאָמען יידישן אַדמיניסטראַטיוון אייגס, באַ־גריסט די פאַרברייטערטע זיצונג פון די פרעזידיומס פון צענטראַל־ראַט און צענטראַל־פאַרוואַלטונג, מיטן אָנטייל פון די מיטגלידער פון דער רעווידיר־קאָמיסיע, די באַשטימונג פון קאָמערד וועגן פאַרפעסטיקן דעם בירא־בידזשאַנער ראַיאָן פאַר דער יידישער ערד־איינאָרדענונג און זאָגט אַרויס די גרייטקייט פונעם געזערד צו נעמען אויף זיך די קו־מענדיקע אָפּעראַטיווע אַרבעט אין דאָזיקן ראַיאָן, צוציענדיק צו דעם די אויפמערקזאַמקייט פון דער ראַטן־געזעלשאַפט".*

די רעזאָלוציע האָט פאָרגעלייגט גלייכצייטיק „צו פּאָפּולאַריזירן דעם בירא־בידזשאַנער ראַיאָן צווישן דער יידישער באַפעלקערונג אויפ־קלערנדיק אַלע זיינע פּאָזיטיווע זייטן און אויך די נעגאַטיווע, אָנווייזנ־דיק די מעטאָדן ווי אַזוי בייצוקומען די מעגלעכע שוועריקייטן און מני־עות".

---

* ציטירט לויט י. לבבי, „ההתישבות...", ז. 349.

עס איז שווער צו געפינען אין דער דאָזיקער רעזאָלוציע דעם קלענסטן שמץ פון ענטוזיאַזם. דער ענין איז געווען אַ באַשלאָסענער און דער באַשלוס פון די העכערע אינסטאַנצן איז געווען פאַרפליכטנ־דיק פאַר פאַרטיי־מיטגלידער און סימפּאַטיקער. צום ערשטן מאָל איז אַרויסגעבראַכט געוואָרן עפנטלעך דער געדאַנק וועגן „אַן אויטאָנאָמען יידישן אַדמיניסטראַטיוון איינס״, אָבער אויף אַזאַ אַלגעמיינעם אופן, אַז דער „איינס״ איז געבליבן איינגעהילט אין אַ געדיכטן, שווער דורכ־דרינגלעכן נעפּל. עפּעס איז אויך אפילו אָנגעטייט געוואָרן, זייער פאַר־זיכטיק, אויף געוויסע נעגאַטיווע זייטן און אויף שוועריקייטן בייצו־קומען, אָבער אויף דעם איז, זעט אויס, נישט געווען קיין צייט. דער באַשלוס פון קאָמערד, פון 17טן יאַנואַר 1928 — און מען דאַרף דער־מאָנען, אַז דער קאָמערד איז געווען אַ מלוכה־אָרגאַן — האָט בפירוש אונטערגעשטראָכן, אַז די אַרבעטן אין בירא־בידזשאַנער ראַיאָן האָבן געדאַרפט זיך אָנהויבן נאָך „אין לויפנדיקן יאָר״. דער ריטם פון דער יידישער ווייט־מזרחדיקער ערד־באַזעצונג איז באַשטימט געוואָרן — נישט דורך קיין אָביעקטיווע באַדינגונגען, נישט דורך נאַציאָנאַלע, אָדער סאָציאַל־עקאָנאָמישע אימפּעראַטיוון, נאָר דורך סטראַטעגישע אימ־פּעראַטיוון. דער סטראַטעגישער אַספּעקט האָט פאַרגעשטעלט מיט זיך דעם אַלגעמיין־מלוכהשן אויסמעסט — און דאָס הייסט, דעם פּריאָרי־טערן, דעם דעצידירנדיקן אויסמעסט — פונעם ענין־ביראָבידזשאַן, ריכטיקער, דער ענין־ביראָבידזשאַן איז געווען איינער פון די ריינ־גען פון דער אַלגעמיינער סטראַטעגישער קאָנצעפּציע פאַר דער פאַר־פעסטיקונג און פאַרטיידיקונג פונעם סאָוועטישן ווייטן מזרח און פון די אַלגעמיינע סאָוועטישע מלוכה־פּאָזיציעסביים שטילן אָקעאַן.

קוים אַ חודש נאָך דער אָפיציעלער קאָמערד־ווענדונג צו דעם „אַלפאַרבאַנדישן איבערוואַנדערונג־קאָמיטעט״ (אַ מלוכה־אָרגאַניזם, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט אַלע ענינים פון אינערלעך־סאָוועטישער איבער־וואַנדערונג), האָט דער דאָזיקער קאָמיטעט געמאָלדן, דעם 21סטן פע־ברואַר 1928 אַז די קאָמערד־השתדלות איז אָנגענומען און אַז דער בי־ראָ־בידזשאַנער ראַיאָן ווערט געשטעלט אין רשות פון קאָמערד — פאַר יידישער ערד־באַזעצונג.

נאָך אַ חודש שפּעטער איז שוין דער ענין געשטאַנען אויפן סדר־היום פון דער העכסטער סאָוועטישער מלוכה־אינסטאַנץ — דעם פּרע־זידיום פון צענטראַלן אויספיר־קאָמיטעט פון פססר — אויף דער סע־

סיע פון 24סטן־28סטן מערץ 1928. אין פראָטאָקאָל נומער 45 פון דער דאָזיקער סעסיע איז פאַרצייכנט געוואָרן אַ היסטאָרישער באַשלוס, פון וועלכן עס ווערן דאָ געבראַכט פאָלגנדיקע אויסצוגן:

„1) פאַרפעסטיקן פאַרן קאָמערד, צוליב די באַדערפענישן פונעם דורכויסיקן באַזעצן מיט אַרבעטנדיקע יידן, די פרייע ערד אינעם ביי־אַמורער פאַס פונעם וויט־מזרחדיקן קאַנט, וואָס נעמט אַריין אין זיך דעם ביראָבידזשאַנער ראַיאָן, אין די פאָלגנדיקע לפי־ערכדיקע גרע־נעצן...

„2) פונעם אָנגעוויזענעם שטח אויסשליסן די ערד־באַנוץ־שטחים פון דער אַלטגעזעסענער באַפעלקערונג און פון דער קאָזאַקן־באַפעלקע־רונג און אויך די שטחים, וואָס זיינען שוין פאַרנומען מיט איבערוואַנ־דערער, אָדער זיינען פאַררעכנט געוואָרן אויף זייער נאָמען, ביז ס׳וועט זיך פאַרענדיקן דער געזעצלעכער טערמין...

„3) די פרייע חלקים, וועלכע דער אַלפאַרבאַנדישער איבערוואַנ־דערונג־קאָמיטעט האָט צוגעגרייט אין די גרענעצן פון דעם ראַיאָן, וואָס איז אָנגעצייכנט געוואָרן אינעם פונקט 1, דאַרפן איבערגעגעבן ווערן פאַר די אָנגעוויזענע צילן אַנהויבנדיק פונעם יאָר 1928...

„4) די גענויע גרענעצן פון דעם ראַיאָן, וואָס איז באַצייכנט אינעם פונקט 1, איבערגעבן פעסטצושטעלן אויפן אָרט...

„5) ביי גינסטיקע רעזולטאַטן פון דעם דורכויסיקן באַזעצן מיט אַרבעטנדיקע יידן דעם ראַיאָן, וואָס איז אָנגעוויזן אין ערשטן פונקט — האָבן אינזינען די מעגלעכקייט צו אויסבילדן אויף דער טעריטאָ־ריע פון דעם דאָזיקן ראַיאָן אַ יידישן נאַציאָנאַלן אַדמיניסטראַטיוו־טע־ריטאָריעלן איינס". (פולער טעקסט, אין די ביילאַגן).

אַ יידישער נאַציאָנאַלער אַדמיניסטראַטיוו־טעריטאָריעלער איינס! אויף אַ ווייטן, פרעמדן, פּראָסטיקן באָדן זיינען, דעם 28סטן מערץ 1928, פאַרזייט געוואָרן די ערשטע קערנער פון יידישער מלוכהשקייט אין ראַטנפאַרבאַנד. במשך פון קנאַפע עטלעכע חדשים, איז אַ לחלוטין אומ־באַקאַנט לאַנד, ערגעץ אין די ווילדענישן הינטער די הרי־חושך, אַריינ־געגאַנגען — ריכטיקער, האָט אַריינגעלאָפּירט — אין... דער יידי־שער געשיכטע.

קאַפּיטל זיבן

דער נס פון פּאַרטיי־דיסציפּלין — גרויס־פּאָליטיק און קליין־פּאָליטיק

פינף טעג, פּונקט פינף טעג נאָך דעם, ווי דער קאָמערד האָט אָפיציעל באַשלאָסן צו „ווענדן זיך צום אַלפאַרבאַנדישן איבערוואַנ־דערונג־קאָמיטעט מיט אַ השתדלות" וועגן בירעבידזשאַנער ראַיאָן — און אַ גאַנצן חודש פריער ווי עס איז אויף דער השתדלות געענט־פערט געוואָרן — האָט זיך באַוויזן אין מאָסקווער „עמעס" דעם 22סטן יאַנואַר 1928, אַ פלאַמענדיק־ענטוזיאַסטישער אַרטיקל, אונטערן טיטל: „צו אַ יידיש לאַנד". דאָס לאַנד האָט, נאַטירלעך, געהייסן: בירעביד־זשאַן. דער מחבר פון אַרטיקל איז געווען נישט קיין אַנדערער, ווי אַלעקסאַנדער טשעמעריסקי, נאָך אַלץ סעקרעטאַר פון צענטראַל־ביוראָ פון די יידסעקציעס. דער זעלבער טשעמעריסקי טאַקע, וואָס האָט בסך הכל מיט אַ יאָר פריער, אויף דער פערטער אַלפאַרבאַנדישער באַ־ראַטונג פון די יידסעקציעס, סוף דעצעמבער 1926, אַזוי שאַרף זיך אָפּגעגרענעצט פון קאַלינינס ווענדונג „איינצוהיטן די נאַציאָנאַליטעט" און קאַטעגאָריש פאַראורטיילט, הן די לאָזונג פון יידישער טעריטאָ־ריעלער אויטאָנאָמיע, הן די „געוויסע גרופּן קאָמוניסטן, וואָס קאַפּיטו־לירן פאַקטיש פאַרן נאַציאָנאַליזם, ווי למשל אויפן צוזאַמענפּאַר פון געזערד".*

טשעמעריסקי איז אָבער ניט געווען דער איינציקער בירעביד־זשאַן־ענטוזיאַסט. אַ טאָג פאַר דעם, ווי עס איז דערשינען אין „עמעס" דער היסטאָרישער מאמר „צו אַ יידיש לאַנד", איז אין מינסק, דעם 21סטן יאַנואַר 1928, אויפן צווייטן צוזאַמענפאָר פון די יידישע פויערים אין ווייסרוסלאַנד, אַרויסגעטראָטן אַן אַנדער פירנדיקער טוער פון די יידסעקציעס, אברהם מערעזשין. ער האָט געהאַלטן אַ פלאַם־פייערדיקע

---

* „אַלפאַרבאַנדישע באַראַטונג", ז. 91

רעדע — טאַקע וועגן ביראָבידזשאַן. דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל בכלל, וואָס דער נאָמען ביראָבידזשאַן איז אַרויסגעבראַכט געוואָרן אין דער יידישער עפנטלעכקייט פון ראַטנפאַרבאַנד. פון גרויס באַגייסטע־רונג האָט מערעזשין, לויט דעם באַריכט פון מינסקער „אָקטיאַבר", פון 22סטן יאַנואַר 1928, אויסגעשריגן: „אויב איר וועט וועלן — וועט דאָס זיין", ס'הייסט פּראָסט־פּשוט, באַוווסטזיניק אָדער אומבאַוווסטזיניק — וואָס איז ווייניקער וואַרשיינלעך — זיך צוגעאייגנט די באַרימטע הערצל־פאָרמול. (מיט יאָרן שפּעטער, אין אַן אַרטיקל, צו וועלכן עס וועט אויסקומען זיך אומצוקערן נישט איין מאָל, איז טאַקע מערעזשין באַשולדיקט געוואָרן, אַז ער „איז אין מינסק אַרויסגעטראָטן מיט פּרע־טענזיעס אויף דאָקטאָר הערצלס באַרד...").

סיי טשעמעריסקי, סיי מערעזשין זיינען געווען אַלטע, דערפאַרענע געזעלשאַפטלעכע טוער, פונעם ייִנגערן דור פירער פון „בונד". ביידע האָבן אָנטייל גענומען אין דער צענטער קאָנפערענץ פון „בונד", אין יוני 1917. אויפן אַכטן צוזאַמענפאָר פון „בונד", אין דעצעמבער 1917 איז טשעמעריסקי אויסגעוויילט געוואָרן פאַר אַ מיטגליד פון צענטראַל־קאָמיטעט. אַלע זייערע יאָרן האָבן ביידע געפירט אַ פאַרביסענעם קאַמף קעגן ציוניזם, קעגן טעריטאָריאַליזם, קעגן יעטווידן געדאַנק פון יידישער מלוכהשקייט און פון אַ יידישן לאַנד. מערעזשין איז אויף דעם געביט געווען ממש אַ ספּעציאַליסט. אין 1917 האָט דער באַגייטער בונדישער פאַרלאַג „די וועלט" פאַרעפנטלעכט, אויף יידיש און רוסיש, אַ בראָשור זיינע, וואָס האָט געהייסן „בונד און ציוניזם", מיט אַן אַריינ־פיר פון וולאַדימיר מעדעם.

אין 1920, ווען דער רוסלענדישער „בונד" האָט זיך ענדגילטיק „באַקערט צום קאָמוניזם" און, לויט דער איניציאַטיוו פון קאָמאינ־טערן, איז באַשאַפן געוואָרן אַ קאָמיסיע פון פאַרשטייער פון קאָמבונד און פון דער קאָמפּאַרטיי, בכדי צו באַטראַכטן די בונדישע פאָדערונג פון אָרגאַניזאַציאָנעלער אויטאָנאָמיע, איז דער קאָמוניסטישער צד גע־ווען פאַרגעשטעלט דורך צוויי אַלטע באָלשעוויקעס, קרעסטינסקי און פּרעאָבראַזשענסקי און דורך דעם „יונגן קאָמוניסט" אַלעקסאַנדער טשע־מעריסקי, וואָס איז ערשט מיט אַ יאָר פריער געהאַט אַריינגעטראָטן אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. און דווקא איז ער, טשעמעריסקי, געוואָרן דער שטרענגסטער פּראָקוראָר, דער שאַרפסטער באַשולדיקער קעגן אַלע רעשטן פון אַלטן בונדישן נאַציאָנאַליזם.

וואָס שייך מערעזשינען, איז ער אויף דער דריטער קאָנפערענץ פון די יידסעקציעס, אין יולי 1920, געשטאַנען בראש פון לינקן פליגל, וועלכער איז אַרויסגעטראָטן קעגן פרינציפּ גופא פון באַזונדע־רע יידישע סעקציעס, מחמת זיי זיינען עלול צו פאַרוואַנדלען זיך אין אַ נעסט פון נאַציאָנאַליזם. מען האָט געדאַרפט וואָס שנעלער אויסלעבן אַלע אַמאָליקע נאַציאָנאַליסטישע געוווינהייטן, אָפּשאַפן אַלע אַמאָליקע נאַציאָנאַליסטישע מחיצות און איינשטעלן, וואָס שנעלער, אַן אַלץ ענ־גערע, אַן אַלץ מער אָרגאַנישע צוזאַמענאַרבעט צווישן יידישן און ניט־יידישן פּראָלעטאַריאַט.

ווי אַזוי זיינען אָט די איבערצייגטע אַנטי־ציוניסטן, אַנטי־טערי־טאָריאַליסטן, נאַציאָנאַלע ניהיליסטן — אָדער אין בעסטן פאַל, נאַ־ציאָנאַלע נייטראַליסטן — ווי אַזוי זיינען אָט די פלאַם־פייערדיקע חסי־דים פון אוניווערסאַליסטישן „נייעם אָנהויב", פונעם באחרית־הימימ־דיקן „נייעם געשיכטלעכן ציקל", און במילא קעגנער פון פאַרעלטערטן, פּרעהיסטאָרישן באַגריף פון קיום האומה, ווי אַזוי האָבן זיי עס, אַזוי פשוט און אַזוי שנעל, ממש איבער נאַכט, געקאָנט אַריבערגיין אויף די פאַרעלטערטע, אויף די פּרעהיסטאָרישע פּאָזיציעס — זאָל טאָקע זיין סאָוועטיש געשלייערטע, אָבער פאַרט — פון טעריטאָריאַליזם, פון ציו־ניזם און ניט אָפּשטעלן זיך אפילו פאַרן גראָטעסק פון קאָפּירן דעם הערצליאַנישן זשעסט און דעם הערצליאַנישן נוסח?

דער סוד דערפון ליגט אין דעם נס גדול, אין גרויסן און טראַ־גישן נס — פון פאַרטיי־דיסציפּלין, אַ קוואַל פון אומגעהויערן מסירת־נפש, ביז פאַרלייקענונג, ביז פאַרניכטונג פון זיך אַליין און גלייכצייַ־טיק — אַ שטוינענדיקע און פערמאַנענטע גרייטקייט, הן אינטעלעק־טועל, הן מאָראַליש, הן אפעקטיוו, אויפצונעמען אַלדאָס אומגעריכטע, אַלדאָס סתירותדיקע (דיאַלעקטיש סתירותדיקע, פאַרשטענדלעך) אַל־דאָס אומוואַרשיינלעכע און אומזיניקע אפילו, אויב נאָר עס קומט מיטן שם־המפורש פון דער פאַרטיי.

אין נאָמען פון פאַרטיי־דיסציפּלין זיינען טשעמעריסקי און מע־רעזשין געווען גרייט צוריקצוקערן זיך צום ציקל פון „אַלטער געשיכט־לעכקייט". סוף כל סוף האָט דאָך די וועלט־רעוואָלוציע — אויף וועל־כער אַלץ איז געווען לכתחילה געבויט — טראַגיש פאַרשפּעטיקט. דער 14טער פאַרטיי־צוזאַמענפאָר האָט פּראָקלאַמירט די לאָזונג פון „סאָציאַ־ליזם אין איין לאַנד". יידישע טעריטאָריעלע קאָנצענטראַציע, סאָוועטי־

שע יידישע מלוכהשקייט האָבן געזאָלט זיין, אין אַ געוויסן זין, אַ מין וואַריאַנט פון אָט דער לאָזונג אויף דער „יידישער גאַס", בכדי צו פּאַרטרעטן די טרוימען פון אוניווערסאַליזם, וואָס זיינען צעשוווּמען. מיטן שם־המפורש פון דער פּאַרטיי־ליניע, איז דאָס אַלטע, אין פּיי־ערדיקן אַטעם פון דער רעוואָלוציאָנערער ווירקלעכקייט, געוואָרן אי־בערגעשמידט (דיאַלעקטיש, פאַרשטייט זיך) און באַקומען אַ לחלוטין נייעם, אַ רעוואָלוציאָנערן תוך. אפילו דער אַלטער הערצל־נוסח: „צו אַ יידיש לאַנד", „אויב איר וועט וועלן, וועט עס זיין", איז, ווי מיט אַ כשוף־שפּרוך, געוואָרן דיאַלעקטיש — ניי און רעוואָלוציאָנער. טשע־מעריסקי און מערעזשין זיינען געווען גרייט צו לאָזן זיך אין קאַמף פאַר אָט די לאָזונגען, דורך אַ מאָביליזאַציע פון פאָלקס־ענערגיע, דורך גרויס־פּאָליטיק. זייער שנעל אָבער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער ענין איז ווייט ניט אַזוי פשוט, ווי זיי האָבן, אין רעוואָלוציאָנערן איי־פער, זיך עס פאָרגעשטעלט.

אָנהויב 1928 איז קריטיק, אין ראַטנפאַרבאַנד, נאָך נישט געווען קיין מלוכה־פאַרברעכן. דער גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער פּאַרטיי האָט נאָך ניט געהייסן — נישט „גענִיאַלער פירער", נישט „פאָטער פון די פעלקער". מען האָט ערשט געהאַלטן ביי די פונדאַמענטן פונעם בנין פון סטאַליניזם. קוים אָבער מיט עטלעכע חדשים פריער, אין דעצעמבער 1927, האָט דער 15טער פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר ליקווידירט — דערווייל בלויז פּאָליטיש, דורך אויסשליסן פון דער פּאַרטיי — אַזעלכע לעגענדאַרע פּאַרטיי־פירער, ווי טראָצקי, זינאָוויעוו, קאַמענעוו, פּרעאָבראַזשענסקי, ראַדעק און אַ ריי אַנדערע. אויב דאָס אַרויסזאָגן זיך קעגן אַ פאַרפליכטנדיקן פּאַרטיי־באַשלוס און קעגן אַן ענדגילטיקער מלוכה־דעציזיע איז געווען בלויז אַן עבירה, אָבער נאָך נישט קיין פאַר־ברעכן, האָט עס שוין אָבער געדראָט מיט אומאָנגענעמלעכקייטן און אפילו מיט געוויסער געפאַר. דאָס האָט געפאָדערט ציווילן און פּאָ־ליטישן מוט, וואָס מען האָט קוים געקאָנט דערוואַרטן פון די „ניי־קאָמוניסטן", געוועזענע פירער און טוער פון די יידישע אַרבעטער־פּאַרטייען.

די יידישע געזעלשאַפטלעכקייט, די גאַנצע יידישע געזעלשאַפט־לעכקייט פון ראַטנפאַרבאַנד, איז אָבער געווען טיף אויפגערודערט דורכן אומגעריכטן ווייט־מזרחדיקן פּראָיעקט און דורכן רוף „צו אַ יידיש לאַנד". אַ קעגנערשאַפט, אַלץ מער אַ שאַרפערע, האָט אָנגעהויבן זיך

אויסקריסטאַליזירן, הן אין די קרייזן פון די יידסעקציעס, הן אין געזערד. אַט די קעגנערשאַפט האָט אַרויסגעבראַכט אין דער עפנטלעכקייט יורי לאַרין, דער פאָרזיצער פון געזערד. לאַרין האָט נישט געהערט צום דור אַלטע באָלשעוויקעס, ער איז אָבער אויך ניט געווען קיין „בייער קאָמוניסט". אַ מיטגליד פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי נאָך פון פאַר דער רעוואָלוציע, האָט ער פאַרטראָטן די פּאַרטיי שוין אויף דער ערשטער אַלרוסלענדישער באַראַטונג פון די סאָוועטן, אין אַפּריל 1917. אַן עקאָנאָמיסט און פּובליציסט מיט אַ גרויסן נאָמען אין ראַטנפאַרבאַנד, האָט לאַרין פאַרעפנטלעכט אָנהויב 1929, אין דער רוסישער צייטשריפט „אויפן אַגראַר-פראָנט", אַ גרעסערן אַרטיקל אונטערן טיטל „דער מצב און די פּערספּעקטיוון פון דער יידישער לאַנדווירטשאַפט אין פ. ס. ס. ר." אין דעם אַרטיקל האָט ער אָפן פאַרגעוואָרפן די סאָוועטיש-יידישע טוער, אַז זייער אָנשלוס אין ביראָבידזשאַן-פּראָיעקט איז געווען אַ רעזולטאַט פון יאָגן זיך נאָך „אַ גרויסער טעריטאָריע" און נישט פון אַן ערנסטער אויספאָרשונג פון דער געגנט. „דאָס איז אַ מין ציוניזם, — האָט לאַרין געשריבן — ווי ביראָבידזשאַן האָט פאַרביטן ארץ-ישראל". און ווייטער: „די אומגעזונטע טומלעניש, וואָס איז אויפגעהויבן געוואָרן אַרום ביראָבידזשאַן, איז פאַרקערט פּראָפּאָרציאָנעל צו דער רעאַלער וויכטיקייט פון דער געגנט פאַר די יידישע האָרעפאַשנע מאַסן. צום ענין ביראָבידזשאַן זיינען אַ סך צוגעגאַנגען, נישט ווי צו אַ ווירטשאַפטלעכן פּראָבלעם, נאָר ווי צו אַן אויסשליסלעך-נאַציאָנאַלן פּראָבלעם. דאָס איז אַ מין איבערחזרונג, אין סאָוועטישע באַדינגונגען, פון דער מעשה-אוגאַנדע".*

דעם ביראָבידזשאַן-פּראָיעקט איז געווען פאַרגעוואָרפן בעיקר די אומגעהויערע ווייטקייט פון דער געגנט, איר קלימאַט און איר אורווילדקייט. די יידישע קאָלאָניזאַציע אין רוסלאַנד האָט שוין פאַרמאָגט אַ דורותדיקע טראַדיציע: זי איז תמיד געגאַנגען קיין דרום, און דאָרט זיך איינגעוואָרצלט, אָבער קיינמאָל ניט קיין מזרח. דער איינציקער פּרווו, וואָס איז געהאַט געמאַכט געוואָרן אין 1835 צו באַזעצן יידן אין סיביר, האָט זיך שלעכט אויסגעלאָזט, מיט אַ פולשטענדיקן דורכפאַל. אַן אַנדער באַשטענדיקער כאַראַקטער-שטריך פון דער יידישער ערד-באַזעצונג, איז געווען איר רעלאַטיווע נאָענטקייט, איר כמו-שכנות-

* ציטירט לויט: י. לבבי, „ההתישבות..." ז. 54.

דיקייט צו די אַלטע יידישע מאַסן־ישובים — אין אוקראַינע, ווייס־רוסלאַנד, ליטע, וואָלין און בעסאַראַביע. דער יידישער דאָרפסמענטש האָט זיך נישט דערוויטערט צו פיל פון די גרעסערע יידישע צענ־טערן, וועלכע זיינען פאַר אים געווען אַ גייסטיקער אָנשפּאַר.

ביראָבידזשאַן דאַקעגן איז געלעגן צען טויזנט קילאָמעטער ווייט פון די דורותדיקע יידישע היימען, אין אַן אַבסאָלוטער פרעמדקייט, הן געאָגראַפישער, הן היסטאָרישער, אין אַ פרעמדקייט און אומבאַ־וווסטקייט. עס האָט געשראָקן אויך די האַרבקייט פון אַ קלימאַט, צו וועלכן מען איז נישט געווען צוגעוווינט. גאָר באַזונדערס האָט גע־שראָקן די אורווילדקייט פון לאַנד — ווילדע טאַיגע, אורוועלדער און זומפּן. די ערד־באַזעצונג איז דאָ געווען פאַרבונדן מיט קאָלאָסאַלע שוועריקייטן, אפילו פאַר דערפאַרענע דאָרפסלייט, פּויערים בני פּויע־רים, בפרט פאַר יידישע איבערוואַנדערער פון שטעט און שטעטלעך, וואָס האָבן ערשט געדאַרפט זיך נעמען צום אלף־בית פון לאַנדווירט־שאַפט.

די חסרונות פון דעם ווייט־מזרחדיקן פּראָיעקט האָבן נאָך בולטער אונטערגעשטראָכן די מעלות פונעם קרים־פּראָיעקט. דאָ איז אַלץ גע־ווען נאָענט און באַקאַנט. דאָ האָט מען ניט געמוזט, ווי אין ביראָבי־דזשאַן, אָנהויבן אַלץ פון אָנהויב, פון סאַמע אלף. די נייע ערד־באַזע־צונג האָט געקאָנט זיך שטיצן אויף דער שוין עקזיסטירנדיקער יידי־שער לאַנדווירטשאַפט, מיט אַ באַפעלקערונג פון העכער פופציק טויזנט נפשות, אַ הינטערלאַנד פון ערשטראַנגיקן באַטייט.

אויך דער קרים־פּראָיעקט האָט געהאַט זיינע חסרונות. דאָ האָט געפעלט אָט די „גרויסע טעריטאָריע" פאַר אַ האַלבן מיליאָן איבער־וואַנדערער, דער „דורכויסיקער ערד־מאַסיוו", וואָס האָט זיך געפונען אין ווייטן מזרח. די יידישע קאָלאָניזאַציע אויף די שטחים פונעם קרים־פּראָיעקט האָט געמוזט פאַרקומען אין פאַרשיידענע טיילן פון קרימער האַלב־אינזל און אויסשפרייטן זיך לענגויס און צווישן דעם אַזאָווישן און שוואַרצן ים. דאָס האָט במילא געהייסן — אַן קאָמפּאַקט־קייט, אָן דורכויסיקייט, אָן טעריטאָריעלער גאַנצקייט. ס'איז געווען נישט לייכט פאָרויסצוזען, ווי און ווען עס וועט זיך קאָנען אויסבילדן, פון באַשיידענע יידישע דאָרפישע ישובים — נישט קיין אָפּגעריסענע יידישע נאַציאָנאַלע ראַיאָנען — נאָר אַ גרעסערע, מערהייטלעכע יידי־שע טעריטאָריעלע קאָנצענטראַציע, מיט אַ מינימאַלער דורכויסי־

קייט, וואָס זאָל ווערן די באַזע פאַר אַ יידישער רעפּובליק. נאָך שווע־רער איז געווען פּאַרויסצוזען, ווי אַזוי די שטאָט קערטש, וועלכע איז געווען אַנגעמערקט, ווי די הויפּט־שטאָט פון דעם קרים־פּראָיעקט, אַן אַלט־היסטאָרישע שטאָט אויף דער סאַמע שייד־ליניע צווישן אַזאָווישן און שוואַרצן ים, מיט אַ באַפעלקערונג, וואָס האָט דאָן שוין געציילט העכער 35.000 איינוווינער, אַלץ ניט־יידן — ווי אַזוי די דאָזיקע היפּ־שע ניט־יידישע שטאָט וועט זיך פאַרוואַנדלען אין דער הויפּט־שטאָט פון דער יידישער רעפּובליק אין קרים.

און לסוף, נאָך אַ חסרון, ווייט ניט פון די מינדערוויכטיקסטע. די יידישע מלוכהשע אויסבילדונג אין קרים האָט געזאָלט געשאַפן ווערן אין די גרענעצן פון אַ צווייטער, שוין עקזיסטירנדיקער סאָוועטישער מלוכהשער אויסבילדונג — פון דער קרימער אויטאָנאָמער רעפּובליק. איז אָבער די באַפעלקערונג פון דער אויטאָנאָמער רעפּובליק — אין איר רוב אַ טאָטערישע — גאָרניט געווען אַזוי מוכן ומזומן אויפצוגע־מען אויף איר נאַציאָנאַלער טעריטאָריע אַ צווייטע נאַציאָנאַלע מלוכה־שאַפט. איז אויסגעקומען, אַזוי אַרום, אַז דער חשבון איז געמאַכט גע־וואָרן — אָן בעל־הבית.

די אַלע חסרונות האָבן געהאַט אַ שייכות אָבער, נישט צו דער אייגנטלעכער פּראָבלעמאַטיק פון דער קאָלאָניזאַציע, נאָר צום פּראָ־צעס פון יידישער מלוכהשער אויסבילדונג. אויף דעם האָבן אַלע חסי־די־קרים געענטפערט בקול אחד, אַז אין ראַטנפאַרבאַנד, אינעם לאַנד פון פריינדשאַפט און ברידערלעכער מיטאַרבעט צווישן אַלע סאָוועטי־שע פעלקער, איז בכלל אוממעגלעך און אומדענקבאַר, עס זאָלן אויפ־קומען וועלכע ניט איז אינערלעך־טעריטאָריעלע צווישן־פעלקערלעכע קאָנפליקטן אָדער ווידעראַנאַנדן, און אויב שוין יאָ, איז בלויז דורך אַ מיספאַרשטייעניש, וואָס מוז און וועט ווערן ברידערלעך אויפגעקלערט און געלייזט. לכל הדעות האָט די סופּעריאָריטעט פונעם קרים־פּראָ־יעקט איבערן ווייט־מזרחדיקן פּראָיעקט אויסגעזען אַזוי אומצווייפלהאַפ־טיק, אַז יורי לאַרין זאָל זיך האָבן אויסגעדריקט: „דאָס האָבן אייניקע אַנטי־סעמיטן, וואָס זיצן אין די העכסטע אָרגאַנען, אונדז אונטערגערוקט ביראָבי־דזשאָן, ווייל זיי האָבן אונדז געוואָלט אָפּטאָן אַן אַנטיסעמיטיש שפּיצל״.*

* „דער עמעס״, 13טן דעצעמבער 1930; ציטירט לויט: יעקב לעש־צינסקי, „דאָס סאָוועטישע יידנטום״, ז. 197.

דער אומווילן, גלייך פון אָנהויב, צו ביראָבידזשאַן און באַלד די קאַטעגאָרישע קעגנערשאַפט, אַן אָפענע אָדער פאַרבאַהאַלטענע, האָבן געהאַט אַ דעצידירנדיקע ווירקונג אויפן גורל פון ווייט־מזרחדיקן פּראָיעקט. לאַרינס פאַרוואורף, אַז די יידישע טוער האָבן „זיך געיאָגט" נאָך „אַ גרויסער טעריטאָריע" איז קוים געווען אַ באַרעכטיקטער. יושרדיקער און נענטער צום אמת וואָלט געווען צו זאָגן, אַז נישט די יידישע טוער האָבן זיך „געיאָגט" נאָך ביראָבידזשאַן, נאָר גראָד קאַפּויער, אַז דער ביראָבידזשאַן־פּראָיעקט האָט זיך „געיאָגט" נאָך די יידישע טוער, צוליב מלוכהש־סטראַטעגישע טעמים און איז זיי אויפגעצווונגען געוואָרן, מיטן כוח פון פּאַרטיי־דיסציפּלין. דווקא די צוויי טוער, וואָס האָבן פּערזאָניפיצירט דעם יידישן הסכם צום ווייט־מזרחדיקן פּראָיעקט, אַלעקסאַנדער טשעמעריסקי, סעקרעטאַר פון צענטראַל־ביוראָ פון די יידסעקציעס און אברהם מערעזשין, פּאַקטישער אָנפירער פון קאָמערד, זיינען שפּעטער ביידע געוואָרן באַשולדיקט אין קעגנערשאַפט און סאַבאָטאַזש לגבי דעם ביראָבידזשאַן־פּראָיעקט. פּאַראַדאָקסאַל האָט די באַשולדיקונג זיי אַריינגענומען אין איין און דעם זעלבן „דריילינג", צוזאַמען מיטן אָפענעם קעגנער פון ביראָבידזשאַן, יורי לאַרין. וועגן אָט דעם „דריילינג" האָט געשריבן ליטוואַקאָוו, אין 1937: „עס איז באַוווּסט דער קאַמף, וואָס עס האָבן קעגן ביראָבידזשאַן אַלס ראַיאָן פון דער יידישער איבערוואַנדערונג מיט פּערספּעקטיוון צו פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ יידישן נאַציאָנאַל־מלוכהשן אײנס געפירט דער פאַרשטאָרבענער ח' לאַרין, צוזאַמען מיט מערעזשינען און טשעמעריסקין".*
אַ כאַראַקטעריסטישער און טראַגישער פּרט: לאַרין האָט געהאַט דאָס „מזל" צו שטאַרבן יונג, אין 1932, מיט אַ נאַטירלעכן טויט. איז אים געבליבן צוגעאייגנט, אויף אַלע אייביקייטן, דער טיטל: „חבר". מערעזשין און טשעמעריסקי, שוין אויס חברים, זיינען איגגיכן געוואָרן „שונאים פון פאָלק".

אין יאַנואַר 1928, האָט מערעזשינס „אויב איר וועט וועלן — וועט עס זיין" און טשעמעריסקיס „צו אַ יידיש לאַנד" אָוועקגעשטעלט, מיט אַ באַזונדער שאַרפקייט און דראַמאַטישקייט, פאַר דער אָרגאַניזירטער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט אין ראַטנפאַרבאַנד, ס'הייסט פאַר די יידסעקציעס און דעם געזערד, די פראַגע וועגן פּלאַץ, וואָס ביראָ־

* „דער עמעס", 17טן אַפּריל 1937.

בידזשאַן דאַרף פאַרנעמען אין דער אַלגעמיינער ייִדיש־סאָוועטישער קאָלאָניזאַציע־פּאָליטיק. עס האָבן געמוזט דרינגענדיק פעסטגעשטעלט ווערן די לאָזונגען, אונטער וועלכע די רעאַליזירונג פון ביראָבידזשאַן־פּראָיעקט האָט געדאַרפט ווערן געפירט. די דאָזיקע פראַגע איז שוין געהאַט אויפגעקומען מיט אַ חודש פריער, אויף דער פּלענאַר־זיצונג פון געזערד, גלייך ווי עס איז געוואָרן באַקאַנט, אַז די עקספּעדיציע פון קאָמערד האָט זיך אַרויסגעזאָגט פאַר ייִדישער ערד־באַזעצונג אין וויַיטן מזרח. איינער פון די אַנגעזעענע געזערד־טוער, רעדאַקציע־מיט־גליד פון דער געזערד־־צייטשריפט „טריבונאַ”, אברהם בראַגין, האָט אין די וויכוחים זיך אויסגעצייכנט מיט באַזונדערער דרייסטקייט און ציווילן מוט. (ער איז געווען דער אויסנאַם, וואָס באַשטעטיקט דעם כלל). עס איז געבליבן באַרימט זיין דראַסטישע שאלה צו דער גע־זערד־פירערשאַפט: „אונטער וועלכע לאָזונגען וועט גיין די מאַסע אויפן וויַיטן מזרח? אונטער די לאָזונגען פון אַסימילאַציע, וואָס פּרומ־קינע פּריידיקט אויף דער באַראַטונג פון די ייִדסעקציעס? אונטער אַזעל־כע לאָזונגען וועט איר די ייִדישע מאַסן ניט פירן. איר וועט קיין צוויי צענדליק מענטשן ניט אַנקלייבן”.*

ווי אַ תשובה אויף דער דאָזיקער שאלה — און אויף פיל ענלע־כע שאלות — זיינען געקומען די הערצליאַנישע „צו אַ ייִדיש לאַנד” און „אויב איר וועט וועלן, וועט עס זיין”. די דאָזיקע „הויכע לאָזונגען מיט אַ נאַציאָנאַלער באַפאַרבונג”, ווי מען האָט זיי אָנגערופן, האָבן אָבער תיכף אַרויסגערופן אַ שטורעם פון פּראָטעסטן. דער אָנגריף איז געווען אַ טאָפּלטער. די אָנהענגער פונעם קרים־פּראָיעקט האָבן ניט געוואָלט דערלאָזן, אַז ביראָבידזשאַן זאָל טאַקע ענדגילטיק באַצייכנט ווערן ווי „דאָס ייִדיש לאַנד”. פון דער צווייטער זייט, און בעיקר, האָבן די משגיחים אויף פּאָליטישער כשרות אייגעפונען אין אָט די לאָזונ־גען אַ געפערלעכן נאַציאָנאַליסטישן אָפּנויג און אַ בפירושע פאַרליי־קענונג פון די גרונט־פּרינציפּן פון די ייִדסעקציעס. דער קאַמף איז געווען אַ פאַרביטערטער און אַ לאַנגער.

אַ פולן יאָר נאָך דעם, ווי עס איז דערשינען דער אַרטיקל „צו אַ ייִדיש לאַנד”, האָט מערעזשין, אין יאַנואַר 1929, אויפן צווייטן פּלע־

---

* דאָס פערטע יאָר ייִדישע ערד־איינאָרדענונג”, כאַרקאָוו, 1929, ז. 23.

נום פון דער צענטראַל־פּאַרוואַלטונג פון געזערד, נאָך אַלץ געפּרוווט פּאַרטיידיקן זיין שטעלונג קעגן די אַלע (און „פאַר דער לעצטער צייט באַמערקן זיך אַלץ מער אַזעלכע"). וואָס „זיינען געניגט דערוויל אַראָפּנעמען אָדער ניט אַרויסרוקן דעם לאָזונג". דערביי האָט ער זיך געשטיצט אויף דער דערפאַרונג — אויף דער קאַטאַסטראָפאַלער דער־פאַרונג — פונעם ערשטן האַלב־יאָר בירָאָבידזשאַן־קאָלאָניזאַציע. ווי באַקאַנט, איז קיין בירָאָבידזשאַן, גלייך מיט די ערשטע איבערוואַנדע־רער, געקומען אַ גאַנצער אַרויסלאָז פון דער מינסקער יידישער לאַנד־ווירטשאַפטלעכער שול און דאָרט געגרינדעט די יוגנט־קאָמונע „אי־קאָר". די קאָמונע איז זיך נישט צעפאַלן, אין דער בהלה פון צוריק־פאָר און אַלע יוגנטלעכע זיינען פאַרבליבן אויפן אָרט.

דערמאָנענדיק דעם דאָזיקן פאַקט, האָט מערעזשין געמאַכט פאָלגנ־דיקע אויספירן: „אָבער צי וואָלטן מיר באַקומען קיין בירָאָבידזשאַן די דאָזיקע קאָמונע אָן דעם לאָזונג „צו אַ יידיש לאַנד"? צי וואָלט אָוועקפאָרן אַהין דער גאַנצער אַרויסלאָז פון דער לאַנדווירטשאַפטלע־כער שול? איך צווייפל זייער שטאַרק דערין. איך צווייפל אויך דערין, צי וואָלטן אַהין אַוועקגעגאַנגען אַ גאַנצע ריי שטאַרק נויטיקע גרע־סערע און קלענערע טוער, אָן דעם לאָזונג „צו אַ יידיש לאַנד", און צי וואָלטן זיך דאָרטן איינגעהאַלטן אָן דעם דאָזיקן לאָזונג די איצטי־קע צאָל איבערוואַנדערער. און אויב, חברים, מיר זעען אויף דער דערפאַרונג, אַז דער דאָזיקער לאָזונג העלפט אין לעצטן סך־הכל דער סאָציאַליסטישער בויאונג, העלפט צו באַהערשן די דאָזיקע גאַנצע גרוי־סע און שווערע טעריטאָריע, העלפט צו בויען אונדזער סאָציאַליסטיש פאָטערלאַנד — צי דאַרפן מיר זיך ניט באַציען צו דעם דאָזיקן לאָ־זונג, ווי צו אַ באַלעבנדיקן און אַ רעוואָלוציאָניזירנדיקן, וואָס אַפּעלירט צום יונגן און דרייסטן און ניט צום אָפּגעשטאַנענעם און קאָנסערוואַ־טיוון, וואָס אַפּעלירט נישט צו די נאַציאָנאַלע פאַראורטיילן, נישט צו דער אוראַלטער פאַרגאַנגענהייט, נישט צו די עלטער־אבות און קברים, נאָר רופט אַוועק פון זיי — צו דער נייער סאָציאַליסטישער צוקונפט? דער ענטפער קאָן זיין בלויז אַ פּאָזיטיווער — און דעריבער האָבן מיר ניט קיין שום גרונטן אַראָפּצונעמען דעם דאָזיקן לאָזונג, באַ־האַלטן אים אויף ווייטער".*

---

* „דאָס פערטע יאָר יידישע ערד־איינאָרדענונג", ז. 25 און 26.

דער אינטערעס פון דער געבראַכטער ציטאַטע איז אַ טאָפּלטער. ראשית באַווייזט זי אויף וויפל די אָנפירערשאַפט פון דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט האָט זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון, אַז בלויז אַ מאָבי־ליזאַציע פון נאַציאָנאַל־געשפּאַנטער ענערגיע איז מסוגל בייצוקומען די אומגעהויערע שוועריקייטן, מיט וועלכע עס איז געווען פאַרבונדן דער ביראָבידזשאַן־פּראָיעקט. והשנית ברענגט זי אַ כאַראַקטעריסטישן ביישפּיל פון דער באַרימטער „דיאַלעקטיק״־אַלכעמיע, וואָס פאַר־וואַנדלט, איינס־צוויי, בליי אין גאָלד און דעם קלאַסיש־ציוניסטישן לאָזונג „צו אַ יידיש לאַנד״ אין אַ לאָזונג פון אַנטי־ציוניזם, פון אַנטי־„נאַציאָנאַלע פאַראורטיילן״ און פון אַנטי־„אוראַלטע פאַרגאַנגענהייט״.

און אָט זיינען די אָרגאַניזאַציאָנעלע מסקנות, וואָס מערעזשין האָט געמאַכט פון זיין אַנאַליז: „און דעריבער טאָרן מיר ניט קוקן אויף ביראָבידזשאַן בלויז ווי אויף אַ נייעם ראַיאָן אין אונדזער אַרבעט. מען קאָן ניט צוגיין צו ביראָבידזשאַן ווי, צום ביישפּיל, צו קריוואָראָגער אָדער זאַפּאָראָזשער ראַיאָנען. דאָס איז אַן אבסורד. דאָס וועט זיין ניט קיין פּאָליטישער צוגאַנג, נאָר געשעפטס־מאַכערישער. דאָס וועט אויך זיין אַ צוגאַנג פון מענטשן, וואָס האַלטן זיך ביים אות און האָבן מורא צו זאָגן אַ דרייסט און נויטיק וואָרט״.*

ס'איז שווער צו וויסן, וועגן וואָס פאַר אַ „דרייסט און נויטיק וואָרט״ דער געוועזענער בונדישער פירער, ספּעציאַליסט פון קאַמף קעגן ציוניזם און געוואָרענער „יונגער קאָמוניסט״ האָט בעת מעשה געטראַכט — אַ וואָרט פאַר „אַ יידיש לאַנד״, אָדער קעגן, פאַר בי־ראָבידזשאַן אָדער קעגן. זיכער איז אָבער, אַז מערעזשינס דיאַלעקטיק־אַלכעמיע האָט דאָס מאָל נישט געווירקט. די לאָזונג „צו אַ יידיש לאַנד״ איז אַראָפּגענומען געוואָרן. ביראָבידזשאַן האָט זיך פאַרוואַנדלט טאַקע בלויז אין אַ „נייעם ראַיאָן״ פון דער געזערד־אַרבעט. דאָס איז בפירוש געווען אַן אבסורד און לחלוטין נישט קיין „פּאָליטישער צו־גאַנג״, אָבער די ווייט גרעסטע מערהייט פון די יידסעקציעס און גע־זערד־טוער האָבן אפנים ניט געוואָלט, אָדער ניט געקאָנט מסכים זיין מיט אַ צוגאַנג, וועלכער וואָלט פאַרלייקנט זייער אייגענעם פּאָליטישן מהות און זייער גאַנצע פּאָליטישע פאַרגאַנגענהייט. זיי האָבן ניט גע־וואָלט קיין גרויס־פּאָליטיק, נאָר העכסטנס קליין־פּאָליטיק.

* דאָרטן, ז. 26.

אַלעקסאַנדער טשעמעריסקי אַליין האָט, אין דעצעמבער 1928, אויפֿן צוזאַמענפֿאָר פֿון אוקראַאינישן געזערד, רעזומירט בזה הלשון דעם געזערד־פּראָגראַם: „אויף אַזאַ אופֿן באַקומען זיך ביי אונדז פֿאָלגנ־דיקע הויפּט־ראַיאָנען פֿאַר אונדזער אַרבעט: 1) ביראָבידזשאַן; 2) דרום־אוקראַאינע מיט די ביי־דניעפּראָווער זאַמדן, קרים, שוואַרץ־ים׳יקער ברעג און ביי־אַזאָווער פֿלייץ־ערדן, אויב עס וועט באַשטימט ווערן צו אַרבעטן אויף די צוויי לעצטע פּלעצער — די באַדייטונג פֿון אַזאַ דרום־ראַיאָן איז פֿאַר אונדז אַלעמען פֿאַרשטענדלעך; 3) ווייסרוס־לאַנד״.* ביז גאָר פּילזאַגנדיק איז די אונטערשטרייכנדיקע באַמער־קונג וועגן דער „באַדייטונג פֿון אַזאַ דרום־ראַיאָן״, וואָס „איז פֿאַר אַלע־מען פֿאַרשטענדלעך״.

צווישן די חסידי־קרים און די אָנהענגער פֿון ביראָבידזשאַן (אויפֿ־ריכטיק־איבערצייגטע, אָדער בלויז דיסציפּלינאַר־איבערצייגטע) האָט זיך אָנגעהויבן אַ פֿאַרמעסט, ס׳רוב אַ שטילער, אַ פֿאַרבאַהאַלטענער, אָבער צומאָל אויך אַן אָפֿענער און שאַרפֿער. מען האָט געקעמפֿט פֿאַר גרע־סערע בודזשעטן, פֿאַר וויכטיקערע איניציאַטיוון, פֿאַר מער אַנזעעוודי־קע, מער ספּעקטאַקולערע דערגרייכונגען. נאָך דער גרינדונג, אין 1927, פֿונעם ערשטן יידישן נאַציאָנאַלן ראַיאָן אין אוקראַאינע, דעם קאַליני־דאָרפֿער ראַיאָן, איז אין נאָוועמבער 1929 דערעפֿנט געוואָרן דער צווייטער יידישער נאַציאָנאַלער ראַיאָן, דער ניי־זלאַטאָפּאָלער, און אַ יאָר שפּעטער, אין 1930, דער דריטער, דער סטאַלינדאָרפֿער יידי־שער ראַיאָן, ביידע אויך אין אוקראַאינע. גלייכצייטיק זיינען אָנגעגאַנגען די צוגרייטונגען צו דער גרינדונג פֿונעם פֿערטן יידישן נאַציאָנאַלן ראַ־יאָן, דעם פֿריידאָרפֿער ראַיאָן, שוין אין קרים. מיט יאָרן שפּעטער, האָט געשריבן שמעון דימאַנשטיין: „די ערשטע ערנסטערע שריט צו שאַפֿן די יידישע מלוכהשקייט זיינען געמאַכט געוואָרן אין דעם מאָ־מענט, ווען עס זיינען געשאַפֿן געוואָרן יידישע נאַציאָנאַלע ראַיאָנען אין אוקראַאינע און אין קרים. די דאָזיקע ראַיאָנען זיינען אַ גרויסע געשעעניש אינעם לעבן פֿון די יידישע מאַסן, און זיי האָבן באַוויזן, אויף וואָס פֿאַר אַ וועג מיר וועלן ווייטער גיין ביים לייזן זייערע ספּעצ־ציפֿישע באַדערפֿענישן — אויף דער ליניע פֿון דער עקאָנאָמיק, פֿון

* דאָרטן, ז. 18 און 19.

קולטור און אויך פון דער נאַציאָנאַלער מלוכהשער איינאָרדענונג״.*
דימאַנשטיין האָט פאַרגעסן צוצוגעבן, אַז אָט די ליניע פון „נאַציאָנאַלער מלוכהשער איינאָרדענונג״ האָט דאַן געפירט, דירעקט, צו דעם קרים־פּראָיעקט. וואָס שייך דעם ווייט־מזרחדיקן פּראָיעקט, האָט ער מיט קיין גרויסע אויפטוען נאָך נישט געקאָנט זיך באַרימען. די איינציקע נצחונות זיינען אָפּגעהאַלטן געוואָרן אויפן אידעאָלאָגישן פראָנט. דאָס אַראָפּנעמען די לאָזונג „צו אַ יידיש לאַנד״, איז געווען דער סוף פּסוק פון אַ גאַנצער דאָקטרין. י. קאַנטאָר, איינער פון די אָנפירער פון אוקראַינישן געזערד, האָט זי דעפינירט אויף פאָלגנדיקן אופן: „דערביי אָבער מוז מען אויפן העכסטן און קאַטעגאָרישסטן אופן זיך אָפּגרענעצן פון די שטרעמונגען, וואָס זיינען אויסן אַריבערצוטראָגן אין דער געזערד־אַרבעט דעם גאַנצן קלאַפּער־געצייג, די גאַנצע רעאַקציאָנערע אידעאָלאָגיע פונעם אַמאָליקן טעריטאָריאַליזם און פּאַלעסטיניזם. פאַראַן אַזוינע גרופּן צווישן דער יידישער באַפעלקערונג, וואָס מיינען צו פאַרבייטן רעזולטאַט מיט צוועק, וואָס די גאַנצע געזערד־פּראַקטיק ווילן זיי פאַרוואַנדלען אין אַ פּראָבלעם פון שאַפן אַ יידישע מלוכה. אַזאַ שטעלונג איז אין תוך נאַציאָנאַליסטיש און רעאַקציאָנער און במילא קאָן זי ברענגען צו די ערגסטע און געפערלעכסטע רעזולטאַטן. האָבן אין אויג בלויז אַבסטראַקטע נאַציאָנאַלע אידעען — באַטייט עס אָנשטאָט אונדזער קלאָרן קאָמוניסטישן צוועק, צו געבן אונדזער גאַנצער אַרבעט אַ ציוניסטישע כלל־ישראלדיקע ציל־איינשטעלונג״. און דעריבער מוז מען „מיט דער גרעסטער אַנטשלאָסנקייט באַקעמפן די רעשטלעך פון די געוועזענע רעאַקציאָנערע יידישע נאַציאָנאַליסטישע אידעאָלאָגיעס, אַלע פרוּוון צו שטעלן די גאַנצע אַרבעט פון דער יידישער איבערוואַנדערונג אונטערן צייכן פון אָט דער „גרויס־פּאָליטיק״.**

אַנטי־„גרויס־פּאָליטיק״ האָט אָבער באַטייט — צי מען האָט עס יאָ אָדער נישט געוואָלט — פּראָ־„קליין־פּאָליטיק״. די רעאַליזירונג פון ביראָבידזשאַן־פּאַרמעסט איז געשטעלט געוואָרן אונטערן צייכן — פון קליין־פּאָליטיק, פון פּראַקטיציזם, אָן שוווּנג, אָן פאַרנעם, אָן גייסט, אָן האַרץ און נשמה. קודם כל, „עקאָנאָמישע און סאָציאַלע אויפריכ־

---

* „פאַרפּאָסט״, נומער איינס, ביראָבידזשאַן, 1937, ז. 121.
** י. קאַנטאָר, „ראַטנבויאונג״, ז. 141 און 142.

טונג", „דורכויסיקער באַזעצן דעם ראַיאָן מיט אַרבעטנדיקע יידן" און ערשט דערנאָך, אין וויטער פערספעקטיוו, — און דאָס אויך, בלויז ווי „אַ רעזולטאַט" און נישט חלילה ווי „אַ צוועק", ווי אַ ציל פאַר זיך — עפּעס אַן „איינס", אַן אנאָנימער „איינס", אַ יידישער נאַציאָנאַלער אַדמיניסטראַטיוו־טעריטאָריעלער „איינס".

„דורכויסיקע באַזעצונג פון ראַיאָן מיט אַרבעטנדיקע יידן" — אָבער, אייגנטלעך מיט וועלכע אַרבעטנדיקע יידן? פון זינט עס איז געבוירן געוואָרן, אין 1924, דער פּלאַן וועגן אַ האַלב־מיליאָניקער יידישער ערד־באַזעצונג, איז אין ראַטנפאַרבאַנד פאָרגעקומען אַן אמתע עקאָנאָמישע איבערקערעניש. ס'האָט זיך פאַרענדיקט דער א"ג אויפשטעלונג־פּעריאָד, די רעקאָנסטרוקציע פון דער סאָוועטישער ווירטשאַפט, און דאָס לאַנד איז אַריינגעטראָטן אין דער תקופה פון אינטענסיווער אינדוסטריאַליזאַציע און פינפיאָר־פּלענער. שוין ביים סוף פון רעקאָנסטרוקציע־פּעריאָד האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אַ באַטייטיקן טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג איז געלונגען אַריינצודרינגען אין דער אינדוסטריע. בעת דער פאָלקס־ציילונג פון דעצעמבער 1926 האָט די צאָל יידישע באַשעפטיקטע אַרבעטער באַטראָפן 153 טויזנט מאַן — קרוב פופצן פּראָצענט פון דער גאַנצער זעלבשטענדיקער יידישער באַפעלקערונג — דערפון העכער אַ העלפט יינגער פון 25 יאָר. גלייכצייטיק האָט, לויט די אָנגאָבן פון סאָוועטיש־יידישן עקאָנאָמיסט ל. זינגער, זיך אָנגעמערקט אַן אינטערעסאַנטער פּראָצעס פון איבערגיין — פון דער לייכט־אינדוסטריע (טראַדיציאָנעלע יידישע שניידעריי, שוסטעריי וכדומה) צו דער שווער־אינדוסטריע (מעטאַלורגיע, אייזנבאַן וכדומה). דער דאָזיקער פּראָצעס האָט זיך פאַרשטאַרקט פון יאָר צו יאָר. פּראָלעטאַריזירן זיך — פאַר דער יוגנט — בפרט מיט העכערער, פּראָפעסיאָנעלער קוואַליפיקאַציע, איז געווען אַ גרעסערער סאָציאַלער יחוס, מיט בעסערע מאַטעריעלע מעגלעכקייטן און פערספּעקטיוון, ווי באַזעצן זיך אויף ערד.

דער ווייט־מזרחדיקער פּראָיעקט, מיט זיין פון־האַנט־צו־מויליקן פּראַקטיציזם, איז אָבער געווען איינגעשלאָסן אין די שוין פאַרעלטערטע ראַמען פון אַגראַריזאַציע, פּראָדוקטיוויזאַציע און סאָציאַלער אויפריכטונג. האָט זיך באַקומען אַזוי, אַז דער רוף צו די „אַרבעטנדיקע יידן וועגן „דורכויסיקן באַזעצן" דעם ביראָבידזשאַנער ראַיאָן, איז געווען געווענדט בעיקר, אויב נישט אויסשליסלעך, דווקא צו די „ניט

אַרבעטנדיקע ייִדן", צו די אַלע, וואָס זיינען געווען אַרויסגעשטויסן פון עקאָנאָמישן פּראָצעס און האָבן ניט געהאַט קיין מעגלעכקייט אָדער פאַרלאַנג אין אים זיך איינצושליסן, אַנדערש געזאָגט — צו דעם געזעלשאַפטלעכן שיכט פון געוועזענע הענדלער, לופט־מענטשן, כלי־קודש און האַלב־קוואַליפיצירטע בעלי־מלאכה, וועמען משה ליטוואַקאָוו האָט באַצייכנט מיטן כלל־נאָמען: „דאָס דעקלאַסירטע שטעטלשע רוי־וואַרג".

אָט דאָס דאָזיקע „דעקלאַסירטע שטעטלשע רויוואַרג" האָט עס געדאַרפט לייגן דעם פונדאַמענט פון סאָציאַליסטישן פאַרפאָסט אין סאָוועטישן ווייטן מזרח און פון יידישער מלוכהשקייט אין בירָאבידזשאַן.

קאַפּיטל אַכט

די ערשטע טריט — כל התחלות...

„אַ גרויסע, פרייע, פרוכטבאַרע טעריטאָריע, ביי דער מלוכהשער גרענעץ. קיין אַנדער נאַציאָנאַליטעט, חוץ דער יידישער, איז דאָרטן אַלס פּרעטענדענט ניט פאַראַנען". אַזוי האָט באַצייכנט ביראָבידזשאַן דער „אַלפאַרבאַנדישער סטאַראָסטאַ" מיכאַיל קאַלינין און באַלד צו־געגעבן: „אגב, וואָס איז דאָרטן ניט פאַראַן אין דער דאָזיקער געגנט, אַנהויבנדיק פון גאָלד, אייזן און קוילן?".*

אין דעם באַשלוס פונעם פּרעזידיום פון „וציק" פון פסםר, דאַ־טירט פון 28סטן מערץ 1928, וועלכער האָט „פּאַרפּעסטיקט" פאַר יידי־שער ערד־באַזעצונג דעם ביראָבידזשאַנער ראַיאָן, זיינען די גענויע גרענעצן פונעם ראַיאָן נישט אָנגעוויזן. די סיבה דערפון איז אַ ביז גאָר פשוטע: די גרענעצן האָבן נאָך דאַן ניט עקזיסטירט. זיי האָבן ערשט געדאַרפט ווערן פעסטגעשטעלט, געמיינזאַם, דורך דער אָרטי־קער אַדמיניסטראַציע פון ווייט־מזרחדיקן קאַנט און דעם קאָמערד.

ביראָבידזשאַן ליגט אין דרום־טייל פונעם סאָוועטישן ווייט־מזרח־דיקן קאַנט און ציט זיך, אויף אַ שטרעקע פון 646 קילאָמעטער, לענגויס דעם לינקן ברעג פונעם טייך אַמור, וועלכער שטעלט פאַר מיט זיך די סאָוועטישע מלוכה־גרענעץ מיט כינע. די גרענעצן פון ביראָ־בידזשאַן גייען דורך: אין צפון־מערב, לענגויס די כינגאַנער בערג („קליינער כינגאַן") און דעם טייך כינגאַן; אין צפון לענגויס די בורייער בערג און די טייכן אורמי און טונגוסקא; אין מזרח, ביז דער אומגעגנט פון כאַבאַראָווסק; אין דרום און דרום־מערב, לענגויס דעם טייך אַמור.

---

* „יידן אין פ. ס. ס. ר.", מאָסקווע, 1935, ז. 36.

דער שטח פון בירעבידזשאַן, וואָס איז דורך דער קאָמערד־עקס־פּעדיציע פון זומער 1927 געשאַצט געוואָרן אויף 25.000 קוואַדראַט קילאָמעטער (צוויי מיט אַ האַלבן מיליאָן העקטאַר), איז אין יוני 1928, לויט אַ הסכם צווישן פּרעזידיום פונעם אויספּיר־קאָמיטעט פון ווייט־מזרחדיקן קאַנט און דעם קאָמערד, פעסטגעשטעלט געוואָרן אויף 31.350 קוואַדראַט־קילאָמעטער. ער איז שפּעטער פאַרגרעסערט געוואָרן. אין 1935 — ביז 36.492 קוו״קמ. און לסוף, אין 1939 — ביז 36.816 קוו״קמ. (ס'הייסט גרעסער מיט בערך 6.000 קוו״קמ. פון בעלגיע און מיט בערך 2.000 קוו״קמ. פון האָלאַנד). דער גאַנצער געביט איז דורכגע־שניטן, אין זיין צפון־טייל, דורך דער טראַנס־סיבירער אייזנבאַן־ליניע, פון מערב (גרענעץ־סטאַנציע אָבלוטשיע) אויף מזרח, ביז כאַבאַראָווסק.

דער צפון־מערב און צפון־טייל פון בירעבידזשאַן שטעלט פאָר מיט זיך אַ באַרג־לאַנד, פון מיטעלער הויך, (500 ביז 1200 מעטער) ס'רוב באַדעקט מיט אוראַלטן וואַלד (טאַיגאַ) און שטאַרק רייך אין פאַרשיי־דענע נאַטור־אוצרות: גאָלד, אייזן, קופּער, קוילן, קוועק־זילבער, גראַ־פיט, מאַרמאָר און פאַרשיידענע מינים איידלשטיינער. דער דרום־מז־רח און גאַנצער דרום־טייל פון געביט, ביזן טייך אַמור, איז איין גרויס פלאַך־לאַנד מיט, ווו ניט ווו, איזאָלירטע בערגלעך („סאָפּקעס״).

די וואַסער־רעסורסן פון בירעבידזשאַן זיינען באַטייטיקע: בערך 200 טייכן, צווישן זיי, די בירע (320 קילאָמעטער) און דער בידזשאַן (180 קילאָמעטער), שוין ניט רײדנדיק וועגן מעכטיקן טייך אַמור. די אַלגעמיינע לענג פון די וואַסער־וועגן שטייגט אַריבער 3.500 קי־לאָמעטער. די געגנט פאַרמאָגט אויך אַ ריי אָזיערעס. סיי די טייכן, סיי די אָזיערעס זיינען ביז גאָר רייך אין פיש.

דער קלימאַט איז אַ געזונטער, מיט אַ וואַרעמען, אָבער נישט צו הייסן זומער (דורכשניט־טעמפּעראַטור אין יולי: פּלוס 21,6 צעלזיוס) און אַ טרוקענעם זוניקן ווינטער (דורכשניט־טעמפּעראַטור אין יאַנואַר: מינוס 21,4 צעלזיוס). די חדשים יוני־יולי־אויגוסט־סעפּטעמבער זיינען שטאַרק רעגנדיקע.

אויסערגעוויינלעך רייך און פאַרשיידנאַרטיק איז די געוויקסן־וועלט פון בירעבידזשאַן. די אומגעהויערע וואַלד־מאַסיוון פאַרמאָגן צעדער־בוימער, טענענבוימער, סאָסנעס, בעריאָזעס, לינדבוימער א״א. און אַ שפע פון ווילד־וואַקסנדיקע פּרוכטן, יאַגעדעס און ניס. די ערד־מאַסיוון הן פון דעם פלאַכלאַנד, הן פון טייל באַרגיקע געגנטן, גיבן

אַ גוטע גערעטעניש פון ווייץ, האָבער, רייז, סאָיאַ, קאַרטאָפל און כל המינים גרינסן.

אויף דעם דאָזיקן ריזיקן שטח — גרעסער ווי בעלגיע, גרעסער ווי האָלאַנד — האָבן אין 1928, ערב דער יידישער איבערוואַנדערונג, געוווינט בסך־הכל 27,000 נפשות. די ווייט־גרעסטע מערהייט איז באַשטאַנען פון טראַנסבאַיקאַלער קאַזאַקן, וואָס האָבן זיך דאָ באַזעצט — ריכטיקער, וואָס זיינען אַהער געבראַכט געוואָרן, קעגן זייער ווילן, דורך דער צאַרישער אַדמיניסטראַציע — אין 17טן יאָרהונדערט. זיי האָבן זיך פאַרנומען מיט לאַנדווירטשאַפט און געוווינט אין דערפער, ווייט צעוואָרפענע און אָפּגעריסענע איינע פון די אַנדערע, לענגויס דעם טייך אַמור. לענגויס דעם זעלבן טייך האָבן זיך געפונען אויך אַ געוויסע צאָל קאָרעאַנישע דערפער. אין אָנהויב פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט זיינען אויפגעקומען אַ ריי קלענערע ישובים, לענגויס דער טראַנס־סיבירער אייזנבאַן־ליניע, באַוווינטע דורך די אייזנבאַן־אַרבעטער. און לסוף, גאָר אין צפון, האָבן געוווינט אַרטיקע שבטים — טונגוסן, יאַקוטן א״א. — וואָס האָבן זייער חיונה געצויגן פון געיעג און פישעריי.

אויסער די דאָזיקע זעלטענע באַוווינטע פונקטן, איז די געגנט געווען איין גרויסע אורווילדעניש. צווישן די דערפער און ישובים זיינען ניט געלאָפן קיין שום וועגן, קיין שום שטעגן, שוין אָפּגערעדט וועגן טעלעפאָנישער פאַרבינדונג. דער באָדן גופא איז באַשטאַנען פון רויערד, וואָס מען האָט ערשט געדאַרפט נאָך אויפהויבן, און פון אומענדלעכע זומפּן.

די עקספּעדיציע פון קאָמערד, וואָס האָט אויסגעפאָרשט די געגנט זומער 1927 און איז געקומען צום אויספיר, אַז זי איז צוגעפּאַסט פאַר יידישער ערד־באַזעצונג, האָט אין איר באַריכט אָנגעוויזן אויף דער דרינגענדיקער נויטווענדיקייט דורכצופירן דאָרט אַ ריי תיכפדיקע צוגרייט־אַרבעטן פון באָדן־מעליאָראַציע. נאָך מער פּרטימדיק האָט זיך אויף דער דאָזיקער פראַגע אָפּגעשטעלט אַ צווייטע עקספּעדיציע, וואָס עס האָט אָרגאַניזירט די אַמעריקאַנער געזעלשאַפט איקאָר.

ווי באַקאַנט, איז דער איקאָר („אידישע קאָלאָניזאַציע אין ראַטנפאַרבאַנד״) געוואָרן געגרינדעט אין ניו־יאָרק, אין דעצעמבער 1924, און זיך שנעל פאַרוואַנדלט אין אַ גרויסער מאַסן־אָרגאַניזאַציע. דער ציל פון איקאָר איז געווען צו העלפן ממשותדיק דאָס באַזעצן אויף ערד

סאָוועטישע יידן, בעיקר דורכן שיקן פאַר די קאָלאָניסטן לאַנדווירט־שאַפטלעכע מאַשינען, טראַקטאָרן, לאַסט־אויטאָס און פאַרשיידענע ווירט־שאַפטלעכע אינסטרומענטן. נאָך דעם „וציק״־באַשלוס פון 28סטן מערץ 1928, וואָס האָט באַשטימט ביראָבידזשאַן פאַר אַ געגנט פון יידישער ערד־באַזעצונג, האָט דער איקאָר, אין אַ באַגייסטערטער טעלעגראַמע, מודיע געווען דעם געזערד אין מאָסקווע, אַז די טעטיקייט פון דער אָרגאַניזאַציע, וואָס איז ביז דאַן געווען פאַרבונדן מיט דער יידיש־סאָוועטישער קאָלאָניזאַציע בכלל, וועט איבערגעפירט אינגאַנצן לטובת ביראָבידזשאַן.

אין פרילינג 1929 האָט דער איקאָר אָרגאַניזירט און אַרויסגעשיקט קיין ראַטנפאַרבאַנד „אַ ספּעציעלע קאָמיסיע פון אַמעריקאַנער געלערנ־טע און ספּעציאַליסטן״, מיטן ציל, „ערשטנס, ענדגילטיק פעסטצושטעלן די מעגלעכקייטן פון ביראָבידזשאַן און צווייטנס, צו שטודירן די מיט־לען און וועגן, דורך וועלכע דער איקאָר וואָלט געקאָנט אַמבעסטן העלפן אין דער קאָלאָניזאַציע, אויב עס וועט זיך אַרויסווייזן, אַז די טעריטאָריע איז דערפאַר צוגעפּאַסט״.* די „עקספּערטן־קאָמיסיע״, בראש מיט פּראָפ. פראַנקלין ס. העריס, אַגראָנאָם, און מיטן אָנטייל פון פּראָפ. טשאַרלז קונץ, סאָציאָלאָג, איז אָנגעקומען קיין ביראָבידזשאַן סוף יולי 1929 און איז דאָרט פאַרבליבן ביז מיטן סעפּטעמבער. נאָכן צוריק־קערן זיך קיין ניו־יאָרק, האָט זי פאַרעפנטלעכט אַ באַריכט, אין יידיש, ענגליש און רוסיש. אין באַריכט איז געמאַכט געוואָרן אַ מין סך־הכל פון אַלע מעלות פון דער געגנט, אָבער אויך פון אירע חסרונות: אור־ווילדקייט, זומפּן, „גנוס״ (בייסיקע אינזעקטן), וועגלאָזיקייט או״וו. דער אַלגעמיינער אויספיר איז געווען אַ פּאָזיטיווער, אָבער אין אַ געוויסן זין, אַ באַדינגלעכער. די איקאָר־עקספּערטן האָבן אָנגעוויזן און אונ־טערגעשטראָכן, אַז דער דערפאָלג פון דער יידישער ערד־באַזעצונג אין ביראָבידזשאַן איז אָפּהענגיק פון אַן עיקרדיקן פאַרבאַדינג: דאָס דרינג־גענדיקע דורכפירן פון אַ ריי צוגרייט־אַרבעטן אויף די געביטן פון באָדן־מעליאָראַציע, פון דורכברעכן וועגן און אויסבויען הייזער, בכדי צו פאַרזיכערן אַ דאַך איבערן קאָפּ פאַר די איבערוואַנדערער.

אגב, אויך אין ראַטנפאַרבאַנד גופא, און דווקא צווישן די אָנהענ־גער פון ווייט־מזרחדיקן פּראָיעקט, האָבן זיך געהערט שטימען וועגן

---

* ש. אַלמאַזאָוו, „צען יאָר ביראָבידזשאַן״, ניו־יאָרק, 1938.

דעם, אַז מען טאָר זיך ניט איילן, אַז מען מוז די איבערוואַנדערונג לכתחילה צוגרייטן ווי געהעריק, הן אויפן אָרט, הן וואָס שייך דעם אויסוואַל פון די איבערוואַנדערער. צו די דאָזיקע שטימען האָט מען זיך אָבער נישט צוגעהערט. קיין איינע פון די אָנווייזונגען און רעקאָמענדאַציעס — נישט פון דער קאָמערד־עקספעדיציע, נישט פון די איקאָר־עקספערטן — איז ניט גענומען געוואָרן אין באַטראַכט. די ביראָבידזשאַן־איבערוואַנדערונג האָט זיך אָנגעהויבן אין פולשטענדיקער אימפּראָוויזאַציע און אַבסאָלוטער אומצוגעגרייטקייט.

דער סאָוועטישער פּובליציסט מ. קאַדישעוויטש האָט די שולד דערפון אַרויפגעלייגט — אויף די באַדינגונגען פון יענער צייט. „די סאָוועטישע רעגירונג — האָט ער געשריבן — האָט נאָך דאַן, ערב דעם ערשטן פינפיאָר־פּלאַן, ניט געקאָנט אַריינלייגן אין דער סאָציאַליסטישער בויאונג פונעם ווייט־מזרחדיקן קאַנט, אין דעם אויך פון ביראָבידזשאַן, אַזוינע ריזיקע מאַטעריעלע און פינאַנציעלע מיטלען, ווי זי קאָן עס טאָן איצט. די אַלגעמיינע איבערוואַנדערונג האָט נאָך דאַן ניט געוווּסט פון צוגרייטן אויף אַ געהעריקן אופן די ערד־פאָנדן, איידער דער איבערוואַנדערער קומט. זי איז נאָך אין אַ היפּשער מאָס געגאַנגען מיט די ביז־רעוואָלוציאָנערע פאַרגליווערטע וועגן. זי האָט זיך נאָך אָריענטירט אין אַ געוויסער מאָס אויף דער פּריוואַטער איניציאַטיוו פונעם פעסטערן איבערוואַנדערער".*

דער דאָזיקער תירוץ האַלט אָבער ניט אויס די מינדעסטע קריטיק. אויף צוגרייטן אַ מינימום פון אינפראַסטרוקטור האָבן זיך ניט געפאָדערט קיין „ריזיקע פינאַנסיעלע מיטלען" און אוודאי שוין האָט קיינער ניט געקאָנט דערוואַרטן פון דעם „דעקלאַסירטן שטעטלשן רויוואַרג" קיין שום „פּריוואַטע איניציאַטיוו פון פעסטערן איבערוואַנדערער".

עס איז דערלויבט משער צו זיין, אַז די עיקר־סיבה פונעם געאייל און לחלוטינדיקן אויספעלן פון יעטוועדער צוגרייטונג אין דער איבערוואַנדערונג, איז געלעגן ערגעץ אַנדערש — זי איז געלעגן אין סטראַטעגישן פאַקטאָר „צייט". די באַשיידנסטע צוגרייט־אַרבעטן אויף

---

* מ. קאַדישעוויטש, „ביראָבידזשאַן אין דער ליטעראַטור", אין „וויסנשאַפט און רעוואָלוציע", קיעוו, 1935, נומ. 2, ז. 45. אויף ווייטער: מ. קאַדישעוויטש...

אויסצוטריקענען זומפּן, אויף אויפהויבן רויערד, אויף דורכלייגן וועגן אין די בראשיתדיקע וועלדער האָבן געפּאָדערט צייט — חדשים אויב ניט יאָרן. די אויפגאַבע אָבער צו באַפעלקערן די געגנט — און מען דאַרף ניט פאַרגעסן, אַז עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַ פּראָיעקטיר־טער איבערוואַנדערונג פון אַ האַלבן מיליאָן מענטשן — — איז פאַר דער רעגירונג געשטאַנען מיט אַן אַבסאָלוטער דרינגלעכקייט. במילא איז ניט געווען קיין צייט אויף קיין שום הכנות, אפילו אויף די עלע־מענטאַרסטע. עס האָט ניט געטאָרט פאַרלוירן גיין קיין איין טאָג, קיין איין שעה — און ס׳איז באמת ניט פאַרלוירן געגאַנגען קיין איין רגע.

סוף אַפּריל 1928, פּונקט אַ חודש נאָך דעם „וציק"־באַשלוס פון 28סטן מערץ, האָט זיך אַרויסגעזעצט אויף דער פּאַרוואָגלטער און פון־גאָט־פאַרגעסענער סטאַנציע טיכאָנקע — די שפּעטערדיקע שטאָט בי־ראָבידזשאַן — די ערשטע גרופּע איבערוואַנדערער, געקומענע פון קאַזאַן. אויב מען נעמט אין באַטראַכט, אַז די צען־טויזנט־קילאָמעטער־דיקע רייזע מיט דער אייזנבאַן האָט דאַן געדויערט גאַנצע פיר וואָכן, ווערט קלאָר, אַז ניט בלויז די פּראָפּאַגאַנדע אַרום ביראָבידזשאַן־פּראָ־יעקט, נאָר אויך די פּאַקטישע אָרגאַניזאַציע (ס׳הייסט, אומאָרגאַניזאַ־ציע) פון דער איבערוואַנדערונג, האָט זיך געהאָט אָנגעהויבן לכל הדעות אין געוויסע ערטער, נאָך איידער עס איז דערשינען דער אָפי־ציעלער רעגירונג־באַשלוס וועגן ביראָבידזשאַן.

ווער זיינען געווען, ריכטיקער, ווער האָבן געזאָלט זיין די איבער־וואַנדערער? די פּרינציפּן פון אָפּקלייב געפינען מיר ביים דערמאָנטן אָנפירנדיקן געזערד־טוער פון אוקראַינע, י. קאַנטאָר. „דער קאָנטיגענט איבערוואַנדערער, האָט געשריבן קאַנטאָר, קאָן באַשטיין פון געוועזענע ישובניקעס — ערדאַרבעטער צי בכלל דאָרפסלייט — פון באַלמעלאָ־כעס, פון געוועזענע הענדלער, לופט־מענטשן אא״וו. דער בעסטער עלעמענט איז דער געוועזענער, אָדער איצטיקער דאָרפסמאַן, דער האָ־רעפּאַשניק, ניט־קוואַליפיצירטער שוואַרצער אַרבעטער, בעל־עגלה, טאָג־דעטניק — דער בעל־מלאכה. וואָס אָנבאַלאַנגט הענדלער, איז הגם אַלס קאָלאָניזיר־מאַטעריאַל איז עס נישט קיין ערשטקלאַסיקער עלע־מענט, אָבער פּאָליטיש און עקאָנאָמיש איז דווקא וויכטיק אַט דעם הענדלער, ווי אויך דעם לופט־מענטשן אַריבערצופירן אויף האַרע־פּאַשנע אַרבעט. אַט פאַרוואָס דער הענדלער דאַרף דאָ ברייט צוגע־

צויגן ווערן. קוואַליפיצירטע אַרבעטער זיינען ניט קיין געוווּנטשענע איבערוואַנדערונג־עלעמענטן".*

די דאָזיקע תקנות, איינגעשטעלטע פאַר דער ערד־באַזעצונג בכּלל, אין אוקראַינע און קרים, זיינען געוואָרן מעכאַניש אָנגעווענדט, לכל הדעות די ערשטע יאָרן, אויך אין ביראָבידזשאַן. דער שכל פון אַזאַ מין אָפּקלייב האָט געזאָלט זיין אַ טאָפּלטער: ערשטנס, איז דער „קוואַליפיצירטער אַרבעטער" באַטראַכט געוואָרן שוין ווי אַ געהאָלפענער, אַן אויסגעלייזטער פון אַלע סאָציאַלע פּלאָגן. צווייטנס, איז די באַוועגונג פאַר פּראָדוקטיוויזאַציע געווען פאַקטיש אַ סינאָנים פון אַגראַריזאַציע און אַלע פּראָיעקטן פון טעריטאָריעלער קאָנצענטרירונג — הן דער קרימער פּראָיעקט, הן דער ווייט־מזרחדיקער פּראָיעקט — האָבן זיך געשטיצט אויף דער הנחה, קודם כּל, פון אַ צאָלרייכן יידישן פּויערטום. האָט אָבער די פּאָליטישע דאָקטרין פון די יידסעקציעס באַטראַכט דאָס אַגראַריזירן פון אַ „קוואַליפיצירטן אַרבעטער", ס'הייסט פון אַן אויטענטישן פּראָלעטאַריער, נישט בלויז ווי אַ געזעלשאַפטלעכע עברה, נאָר ממש ווי עפּעס אַזוינס, וואָס שמעקט שיער־ניט מיט קאָנטער־רעוואָלוציע. אסתר פרומקין האָט, אויף דער אַלפאַרבאַנדישער באַראַטונג פון די יידסעקציעס, אין דעצעמבער 1926, קאַטעגאָריש געפּסקנט: „ווירקלעך רעוואָלוציאָנער איז דאָס זעצן אויף ערד נאָר בנוגע צו עלעמענטן אַרויסגעשטויסענע פון דער פּראָדוקציע. בנוגע צו יענע, וואָס זיינען שוין אין דער אינדוסטריע, וואָס קאָנען אין איר אַריינטרעטן, וועט דאָס זעצן אויף ערד זיין אַ טריט צוריק, אַ דעגראַדאַציע".**

אַזוי אַרום איז פונעם אויפבוי־ווערק פון ביראָבידזשאַן — צו־קונפטיקער יידישער „נאַציאָנאַלער איינס", יידישע מלוכהשע אויסבילדונג אין ראַטנפאַרבאַנד — דערווייטערט און אָפּגעשטויסן געוואָרן, ווי „אַ ניט געוווּנטשענער עלעמענט", דער יידישער פּראָלעטאַריאַט, ס'הייסט דווקא אָט דער געזעלשאַפטלעכער כּוח, וואָס וואָלט דער איינציקער געווען פּאָטענציעל מסוגל דאָס דאָזיקע ווערק אויפצובויען.

* י. קאַנטאָר, „ראַטנבויאונג..." ז. 136.

** „אַלפאַרבאַנדישע באַראַטונג", ז. 35.

נאָך מער אויסטערליש, ממש משונהדיק, איז געווען די באַציאונג צו דער יוגנט. י. קאַנטאָר האָט געשריבן: „אַ טייל יוגנט ווייזט אַרויס אַ גרויסע נטיה אַריבערצוגיין צו ערד־אַרבעט. אויף וויפל די דאָזיקע יוגנט באַוועגט דערצו די עלטערן און בכלל זייערע פאַמיליעס און פאַרט דערביי מיט זיי צוזאַמען אַריבער אויף ערד, איז עס זייער גע־ווּנטשן און אַקטועל. פאַראַן אָבער אַ גרויסע גרופע יוגנטלעכע, וואָס וויל אַריבערפאָרן אויף ערד אָן משפחות, אַליין; אָט דאָס דאָזיקע שטרעבן, ניט געקוקט אויף דעם, וואָס איז באַרעכטיקט און נאַטירלעך, איז אָבער ניט מעגלעך צו רעאַליזירן... ס'איז געווען געמאַכט גע־וואָרן אַ פּרווו צו אָרגאַניזירן די יוגנט אין קאָמונעס, דער דאָזיקער פּרווו האָט אָבער בדרך כלל זיך ניט איינגעגעבן... און דעריבער איז ריכטיק די ליניע אָפּצוהאַלטן זיך אויף ווייטער פון גרינדן יוגנט־לעכע קאָמונעס. נאָך מיט מער קאַטעגאָרישקייט מוז מען זיך אַרויס־זאָגן קעגן שאַפן יוגנטלעכע משפחות און קאָלעקטיוון אָדער איבער־וואַנדערונג־געזעלשאַפטן. ס'איז דאָ אַ שטרענגע פאַראָרדענונג אַזעלכע משפחות אויף די פאַנדן נישט אויפצונעמען".*

ווידער אַ מאָל: די דאָזיקע תקנות זיינען אויסגעאַרבעט געוואָרן נישט ספּעציעל פאַר דער ווייט־מזרחדיקער איבערוואַנדערונג, אָבער זיי זיינען געווען חל, די ערשטע יאָרן, אויך פאַר ביראָבידזשאַן — מיט אויסנאַמען, וואָס האָבן, ווי תמיד, באַשטעטיקט דעם כלל. די אומ־גלויבלעכע ידיעה וועגן אַ „שטרענגער פאַראָרדענונג" קעגן יוגנט־לעכע קאָלעקטיוון און אפילו יוגנטלעכע משפחות, דערשיינט אין אַ בפירוש טראַגישן ליכט און עס צווינגט זיך ממש אויף אַ פאַרגלייך מיטן יידישן אויפבוי־ווערק אין ארץ־ישראל. נישט בלויז דער יידישער פּראָלעטאַריער איז דערקלערט געוואָרן פאַר אַן „אומגעווונטשענעם עלעמענט" אין דער יידישער ערד־באַזעצונג, באַזע פון סאָוועטיש־יידישער מלוכהשקייט, נאָר אויך די יידישע יוגנט — קוואַל פון גלויבן, פון ענטוזיאַזם און פון פאַלקישן קיום.

די ערשטע גרופן איבערוואַנדערער זיינען אַרויסגעפאָרן קיין בי־ראָבידזשאַן אין די פרילינג־חדשים אַפּריל־מאַי 1928, תיכף נאָך דער באַשטימונג פון „וציק" פון 28סטן מערץ. עס האָט געהייסן, אַז מען האָט געהאַפּט, נאָך פאַר די זומער־רעגנס, צו באַוויזן אויפהויבן רוי־

* ראַטנבויאונג...", ז. 185 און 186.

ערד און אפילו עפעס־וואָס פאַרזייען. פון די היימען האָט מען די אי־בערוואַנדערער אַרויסבאַגלייט מיט גרויס פּאַראַד — מיט מתנות, מי־טינגען, אָרקעסטערס אויף די וואָקזאַלן, מיט רויטע פענער און, פאַר־שטייט זיך, מיט אַן אַ שיער פייערדיקע רעדעס. אויף דער באַן־סטאַנ־ציע טיכאָנקע זיינען זיי אָנגעקומען אין חודש יוני. די צאָל פון די איבערוואַנדערער איז געווען פאַרויסגעזען אויף 600, געקומען זיינען אָבער 631 (לויט אַנדערע מקורות — 654 אָדער 657), דערפון 312 פון אוקראַינע, 204 פון ווייסרוסלאַנד און די איבעריקע פון ר.ס.פ.ס.ר. (רוסלענדישע רעפובליק). די בעלי־משפחה, בערך דריי פערטל, האָבן אַלע איבערגעלאָזט ווייב־און־קינד אין דער היים.

די לעצטע גרופּע פון די פרילינג־איבערוואַנדערער איז אָנגעקו־מען אויפן אָרט דעם 18טן יוני 1928. איידער זיי האָבן נאָך באַוויזן צו באַטרעטן דעם בירעבידזשאַנער באָדן, האָט זיך שוין אָבער געהאַט אָנגעהויבן — אַ צוריקפּאַר. אַכט און זעכציק מאַן האָבן שוין געהאַט פאַרלאָזט ביראָבידזשאַן — 58 האָבן זיך אומגעקערט אין זייערע היים־שטעט און 10 האָבן זיך געלאָזט אין פאַרשיידענע שטעט פון וויט־מזרחדיקן קאַנט. דאָס איז אָבער געווען בלויז אַן אָנהויב. ביז סוף יאָר זיינען צוריקגעפאָרן פופציק פּראָצענט איינוואַנדערער און ביז פרילינג 1929 — זעכציק פּראָצענט.* ווען ניט די שווערע עקאָנאָמישע לאַגע אין די ווייטע היימען און דאָס אויספעלן אויף צוריק־הוצאות, וואָלט דער פּראָצענט צוריקפאָרער געווען נאָך אַ גרעסערער.

באַלד האָט זיך אָנגעמערקט אַ באַגלייט־דערשיינונג, וועלכע איז געוואָרן אַ פּערמאַנענטע. וואָס מער עס האָט זיך פאַרגרעסערט דאָס צוריקפאָרן פון ביראָבידזשאַן, האָט זיך פאַראַלעל פאַרקלענערט דאָס פאָרן קיין ביראָבידזשאַן. ביי די ערשטע גרופּן פון פרילינג 1928, איז דער אָנגעצייכנטער קאָנטיגענט איבערוואַנדערער געוואָרן פולשטענדיק דערגרייכט און אפילו איבערגעשטיגן. דאָס איז אָבער געווען דאָס ערשטע — און גלייכצייטיק דאָס לעצטע — מאָל. מער האָט זיך אַזוינס קיינמאָל ניט איבערגעחזרט. דער קאָנטיגענט איבערוואַנדערער אויף האַרבסט 1928 איז געוואָרן באַשטימט אויף פיר הונדערט מאַן. ביז

* באַריכט פון אברהם מערעזשין אויפן געזערד־פּלענום פון 25סטן יוני 1929, לויט י. לבבי „ההתישבות...” ז. 81.

סוף נאָוועמבער איז געקומען קוים אַ העלפט, ס׳הייסט צוויי הונדערט, און תיכף איז אַ העלפט פון אַט דער העלפט צוריקגעפאָרן. אין חודש דעצעמבער זיינען געקומען נאָך פופציק איבערוואַנדערער. סוף יאָר האָט די יידישע באַפעלקערונג פון ביראָבידזשאַן אויסגעמאַכט, אַרום און אַרום, פיר הונדערט נפשות.

כל התחלות קשות... די התחלה פון ביראָבידזשאַן איז געווען אַ באַזונדערס שווערע, אַ פּילפּאַכיק שווערע, אַ געשטראָפטע פון לייט און פון גאָט. צו דער אַלגעמיינער אומצוגרייטונג און אומקאָמפּעטענץ זיינען צוגעקומען גרויזאַמע נאַטור־קאַטאַסטראָפעס.

די ערשטע איבערוואַנדערער, אָנקומענדיק, אונטער אַ שלאַקס־רעגן, אויף דער באַן־סטאַנציע טיכאָנקע, האָבן קוים געקאָנט גלויבן די אייגענע אויגן — הינטער די הרי־חושך, ווו מען האָט זיי געבראַכט, איז גאָרניט, אָבער לחלוטין גאָרניט געווען צוגעגרייט זיי אויפצונעמען. דער וואָקזאַל איז קיין וואָקזאַל ניט געווען, נאָר גיכער אַ שטאַל, ווי אַ גאַנצע די גרויס. וואָס שייך דעם ישוב טיכאָנקע גופא, אַזוי ווייט ווי דאָס אויג האָט נאָר געקענט גרייכן, איז דאָרט געשטאַנען, אין אַ ים בלאָטע, איין און איינציק גרויס הויז — אַ באַראַק מיט אַ סך צוויי־שטאָקיגע נאַרעס. איז אָבער, צום שלימזל, דער באַראַק געווען פאַר־נומען דורך פריער געקומענע איינוואַנדערער, ניט־יידן. אין ברירה איז געבליבן: צוריק אַריינקלייבן זיך אין די זעלבע וואַגאָנעס, אין וועל־כע מען האָט זיך אָפּגעוואַלגערט גאַנצע פיר וואָכן, אין וועג. דערנאָך האָט מען זיך באַזעצט אין ברעזענטענעביידלעך, וואָס די שלאַקס־רעגנס האָבן כסדר אונטערגעשווענקט און פאַרשלעפּט. ווען די רעגנס האָבן אויפגעהערט און ס׳האָט אויפגעשיינט די זון און ס׳איז געוואָרן לייכטער אויפן געמיט און העלער אויף דער נשמה — האָט ערשט דאַן זיך אַנטפּלעקט דער גאַנצער בראָך. די צוגעזאָגטע טראַקטאָרן האָבן פאַרשפּעטיקט און נאָך מער האָבן פאַרשפּעטיקט די צוגעזאָגטע אַקערס, און אַז ס׳זיינען געווען פערד, איז ניט געווען קיין געשפּאַן, און אַז עס איז געקומען געשפּאַן, איז עס געווען רוי און האַרט, ניט אין האַנט צו נעמען — איבערהויפּט פאַר ניט־געניטע הענט — און אַז מען איז סוף כל סוף, אין ביטערן שווייס, בייגעקומען דאָס איינ־שפּאַנען די פערד, האָבן די צוגעגרייטע וועגענער זיך אַרויסגעוויזן פאַר צו שווער פאַרן ליימיקן באָדן.

עס האָט געהערשט אַן אומגלויבלעכע פּלאַנלאָזיקייט און כאַאָטיש־קייט. די עטלעכע הונדערט איבערוואַנדערער זיינען איינגעטיילט גע־וואָרן אין גאַנצע אַכט גרופּן, אויף אַכט באַזונדערע ערד־באַצירקן, אָפּ־געריסענע איינע פון די אַנדערע אויף צענדליקער קילאָמעטער, אין פולשטענדיקער וועגלאָזיקייט, אָן קיין שום טעלעפאָנישער פאַרבינ־דונג. מען איז פונדעסטוועגן צוגעטראָטן צו דער אַרבעט און ביסלעכ־וויז איז די אַרבעט אַוועק, באַלד אפילו מיט ברען, איבערהויפּט ביי דער יוגנט. מען האָט זיך געוואָרפן בויען וועגן, אויפהויבן רויערד, אויסקאָרטשען אורבוימער, פאַרגרייטן געהילץ אויף אַ דאַך איבערן קאָפּ. מען האָט אָרגאַניזירט לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָלעקטיוון, האַנט־ווערקער־אַרטעלן. מען האָט געאַקערט, געזייט, אין דער האָפענונג עפּעס וואָס צו שניידן. פּלוצלונג האָט זיך צעשפּילט די ווילדע נאַטור־סטיכיע. אַ גרויזאַמע פאַרפלייצונג האָט אַלץ אין דער געגנט פאַרטרונ־קען, אַלץ צעשטערט, אַלץ אויסגעריסן מיטן וואָרצל. טאָמער איז עס וויניק געווען, האָט צו ווינטער־צייט זיך באַוויזן אַ מגפה אויף בהמות, די באַרימטע „סיבירער פּעסט” און העכער אַ העלפט פערד זיינען אומגעקומען.

ווען די צוריקפאָר־כוואַליע, ריכטיקער, די צוריקפאָר־בהלה האָט זיך איינגעשטילט און געבליבן זיינען בלויז פערציק פּראָצענט פון די איבערוואַנדערער, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די כוואַליע האָט מיט־געריסן בעיקר דעם עלטערן דור, אַ שלעכט צוגעקליבענעם, שלעכט צוגעגרייטן און סרוב אַ צופעליקן — עס זיינען געהאַט געקומען אפילו פּראָפעסיאָנעלע בעטלער און גאַסן־פרויען. דער פאַרבליבענער קערן איז באַשטאַנען בעיקר פון דער יוגנט, פון דער זעלבער יוגנט טאַקע, קעגן וועלכער עס זיינען אין געזערד געהאַט אַרויסגעגעבן געוואָרן „שטרענגע פאַראָרדענונגען”, פון דער זעלבער יוגנט, וואָס האָט געשאַפן קאָמונעס — ווי „איקאָר” למשל — און איז געפאָרן קיין ביראָבידזשאַן ווי „צו אַ יידיש לאַנד”. דאָס זיינען זיי געוואָרן די פּיאָנערן פון דער יידישער געגנט, די חלוצים פון יידישער מלוכהשקייט אין ראַטנפאַר־באַנד. ביראָבידזשאַן־פּאַטריאָטיזם איז ביי זיי געגאַנגען האַנט ביי האַנט, אין פולער האַרמאָניע, מיט סאָוועטישקייט און קאָמסאָמאָל. אַדאַנק זיי און אַדאַנק דער לאָזונג „צו אַ יידישע לאַנד”, איז דער בי־ראָבידזשאַן־פּאַרמעסט בייגעשטאַנען דעם ערשטן און געפערלעכסטן שטורעם. דאָס האָט אגב אַנערקענט, אין 1929, די אַנפירנדיקע ווייט־

מזרחדיקע פּאַרטיי־אינסטאַנץ, דער פּאַרטייאישער קרייז־קאָמיטעט פון כאַבאַראָווסק. אין אַ ספּעציעלן באַשלוס וועגן ביראָבידזשאַן איז אונטער־געשטראָכן געוואָרן די פּאָזיטיווע ראָל, וואָס עס האָט געשפּילט „די אַקטיוו־פּאָזיטיווע באַציאונג פון אַ באַדייטנדיקן טייל איבערוואַנדערער צום פּאַרווירקלעכן דעם 5טן פּונקט פון דער באַשטימונג פונעם פּרע־זידיום פון צי"ק פסםר וועגן אויסבילדן אויף דער טעריטאָריע פון בי־ראָבידזשאַן אַ יידישן נאַציאָנאַלן אַדמיניסטראַטיוו־טעריטאָריעלן איינס". *

די האַרבע און פאַרנעפּלטע עברי פונעם כאַבאַראָווסקער קרייז־קאָמיטעט וועגן דער „אַקטיוו־פּאָזיטיווער באַציאונג" צום „פּאַרווירק־לעכן דעם 5טן פונקט", האָט געמיינט ניט עפּעס אַנדערש ווי די לאָזונג „צו אַ יידיש לאַנד", אַ לאָזונג וואָס איז אָבער באַלד פאַרמשפּט געוואָרן פאַר נאַציאָנאַליזם און איז איבער נאַכט פאַרשווונדן.

אויפן צווייטן יאָר ביראָבידזשאַן, ס'הייסט אויף 1929, האָט די סאָוועטיש־יידישע פּרעסע געמאָלדן וועגן אַן איבערוואַנדערונג־פּלאַן פון גאַנצע 3.000 משפחות, ס'הייסט בערך 15.000 מאַן, דערפון 2.500 משפחות פאַר דער לאַנדווירטשאַפט.

די סאָוועטישע פּלאַניפיקאַציע איז באַרימט מיט איר צעפלויגע־נער פאַנטאַזיע און אומענדלעכן אָפּטימיזם. דאָס מאָל אָבער, אינעם איבערוואַנדערונג־פּלאַן פאַר 1929, האָט זי זיך אַליין איבערגעשטיגן. אַנשטאָט די אויסגעטרוימטע דריי טויזנט משפחות — צווישן צוועלף און פופצן טויזנט נפשות — זיינען אָנגעקומען קוים טויזנט איבערוואַנדערער, צווישן זיי אַ געוויסע צאָל משפחה־מיטגלידער פון די ערשטע „ביראָבידזשאַנער", פון 1928, וועלכע זיינען פאַרבליבן אין דער געגנט. אויך דאָס יאָר איז מען באַלד צוריקגעפאָרן, טייל אין די אַלטע וווינערטער, טייל אין די וויים־מזרחדיקע שטעט, ס'רוב קיין כאַ־באַראָווסק און אפילו קיין סאַכאַלין. פון די 1.000 געקומענע, זיינען געבליבן ארום 800. צום סוף יאָר 1929 האָט די יידישע באַפעלקערונג אין ביראָבידזשאַן אויסגעמאַכט בערך 1.200 מאַן.

אויף 1930 האָבן די פּלאַניפיקאַטאָרן שטאַרק געצוימט זייער שווונג. דער איינוואַנדערונג־פּלאַן איז געווען אַ ביז גאָר באַשיידענער. ער

---

* ציטירט לויט: מ. קאַדישעוויטש, ז. 39.

האָט פֿאַרויסגעזען בלויז 1.700 איינוואַנדערער (לויט אַנדערע מקורות — 2.000). געקומען במשך פֿון גאַנצן יאָר זיינען ניט מער, ווי 1.500 מאַן, פֿון וועלכע אַ טייל איז, ווי אין די פֿריערדיקע יאָרן, גלייך צו־ריקגעפֿאָרן. סוף 1930 איז די יידישע באַפֿעלקערונג פֿון ביראָבידזשאַן געשאַצט געוואָרן אויף 2.600 נפֿשות (לויט אַנדערע מקורות — 3.000), אויף אַן אַלגעמיינער באַפֿעלקערונג, וואָס איז פֿאַר די עטלעכע יאָר באַטייטיק אויסגעוואַקסן און האָט דערגרייכט 37.000 ביז 38.000 מאַן. דער יידישער ישוב האָט אַזוי אַרום אויסגעמאַכט צווישן זיבן און אַכט פּראָצענט פֿון דער גאַנצער באַפֿעלקערונג פֿון דער געגנט. דער סאָ־ציאַלער באַשטאַנד פֿון ישוב איז געווען פֿאָלגנדיקער: 2.100 מאַן באַ־שעפֿטיקט אין לאַנדווירטשאַפֿט (1.500 אין קאָלווירטן און 600 אין סאָווכאָזן) און 500 מאַן אין פֿאַרשיידענע „אַרטעלן" (קאָאָפּעראַטיוון) פֿון האַנטווערק און אינדוסטריע.

דער סך־הכּל פֿון די ערשטע דריי יאָר ביראָבידזשאַן איז אַזוי אַרום געווען אַ גאַנץ נעבעכדיקער: אַ קליינער און שטאַרק צעוואָר־פֿענער ישוב, סטרוקטורירט בעיקר אויף לאַנדווירטשאַפֿט. אוודאי וואָלט געווען אַ גוזמא צו ריידן וועגן אַ פֿולשטענדיקן דורכפֿאַל, איבערהויפּט ביי די אומגעוועגלעכע און אומגעדאַכטע שוועריקייטן פֿון די התחלה־יאָרן. מען איז אָבער געווען הימל־ווייט פֿון דערפֿאָלג, ביי דער גאַנצער קאָלאָסאַלער געזעלשאַפֿטלעכער ענערגיע, וואָס איז פֿאַרווענדט געוואָרן און ביי די באַטייטיקע מאַטעריעלע מיטלען, וואָס זיינען געוואָרן אַריינ־געלייגט סיי דורך דער סאָוועטישער רעגירונג, סיי דורך פֿאַרשיידענע יידישע הילף־אָרגאַניזאַציעס פֿון אויסלאַנד.

אָפֿיציעל האָט עס געהייסן, אַז דער ווייט־מזרחדיקער פּראָיעקט איז ביז גאָר געראָטן און הצלחהדיק. אין 1929 איז דורכן פּרעזידיום פֿון אַלפֿאַרבאַנדישן אויספֿיר־קאָמיטעט (וועצ"ק) באַשטימט געוואָרן אַ רעגירונג־קאָמיסיע אויף אויסצופֿאָרשן דעם ווייט־מזרחדיקן קאַנט. די קאָמיסיע האָט באַזוכט ביראָבידזשאַן אין אויגוסט 1929 און געשריבן אין איר אָפֿיציעלן באַריכט: „אַן אויסערגעוויינלעך גוטן איינדרוק לאָזן איבער די אַרבעטן פֿון יידישער ערד־באַזעצונג אין ביראָבידזשאַן... ניט געקוקט אויף די זייער שווערע היסטאָרישע און קלימאַטישע באַ־דינגונגען פֿון ראַיאָן (זומפּיקייט, „גנוס", שלאַקס־רעגנס), געווינט די באַפֿעלקערונג צו זיי זיך צו. די גאַנצע דערפֿאַרונג פֿון דער ביז איצ־

טיקער טעטיקייט דערלויבט אָפּצוואַרפן יעטוועדן ספק וועגן דעם, צי דער ראַיאָן איז מסוגל צו ווערן באַהערשט דורך אַרבעטנדיקע יידן". *

די האָפּערדיקייט פון די דאָזיקע אויספירן איז וואַרשיינלעך אַרויס־געדרונגען פון דריי מקורות: ערשטנס, פונעם קלאַסישן קאַזיאָנעם אָפּטימיזם; צווייטנס, פון דעם פאַקט, וואָס די יידישע איינוואַנדערונג האָט אַריינגעבראַכט אויפן סאָוועטישן ווייטן מזרח אַ נייע קוואַליטעט פון לאַנדווירטשאַפט, מיט טראַקטאָרן און אַנדערע לאַנדווירטשאַפטלע־כע מאַשינען. און דריטנס, פון דעם, וואָס אין אַנדערע טיילן פונעם ווייט־מזרחדיקן קאַנט איז דער מצב, ווייזט אויס, געווען נאָך אַן ער־גערער, ווי אין ביראָבידזשאַן.

דער אָפיציעלער אָפּטימיזם איז אָבער ניט געווען בכוח צו ענ־דערן דאָס סאַמע עיקרדיקע: פונעם קוק־ווינקל פון די אַלגעמיין־מלוכהשע אינטערעסן, וועלכע זיינען געהאַט געוואָרן אַנגעצייכנט פאַרן ווייט־מזרחדיקן פּראָיעקט — ס'הייסט, די באַלדיקע באַזעצונג פון דער געגנט — איז דער דריי־יאָריקער סך־הכל געווען אַ קאַטאַסטראָפאַ־לער דורכפאַל. אויב דער וווּקס פון דער יידישער באַפעלקערונג האָט געזאָלט ווייטער אָנגיין אין דעם זעלבן ריטם פון 800, 900 צי אפילו 1,000 נפשות אַ יאָר, האָט זיך געפאָדערט אַ גאַנצער יאָרהונדערט בלויז צו דערגרייכן אָט די קאָמפּאַקטע, הונדערט־טויזנטיקע יידישע פּויערים־מאַסע, וועגן וועלכער עס האָט גערעדט קאַלינין אין 1926, שוין ניט דערמאָנענדיק אפילו דעם פריערדיקן פּראָיעקט וועגן אַ האַלב־מיליאָניקער יידישער ערד־באַזעצונג. עס איז געווען קלאָר, אַז דער גאַנצער ענין פון דער יידישער איבערוואַנדערונג קיין ביראָבידזשאַן — באַשטאַנד, פאַרנעם, ריטם, מעטאָדן — האָט געמוזט דורכגעטראַכט ווערן אויפסניי, רעווידירט פון גרונט־אויס, תיכף ומיד, מיט אויסער־אָרדנטלעכער דרינגלעכקייט. צי האָט אָבער אָט די דרינגלעכקייט באַ־נומען די יידישע געזעלשאַפטלעכקייט, ריכטיקער — צי האָט זי אָט די דרינגלעכקייט אויפגענומען און אָקצעפּטירט? דאָס איז ווייט ניט זיכער.

ביי אַלע פירנדיקע יידישע טוער, נישט בלויז ביי די אָפענע חסי־די־קרים, נאָר אויך ביי די, וועלכע האָבן ווי דיסציפּלינירטע פּאַרטיי־

---

* ציטירט לויט: מ. קאַדישעוויטש, ז. 47.

מיטגלידער, זיך אָפּגעגעבן מיט לייב־און־לעבן, און ממש מיט מסירת־נפש, דער זאַך פון בירָאָבידזשאַן, האָט קיינמאָל דער ווייט־מזרחדיקער פּראָיעקט נישט אויסגעשלאָסן דעם קרים־פּראָיעקט. נאָך אין דער גע־זערד־רעזאָלוציע פון 6־טן פעברואַר 1928, וועלכע האָט צום ערשטן מאָל זיך אַרויסגעזאָגט פאַרן בירָאָבידזשאַן־פּראָיעקט, איז אָנגעוויזן געוואָרן קלאָר און בהסכם כולם: „צוגלייך מיט פירן די אָפּעראַטיווע אַרבעט אין בירָאָבידזשאַנער ראַיאָן און מיטן ווייטערדיקן אויספאָרשן אים, דאַרף מען מיט דער גאַנצער ענערגיע פירן ווייטער די אַרבעט אין די פריערדיקע ערטער פון יידישער איבערוואַנדערונג און פונאַנ־דערזעצונג (קרים, אוקראַינע, ווייסרוסלאַנד), סטאַרענדיק זיך צו פאַר־טיפן און פאַרברייטערן די דאָזיקע אַרבעט". אָט די שטעלונג איז אי־בערגעחזרט געוואָרן דורך אַלעקסאַנדער טשעמעריסקין אויפן אוקראַי־נישן געזערד־צוזאַמענפאָר פון דעצעמבער 1928 און שפּעטער, דורך אַלע אָנפירנדיקע געזערד־טוער, אויף אַלע פלענומס, לאָקאַלע צי אַל־פאַרבאַנדישע, פון געזערד.

דעם 10־טן דעצעמבער 1930 האָט אין מאָסקווע זיך דערעפנט דער צווייטער אַלפאַרבאַנדישער געזערד־צוזאַמענפאָר און עס זיינען, פון דער ערשטער רגע אָן, קעגנגעשטעלט געוואָרן צוויי סך־הכלען: קרים־פּראָיעקט — דריי יידישע נאַציאָנאַלע ראַיאָנען, אַ וווקס פון דער יידישער לאַנדווירטשאַפטלעכער באַפעלקערונג, בלויז אין קרים, פון בערך טויזנט משפחות אין 1926, צו קרוב 3.500 משפחות אין 1930, מיט בערך 15.000 נפשות; בירָאָבידזשאַן־פּראָיעקט — נאָך דריי יאָר ביטערער פּראַצע, מיט בלוט און שוויס, אַ ישוב פון קוים 2.600 מאַן.

נאָך לאַנגע אוןליידנשאַפטלעכע וויכוחים, האָט דער צוזאַמענפאָר באַשלאָסן, אַז עס דאַרף אונטערגעשטיצט ווערן, אין דער זעלבער און גלייכער מאָס, די ערד־באַזעצונג סיי אין קרים, סיי אין בירָאָבידזשאַן. דער דאָזיקער גלייכצייטיקער צווישן דער הילף פאַר ביידע פּראָיעקטן האָט באַטייט אַ פולשטענדיקער זיג פון די אָנהענגער פון קרים־פּראָיעקט. דער בירָאָבידזשאַן־צד האָט פאַקטיש, אויב ניט פאָרמעל, אויפגעגעבן דעם קאַמף. העלפן — אין דער זעלבער און גלייכער מאָס — אַן אָר־גאַניזם, וואָס איז אין פולער בליאונג און אַ נפשל, וואָס זשיפּעט קוים, האָט באַטייט ניט עפּעס אַנדערש, ווי אָפּזאָגן דאָס לעבן דעם חולה מסוכן. עס האָט אויסגעזען, ווי דער צוזאַמענפאָר, ווי דער געזערד

אַלס גאַנצער — דאָן שוין דער איינציקער אויסדרוק פון דער אָפּי־ציעלער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט אין ראַטנפאַרבאַנד — וואָלט, מיט שטילער רעזיגנאַציע, אָבער וואַרשיינלעך אָן צו פיל האַרצווייטאַק, פעסטגעשטעלט, אַז דער בירא־בידזשאַן־פּראָיעקט איז דורכגעפאַלן ענד־גילטיק און קאָן, און דאַרף, מער ניט קומען אין באַטראַכט.

אַן אומדירעקטע באַשטעטיקונג דערפון געפינט מען אין פאָרטראַג פון דעם וויצע־פּאָרזיצער פון געזערד אויפן פערטן פּלענום פונעם צענטראַל־ראַט, אין פעברואַר 1936. אַט וואָס עס זאָגט זיך אין באַ־ריכט: „דער ערשטער פּעריאָד (פון בירא־בידזשאַן־איבערוואַנדערונג) איז פונעם יאָר 1928 ביז 1932. דאָס איז אַ פּעריאָד פון פאַרביטערטן קאַמף פאַר און קעגן בירא־בידזשאַן, אַ פּעריאָד פון קאַמף קעגן „לינ־קע" און רעכטע אָפּנייגלער אין אונדזערע רייען. קעגן „לינקע", וואָס האָבן פּראָקלאַמירט די לאָזונג צו אָרגאַניזירן אַ יידישע געגנט אָדער רעפּובליק „פון ים צו ים", אין די גרענעצן פון אַ צווייטער נאַציאָנאַ־לער רעפּובליק; קעגן רעכטע אָפּאָרטוניסטן־קנאַפּגלוביקע, פאַר וועל־כע עס האָט ניט עקזיסטירט, ניט קיין ענטוזיאַזם פון מאַסן, נאָר בלויז שוועריקייטן, ווי דער „גנוס", אייביקע געפרוירנקייט, די ווייטקייט פון דער געגנט אאַ"וו. סיי די רעכטע, סיי די לינקע האָבן זיך פאַראייניקט, ווי דאָס איז ניט איין מאָל געווען אין דער געשיכטע פון אונדזער פּאַרטיי — זיי זענען געווען אָפן קעגן, אָדער זיי האָבן סאַבאָטירט בי־ראָבידזשאַן". *

די מעשה מיט די „לינקע אָפּנויגלער" און „רעכטע אָפּאָרטוניסטן" דאַרף, נאַטירלעך, אַרויפגעשריבן ווערן אויפן חשבון פון דער דאָן אָבליגאַטאָרישער סכעמע פון „קאַמף אויף צוויי פראָנטן". דאָך אָבער, אינעם קרומען שפּיגל פון אָט דעם הילצערנעם, קאַריקאַטורעלן, פּאָלי־טישן זשאַרגאָן, איז מעגלעך צו דערקענען אַ געוויסע רעאַליטעט. דער „לינקער" פליגל, מיט זיין לאָזונג פון „אַ רעפּובליק פון ים צו ים" — דאָס זיינען די אָנהענגער פון קרים־פּראָיעקט. דער „רעכטער" פליגל, מיט זיין קליינמוטיקן פּחד פאַר „בלויז שוועריקייטן" — דאָס זיינען די קעגנער פון בירא־בידזשאַן־פּראָיעקט. ווו זיינען אָבער די אָנהענגער פון בירא־בידזשאַן? זיי ווערן ניט דערמאָנט מיט קיין איין וואָרט. עס איז ניט אויסגעשלאָסן, אַז אָנהויב דרייסיקער יאָרן, נאָכן צווייטן אַל־

* „בירא־בידזשאַן אין יאָר 1935", מאָסקווע, 1936, ז. 11.

סאָוועטישן געזערד־צוזאַמענפאָר, זיינען אַזעלכע מער ניט געווען, אָדער כמעט ניט. מיטן אויסנאַם אפשר פון איינצלנע און צווישן זיי טאַקע — דער וויצע־פּאָרזיצער פון געזערד.

דער דאָזיקער וויצע־פּאָרזיצער איז געווען געשטראָפט מיט אַ גע־פערלעכער ירושה פון טאַטע־מאַמע: ער האָט געהייסן טראָצקי. כדי צו באַווייזן, אַז ער פערזענלעך האָט קיינמאָל ניט געהערט — ניט צו די „לינקע אָפּנויגלער", ניט צו די „רעכטע אָפּאָרטוניסטן", כדי אויסצו־מיידן וועלכע ניט איז מיספאַרשטייענישן און טעותים, כדי אָפּצו־שפּרעכן אַלע מעגלעכע עין־הרע'ס און שיצן זיך מיט אַלע מעגלעכע קמיעות, האָט דער געזערד־טראָצקי פאַרענדיקט זיין פּאַרטראַג מיט פאָלגנדיקן פירגאַרנדיקן מי שברך: „זאָל לעבן דער גרויסער אָנפּי־רער פון די גרויסע זיגן פון אונדזער גרויסן לאַנד — דער גרויסער סטאַלין".

קאַפּיטל ניין

אידעאָלאָגיע און רעאַליטעט

ביים באַשטימען דעם ביראָבידזשאַנער ראַיאָן פאַר אַ געביט פון יידישער ערד־באַזעצונג און, שפּעטער, ביים פאַרוואַנדלען דעם ראַיאָן אין אַ יידישער אויטאָנאָמער געגנט, האָט די סאָוועטישע רעגירונג קיינמאָל ניט געמאַכט קיין סוד פון אירע אַלגעמיין־מלוכהשע און סטראַטעגישע כוונות.

וועגן אָט די כוונות האָט קלאָר גערעדט מיכאיל קאַלינין, אין זיין באַרימטן שמועס פון מאַי 1934: „דער עצם אַקט וועגן פאַרוואַנדלען ביראָבידזשאַן אין אַן אויטאָנאָמער געגנט — האָט ער געזאָגט — באַווייזט די באַציאונג פון דער רעגירונג. איר זאָלט ניט מיינען, אַז די רעגירונג און דער צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי בראש מיטן חבר סטאַלין האָבן די דאָזיקע פראַגע באַשלאָסן אַזוי זיך, צופעליק. דאָס איז ניט צופעליק, אָבער קיין שום בכיוונדיקע פּאָליטישע אויס־רעכענונגען אויף אַ וועלכן ניט איז אויסערלעכן עפעקט זיינען דערביי ניט געווען. דער צענטראַל־קאָמיטעט, וואָס פאַרווירקלעכט זיין נאַציאָ־נאַלע פּאָליטיק, האָט זיך גערעכנט נאָר מיט דער פּראַקטישער זייט פון דער זאַך — צו פאַרפעסטיקן די געגנט און זי מער אַקטיוויזירן״.*

אין איינפאַכע ווערטער, האָט דער „אַלפאַרבאַנדישער סטאַראָסטאַ״ דערמאָנט איינעם פון די גרונט־שטריכן פון דער סאָוועטישער מלו־כה־דאָקטרין: די אַבסאָלוטע פּרעעמינענץ פון די מלוכה־אינטערעסן.

דער צענטראַל־קאָמיטעט, טאַקע, „פאַרווירקלעכט זיין נאַציאָנאַלע פּאָליטיק״ — דאָס איז דער געביט פון אידעאָלאָגיע, זייער אַ חשובער, זייער אַ וויכטיקער געביט. גלייכצייטיק אָבער האָט ער, דער צענטראַל־

---

* „יידן אין פּסטר״, מאָסקווע, 1935, ז. 37.

קאַמיטעט, זיך גערעכנט „נאַר" — און דער „נאַר" איז דאָ דער עיקר־פּינטל — „נאַר מיט דער פּראַקטישער זייט פון דער זאַך — צו פאַר־פעסטיקן די געגנט און זי מער אַקטיוויזירן". דאָס איז דער געביט פון דער פּראַקסיס, פון סטראַטעגישע אינטערעסן, פון אַלגעמיין־מלוכהשע אינטערעסן, פון דער אַלגעמיין־מלוכהשער רעאַליטעט. אפילו אויב דיביידע געביטן פאַלן פולשטענדיק צונויף, און אַזוי איז עס געווען, אין פּרינציפּ, ביים ענין־ביראָבידזשאַן — נאַציאָנאַלע פּאָליטיק דורך סטראַטעגיע און סטראַטעגיע דורך נאַציאָנאַלער פּאָליטיק — אפילו דאַן ווערט דער טראָפּ, דער „נאַר", געשטעלט אויף דער "פּראַקטישער זייט פון דער זאַך". על אחת כמה וכמה, אויב די ביידע געביטן פאַלן נישט צונויף און מער נאָך, אויב עס דערשיינט צווישן זיי אַ וועלכער ניט איז ווידעראַנאַנד, דאַן דעצידירט — נישט קיין שום אידעאָלאָגיע, נישט קיין שום אויסרעכענונג „אויף וועלכן ניט איז אויסערלעכן עפעקט", נאָר בלויז און איינציק דער מלוכה־אינטערעס, אַזוי ווי ער ווערט באַגריפן אין געגעבענעם מאָמענט, דורך אַ געגעבענער אינסטאַנץ, עווענטועל דורך אַ געגעבענער פּערזאָן. נישט די אידעאָלאָגיע באַווירקט די פּראַקסיס, נאָר פאַרקערט זי ווערט אַליין דורך איר אומאויפהער־לעך באַווירקט און איבערגעשטאַלטיקט.

דעם סאָוועטישן יידנטום איז צוגעטיילט געוואָרן אַ וויכטיקער סטראַטעגישער סעקטאָר פונעם לאַנד — „אַ גרויסע, פרייע, פּרוכט־באַרע טעריטאָריע ביי דער מלוכהשער גרענעץ". דאָס איז, אין די דע־מאָלטיקע באַדינגונגען פון פיינטלעכער קאַפּיטאַליסטישער אַרומרינגלונג, געווען אַן אויסדרוק פון טיפן צוטרוי. קאַלינין האָט עס בפירוש אונטערגעשטראָכן: „קיין אַנדער נאַציאָנאַליטעט, אַ חוץ דער יידישער, איז דאָרט אַלס פּרעטענדענט ניט פאַראַן. און אין דער זעלבער צייט זיינען די יידן זייער אַן איבערגעגעבענע סאָוועטישע נאַציאָנאַליטעט, וואָס האָבן דאָס פאַרדינט מיט זייער פאַרגאַנגענהייט". ער האָט אָבער צוגעגעבן: „די יידישע איבערוואַנדערער דאַרפן באַרעכטיקן דעם צו־טרוי וואָס ווערט זיי אַרויסגעוויזן". *

דער סך־הכל פון די ערשטע דריי יאָר ביראָבידזשאַן האָט אָבער אָט דעם צוטרוי נישט באַרעכטיקט. ריכטיקער, דער סך־הכל פון אָט די ערשטע, שווערסטע יאָרן פון התחלות קשות איז געווען אַזאַ, אַז ער

---

* דאָרטן, ז. 36.

האָט ניט געפירט צו אַ באַרעכטיקונג פון צוטרוי אפילו אויף שפּעטער. נאָך ווייניקער האָט געפירט אין אָט דער ריכטונג דער געזערד־צוזאַמענפאָר פון דעצעמבער 1930, מיט זיין בפירושער אַנטי־ביראָבידזשאַן־אָריענטאַציע. דאָס האָט אָבער באַטייט, אַז די יידישע אָרגאַניזירטע געזעלשאַפטלעכקייט, ווי אַזעלכע, האָט ניט באַרעכטיקט דעם צוטרוי, וואָס איז איר געשענקט געוואָרן. זי האָט אפנים ניט פאַרשטאַנען, אַז הגם ביראָבידזשאַן איז טאַקע געוואָרן באַשטימט פאַר אַ געביט פון יידישער איבערוואַנדערונג, מיט פּערספּעקטיוון פון אַ נאַציאָנאַלן „איינס", איז אָבער דער גאַנצער ווייט־מזרחדיקער פּראָיעקט געווען און איז פאַרבליבן אַן ענין — נישט קיין אינערלעך־יידישער, נאָר אַן אַלגעמיין מלוכהשער. ביראָבידזשאַן איז געווען אַ סאָוועטישער מלוכה־ענין. די דערפאַרונג האָט באַוויזן, אַז די מלוכה דאַרף מיט דעם דאָזיקן ענין זיך פאַרנעמען אויף אַ מער דירעקטן אופן, ווי במשך פון די פאַרלאָפענע דריי יאָר. אגב איז אין 1930 פאַרשוווּנדן אין ראַטנפאַרבאַנד די איינציק־פאַרבליבענע פאָרם פון ספּעציפיש־יידישער פּאָליטישער געזעלשאַפטלעכקייט. עס זיינען פונאַנדערגעלאָזט געוואָרן די ייד־סעקציעס. במילא זיינען אָפּגערוקט געוואָרן אין הינטערגרונט, אָדער איינגאַנצן אַראָפּ פון דער געזעלשאַפטלעכער אַרענע, ס׳רוב אַמאָליקע פירער פון דער אַמאָליקער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, מיט זייערע לאַנג־יאָריקע טראַדיציעס פון חקרנים־טעאָרעטיקער, שאַרפע אידעאָלאָגן און דאָקטרינערן, ספּעציאַליסטן פון לענין־עקזעגעטיק. זייער פּלאַץ אין דער פאַרבליבענער יידארבעט האָבן פאַרנומען יינגערע טוער, פּראַגמאַטיקער, מער צוגעפּאַסטע צום נייעם גייסט פון וואָס ווייניקער שאַלות און אַלץ מער גרייט־באַקומענע תשובות.

סוף 1930 און אָנהויב 1931 איז דורכגעפירט געוואָרן אַ גרינטלעכע רעוויזיע פון דער קאָנצעפּציע גופא פון דער יידישער איינוואַנדערונג קיין ביראָבידזשאַן. די אויספירן פון דער רעוויזיע זיינען געקומען צום אויסדרוק אויף פיר געביטן: ערשטנס, עס איז באַשלאָסן געוואָרן אָנצוגעבן דער איינוואַנדערונג אַ מאַסן־כאַראַקטער און אַ מאַסן־פאַרנעם; צווייטנס, די איינוואַנדערונג האָט געדאַרפט אויפהערן צו זיין בלויז אַ קליינשטעטלדיקע און אָנהויבן קומען בעיקר פון די שטעט; דאָס האָט באַטייט דעם סוף פון דער איינשטעלונג, אַז דעם יסוד פאַרן יידישן נאַציאָנאַלן „איינס" און פונעם „מעכטיקן סאָוועטישן פאַרפּאָסט אויפן ווייטן מזרח" איז מסוגל צו לייגן — „דאָס דעקלאַ־

סירטע שטעטלשע רויוואַרג״. דריטנס, די איינוואַנדערונג האָט גע־דאַרפֿט אויפֿהערן צו זיין בעיקר אַ לאַנדווירטשאַפֿטלעכע און זיך פֿאַר־וואַנדלען, קודם כל, אין אַ צושטראָם פֿון קוואַליפֿיצירטע אַרבעטער, בעלי־מלאכה־ספּעציאַליסטן און אַנפֿירנדיקע קאַדערן אויפֿן געביט פֿון טעכניק, קולטור און געזעלשאַפֿטלעכקייט. פֿערטנס, די איינוואַנדערונג קיין בירא־בידזשאַן איז געוואָרן געעפֿנט — פֿאַר יידן פֿון אויסלאַנד.

אין שייכות טאַקע מיטן פּלאַן פֿון אויסלענדישער איינוואַנדערונג, איז אין חודש יוני 1931 אַרויסגעפֿאָרן קיין ליטע, מיט אַ פּראָפּאַגאַנ־דע־רייזע, דער פּרעזידיום־מיטגליד פֿון צענטראַלן געזערד מיכאל ראַש־קעס און, מיטן הסכם פֿון דער ליטווישער רעגירונג, דורכגעפֿירט אַ רשימה פֿון ליטווישע יידן, וואָס האָבן אויסגעדריקט זייער פֿאַרלאַנג צו פֿאָרן קיין בירא־בידזשאַן. עס האָבן זיך אויפֿן אָרט פֿאַרשריבן פֿיל הונדערטער קאַנדידאַטן אויף איבערוואַנדערונג.

לסוף, צוגלייך מיט די ענדערונגען אינעם פֿאַרנעם און פּראָפֿע־סיאָנעלן באַשטאַנד פֿון דער איבערוואַנדערונג, איז איינגעפֿירט געוואָרן אַן עיקרדיקע ענדערונג אויך אין די מעטאָדן פֿונעם אָפּקלייב פֿון אי־בערוואַנדערער. אין די יאָרן 1930/1928 איז דער אָפּקלייב געווען אַ ספּאָנטאַנער און צופֿעליקער, פֿון 1931 אָן איז אַריינגעפֿירט געוואָרן, אין דער איבערוואַנדערונג קיין בירא־בידזשאַן, דער פּרינציפּ פֿון „פֿאַרבראַ־נירן״. דער סלאַוויזם „פֿאַרבראַנירן״, וואָס איז לחלוטין אומפֿאַרשטענד־לעך אויסער די גרענעצן פֿון ראַטנפֿאַרבאַנד, שטעלט פֿאָר מיט זיך די פֿאַריידישטע פֿאָרם פֿונעם רוסישן, ריכטיקער פֿון רוסיש־סאָוועטישן, ווערב „זאַבראַניראָוואַט״. דאָס וואָרט „פֿאַרבראַנירן״ פּשוטו כמשמעו באַטייט אַ מעטאַלורגישן פּראָצעס פֿון פֿאַרפּאַנצערן, פֿון באַשלאָגן מיט אַ שיכט אומדורכדרינגלעכן מעטאַל. אין דער סאָוועטישער געזעלשאַפֿט־לעכער טערמינאָלאָגיע האָט „פֿאַרבראַנירן״ באַקומען דעם טייטש פֿון רעזערווירן מיט שטרענגער אָבליגאַטאָרישקייט, צופּעסטיקן, ממש — טאַקע פֿאַרפּאַנצערן, אָבער נישט מיט מעטאַל, נאָר מיטן שם המפֿורש פֿון פּאַרטייאישער, אָדער מלוכהשער דיסציפּלין. „פֿאַרבראַנירן אַ טוער״ האָט געהייסן: באַשטימען אים אָבליגאַטאָריש אויף אַ געוויסער אַר־בעט, און בלויז אויף דער דאָזיקער אַרבעט, אומאָפּהענגיק דערפֿון, צי די אַרבעט געפֿעלט אים יאָ, אָדער ניט. אין דעם זין איז דער באַגריף „פֿאַרבראַנירן״ געווען מער־וויניק דער סינאָנים פֿון „פּריוויליקער געצוווּנגענקייט״, אָדער „געצוווּנגענער פּריוויליקייט״. ווי באַקאַנט, זיי־

נען די גרויסע סאָוועטישע ניי־בויאונגען פון די פינף־יאָר־פּלענער — אינדוסטריעלע „גיגאַנטן״, דאַמבעס, קאַנאַלן, שטעט וכדומה — אויפגעקומען, גלייכצייטיק, הן אין ענטוזיאַסטישן מסירת־נפש, הן מיט „געצוווּנגענער פריוויליקייט״, שוין ניט רײדנדיק וועגן „גולאַגישער געצוווּנגענקייט״. דער פאַקט, וואָס אין דער איבערוואַנדערונג קיין בי־ראָבידזשאַן האָט זיך באַוויזן דער מעטאָד פון „פאַרבראַנירן״, איז גע־ווען אַ סימן, אַז דער ווייט־מזרחדיקער פּראָיעקט ווערט אין די רע־גירונג־קרייזן גענומען זייער ערנסט און זייער דרינגענדיק.

דאָס יאָר 1931 איז באַשטימט געוואָרן פאַרן ערשטן יאָר פון דער מאַסן־איבערוואַנדערונג. אין דעם יאָר זיינען געקומען קיין ביראָבי־דזשאַן 3250 (לויט י. לבבי; לויט אַנדערע מקורות 3231) איינוואַנ־דערער, ס׳הייסט מער ווי טאָפּלט ווי אין 1930 און כמעט אַזוי פיל, ווי אין אַלע דריי פריערדיקע יאָרן צוזאַמען. צום ערשטן מאָל זיינען גע־קומען גאַנצע משפחות מיט קינדער, קרוב 900 קינדער. צום ערשטן מאָל אויך זיינען געקומען איבערוואַנדערער פון אויסלאַנד, גאַנצע 469 מאַן, דערפון 345 פון ליטע, 47 פון אַרגענטינע און אורוגוואַי, 26 פון רומעניע, 21 פון די פאַראייניקטע־שטאַטן, 14 פון לעטלאַנד, 11 פון דייטשלאַנד, 3 פון פוילן, 1 פון פראַנקרייך און איינער פון דרום־אַפריקע.* די סאָוועטישע איינוואַנדערער האָבן געשטאַמט ס׳רוב פון אוקראַינע.

וועגן סאָציאַלן באַשטאַנד פון די איינוואַנדערער אין 1931 לאָזט זיך משפטן לויט פאָלגנדיקע ציפערן: אויף דער אַלגעמיינער צאָל פון 1830 פאַרדינער (בעלי־משפחה און יחידים) זיינען געווען: 1105 אַרבעטער (60,4 פּראָצענט), 282 בעלי־מלאכה (20,9 פּראָצענט), 222 באַאַמטע (12,1 פּראָצענט), 63 הענדלער (3,4 פּראָצענט) און 58 פּויערים (3,2 פּראָצענט).

אַזוי אַרום איז די פּיראַמידע, מיט איין פעדערשטריך, געוואָרן אומ־געקערט. דאָס „דעקלאַסירטע שטעטלשע רוויואַרג״ איז כמעט געגנצ־לעך געוואָרן עלימינירט, ס׳איז פון אים פאַרבליבן קוים 3,4 פּראָצענט. ס׳איז אויך רעדוצירט געוואָרן ביז גאָר דער לאַנדווירטשאַפטלעכער עלע־מענט — צו בלויז 3,2 פּראָצענט. דער איבערוואַנדערער קאָנטיגענט פון

---

* י. לבבי, „ההתישבות״, ז. 115.

1931 איז געוואָרן פּראָלעטאַריזירט אין זיין איבערוועגנדיקער מער־הייט — 81,3 פּראָצענט — מיט אַ צוגאָב פון באַאַמטנטום פון 12,1 פּראָצענט. לויט אַלע פּאָרויסזעאונגען, האָט אַזאַ מין קאָנטיגענט גע־דאַרפט סטאַביליזירן די איינוואַנדערונג און ענדגילטיק זיך איינוואָרצ־לען אין דער נייער היים. די רעאַליטעט איז אָבער געווען אומגעהויער ווייט דערפון.

דאָס ערשטע יאָר פון מאַסן־אײַנוואַנדערונג איז באַלד געוואָרן דאָס ערשטע יאָר פון מאַסן־אויסוואַנדערונג. אין 1931 האָבן פאַרלאָזט בירָאבידזשאַן שיער־ניט אַ העלפט, אויב ניט מער נאָך, פון די געקו־מענע. קיין ציפערן זיינען קיינמאָל ניט פאַרעפנטלעכט געוואָרן, אָבער וועגן דער צאָל „יורדים" לאָזט זיך משער זיין לויטן באַשטאַנד פון דער בירָאבידזשאַנער יידישער באַפעלקערונג סוף יאָר. סוף 1931 איז דער יידישער ישוב געוואָרן געשאַצט אויף 3.500 העכסטנס 4.000 נפשות. אַזוי אַרום איז ווידער אַ מאָל, און ניט געקוקט שוין, דאָס מאָל, אויפן „מאַסן־כאַראַקטער" פון דער איבערוואַנדערונג, דער צוּוואוּקס פון דער יידישער באַפעלקערונג אין דער געגנט געווען אַ ביז גאָר באַשיידענער — צווישן 900 און 1.400 נפשות — ס'הייסט אַ קלע־נערער נאָך, ווי אין 1930, פאַרן אָנהויב פון דער „מאַסן־איינוואַנדע־רונג".

פּאַראַדאָקסאַל האָט די סאָוועטישע רעגירונג, אין סאַמע מיטן פון דער איין־און־אויסוואַנדערונג־בהלה, פּלוצלונג זיך דערמאָנט אין דער הבטחה פון דעם באַרימטן „פינפטן פונקט". דעם 30סטן סעפּטעמבער 1931 האָט דער „אַלרוסלענדישער צענטראַלער אויספיר־קאָמיטעט פון די ראַטן", ס'הייסט דער צי״ק פון דער רוסלענדישער ראַטן־רעפּו־בליק רספסר, צו וועלכער עס געהערט אָפיציעל דער ווייט־מזרחדיקער קאַנט, פאַרעפנטלעכט אַ באַשלוס מיטן פאָלגנדיקן טיטל: „וועגן די מאַסמיטלען צו פאַרווירקלעכן דעם 5טן פונקט פון דער באַ־שטימונג פונעם פּרעזידיום פון אַלפאַרבאַנדישן צי״ק פון 28סטן מערץ 1928, מכוח דעם שאַפן אין בירָאבידזשאַנער ראַיאָן פון ווייט־מזרח־דיקן קאַנט אַ יידישן נאַציאָנאַלן אַדמיניסטראַטיוו־טעריטאָריעלן איינס". (פולער טעקסט, אין די ביילאַגן).

דער ערשטער פונקט פון דאָזיקן דאָקומענט לייענט זיך אַזוי:

„פאַרלייגן דער אָנפירונג פון מלוכה־פּלאַן פון רספסר און דעם ווייט־מזרחדיקן אויספירקאָם, מיטן אָנטייל פון קאָמערד, זיי זאָלן

תיכף פאַנאַנדעראַרבעטן, און צושטעלן ניט שפּעטער, ווי אין נאָוועמ־בער ד. י., די קאָנטראָל־ציפערן פאַר אַלע צווייגן פון ווירטשאַפטלע־כער און קולטורעלער בויאונג אין ביראָבידזשאַנער ראַיאָן אויף די יאָרן 1932 און 1933, אָריענטירנדיק זיך אויף אויסבילדן, סוף 1933, אין די גרענעצן פון ביראָבידזשאַנער ראַיאָן, אַ יידישן אויטאָנאָמען אַד־מיניסטראַטיוו־טעריטאָריעלן אײנס, אינעם באַשטאַנד פון ווייט־מז־רחדיקן קאַנט". (פולער טעקסט אין די ביילאַגן).

צום ערשטן מאָל איז אַזוי אָרום פעסטגעשטעלט געוואָרן אָפיציעל די געבוירן־דאַטע פון דעם דאַזיקן "יידישן אויטאָנאָמען, אַדמיניסטראַ־טיוו־טעריטאָריעלן "אײנס" — ער האָט געדאַרפט דערזען די ליכטיקע שיין צום סוף פונעם יאָר 1933. אָבער וואָס פאַר אַ מין מלוכה־אויס־בילדונג האָט אָט דער "אײנס" געזאָלט זיין — אַ נאַציאָנאַלער ראַיאָן, אַן אויטאָנאָמע געגנט, אַן אויטאָנאָמע רעפּובליק? וועגן דעם איז נישט דערמאָנט געוואָרן מיט קיין איין וואָרט. וואַרשיינלעך איז די פראַגע נאָך ניט געווען געלייזט. דער באַשלוס פון 30סטן סעפּטעמבער 1931 האָט איינגעשטעלט אַ מין צוויי־יאָר־פּלאַן פאַר דעם צוקונפטיקן יידישן "אײנס", וואָס איז דערווייל נאָך אַלץ געבליבן אַ קאָנסטיטוציאָנעל־אַבסטראַקטע סכעמע.

אין פלוג גענומען, האָט דאָ אָבער עפּעס לחלוטין ניט געשטימט, אפילו שוין בלויז ביי אָט דער אַבסטראַקטער לייזונג פון פּראָבלעם. דער דאָקומענט פון 30סטן סעפּטעמבער 1931, וואָס האָט זיך פאַררופן אויפן באַשלוס פון 28סטן מערץ 1928, וועגן דער הבטחה פון "פינפטן פונקט", און האָט די הבטחה געדאַרפט דערפילן, האָט בפירוש פאַר־זען, אַז די עיקר־באַדינגונגען, וועלכע די דאַזיקע הבטחה האָט גע־האָט פאַרויס באַשטימט, זיינען נישט געווען דערפילט.

דער באַרימטער "פינפטער פונקט" האָט נעמלעך געזאָגט אָט וואָס: "ביי גינסטיקע רעזולטאַטן פון דעם דורכויסיקן באַזעצן מיט אַרבעטנ־דיקע יידן דעם ראַיאָן, וואָס איז אָנגעוויזן אין ערשטן פונקט — האָבן אינזינען די מעגלעכקייט צו אויסבילדן אויף דער טעריטאָריע פון דעם דאַזיקן ראַיאָן אַ יידישן נאַציאָנאַלן אַדמיניסטראַטיוו־טעריטאָריעלן אײנס". די "גינסטיקע רעזולטאַטן" זיינען דאָ אַ בפירושער פאַרבאַ־דינג פאַר דער אויסבילדונג פון דעם "אײנס", וועלכן מען האָט דער־ווייל געדאַרפט בלויז "האָבן אינזינען". דער פאַרבאַדינג איז אָבער נישט געוואָרן דערפילט. קיין שום "גינסטיקע רעזולטאַטן" זיינען נישט

געוואָרן דערגרייכט. וועגן אַ „דורכויסיקן באַזעצן" האָט קיין רייד ניט געקאָנט זיין. אין די דאָזיקע באַדינגונגען האָט די פּאַרווירקלעכונג פון דער הבטחה וועגן „נאַציאָנאַלן איינס" פאַרגעשטעלט מיט זיך — נישט קיין רעזולטאַט פון אַ דערגרייכטן ציל, נאָר קאַפּויער, ערשט אַ מיטל דעם ציל צו דערגרייכן. אַנדערש געזאָגט, נישט די דערפאָלגרייכע איבערוואַנדערונג קיין ביראָבידזשאַן האָט געבראַכט צו דער אויסבילדונג פון „נאַציאָנאַלן איינס", נאָר קאַפּויער, דער „נאַציאָנאַלער איינס" האָט עס געדאַרפט פירן צו דער אויסברייטערונג און נאָרמאַליזירונג פון דער יידישער איינוואַנדערונג.

דעם דאָקומענט פון 30סטן סעפּטעמבער 1931 דאַרף מען אויך באַטראַכטן אין קאָנטעקסט פון די געשעעניש, וואָס האָבן זיך אָפּגעשפּילט אויסער די גרענעצן, ריכטיקער, אויף די סאַמע גרענעצן פון ראַטנפאַרבאַנד. מיט קאַרגע צוויי וואָכן פריער, דעם 19טן סעפּטעמבער 1931, האָבן די אַרמייען פון דער אימפּעריע פון דער „אויפגייענדיקער זון" זיך אַריינגעריסן אין מאַנדזשוריע און פלוצלונג זיך באַוויזן אויפן רעכטן ברעג פון טייך אַמור, אין דירעקטער שכנות מיט ביראָבידזשאַן. די פראַגע וועגן באַפעלקערן און באַפעסטיקן דעם ראַיאָן, פּונקט ווי דעם גאַנצן וווייט-מזרחדיקן קאַנט, איז, פון אַ טעאָרעטישער און פראַגמאַטישער, געוואָרן פון ברענענדיקער אַקטואַליטעט. אין אַט דעם קאָנטעקסט, האָט דער באַשלוס פון 30סטן סעפּטעמבער גערופן „באַדייטנדיק צו פאַרשטאַרקן די טעמפּן פון ווירטשאַפטלעכן וווקס פון ראַיאָן" און פאַרויסגעזען אַלע „נויטיקע מאַסמיטלען, בכדי די איבערוואַנדערער זאָלן זיך דאָרט פעסט באַזעצן (הייזער-בוי, קולטור-בויאונג אא"וו)". וואָס שייך די אָנפירנדיקע קאַדערן פאַרן ראַיאָן, האָט דער פינפטער פּונקט פון באַשלוס פאַרגעלייגט: „פון דער צאָל יידן, וואָס ענדיקן הויכשולן, טעכנישע הויכשולן, טעכניקומס, סאָוופאַרט-שולן א"א, פאַרבראַנירן אַ באַשטימטע און גענוגנדיקע צאָל טוער פאַרן ביראָבידזשאַנער ראַיאָן".

פון גאָר באַזונדערן אינטערעס איז דער זעקסטער און לעצטער פּונקט, וואָס לייענט זיך אַזוי: „געבן דאָס רעכט דעם ביראָבידזשאַנער ריי-אויספירקאָם, פון 1טן יאַנואַר 1932 אָן, פאַראיינפאַכט אָנצונעמען אין בירגערשאַפט פון ראַטנפאַרבאַנד, לויטן געזעץ פון 22סטן אַפּריל 1931, מיט דער שפּעטערדיקער באַשטעטיקונג דורכן וווייט-מזרחדיקן קאַנט-אויספירקאָם".

דער אינטערעס פון דאָזיקן פּונקט איז אַ טאָפּלטער. דאָס רעכט אַנצונעמען אויסלענדער אין בירגערשאַפט פון אַ לאַנד געהערט צו די עיקר־אַטריבוטן פון מלוכהשקייט. דעם אויספיר־קאָמיטעט פון בי־ראָבידזשאַנער ראַיאָן איז צוגעטיילט געוואָרן אַ חלק פון מלוכה־פּרע־ראָגאַטיוון, צוויי יאָר פריער נאָך איידער עס איז אָפיציעל געשאַפן גע־וואָרן די יידישע מלוכה־אויסבילדונג. דער ענין איז אָבער נישט בלויז אַ יורידישער, נאָר אויך, און בעיקר, אַ פּאָליטישער. ער באַווייזט דעם אויסערגעוויינלעכן אינטערעס, וואָס די סאָוועטישע רעגירונג האָט אַרויס־געוויזן צו דער אויסלענדישער איינוואַנדערונג קיין ביראָבידזשאַן.

עס איז דערלויבט משער צו זיין, אַז דאָ האָט זיך שוין מער ניט געהאַנדלט — נישט וועגן „אַ פּאַלעסטינע אין מאָסקווע", נישט וועגן אַ „סאָוועטישן אַלטערנאַטיוו צום ציוניזם". די צייטן פון דער ייד־סעקציע זיינען געהאַט פאַרביי. דער ציוניזם האָט אויפגעהערט צו זיין אַ פּראָבלעם פאַר דער סאָוועטישער רעגירונג. דאָקעגן איז יאָ געווען אַ פּראָבלעם, און איז עס געוואָרן אַלץ שאַרפער און דרינגענדיקער, דאָס באַזעצן ביראָבידזשאַן, דעם סאָוועטישן פאַרפּאָסט ביים שטילן אָקעאַן. די סאָוועטישע מלוכה־קרייזן האָבן געוווּסט, אַז זיי געניסן פון ברייטער סימפּאַטיע צווישן אויסלענדישן יידנטום — נישט בלויז אין די מזרח־אייראָפּעישע לענדער, ווו עס האָט געבושעוועט דער אַנטיסע־מיטיזם און די יידישע באַפעלקערונג איז סיסטעמאַטיש אַרויסגעשטויסן געוואָרן פון אַלע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס, נאָר אויך, צוליב איר יידן־פריינטלעכער פּאָליטיק, אין צפון־און דרום־אַמעריקע. אויף אַט דעם צאָלרייכן רעזערוו פון אויסלענדישע פּאָטענציעלע איבערוואַנדערער האָט די סאָוועטישע רעגירונג געלייגט גרויסע האָפענונגען און אפילו גע־מאַכט זיך וועגן זיי גרויסע אילוזיעס, וועלכע זיינען אָגב זייער שנעל אויסגערונען.

אויפן יאָר 1932, נאָכן פייערלעכן אָנזאָג, אַז די הבטחה פון „פינפטן פּונקט" ווערט אַט־אַט פאַרווירקלעכט, איז דער פּאַרמעסט געווען אַ באַ־זונדערס גרויסער. דער אָפיציעלער פּלאַן האָט פאָרויסגעזען אַ מאַסן־איבערוואַנדערונג פון 14.000 מאַן, דערפון 6.200 פון אוקראַינע, 1.800 פון ווייסרוסלאַנד, 1.700 פון צענטראַל־רוסלאַנד און גאַנצע 4.300 פון אויסלאַנד. אויך דאָס יאָר אָבער איז דער פּלאַן נישט אויסגעפילט גע־וואָרן. אַנשטאָט די פּראָיעקטירטע 14.000 איבערוואַנדערער, זיינען געקו־מען בלויז 9.000; אַנשטאָט די פאָרויסגעזעענע 4.300 אויסלענדער —

קוים 784 און צווישן זיי: 166 פון די פאַראייניקטע־שטאַטן, 116 פון אַר־גענטינע און אורוגוואַי, 101 פון ליטע, 88 פון פראַנקרייך, 83 פון לעט־לאַנד, 74 פון פּאַלעסטינע, 65 פון דייטשלאַנד, 61 פון בעלגיע און 30 פון פּוילן.

פונדעסטוועגן, אפילו ביי דעם בלויז טיילווייזן רעאַליזירן פון פּלאַן, אויף בערך צוויי דריטל, האָט די יידישע איינוואַנדערונג קיין ביראָבידזשאַן אַנגענומען אין 1932 באמת אַ מאַסן־כאַראַקטער. זי איז געווען די צאַלרייכסטע, וואָס די געגנט האָט ווען עס איז פאַרצייכנט. אין דעם זין איז דער פּאַרמעסט געקרוינט געוואָרן מיט דערפאָלג. דער דאָזיקער דערפאָלג איז אָבער שנעל אַוועק מיטן ווינט, מחמת עס האָט זיך באַלד אַנגעהויבן אַ מאַסן־אַפּפלוס, אין אַ פאַרנעם און בהלה, וואָס האָבן אויך צו זיך קיין גלייכן ניט געהאַט. מער ווי זעכציק פּראָצענט פון אַלע איינגעוואַנדערטע זיינען צוריקגעפאָרן, טייל אין די אַלטע וווינערטער, טייל אין פאַרשיידענע שטעט פון וייטן מזרח. באַזונדערס גרויס איז געווען דער פּראָצענט צוריקפאָרער צווישן די אויסלענדער. קרוב ניינציק פּראָצענט אַמעריקאַנער האָבן זיך אומגעקערט אין די פאַראייניקטע־שטאַטן. עס זיינען צוריקגעפאָרן כמעט אַלע איינוואַנדערער פון פראַנקרייך און בעלגיע. עס האָבן פאַרלאָזט ביראָבידזשאַן און זיך באַזעצט אין צענטראַל־רוסלאַנד, בעיקר אין מאָסקווע, די מערהייט איבערוואַנדערער פון לעטלאַנד, פּאַלעסטינע און דייטשלאַנד.

דעם „דורכרייס" — לויט דער סאָוועטישער טערמינאָלאָגיע — אין דעם איינוואַנדערונג־פּלאַן פון 1932 איז געווען אַ רעזולטאַט פונקט פון די זעלבע סיבות, וואָס האָבן געהאַט אַרויסגערופן פונקט די זעל־בע, אָדער ענלעכע „דורכרייסן" פון אַלע פריערדיקע פּלענער אין אַלע פריערדיקע יאָרן. עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן דער אַבסאָלוטער, וועגן דער אומגלויבלעכער ממש ניט־צוגעגרייטקייט אויפצונעמען די ניי־געקומענע. אין 1932 אָבער, דווקא מחמת דעם פאַרנעם פון דער איינוואַנדערונג, האָבן די זעלבע סיבות דערבראַכט צו רעזולטאַטן, גע־כפלטע ביז אומענדלעכקייט. אַן איינוואַנדערונג פון 9.000 מאַן פאַר אַ ישוב פון 3.500 נפשות, האָט באַטייט אַ פּלוצלונגער צוזוקס פון דער באַפעלקערונג אויף העכער צוויי מיט אַ האַלבן מאָל. קיין שום הייזער אָבער, קיין שום וווינונגען, קיין שום שלאָף־פּלעצער זיינען פאַר די נייע איבערוואַנדערער ניט געוואָרן צוגעגרייט — נישט אין דער הויפּטשטאָט ביראָבידזשאַן, געוועזענע טיכאַנקע, נישט אין אַנדע־

רע אָרטשאַפטן פון דער געגנט — אפילו ניט צו ווינטער־צו. טויזנ־טער מענטשן האָבן געמוזט זיך וואַלגערן, מיט קליינע קינדער, אין באַראַקן, שטאַלן און בוידעמער, אין אומדערטרעגלעכער ענגשאַפט און שמוץ.

פונקט אַזוי ערנסט איז געווען די לאַגע מיט באַשפּייזונג. סוף 1931, ווען דער ישוב האָט געציילט בלויז 3.500 נפשות, איז העכער אַ העלפט געווען באַשעפטיקט אין לאַנדווירטשאַפט. דער מצב פון די קאָלכאָזן און סאָווכאָזן איז געווען אַ שווערער, ס׳האָט געפעלט איינ־געפונדעוועטקייט, גענױטקייט, מען האָט שטאַרק געליטן פון די קלי־מאַטישע באַדינגונגען און גאָר באַזונדערס, פון די פאַרפלייצונגען, וואָס האָבן פאַרטרונקען גערטנער און אָוועקגעטראָגן פאַרגרייטע היי. דאָך אָבער איז די עקאָנאָמישע סטרוקטור פונעם קליינעם ישוב געווען אַ גלייכגעוויכטיקע. דער פאַרזיי־שטח האָט, פון 1929 ביז 1932, זיך געהאָט פאַרטאָפּלט. ער איז אויסגעוואַקסן פון 14.000 ביז 28.000 העקטאַר. במשך פון דער זעלבער צייט, האָט די באַפעלקערונג זיך פאַרדרייפאַכט, פון 1.200 ביז 3.500 מאַן. די דיספּראָפּאָרץ איז ניט גע־ווען קיין גרויסע, די דערנערונג־באַזע אַ מער־ווייניק נאָרמאַלע. ווען דער זעלבער פאַרזיי־שטח אָבער, אַן אויסגעוואָקסענער אין צווייען, האָט געדאַרפט דערנערן אַ באַפעלקערונג, וואָס איז אויסגעוואַקסן אויף גאַנצע צען מאָל — פון 1.200 אויף 12.000 נפשות — האָבן שוין, באַ־טירלעך, די אָרטיקע רעסורסן קוים געקאָנט געניגן. מען האָט אַלץ גע־מוזט אַריינפירן פון דרויסן — און אַריינפירן פון פיל הונדערטער קי־לאָמעטער וויט, ביי אַ פולשטענדיקער וועגלאָזיקייט און אומבאַווינט־קייט פון אַרום. עס האָט געפעלט ברויט, עס האָט געפעלט מילך פאַר קינדער, עס האָט געפעלט קאַרטאָפל, ניט בלויז האָט מען ניט־דערעסן. מען האָט געהונגערט.

דערצו נאָך האָט אויפסניי זיך צעשפּילט די נאַטור־סטיכיע. דער ווינטער איז אויסגעפאַלן אַן אומגעווענלעך שווערער און דער זומער — אַ נאָך מער רעגנדיקער, ווי אין 1928. אַ ריי קאַטאַסטראָפאַלע פאַרפלייצונגען האָבן, ווידער אַ מאָל, אַלץ פאַרגאָסן און צעשטערט.

אין אַזעלכע באַדינגונגען איז געווען ממש אַ וווּנדער — בישט וואָס עס זיינען צוריקגעפאָרן גאַנצע זעכציק פּראָצענט פון די איבער־וואַנדערער, נאָר וואָס גאַנצע פערציק פּראָצענט זיינען פאַרבליבן. אַדאַנק אָט די דאָזיקע עקשנים, האָט די יידישע באַפעלקערונג פון ביראָבי־

דזשאַן, במשך פונעם יאָר, זיך פאַרטאָפּלט. פון 3.500 נפשות איז זי אויסגעוואַקסן אויף גאַנצע 7.000.

אין איין איינציקן יאָר, אַדאַנק דער געהעריקער מאַסן־פּלאַניפיצי־רונג און די נויטיקע „פאַרבראַנירונגען", זיינען, אַזוי אַרום, צוגעקומען אין דער געגנט פונקט אַזוי פיל איבערוואַנדערער, ווי אין אַלע פרי־ערדיקע פיר יאָר צוזאַמען. אַט די אונטערשטע שורה פונעם ציפערן־בילאַנס איז, זעט אויס, דערשינען פאַר די אָנפירנדיקע קרייזן — נישט בלויז ווי אַ דערפאָלג, נאָר ממש ווי אַ נצחון.

דעם 7טן אַפּריל 1932 האָט דער פּרעזידיום פונעם אַלפאַרבאַנדישן אויספיר־קאָמיטעט (צי"ק) אָנגענומען אַ ספּעציעלע רעזאָלוציע וועגן דער טעטיקייט און די נאָענטסטע אויפגאַבן פון קאָמערד, אויפן סמך פון אַ טעטיקייט־באַריכט פון דער דאָזיקער אינסטיטוציע. דער אַל־פאַרבאַנדישער אויספיר־קאָמיטעט האָט קודם כל פעסטגעשטעלט, אַז „אַדאַנק די מאַסמיטלען, וואָס עס האָט אָנגענומען די ראַטנמאַכט און וועלכע זיינען דורכגעפירט געוואָרן מיט דער הילף פון קאָמערד און פון דער סאָוועטישער געזעלשאַפטלעכקייט, זיינען געוואָרן דערגרייכט גרויסע דערפאָלגן אויפן געביט פון פאַרבעסערן דעם סאָציאַל־עקאָנאָ־מישן און קולטור־מצב פון די יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן: א) עס איז באַשאַפן געוואָרן אַ באַטייטיקער יידישער לאַנדווירטשאַפטלעכער שיכט אין די אַלטע און נייע ראַיאָנען פון יידישער ערד־באַזעצונג; ב) עס זיי־נען אַריינגעצויגן געוואָרן גרויסע קאַדערן פון דער יידישער באַפעלקע־רונג, גאָר באַזונדערס פון דער יוגנט, אין דער אינדוסטריע; ג) עס זיינען פאַראַן גרויסע דערגרייכונגען אינעם אויפבוי און אַנטוויקלונג פון קולטור־אונטערנעמונגען פאַר די יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן".

נאָך דעם דאָזיקן אַלגעמיינעם אַריינפיר, האָט דער פּרעזידיום פון אַלפאַרבאַנדישן צי"ק פאַרגעלייגט דעם קאָמערד, ער זאָל באַטראַכטן ווי זיין „וויכטיקסטע, און באַזונדערס שלאָגלערישע אויפגאַבע" צו העלפן „ווי אַמשנעלסטן באַהערשן עקאָנאָמיש און פאַרגיכערן די טעמפּן פון דעם אינדוסטריעלן, סאָווכאָזישן און קאָלכאָזישן אויפבוי פון בי־ראָבידזשאַן, אויפן סמך פון אויסנוצן זיינע גרויסע נאַטירלעכע רייכ־טימער (ערד, וואַסער־רעסורסן, אויסגראַבונגען, וועלדער א"א)".

אין גאַנצע צען פונקטן גיט די רעזאָלוציע אַ צאָל אָנווייזונגען און דירעקטיוון. די אָנפירונג פון „מלוכה־פּלאַן" איז ווידער געוואָרן באַ־אויפטראָגט אויסצואַרבעטן אַ באַזונדערן פּלאַן, דאָס מאָל אַ פינפיאָר

פלאַן, פאַר בירזשאַבידזשאַן, מיטן אויסזיכט „צו פאַרסירן די עקאָנאָמישע באַהערשונג פון ראַיאָן" און מיט דער אויפגאַבע „פעסטצושטעלן די צאָל איבערוואַנדערער ביזן סוף 1933, אַרויסגייענדיק פון דער נויטווענדיקייט צו באַזעצן אין דעם דאָזיקן ראַיאָן די מעגלעכסט גרעסטע צאָל אַרבעטנדיקע יידן".

אין אַ באַזונדערן פונקט האָט די רעזאָלוציע זיך אָפּגעשטעלט אויף דער פראַגע פון אויסלענדישער איינוואַנדערונג. עס זאָגט זיך, נעמלעך, אין זעקסטן פונקט: „נעמענדיק אין באַטראַכט, אַז די מעגלעכקייט, וואָס איז געגעבן געוואָרן די אויסלענדישע אַרבעטנדיקע יידן צו באַזעצן זיך אין בירזשאַבידזשאַן, האָט אַרויסגערופן מצד זיי אַ באַטייטיקע איינוואַנדערונג אין דעם דאָזיקן ראַיאָן און אַז די דערפאַרונג פון זייער איינגלידערונג האָט געבראַכט פּאָזיטיווע רעזולטאַטן — פאַרפליכטן דעם קאָמערד אָנצונעמען אַלע נויטיקע מאָסמיטלען, בכדי ווייטער צו באַזעצן און ווירטשאַפטלעך איינאָרדענען אין בירזשאַבידזשאַן אויסלענדישע יידן, אַרבעטנדיקע פון געהעריקע קוואַליפיקאַציעס, פירנדיק אָט די טעטיקייט אין הסכם מיט די פּלענער פון ווירטשאַפטלעכן און קולטורעלן אויפבוי פון בירזשאַבידזשאַן".

בלויז עטלעכע שורות זיינען אין דער רעזאָלוציע אָפּגעגעבן דער יידישער ערד־באַזעצונג אין אוקראַינע און קרים. „אַרויסגייענדיק פון די דערגרייכטע רעזולטאַטן — זאָגט זיך אין לעצטן פונקט — ביי דער ערד־באַזעצונג פון אַרבעטנדיקע יידן אין דער אוקראַינישער ראַטן־רעפּובליק און אין קרים, ווערט געהאַלטן, אַז די הויפּט־אויפגאַבע פון קאָמערד אין די דאָזיקע ראַיאָנען באַשטייט אין מיטהעלפן ווירשאַפטלעך צו פאַרפעסטיקן קודם כל די עקזיסטירנדיקע יידישע נאַציאָנאַלע ראַיאָנען און אויך אַלע שוין אָרגאַניזירטע קאָלכאָזן".

אָט די געציילטע שורות האָבן געדאַרפט אַ סוף מאַכן איין מאָל פאַר אַלע מאָל צום וויכוח קרים־בירזשאַבידזשאַן, וועלכער איז, ווייזט אויס, ביז דאַן נאָך נישט געווען פאַרענדיקט. די העכסטע אָפיציעלע מלוכה־אינסטאַנץ פון ראַטנפאַרבאַנד האָט געגעבן צו וויסן, אַז די יידישע לאַנדווירטשאַפטלעכע ישובים פון אוקראַינע און קרים האָבן געדאַרפט ווערן בלויז „פאַרפעסטיקט". וועגן אויסברייטערן זיי איז שוין מער ניט געווען קיין רייד. דער „קרים־פּראָיעקט" איז געוואָרן ענדגילטיק ליקווידירט. אַ גאַנץ קאַפּיטל האָפענונגען, באַמיאונגען, פאַרמעסטן — איז געוואָרן אָפּגעשלאָסן. די יידישע געזעלשאַפטלעכקייט

פון ראַטנפאַרבאַנד, און געזערד אין דער ערשטער ריי, איז געשטעלט געוואָרן, קורץ און שאַרף, כמעט מיט האַרבן וואָרט — מיטן פנים צו ביראָבידזשאַן.

די אויפגאַבע, וואָס איז אָנגעצייכנט געוואָרן פאַר די פּלאַניפיקאַטאָרן — „פעסטצושטעלן די צאָל איבערוואַנדערער קיין ביראָבידזשאַן ביזן סוף 1933", אַרויסגייענדיק פון דער נויטווענדיקייט דאָרט צו באַזעצן „די מעגלעכסט גרעסטע צאָל אַרבעטנדיקע יידן" — איז געלייזט געוואָרן אויף אַן אופן, וואָס איז געווען ממש געניאַל אין זיין פשטות: די פּלאַניפיקאַטאָרן האָבן „באַשלאָסן" איינפאַך צו פאַרגרעסערן די יידישע איינוואַנדערונג אין ראַיאָן, במשך פון יאָר 1933 — אויף גאַנצע דריי הונדערט פּראָצענט. דער איינוואַנדערונג־פּלאַן אויף 1933 איז באַשטימט געוואָרן — אויף 25.000 מאַן. דאָס איז געווען אַ בפירושער רעקאָרד, פאַרשטייט זיך — אַ רעקאָרד בלויז פון שאַפערישער פאַנטאַזיע. אויפן אָרט גופא איז, ווידער אַ מאָל, גאָרנישט געטאָן געוואָרן, בכדי צו קאָנען אויפנעמען אַזאַ מאַסע. במשך פון גאַנצן יאָר 1932, האָט דער ביראָבידזשאַנער אָפּטייל פון דער „מעליאָוואָדראַז"־אַדמיניסטראַציע (מעליאָראַציע־אַרבעט און וואַסער־רעגולירונג) באַוויזן אויסצוטריקענען און אויפהויבן קוים הונדערט העקטאַר רויערד. קיין אַנדערע פרייע ערד־חלקים, גרייטע פאַר לאַנדווירטשאַפט, זיינען ניט געווען. די באַשפייזונג־באַזע איז נישט פאַרגרעסערט געוואָרן. די הייזער־בויאונג איז ניט קיין סך אַוועק פאָרויס. דאָס אויסטערלישע דערביי איז, וואָס אַלע האָבן דערפון זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון, אַלע האָבן וועגן דעם גערעדט און געשריבן — אָבער אָן קיין שום ממשותדיקע רעזולטאַטן.

דער ווידעראַנאַנד צווישן די ציפערן און דער רעאַליטעט איז געווען אַזאַ אומגעהויערער, אַז ער איז סוף כל סוף דערגאַנגען צום באַוווסטזיין אויך פון די צעפּלאַמטע פּלאַניפיקאַטאָרן. דער איינוואַנדערונג־פּלאַן אויף 1933 איז במשך פון יאָר עטלעכע מאָל געוואָרן קאָרעגירט — לכתחילה רעדוצירט צו 21.000 מאַן, דערנאָך צו 16.950 און לסוף בלויז צו 6.780. (מען דאַרף באַוואונדערן די גענויקייט פון די צאָלן!). אָבער אפילו אָט דער מינימום־פּלאַן איז ווייט ניט געוואָרן אויסגעפילט. אין גאַנץ 1933 זיינען געקומען קיין ביראָבידזשאַן נישט מער ווי 3.005 איינגעוואַנדערטע.

דאָס יאָר 1933 האָט אָבער געשלאָגן נאָך אַ צווייטן רעקאָרד — נישט בלויז פון באַפּליגלטער פּלאַניפיקאַציע, נאָר אויך פון בהלהדיקן צוריקפאָר. צום ערשטן מאָל האָבן פאַרלאָזט ביראָבידזשאַן מער איבער־וואַנדערער — באַדייטנדיק מער — ווי עס זיינען אַהין געהאַט געקו־מען. די צאָל פון די „יורדים" איז, ווי געוועגלעך, נישט געוואָרן אָנ־געגעבן. סוף 1933 אָבער איז די יידישע באַפעלקערונג פון דער געגנט געשאַצט געוואָרן אויף בלויז 6.000 נפשות, אַנשטאָט די 7.000 פון סוף 1932. עס זיינען הייסט עס, צוריקגעפאָרן — נישט נאָר די ניי־געקו־מענע, נאָר אויך אַ צאָל איינוואַנדערער, וואָס האָבן געהאַט זיך שוין פריער באַזעצט. אויס וואַנדערער זיינען געווען מיט אַ גאַנצן פערטל מער, ווי איין וואַנדערער.

דער צוויי־יאָר־פּלאַן פון דער באַשטימונג פון 30סטן סעפּטעמבער 1931, ניט געקוקט אויף אַלע „פאַרבראַנירונגען" און אויפן ספּעציעלן רעכט אַנצונעמען פאַראיינפאַכט אין סאָוועטישער בירגערשאַפט, האָט געליטן אַ פולשטענדיקן דורכפאַל. עס איז אויך פולשטענדיק דורכגע־פאַלן די באַשטימונג פון 17טן אַפּריל 1932, אין איר דירעקטיוו צו באַזעצן אין דעם ראַיאָן ביזן סוף 1933, „די מעגלעכסט גרעסטע צאָל אַרבעטנדיקע יידן". אין די יאָרן 1932 און 1933 איז די יידישע באַ־פעלקערונג פון ביראָבידזשאַן אויסגעוואַקסן בסך הכל אויף 2.500 נפ־שות — פון 3.500 ביז 6.000 — ס'הייסט, ווידער מיטן באַשיידענעם יערלעכן דורכשניט פון 1.250 נפשות. דערביי אָבער האָט די דעמאָגראַ־פישע ליניע פון ישוב פאַרצייכנט אין 1933, צום ערשטן מאָל, אַן ערנסטן באַרג־אַראָפּ פון קרוב פופצן פּראָצענט.

די פּראָקלאַמירטע „מאַסן־איינוואַנדערונג", הן פון ראַטנפאַרבאַנד גופא, הן און מער נאָך פון אויסלאַנד, האָט זיך אויסגעלאָזט מיט אַן אַבסאָלוטן פיאַסקאָ. דערצו נאָך — אַ פיאַסקאָ ביים סאַמע סוף 1933, פונקט ערב דער אַנגעזאָגטער שעה, ווען עס האָט געדאַרפט געבוירן ווערן, „אין די גרענעצן פון ביראָבידזשאַנער ראַיאָן", „אַ יידישער אױ־טאָנאָמער אַדמיניסטראַטיוו־טעריטאָריעלער איינס, אינעם באַשטאַנד פון ווייט־מזרחדיקן קאַנט".

מען האָט, נאַטירלעך, געפּרוּווט זוכן די סיבות פון דורכפאַל. אָמ־לייכטסטן איז געווען, לויט דער אָבליגאַטאָרישער פאַרטיי־סכעמע פון „קאַמף אויף צוויי פראָנטן", אַרויפוואַרפן די שולד אויף די „רעכטע אָפּאָרטוניסטן" און „לינקע אָפּנייגלער", עווענטועל אויף כל המינים

אָפּענע אָדער פאַרשטעלטע קלאַסן־שונאים, געוועזענע בונדיסטן, ציו־ניסטן וכדומה. זעלטענער האָט ווער געוואָגט אַרייִנבליקן אינערהאַלב דער ווירקלעכקייט און דערזען דאָרט, אַנשטאָט דער סקאָרבאָוועד סכע־מע — פּשוטע ביוראָקראַטיע, פלאַנלאָזיקייט און אומקאָמפּעטענץ. אַזוי למשל, האָט אמת שוין לאחר המעשה, אין 1936, געשריבן וועגן דער דאָזיקער צייט דער סאָוועטיש־יידישער פּובליציסט וו. קירזשניץ: „צו־ליב דער ניט גענוג אויפמערקזאַמער באַציאונג און זאָרג פאַר די ניי־געקומענע מיטבויער, דורכרייסן אין דער וווינונג־בויאונג, פלאַנלאָזי־קייט פון דער עצם איבערוואַנדערונג און אָפּט שלעכטן אָפּקליב אין די אַרויסגאַנג־ערטער, איז ביזן יאָר 1934 געווען אַ גרויסער אָפּפלוס צווישן די איבערוואַנדערער, וועלכער האָט צייטנווייז דערגרייכט פופ־ציק און אפילו מער פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער צאָל געקומענע אין געגעבענעם יאָר. דער מאַסאָווער אָפּפלוס פון די איבערוואַנדערער האָט דעזאָרגאַניזירט די גאַנצע אַרבעט און אַרונטערגעריסן די פּלע־נער פון דער ווירטשאַפטלעכער און קולטורעלער בויאונג".*

אויפקלערונגען פון דאָזיקן מין זיינען אָבער נישט דערגאַנגען — האָבן וואַרשיינלעך ניט געקאָנט, ניט געוואָגט דערגיין — צום תוך פון ענין. סוף כל סוף איז ביראָבידזשאַן ניט געווען קיין אויסנאַם אויפן געביט פון פאַנטאַסטישער פּלאַניפיקאַציע, ס'הייסט פון פּלאַנלאָזיקייט (דער נוסח פון די פּלאַניפיקאַטאָרן איז וועזנטלעך געווען דער זעלבער אומעטום). און אויך ניט קיין אויסנאַם, וואָס שייך ביוראָקראַטיע אָדער אומקאָמפּעטענץ. די טוער פון קאָמערד און געזערד זיינען זיכער געווען נישט צווישן די ערגסטע אויפן ווייטן מזרח און וואַרשיינלעך, צווישן די בעסטע, מחמת זייער לאַנגער געזעלשאַפטלעכער דערפאַ־רונג. אין פּרט פון טעכניק, האָט ביראָבידזשאַן זיך געפונען אין סאַמע אַוואַנגאַרד פון ווייט־מזרחדיקן קאַנט. די ווירקלעכע סיבות זיינען גע־לעגן טיפער און אויף אַן אַנדער פּלאַץ.

אין גאַנצן לאַנד איז אָנגעגאַנגען אַ ריזיקער פאַרמעסט, אין הונ־גער און קעלט, אין בלוט־און־שוויס, אין אומגלויבלעכע קרבנות. דער פאַרמעסט האָט געהאַט אַ נאָמען: „בויען דעם סאָציאַליזם אין איין לאַנד", „פינפיאָר־פּלענער". פרייוויליקע ענטוזיאַסטן, „געצוווּנגענע ענ־

* וו. קירזשניץ, „די יידישע אויטאָנאָמע געגנט אין אויפשטייג", מאָסקווע, 1936, ז. 7. אויף ווייטער: קירזשניץ...

טוזיאַסטן", „פֿאַרבראַנירטע" מכל המינים האָבן געהאַט פֿאַר די אויגן אַ קלאָרן ציל, וואָס האָט ניט אויפֿגעהערט צו לויכטן און בלענדן טאָג־און־נאַכט און וועלכן מען האָט ניט אויפֿגעהערט, טאָג־און־נאַכט, צו באַזינגען און גלאָריפֿיצירן און סובלימירן. מען האָט געוווּסט פֿאַר וואָס מען ברענגט קרבנות און צוליב וואָס עס לוינט די קרבנות צו ברענגען. די איינוואַנדערער קיין ביראָבידזשאַן האָבן עס אָבער נישט געוווּסט.

ביים סאַמע באַגינען פֿון ביראָבידזשאַן, אין ערשטן יאָר פֿון די שווערסטע נסיונות, איז די יוגנט געקומען, אונטער דער לאָזונג „צו א ייִדיש לאַנד". זי איז געקומען, געשאַפֿן קאָמונעס, האָט אויסגעהאַלטן אַלע נסיונות און איז פֿאַרבליבן. נישט פֿאַרבליבן איז אָבער די לאָזונג „צו אַ ייִדיש לאַנד", וואָס איז דערקלערט געוואָרן פֿאַר אַ פֿיינטלעכע, אַ נאַציאָנאַליסטישע. „דאָס דעקלאַסירטע שטעטלשע רויוואַרג", וואָס איז געקומען אויף „פּראָדוקטיוויזאַציע", איז זיך צעלאָפֿן. נישט דאָס „רויוואַרג" איז געווען מסוגל, ניט עס האָט געהאַט אַ ממשותדיקן אינטערעס צו בויען דעם „נאַציאָנאַלן איינס" און נאָך וויניקער — דעם סאָציאַליזם. וואָס שייך ווידער דער אַלגעמיינער, דער באַגייסטערנדיקער לאָזונג פֿון „סאָציאַליזם אין איין לאַנד", איז פֿאַרן סאָוועטישן ייִדן געווען לחלוטין אוממעגלעך איינצוגלידערן אין איר, אויף אַן אָרגאַנישן אופֿן, אַ וועלכן ניט איז אימפּעראַטיוון און עקסקלוזיוון שייכות צו ביראָבידזשאַן.

אין יאָר 1932, בעת דער גראַנדיעזער „מאַסן־איבערוואַנדערונג", איז, לויטן ענטוזיאַסטישן פּלאַן פֿון די ענטוזיאַסטישע פּלאַניפֿיקאַטאָרן, פּראָקלאַמירט געוואָרן אַ פֿרייוויליקע מאָביליזאַציע פֿון זעקס הונדערט ייִדישע קאָמיוגיסטן, פֿאַר ביראָבידזשאַן. אָפּגערופֿן זיך האָבן קוים הונדערט און פֿון זיי זיינען בלויז איינצלנע פֿאַרבליבן אין דער געגנט — וואָס עס איז געווען אינגאַנצן פֿאַרשטענדלעך. באמת — פֿאַרוואָס און צוליב וואָס האָט אַ ייִדישער יוגנטלעכער, אַ מיטגליד פֿון קאָמוניסטישן יוגנט־פֿאַרבאַנד, אַן ענטוזיאַסטישער בויער פֿון אַ וועלט פֿון פֿעלקער־פֿריינטשאַפֿט, פֿאַרוואָס האָט ער געדאַרפֿט פֿאָרן בויען דעם סאָציאַליזם אַזש קיין ביראָבידזשאַן, צווישן כל המינים „דעקלאַסירטן רויוואַרג" און אַלטוואַרג, אָפּפֿעגע אָדער פֿאַרבאַהאַלטענע קלאַסן־שונאים? אויב בויען דעם סאָציאַליזם אויפֿן ווייט מזרח — און ער איז געווען גרייט צו פֿאָרן אין עק וועלט אפֿילו — איז דאָך פֿיל פּשוטער

צו לאָזן זיך, מיט אייגענע חברים, בויען „קאָמסאָמאָלסק״, די יונגע שטאָט פון לעניניש קאָמסאָמאָל, ביים ברעג פון שטילן אָקעאַן.

וואָס מער עס האָט זיך דערנענטערט די אָנגעזאָגטע שעה פון סוף 1933, וואָס שווערער עס איז געוואָרן דער מצב אין ביראָבידזשאַן, אַלץ שאַרפער, אַלץ דרינגענדיקער האָט זיך געשטעלט די פראַגע וועגן מאָטיווירונגען, אַלץ העכער האָט זיך צעקלונגען די אַלטע שאלה, נאָך פון 1928: „אונטער וועלכע לאָזונגען וועט גיין די מאַסע אויפן ווייטן מזרח?״. דאָס ניט־וועלן, דאָס ניט־קאָנען פאַרענטפערן די שאַלה — און במילא, דאָס ניט־גיין „פון דער מאַסע אויפן ווייטן מזרח״ — איז געווען אַ באַשטעטיקונג פון אַלגעמיין־פּאָליטישן פיאַסקאָ פון דעם ביראָבידזשאַן־פּראָיעקט.

די אָנגעזאָגטע שעה האָט אָבער פּאַרט אויסגעשלאָגן און ס׳איז מער קיין ברירה ניט געווען. מען האָט געמוזט אָנערקענען, אַז די רעאַליטעט האָט זיך פארעקשנט און צעבונטעוועט — קעגן אַלע פּלאַניפיקאַטאָרן, קעגן אַלע ציפערן, קעגן די באַשטימונגען, קעגן די אינסטרוקציעס און אפילו קעגן די „פּאַרבראַנגירונגען״. מען האָט געמוזט אָנערקענען, אַז ס׳איז נישט מעגלעך צו בויען אַ „יידישן נאַציאָנאַלן איינס״, אַ יידישע נאַציאָנאַלע מלוכהשקייט, אָן אַ מאָביליזאַציע פון יידישער נאַציאָנאַלער ענערגיע, ס׳הייסט אָן אַן אידעאָלאָגישער באַזע. די יידישע רעאַליטעט האָט געפאָדערט קאַטעגאָריש — יידישע אידעאָלאָגיע.

און יידישע אידעאָלאָגיע האָט, ווידער אַ מאָל, אַרויסגעבראַכט — דער רוס מיכאַיל איוואַנאָוויטש קאַלינין.

קאַפּיטל צען

קאַלינין־וואַריאַנט פון אחד־העם׳יזם —
ביראָבידזשאַן אַ מרכז רוחני

דער אַנאָנימער יידישער „איינס״ איז דעשיפּרירט געוואָרן דעם 7טן מאַי 1934. ער האָט באַקומען אַ נאָמען: יידישע אויטאָנאָמע געגנט אינעם באַשטאַנד פון ווייט־מזרחדיקן קאַנט.

די געבוירן־מעטריקע איז געוואָרן צוזאַמענגעשטעלט דורכן צענטראַלן אויספיר־קאָמיטעט פון פססר. אָט דער היסטאָרישער דאָקומענט לייענט זיך אַזוי:

„וועגן פאַרוואַנדלען דעם ביראָבידזשאַנער יידישן נאַציאָנאַלן ראַיאָן פונעם ווייט־מזרחדיקן קאַנט אין אַ יידישער אויטאָנאָמער געגנט.

„באַשטימונג פון צענטראַלן אויספיר־קאָמיטעט פון פססר,

„באַטראַכט דעם פאָרשלאַג פונעם אַלרוסלענדישן צענטראַלן אויספיר־קאָמיטעט וועגן פאַרוואַנדלען דעם ביראָבידזשאַנער יידישן נאַציאָנאַלן ראַיאָן אין אַ יידישער אויטאָנאָמער געגנט, באַשטימט דער צענטראַלער אויספיר־קאָמיטעט פון פססר:

„די השתדלות באַפרידיקן און פאַרוואַנדלען דעם ביראָבידזשאַנער יידישן נאַציאָנאַלן ראַיאָן אין אַ יידישער אויטאָנאָמער געגנט אינעם באַשטאַנד פון ווייט־מזרחדיקן קאַנט.

„פאָרזיצער פון צענטראַלן אויספיר־קאָמיטעט פון פססר:
מ. קאַלינין

„סעקרעטאַר פון צענטראַלן אויספיר־קאָמיטעט פון פססר:
א. יענוקידזע

מאָסקווע, קרעמל, מאַי 1934 יאָר״.

דער דאָזיקער דאָקומענט — אינגאַנצן אומאָפּהענגיק פון זיין ווייטערדיקן גורל — איז אַ צווייפאַכיק היסטאָרישער: ער געהערט הן צו

דער געשיכטע פון ראַטנפאַרבאַנד, הן צו דער יידישער געשיכטע. פונעם קוקווינקל, אויב נישט פון אינטערנאַציאָנאַלן רעכט, איז לכל הדעות פון סאָוועטישן קאָנסטיטוציאָנעלן רעכט, האָט ער געלייגט דעם יסוד פאַר דער ערשטער — זינט צוויי טויזנט יאָר — יידישער מלוכהשער אויסבילדונג, אויסער די גרענעצן פון דער אַלטערטימלעכער יידישער מלוכהשקייט אין ארץ ישראל.

פאַר ליבהאָבער פון מערקווירדיקייטן מכל המינים, קאָן אַנגעוויזן ווערן אין אָט דעם געבוירן־אַקט פון דער ערשטער יידישער דיאַספּאָרא־מלוכהשאַפט, אַ מערקווירדיקער טעות, צי אַן אויסטערלישע בכיוונדיקע אומפּינקטלעכקייט, וואָס איז אגב קיינמאָל, דוכט זיך, נישט באַמערקט געוואָרן.

דער אויספיר־קאָמיטעט פון פּססר האָט פאַרוואַנדלט אין אַ יידישער אויטאָנאָמער געגנט — דעם „ביראָבידזשאַנער יידישן נאַציאָנאַלן ראַיאָן". איז אָבער די מעשה, וואָס אַזאַ „ביראָבידזשאַנער יידישער נאַציאָנאַלער ראַיאָן" האָט קיינמאָל ניט עקזיסטירט. עס האָט עקזיסטירט פשוט „אַ ביראָבידזשאַנער ראַיאָן", וואָס איז קיינמאָל און אין ערגעץ, אַנדערש ניט באַצייכנט געוואָרן און קיינמאָל ניט געוואָרן דערהויבן צו אַ יידישן נאַציאָנאַלן ראַיאָן. לכל הדעות איז וועגן דעם ניט באַקאַנט קיין שום אָפיציעלער דאָקומענט.

עס איז שווער אָנצונעמען, אַז די רעדאַקטאָרן פון אַזאַ וויכטיקן מלוכה־דאָקומענט, ווי דאָס פּראָקלאַמירן אַן אויטאָנאָמע געגנט — וואָס ענדערט די קאָנסטיטוציע פון דער פאַרבאַנדישער רעפּובליק, אין וועמענס גרענעצן זי געפינט זיך — זאָלן וועגן אַזאַ פּרט ניט וויסן. בלייבט די השערה וועגן עפּעס אַ בכיוונדיקער אומפּינקטלעכקייט, וואָס האָט אפשר געהאַט אַ וועלכן ניט איז שייכות צו אַן ענין פון פּראָצעדור, אָבער וועלכע בלייבט פאָרט מערקווירדיק און אויסטערליש אין אַ מלוכה־אַקט, ווו יעדעס פּינטל איז געמאָסטן און געוויגן.

דער אינטערעס פון דער דאָזיקער „מערקווירדיקייט" ליגט אָבער ווייניקער אין קאָנסטיטוציאָנעל־רעכטלעכער חקירה, ווי אין דעם באַוויז, וואָס זי ברענגט, אַז די דעשיפרירונג פונעם „איינס" — נאַציאָנאַלער ראַיאָן? אויטאָנאָמע געגנט? — און בעצם דאָס דערפילן גופא פון דער הבטחה וועגן „איינס", איז געווען נישט לייכט און נישט זיכער אפילו, ביז דער לעצטער רגע.

דער צוטרוי צו דער ייִדישער געזעלשאַפטלעכקייט איז געווען אַרונטערגעריסן. אַ ייִדישע אויטאָנאָמע געגנט, מיט אַ ייִדישער באַפעלקערונג פון קוים זעקס טויזנט נפשות, ביי אַ לאַנגיאָריקער מאָביליזאַציע פון דער געזעלשאַפטלעכער מיינונג, ביי אינוועסטיציעס פון מיליאָנען רובל פון מלוכה־בודזשעט און פון הונדערטער טויזנטער דאָלאַרן אויסלענדישע הילף און, בעיקר, ביי דער אַבסאָלוטער דרינגענדיקייט פון די אַנגעצייכנטע איבעוואַנדערונג־פּלענער — דאָס איז באמת נישט געווען מי יודע וואָס פאַר אַ דערגרייכונג.

אין 1934, שוין נאָך דער פּראָקלאַמירונג פון דער אויטאָנאָמער געגנט, איז דער געזערד געוואָרן „באַפרייט" פון דער אָנפירונג מיט דער איבערוואַנדערונג קיין ביראָבידזשאַן. די דאָזיקע אָנפירונג איז איבערגעגעבן געוואָרן אין די הענט פון קאָמערד. אָפיציעל איז דער געזערד קיינמאָל ניט געווען קיין אויסשליסלעך ייִדישע אָרגאַניזאַציע. געזערד־אָפּטיילונגען זיינען געשאַפן געוואָרן — לכל הפחות אויפן פּאַפּיר — אין כל המינים אונטערנעמונגען פון שטאָט און דאָרף, צווישן דער סטודענטישער יוגנט און אפילו אין דער רויטער אַרמיי. פּאַקטיש אָבער, דורך זיין עיקר־מיטגלידערשאַפט, זיינע אַקטיווע טוער, זיין אָנפירערשאַפט אין צענטער און אויף די ערטער און זיין אַפּאַראַט, האָט דער געזערד פאַרגעשטעלט מיט זיך די ייִדישע געזעלשאַפטלעכקייט אין ראַטנפאַרבאַנד, אין איר איינציקער אָרגאַניזאַציאָנעלער פאָרם, וואָס איז פאַרבליבן נאָך דער אויפלייזונג פון די יידסעקציעס. אין געזערד, פונקט ווי פריער אין די יידסעקציעס, האָבן געפונען אַן אָרט און אַ מעגלעכקייט זיך אויסצולעבן געזעלשאַפטלעך די רעשטן פון דער אַמאָליקער ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג, וועלכע האָבן, צוליב אַזעלכע אָדער אַנדערע טעמים, זיך נישט אָפּגעריסן פון דער „ייִדישער גאַס", בכדי אַוועקצוגיין אויף „אַלגעמיינער אַרבעט", פּאַרטייאישער צי מלוכהשער.

אויך דער קאָמערד איז באַשטאַנען ס'רוב פון לאַנגיאָריקע ייִדישע אַרבעטער־טוער, וואָס זיינען צו דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי געהאַט געקומען פון פאַרשיידענע סעקטאָרן פון דער געוועזענער ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג. דער קאָמערד איז אָבער געווען אַ מלוכה־אָרגאַן, מיט מלוכהשע פונקציעס און קאָמפּעטענצן, אַ טייל פון מלוכה־אַפּאַראַט, אונטער דער דירעקטער אָנפירונג און השגחה פון דער רעגירונג, בעת דער געזערד האָט געזאָלט זיין די אָפּשפּיגלונג און פאַר־

טרעטערשאַפט — ביי די ספּעציפישע באַדינגונגען פון דער סאָוועטי־שער רעאַליטעט — פון דער גאַנצער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט, פּאַרטייאישער און אפילו אומפּאַרטייאישער.

דאָס צונעמען ביים געזערד די אָנפירונג מיט דער איבערוואַנדע־רונג איז אַזוי אַרום דערשינען, נישט ווי אַ וועלכע ס'איז טעכנישע רעאָרגאַניזאַציע, אָדער ווי אַן ענדערונג אין דער אַרבעט־פּאַרטיי־לונג, נאָר ווי אַן עיקרדיקע, ווי אַ פּרינציפּיעלע ווענדונג אין דער מלוכה־פּאָליטיק. צום ערשטן מאָל האָט די איבערוואַנדערונג קיין בי־ראָבידזשאַן, ניט געקוקט אויף דער פּראָקלאַמירונג פון דער אויטאָ־נאָמער געגנט, אויפגעהערט צו ווערן פּראָיעקטירט ווי אַן אויסשליס־לעך יידישע און איז במילא אַרויסגענומען געוואָרן פון דער אויס־שליסלעכער קאָמפּעטענץ פון דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט.

פונקט ווי מיט דריטהאַלבן יאָר פריער, ביי דעם באַשלוס פון 30סטן סעפּטעמבער 1931 וועגן דער באַשאַפונג אין ביראָבידזשאַן, סוף 1933, פון אַ „יידישן אויטאָנאָמען אַדמיניסטראַטיוו־טעריטאָריעלן איינס״, איז דער באַשלוס פון 7טן מאַי 1934 געווען אַ פּאָליטישער אַקט, הגם פון היסטאָרישן באַטייט, אָבער ווען ים רעאַלע ממשות, וועמענס היסטאָרישער אויסמעסט און רעאַליטעט האָבן נאָך ערשט געדאַרפט באַווייזן ווערן. אַזאַ מין רעאַליטעט האָט געפאָדערט אַן אידעאָלאָגישן אָנשפּאַר. פאַר דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט האָט ערשט געדאַרפט ווערן אויסגעשמידט אַ דאָקטרין. די דאָזיקע אויפגאַ־בע האָט אויף זיך גענומען ניט קיין אַנדערער, ווי מיכאַיל קאַלינין.

דעם 28סטן מאַי 1934, פונקט דריי וואָכן נאָך דער פּראָקלאַמירונג פון דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט, איז פאָרגעקומען אין מאָסקווע אַ באַגעגעניש צווישן קאַלינינען און אַ דעלעגאַציע פון מאָסקווער יידי־שע פאַבריק־אַרבעטער, ביי דער אָנוועזנהייט פון שרייבער, צייטונג־מענטשן און געזעלשאַפטלעכע טוער. אין דער באַגעגעניש האָבן אָנ־טייל גענומען, צווישן אַנדערע, דוד בערגעלסאָן און שמעון דימאַנ־שטיין, דאַן פאָרזיצער פון געזערד. אין אַ שמועס, וואָס האָט געדויערט עטלעכע שעה, האָט קאַלינין געמאַכט אַ צאָל עיקרדיקע דערקלערונ־גען, וועלכע האָבן פאַרגעשטעלט מיט זיך אַ מין „מאַגנאַ כאַרטאַ״ פאַר ביראָבידזשאַן.

אָט זיינען אייניקע גרעסערע אויסצוגן פון די דאָזיקע דערקלע־רונגען:

„איר פרעגט, פאַרוואָס האָט מען אָרגאַניזירט די יידישע אויטאָנאָמע געגנט? איך בין איינער פון די, וואָס האָבן מיטגעפילט דער אָרגאַניזירונג פון דער געגנט. די הויפּט־סיבה איז די, וואָס יידן איז ביי אונדז פאַראַן זייער פיל און קיין מלוכהשע אויסבילדונג האָבן זיי ניט. דאָס איז די איינציקע נאַציאָנאַליטעט אין פּססר, וואָס פאַרמאָגט אַ דריי־מיליאָניקע באַפעלקערונג און האָט ניט קיין מלוכהשע אויסבילדונג. איך האַלט, אַז דאָס שאַפן אַזאַ געגנט איז אין אונדזערע באַדינגונגען דער איינציקער מיטל פאַר אַ נאָרמאַלער מלוכהשער אַנטוויקלונג פון דער נאַציאָנאַליטעט. איך רעכן, אַז אין אַ יאָר צען אַרום וועט ביראָבידזשאַן זיין דער וויכטיקסטער, אויב ניט דער איינציקער אויפהיטער פון דער יידישער סאָציאַליסטישער נאַציאָנאַלער קולטור. מאָסקווע, צום ביישפּיל, קאָן ניט אויפהיטן קיין נאַציאָנאַלע אייגנשאַפטן. זי מאַלט איבער, אויב מען קאָן זיך אַזוי אויסדריקן, אָביעקטיוו, אַלע נאַציאָנאַליטעטן אינעם גרויסן הויפּט־שטאָטישן קאָלעקטיוו, אָט פּונקט ווי דאָס קומט פאָר, צום ביישפּיל אין ניו־יאָרק, ווו עס ניוועלירן זיך אַ גוואַלדיקע צאָל נאַציאָנאַליטעטן. וואָס איז פאַרבליבן פון זיין נאַציאָנאַליטעט ביים יידישן אַרבעטער, וועלכער האָט אָפּגעלעבט אין מאָסקווע צען יאָר? כמעט גאָרנישט. אויב ער לעבט קולטורעל, אויב ער לעבט מיט די פּראָלעטאַרישע אינטערעסן, איז קלאָר, אַז די יידישע אינטערעסן טרעטן אָפּ אויפן צווייטן פּלאַן. ער מוז פאַרגעסן אָן זיי. די אַלגעמיינע פּראָלעטאַרישע אינטערעסן זיינען צו גרויס. מאָסקווע לעבט מיט אַן אינטערנאַציאָנאַלן לעבן און די נאַציאָנאַלע אייגנשאַפטן ווערן אין איר ביסלעכווייז פאַרווישט.

„... אין דער ביראָבידזשאַנער אויטאָנאָמער געגנט וועט זיך אַנטוויקלען אַ גרויסע סאָציאַליסטישע בויאונג און גלייכצייטיק אויך אַן אמתע סאָציאַליסטישע יידישע קולטור, און די, וועמען ס'איז טייער אויך אַזאַ יידישע נאַציאָנאַלע קולטור, וועלכע ווילן צולייגן זייער האַנט צו דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער געגנט און פון איר סאָציאַליסטישער נאַציאָנאַלער קולטור, דאַרפן זיך פאַרבינדן מיט ביראָבידזשאַן און אים העלפן. איך האַלט, אַז ביי אונדז וועלן יידן לענגער ווי ערגעץ ווו זיך איינהיטן אין זייער אייגענער יידישער געגנט.

„...די יידישע איבערוואַנדערונג איז ביי אונדז ניט אַלע מאָל געגאַנגען גוט. אין אַזאַ גרויסער אַרבעט קאָנען טרעפן איינציקע דורכפאַלן. ביים איבערוואַנדערן איז פאַראַן אַ גרויסער אָפּפלוס. פיל קערן

זיך אום צוריק. זאָלן די, וואָס טויגן ניט, אָוועקגיין. ניט יעדער איז פעיק צו פאַרוואַנדלען זיך פון אַ שטעטלדיקן פיזיש אויסגעמאַטערטן מענטשן, אין אַ דרייסטן, פעסטן „קאָלאָניזאַטאָר״. דערצו מוז מען אי־בערגעבוירן ווערן.

„... איך בין אַן אָפּטימיסט און איך מיין, אַז מיט דער צייט וועט זיך שאַפן אַן אמתע, אַ גוטע, מעכטיקע יידישע געגנט. אויב אונדז וועט זיך איינגעבן אין משך פון אַ לענגערער צייט יעדעס יאָר צו־געבן דער געגנט כאָטש צו פיר טויזנט יידישע באַפעלקערונג, וועט עס זיין ניט שלעכט. פאַרשטייט זיך, די אויסבילדונג פון אַ גרויסער געגנט איז אַ דויערנדיקער פּראָצעס.

„... איך באַטראַכט די פראַגע פּאָליטיש. איך האַלט, אַז די אויסבילדונג פון דער דאָזיקער געגנט האָט די נאַציאָנאַליטעט גע־שטעלט אויף די פיס, אָדער ריכטיקער געזאָגט, זי האָט אונטערגע־פירט אַ סאָוועטישן פונדאַמענט אונטער דער יידישער נאַציאָנאַליטעט אין פּסטר.

„די אויסבילדונג פון אַ סאָוועטישן מלוכהשן איינס גיט אַריין לעבן־זאַפט. איצט זאַפט אין זיך ביראָבידזשאַן איין, פון איין זייט, די יידישע מאַסע, יענע יידן, וואָס שטרעבן צו אַ בעסער לעבן און ווילן אויפהיטן זייער נאַציאָנאַליטעט, זי זאַפט זיי אָבער איין, פאַרשטייט זיך, פאַרהעלטנישמעסיק ווייניק. פון דער צווייטער זייט, פאַרמירט ביראָ־בידזשאַן גלייכצייטיק די יידישע נאַציאָנאַליטעט.

„... איך האָב באַאויפטראָגט דעם קאַמערד, ער זאָל געפינען אַזאַ אָרט, ווו עס זאָלן זיין אַלע נויטיקע פּאָליטישע, קלימאַטישע און נאַטירלעכע באַדינגונגען. און ווירקלעך, אין ביראָבידזשאַן איז דאָס אַלץ פאַראַן. ערשטנס, אַ גרויסע, פרייע, פרוכטבאַרע טעריטאָריע ביי דער מלוכהשער גרענעץ. קיין אַנדער נאַציאָנאַליטעט חוץ דער יידי־שער, איז דאָרטן אַלס פּרעטענדענט ניט פאַראַן. און אין דער זעלבער צייט זיינען די יידן זייער אַן איבערגעגעבענע סאָוועטישע נאַציאָנאַ־ליטעט, וואָס האָבן דאָס פאַרדינט מיט זייער פאַרגאַנגענהייט. אגב, וואָס איז דאָרטן ניט פאַראַן אין דער דאָזיקער געגנט, אַנהויבנדיק פון גאָלד, אייזן און קוילן? אַזוי, אַז די אַנטוויקלונג־פּערספּעקטיוון זיינען גרויסע, נאָר ס׳וועט נויטיק זיין אַ באַדייטנדיקע אַרבעט, אַ סך קרעפטן, ענערגיע און שעפערישע איניציאַטיוו. די יידישע איבערוואַנדערער דאַרפן באַרעכטיקן דעם צוטרוי, וואָס ווערט צו זיי אַרויסגעוויזן.

„די בירא̇בידזשא̇נער איבערווא̇נדערער דא̇רף מען געוויס שטעלן אין בעסערע בא̇דינגונגען. איך הא̇ב פון סא̇מע א̇נהויב געזא̇גט, א̇ז ביז בירא̇בידזשא̇ן וועט ניט הא̇בן קיין איבערפלוס פון ברויט, וועט זיין שווער עס צו בא̇זעצן, ווייל דערנערן די בא̇פעלקערונג מיט א̇ריינגעפירטן ברויט, איז אין אונדזערע בא̇דינגונגען זייער שווער. קא̇רטא̇פל אויפן ווייטן מזרח איז דערווייל נא̇ך אויך א̇ פּרא̇דוקט, וועלכן מען ברענגט א̇הין צו פירן. דעריבער איז איצט די הויפּט־אויפגא̇בע — זיכערן די לא̇נדווירטשא̇פטלעכע בא̇זע. יעדנפא̇לס גייט די א̇נטוויקלונג פון בירא̇בידזשא̇ן שנעלער איידער די א̇נטוויקלונג פון א̇לע איבעריקע רא̇יא̇נען פון ווייטן מזרח, א̇בער הילף איז נויטיק.

„... איך חזר איבער, איך בא̇טרא̇כט בירא̇בידזשא̇ן פונעם שטא̇נדפונקט פון גרויסע פערספעקטיוון, פון דעם, א̇ז די יידישע פּרא̇לעטא̇ריער הא̇בן זייער פא̇טערלא̇נד — פּסטר און א̇ן אייגענע נא̇ציא̇נא̇לע מלוכה. זיי זענען געווא̇רן א̇ נא̇ציע". און לסוף: „... וועגן דער פא̇רווא̇נדלונג פון דער געגנט אין א̇ רעפּובליק, איז עס א̇ פּרא̇גע פון צייט. אויב עס וועט זיך צונויפקלויבן א̇ בא̇פעלקערונג פון א̇ הונדערט טויזנט — וועט מען קא̇נען פּרא̇קלא̇מירן אויך א̇ רעפּובליק. איצט איז דא̇ס לייכטער. שא̇פן א̇ רעפּובליק פון א̇ געגנט, וועט זיין לייכטער, ווי שא̇פן א̇ געגנט פון א̇ רא̇יא̇ן. דא̇ס פא̇רווא̇נדלען די געגנט אין א̇ רעפּובליק וועגדט זיך שוין איצט אין די א̇רבעטנדיקע יידן א̇ליין, אין זייער איבערווא̇נדערונג און פא̇רפעסטיקונג".*

קא̇לינינס ווערטער און זיין אויספיר, ממש אין נוסח פון מערעזשינס הערצליא̇נישן רוף פון 1928, „אויב איר וועט וועלן, וועט עס זיין" — א̇לץ וועגדט זיך שוין איצט נא̇ר פון אייך, יידישע א̇רבעטנדיקע, אויב איר וועט נא̇ר וועלן, וועט זיין א̇ יידישע רעפּובליק אויך — א̇ט די ווערטער הא̇בן געמא̇כט א̇ן אויסערגעוויינלעכן רושם. פּונקט א̇בער ווי אין 1926, נא̇ך דער בא̇רימטער קא̇לינין־רעדע אויפן ערשטן צוזא̇מענפא̇ר פון געזערד, איז דער א̇פּרוף געווען ווייט ניט קיין אייגהייטלעכער. ווידער א̇ מא̇ל איז דער „א̇לפא̇רבא̇נדישער סטא̇רא̇סטא̇" געווא̇רן אין דער יידישער געזעלשא̇פטלעכקייט קריטיקירט — זייער שא̇רף, הגם ניט עפנטלעך, פא̇רשטייט זיך. ס'איז דערגא̇נגען א̇זוי ווייט,

* „יידן אין פּסטר", מא̇סקווע, 1935, זייטן 32־36.

אַז געוויסע שטעלן פון די דערקלערונגען זיינען אין דער סאָוועטישער יידישער פּרעסע געוואָרן... צענזורירט.

אַ שטורעם ממש פון אומצופרידנקייט האָט אַרויסגערופן דער געדאַנק וועגן דעם, אַז „אין אַ צען יאָר אַרום וועט ביראָבידזשאַן זיין דער וויכטיקסטער, אויב ניט דער איינציקער אויפהיטער פון דער יידישער סאָציאַליסטישער נאַציאָנאַלער קולטור.“

די יידסעקציעס זיינען געווען שוין אויפגעלייזט גאַנצע פיר יאָר צייט. דער יעווסעקיזם איז אָבער פאַרבליבן אין פולער קראַפט, ווי אַן אידעאָלאָגיע, אָדער — ווי דאָס אויספעלן פון אַן אידעאָלאָגיע. די לאָזונג „צו אַ יידיש לאַנד“, וואָס איז אַזוי פּלוצלונג געהאַט פאַרשווונדן, איז מיט קיין צווייטער ניט געוואָרן פאַרביטן. אויף איר אָרט האָט איצט די קאַלינין־דאָקטרין, נישט בלויז גערופן „צו אַ יידיש לאַנד“, נאָר פּראָקלאַמירט ביראָבידזשאַן ווי „אַן אייגענע נאַציאָנאַלע מלוכה“, וועלכע האָט די „יידישע נאַציאָנאַליטעט געשטעלט אויף די פיס, אָדער, ריכטיקער געזאָגט, זי האָט אונטערגעפירט אַ סאָוועטישן פונדאַמענט אונטער דער יידישער נאַציאָנאַליטעט אין פּססר“. דאָס האָט אָפּגעקלונגען שיער־ניט ווי אַ מין סאָוועטישע ווערסיע פון נצח ישראל פאַרן סאָוועטישן יידנטום און איז במילא געשטאַנען אין פולער סתירה צו דער חסידות פון אָרטאָדאָקסאַלן יעווסעקיזם. פונדעסטוועגן האָט די מערהייט־ליניע פון די יידסעקציעס — דער נאַציאָנאַלער נייטראַליזם — מיט אָט דעם געדאַנק, ווי ניט איז, געקאָנט שלום מאַכן.

דער יעווסעקיזם האָט אויך געקאָנט שלום מאַכן מיט קאַלינינס פאָרמול: „ווען ס'איז טייער אַזאַ יידישע נאַציאָנאַלע קולטור“. דער אטאַוויסטישער, קאָמפּלעקס־אַרטיקער פחד („קאָמפּלעקס פון פּאָליטישן חטא הקדמון“) פאַרן אויסדרוק „יידישע נאַציאָנאַלע קולטור“ איז געהאָט כמעט שוין פאַרשווונדן. צו לעגינס האַרבער תורה פון די „קריטישע נאָטיצן“ — „דער וואָס פאָרמולירט, דירעקט אָדער אומדירעקט, די לאָזונג יידישע „נאַציאָנאַלע קולטור“, אפילו מיט די בעסטע כוונות, איז אַ שונא פון פּראָלעטאַריאַט, אַ פאַרבינדעטער פון די רבנים און דער בורזשואַזיע“ — איז צוגעקומען סטאַלינס באַרימטער פירוש, אין זיין פאַרטראַג אויפן „קאָמוניסטישן אוניווערסיטעט פאַר די מזרח־פעלקער“. אין דעם פאַרטראַג האָט סטאַלין דערקלערט אָט וואָס: „די לאָזונג פון נאַציאָנאַלער קולטור איז געווען אַ לאָזונג אַ בורזשואַזע,

ווען ביי דער מאַכט איז געשטאַנען די בורזשואַזיע... די לאָזונג פון נאַציאָנאַלער קולטור איז געוואָרן אַ פּראָלעטאַרישע לאָזונג, ווען ביי דער מאַכט האָט זיך געשטעלט דער פּראָלעטאַריאַט און די קאָנסאָלי־דאַציע פון די נאַציעס האָט אָנגעהויבן גיין אונטערן צייכן פון דער ראַטנמאַכט". דער סטאַלין־הכשר איז אַגב נאָך מער געוואָרן באַקרעפּ־טיקט דורך קאַלינינס דריי־מאַליקער דערמאָנונג, אַז דאָ האַנדלט זיך וועגן אַ נאַציאָנאַלער קולטור — אַ סאָציאַליסטישער.

לחלוטין אומאָננעמבאַר איז אָבער פאַר דעם יעווסעקיזם, אין אַלע זיינע שאַטירונגען, געווען — הן מחמת פּרינציפּיעלע און הן מח־מת פּראַקטישע טעמים — דער געדאַנק וועגן פּרעעמינענץ פון ביראָ־בידזשאַן ווי „דער וויכטיקסטער, אויב ניט דער איינציקער אויפהיי־טער פון דער יידישער סאָציאַליסטישער נאַציאָנאַלער קולטור". די געוועזענע פירער און טוער פון די געוועזענע יידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען — מיט זייערע טיף פאַרוואָרצלטע טראַדיציעס פון קאַמף קעגן ציוניזם — האָבן אין אָט דעם געדאַנק דערזען עפּעס אַזוינס, וואָס איז, ווי צוויי טראָפּנס וואַסער, געווען ענלעך צום... אחד־העם׳יזם.

אוודאי איז שווער געווען חושד צו זיין מיכאַיל איוואַנאָוויטש קאַ־לינינען, אַן אָפּשטאַמיקן פון פּויערים, אַ פאַבריק־אַרבעטער פון זיינע יינגסטע יאָרן, אַן אַלטן באָלשעוויק, אַז ער האָט ווען עס איז געהערט וועגן אַ דענקער און פּובליציסט אשר גינצבערג, וואָס איז באַרימט געווען ביי יידן אונטערן פען־נאָמען אחד־העם. פּאַראַדאָקסאַל האָט אָבער פּאַרט צווישן די עיקרדיקע אויספירן — נישט די הנחות, פאַרשטייט זיך, און נישט די צילן, נאָר די אויספירן — פון דעם פאָטער פון „גייסטיקן ציוניזם" און די אויספירן פון דעם אָפיציעלן פאָטער פון דער סאָוועטישער יידישער מלוכהשקייט, עקזיסטירט אַ בלי־ספקדיקער פּאַראַלעליזם.

פאַר אחד־העם׳ען איז דאָס עיקרדיקע געווען — נישט „קיבוץ גליות", וואָס ער האָט געהאַלטן פאַר היסטאָריש אומרעאַליזירבאַר, אפילו שוין אין פאַל פון אַנטשטייאונג פון אַ יידישער מדינה — נאָר דאָס שאַפן אין ארץ ישראל פון אַ גייסטיקן צענטער, אַ „מרכז רוחני", בכדי איינצוהיטן און אַנטוויקלען דעם יידישן גייסט, די יידישע נאַ־ציאָנאַלע קולטור, וועלכע איז איינציק מסוגל צוזאַמענהאַלטן און פאַר־פעסטיקן די גאַנצקייט פונעם צעזייטן און צעשפּרייטן פאָלק. „דער

גאַנצער ציל פון דער אַרבעט — האָט געשריבן אחד־העם — איז נאָר דער: צונויפזאַמלען אין ארץ ישראל אַ באַשטימטן טייל פון פאָלק, און דער דאָזיקער טייל, ווען ער וועט דערגרייכן מיט דער צייט אַ נאַטירלעך און פריי לעבן, וועט ווערן דער צענטער פאַר אונדזער אַלגעמיינעם נאַציאָנאַלן לעבן און וועט משפּיע זיין פון זיין גייסט אויף אַלע איבעריקע טיילן פון פאָלק, וואָס וועלן פאַרבלייבן אין די פרעמדע לענדער, און וועט רייניקן זיי פון שמוץ פון דער אינעווייניקסטער קנעכטשאַפט און וועט צוזאַמענשליסן זיי אַלעמען צו איין נאַציאָנאַלן קערפּער מיט איין איינהייטלעכן גייסט״.

עס איז אויסטערליש, וואָס קאַלינין האָט אַרויסגעהויבן די ראָל פון בירָאָבידזשאַן דווקא ווי דעם „אויפהיטער״ — „דער וויכטיקסטער אויב ניט דער איינציקער אויפהיטער״ — פון דער יידישער קולטור, אונטערשטרייכנדיק פילמאָליק די צענטראַלקייט פון דער „אייגענער נאַציאָנאַלער מלוכה״, וועלכע וועט נישט בלויז „אויפהיטן״ און „איינזאַפּן אין זיך״, נאָר גלייכצייטיק „פאַרמירן״ די יידישע נאַציאָנאַליטעט.

אַזאַ מין קאָנצעפּציע איז געשטאַנען אין אַבסאָלוטער סתירה צו די גרונט־טראַדיציעס פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, וועלכע האָט תמיד — אין קאַמף קעגן דער „דאָרטיקייט״ פון ארץ ישראל און ציוניזם — פּראָקלאַמירט דעם פּרינציפּ פון „דאָאיקייט״, ס׳הייסט פון אַ פולווערטיקן און גלייכוווערטיקן יידישן לעבן אין אַלע יידישע וווינערטער, אין אַלע ישובים פון דער גאָרער יידישער וועלט.

קעגן קאַלינין־נוסח פון בירָאָבידזשאַנער „מרכז רוחני״ האָט דער יעווסעקציזם רעאַגירט זייער שאַרף — קיינמאָל, פאַרשטייט זיך, ניט דערמאָנענדיק דעם נאָמען פון קאַלינינען — נישט בלויז מחמת אידעאָלאָגיע, נאָר אויך מחמת טעמים געזעלשאַפטלעך־אָרגאַניזאַציאָנעלע. קאַלינינס פעסימיזם בנוגע דעם אויפהאַלט פון די יידישע קולטור־פּאָזיציעס און פון יידישן אייגנאַרט בכלל אויסער די גרענעצן פון בירָאָבידזשאַן, האָט געווירקט דעמאָראַליזירנדיק אויף די יידישע טוער פון גאַנצן לאַנד.

שוין אויף דער לעצטער לאַנד־באַראַטונג פון די יידסעקציעס אין דעצעמבער 1926, אין סאַמע בליאונג־פּעריאָד אויף אַלע געביטן פון יידישן לעבן אין ראַטנפאַרבאַנד, האָבן זיך געהערט שטימען פון ספקות און אַנטמוטיקונג. נאָך אסתר פרומקינס קאַטעגאָרישע דערקלערונגען, פון דעם מין: „מיר מוזן פאַרויסזען אויך די וואַרשיינלעכ־

קייט פון אַסימילאַציע״, אָדער „מיר מוזן מעטאָדאָלאָגיש צוגעווינען די יידישע אַרבעטער און די יידישע טוער, זיי זאָלן ניט שאַצן די אָדער יענע אַרבעט פונעם שטאַנדפּונקט פון איינהיטן די נאַציע״ — נאָך אַזעלכע דערקלערונגען, איז ביי אַ טייל דעלעגאַטן אויפגעקומען די פראַגע וועגן דעם אייגנטלעכן זין, וועגן תכלית און דער צוועקמעסי־קייט גופא פון דער גאַנצער „יידאַרבעט״. אויף דערויף האָט די חברטע אסתר געענטפערט מיט הויכער מליצה פון קאַזיאָנעם אָפּטימיזם: „אָבער ווו איז דער גרונט פון פּאַניק און פון יאוש?! דאָס איז דאָך פשוט משונהדיק... נידער מיט אַזעלכע שטימונגען! אונדזער גאַנצע יידישע אַרבעט איז אַ טייל פון דער בויאונג פון סאָציאַליזם... דער קוואַל פון אונדזער באַגייסטערונג איז דער קאָמוניזם, און דער דאָזי־קער קוואַל איז געננוג טיף און לעבעדיק, מיר זאָלן ניט דאַרפן איבער אים ציטערן״.* די מליצה האָט אָבער, ווי געוועגלעך, אויף דער עיקר־פראַגע קיין תשובה נישט געגעבן.

קאַלינינס אַנאַליז (אגב, אַ שפּאַר ביסל נאַאיווער), שוין נישט וועגן דער „וואַרשיינלעכקייט פון אַסימילאַציע״, נאָר פון דעם רעאַלן, ממשותדיקן אַסימילאַציע־פּראָצעס אין מאָסקווע — און דאָס איז גע־ווען חל אויך אויף לענינגראַד, אויף קיעוו און, אין מער־ווייניק ווייַ־טער פּערספּעקטיוו, אויך אויף אַנדערע גרויס־שטאָטישע צענטערן — איז געווען מסוגל, איבערהויפּט ביי די געענדערטע באַדינגונגען פון די אָנ־הויב־דרייסיקער יאָרן, די פריערדיקע „פּאַניק און יאוש״ בלויז צו פאַר־שטאַרקן. די יידישע פּרעסע האָט דעריבער, ביי דער געלעגנהייט, אונ־טערגעשטראָכן די וויכטיקייט פון אַלע אַרטיקע אויפטוען און קאַטע־גאָריש פאַרמשפּט „די איינשטעלונג, אַז אַלץ, וואָס ווערט געטאָן אין ראַטנ־פאַרבאַנד, קאָן ניט האָבן קיין קיום, אַז נאָר דאָס וואָס ווערט געשאַפן אין דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט, האָט אַ נאַציאָנאַלן ווערט״.**

די קאַלינין־דאָקטרין האָט, צום ערשטן מאָל, פאָרמולירט עטלע־כע גרונט־אידייען אַרום עניין־ביראָבידזשאַן: שאַפן „אַ סאָוועטישן פונדאַמענט אונטער דער יידישער נאַציאָנאַליטעט אין פסםר״, פאַר־זיכערן „אַ נאָרמאַלע מלוכהשע אַנטוויקלונג פאַר דער יידישער נאַציאָ־נאַליטעט״, אויפהיטן „די יידישע סאָציאַליסטישע נאַציאָנאַלע קולטור״.

---

* „אַלפאַרבאַנדישע באַראַטונג...״ ז. 144.

** „דער עמעס״, 18טן אַפּריל 1937.

מער נאָך, זי האָט, צום ערשטן מאָל, אַרויסגעבראַכט לאָזונגען, קלאָרע, צילבאַוווסטע, פּראָפּאַגאַנדע־אַרטיקע: „ווען ס'איז טייער אויך אַזאַ יידישע נאַציאָנאַלע קולטור" — אָדער „יענע יידן, וואָס שטרעבן צו אַ בעסער לעבן און ווילן אויפהיטן זייער נאַציאָנאַליטעט" — „דאַרפן זיך פאַרבינדן מיט ביראָבידזשאַן און אים העלפן". דאָס איז געווען, נישט בלויז אַ דירעקטער מאָביליזאַציע־רוף פאַר ביראָבידזשאַן, נאָר גלייכצייטיק אַ פּאָליטישער הכשר, אַ מין ריינוואַשן פונעם חשד אין נאַציאָנאַליזם, טאַקע פאַר די אַלע, וועמען „ס'איז טייער די יידישע קולטור" אָדער וואָס „ווילן אויפהיטן זייער נאַציאָנאַליטעט". למען האמת איז נויטיק צו אונטערשטרייכן, אַז אָט דער הכשר איז אָבער געקומען — נישט פון דער „פּאַרטייאישער ליניע", נאָר בלויז פון דער „מלוכהשער־ליניע", און דער חילוק איז געווען אַן אומגעהויער גרויסער.

די אָפיציעלע יידישע געזעלשאַפטלעכקייט — דער געזערד, די פרעסע, די פאַרשיידענע אינסטיטוציעס — האָבן די קאַלינין־דאָקטרין נישט אָנגענומען און דאָס, ניט בלויז צוליב פּרינציפּיעלע חילוקי־דעות (די צענטראַליטעט פון ביראָבידזשאַן למשל), נאָר וואַרשיינלעך און בעיקר צוליב דער אַלגעמיינער פּאָליטישער אַטמאָספערע אין לאַנד. איבער גאַנץ ראַטנפאַרבאַנד האָט געפלאַקערט אַ מלחמה קעגן נאַציאָנאַליזם, דערביי אָבער האָט דער אויפגייענדיקער סטאַליניזם בהדרגה־דיק אויסגעברייטערט דעם באַגריף גופא פון נאַציאָנאַליזם אויף אַלעם נאַציאָנאַלן בכלל, אויב נאָר דאָס נאַציאָנאַלע איז ניט געווען גרויס־רוסיש. דער לאָזונג „קאַמף קעגן נאַציאָנאַליזם" איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין איינעם פון די סטאַליניסטישע געבאָטן, לויט וועלכע מען האָט געוויגן און געמאָסטן די באָלשעוויסטישע וואַכזאַמקייט, די טרייקייט צו דער פּאַרטיי און צו איר פירער, וואָס איז שוין געוואָרן — דער „גענישאַלער פירער". די קאַלינין־דאָקטרין האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַן עול, פאַרבונדן מיט געפאַר.

אָט דעם עול האָבן געטומען אויף זיך נייע טוער, כמעט אַ נייער דור, וואָס איז פון יעווסעקיזם נישט אַרויסגעוואָקסן און איז זייער שנעל אַריין אין קאָנפליקט מיטן יעווסעקיזם. דער קאָנפליקט, צוערשט אַ פאַרבאַהאַלטענער און שטילער, אָבער וואָס ווייטער, אַן אַלץ מער אָפענער, שאַרפער און לסוף טראַגישער, איז געגאַנגען וועגן אינהאַלט און טיפערן זין פון אָט דער „אייגענער נאַציאָנאַלער מלוכה" — וועלכע איז דערווייל נאָך אַלץ געווען אַ ביצה שלא נולדה.

קאַפּיטל עלף

די פּאַנעץ פון ביראָבידזשאַן פלאַטערן הויך... אין אויסלאַנד

דעם 3טן יוני 1934 איז פון ניו־יאָרק אַרויסגעשיקט געוואָרן קיין מאָסקווע, צו מיכאַיל איוואַנאָוויטש קאַלינין, פאָלגנדיקע טעלעגראַמע: „מיר, שרייבער פונעם יידישן פּען־קלוב, באַגריסן אייך הייס, געערטער מיכאַיל איוואַנאָוויטש, פאָרזיצער פון וואצי״ק, מיטן היסטאָרישן אַקט — צו פאַרוואַנדלען ביראָבידזשאַן אין אַ יידישער אויטאָנאָמער געגנט. מיר זיינען טיף דאַנקבאַר, וואָס אין דער זעלבער צייט, ווען אין אַזוי פיל לענדער וואַקסט די רעאַקציע, דער פאַשיזם, וואָס ווערט באַגלייט פון באַרבאַרישן אַנטיסעמיטיזם, האָט דער ראַטנפאַרבאַנד אויסגעטיילט אַ יידישע אויטאָנאָמע געגנט אין דער פאַמיליע פון די סאָוועטישע סאָציאַליסטישע רעפּובליקן. דאָס איז אַ פריידיקער דערמוטערונגס־אַקט פאַרן יידישן פאָלק פון דער גאַנצער וועלט. מיר באַגריסן באַ־זונדערס אייערע ווערטער, אין וועלכע עס איז אונטערגעשטראָכן דער ווילן פון דער ראַטן־רעגירונג צו קאָנסאָלידירן די יידישע נאַציאָנאַ־ליטעט, פאַרהיטן די יידישע קולטור״.*

אונטער דער טעלעגראַמע זיינען אונטערגעשריבן: אפרים אויער־באַך, מנחם באָריישאָ, ב. י. ביאַלאָסטאָצקי, ב. צ. גאָלדבערג, ברוך גלאַז־מאַן, יעקב גלאַטשטיין, ראובן אייזלאַנד, מ. י. חיימאָוויטש, י. ל. כהן, פּעסיע כהנא, דוד איגנאַטאָוו, ב. לאַפּין, ה. לייוויק, ל. לערער, אַ. לעיע־לעס, א. לוצקי, ש. ניגער, וו. נאָטאַנזאָן, דוד פינסקי, ל. פיינבערג, לעאָן קאָברין, אברהם רייזען, א. מוקדוני, יונה ראָזענפעלד, יוסף ראָל־ניק, דר. יעקב שאַצקי. א. תלוש, לאַזאַר ווײַנער — פון צווישן די

---

* ציטירט לויט: נחמן מייזיל, „דאָס יידישע שאַפן און דער יידי־שער שרייבער אין סאָוועטנפאַרבאַנד״, ז. 168.

וויכטיקסטע פֿאַרשטייער פֿון דער אַמעריקאַנער יידישער ליטעראַטור, אַלע דווקא ניט־קאָמוניסטן, אָדער אפֿילו בפֿירושע אַנטי־קאָמוניסטן.

דער אָפּקלאַנג פֿון קאַלינינס דערקלערונגען איז, אין גאַר דער יידישער וועלט, געווען אַן אומגעהויערער. צום ערשטן מאָל, זינט צוויי טויזנט יאָר — יידישע מלוכהשקייט, אַן „אייגענע נאַציאָנאַלע מלוכה״! אין דעם דראַמאַטישן היסטאָרישן קאָנטעקסט פֿון היטלער־דייטשלאַנד, פֿון גראַבסקי־פּוילן, פֿון קוזא־רומעניע, אין דעם טראַגישן פֿאַרגעפֿיל פֿון אַנוואַקסנדיקער קאַטאַסטראָפֿע, איז די ידיעה וועגן ביראָבידזשאַן באמת געווען אַ פֿריידיקע דערמונטערונג.

נאָך אין 1926 האָבן די סאָוועטיש־יידישע טוער אָנגעוויזן, אַז אַ יידישע אויטאָנאָמע טעריטאָריע אין ראַטנפֿאַרבאַנד „וואָלט פֿאַרשטאַרקט דעם איינפֿלוס פֿון פּסםר אויף די יידישע מאַסן אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער״ (רעזאָלוציע פֿון צענטראַל־ביוראָ פֿון די יידסעקציעס, פֿון 4טן סעפּטעמבער 1926). די רעאַליטעט, ביי דעם אינטערנאַציאָנאַלן קאָנטעקסט פֿון 1934, האָט איבערגעשטיגן אַלע פֿאָרויסזאָגונגען. נאָך קיינמאָל איז די סימפּאַטיע פֿאַרן סאָוועטן־פֿאַרבאַנד ניט געווען אַזוי גרויס — און דאָס, נישט בלויז ביי די יידישע פֿאָלקסמענטשן, נאָר אויך ביי גרויסע שיכטן פֿונעם מיטל־קלאַס און צווישן דער אינטעליגענץ. באַלד האָבן זיך אויסגעפֿורעמט צוויי לאַגערן, שטאַרק אַנטאַגאָניסטישע: פֿייערדיקע חסידי־ביראָבידזשאַן און פֿאַרביסענע קעגנער.

צו די אייפֿעריקסטע, ממש ענטוזיאַסטישע חסידים פֿון ביראָבידזשאַן האָבן געהערט די יידישע קאָמוניסטישע קרייזן פֿון אייראָפּע, פֿון צפֿון־און דרום־אַמעריקע און אפֿילו פֿון ארץ ישראל. דער אָנזאָג פֿון יידישער מלוכהשקייט אין ראַטנפֿאַרבאַנד איז פֿאַר זיי געווען די פֿייערלעכע באַשטעטיקונג, דער טריומפֿאַלער ממש באַווייז, ווי אַזוי דאָס לאַנד פֿון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע — און בלויז און איינציק דאָס דאָזיקע לאַנד — האָט באַוויזן ענדגילטיק צו לייזן די דורות־דיק אומלייזבאַרע יידן־פֿראַגע. נישט בלויז האָט דער סאָוועטישער ייד באַקומען דאָס פֿולסטע בירגער־רעכט, ווי אַ יחיד און דאָס פֿולסטע נאַציאָנאַלע רעכט, ווי אַן אָנגעהעריקער צום סאָוועטישן יידנטום (שפּעטער האָט זיך אָנגענומען דער אויסדרוק: צום סאָוועטישן יידישן פֿאָלק), ער האָט אויך באַקומען — ריכטיקער, אים איז צוגעטיילט געוואָרן גוטוויליק, ברידערלעך, ער האָט אפֿילו ניט געדאַרפֿט בעטן

— אַ טעריטאָריעל־מלוכהשע באַזע, בכדי צו פאַרזיכערן דעם קיום האומה פון דעם דאָזיקן פאָלק, בכדי עס צו פאַרוואַנדלען אין אַ סאָ־וועטישע נאַציע, מיט אַלע אַנדערע סאָוועטישע נאַציעס גלייך. די סאָ־וועטיש־יידישע מלוכהשקייט איז אַזוי אַרום דערשינען ווי די קרוין־ווערק פון סאָציאַליזם אויפן געביט פון נאַציאָנאַלער פּאָליטיק בכלל און פון דער יידן־פראַגע בפרט.

דער פּראָ־ביראָבידזשאַנער־לאַגער איז אָבער ווייט ניט באַשטאַנען פון בלויז יידישע קאָמוניסטן און סימפּאַטיקער, הגם זיי טאַקע האָבן זיך אַמשטאַרקסטן אַנגעזען, מחמת זייער צאָלרייכקייט און דינאַמישקייט. דעם ביראָבידזשאַנער פּראָיעקט האָט אויפגענומען מיט אויסערגעוועג־לעכן אינטערעס נאָך אַ צווייטער סעקטאָר — ניט אַזוי פון דער יידי־שער געזעלשאַפטלעכקייט, ווי זיין ספּעציפיש געוויכט איז געווען אַ מינימאַלער, נאָר פון יידישן געזעלשאַפטלעכן געדאַנק. דאָס זיינען געווען די טעריטאָריאַליסטן, גרופּירטע אין אַ לויזן פאַרבאַנד — די „פריילאַנד־ליגע". אָט די „פריילאַנד־ליגע" איז באַשטאַנען פון אַ צאָל גרעסערע און קלענערע טעריטאָריאַליסטישע גרופּעס — אין פּאַריז, לאָנדאָן, וואַרשע, ווילנע, ניו־יאָרק א"א. — רעשטן פון דער אַמאָל וויכטיקער „יידישער טעריטאָריאַליסטישער אָרגאַניזאַציע", בראש פון וועלכער עס איז געשטאַנען ישראל זאַנגוויל. די „פריילאַנדיסטן", ס'רוב געוועזענע טוער פון די „פאַראייניקטע", זיינען געווען פּרינציפּיעלע קעגנער פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע און דער ראַטנמאַכט. אין דעם ביראָבידזשאַן־פּאַרמעסט אָבער האָבן זיי געזען אַ סאָוועטישן וואַריאַנט פון טעריטאָריאַליזם, ס'הייסט אַ באַשטעטיקונג פון זייער אייגענער געזעלשאַפטלעכער פּלאַטפאָרם.

דער צד שכנגד איז באַשטאַנען פון צוויי סעקטאָרן, אַנטאַגאָניסטישע צווישן זיך גופא; פון איין זייט, די יידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַרבעטער־באַוועגונג און, פון דער צווייטער זייט — דער ציוניזם.

די קעגנערשאַפט פון „בונד" אין פּוילן, אָדער פון „אַרבעטער־רינג" און דער יוניאָן־באַוועגונג אַרום „פאָרווערטס" אין ניו־יאָרק, איז געווען אַן אַבסאָלוטע, אָן קיין שום ניואַנסן. זי איז אַרויסגעדרונגען פון פּרינציפּיעלער קעגנערשאַפט צום ראַטנפאַרבאַנד און צום קאָמו־ניזם. דער באַטייט פון סאָוועטיש־יידישער מלוכהשקייט איז אָפּגעלייקנט געוואָרן לחלוטינדיק, גלאָבאַל — און אַנדערש האָט עס גאָר ניט גע־קאָנט זיין.

וועזנטלעך אַנדערע, און מער קאָמפּלעקסע, זיינען געווען די מאָטי־ווירונגען ביים ציוניזם. פון דימאַנשטיינס „מאַכן אַ פּאַלעסטינע אין מאָסקווע", אין 1918, ביז דער פּראָקלאַמירונג פון דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט אין ביראָבידזשאַן, זיינען אַלע רעאַליזירונגען אויפן געביט פון יידישער קאָלאָניזאַציע אין ראַטנפאַרבאַנד געגאַנגען, אויב אפילו ניט אָפיציעל, איז אָבער תמיד פּאַקטיש, אונטער דער לאָזונג פון אַלטערנאַטיוו צום ציוניזם און ווי אַ געווער אין קאַמף קעגן ציוניזם — אַ קאַמף, וואָס איז, ווי באַוווּסט, געפירט געוואָרן בעיקר, נישט אויפן געביט פון אידעאָלאָגיע, נאָר מיט פּאָליציי און רדיפות מכל המינים. די יידישע מלוכהשקייט אין ראַטנפאַרבאַנד האָט אויסגעזען ווי אַ פּאַרמעסט און ממש אַן ארויסרוף צום יידישן ישוב אין ארץ ישראל און צום ציוניזם בכלל. די ערשטע גרופּע ביראָבידזשאַן־איי־בערוואַנדערער פון פּאַלעסטינע, וואָס איז אָנגעקומען אין 1932, איז אויפגענומען געוואָרן אין מאָסקווע מיט פייערלעכקייט און באַגייסטערונג, ווי אַ סימבאָל: דער נצחון פון קאָמוניזם איבערן ציוניזם. די איבערוואַנדערונג פון ארץ ישראל קיין ביראָבידזשאַן האָט זיך אגב פאַרענדיקט אַזוי שנעל, ווי זי האָט זיך אָנגעהויבן, גלייך אין זעלבן יאָר 1932, און האָט פאַרן ישוב גופא ניט פאַרגעשטעלט מיט זיך קיין שום געפאַר. דער ציוניזם האָט אָבער יאָ געזען אַ געפאַר אין דעם אַלץ ברייטערן אָפּקלאַנג, וואָס די סאָוועטישע יידישע מלוכהשאַפט האָט אַרויסגערופן צווישן דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט פון איראָפּע און אַמעריקע, אַן אָפּקלאַנג, וואָס איז געווען מסוגל אָפּצוציען די אויפמערקזאַמקייט און אָפּשוואַכן די כוחות־מאָביליזאַציע — פּאָליטיש און פינאַנסיעל — פאַר ארץ ישראל.

ס'איז אָבער כאַראַקטעריסטיש, אַז קיין אָפיציעלער חרם אויף ביראָבידזשאַן איז פון די ציוניסטישע קרייזן קיינמאָל ניט געקומען. אדרבא, אין פוילן למשל, ווו די נויט פון דער יידישער באַפעלקערונג איז געווען באַזונדערס גרויס, איז ביי געוויסע ציוניסטישע מנהיגים, אַזעלכע ווי יצחק גרינבוים און דר. יהושע טהאָן, אין אָנגעזיכט פון די עמיגראַציע־שוועריקייטן קיין ארץ ישראל, מצד דער בריטישער מאַנדאַטן־מאַכט, אויפגעקומען די פראַגע, צי מען דאַרף ניט זיך פאַראינטערעסירן נעענטער מיט דער עמיגראַציע קיין ביראָבידזשאַן.

שוין גאָר אַן אויסנאַמלעכע איז געווען די פּאָזיציע פונעם וועטעראַן פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, דעם מיטאַרבעטער און ביאָגראַף

פון טעאָדאָר הערצל, דעם אָנגעזעענעם העברעישן — און שפּעטער יידישן — שרייבער, ראובן ברײנין. אַ הייסער חסיד פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע אין ראַטנפאַרבאַנד בכלל, איז ברײנין געוואָרן אַן ענ־טוזיאַסטישער פּראָפּאַגאַנדיסט פאַר ביראָבידזשאַן. אין אַן אַרטיקל „סאָ־וועטן־פאַרבאַנד און דער יידישער נאַציאָנאַליזם", פון נאָוועמבער 1937, צום צוואַנציקסטן יאָרטאָג פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, האָט ברײנין געשריבן:

„איך אַלס טריי־געבליבענער ציוניסט, זע ניט אין קיין קאָנפליקט, קיין ווידערשפּרוך צווישן עכטן און ריינעם ציוניזם, און צווישן ביראָ־בידזשאַניזם. דאָס יידנטום קאָן נאָר געווינען פון צוויי אויפגעבויטע סאָציאַליסטישע רעפּובליקן, איינע אין ארץ ישראל און די אַנדערע אין סיביר.

„דער אויפבוי פון דער יידישער רעפּובליק אין ביראָבידזשאַן פאָדערט ניט קיין מענטשלעכע קרבנות, אויך ניט קיין געלט־קרבנות פון די יידן, וועלכע הונגערן אין די לענדער, ווו זיי זיינען אונטער־דריקט.

„דער איינציקער חסרון פון ביראָבידזשאַן איז דאָס, וואָס די יידי־שע יוגנט אין סאָוועטן־פאַרבאַנד איילט זיך ניט צו גיין אַהין, ווייל פאַר זיי זיינען אָפן אַלע מעגלעכקייטן אויף יעדן געביט, איבער גאַנץ רוסלאַנד.

„היות אָבער, אַזוי ווי די רעגירונג אין סאָוועטן־פאַרבאַנד איז פעסט באַשלאָסן אויפצובויען די יידישע רעפּובליק אין ביראָבידזשאַן, עפנט זיך דאָרט אַ מעגלעכקייט פאַר די יידישע בירגער אין אויס־לאַנד, דאָרט ווו זיי ווערן געצוווּנגען צו אויסוואַנדערן — צו באַזעצן זיך אין ביראָבידזשאַן. ארץ ישראל, אפילו אין פאַל ווען אַ יידישע מלוכה זאָל דאָרט געגרינדעט ווערן, וועט דאָך ניט זיין ביכולת אויפ־צונעמען אַלע יידן, וואָס זוכן אַ פּלאַץ, ווו זיי זאָלן קאָנען לעבן רויִק און זיך ניט שרעקן פאַר מעגלעכע פּאָגראָמען. די צייט וועט נאָך קומען, ווען יידישע פליכטלינגען, וואָס וועלן ניט קאָנען געפינען די מעגלעכקייט צו באַזעצן זיך אין ארץ ישראל, וועלן זיך נאָך שעצן גליקלעך צו געפינען די טויערן פון ביראָבידזשאַן אָפן פאַר זיי".*

* „יידישע קולטור", אָקטאָבער 1944, ז. 7 און 8.

צווישן די פריינט פון ביראָבידזשאַן, ניט אַזוי חסידים ווי גוט־ווינטשער, האָבן זיך אויך געפונען — אויף אַ ספּעציעלן פּלאַץ און מיט ספּעציעלע מאָטיווירונגען — די יידישע שרייבער־און קינסטלער־משפּחה, די יידישיסטישע אינטעליגענץ און די חובבי־יידיש פון פאַרשיידענע פּאָליטישע ריכטונגען. צווישן זיי זיינען געווען שאַרפע קעגנער פון קאָמוניזם, עס האָט זיי אָבער פאַראייניקט, ריכטיקער — ממש פאַסצינירט, דער סטאַטוס פון יידיש און פון יידישער קולטור אין ראַטנפאַרבאַנד.

שוין אין 1926, האָט משה ליטוואַקאָוו, דאַן דער הויפּט־משגיח אי־בערן „אידעאָלאָגישן פראָנט", זיך באַרימט: „עס זיינען אָראָפּגענומען געוואָרן די פּענטעס פונעם יידישן פּראָלעטאַריאַט, פון די יידישע פאָלקס־מאַסן און — במילא אויך פון זייער שפּראַך, פון יידיש. דאָס יידישע פאָלק האָט אָנגעהויבן ניט נאָר איבערגעבויט ווערן, ס'האָט אָנגעהויבן אויפגעבויט ווערן אויף ס'ניי... צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע איז באַשאַפן געוואָרן אַ יידיש מלוכה־לעבן אָדער אַ מלוכה־לעבן אויף יידיש".*

נאָכן אויסרעכענען די פאַרשיידענע פאָרמען פון אָט דעם „מלוכה־לעבן": יידישע שטעטלדיקע און דאָרפישע סאָוועטן, געריכטן, מיליץ, פּאַרטייאישע און קאָמיוגישע קעמערלעך, קולטור־און בילדונג־אַנשטאַלטן, קומט דער הויך־פּונקט: „און אומעטום, אין אַלעם און פאַר אַלעם איז יידיש אַלס אומגאַנג־שפּראַך, אַלס הערשנדיקע שפּראַך".

במשך פון דעם ווייטערדיקן יאָרצענדליק, אין דער צווייטער העלפט פון די צוואַנציקער און דער ערשטער העלפט פון די דרייסיקער יאָרן, איז דאָס דאָזיקע „מלוכה־לעבן אויף יידיש" אויסגעוואָקסן אין אַן אומגע־זעענעם ממש פאַרנעם: יידישע נאַציאָנאַלע ראַיאָנען, אַ ריזיקע נעץ שולן פון אַלע מדרגות — פון קינדער־גאָרטן ביז אוניווערסיטעט־אָפּ־טיילן — אַ בליענדיקע יידישע ליטעראַטור, צאָלרייכע יידישע טעאַ־טערס פון הויכן קינסטלערישן ניוואָ, וויסנשאַפטלעך־פאָרשערישע אינס־טיטוטן, פאַרלאַגן, צייטונגען, זשורנאַלן, קונסט־שולן, כאָרן, מוזיקאַלי־שע אַנסאַמבלען אאַ"וו, אאַ"וו. אַזאַ עשירות, אויף יידיש, האָט קיין גלייכן ניט געהאַט אין דער יידישע געשיכטע. דערצו נאָך — און דאָס איז געווען עיקרדיק — אויף יידיש, נישט בלויז ווי אַן „אומגאַנג־שפּראַך", נאָר מיטן סטאַטוס פון אַ מלוכה־שפּראַך.

* מ. ליטוואַקאָוו, „אין אומרו", מאָסקווע, 1926, ז. 13.

די אומאָפּהענגיקייט־דעקלאַראַציע פון דער ווייסרוסישער ראַטן־רעפּובליק, פון 1טן אויגוסט 1920 און די ווייסרוסישע קאָנסטיטוציע פון 1927, האָבן פּראָקלאַמירט פיר אָפיציעלע מלוכה־שפּראַכן: צווישן זיי האָט יידיש פיגורירט אויפן צווייטן פּלאַץ, גלייך נאָך ווייסרוסיש און פאַר רוסיש און פויליש. אויך אין דער אוקראַיִנישער ראַטן־רעפּובליק האָט יידיש באַקומען אַלע רעכט פון אַ מלוכה־שפּראַך.

צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע, האָט יידיש — אָט דער פאַראַכטער און פאַרמאַוסטער זשאַרגאָן, די שפחה־״יידיש — זוכה געווען צו אַזאַ גדולה. אויף אַן אויסטערלישן אופן האָט דער גורל פון אַ שפּראַך זיך באַהאָפטן מיטן גורל פון אַ וועלט־איבערקערעניש. דאָס האָט אויסגעזען שיער־ניט ווי אַן אַקט פון אימאַנענטער היסטאָרישער גערעכטיקייט. די שפּראַך פון עמך, פון פּראָסטן פאָלק, אַ דורות לאַנג געפּלאָגטע און דערנידעריקטע, איז אויפגעריכט געוואָרן צוגלייך מיט אַלע געפּלאָגטע און דערנידעריקטע, צוגלייך טאַקע מיטן פּראָסטן פאָלק אַליין.

און אָט האָט „דאָס מלוכה־לעבן אויף יידיש״ — אַ טיטל אַ באַרימערישער און אַ גוזמאדיקער אין 1926 — וואָס איז אמת דאַן שוין געווען „מלוכהדיק״, לויטן שוווּנג, לויטן פאַרנעם און לויטן אימפּעט פון די יידסעקציעס, אָבער פאַרט — אַן אַ מלוכה, אָט האָט דאָס דאָזיקע „מלוכה־לעבן״ באַקומען אַ ווירקלעכע, אַן אויטענטישע מלוכהשע באַזע. און ווידער האָט די מערכה פון יידיש אויפגעוויכטן, נאָך העלער, נאָך לויטערער — נישט בלויז אַן אָפיציעלע מלוכה־שפּראַך, נאָר די אָפיציעלע שפּראַך פון אַ יידישער מלוכה.

דער יידישער שרייבער, קינסטלער, שוישפּילער — פון וואַרשע, ווילנע, ניו־יאָרק, פּאַריז, לאָנדאָן, בוענאָס־איירעס און ווּ נאָר יידישלאַנד געהאַט אַן עק — האָט מיט פאַרגאַפונג און נשמה־ציטער אויפגענומען די ווונדערלעכע ידיעה. אָט די ווייטע און אומבאַקאַנטע יידישע מלוכה איז אים געווען נאָענט און אייגן — אפילו אויב מען האָט זיין בוך אַהין נישט אַריינגעלאָזט און זיין טעאַטער־ווערק נישט אויפגעפירט און זיין ליד נישט געזונגען און זיין בילד נישט אויסגעשטעלט, אפילו אויב פון יענער זייט גרענעצן האָט געשוימט צו אים חוזק און אומפאַריינדשאַפט און אפילו אויב ער האָט אויף שנאה געענטפערט מיט ניט ווייניקער שנאה. די ווייטע יידישע מלוכה פון וויטן סאָוועטישן מזרח איז פאַרט געווען זיין אייגענע, זיין נאָענטע מלוכה, מחמת זי

האָט געזאָלט פֿאַראַנקערן, אויף אַלע אייביקייטן, זיין אייגענעם קיום, דעם קיום פֿון זיין לשון און פֿון זיין ווערק. ער האָט געגלויבט, אָדער בלויז געאָנט, אַז אַלע אַלטע ווידעראַנאַנדן — אין תוך שנאת חינם — וועלן פֿאַרגיין פֿריער צי שפּעטער און אויפֿגיין וועט, אויף אָט דעם נייעם, בראשיתדיקן באָדן, אַ בראשיתדיק־באַנייט יידיש לעבן, ווו אויך ער גופֿא וועט, פֿריער צי שפּעטער, באַקומען זיין תיקון. ער האָט עס דערפֿילט נאָך שאַרפֿער, נאָך פֿריידיק־פֿיינלעכער, מחמת אונטער זיינע אייגענע פֿיס האָט דער אַלטער באָדן אָנגעהויבן זיך וואַקלען און פֿאַר־שווינדן. דעריבער די באַזונדערע דאַנקבאַרקייט, אין דער ניו־יאָרקער טעלעגראַמע צו קאַלינינען, פֿאַרן „ווילן פֿון דער ראַטן־רעגירונג צו קאָנסאָלידירן די יידישע נאַציאָנאַליטעט, פֿאַרהיטן די יידישע קולטור".

דאָס האָט פֿאַקטיש ער, דער יידישער שרייבער, באַקאַנט געמאַכט דעם קיינמאָל ניט געהערטן נאָמען פֿון בירואָבידזשאַן. באַלד האָבן, אי־בער גאָר דער יידישער וועלט, זיך צעפֿלאַטערט הויך און שטאָלץ די פֿאָנען פֿון דער יונגער סאָוועטישער יידישער מלוכהשקייט — בפֿירוש נאַציאָנאַלע פֿאָנען, מיט דער פֿריידיקער בשורה וועגן קיום האומה, קיום פֿון שפּראַך און קולטור.

קאַפּיטל צוועלף

קוואַדראַטור פון קרייז — בויען אַ נאַציע, אין קאַמף קעגן נאַציאָנאַליזם

פּאַראַדאָקסאַל, זיינען די פּאָנעם פון דער סאָוועטישער יידישער מלוכהשקייט געווען נישט בנמצא אין... דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט גופא און אין ראַטנפאַרבאַנד בכלל. ריכטיקער, אינערהאַלב פון די סאָוועטישע גרענעצן, איז מיט זיי פאַרגעקומען אַן אויסטערלישע פאַרוואַנדלונג. צונויפגעוויקלטע, וואַכעדיקע, איז פון זיי געוואָרן אַ מין טעאַטער־רעקוויזיט פון אַן אויסגעשפּילטער אויפפירונג, אַ שווערוואַגיקער, אַן אומבאַקוועמער, אפילו אַ סכנהדיקער, וואָס פּלאָנטערט זיך אונטער די פיס און מען ווייסט ניט אויף זיכער, צי ער וועט נאָך יאָ אָדער נישט אַמאָל דינען, צי מען דאַרף יאָ אָדער נישט — און ווי אַזוי — פון אים פּטור ווערן.

עס האָט אויסגעזען, ווי די אָפיציעלע סאָוועטיש־יידישע געזעלשאַפטלעכקייט, דער יידישער פאַרטייאישער „עסטאַבלישמענט" פון ראַטנפאַרבאַנד — די קרייזן פון דער אַמאָליקער יידסעקציע, פון גע־זערד, פון קאָמערד, די יידישע פּרעסע, די פאַרשיידענע יידישע אינסטי־טוציעס — וואָלטן וועגן די פּאָנעם באַמיט זיך צו פאַרגעסן; ווי די אייגנטלעכע פינאַליטעט פון דער יידישער מלוכהשקייט וואָלט פּלוצ־לונג אויסגעמעקט געוואָרן פון זייער זכרון. די קאַלינין־דאָקטרין איז ניט דערמאָנט געוואָרן, לכל הדעות, ניט עפנטלעך, ווי זי וואָלט קיינ־מאָל אויף דער וועלט ניט געקומען. דאָקעגן האָט מען גענומען זוכן און אויסגעפינען נייע מאָטיווירונגען, אָפּט אויסטערלישע, אַ נייעם זכות הקיום פאַר דער מלוכהשער אויסבילדונג און דערביי, אַלץ מיט אוי־סערגעוויינלעכער פאַרזיכטיקייט — איין טריט פאָרויס, צוויי צוריק, אַרומקוקנדיק זיך אין אַלע זייטן, ווי פון אומעטום וואָלט געלויערט

אַ געפּאַר. באַזונדערס אויפפאַלנדיק איז געווען אַ שטויגנענדיקער חילוק פון דיאַפּאַזאָן, פון טאָנאַליטעט. קאַלינין האָט עקזאַלטירט בקול רם די יידישע „אייגענע נאַציאָנאַלע מלוכה", די „סאָציאַליסטישע יידישע נאַציאָנאַלע קולטור", די נײַ־געשאַפענע סאָוועטישע יידישע נאַציע. די יידישע טוער האָבן נאָך אַלץ גערעדט וועגן „פינפטן פונקט", וועגן „נאַציאָנאַלן איינס", העכסטנס וועגן אויטאָנאָמער געגנט, און אַלץ מער מיט רמזים, מיט פעריפראַזן, פאַרשטעלט און ממש בלשון סגי־נהור. קלאָר און דייטלעך, און מיטן פולן מויל, און אַלץ העכער און שאַרפער איז געגאַנגען אַ רייד בלויז — וועגן קאַמף קעגן נאַציאָנאַליזם.

שמעון דימאַנשטיין, פאַרזיצער פון געזערד, האָט געשריבן, מיט אונטערגעשטראָכענע שורות: „ס'איז קיין צווייפל ניט, אַז מען וועט דאַרפן אַצינד אַ סך מער פאַרשטאַרקן אונדזער קאַמף קעגן די יידישע נאַציאָנאַליסטן, ווייל זיי וועלן געוויס פרווון אויסנוצן פאַר זייערע צוועקן אַזאַ אויסערגעוועגלעך וויכטיקן מאָמענט אין לעבן פון די יידישע מאַסן, ווי דאָס שאַפן צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע אַ יידישע אויטאָנאָמע געגנט. מען דאַרף שטענדיק זיין גרייט צו געבן זיי דעם געהעריקן ווידערשטאַנד".*

אויף אַן ענלעכן אופן האָט דער וויצע־פאַרזיצער פון געזערד, ב. י. טראָצקי, געוואָרנט זייער ערנסט וועגן דער נויטווענדיקייט פון „פאַרשטאַרקטער וואַכזאַמקייט ביים אַפּקלייבן איבערוואַנדערער" און גע־רופן „ניט צו דערלאָזן נאַציאָנאַליסטיש געשטימטע עלעמענטן" קיין ביראָבידזשאַן".**

ווער אייגנטלעך עס זיינען געווען אָט די „יידישע נאַציאָנאַליסטן", אָט די „נאַציאָנאַליסטישע עלעמענטן", און וועלכע זיינען עס געווען „זייערע צוועקן" און ווי אַזוי און מיט וואָס און צו וואָס זיי האָבן גע־קאָנט „פרווון אויסנוצן" דאָס שאַפן פון דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט — איז דורך קיינעם קיינמאָל ניט אויפגעקלערט געוואָרן און האָט ניט געקאָנט אויפגעקלערט ווערן, מחמת דאָ האָט זיך שוין גע־האַנדלט וועגן קאָמפּאָנענטן פון דער סטאַליניסטישער פאַנטאַסמאַ־גאָריע, וואָס האָט באַלד פאַרגאָסן מיט בלוט דאָס גאַנצע לאַנד. איינער

---

* ש. דימאַנשטיין, „די יידישע אויטאָנאָמע געגנט — אַ קינד פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע", מאָסקווע, 1934, ז. 7.

** „ביראָבידזשאַן אין יאָר 1935", ז. 52.

פון די פּאָסטולאַטן פון אָט דער פאַנטאַסמאַגאָריע איז געווען, אַז ביי די ניט־רוסישע סאָוועטישע פעלקער דאַרף צווישן די באַגריפן נאַציאָנאַל און נאַציאָנאַליסטיש געשטעלט ווערן, פּאַקטיש — אַ גלייכצייכן. האָט זיך אַזוי אַרום באַקומען, אַז די יידישע מלוכהשקייט אין ראַטנפאַרבאַנד, די „אייגענע נאַציאָנאַלע מלוכה", האָט זיך געדאַרפט בויען — נישט בלויז אָן קיין שום מאָביליזאַציע פון נאַציאָנאַלער ענערגיע, נאָר קאַפּויער, ביי אַן אַלגעמיינער מאָביליזאַציע קעגן נאַציאָנאַלער ענערגיע.

די לעגיטימיטעט פון דער יידישער מלוכהשער אויסבילדונג, וואָס האָט באַין אופן ניט געטאָרט ציען איר יניקה פון קיין שום נאַציאָנאַליסטישן — אַנדערש געזאָגט, נאַציאָנאַלן — קוואַל, האָט, אין די דאָזיקע באַדינגונגען, געמוזט ווערן אָנגעבונדן דירעקט צו די אַלגעמיין־מלוכהשע אינטערעסן. קודם כל האָט זיך עס געהאַנדלט, נאַטירלעך, וועגן די סטראַטעגישע אינטערעסן פון לאַנד, וועלכע האָבן ווי באַקאַנט, געהאַט אָפּגעשפּילט אַ דעצידירנדיקע ראָל שוין ביים אויסוואַל פון ווייט־מזרחדיקן פּראָיעקט, אָבער וועגן וועלכע עס איז איצט, צום ערשטן מאָל, גערעדט געוואָרן אָפן און קלאָר — פון יידישן צד.

שמעון דימאַנשטיין האָט געשריבן: „פאַר יעדן באַוווסטזיניקן אָנטיילנעמער אין דער סאָציאַליסטישער בויאונג איז פולשטענדיק קלאָר די באַדייטונג, וואָס עס האָט פאַר אונדז די פאַרטיידיקונג פון ווייטן מזרח קעגן אינטערווענץ. איינער פון די גרונט־מאָמענטן פון פאַרשטאַרקן די פאַרטיידיקונג פון אונדזערע ווייט־מזרחדיקע גרענעצן איז באַזעצן דעם דאָזיקן קאַנט מיט זיכערע, אויסגעהאַלטענע מענטשן. וואָס שטאַרקער מיר ווערן אויפן ווייטן מזרח, אַלץ ווייטער ווערט אָפּגערוקט די מלחמה־געפאַר. דאָס פאָדערט, אַז מיר זאָלן אַלץ מער און מער אַריינציען יידישע אַרבעטער אין דער סאָציאַליסטישער בויאונג אויפן ווייטן מזרח, וועלכער נויטיקט זיך אַזוי שטאַרק אין אַרבעט־קראַפט".*

סיי די אַרגומענטן, סיי דער טאָן פון אָט די שורות זאָגן עדות, אַז דער מחבר האָט זיך דאָ געוואַנדן, נישט צו די צוקונפטיקע איבערוואַנדערער, נאָר צו די העכסטע דעצידירנדיקע אינסטאַנצן, פאַר וועלכע די לעגיטימיטעט פון דער יידישער געגנט האָט נאָך אפנים אַלץ געדאַרפט דערוויזן און באַרעכטיקט ווערן. האָט טאַקע באַלד דימאַנ־

---

* „די יידישע אויטאָנאָמע געגנט..." ז. 7.

שטיין געפונען נאָך אַ צווייטע באַרעכטיקונג, וואָס קאָן אפשר אויסזען משונהדיק־אויסטערליש, אָבער וועלכע איז, ווייזט אויס, פאַר אַ סאָ־וועטישן טוער געווען פון העכסטן און אַבסאָלוטן ווערט. ער האָט, נעמ־לעך, אָנגעבונדן די לעגיטימיטעט פון ביראָבידזשאַן — אמת, אויף ביז גאָר אַן אומדירעקטן אופן — צו... אַ באַשלוס פון פאַרטיי־קאָנ־גרעס. דער 17טער צוזאַמענפאָר פון דער סאָוועטישער קאָמוניסטישער פאַרטיי, אין יאַנואַר 1934, האָט צווישן אַ גאַנצע ריי גראַנדיעזע פּראָיעקטן פאַרן צווייטן פינפיאָר־פּלאַן, פאַרויסגעזען דאָס שאַפן פון אַ מעטאַלורגישן קאָמבינאַט אויפן ווייטן מזרח, אויפן סמך פון „בורייער קוילן און קליינכינגאַנער אייזן".

עס איז קוים נויטיק צו דערמאָנען, אַז די „בורייער קוילן" זייִ־נען נאָך דאַן געלעגן אין די טיפסטע טיפענישן פון די בורייער בערג און דער „קליינכינגאַנער אייזן" — אין די קליינכיגאַנער בערג און וועגן אַרויסבאַקומען זיי פון דאָרטן איז נאָך אפילו קיין אָנהויב ניט געווען. אָבער די בערג גופא האָבן פאָרט געהאַט אַ גרויסן שייכות צו ביראָבידזשאַן. די קליינכינגאַנער בערג האָבן זיך געפונען אויף דער טעריטאָריע גופא פון דער יידישער געגנט און די בורייער בערג — דירעקט אויף איר צפונדיקער גרענעץ. דאָס איז געווען גענוג, אַז די־מאַנשטיין זאָל שרייבן: „די מלוכהשע באַדייטונג פון בויען די יידישע אויטאָנאָמע געגנט איז צו זען פון דעם, וואָס, למשל, די בויאונג פון מעטאַלורגישן קאָמבינאַט אויף דער באַזע פון בורייער קוילן און קליינ־כינגאַנישן אייזן איז פאַרויסגעזען אין די באַשטימונגען פון 17טן פאַר־טיי־צוזאַמענפאָר. דאָס גיט אונדז די פולע מעגלעכקייט צו רופן אַהין אַ סך טויזנטער יידישע אַרבעטער און אַרבעטנדיקע אויף שלאָגלערישע אַרבעט. דאָס איז אַ סך אַ העכערע שטופע אין פאַרגלייך מיט דער פאַבריקער אַרבעט, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט בלויז וועגן ליקווידירן די דעקלאַסירונג פון דער יידישער אַרעמשאַפט".*

קאַלינינס פאָרמולן וועגן „אַ סאָוועטישן פונדאַמענט אונטער דער יידישער נאַציאָנאַליטעט" וועגן „אויפהיטן די נאַציאָנאַליטעט", וועגן „אויפהיטן די יידישע סאָציאַליסטישע נאַציאָנאַלע קולטור" זיינען לחלוטין פאַרשוווּנדן. אויף זייער פּלאַץ האָט זיך באַוויזן איין גרויסע לאָזונג: „סאָציאַליסטישע בויאונג אויפן ווייטן מזרח"; אַ כוללדיקע לאָ־

---

* דאָרטן, ז. 6.

זונג, וואָס האָט געדאַרפט אַריינגעמען אין זיך אַלע באַזונדערע מאָטי־ווירונגען, הן די סטראַטעגישע, הן די בורזשואַז־כינגאַנישע, הן אפי־לו... די יידיש־מלוכהשע. ס'איז אַוועק אַ רייד וועגן „ענטוזיאַסטן פון סאָציאַליסטישער בויאונג אויפן ווייטן מזרח, וואָס וועלן בויען איינציי־טיק זייער אויטאָנאָמע געגנט". * אָט דער „איינצייטיק" איז געווען אַ פילזאָגנדיקער. ער האָט באַטייט, פּאַקטיש, אַ צוריקקער צו די צוואַנ־ציקער יאָרן, ווען דאָס באַשאַפן פונעם „נאַציאָנאַלן איינס" איז באַ־טראַכט געוואָרן, נישט ווי „אַ צוועק", נאָר בלויז ווי „אַ רעזולטאַט".

גלייכצייטיק האָבן זיך אָנגעמערקט נאָך אַנדערע טענדענצן, נייע, פון עיקרדיקן באַטייט.

דער אָפּיציעלער געבורט פון דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט איז געפייערט געוואָרן מיט גרויס פּאַרנעם. נאָך דעם מלוכה־דעקרעט פון 7טן מאַי 1934 זיינען אָנגעקומען אין ביראָבידזשאַן באַגריסונגען פון אַלע עקן ראַטנפאַרבאַנד — פון פאַרבאַנדישע רעפּובליקן, פון אָר־גאַניזאַציעס, אינסטיטוציעס, אונטערנעמונגען וכדומה. אין אַ צאָל באַגרי־סונגען האָט זיך איבערגעחזרט די זעלבע פראַזע: „גאַנץ פסח בויט די יידישע געגנט". דאָס איז געווען אַ סימן, אַז עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַ לאָזונג, וואָס האָט געשטאַמט פון די העכערע אינסטאַנצן. די יידישע טוער זיינען, פאַרשטייט זיך, דערפון געווען שטאַרק צופרידן. „פאַר אונדז איז באַזונדערס וויכטיק די דאָזיקע לאָזונג — האָט געשריבן דימאַנשטיין — כדי צוצוגעבן אונדזער אַרבעט נאָך אַ מער אינטערנאַציאָנאַלן כאַראַקטער, כדי אויספילן חבר סטאַלינס אָנווייזונג אויפן 17טן פאַרטיי־צוזאַמענפאַר וועגן דערציען די מאַסן אין אינטער־נאַציאָנאַלן גייסט". ** צוויי פאַרבאַנדישע רעפּובליקן, — די ווייסרוסישע ראַטן־רעפּובליק און די אוקראַינישע ראַטן־רעפּובליק — האָבן אױ־בערגענומען דעם „שעפטום" איבער ביראָבידזשאַן, ס'הייסט, די פריינד־לעכע השגחה, די ברידערלעכע אפּוטרופּסות. דאָס האָט באַדאַרפט זיין אַן אויסדרוק פון סאָוועטישן אינטערנאַציאָנאַליזם, פון דער פריינד־שאַפט צווישן אַלע סאָוועטישע פעלקער.

„גאַנץ פסח בויט די יידישע אויטאָנאָמע געגנט" האָט געוויס באַטייט, אַז אַלע פאַרבאַנדישע רעפּובליקן, און קודם כל די „שעפן",

* דימאַנשטיין, דאָרטן, ז. 20.

** דאָרטן, ז. 23.

ווייסרוסלאַנד און אוקראַינע, וועלכע האָבן פּאַרמאָגט די צאָלרייכסטע ייִדישע באַפעלקערונג, האָבן געדאַרפט העלפן ביראָבידזשאַן מיט „דעם סאַמע וויכטיקן און ווערטפולן", ס׳הייסט מיט איבערוואַנדערער, מיט קאַדערן און ספּעציאַליסטן. אַט די לאָזונג האָט אָבער באַטייט עפּעס מער און עפּעס וועזנטלעך אַנדערשדיקס, וואָס דימאַנשטיין האָט גע־האַלטן פאַר נויטיק צו אונטערשטרייכן גאָר באַזונדער. ער האָט נעמ־לעך געשריבן: „דערביי דאַרף מען באַטאָנען, אַז די לאָזונג „גאַנץ פּסטר בויט די ייִדישע אויטאָנאָמע געגנט" באַטייט גלייכצייטיק, אַז צוגלייך מיט די ייִדישע איבערוואַנדערער, וואָס דאַרפן אַהין דער עיקר געשיקט ווערן, איז נויטיק צו געבן אויך נ י ט ־ י י ד י ש ע ק אַ ד ע ר ן (אונטערגעשטראָכן דורכן מחבר), וועלכע וועלן העלפן גיכער אויספּילן די פּלענער פון בויען אַט דעם רייכסטן גרענעץ־ראַיאָן".*

די דאָזיקע קורצע פּאָר שורות האָבן, אַזוי ווי פּאַרבייגייענדיק, אָפּגעמערקט אַן עיקרדיקן, אַ קאַרדינאַלן ווענד־פּונקט אין דער סאָווע־טישער פּאָליטיק בנוגע ביראָבידזשאַן. צום ערשטן מאָל איז עפנטלעך דערקלערט געוואָרן — און דורך אַ טוער פון העכסטער אויטאָריטעט, נישט בלויז פּאַרזיצער פון געזערד, נאָר פּאַראַנטוואָרטלעכער פּאַר דער סעקציע פון נאַציאָנאַלע מינדערהייטן ביים צענטראַל־קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, ס׳הייסט דורך אַ טוער וואָס האָט זיכער אויסגעדריקט די מיינונג און שטעלונג פון דער פּאַרטיי — צום ערשטן מאָל איז דערקלערט געוואָרן, אַז די איינוואַנדערונג קיין ביראָבידזשאַן, אין דער אָפיציעל פּראָקלאַמירטער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט, אין דער ייִדישער „נאַציאָנאַלער מלוכה", וועט אויף ווייטער דאַרפן זיין „דער עיקר" אַ ייִדישע, דאָס הייסט נישט בלויז קיין ייִדישע, קיין אויס־שליסלעך ייִדישע. צום ערשטן מאָל איז אַזוי אַרום געקומען צום אויס־דרוק די ספקות פון די העכסטע סאָוועטישע אינסטאַנצן, פּאַרטיי און רעגירונג, בנוגע דעם, צי די פּראָיעקטירטע ייִדישע מלוכהשקייט וועט זיין ביכולת צו לייזן — נישט מיט רעזאָלוציעס, נאָר מיט מעשים, און קודם כל מיט אַ תיכפדיקער מאַסן־איינוואַנדערונג פון פיל צענ־דליקער טויזנטער ייִדישע אַרבעט־מענטשן — די אַלגעמיין מלוכהשע אויפגאַבן, וואָס זיינען פאַר איר געשטעלט געוואָרן — באַפעלקערן, באַוווינען און פּאַרפעסטיקן ווי אַמשנעלסטן איר סעקטאָר פונעם סאָ־

* דאָרטן, ז. 24.

װעטישן װײַטן מזרח. דאָס כלומרשטע נױטיקן זיך אין „ניט־ייִדישע
קאַדערן״ אױף „העלפֿן גיכער אױספֿילן די פּלענער״, האָט ניט געקאָנט
גענומען װערן ערנסט. אָנהױב דרײַסיקער יאָרן, זײַנען די „ניט־ייִדישע
קאַדערן״ ס׳רוב נאָך געזעסן אױף די שול־בענק און דװקא די „ייִדישע
קאַדערן״ האָבן, מחמת אַ רײ געשיכטלעכע טעמים, געהאָלפֿן „גיכער
אױספֿילן די פּלענער״ הן אין װײַסרוסלאַנד, הן אין אוקראַינע, הן אין
אַנדערע סאָװעטישע רעפּובליקן. אין דער װירקלעכקײט האָט זיך עס
געהאַנדלט װעגן אַן איבערװאַנדערונג קײן ביראָבידזשאַן — נישט פֿון
ניט־ייִדישע קאַדערן, נאָר פֿון ניט־ייִדן בכלל, אַרבעטער און פּױערים.
נאָך אײדער די ייִדישע אױטאָנאָמע געגנט, די סאָװעטיש־ייִדישע מלו־
כהשקײט, איז געװאָרן אַ נאַציאָנאַלער יש, האָט זיך שױן געשטעלט די
פֿראַגע — זי צו „אינטערנאַציאָנאַליזירן״.

אױף אַזאַ אופֿן האָבן קלאָר, און אײנצײטיק, זיך אָנגעצײכנט בנור־
גע ביראָבידזשאַן צװײ פּאַראַלעלע און סתירותדיקע „ליניעס״: אַ „מלו־
כהשע ליניע״, די קאַלינין־דאָקטרין, מיט איר היסטאָרישן אָפּטימיזם
פֿון נאַציאָנאַלער מלוכהשקײט און נאַציאָנאַלער קולטור, און די „פּאַרטײ־
ליניע״, די ליניע פֿון סטאַליניזם, פֿון „קאַמף קעגן נאַציאָנאַליזם״,
מיט איר אַלץ מער דורכױסיקער צענטראַליזירונג פֿון מלוכה־אַפּאַ־
ראַט און אַלץ מער אכזריותדיקער נאַציאָנאַלער ניװעלירונג פֿון די
ניט־רוסישע סאָװעטישע פֿעלקער. עס האָט זיך שױן געגאָסן בלוט אין
אוקראַינע און באַלד אױך אין װײַסרוסלאַנד, אין גרוזיע און אַרמעניע.
איבערן גאַנצן לאַנד האָט זיך געשפּרײט, װי אַ טונקעלע כמאַרע, אַ גע־
פֿיל פֿון אומזיכערקײט, פֿון מורא, פֿון נאָגנדיקן, אַלץ צעשטערנדיקן
פּחד. די טראַגיק פֿון יענע יאָרן האָט, אױף דער א״ג „ייִדישער גאַס״
זיך קריסטאַליזירט גאָר באַזונדערס דװקא אַרום ענין־ביראָבידזשאַן
און געפֿונען אַ בולטן אױסדרוק אין דער סאָװעטיש־ייִדישער ליטע־
ראַטור.

די באַציִאונגען צװישן ייִדישן שרײַבער פֿון ראַטנפֿאַרבאַנד און
דעם ייִדישן נאַציאָנאַלן „אײנס״ פֿון ביראָבידזשאַן — צװישן דער לי־
טעראַטור, װי אַ גאַנצער, און דער טעמע־ביראָבידזשאַן, פֿון אײן
זײַט, צװישן די שרײַבער, אינדיװידועל גענומען, און זײער פּערזענ־
לעכן אָנטײל אינעם אױפֿבױ־װערק פֿון ביראָבידזשאַן, פֿון דער צװײ־
טער זײַט — זײַנען געװען אױסטערליש פּאַראַדאָקסאַלע. אין פֿלוג גע־
נומען, װאָס האָט געקאָנט זײַן נאָך פּשוטער ? אױף אָט דער בראשית־

דיקער ערד ביים שטילן אָקעאַן איז אָפיציעל פֿאַראַנקערט געוואָרן די נאַציאָנאַלע צוקונפֿט פֿון סאָוועטישן יידנטום. דאָ האָט די נייע סאָוועטישע יידישקייט — אַ וועלטלעכע, אַ סאָציאַליסטישע — געדאַרפֿט שלאָגן וואָרצלען, טיפֿע, אומאויסרייסבאַרע. דאָ איז געוואָרן אויסגעקריצט: קיום, המשך — נאַציאָנאַלער, קולטורעלער, שפּראַכלעכער — אַ המשך אָ פֿאַרזיכערטער, פֿאַרזיגלט מיט אַלערליי מלוכהשע זיגלען, צוגעחתמעט מיט אַלערליי מלוכהשע חתימות. ס'וואָלט געקאָנט זיך אויסווייזן — דער יידישער שרייבער פֿון ראַטנפֿאַרבאַנד, די יידיש־סאָוועטישע ליטעראַטור האָבן געדאַרפֿט צופֿאַלן צו ביראָבידזשאַן, ווי דורשטיקע צו אַ שפּרודלענדיקן קוואַל, מיט באַגייסטערונג, מיט התלהבות, מיט אַ געפֿיל פֿון שרייבערישער גאולה, שיער־ניט פֿון פֿאַרזיכערטער אומשטערבלעכקייט. אַזוי איז אָבער נישט געווען. אוודאי האָט ניט געפֿעלט קיין מליצה, מיט דעקלאַראַטיווקייט, מיט הויכע פֿראַזן, אָבער גלייכצייטיק האָט זיך געפֿילט אַן אויסטערלישע צוריקגעהאַלטנקייט, און ניט־דערזאָגטקייט. און טענות זיינען געווען כסדרדיקע — מצד די שרייבער, שטילע, זעלטן אַרויסגעבראַכטע; מצד ביראָבידזשאַן — אָפֿענע, שאַרפֿע און פֿאַרביטערטע.

און דווקא האָט ביראָבידזשאַן אויף דער יידישער ליטעראַטור ניט געהאַט וואָס זיך צו באַקלאָגן. דאָס האָט אדרבא די ליטעראַטור באַשאַפֿן די לעגענדע־ביראָבידזשאַן, איידער נאָך ביראָבידזשאַן איז געוואָרן אַווירקלעכקייט. די טענה אָבער איז געווען, הלמאי די ליטעראַטור, דער שרייבער, איז ביי דער לעגענדע פֿאַרבליבן און האָט ניט געפּרוּווט — נישט בלויז מיט דער ווירקלעכקייט זיך צו באַהעפֿטן, נאָר אפֿילו צו איר זיך דערנענטערן.

באַזונדערס חידושדיק האָט אויסגעזען דער פֿאַל מיט מאיר אַלבערטאָן, מחבר פֿונעם קלאַסיש־געוואָרענעם „ביראָבידזשאַן". דאָס בוך איז דערשינען אין 1929, האָט שנעל געהאַט צוויי אויפֿלאַגעס אין יידיש און איז איבערזעצט געוואָרן אויף רוסיש, אוקראַיניש, דייטש און טיילווייז אויך אין אַנדערע אייראָפּעישע שפּראַכן. אַדאַנק אָט דעם ווערק, איז אַלבערטאָן אַריין אין דעם א"ג „אייזערנעם פֿאָנד" פֿון דער יידיש־סאָוועטישער ליטעראַטור.

קיין ביראָבידזשאַן איז אַלבערטאָן געהאַט אַרויסגעפֿאָרן דעם 4טן מאַי 1928, ווי אַ קאָרעספּאָנדענט פֿון מאָסקווער „עמעס", מיט איינער פֿון די ערשטע איבערוואַנדערער־גרופּן פֿון אוקראַינע. זיינע רייזע־פֿאַר־

צייכענונגען, לעבעדיקע, הומאַרפולע, צומאָל באַהויכטע מיט עכטער פּאַטעטישקייט, האָבן געבראַכט דעם ערשטן קינסטלערישן גרוס, די ערשטע קינסטלערישע שילדערונג פון דעם ווייטן, אויסטערלישן לאַנד, מיט זיין אומגעדאַכטער נאַטור און אויך — אומגעדאַכטער פּראָבלעמאַטיק. אין אַט דעם לאַנד פון צוקונפטיקער יידישער מלוכהשקייט איז אַלבערטאָן פאַרבליבן צוויי חדשים און האָט זיך אומגעקערט קיין אוקראַינע. דער דאָזיקער ערשטער באַזוך איז געווען פאַר אים דער לעצטער. מער איז ער קיינמאָל קיין ביראָבידזשאַן ניט געקומען.

אין אָקטאָבער 1934 האָט דער יידיש־סאָוועטישער פּובליציסט און פאָרשער מ. קאַדישעוויטש געלייענט אין קיעווער אינסטיטוט פאַר יידישער פּראָלעטאַרישער קולטור אַ פאָרטראַג אויף דער טעמע: „ביראָבידזשאַן אין דער ליטעראַטור”. דער פאָרטראַג איז שפּעטער פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין קיעווער זשורנאַל „וויסנשאַפט און רעוואָלוציע”, נומער אַפּריל־יוני 1935. קאַדישעוויטש האָט זיך שטאַרק באַקלאָגט אויף דער באַציאונג צו ביראָבידזשאַן מצד די יידישע שרייבער. ער זאָגט: „אייניקע סאָוועטישע ניט־יידישע שרייבער און זשורנאַליסטן און יידישע אויסלענדישע האָבן באַזוכט ביראָבידזשאַן צו צוויי־דריי מאָל און מער אויך. דעם חבר אַלבערטאָנען אָבער, וואָס האָט פאַראייביקט די ערשטע טריט פון די יידישע איבערוואַנדערער אינעם נייעם לאַנד, האָט ביז איצט, אין משך פון זעקס־זיבן יאָר, ניט אינטערעסירט אַראָפּצוקומען אַהין נאָך אַ מאָל, אַ קוק טאָן, וואָס מאַכן זייַנע העלדן, וואָס איז מיט זיי געוואָרן, ווי אַזוי און ווהין האָבן זיי עוואָלוציאָנירט. ניט ער און ניט אַנדערע שרייבער האַלטן ניט קיין פאַרבינדונג מיט ביראָבידזשאַן”.*

די דאָזיקע דערשיינונג האָט קאַדישעוויטש געפּרוווט אויפקלערן מיט די סקעפּטישע שטימונגען בנוגע דעם וויַיט־מזרחדיקן פּראָיעקט, וואָס האָבן אָנגעהאַלטן אַ לאַנגע צייט, אָבער האָט אַליין צוגעגעבן: „און אפילו נאָך דעם היסטאָרישן באַשלוס וועגן ביראָבידזשאַן, ווען אַלע ספקות האָבן שוין, דוכט זיך, געדאַרפט פאַרשווינדן, איז נאָך אויך ניט צו באַמערקן צווישן די יידישע שרייבער קיין אויפשוווּנג פון שעפערישן ענטוזיאַזם צו דער טעמע ביראָבידזשאַן; קיין דראַנג צו באַזעצן זיך דאָרטן, פאַרקאַטשען די אַרבל און נעמען זיך לייגן

* מ. קאַדישעוויטש ז. 21.

ציגל צו אַט דעם גראַנדיעזן סאָציאַליסטישן בנין, אָדער כאָטש אָנקוקן עס מיט די אייגענע אויגן ווי געהעריק איז״.*

עס איז כאַראַקטעריסטיש, אַז אַט דער הייסער ביראָבידזשאַן־פּאַ־טריאָט האָט אין דעם אויפבוי־ווערק פון דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט געזען נישט עפּעס אַנדערש ווי אַ „גראַנדיעזן סאָציאַליסטישן בנין״ און האָט זיך גאָרניט געכאַפּט, אַז אין זיין שאלה איז אייגנטלעך געלעגן אַ פאַרטיקע תשובה: אויב אָנקוקן מיט די אייגענע אויגן סתם אַ „גראַנדיעזן סאָציאַליסטישן בנין״ איז קוים נויטיק געווען, אין ראַטנ־פאַרבאַנד, צו לאָזן זיך אין אַ נסיעה פון צען טויזנט קילאָמעטער.

וואָס שייך דעם תוך פון זיינע טענות, איז קאַדישעוויטש ניט געווען אומגערעכט. פון מאָסקווע צי פון קיעוו פלעגן אַראָפּקומען, פון צייט צו צייט, באַקאַנטע יידישע שרייבער, ביי אַ פייערלעכער געלעגנהייט, פאַרהאַלטן זיך אַ וואָך־צוויי און פאָרן צוריק אַהיים. קיין „דראַנג צו באַזעצן זיך״ איז ביי זיי בפירוש ניט געווען קענטיק. אמת, עס האָט געהאַלטן ביי אַן אויסנאַם און דווקא אַן אויסנאַם פון גרויסער חשיבות. דוד בערגעלסאָן האָט דערקלערט, און איבערגעחזרט פילמאָליק, אַז ער באַזעצט זיך אין ביראָבידזשאַן. אויפן פערטן פלענום פון צענטראַל־ראַט פון געזערד, אין פעברואַר 1936, האָט י. ב. טראָצקי אָנגעזאָגט די פריידיקע בשורה: „עס קומט זיך באַזעצן אויף שטענדיק דער באַוווסטער שרייבער דוד בערגעלסאָן״. אברהם קירזשניץ האָט אונטערגעשטראָכן: „באַזונדערס דאַרף פאַרצייכנט ווערן דער באַשלוס פונעם גרויסן סאָוועטישן שרייבער דוד בערגעלסאָן״...** אויך דימאַנשטיין האָט דערמאָנט מיט שטאָלץ: „צו דער געגנט ציען זיך גרויסע מייסטער...״*** עס זיינען געמאַכט געוואָרן אַלע נויטיקע הכנות — געזעלשאַפטלעכע, טעכנישע, מאַטעריעלע — אָבער בערגעלסאָן, פונקט ווי אַלע אַנדערע „גרויסע מייסטערס״, איז פאַרבליבן אין מאָסקווע.

אָט דאָס אויספעלן פון „שעפערישן ענטוזיאַזם״ ביי די שרייבער, וואָס איז געקומען צום אויסדרוק אין פאַרלאַנג צו בלייבן, געאָגראַפיש, „פון דער ווייטנס״, האָט פאַרגעשטעלט מיט זיך בלויז איין זייט פון דער מטבע. די צווייטע זייט איז געווען — רמזימדיקייט און סגי־נהור־

* דאָרטן, ז. 20.

** קירזשניץ... ז. 44.

*** „פאָרפּאָסט״, נומער 2, ז. 25.

לשון אין די שפּונגען וועגן ביראָבידזשאַן, צוגלייך מיט אַ גוזמאַדיק־פּאַרזיכטיקן אָפּגרענעצן זיך פון אַלץ און אַלעם, וואָס האָט נאָר גע־קאָנט אויסגעטייטשט ווערן ווי נאַציאָנאַליזם, און אַ גוזמאַדיק־אַקצענ־טירטן אונטערשטרייכן, אויף אַלע אופנים, די אייגענע אומענדלעכע טרייקייט צום סאָציאַליזם. ווי אַן אילוסטראַציע ממש קאָנען דינען צוויי שפּונגען פון צוויי גרויסמייסטער פון דער יידיש־סאָוועטישער ליטע־ראַטור: דוד בערגעלסאָן טאַקע, גרויסמייסטער פון דער יידישער פּראָ־זע און דוד האָפשטיין, גרויסמייסטער פון דער יידישער פּאָעזיע.

אין 1934 איז דערשינען אין מאָסקווע בערגעלסאָנס „ביראָבידזשאַ־נער". דער מחבר האָט ערשט מיט אַ יאָר פריער זיך געהאַט צוריקגע־קערט דעפיניטיוו קיין ראַטנפאַרבאַנד, נאָך דרייצן יאָר עמיגראַציע אין אויסלאַנד. די יידישע געגנט האָט ער באַזוכט איין און איינציק מאָל. גלייך אין אָנהויב פון בוך, האָט בערגעלסאָן געהאַלטן פאַר נויטיק אויפצוקלערן דעם תמצית, דעם טיפערן זין פון דער יידישער איבער־וואַנדערונג קיין ביראָבידזשאַן, אַזוי צו זאָגן:

"אויפגעהויבן פון דער היים דורך זידעוודיקע פּראָצעסן וואָס אין און אַרום דער רעוואָלוציע, איז מען געפאָרן פשוט, אָן שום טראַכ־טעניש וועגן נייע עפּאָכעס אין דער יידישער געשיכטע און וועגן איר „אַלוועלטלעכקייט". געצויגן אויף מזרח מיט גרויס גלוסטעניש צו זע־טיקייט און אָן שום „יצר־הרע" יידישלעך אידעאַליזירט צו ווערן, ניט וויסנדיק אפילו, וואָס עס איז אַזוינס, פול מיט פאַרזיכטיקן אומ־גלויבן צו יענע, וואָס דאַרפן עס".*

פאַר זיין צוריקפאָרן קיין ראַטנפאַרבאַנד, האָט בערגעלסאָן אויסגע־מאָסטן ממש, מיט די אייגענע פיס, די יידישע „אַלוועלטלעכקייט". ער איז אויסגעוועזן גאָר די יידישע וועלט — ליטע, פוילן, רומעניע, באַל־טישע לענדער, דייטשלאַנד, פאַראייניקטע שטאַטן אא"וו. אין בוך אָבער האָט ער דעם באַגריף אַלוועלטלעכקייט אַריינגענומען אין איראָנישע גענזפיסלעך — אַ באָבע־מעשה פון בורזשואַזן נאַציאָנאַליזם, הייסט עס. ער האָט זיך אויך אָפּגעגרענעצט פון יעדן מין „טראַכטעניש וועגן נייע עפּאָכעס אין דער יידישער געשיכטע", ס'הייסט, וועגן יידישער מלוכהשקייט — ווידער אַ פאַרדעכטיקטער קוואַל פון נאַציאָנאַליזם. דאָס „ציען אויף מזרח" איז ביי אים געווען אַן עניין אויסשליסלעך פון

* „ביראָבידזשאַנער" ז. 5 און 6.

„גרויס גלוסטעניש צו זעטיקייט און אָן שום יצר־הרע יידישלעך אי־דעלאַזירט צו ווערן". (איך גאָט אין הימל ווייסט, אויף וואָס פאַר אַ חטאים און נאַציאָנאַליסטישע אַפּנויגן, דאָס דאָזיקע, „יידישלעך אידע־אַליזירט צו ווערן" האָט אָנגעטייט).

בערגעלסאָנס איבערוואַנדערער־צוג האָט געפירט קיין ביראָבי־דזשאַן צוויי מינים פאַרשוינען, געצייכנטע אַזוי קלאָר און אַזוי שרייענ־דיק־שאַרף, אַז אַ בלינדער אפילו וואָלט זיי תיכף דערקענט: פּאָזיטי־ווע העלדן און פאַרשטעלטע קלאַסן־שונאים, צוקונפטיקע שעדיקער. די קלאַסן־שונאים האָבן געהייסן בראַדסקי — ווי דער באַרימטער בורזשוי — אָדער גאָר „זוזיא" — סאַמע חוזק. זיי האָבן „קינדוויז גערעדט הע־ברעיש און נאָכדעם זיך אויסגעלערנט בוכאַלטעריע". זיי האָבן רק דער־ציילט, מיט גרויס שמחה, אַז אין ביראָבידזשאַן וועלן יידן „ווינען ביי זיך אַליין" און ס'וועט זיין „אַלץ אייגנס" און מען וועט ריידן „אויף איי־געגנער שפּראַך, אויף יידיש הייסט עס". מיט איין וואָרט, עס האָט פון זיי געטראָגן, אויף מיילן ווייט, מיטן סאַמע ווייסטן, אָפּשטויסנדיקן יידישן נאַציאָנאַליזם און צווישן די סימפּטאָמען פון אָט דעם נאַציאָנאַליזם, האָט אויך פיגורירט: „אויף אייגענער שפּראַך".

די פּאָזיטיווע העלדן זיינען געווען ערלעכע יידישע האָרעפּאַש־ניקעס, וואָס האָבן זיך אויף די קלאַסן־שונאים תיכף דערקענט און זיי פון זיך געטריבן. אַז דער צוג איז לסוף, אין אַ העלן, לויכטנדיקן פרימאָרגן, אָנגעקומען קיין ביראָבידזשאַן, האָט איין פּאָזיטיווער העלד אַ פרעג געטאָן ביי אַ צווייטן מיט גרויס תמימות, אָבער מיט רירנדי־קער ערלעכקייט: „ווי זאָגט איר, וועט עס הייסן, וואָס מירן בויען?" און דער צווייטער פּאָזיטיווער העלד האָט מיט נחתדיקן שמייכל גע־ענטפערט: „פּשוט! ס'איז דען שווער צו געדענקען? בויען סאָציאַ־ליזם!". *

עס לאָזט זיך קוים גלויבן, אַז אַזעלכע פלאַכע, פאַלשע, אַבסורדאַ־לע שורות זיינען אַרויס פון דער פעדער פון א באמת גרויסן שריי־בער. דאָס דערקלערט זיך ניט — אָדער טיילוויז — מיט דער באַרימ־טער סאָוועטישער „צופאַסלעריי". די סיבה איז אַ טיפערע: דער טראַ־גישער פּחד, וואָס האָט פאַרסמט די לופט און אַלץ פאַרקריפּלט.

---

* „בירעבידזשאַנער", ז. 47.

אַ צווייטע אילוסטראַציע, נאָך אַ מער בולטע, דרינגט אַרויס פון אַ ליד — אַ פּרעכטיק ליד — פון דוד האָפשטיין. אין 1936 איז אין מאָסקווער פאַרלאַג „עמעס" דערשינען די ערשטע ליטעראַרישע זאַמלונג „בירעבידזשאַן", געווידמעט דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט. אין דער זאַמלונג, צוזאַמענגעשטעלט פון ה. נאַדעל און רעדאַקטירט פון רבקה רובין, זיינען געווען פאַרטראַטן, צוזאַמען מיט די עלטערע, באַרימטע מייסטער פון דער יידיש־סאָוועטישער ליטעראַטור — האָפשטיין, בערגעלסאָן, האַלקין, מאַרקיש, כאַריק און גאָדינער — אַ פּלעיאַדע יונגע טאַלאַנטפולע דיכטער און פּראָזאַיקער, וואָס זיינען אָדער אויסגעוואַקסן אין דער געגנט גופא — עמנואל קאַזאַקעוויטש, הירש דאָבין און צו זיי איז שפּעטער צוגעקומען דער ייִנגסטער, אהרן וועגעליס — אָדער וועלכע האָבן זיך אין דער געגנט באַזעצט — בוזי אָלעווסקי, משה גאָלדשטיין, ליובע וואַסערמאַן און אַנדערע. די זאַמלונג הויבט זיך אָן מיט דוד האָפשטיינס אַ ליד, וואָס האָט, זעט אויס, געדאַרפט דינען ווי אַ פּראָגראַם־ליד פון דער רעדאַקציע. דאָס ליד לייענט זיך אַזוי:

דאָרט וואָרטן שוין בוימער אין אור־ערשטע ערטער
אויפן מונטערן אָפּקלאַנג פון אונדזערע ווערטער
און יעדן פרימאָרגן די זוניקע שיין
פאַרשרייבט אויף די שפיצן:
אַ לאַנד וועט דאָ זיין!
אַן אַלעמענס לאַנד,
פאַר יעדן, וואָס פריי זיך אין אַרבעט פאַרשפּאַנט,
אַ לאַנד וואָס דערהויבט און דערציט
און פאַרבינדט זיך — אַ גליד אין דעם גרויסן פאַרבאַנד
אין דעם גרויסן פאַרבאַנד פון אַלע, וואָס דאַרפן געווינען די וועלט
די וועלט, וואָס אַצינד איז אויף קנעכטשאַפט געשטעלט
כדאי אין אַ לאַנד אַזאַ לעבן !
כדאי !
כדאי איז אַ לאַנד אַזאַ בויען אויפסניי !
כדאי !

נאָכן ערשטן איינדרוק פון האָפשטיינס דיכטערישער מייסטערשאַפט, פון עכטן קינסטלערישן געניוס, קומען אויף פאַרשידענע שאלות. די בירא־

בידזשאַנער אור־וועלדער וואַרטן, לויטן דיכטער, אויפֿן אָפּקלאַנג פֿון „אונדזערע ווערטער". אָבער, אייגנטלעך, וועלכע — אונדזערע? פֿאַרן יידישן לייענער אין ראַטנפֿאַרבאַנד איז וואַרשיינלעך די שאלה קיין שאלה ניט געווען. „אונדזערע" האָט באַטייט — יידישע. טאַקע וואַרשיינלעך, הגם נישט זיכער. „אונדזערע" האָט געקאָנט באַטייטן אויך — סאָוועטישע, סאָציאַליסטישע, פּראָלעטאַרישע און נאָך און נאָך. שוין אָפּגערעדט וועגן לייענער אין אַ פֿרעמד־שפּראַכיקער איבערזעצונג. איז פֿאַרוואָס טאַקע ניט בפּירוש און פּראָסט פּשוט — יידישע? פֿאַרוואָס רמזים־שפּראַך, לשון־סגי־נהור?

נאָך מער חידושדיק איז אַ צווייטע שורה פֿון דעם ליד. דער „אַל־פֿאַרבאַנדישער סטאַראָסטאַ" האָט אָפֿיציעל דערקלערט, אַז ער באַטראַכט ביראָבידזשאַן ווי אַ יידישע נאַציאָנאַלע מלוכה. פֿאַר דוד האָפּשטיינען אָבער איז ביראָבידזשאַן — „אַן אַלעמענס לאַנד". דאָס האָט געקלונגען שיער־ניט ווי אַ דעמאָנסטראַטיווע קעגן־לאָזונג: ניט „אַ יידיש לאַנד" — געפֿערלעכער, נאַציאָנאַליסטישער „אָפּנויג" — נאָר „אַן אַלעמענס לאַנד". אָבער אויב באמת „אַן אַלעמענס", טאָ וואָס פֿאַר אַ זין האָט געהאַט צו רופֿן אַהין, אין עק וועלט, בלויז דעם יידישן האַרעפּאַשניק און נישט, טאַקע אַ סך איינפֿאַכער, „יעדן וואָס פֿריי זיך אין אַרבעט פֿאַרשפּאַנט"? דאָס אַבסורדאַלע און גלייכצייטיק טראַגישע דערביי איז געווען, וואָס דער מחבר פֿון אָט דעם איינפֿאַל „אַן אַלעמענס לאַנד", גראָד ער האָט מיט זיין גאַנצן וועזן, מיט זיין האַרץ־און־נשמה — מער אפֿשר ווי ווער ניט איז אַנדערש אין דער יידיש־סאָוועטישער ליטעראַטור — געבענקט דווקא... נאָך „אַ יידיש לאַנד".

דער יידישער שרייבער אין ראַטנפֿאַרבאַנד איז געווען דערשיטערט פֿון פּחד. ער האָט אומקלאָר געאַנט, אויב אפֿילו נאָך ניט קלאָר פֿאַרשטאַנען, אַז איבער זיין קאָפּ איז שוין געהאַנגען די האַק פֿון רוצח.

איין אויסנאַם איז געווען אין זאַמלבוך „בירעבידזשאַן": פּרץ מאַרקישעס „עס גייט, טאַיגאַ, צו דיר יונג ווערן אַ פֿאָלק", אין דעם ספּעציפֿישן מאַרקיש־נוסח:

.... איז ווינט — פֿאַרויס! און ליכט — פֿאַרפֿאַלג!
און פֿון די הענט אַרויסרייס, פּראָסט, דעם אומעט!
עס גייט, טאַיגאַ, צו דיר איצט יונג ווערן אַ פֿאָלק!
עס גייט איצט אויפֿוועקן אויף רוס דיינע אַרומען!

מען גייט צו דיר
פונסניי איצט ווערן —
מען האָט זיך אויך ביי דעם פּאַריאַגטן הירש
ביי דעם פאַרוווּנדעטן, געלערנט!

מאַרקישעס פּאָעמע האָט געמאַכט אַן אומגעהויערן רושם הן אויפן לייענער, הן אויף דער קריטיק. אין אַ גרעסערן אַרטיקל „פּראָבלעמען פון דער בּיראָבּידזשאַן־ליטעראַטור", אין אָקטאָבער 1936, האָט דער עסייאיסט ש. קליטעניק, נאָכן פאַרצייכענען, אַז דער רוב בּיראָבּידזשאַן־לידער „שטעלן פאָר מיט זיך אַ מין בריוונשטעלער פון באַגריסונגען, דעקלאַראַציעס און אָנערקענונגען", אָנגעוויזן, אַז „מאַרקישעס באַפליגלטער אויסדרוק „עס גייט, טאַיגאַ, צו דיר איצט יונג ווערן אַ פאָלק" דאַרף ווערן, אייגנטלעך, די פּראָבּלעמאַטיק (אונטערגעשטראָכן דורכן מחבר) פון דער בּיראָבּידזשאַן־ליטעראַטור, די פּראָבּלעמאַטיק פון דער פּאָעזיע וועגן דער יידישער געגנט".*

דאָס האָט אָבער ניט געשטערט דעם זעלבן מחבר צו פאַרענדיקן דעם זעלבן אַרטיקל אויף אַן אופן, וואָס איז עצמדיק כאַראַקטעריסטיש פאַרן סאָוועטישן נוסח פון פערמאַנענטער סתירה צווישן געדאַנק און וואָרט און טאַט. דער פינאַל פון אַרטיקל איז, נעמלעך, אַ פייערלעכער מי־שברך פאַר אַ ליטעראַטור, „וואָס איז באַרופן אָנצינדן די הערצער פון הונדערטער טויזנטער יידישע האַרעפּאַשניקעס מיט אַ בּיראָבּידזשאַנער פּאַטאָס, מיט אַ פּאַטאָס פון אויפבויען אַ בליענדיק סאָוועטיש לאַנד אויף די ברעגן פון דעם מעכטיקן אמור".

נישט „יידיש לאַנד", נאָר „אַלעמענס לאַנד". נישט „עס גייט איצט יונג ווערן אַ פאָלק", „פונסניי איצט ווערן" — נאָר אַ סאָוועטישער פאָרפּאָסט „אויף די ברעגן פון דעם מעכטיקן אַמור". די סתירה צווישן דער „מלוכהשער ליניע" און דער „פּאַרטייאישער ליניע" האָט דעם ענין פון סאָוועטיש־יידישער מלוכהשקייט אַריינגעשטויסן אין אַ טעמפּן ווינקל, אין אַ פאַרכשופטן קרייז, וואָס האָט אים פאַרמשפּט אויף פּאַרויסיקן, אויף טראַגישן דורכפאַל.

---

* „פאָרפּאָסט", נומער 2, ז. 213.

קאַפּיטל דרייצן

מיט דער קאַלינין־דאָקטרין — „אָביעקטיווע" און „סוביעקטיווע" ייִדישיזאַציע

פון אַט דעם טעמפּן ווינקל, פול סתירות און דראַענדיקע געפאַרן, פון אַט דעם פאַרכשופטן קרייז, האָט דעם ביראָבידזשאַן־פּאַרמעסט, און במילא די קאָנצעפּציע גופא פון סאָוועטיש־ייִדישער מלוכהשקייט, גע־פּרוווט אַרויסרייסן איינער פון די אינטערעסאַנטסטע פּערזענלעכקייטן פון סאָוועטישן ייִדנטום, פּראָפ. יוסף ליבערבערג.

געבוירן אין אוקראַינע, אין 1899, האָט ליבערבערג געהערט צום צווייטן דור ייִדיש־סאָוועטישע טוער. אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי איז ער אַריינגעטראָטן ערשט אין 1919. פריער איז ער אַ געוויסע צייט געווען געזעלשאַפטלעך טעטיק ווי אַ מיטגליד פון דער „ייִדישער סאָ־ציאַליסטישער אַרבעטער־פּאַרטיי" (י. ס. אָדער „סיימיסטן") וועלכע האָט, ווי באַקאַנט, זיך צונויפגעגאָסן, אין 1917, מיט דער „ציוניסטיש־סאָ־ציאַליסטישער אַרבעטער־פּאַרטיי" (ס. ס.) און געשאַפן צוזאַמען די „פאַראייניקטע" („פאַראייניקטע ייִדישע סאָציאַליסטישע אַרבעטער־פּאַר־טיי").

נאָך זיין אָנשלוס אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, איז ליבער־בערג אַוועק פרייוויליק אין דער רויטער אַרמיי און האָט אָנטייל גענו־מען אין די קאַמפן אויף פאַרשיידענע פראָנטן פון בירגער־קריג. אין דער אַרמיי איז ער פאַרבליבן עטלעכע יאָר און דערנאָך זיך אָפּגעגעבן אינגאַנצן — דער וויסנשאַפט.

די גרויסע פראַנצויזישע רעוואָלוציע האָט כידוע אַרויסגעגעבן, ביי דער זייט פון באָנאַפּאַרטן, אַ ריי שטאַרק יונגע און שטאַרק באַרימטע מלחמה־פירער, גענעראַלן און מאַרשאַלן. די אָקטאָבער־רעוואָלוציע האָט אַרויסגעגעבן, נישט בלויז יונגע מיליטער־פירער, נאָר אויך יונגע

פּראָפעסאָרן. ליבערבערג איז געוואָרן פּראָפעסאָר צו פינף־און־צוואַנ־ציק יאָר. זיין ספּעציאַליטעט איז, פאַר יענער ברויזנדיקער צייט, גע־ווען אַ ביסל אַן אויסטערלישע: ער האָט געאַרבעט איבער די פּראָ־בלעמען פון ענגלישער סאָציאַ־עקאָנאָמיק פון 18טן און 19טן יאָר־הונדערט (וואָרשיינלעך, אונטער דער ווירקונג פון מאַרקסן).

אין קעגנזאַץ צו פיל אַנדערע „אָקטאָבער״־פּראָפעסאָראַטן, האָט די אָקטאָבער־רעוואָלוציע צו דער פּראָפעסור פון יוסף ליבערבערגן געהאַט גרויס מזל. ליבערבערג איז געווען אַן ערנסטער, אַרבעטזאַמער וויסנ־שאַפטלער, אַ גלענצנדיקער רעדנער און לעקטאָר און דערצו נאָך — אַן ערשטראַנגיקער אָרגאַניזאַטאָר. עס איז אים, בלי ספק, פאַרגעשטאַ־נען אַ גרויסע אוניווערסיטעט־קאַריערע. ניט אומזיסט אָבער איז ער, אין זיין יוגנט, געווען פאַרבונדן מיט דער יידישער אַרבעטער־באַוועג־גונג. די „יידישע גאַס״ איז אויך, אויף ווייטער, פאַרבליבן זיין „גאַס״.

אין נאָוועמבער 1924 איז אין מינסק געשאַפן געוואָרן דער „אינס־טיטוט פאַר ווייסרוסלענדישער קולטור״ („אינווייסקולט״) — שפּעטערדי־קע ווייסרוסישע וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע — מיט אַ יידישער אָפּטיילונג. אין די תקנות פון „אינווייסקולט״, באַשטעטיקטע דורך אַן אָפיציעלן דעקרעט פונעם צי״ק און דעם ראַט פון פאָלקס־קאָמיסאַרן פון דער ווייס־רוסלענדישער ראַטן־רעפּובליק, זאָגט זיך, אין אַ ספּעציעלן פּונקט: „אויף אויסצופאָרשן די יידישע שפּראַך, ליטעראַטור און געשיכטע, ווערט געגרינדעט אַ יידישע אָפּטיילונג, וועלכע קאָן פון איר זייט אויך שאַפן, אויף וויפל ס'וועט נויטיק זיין, אַנטשפּרעכנדיקע סעקציעס און קאָמיסיעס״. דאָס איז געווען דער ערשטער יידישער וויסנשאַפט־פאַר־שערישער אַנשטאַלט אין ראַטנפאַרבאַנד — און אין גאָר דער וועלט.

ליבערבערג, צוזאַמען מיט אַ גרופּע יידישע טוער, האָט אונטער־גענומען באַמיאונגען בכדי צו שאַפן אַזאַ ענלעכן אַנשטאַלט אויך אין אוקראַינע. די באַמיאונגען זיינען געקרוינט געוואָרן מיט דערפאָלג און אין 1926 איז ביי דער אוקראַינישער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע אין קיעוו דערעפנט געוואָרן אַ „קאַטעדרע פאַר יידישער קולטור״. בראש פון דער קאַטעדרע, אָבער בלויז ווי אַ צייטווייליקער פאַרוואַלטער, איז געשטעלט געוואָרן דער באַוווסטער יידישער פילאָלאָג, קריטיקער און פּובליציסט נחום שטיף (בעל־דמיון), אַ געוועזענער טוער פון די „פאַר־אייניקטע״, וואָס האָט זיך דאַן צוריקגעקערט פון אויסלענדישער עמי־גראַציע. אין 1929 איז די „קאַטעדרע״ פאַרוואַנדלט געוואָרן אין „אינס־

טיטוט פאַר יידישער קולטור״, וועמענס אָפיציעלער נאָמען איז אין 1931 געענדערט געוואָרן אויף: „אינסטיטוט פאַר פּראָלעטאַרישער יידישער קולטור ביי דער אוקראַינישער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע״. אָנ־הויב 1928 איז יוסף ליבערבערג נאָמינירט געוואָרן פאַר פאַרוואַלטער פון דער „קאַטעדרע״ און שפּעטער — פאַר דירעקטאָר פון אינסטיטוט.

אַדאַנק ליבערבערגן — זיין איניציאַטיוו, זיין אומאויסשעפּלעכער ענערגיע און זיינע אומגעוועגלעכע אָרגאַניזאַטאָרישע פעיקייטן — איז דער קיעווער אינסטיטוט שנעל פאַרוואַנדלט געוואָרן אין וויכטיקסטן און פּרעסטיזשפולסטן צענטער — נישט בלויז פון דער יידישער וויסנשאַפט און וויסנשאַפט־פאָרשונג, נאָר פון דער יידישער קולטור בכלל אין ראַטנפאַרבאַנד. מיט גרויס ליבשאַפט, מצד דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג, זיינען געווען אַרומגערינגלט אויך די א״ג וויסנשאַפטלעכע הילפס־אַנשטאַלטן ביים אינסטיטוט: די אַקאַדעמישע ביבליאָטעק און דער פּרעסע־אַרכיוו.

די ביבליאָטעק איז געשאַפן געוואָרן — בוכשטעבלעך, מיט די אייגענע הענט פון ליבערבערגן און זיינע מיטאַרבעטער־ענטוזיאַסטן, ביי דער געזעלשאַפטלעכער מיטהילף פון פּריוואַטע זאַמלער, פריינט פון דער קאַטעדרע און פון אינסטיטוט, און נאָך אַן אַמתער יידישער קולטור־מאָביליזאַציע אין די שטעט און שטעטלעך פון גאַנץ אוקראַינע. וועגן אָט דער ביבליאָטעק האָט געשריבן ליבערבערג: „לויט דער רייכ־קייט פון די יידישע פאָנדן (איז זי) די צווייטע ביבליאָטעק אין דער וועלט. ס׳איז גענוג צו זאָגן, אַז אין איר געפינט זיך די וויכטיקסטע ליטעראַטור וועגן יידן, אויף פינף און צוואַנציק שפּראַכן. די ביבליאָ־טעק פאַרמאָגט אַ רייכן מאַנוסקריפּט־אָפּטייל, ווו ס׳איז פאַראַן העכער טויזנט עלטערע מאַנוסקריפּטן, פון דרייצנטן יאָרהונדערט אָן״.*

דער פּרעסע־אַרכיוו האָט פאַרמאָגט אַ פאָנד פון קרוב צוועלף טויזנט יאָר־קאָמפּלעקטן פון דער יידישער פּעריאָדיק. ער פלעגט באַ־קומען און סיסטעמאַטיש באַאַרבעטן די יידישע פּעריאָדיק אויף פאַר־שיידענע שפּראַכן פון פּערציק לענדער.

דער קיעווער אינסטיטוט איז געווען איינגעטיילט אין גאַנצע אַכט סעקציעס: אַ היסטאָרישע סעקציע, אַ סאָציאַל־עקאָנאָמישע, אַ פּעדאַ־גאָגישע, אַ ליטעראַרישע, אַ לינגוויסטישע, אַ עטנאָגראַפישע, אַ ביב־

---

* „יידן אין פ. ס. ס. ר.״, ז. 126.

ליאָלאָגישע און אַ סעקציע פֿאַר ביראָבידזשאַן־קענטעניש. אויסער די סעקציעס האָבן ביים אינסטיטוט פונקציאָנירט אַ ריי קלענערע פֿאָר־שערישע גרופּן, די א״ג (לויט דער סאָוועטישער אַקאַדעמישער טער־מינאָלאָגיע) קאַבינעטן: אַ היסטאָרישער קאַבינעט, אַ קאַבינעט פֿאַר מוזיקאַלן פֿאָלקלאָר, אַ קאַבינעט פֿאַר וואָרט־פֿאָלקלאָר, אַ קאַבינעט פֿאַר סאָוועטישער יידישער ליטעראַטור, אַ לאַבאָראַטאָריע פֿאַר עקס־פּערימענטאַלער פּעדאַגאָגיק א״א.

האַרבסט־צייט 1932, האָט ליבערבערג, צוזאַמען מיט זיין נאָענטן מיטאַרבעטער ברוך הובערמאַן, זיך געלאָזט אויף אַ שטודיר־רייזע קיין ביראָבידזשאַן, אין נאָמען פון דער סעקציע פֿאַר ביראָבידזשאַן־קענ־טעניש. אין קעגנזאַץ צו ליבערבערגן, וועלכער האָט קיינמאָל ניט אַנ־געהערט צום פּאַרטיי־אַפּאַראַט — ניט אַלגעמיין־פּאַרטייאישן, ניט פון די יידסעקציעס — האָט הובערמאַן געהאַט פֿאַרנומען אַ ריי וויכטיקע פּאָסטנס אין דער „יידאַרבעט״. ער איז געווען ליבערבערגס אַ בן־דור, אַן אָפּשטאַמיקער פון פוילן און אַן אַמאָליקער פּועלי־ציוניסט. אין אינסטיטוט האָט ער געאַרבעט ווי אַ וויסנשאַפטלער אין דער סאָ־ציאַל־עקאָנאָמישער סעקציע און איז געווען סעקרעטאַר פון דער אינס־טיטוטישער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע.*

די סך־הכלען פון דער שטודיר־רייזע זיינען דערשינען אין מאָס־קווער „עמעס״ פון 15טן און 16טן אָקטאָבער 1932, אין צוויי אַרטיק־לען אונטערגעשריבענע דורך ביידע מחברים, אונטערן טיטל: „שלאַג־לעריש אָרגאַניזירט בויען ביראָבידזשאַן״. די אַרטיקלען האָבן געמאַכט אַן אויסערגעוויינלעכן רושם אויף דער יידישער און באַלד אויך צווישן דער ניט־יידישער סאָוועטישער געזעלשאַפטלעכקייט. אין זיי איז גע־געבן געוואָרן אַן אומגעזען־דרייסטער און שאַרפער און אַלזייטיקער אַנאַליז פון די סיבות, וואָס האָבן געהאַט דערפירט צום פֿאַקטישן דורכ־פֿאַל פון דער איבערוואַנדערונג קיין ביראָבידזשאַן. עס איז דערלויבט משער צו זיין, אַז דאָס האָבן די דאָזיקע אַרטיקלען דעצידירט וועגן ווייטערדיקן גורל פונעם דירעקטאָר פון קיעווער יידישן אינסטיטוט. פּראָפ. יוסף ליבערבערג איז באַמערקט און „אָפּגעמערקט״ געוואָרן דורך די געהעריקע „אינסטאַנצן״.

---

* אסתר ראָזענטאַל־שניידערמאַן, „אויף וועגן און אומוועגן״, צוויי־טער באַנד, תל־אביב, ז. 372; אויף ווייטער: ראָזענטאַל־שניידערמאַן...

גלייך נאָך דעם רעגירונגס־אַקט פון 7טן מאַי 1934, איז ליבער־בערג באַשטימט געוואָרן פאַר פאָרזיצער פונעם אָרגאַניזיר־קאָמיטעט, וואָס האָט געדאַרפט צוגרייטן דעם איבערגאַנג פון בירע־בידזשאַנער ראַיאָן אויף די נייע מלוכהשע יסודות פון אויטאָנאָמער געגנט. אין דער סאָוועטישער פּראַקטיק האָט עס באַטייט, אַז ער אַליין, ליבער־בערג, ווערט געשטעלט בראש פון דער געגנט. בראש אָבער — בלויז לויט דער „מלוכהשער ליניע". ווי אַ פאַרטרעטער פון דער „פאַרטיי־אישער ליניע" איז פאַר דער אויטאָנאָמער געגנט באַשטימט געוואָרן אַ געוויסער מאַטוועי פּאַוולאָוויטש כאַווקין, אַ ווייסרוסישער ייִד, אין זיינע יונגע יאָרן אַ שניידער־געזעלן, נאָך דער רעוואָלוציע — סעקרע־טאַר פון שטאָטישן פאַרטיי־קאָמיטעט אין האָמעל, שפּעטער קאָמענ־דאַנט פון דער מיליץ פון האָמלער געגנט און צולעצט, סעקרעטאַר פונעם שטאָטישן און ראַיאָנעם פאַרטיי־קאָמיטעט אין סמאָלענסק.

אין דער סאָוועטישער היעראַרכיע, געהערט די אַבסאָלוטע פּרעע־מינענץ, נאַטירלעך — דער „פאַרטייאישער ליניע", דעם קוואַל פון פּאָליטישער דעציזיע און אָרגאַניזאַציאָנעלן קאָנטראָל. די „מלוכהשע ליניע" איז בלויז אַן אָפיציעל־אַדמיניסטראַטיווע און רעפּרעזענטאַנץ־מעסיקע. דער פאַקטישער „באַלעבאָס" — לויט דער אָנגענומענער סאָ־וועטישער טערמינאָלאָגיע — פון אַ שטאָט, צי אַ דאָרף, פון אַ ראַיאָן, צי אַ געגנט, איז נישט דער אָפיציעלער פאָרזיצער פונעם אָפיציעלן אויספיר־קאָמיטעט פון אָרטיקן סאָוועט, נאָר דער פאַרטיי־סעקרעטאַר. אַזאַ איז יעדנפאַלס די אַלגעמיינע סכעמע. אַזוי אַרום האָט זיך באַקו־מען, אַז דער אַמאָליקער שניידער־געזעלן, וואָס האָט אין זיינע קינ־דער־יאָרן געהייסן אפשר מאָטל פּייסיס און איז שפּעטער עולה לגדולה געוואָרן צו מאַטוועי פּאַוולאָוויטש, אַט דער טיפּישער פאַרטיי־אַפּאַ־ראַטשיק, וואָס האָט קיינמאָל ניט געהאַט — און וואַרשיינלעך ניט גע־וואָלט האָבן — קיין שייכות צו דער „יידישער גאַס" און דער „יידי־שער אַרבעט", אַזוי אַרום איז מאַטוועי פּאַוולאָוויטש כאַווקין געוואָרן באַשטימט פאַרן „באַלעבאָס" פון דער יידישער „נאַציאָנאַלער מלוכה" און במילא אויך, פאַרן פאַקטישן „באַלעבאָס" פון איר אָפיציעלן „באַ־לעבאָס" — פּראָפ. יוסף ליבערבערג.

פאַרן אָפּפאָרן קיין בירע־בידזשאַן, איז ליבערבערג אויפגענומען געוואָרן, אויף אַ ספּעציעלער אוידיענץ, דורך קאַלינינען. דער „אַלסאָ־וועטישער סטאַראָסטאַ" האָט שטאַרק דערמוטיקט דעם יונגן, צוקונפ־

טיקן „ביראָבידזשאַנער סטאַראָסטאַ״ און אים צוגעזאָגט די ווייט־גייענ־דיקסטע הילף ביים דערפירן די יידישע געגנט צו אַ יידישער אויטאָ־נאָמער רעפּובליק. אַזוי טאַקע האָט באַנומען זיין מיסיע פּראָפ. לי־בערבערג. ער האָט איבערגעריסן זיין וויסנשאַפטלעכע אַרבעט, פאַר־לאָזט זיין באַליבטן אינסטיטוט, בכדי צו פאַרן בויען דאָס, וואָס קאַ־ליניך האָט באַצייכנט ווי „אַן אייגענע נאַציאָנאַלע מלוכה״ און וואָס ער אַליין, ליבערבערג, און זיינע נאָענטסטע מיטאַרבעטער, האָבן גערופן פּשוטער — „יידישע סאָציאַליסטישע מדינה״.* דערביי איז דער טראָפּ צום ערשטן מאָל, געשטעלט געוואָרן גלייכצייטיק און אין אַ גלייכער מאָס, הן אויף „סאָציאַליסטישער״, הן אויף „יידישער״, אָן קיין שום „קאָמפּלעקס פון חטא הקדמון״ און אָן מורא באַשולדיקט צו ווערן אין נאַציאָנאַליזם, וואָס עס איז, אין יענע יאָרן פון „קאַמף אויף צוויי פראָנטן״, געווען אַ באַווייז פון אומגעהויערן ציווילן מוט.

עס האָט זיך ניט געהאַנדלט וועגן וועלכע ניט איז נייע לאָזונגען — אַזוינס איז בכלל געווען אומדענקבאַר אין די סאָוועטישע באַדינגונ־גען, מצד יחידים — נאָר וועגן פאַרווירקלעכן אין מעשים די קאַלינין־דאָקטרין, די „מלוכהשע ליניע״ אין איר פולן אויסמעסט, פונקט ווי עס וואָלט קיין אַנדער „ליניע״, קיין סתירותדיקע פּאַרטיי־ליניע, אויף דער וועלט ניט געווען. מעגלעך, אַז אַלע סתירות האָבן געזאָלט זיך אויפלייזן — דיאַלעקטיש — אין פּראָצעס פון פאַרווירקלעכונג פון דער יידישער מלוכהשקייט. לכל הדעות איז דערלויבט משער צו זיין, אויפן סמך פונעם שוווּנג, פון פאַרנעם און פון דער הויכער נאַציאָנאַ־לער טעמפּעראַטור פון ליבערבערגס טעטיקייט אין קיעוו, אַז ער האָט די קאַלינין־דאָקטרין אויפגענומען ווי אַ גאַנצע, אין אַלע אירע אַס־פּעקטן, איינגעשלאָסן די צענטראַליקייט פון ביראָבידזשאַן, ווי דער הויפּט־צענטער און אויפהיטער פון יידישן נאַציאָנאַלן אייגנאַרט און יידישער נאַציאָנאַלער קולטור. עס איז דערלויבט משער זיין, אַז דווקא דער קאַלינינשער אחד־העם׳יזם, די פּערספּעקטיוו פון אַ מרכז רוחני, פון אַ גייסטיקן צענטער פאַרן סאָוועטישן יידנטום — און אפשר, ווער ווייסט, ניט בלויז פאַרן סאָוועטישן — דווקא דאָס האָט געוווּנען פאַר ביראָבידזשאַן, ניט געקוקט אויף אַלע סכנות, וועגן וועלכע ער האָט געוויס זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון, אָט דעם מערקווירדיקן מענטשן פון

* ראָזענטאַל־שניידערמאַן, ז. 349.

גייסט און יידישער קולטור, וואָס איז קודם און בעיקר געווען — יוסף ליבערבערג.

דעם 18טן דעצעמבער 1934 איז אין דער שטאָט ביראָבידזשאַן דערעפנט געוואָרן, מיט גרויס פייערלעכקייט, דער ערשטער קאָנס־טיטואירנדיקער ראַטן־צוזאַמענפאָר פון דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט, מיטן אָנטייל פון 323 דעלעגאַטן, דערפון 160 יידן, 124 רוסן, 11 קאָרעאַנער, 5 כינעזער און 23 פון אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן. די דע־רעפענונג־רעדע האָט געהאַלטן פראָפ. ליבערבערג — אויף יידיש. פון מאָסקווע איז געקומען שמעון דימאַנשטיין, פאָרזיצער פון געזערד, צוזאַמען מיט אַ גרופּע שרייבער — דוד האָפשטיין, פּרץ מאַרקיש, איזי כאַריק, שמואל גאָדינער, יחזקאל דאָברושין — און אַ צאָל אָפיציעלע דעלעגאַציעס פון סאָוועטישע רעפּובליקן. עס זיינען אויך געקומען דע־לעגאַציעס און געסט פון אויסלאַנד.

אין זיין אָפיציעלער באַגריסונג, האָט דער סעקרעטאַר פון ווייט־מזרחדיקן קאַנטישן פּאַרטיי־קאָמיטעט, ס׳הייסט דער „באַלעבאָס" פון גאַנצן ווייט־מזרחדיקן קאַנט, לאַוורענטיעוו, דערקלערט: „אין וואָס באַ־שטייט די הויפּט־אויפגאַבע, וואָס די פּאַרטיי און דאָס גאַנצע לאַנד האָט אַרויפגעלייגט אויף דער געגנט, אויפן קאַנט? די אויפגאַבע איז — שאַפן אין די נאָענטסטע יאָרן אין אונדזער פאַרבאַנד אַ יידישע סאָציאַליסטישע רעפּובליק".*

דער צוזאַמענפאָר האָט אויסגעוויילט ליבערבערגן פאַר פאָרזיצער פונעם אויספיר־קאָמיטעט פון דער יידישער געגנט. כאַווקין איז גע־ווען שוין באַשטימט פאַר סעקרעטאַר פונעם געגנטלעכן פּאַרטיי־קאָמי־טעט. ווי פאַרטרעטער פון דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט אין די צענטראַלע מלוכה־אָרגאַנען, זיינען געוואָרן אויסגעוויילט: ליבערבערג — אין אַלרוסלענדישן צענטראַלן אויספיר־קאָמיטעט און כאַווקין — אין נאַציאָנאַליטעטן־ראַט פונעם אַלפאַרבאַנדישן צענטראַלן אויספיר־קאָמיטעט.

איינער פון די ערשטע פּראָבלעמען, וואָס האָבן זיך געשטעלט פאַר דער יונגער מלוכהשער אויסבילדונג, איז געווען דער פּראָבלעם פון שפּראַך. אין פּרינציפּ, איז יידיש געווען די אָפיציעלע שפּראַך, שוין פון ביראָבידזשאַנער ראַיאָן. אַ חודש פאַר דער דערעפענונג פונעם

---

* מ. קאַדישעוויטש, ז. 37.

ראַטן־צוזאַמענפאָר פון 18טן דעצעמבער 1934, האָט דער פּאַרטיי־קאָ־מיטעט פונעם ווייט־מזרחדיקן קאַנט — און די יידישע געגנט איז אַדמיניסטראַטיוו געווען אַ באַשטאַנד־טייל פון דאָזיקן קאַנט — באַ־שטעטיקט, אין אַן אָפיציעלן באַשלוס פון 20סטן נאָוועמבער 1934, אַז די מלוכה־שפּראַך פון דער ניי־געשאַפענער אויטאָנאָמער געגנט איז — יידיש.

אויף דער שפּראַך־פראַגע האָט זיך ברייט אָפּגעשטעלט דער ערש־טער פּלענום פון ביראָבידזשאַנער געגנטלעכן פּאַרטיי־קאָמיטעט, וואָס איז פאָרגעקומען דעם 4־6טן יוני 1935. אַ ספּעציעלע רעזאָלוציע האָט פעסטגעשטעלט „די נויטווענדיקייט אַריינצופירן יידיש אינעם גע־זעלשאַפטלעכן און מלוכהשן לעבן פון דער געגנט". דער ערשטער אויספיר, וואָס לאָזט זיך מאַכן פון דער דאָזיקער רעזאָלוציע, איז — אַז לכל הדעות, ביז יוני 1935, איז נאָך יידיש, „אינעם געזעלשאַפט־לעכן און מלוכהשן לעבן פון דער געגנט" נישט געווען אַריינגעפירט.

ס'איז אינטערעסאַנט אָפּצומערקן, אַז איינער פון די אייפעריקסטע יידיש־חסידים איז געווען, אויפן פּלענום, דווקא דער ניט־יידישער קאָ־מאַנדיר פון ביראָבידזשאַנער רויט־אַרמייאישן גאַרניזאָן, דער לעטלענ־דער וו. ראַכי, אַ געבוירענער אין ריגע, וואָס האָט נישט בלויז פאַר־שטאַנען, נאָר אויך גערעדט אַ פליסיקן יידיש און פלעגט אפילו אַרויס־טרעטן מיט עפנטלעכע רעדעס אויף יידיש. ער איז אגב ניט געווען קיין איינצלפאַל. אַ ריי רוסישע טוער פונעם ווייט־מזרחדיקן קאַנט האָבן זיך אויסגעלערנט יידיש, מיט מער אָדער ווייניקער דערפאָלג.

ווי אַ רעזולטאַט פון פּאַרטיי־פּלענום פון 4־6טן יוני, איז אין יולי 1935 פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַ באַשטימונג פונעם אויספיר־קאָמיטעט פון דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט, געחתמעט דורכן פאָרזיצער, י. ליבערבערג, און דעם סעקרעטאַר, זאַווילאָוויטש, אונטערן קעפּל: „וועגן דער אָבליגאַטאָרישקייט צו פאַרעפנטלעכן אַלע אויסגאַבן אויף צוויי שפּראַכן". לויט דער באַשטימונג, זיינען אַלע סאָוועטישע אָרגאַ־ניזאַציעס — געזעלשאַפטלעכע, פּראָפעסיאָנעלע אוןווירטשאַפטלעכע — טעטיקע אויף דער טעריטאָריע פון דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט, געוואָרן פאַרפליכטעט צו פאַרעפנטלעכן אַלע זייערע פאַראָרדענונגען, באַפעלן, פּלאַקאַטן, מעלדונגען, שילדן, אויפשריפטן וכדומה, גלייכצייטיק אין צוויי שפּראַכן — אין יידיש און רוסיש. אין די ישובים מיט

אַ קאָמפּאַקטער קאָרעאַנישער באַפעלקערונג — אין דריי שפּראַכן: יידיש, רוסיש און קאָרעאַניש.

דעם 15טן סעפּטעמבער 1935 איז אָנגענומען געוואָרן אַ ספּעציעלער באַשלוס פונעם געגנטלעכן אויספיר־קאָמיטעט, צוזאַמען מיטן געגנטלעכן פּאַרטיי־קאָמיטעט, וועגן „איינפירן די יידישע שפּראַך אין די מלוכהשע און ווירטשאַפטלעכע אַנשטאַלטן און אונטערנעמונגען". אין הסכם מיטן דאָזיקן באַשלוס, איז „די גאַנצע אַרבעט פונעם בּיראָבּידזשאַנער שטאָט־ראַט, פון די דאָרף־ראַטן פון דער ביישטאָטישער זאָנע, שטאָטישן געריכט, פּאָסט, טעלעגראַף, מיליץ און אַלע אַנדערע שטאָטישע אַנשטאַלטן, אין אַלע איבערוואַנדערישע געווערב־אַרטעלן, אין די מלוכהשע אונטערנעמונגען מיט אַ מערהייט יידישע אַרבעטער, אויך אין די דאָרף־ראַטן מיט אַן איבערוועגנדיקער מערהייט יידישע באַפעלקערונג — אַריבערגעפירט געוואָרן אויף דער יידישער שפּראַך".*

די קאָרעספּאָנדענץ פון אַלע אָפּטיילן פונעם געגנטלעכן אויספיר־קאָמיטעט מיט אַלע אַנשטאַלטן, וואָס האָבן באַדינט די יידישע באַפעלקערונג, האָט געמוזט ווערן געפירט אויף יידיש. די שטעמפּלען אין די פּאָסט־אָפּטיילונגען זיינען געוואָרן צוויי־שפּראַכיק: יידיש און רוסיש. דאָס זעלבע אויך אַלע אַדמיניסטראַטיווע בלאַנקען־פאָרמולאַרן. פאַר די טוער און מלוכה־באַאַמטע, וואָס האָבן ניט געהאַט קיין גענוגנדיקע ידיעות אין דער שפּראַך, זיינען אָרגאַניזירט געוואָרן ספּעציעלע קורסן פון יידיש.

עס ווייזט אויס, אַז דער באַשלוס פון 15טן סעפּטעמבער 1935 איז נישט דורכגעפירט געוואָרן אומעטום, ווי געהעריק. העכסט וואַרשיינלעך האָט ער ווו ניט ווו זיך אָנגעשטויסן אויף אַן אָפּענעם, צי בלויז פאַרבאַהאַלטענעם ווידערשטאַנד, אָדער ממש סאַבאָטאַזש. דער געגנטלעכער פּאַרטיי־קאָמיטעט האָט דעריבער צום ענין זיך אומגעקערט נאָך אַ מאָל און אָפיציעל, אין אַ צוגאָב־באַשלוס פון 1טן יוני 1936, שטרענג געוואָרנט, מיטן רבינס כוח פון פּאַרטיי־דיסציפּלין, און געדראָט מיט שטראָף אַלע ווידערשפּעניקע. דאָס באַווייזט, אַז דער ענין איז גענומען געוואָרן זייער ערנסט. אפילו דער סעקרעטאַר פונעם געגנטלעכן פּאַרטיי־קאָמיטעט, מאַטוועי פּאַוולאָוויטש כאַווקין בכבודו ועצמו איז זעט אויס, מיטגעריסן געוואָרן מיטן שטראָם. „ביז גאָר

---

* קירזשניץ, ז. 46.

וויכטיקע פּראָצעסן קומען דאָ פֿאָר — האָט ער געשריבן — אין זין פֿון אַנטוויקלען די יידישע שפּראַך און קולטור... אין דער יידישער געגנט ווערט געשאַפֿן אַ סאָוועטישע מלוכהשע יידישע שפּראַך, וואָס כאַפּט אַרום אַלע געביטן פֿון מלוכהשער, ווירטשאַפֿטלעכער און קולטור־רעלער בויאונג".*

דעם טיפֿערן זין פֿון אָט די באמת „ביז גאָר וויכטיקע פּראָצעסן" האָט דער ביראָבידזשאַנער מאַטוועי פּאָוולאָוויטש קוים באַנומען. דער רוח החיים זייערער איז געווען ליבערבערג. די „פּראָצעסן" גופֿא האָבן זיך אָפּגעשפּילט אויף צוויי פּלאַכן, אין צוויי דימענסיעס: אַ פּאָליטיש־אַדמיניסטראַטיווע און אַ נאַציאָנאַלע.

די „יידישיזירונג" פֿון דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט איז געווען קודם כל אַן ענין אַ פּאָליטיש־אַדמיניסטראַטיווער, אַ געבאָט פֿון דער סאָוועטישער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק — פֿון דער „לענין־סטאַלינישער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק". אַ נאַציאָנאַלער מלוכהשער „איינס" האָט, נאַטירלעך, געדאַרפֿט האָבן זיין אייגענע נאַציאָנאַלע שפּראַך. אין דעם איז, אין אַ גרויסער מאָס, באַשטאַנען דער זכות הקיום פֿונעם „איינס". די סאָוועטישע נאַציאָנאַלע פּאָליטיק האָט זיך געגרויסט דערמיט, וואָס זי האָט פֿאַרוואַנדלט אין נאַציעס, מיט אייגענער שפּראַך און קולטור, מיט אייגענעם מלוכה־לעבן, פֿעלקערשאַפֿטן און שבטים, פֿאַר וועלכע מען האָט ערשט געדאַרפֿט באַשאַפֿן אַן אייגענעם אלף־בית. העלפֿן בויען אַ נאַציאָנאַלע מלוכהשאַפֿט האָט במילא געהייסן — העלפֿן אַנטוויקלען די נאַציאָנאַלע שפּראַך און קולטור פֿון דער ניי־געבוירענער סאָוועטישער נאַציע. דער געבאָט פֿון נאַציאָנאַלער פּאָליטיק האָט זיך דאָ געפּאָרט מיטן געבאָט פֿון סאָוועטישן אינטערנאַציאָנאַליזם, פֿון סאָוועטישער פֿעלקער־פֿריינטשאַפֿט. ועל כולם איז דאָס אויך געווען אַ מצווה פֿון ריכטיק פֿאַרשטאַנענער פּאַרטיי־דיסציפּלין.

דעריבער טאַקע איז דער ניט־יידישער קאָמאַנדיר פֿון ביראָבידזשאַנער רויט־אַרמייאישן גאַרניזאָן געווען אַזאַ הייסער חסיד פֿון יידיש. דעריבער אויך — און נישט מחמת קיין שום וויסנשאַפֿטלעך־לינגוויסטישע טעמים — האָבן וויט־מזרחדיקע רוסישע פּאַרטיי־טוער זיך גענומען לערנען יידיש. דעריבער האָט, אין 1936, אויף אַ צונויפֿטרעף אין שכנותדיקן כאַבאַראָווסק, מיט ביראָבידזשאַנער יידישע „סטאַכאַ־

* ב. י. טראָצקי, „בירעבידזשאַן אין יאָר 1935", ז. 17.

נאָווצעס״, דער פּאָרזיצער פונעם ווייט־מזרחדיקן אויספיר־קאָמיטעט, דער רוס קרוטאָוו, אָנגעהויבן זיין באַגריסונג־רעדע — אויף יידיש.

עס איז, נאַטירלעך, דערלויבט זיך צו פרעגן, אויף ווי ווייט און ווי טיף די דאָזיקע אהבת־יידיש און אהבת־יידן איז געגאַנגען און צי איז זי ניט געווען מסוגל אָפּגעווישט צו ווערן דורך דער ערשטער קעגן־מצווה — ווידער טאַקע פון ריכטיק פאַרשטאַנענער פּאַרטיי־דיס־ציפּלין. די דאָזיקע שאלה פאַרמינערט אָבער לחלוטין ניט דעם באַ־טייט פון אַ געוויסער היסטאָרישער רעאַליטעט, אין אַ געוויסן היסטאָ־רישן מאָמענט, וואָס טאָר באַין אופן ניט אונטערגעשאַצט ווערן.

די אָפּיציעלע „יידישיזירונג״ פון דער אויטאָנאָמער געגנט בכדי צו שאַפן „אַ סאָוועטישע מלוכהשע יידישע שפּראַך״, פאַר „אַלע גע־ביטן פון מלוכהשער, ווירטשאַפטלעכער און קולטורעלער בויאונג״, איז בפירוש געווען אין איינקלאַנג מיטן פּאַרטייאישן שולחן־ערוך און דער פּאַרטיי־סעקרעטאַר מאַטוועי פּאַוולאָוויטש האָט עס בכן רואיק געקאָנט אַרויפשרייבן אויפן חשבון פון זיינע אייגענע און אַלגעמיין־פּאַרטייאישע דערגרייכונגען.

די „יידישיזירונג״ האָט אָבער פאַרמאָגט נאָך אַ צווייטן אויסמעסט, אַ צווייטע דימענסיע — אַ נאַציאָנאַלע דימענסיע, פון אומגעהויערן באַטייט.

דער עיקר־פּרינציפּ פון סאָוועטישן צוגאַנג צום פּראָבלעם פון נאַ־ציאָנאַלער קולטור איז רעזומירט אין דער באַרימטער פאָרמול: „סאָ־ציאַליסטיש לויטן אינהאַלט, נאַציאָנאַל לויט דער פאָרם״. עס איז אָנ־גענומען, ווי אַ חוק ולא יעבור, אַז די סאָוועטישע קולטור, די קולטורן פון די סאָוועטישע פעלקער זיינען — סאָציאַליסטיש לויט זייער אינ־האַלט און נאַציאָנאַל לויט זייער פאָרם.

נישט דאָ איז דאָס אָרט צו אַנאַליזירן די דאָזיקע פאָרמול און צו פאַרטראַכטן זיך וועגן זין און דער מעגלעכקייט גופא קעגנצושטעלן די באַגריפן אינהאַלט און פאָרם. דאָ ווערט בלויז פאַרצייכנט — און פאַרטייטשט — דער אָפּיצעל־סאָוועטישער נוסח און ס׳ווערט געפּרוווט נאָכצופאָלגן זיין אויסווירקונג אויף דער יידיש־סאָוועטישער קולטור און דעם יידישן לעבן אין ראַטנפאַרבאַנד בכלל און ביראָבידזשאַן בפרט.

די סאָוועטישע דעפיניציע „נאַציאָנאַל לויט דער פאָרם״ האָט באַ־טייט אַ נאַציאָנאַלע ספּעציפיק — נישט פון קיין שום אייגנטלעכער

קולטור־פֿאָרם, נאָר בלויז און איינציק פֿון שפּראַך־פֿאָרם, פֿון שפּראַך־פענאָמען. אין דער סאָוועטישער פּראַקטיק האָט „נאַציאָנאַל לויט דער פֿאָרם" געהייסן, ניט עפּעס אַנדערש ווי „נאַציאָנאַל לויט דער שפּראַך־פֿאָרם". דאָס נאַציאָנאַלע איז בכן דעפֿינירט געוואָרן דורכן שפּראַכלעכן, אַנדערש געזאָגט — דאָס נאַציאָנאַלע איז אויפֿגענומען געוואָרן, איז געדולדעט געוואָרן, אויב ניט אויסשליסלעך, איז בעיקר, אין דער בלויזער דימענסיע פֿון שפּראַכלעכקייט; נאָך ריכטיקער — איז צו דער דאָזיקער דימענסיע געוואָרן באַגרענעצט. אין אָט דער דורכויסיקער אונידימענסיאָנאַלקייט, לאָזט זיך דער סאָוועטישער נוסח דעפֿינירן בערך אַזוי: אויפֿן געביט פֿון קולטור, איז דאָס נאַציאָנאַלע אַן ענין בלויז פֿון פֿאָרם און, אין דער פֿאָרם, אַן ענין בלויז פֿון שפּראַך.

פֿון דער איין־דימענסיעדיקייט פֿון שפּראַך־פֿאָרם איז אַרויסגעדרונגען דער פּרינציפּ פֿון איין־און־איינציקייט פֿון קולטור־שפּראַך. די קולטור פֿון יעדן סאָוועטישן פֿאָלק איז געבויט אויסשליסלעך און בלויז אויף זיין נאַציאָנאַלער שפּראַך: אויף אוקראַיִניש פֿאַר די אוקראַיִנער, אויף ווייסרוסיש פֿאַר די ווייסרוסן, אויף אַרמעניש פֿאַר די אַרמענער אאַ"וו. איין און איינציקער אויסנאַם — רוסיש, וואָס ווערט באַטראַכט ווי די סאָוועטישע צווישן־פֿעלקערלעכע, צווישן־פֿאַרבאַנדישע שפּראַך. אַזוי אַרום האָט זיך באַקומען — פֿאַקטיש אויב ניט טעאָרעטיש — אַז צווישן דער נאַציאָנאַלער קולטור־ספֿערע און דער נאַציאָנאַלער שפּראַך־ספֿערע פֿון יעדן סאָוועטישן פֿאָלק איז געשטעלט אַ גלייך־צייכן. אַרויספֿאַלן, צוליב וועלכע ניט איז טעמים, פֿון דער שפּראַך־ספֿערע פֿון געגעבענעם פֿאָלק, האָט געהייסן במילא אַרויספֿאַלן אויך פֿון זיין נאַציאָנאַלער קולטור־ספֿערע. די דאָזיקע איינשטעלונג, ביי איר גאַנצער גראַדליניקייט, האָט אויסגעזען ווי אַ פֿון זיך אַליין פֿאַרשטענדלעכע פֿאַר די סאָוועטישע פֿעלקער, ביי וועמען די שפּראַך־ספֿערע, געוויינלעך אַן איינשפּראַכיקע, פֿאַלט ווירקלעך צונויף מיט דער נאַציאָנאַלער קולטור־ספֿערע. גאַנץ אַנדערש איז עס אָבער געווען ביים סאָוועטישן יידנטום, וועמענס נאַציאָנאַלע קולטור איז, זייט דורות שוין, אַ פֿיל־שפּראַכיקע.

סוף ניינצנטן און אָנהויב צוואַנציקסטן יאָרהונדערט איז די יידישע קולטור אין מזרח־אייראָפּע, אויף דער טעריטאָריע פֿון דער צאַרישער אימפּעריע, ניט בלויז, ווי במשך פֿון דורות־לאַנג, אַ צוויי־

שפראַכיקע — יידיש און העברעיש — נאָר שוין מיט אַ וויכטיקן קאָמ־פּאָנענט פון דער לאַנד־שפּראַך, רוסיש.

ס׳איז אגב כדאי צו דערמאָנען, אַז דער העברעישער קאָמפּאָנענט איז ווייט ניט באַשטאַנען פון בלויז לשון־קודשדיקער רעליגיעזער און חקירה־ליטעראַטור, נאָר האָט אדרבא אַריינגעבראַכט, דורך דער השכ־לה, דעם יוירנדיקן גייסט פון דער נייצייט און איר ליטעראַטור, פון מאָדערנעם פילאָסאָפישן געדאַנק, פון נאַציאָנאַלער פּראָבלעמאַטיק און אפילו פון סאָציאַליזם. ווי באַקאַנט, איז די ערשטע ביי יידן סאָציאַ־ליסטישע פּראָקלאַמאַציע געוואָרן אָנגעשריבן אויף העברעיש: דאָס איז געווען אהרן ליבערמאַנס „אל שלומי בחורי ישראל״, פון 1875. אויף העברעיש איז אויך געשאַפן געוואָרן די ערשטע יידישע סאָציאַליסטי־שע צייטשריפט: דעם זעלבן אהרן ליבערמאַנס „האמת״, פון יאָר 1877. אפילו דער „זיידע פון יידישן סאָציאַליזם״, מאָריס ווינטשעווסקי, דער גרונט־לייגער פון דער יידישער סאָציאַליסטישער פּרעסע — אויף יידיש — און פון דער יידישער פּראָלעטאַרישער דיכטונג, אפילו ווינ־טשעווסקי האָט זיין ערשטע צייטשריפט אַרויסגעגעבן אויף העברעיש — די חודש־אויסגאַבע „אספת חכמים״, פון 1877.

מיטן אָנהויב פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, האָט דאָס ספּעציפיש געוויכט פון דעם רוסיש־קאָמפּאָנענט אָנגעהויבן שטייגן. עס איז געהאָט אויפגעקומען און איז שנעל געוואַקסן אַ שיכט רוסיש־ריידנדיקע צווישן דער יידישער אינטעליגענץ, עס האָבן זיך באַוויזן טאַלאַנטפולע יידיש־רוסישע שריפטשטעלער און פובליציסטן, אַ יידיש־רוסישע פּרעסע, וואָ־גיקע צייטשריפטן און זאַמלביכער. דאָס איז געווען אַ לעבעדיקע בריק, וואָס האָט פאַרבונדן געוויסע שיכטן פון דער יידישער יוגנט — וועלכע זיינען, אין אַ קלענערער אָדער גרעסערער מאָס, געוואָרן אָפּגע־פרעמדט פון יידיש — מיט דער פּראָבלעמאַטיק פון יידישן פאָלק, פון זיין פאַרגאַנגענהייט, פון זיין צוקונפט, פון זיינע ראַנגלענישן פאַר קיום. די יידיש־רוסישע פּעריאָדיק איז אַזוי אַרום ביסלעכווייז געוואָרן אַ שאַפנדיקער צענטער פון יידישער קולטור, גאָר באַזונדערס אויפן געביט פון געשיכטע און געזעלשאַפטלעכן געדאַנק. צווישן די גלאַנץ־נעמען פון דעם יידיש־רוסישן קולטור־צענטער דאַרף דערמאָנט ווערן קודם כל דער גרויסער יידישער היסטאָריקער שמעון דובנאָוו, וואָס איז אגב שפּעטער אַריבער פון רוסיש צו יידיש און איז אומגעקומען מיט אַ מאַרטירער־טויט אין ריגער געטאָ.

נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע איז די יידישע קולטור פון סאָ־וועטן־פאַרבאַנד געוואָרן אַמפּוטירט פון ביידע קאָמפּאָנענטן אירע: פון דעם דורותדיק־היסטאָרישן, אָרגאַנישן העברעיש־קאָמפּאָנענט — דער דאָזיקער פאַקט איז ברייט באַוווּסט — אָבער אויך פון דעם צוגע־פלאַנצטן לאַנד־שפּראַכיקן קאָמפּאָנענט. דאָס לעצטע איז ווייניקער באַ־קאַנט, אָבער ניט ווייניקער ערנסט, לויט די קאָנסעקווענצן.

די „דעהעברעיזאַציע" איז געווען דער אויפּטו פון די יידסעקציעס. די רעשטן פון דער אַמאָליקער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג האָבן, מיט גרויסן אייפער, גענומען אויסחשבונען זייער אַלטן חשבון מיטן ציוניזם. ביים סילוקן דעם דאָזיקן היסטאָרישן חשבון — אַ געוווּנע־נעם מיטן כוח פון מלוכה־מאַכט און פּאָליציי — האָבן זיי אַרויסגע־וויזן אויף אַזוי פיל מער רעוואָלוציאָנערן ברען, וואָס זייער אייגענעם היסטאָרישן חשבון — מיט די יידישע רוסלענדישע פאָלקסמאַסן — האָבן זיי געהאַט פּאַקטיש פאַרשפּילט. ביי אַט די פּלאַמיקע יידישיסטן — די חברטע אסתר איז געווען ממש די פאַרקערפּערונג פון יידישיזם — וואָס האָבן געמוזט, פון היינט אויף מאָרגן, זיך אָפּזאָגן פון זייער גאַנצן עבר, האָט זיך איינגעשטעלט אַ מין פּרווידיאַנישע קאָמפּענסאַציע אין באַציאונג צום ענין יידיש־העברעיש. וואָס מער דער יידישיזם איז געשטעמפּלט געוואָרן — דורך זיי גופא — ווי נאַציאָנאַליזם, אַלץ מער איז דער אַנטי־העברעיזם פאַררעכנט געוואָרן פאַר רעוואָלוציאָנער. זייער שנעל איז דער קאַמף קעגן העברעיש דערגאַנגען ביז טראַגישן אַבסורד. עס איז געוואָרפן געוואָרן אַ חרם (סאַנקציאָנירט דורך מלו־כה־מאַכט) אויף אַ שפּראַך, ווי אַזעלכער, בלויז דערפאַר, ווייל זי איז די דאָזיקע שפּראַך און נישט קיין צווייטע; בלויז דערפאַר, ווייל מיט יאָרטויזנטער צוריק איז אויף איר אָנגעשריבן געוואָרן דער תנ"ך און נישט „איליאַדע" און „אָדיסעיע"; בלויז דערפאַר, ווייל במשך פון יאָרטויזנ־טער, איז זי געווען דער אויסדרוק און דער סימבאָל פון יידישן היס־טאָרישן דויער; אינגאַנצן אומאָפּהענגיק דערפון, וואָס אויף אָט דער שפּראַך ווערט, אָדער קאָן ווערן געשאַפן היינט צו טאָג. אפילו פּראָ־סאָוועטישע ליטעראַטור אויף העברעיש, אפילו רעוואָלוציאָנערע, אפילו קאָמוניסטישע ליטעראַטור אויף העברעיש איז געוואָרן דערקלערט פאַר פסול, בורזשואַז־קלעריקאַל און רעאַקציאָנער.

די „דעהעברעיזאַציע" איז געווען אַן אַקט פון גרויסער דראַמאַ־טישער שפּאַנונג, פון קאַמף — קלאַסן־קאַמף! — און אַלגעמיינער גע־

זעלשאַפֿטלעכער אויפֿרודערונג. די „דערוסיפֿיקאַציע", קאַפּויער, איז פֿאָרגעקומען כמעט אומבאַמערקט, ממש ווי אַ נאַטירלעכער פּראָצעס. עס זיינען פּשוט געשלאָסן געוואָרן, איינע נאָך די צווייטע, אָן קיין שום געוויל, אַלע אַלטע יידיש־רוסישע אויסגאַבן און זשורנאַלן — אמת, בורזשואַזע אָדער פֿרעמד־פּאַרטייאישע, אָדער אומפּאַרטייאישע. מיט קיין נייע יידיש־רוסישע אויסגאַבן, סאָוועטישע, קאָמוניסטישע, זיינען זיי נישט פֿאַרביטן געוואָרן. דער לעצטער איז אָפּגעשטעלט געוואָרן, שוין אין 1930, דער אַלטער, פֿאַרדינסטפֿולער היסטאָריש־עטנאָגראַפֿי־שער זשורנאַל „יעווריעיסקאַיאַ סטאַרינאַ" („יידישע אַלטערטימלעכ־קייט").

אין 1918 האָט דער „קאָמיסאַריאַט פֿאַר יידישע ענינים" אַרויס־געגעבן, ווי אַן אָרגאַן פֿון זיין אָפּטיילונג פֿאַר קולטור־און בילדונג, אַ צייטשריפֿט „יעווריעיסקאַיאַ טריבונאַ" (יידישע טריבונע), וואָס האָט, נאָך די ערשטע עטלעכע נומערן, אויפֿגעהערט צו דערשיינען. צוויי יאָר שפּעטער, אין 1920, איז אַן ענלעכער פּרווו געמאַכט געוואָרן דורכן „יידישן אָפּטייל ביים פֿאָלקס־קאָמיסאַריאַט פֿאַר נאַציאָנאַלע ענינים", מיט די זעלבע רעזולטאַטן. די איינציקע באמת פּעריאָדישע יידיש־רוסישע צייטשריפֿט האָט אָנגעהויבן דערשיינען ערשט אין 1927: דאָס איז געווען די „טריבונאַ יעווריעיסקאַי סאָוועטסקאַי אָבשטשעסטוועננאָסטי" (טריבונע פֿון דער יידישער סאָוועטישער געזעלשאַפֿטלעכקייט), אָרגאַן פֿון געזערד, געווידמעט בעיקר די פּראָבלעמען פֿון יידישער קאָלאָני־זאַציע און במילא אויך — ביראָבידזשאַן. די צייטשריפֿט איז דערשי־נען במשך פֿון גאַנצע צען יאָר, אונטער דער רעדאַקציע, מיט קליינע איבעררייסן, פֿון שמעון דימאַנשטיין. זי איז געוואָרן געשלאָסן אין אויגוסט 1937 און פֿון דאַן אָן איז דער אויסדרוק גופֿא „יידישע סאָ־וועטישע געזעלשאַפֿטלעכקייט" פֿאַרשוווּנדן פֿון עפֿנטלעכן באַנוץ.

ניט די יידסעקציעס, ניט די „יידאַרבעט" נאָכן פֿונאַנדערלאָזן די סעקציעס, האָבן קיינמאָל ניט געפּירט קיין שום יידישע קולטור־טעטי־קייט אויף רוסיש, אָדער אויף אַן אַנדער לאַנד־שפּראַך, אויף קיין שום קולטור־געביט. דאָס לאָזט זיך דערקלערן מיט אַ ריי סיבות, וואָס — ווידער אַ מאָל — נישט דאָ איז דאָס אָרט זיי צו אַנאַליזירן. די פֿאָלגן אָבער פֿון דער דאָזיקער „דערוסיפֿיקאַציע" זיינען געווען אומ־געהויער ערנסטע. עס האָט זיך איינגעשטעלט אַ מין כמו־אויטאָמאַ־

טיזם צווישן שפּראַך־אָפּפרעמדונג, ווי אויבנאויפיק זי זאָל ניט זיין אפילו, און דערווייטערונג פון דער נאַציאָנאַלער קולטור־ספערע.

במשך פון העכער צוויי טויזנט יאָר איז אין אַלע יידישע מאַסן־ישובים — אפילו אין מלכות יהודה — די לאַנד־שפּראַך, אָדער די אומגאַנג־שפּראַך געווען גערופן צו הילף דער יידישער קולטור, אויף די פאַרשיידנסטע אופנים און אין פאַרשיידנסטע פאַרמען. דאָס איז געווען חל אויפן תרגום אונקלס, אויף דער סעפּטואגינטא, אויפן אַראַבישן „מורה נבוכים״, אויף דער דייטשישער חכמת היהדות מיט גרעצן, ביז אויף דער היינטיקער ריזיקער יידיש־אַמעריקאַנער ליטעראַטור אויף ענגליש, מיט אירע הונדערטער טיטלען יאָר־איין, יאָר־אויס.

אין ראַטנפאַרבאַנד איז דער לאַנד־שפּראַכיקער בייטראַג צום יידישן קולטור־שאַפן פולשטענדיק אָפּגעשטעלט געוואָרן, דער שטראָם איז לחלוטין אויסגעטריקנט. די „דערוסיפיקאַציע״ פון דער יידישער קולטור האָט איבערגעריסן דעם דורותדיקן פאַרקער צווישן שפּראַכלעך־אַסימילירטן רוסישן יידן מיט די קוואַלן פון יידישער גייסטיקייט, און דאָס, דווקא אין אַ תקופה, ווען די שפּראַך פון סאָוועטישן יידן איז, צוליב פאַרשיידענע סיבות, אַלץ מער און מער געוואָרן — רוסיש.

נאָך דער „דעהעברעיזאַציע״ — וועלכע האָט באַטייט גלייכצייטיק און בעיקר „דעהיסטאָריזאַציע״ — און נאָך דער „דערוסיפיקאַציע״, איז דער איינציקער יסוד פונעם יידישן קולטור־בנין אין ראַטנפאַרבאַנד געבליבן — דער שפּראַך־פּענאָמען: יידיש; אָבער טאַקע בלויז שפּראַך־פענאָמען, נישט „יידיש־קודש״, אָן דעם קלענסטן שמץ פון יידישיזם. דעם דאָזיקן יסוד האָט געזאָלט פאַרפעסטיקן אַ קוואַנטיטאַטיווע אויסשפּרייטונג אין דער ברייט, דורך דער א״ג יידישיזאַציע.

אין די מיטן־צוואַנציקער און אָנהויב־דרייסיקער יאָרן איז אויף דער יידישיזאַציע געלייגט געוואָרן גאָר גרויסע האָפענונגען. אין יידישן שול־וועזן איז אפילו אָנגעגאַנגען אַ מין צוואַנג־יידישיזאַציע, וואָס האָט, צווישן 1924 און 1930, די צאָל תלמידים פון די יידישע שולן פאַרטאָפּלט אין אוקראַינע און פאַרגרעסערט אויף אָנדערטהאַלבן מאָל אין ווייסרוסלאַנד. פאַר אַזעלכע ריזיקע דערפאָלגן איז די יידסעקציע געוואָרן געלויבט ביזן הימל דורך די נאַציאָנאַל געשטימטע טיילן פון דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט און געמאַכט מיט דער בלאָטע צו גלייך דורך די חסידים פון אַסימילאַציע. דער אמת איז אָבער, אַז

נישט די שבחים און נישט די קריטיק זיינען ניט געווען קיין פאַר־דינטע. די צוואַנג־יידישיזאַציע האָט ניט געשטאַמט פון דער יידסעקציע. פּאַראַדאָקסאַל, איז זי דער יידסעקציע אַליין — געוואָרן כמעט אויפגעצוווּנגען.

בכדי צו באַנעמען ווי געהעריק די דאָזיקע באמת אויסטערלישע דערשיינונג, איז נויטיק זי איינצוגלידערן אין איר היסטאָרישן קאָנטעקסט. אָט דער קאָנטעקסט איז געווען — דער קאַמף, וואָס עס האָבן, אין די צוואַנציקער יאָרן, געפירט אַ ריי ניט־רוסישע פעלקער פון ראַטנפאַרבאַנד פאַר זייער נאַציאָנאַלער אידענטיטעט און נאַציאָנאַלער קולטור. אַמבעסטן לאָזט זיך אָט דער קאַמף נאָכפאָלגן אויפן ביישפּיל פון אוקראַינע, ווו ער איז אויך אַממערסטן באַלערנדיק, הן מחמת זיין דירעקטער אויסווירקונג אויפן גרויסן יידיש־אוקראַינישן ישוב, דעם צאָלרייכסטן אין ראַטנפאַרבאַנד, הן מחמת דער ענלעכקייט פון זיין פּראָבלעמאַטיק גופא צו די פּראָבלעמען פון דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט און דער יידישער קולטור.

צוויי דאָקומענטן רעזומירן דעם היסטאָרישן הינטערגרונט, אויף וועלכן עס האָט זיך אָפּגעשפּילט די יידישיזאַציע: די א״ג „טעזיסן פון פּלענום פון צענטראַל־קאָמיטעט און דער צענטראַלער קאָנטראָל־קאָמיסיע פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין אוקראַינע וועגן די אוקראַיניזאַציע־סך־הכּלען״, פון יוני 1926, און צווייטנס, די ווענדונג פונעם צענטראַל־קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין אוקראַינע צום אויספיר־קאָמיטעט פון „קאָמאינטערן״, פרילינג 1927.

די פּלענום־טעזיסן פון יוני 1926 מאַכן פאָלגנדיקן געשיכטלעכן איבערבליק איבער דער נאַציאָנאַלער פראַגע אין אוקראַינע:

„די ספּעציפישע באַדינגונגען אין דער היסטאָרישער אַנטוויקלונג פון אוקראַינע, וואָס האָבן געבראַכט צו דער רוסיפיקאַציע פון דער אוקראַינישער שטאָט און פונעם גרעסטן טייל פון פּראָלעטאַריאַט — פון איין זייט; פון דער צווייטער זייט — דער פאַרעקשנטער קאַמף מיט דער קאָנטער־רעוואָלוציע, וואָס אין איר שפּיץ זיינען געשטאַנען די אוקראַינישע סאָציאַל־שאָוויניסטישע פּאַרטייען; און לסוף די אָנוועזנקייט פון לוקסעמבורגישן שטאַנדפּונקט אויף דער נאַציאָנאַלער פראַגע ביי איניקע חברים, וואָס האָבן אָנגעפירט מיט אונדזער פּאַרטיי אין אוקראַינע אין די ערשטע יאָרן פון בירגער־קריג — דאָס אַלץ האָט געבראַכט דערצו, אַז די אוקראַינישע פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע האָט

לכתחילה ניט דערשאַצט דעם באַטייט פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע אין רעוואָלוציאָנערן קאַמף אויף אוקראַינע און אייניקע חברים זיינען אפילו דערגאַנגען צום אָפּלייקענען די עקזיסטענץ פון דער אוקראַי־נישער נאַציע גופא.

„פונדאַנען שטאַמט דאָס ניט־פאַרשטיין די לעניניש לייזונג פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע, דאָס ניט־דערשאַצן דעם באַטייט פון דער אוקראַינישער שפּראַך און די אַנטוויקלונג פון דער אוקראַינישער קולטור, ווי אַ מעכטיק מיטל פאַרן קולטורעלן אויפשטייג פון די מאַסן, ווי אַ גרונט־געצייג פאַרן פאַרשטאַרקן דעם פאַרבאַנד צווישן אַרבע־טער־קלאַס און פויערטום און ווי אַן אומבאַדינגטער תנאי פאַר דער בויאונג פון סאָציאַליזם״.*

די טעזיסן דערמאָנען ווייטער, אַז ערשט נאָכן 12טן אַלפאַרבאַנדישן פאַרטיי־צוזאַמענפאָר, פון אַפּריל 1923, איז „אָנגענומען געוואָרן אַ ריכ־טיקע ליניע אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע״ און די פאַרטיי אין אוקראַינע האָט „זיך געשטעלט אויפן וועג פון אַקטיווער אוקראַיניזאַציע״, וואָס עס האָט זיך אויסגעדריקט, צווישן אַנדערע, אין דער פאַרפליכטונג, פאַר יעדן פאַרטיי־מיטגליד, צו באַהערשן די אוקראַינישע שפּראַך און, פאַר דער פאַרטיי ווי אַ גאַנצער, צו נעמען „אַן אַקטיוון, אָרגאַניזירטן אַנטייל אין דער בויאונג פון דער אוקראַינישער קולטור״.

הגם די אוקראַיניזאַציע האָט, אין 1926, געהאַט שוין צו פאַרצייּ־כענען גרויסע דערגרייכונגען, האָבן די טעזיסן גערופן אָט דעם פּראָ־צעס אויסצובורייטערן און פאַרטיפן, פירנדיק אַן אַנטשיידענעם קאַמף גלייכצייטיק קעגן נאַציאָנאַלן ניהיליזם און קעגן רוסישן גרויסמלוכהשן שאָוויניזם.

„פּאַראַלעל מיט דער ווירקונג פון דער רוסישער בירגערלעכער גרויסמלוכהשער סטיכיע אויף די אַרבעטער און אפילו אויף פאַרטיי־מיטגלידער — שטעלן פעסט די טעזיסן — האָבן מיר נאָך ביז איצט אַ מין נאַציאָנאַלן ניהיליזם, וואָס איז געננג פאַרשפּרייט ווי צווישן פּראָלעטאַריאַט, אַזוי אויך צווישן די פאַרטייער פון רוסישער אָפּשטאַ־מונג, אַ גלייכגילטיקע און אָפטמאָל אויך גרינגשאַצנדיקע באַציאונג

* י. פ. הירטשאַק, „די נאַציאָנאַלע פראַגע און דער רעכטער אָפּ־נויג״, כאַרקאָוו, 1931, ז. 153.

צו דער נאַציאָנאַלער פראַגע, וואָס ווערט צוגעדעקט מיט פראַזעס וועגן אינטערנאַציאָנאַליזם.

„די פּאַרטיי דאַרף פירן אַן אַנטשיידענעם קאַמף סיי אין די אייגענע רייען, סיי אין די פּראָלעטאַרישע מאַסן קעגן די איינרעדענישן פונעם רוסישן און רוסיפיצירטן טייל פון פּראָלעטאַריאַט, קעגן דער פאַרקריפּלונג פונעם אינטערנאַציאָנאַליזם, קעגן דעם פאַלשן אינטערנאַציאָנאַליזם, דער רוסיפיקאַציע, דעם שאָוויניזם. די פּאַרטיי דאַרף דעמאַסקירן פאַרן פּראָלעטאַריאַט די גאַנצע רעאַקציאָנערישקייט פונעם רוסישן שאָוויניזם, אויפדעקנדיק זיינע וואָרצלען, זיין היסטאָרישע אָפּשטאַמונג אד״ג״. *

אָט די טעזיסן פון דער אוקראַינישער פּאַרטיי האָבן אפנים נישט אויסגענומען אין מאָסקווע, אויף אַזוי וויט נישט אויסגענומען, אַז דער אוקראַינישער צענטראַל־קאָמיטעט האָט געהאַלטן פאַר נויטיק זיך צו ווענדן, אין פרילינג 1927, מיט אַ ספּעציעלן מעמאָראַנדום צום אויספיר־קאָמיטעט פון קאָמאינטערן, דער אָפיציעל־העכסטער קאָמוניסטישער אינסטאַנץ. דער מעמאָראַנדום האָט דרייסט און שאַרף געשטעמפּלט, נאָך אַ מאָל „די אידעאָלאָגיע פון גרויסמלוכהשן רוסישן שאָוויניזם״, אין אַלע זיינע אויסדרוקן, און, צווישן אַנדערע, אין „דער פּראָפּאַגאַנדע פאַר אַ נייטראַלער באַציאונג מצד דער פּאַרטיי צו די אַנטוויקלונג־פּראָצעסן פון דער אוקראַינישער קולטור״ און אין „דער שטרעבונג איינצוהיטן מיט אַלע מיטלען דעם איבערגעוויכט פון דער רוסישער שפּראַך אינעם מלוכהשן, געזעלשאַפטלעכן און קולטורעלן לעבן פון אוקראַינע״. **

אין די דאָזיקע באַדינגונגען, איז די יידישיזאַציע דערשינען בפירוש ווי איינע פון די פאָרמען פונעם קאַמף, וואָס איז געפירט געוואָרן אין אוקראַינע — און אויך, הגם ווייניקער דרייסט, אין ווייסרוסלאַנד — קעגן דער רוסיפיקאַציע. דאָס אָרט פון יידישן קינד האָט געדאַרפט זיין — אין דער יידישער שול, בלויז און איינציק, אויב נויטיק, אַבליגאַטאָריש, אפילו מיט צוואַנג. (אַנהויב צוואַנציקער יאָרן, זיינען אין די אוקראַינישע שולן קיין יידן בדרך כלל נישט געגאַנגען). דאָס יידישע קינד האָט געדאַרפט אויפהערן צו זיין אַ מיטווירקנדיקער פאַקטאָר

---

* דאָרטן, ז. 159.

** דאָרטן, ז. 7.

פון גרויסמלוכהשער רוסישער אַסימילאַציע. אגב, צוגלייך מיט דער יידישיזאַציע, איז דורכגעפירט געוואָרן אויך אַ פּאָלאַניזאַציע פון די שול־קינדער פון דער פּוילישער נאַציאָנאַלער מינדערהייט, אַ גערמאַניזאַציע פון די דייטשישע שול־קינדער אאַ״וו.

די פּאָליטיק פון דער יידסעקציע בנוגע דער אָבליגאַטאָרישער יידישיזאַציע איז געווען אַ בולטע אילוסטראַציע פון דער גאַנצער סתירותדיקייט און אמביגואיטעט פון סאָוועטישן יידישקייט־נוסח. די אוקראַינישע און ווייסרוסישע יידסעקציעס האָבן נאַטירלעך געדאַרפט אויסדריקן — און האָבן אויסגעדריקט — זייער פולסטן הסכם מיט דער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק פון דער אוקראַינישער און ווייסרוסישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, צו וועלכע זיי האָבן באַלאַנגט אָרגאַניזאַציאָנעל. זיי האָבן זיך פולשטענדיק סאָלידאַריזירט מיטן פּאָליטישן געראַנגל, וואָס די אוקראַינישע און ווייסרוסישע קאָמוניסטן האָבן געפירט פאַר זייער נאַציאָנאַלער אידענטיטעט, פאַר זייער נאַציאָנאַלער קולטור, קעגן נאַציאָנאַלן נייטראַליזם און קעגן רוסיפיקאַציע. אָט די לאָזונגען פון דער אוקראַינישער און ווייסרוסישער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק זיינען אָבער קיינמאָל ניט אַריבערגעטראָגן געוואָרן אין דער יידישער נאַציאָנאַלער סביבה.

די יידסעקציעס האָבן אויפגענומען די אָבליגאַטאָרישע יידישיזאַציע ווי אַן אויסערלעכע, קאָניונקטורעלע דערשיינונג. די יידישע לערערשאַפט איז געוואָרן אויפגעבראַוזט, פול מיט ענטוזיאַזם. די ערשטע יידישע אַלרוסלענדישע מעטאָדישע קאָנפערענץ, אין 1926, האָט זיך פאַרמאָסטן צו יידישיזירן אויך — די יידישע שול גופא, פון אינעווייניק, אויך אין לערער־צימער און אין קאַנצעלאַריע. אַ ספּעציעלע רעזאָלוציע האָט זיך אַרויסגעזאָגט: „די קאָנפערענץ געפינט פאַר נויטיק, אַז אויף ווייטער זאָל די אומגאַנג־שפּראַך פונעם לערער זיין יידיש, אַז די גאַנצע געשעפט־פירונג אין שול (פּראָטאָקאָלן, זשורנאַלן, רעגיסטראַציע אאַ״וו) זאָל געפירט ווערן אויף יידיש״.

אָט דער ענטוזיאַזם איז צו דער אָנפירונג פון די יידסעקציעס לחלוטין ניט דערגאַנגען. זייער יידישיזאַציע איז געווען אַ ריין אַדמיניסטראַטיווע. זיי האָבן יידישיזירט — אָן אידעאָלאָגיע, אָן פּרינציפּן — בלויז און איינציק דערפאַר, וואָס די אוקראַינישע קאָמוניסטן — מיט אידעאָלאָגיע, מיט פּרינציפּן און אין שווערן פּאָליטישן געראַנגל

— האָבן אוקראַיניזירט און די ווייסרוסישע קאָמוניסטן האָב ווייסרוסי־פיצירט.

אָנהויב דרייסיקער יאָרן, האָט מאָסקווע געמאַכט אַ סוף צו דער פּאָליטיק הן פון אוקראַיניזאַציע, הן פון ווייסרוסיפיקאַציע. די נאַ־ציאָנאַלע יוירונגען זיינען געוואָרן געשטעמפּלט ווי נאַציאָנאַליזם און שאָוויניזם, אין בעסטן פאַל — ווי אַ רעכטער אָפּנויג. אויך די צוואַנג־יידישיזאַציע איז געוואָרן פארמשפּט, אָבער די יידישע טוער האָבן דערפון נישט געליטן. זיי האָבן לייכט געקאָנט דערווייזן, אַז ניט זיי האָבן פּאַקטיש יידישיזירט, נאָר זיי זיינען אַליין יידישיזירט געוואָרן. עס איז צוגעטראַכט געוואָרן אַ פילזאָגנדיקע פאָרמול: „די יידישיזאַציע איז געווען אַן אָביעקטיווע".

אין ביראָבידזשאַן איז קיין „אָביעקטיווע" יידישיזאַציע נישט מעג־לעך געווען. צווישן באַגריף פון יידישער מלוכהשקייט — אפילו סאָ־וועטיש־יידישער — און דעם סתירותדיקן יעווסעקיזם איז געלעגן אַ תהום. עס האָט געמוזט פאַרפעסטיקט ווערן און פאַרטיפט און פאַר־וואָרצלט אָט דאָס „נאַציאָנאַלע לויט דער פאָרם", וואָס אָן דעם האָט די מלוכהשקייט גופא פאַרלוירן איר זין און באַטייט. די יידישיזאַציע פון דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט — אַ צילגעווענדטע, אַ נאַציאָ־נאַל־אָנגעלאָדענע — האָט געמוזט זיין אַ „סוביעקטיווע".

קאַפּיטל פערצן

„צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון יידישן פאָלק״ — אַ היימלאַנד...

פון ווייטן — צען יאָר ווייט — האָט געלויכטן דער פאַרויסזאָג פון „אַלפאַרבאַנדישן סטאַראָסטאַ״: „איך רעכן, אַז אין צען יאָר אַרום וועט ביראָבידזשאַן זיין דער וויכטיקסטער, אויב ניט דער איינציקער אויפהיטער פון דער יידישער סאָציאַליסטישער נאַציאָנאַלער קולטור״. די ווערטער האָבן באַפליגלט און באַגייסטערט. עס האָט תיכף זיך אָנגעהויבן אַ שטילער פאַרמעסט צווישן דעם מלוכהשן צענטער, ביראָבידזשאַן, און דער „פּעריפעריע״, דער יידישער „צעשפּרייטונג״ — מאָסקווע, קיעוו, מינסק...

באַזונדערס איינדרוקספול איז געווען דער שוווּנג פונעם בילדונג־וועזן, הויפּט־פעסטונג פון דער יידישיזאַציע. אינעם לערן־יאָר 1932/1931, האָט גאַנץ ביראָבידזשאַן פאַרמאָגט 80 שולן, מיט אַן אַלגעמיינער צאָל פון 7.322 תלמידים, דערפון בלויז 6 יידישע שולן מיט קוים 250 תלמידים. דריי יאָר שפּעטער, אין לערן־יאָר 1935/1934, איז די צאָל שולן אויסגעוואַקסן אויף 99, מיט 10.091 תלמידים, דערפון שוין 13 יידישע שולן, מיט 1.114 תלמידים. אינעם לערן־יאָר 1936/1935, איז די אַלגעמיינע צאָל שילער געשטיגן ביז 14.000 און די צאָל יידישע שי־לער ביז 2.075. נאָך שפּעטער, אינעם לערן־יאָר 1937/1936, האָט די אַלגעמיינע צאָל שול־קינדער דערגרייכט 15.915 און די יידישע — קרוב 2.500. אַזוי אַרום האָט די צאָל פון יידישע שול־קינדער, במשך פון פינף יאָר, זיך פאַרצענפאַכט און במשך פון בלויז צוויי יאָר — פון 1935/1934 ביז 1936/1935 — זיך פאַרגרעסערט כמעט אויף דריטהאַלבן מאָל.

ווי אַלע סאָוועטישע שולן, האָבן די יידישע שולן זיך איינגע־טיילט אין דריי גרופּן: גרונטשולן (פיר־קלאַסיקע), ניט־פולע מיטל־שולן (זיבן־קלאַסיקע) און פולע מיטלשולן (צען־קלאַסיקע). אויסער די שולן, מיט יידיש ווי אַ לימוד־שפּראַך אין אַלע קלאַסן, זיינען געווען געמישטע שולן, מיט באַזונדערע יידישע און רוסישע קלאַסן. די יידי־שע קינדער זיינען בדרך כלל געגאַנגען אין דער יידישער שול און אין די יידישע קלאַסן פון די געמישטע שולן. עס איז אויך געווען ניט זעלטן, באַזונדערס אין די דאָרפישע ישובים, אַז אַ רוסיש קינד זאָל לערנען אין אַ יידישער שול. אַזוי למשל דערציילט פּ. נאָוויק, אין שליחות פון ניו־יאָרקער „מאָרגן־פרייהייט", אין 1936: „אויף מיין באַזוך אין דער קאָלווירט „וואַלדהיים", ניט ווייט פון דער שטאָט ביראָבידזשאַן, האָב איך געטראָפן אַ בלאָנד רוסיש מיידעלע, וועלכע איז אַ שילערין פון דער דאָרטיקער יידישער שול. זי האָט ניט נאָר גערעדט אַן אויסגעצייכנטן יידיש, נאָר האָט אַרויסגעוויזן אַ קענטע־ניש אין דער יידישער ליטעראַטור, וואָס האָט איבערגעשטיגן די קענ־טעניש פון געוויסע יידישע קינדער. איך האָב דער בלאָנדער רוסישער מיידעלע — ווערא האָט זי געהייסן — אַרויסגעוויזן אַ ספּעציעלן אינ־טערעס. אַ רוסישער קאָמוניסט, וואָס איז געווען מיט מיר, האָט עס ניט געקאָנט איינגאַנצן פאַרשטיין. — וואָס איז דער וווּנדער, האָט ער זיך אָנגערופן, זיינען דען ניט פאַראַן יידישע קינדער וואָס ריידן רו־סיש און קענען די רוסישע ליטעראַטור?". *

אינעם לערן־יאָר 1936/1935 זיינען אין דער יידישער געגנט געווען 13 פולשטענדיק יידישע שולן און 12 געמישטע, מיט יידישע קלאַסן. פון די יידישע שולן זיינען 8 געווען גרונטשולן, 4 — ניט־פולע מיט־שולן און איינע אַ צענקלאַסיקע פולמיטלשול, אין דער שטאָט ביראָ־דזשאַן. אין אַלע יידישע שולן איז דער רוסיש־לימוד געווען אָבליגאַ־טאָריש, ווי אַ קעגנשטאַנד, פון דריטן קלאַס אָן. קעגנזייטיק אָבער — און לכל הדעות אין די יאָרן 1935 און 1936, איז דער יידיש־לימוד גע־ווען פונקט אַזוי אָבליגאַטאָריש אין די רוסישע שולן. **

דער שטאָלץ פונעם יידישן שול־וועזן פון דער אויטאָנאָמער געגנט איז געווען די צען־קלאַסיקע שטאָטישע ביראָבידזשאַנער מיטלשול. גע־

---

* פּ. נאָוויק, „אידן אין ביראָבידזשאַן", ניו־יאָרק, 1937, ז. 60.

** י. לבבי, ההתישבות... ז. 269.

גרינדעט אָנהויב 1932, מיט קוים עטלעכע צענדליק קינדער, האָט זי במשך פון עטלעכע יאָר זיך פאַרוואַנדלט אין אַן ערשטראַנגיקן מוס־טער־אַנשטאַלט. אינעם לערן־יאָר 1933/1932 האָט די צאָל תלמידים דער־גרייכט שוין 236, אין לערן־יאָר 1935/1934 — 465, אין לערן־יאָר 1936/1935 — העכער 600 און אין לערן־יאָר 1937/1936 — קרוב 800.

אין 1935 איז פאַר דער ידישער מיטלשול ספּעציעל אויסגעבויט געוואָרן אַ גרויסער, געמויערטער, דריי־שטאָקיגער בנין — איינער פון די ערשטע געמויערטע הייזער אין ביראָבידזשאַן. דער לערער ניסן ראָזענטאַל, וואָס האָט אין דער ידישער מיטלשול געפירט דעם לימוד פון ידיש, באַשרייבט אַזוי די שול: „די ביראָבידזשאַנער שטאָטישע מיטלשול איז געווען איינע פון די בעסטע שולן אין דער ידישער אויטאָנאָמער געגנט. זי איז אויך געווען באַרימט אין ווייט־מזרחדיקן קאַנט. דער פאַרזיצער פון אויספיר־קאָמיטעט פון ווייט־מזרחדיקן קאַנט, קרוטאָוו, האָט באַזוכט די שול. ער איז געזעסן אויף די לימודים און געווען באַגייסטערט פון די אַלזייטיקע קענטענישן, וואָס די תל־מידים האָבן אַרויסגעוויזן. קרוטאָוו האָט באַוואונדערט די אָרדענונג אין דער שול, די טרייקייט פון פּעדאַגאָגישן קאָלעקטיוו און די איבערגע־געבענע אַרבעט פון די עלטערן... אין אָנהויב פון יאָר 1937 איז די ביראָבידזשאַנער ידישע מיטלשול געווען אין איר פולן אויפבלי. זי איז זיך שטאַרק צעוואַקסן און דערגרייכט אַ צאָל פון עטלעכע און פערציק קלאַסן".*

ס׳איז אינטערעסאַנט אָפּצומערקן, אַז אין דער שטאָט ביראָבידזשאַן האָט עקזיסטירט גלייכצייטיק אַ רוסישע פולמיטלשול, וועלכע האָט וואָרשיינלעך געהאַט ניט ווייניק ידישע שילער. לכתחילה איז די דאָ־זיקע שול געווען כמעט צוויי מאָל אַזוי גרויס ווי די ידישע מיטלשול, אין דער צאָל תלמידים. ביסלעכווייז אָבער איז דער אונטערשייד גע־וואָרן אַלץ קלענער. די ידישע שול האָט אָנגעהויבן דעריאָגן, מיט אַ טענדענץ שיער־ניט איבערצויאָגן די רוסישע שול. דער דורותדיקער רעפלעקס פון ידישע עלטערן וועגן „מלכות" און „תכלית פאַר קינדער" האָט, זעט אויס, אָנגעהויבן פאַרשווינדן אין דער ידישער „אייגענער נאַציאָנאַלער מלוכה".

---

* ניסן ראָזענטאַל, „ידיש לעבן אין ראַטנפאַרבאַנד", תל־אביב, 1971, ז. 344 און 345.

אויסער דער אַלגעמיינער שול־נעץ פון גרונטשולן און מיטלשולן, האָט ביראָבידזשאַן פאַרמאָגט פיר א"ג „טעכניקומס", ס'הייסט פּראָ־פעסיאָנעלע בילדונג־אַנשטאַלטן פון אַ ספּעציעלן מין, צווישן מיטל־בילדונג און הויך־בילדונג. דאָס זיינען געווען: דער פּעדאַגאָגישער טעכניקום, דער באַרג־מעטאַלורגישער טעכניקום, דער לאַנדווירט־שאַפטלעכער טעכניקום און דער מעדיצינישער טעכניקום.

דער „ביראָבידזשאַנער יידישער פּעדאַגאָגישער טעכניקום" איז געגרינדעט געוואָרן אין 1932, מיט דער הילף פון קיעווער אינסטי־טוט פאַר יידישער פּראָלעטאַרישער קולטור. דער ערשטער דירעק־טאָר פון טעכניקום, י. ראַבינאָוויטש, אַ וויסנשאַפטלעכער מיטאַרבע־טער פון קיעווער אינסטיטוט, איז ספּעציעל מיט דעם צוועק געשיקט געוואָרן קיין ביראָבידזשאַן דורך פּראָפ. ליבערבערגן. דער טעכניקום האָט געדאַרפט צוגרייטן לערער פאַר די יידישע פירקלאַסיקע גרונט־שולן און פאַר די ערשטע פיר קלאַסן פון די יידישע מיטלשולן.

דערעפנט איז דער פּעדאַגאָגישער טעכניקום געוואָרן אין אָקטאָבער 1932, בסך הכל מיט זיבן צוהערער. אין 1934 האָט ער שוין געציילט 78 סטודענטן און אין 1936 — 215 סטודענטן, בחורים און מיידלעך, גע־קומענע פון אוקראַינע, ווייסרוסלאַנד און אַנדערע געגנטן פון ראַטנ־פאַרבאַנד. צווישן די סטודענטן איז געווען אַ באַטייטיקער פּראָצענט אויסלענדישע איינוואַנדערער. דאָס זיינען געווען אַלע, הן די סאָוועטי־שע, הן די אויסלענדער, ענטוזיאַסטן פון יידיש און פון דער יידישער געגנט. די לערן־שפּראַך פון אַלע לימודים איז געווען יידיש. דער קורס פון די לימודים איז געווען פאַרויסגעזען אויף דריי יאָר. אינעם לערן־יאָר 1934/1935 איז ביים פּעדאַגאָגישן טעכניקום געגרינדעט גע־וואָרן אַ רוסישע סעקציע, אויף אויסבילדן לערער פאַר די רוסישע שולן פון דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט. אין דער דאָזיקער רוסי־שער סעקציע איז די יידישע שפּראַך געווען אַן אָבליגאַטאָרישער לימוד.

דער באַרג־־מעטאַלורגישער טעכניקום (אָפיציעלער נאָמען: „בי־ראָבידזשאַנער יידישער באַרג־מעטאַלורגישער טעכניקום פון פאָלקאָמ־שווער־אינדוסטריע", ס'הייסט, פון פאָלקס־קאָמיסאַריאַט פאַר דער שווער־אינדוסטריע) איז געשאַפן געוואָרן אין 1934. ער האָט באַדאַרפט צו־גרייטן טעכניקער פון באַרג־מעטאַלורגיע בכדי צו באַהערשן וואָס שנע־לער די נאַטור־אוצרות פון דער געגנט. הגם אויף צוויי יאָר ייִנגער פונעם פּעדאַגאָגישן טעכניקום, האָט דער באַרג־מעטאַלורגישער טעכ־

ניקום געהאַט אָנגעיאָגט, אין 1936, זיין עלטערן חבר אין דער צאָל סטודענטן און אפילו געהאַלטן אין איבערשטייגן אים.* אַזוי למשל זיינען אין מערץ 1936 צוגעקומען גאַנצע 125 סטודענטן, יוגנטלעכע פון מאָסקווע, קיעוו, אָדעס און כאַרקאָוו.** די לערן־שפּראַך פון אַלע לימודים איז געווען יידיש, אפילו פון אַזעלכע געביטן ווי אַלגעמיינע מעטאַלורגיע, קאָנסטרוקציע פון שמעלץ־אויוונס וכדומה, פאַר וועלכע ס׳איז נויטיק געווען צו שאַפן כסדר אַ יידישע טערמינאָלאָגיע.

דער לאַנדווירטשאַפטלעכער טעכניקום, דער עלטסטער אין דער געגנט, איז געשאַפן געוואָרן דעם 1טן יאַנואַר 1931, אָבער נישט אין דער שטאָט ביראָבידזשאַן גופא, נאָר תחילת אין אַ דאָרף און איז אי־בערגעפירט געוואָרן אין 1933 קיין סטאַלינפעלד. ער האָט באַדאַרפט אויסבילדן במשך פון דריי לערן־יאָר, אַגראָנאָמען, מעכאַניקער און טעכניקער פאַר דער לאַנדווירטשאַפט. די סטודענטשאַפט פון טעכני־קום איז געווען אַ צווישן־פעלקערלעכע. אין 1932, אויף 121 סטו־דענטן, זיינען געווען — 72 יידן, 26 רוסן, 10 אוקראַינער און 3 קאָ־רעאַנער. אין 1935, אויף 100 סטודענטן — 55 יידן, 25 רוסן, 6 קאָ־רעאַנער און 14 פון אַנדערע פעלקערשאַפטן. די לימודים אין טעכ־ניקום זיינען געפירט געוואָרן, גלייכצייטיק, אויף יידיש און רוסיש, אין פּאַראַלעלע גרופּן פון יעדן יערלעכן קורס. אין דעם אַגראָנאָמישן טעכניקום, ווי אין אַלע אַנדערע, זיינען די יידישע סטודענטן געווען ס׳רוב יוגנטלעכע פון אוקראַינע און ווייסרוסלאַנד.

דער מעדיצינישער טעכניקום, דער יינגסטער, (אָפיציעלער נאָ־מען: „יידישער מעדיצינישער פעלדשער־טעכניקום״) איז געגרינדעט געוואָרן דעם 2טן פעברואַר 1936 מיט 25 סטודענטן. אויך דאָ זיינען אַלע לימודים, לכל הדעות די ערשטע צייט, געפירט געוואָרן אויף יידיש.

וועגן דער יונגער, ענטוזיאַסטישער ביראָבידזשאַנער סטודענט־שאַפט האָט געשריבן פּ. נאָוויק: „זיי אַלע שטעלן פאַר מיט זיך אַ קראַפט פאַר יידישער קולטור, וואָס ווירקט ווייט אויסער די ווענט און די שפּיל־הויפן פון די לערן־אַנשטאַלטן. זיי העלפן אַריינברענגען

* פּ. נאָוויק, ז. 64.

** י. לבבי, „ההתישבות...״ ז. 279.

קולטור צווישן געקומענע פון אוקראַינע און ווייסרוסלאַנד, איינפלאַנצן אַ ריינע שפּראַך״.*

אויף דער גרונט־באַזע פון יידישן קולטור־בוי — שול און ביל־דונג־וועזן אין ברייטן פאַרנעם — האָבן זיך באַלד באַוויזן אַ ריי אַנדערע בנינים, פון ערשט־ראַנגיקן באַטייט.

אָנהויב 1935 איז ביים אויספיר־קאָמיטעט פון דער יידישער געגנט — און דאָס הייסט, אונטער דער דירעקטער און פּערזענלעכער השגחה פון פּראָפ. ליבערבערג — געשאַפן געוואָרן אַ ספּעציעלע קאָמיסיע, וואָס האָט געהייסן „וויסנשאַפטלעכע פאָרשערישע קאָמיסיע צו דער־לערנען די קולטור און די נאַטירלעכע רייכטימער פון דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט״. די מיטאַרבעטער פון דער קאָמיסיע זיינען כמעט אַלע געווען פריערדיקע וויסנשאַפטלעכע מיטאַרבעטער פון קיעווער אינסטיטוט פאַר יידישער פּראָלעטאַרישער קולטור. די אַרבעט־געביטן און די פּלענער פון דער קאָמיסיע זיינען געווען שטאַרק פאַרשיידנאַר־טיקע, ווי למשל: אַ דאָקומענטאַלער אַרכיוו צו דער געשיכטע פון בירָאבידזשאַן, אַ וויסנשאַפטלעכער סך־הכל פון די נאַטור־אוצרות פון דער געגנט, אויפן סמך פון די פאַרשיידענע געאָלאָגישע עקספּעדי־ציעס, וואָס האָבן די געגנט געהאַט אויסגעפאָרשט; אַ סטאַטיסטיש־עקאָנאָמישער האַנטבוך וועגן דער געגנט; אַ לערנבוך פון יידיש פאַר דערוואַקסענע אָנפאַנגער; אַן אַלגעמיינע ביבליאָגראַפיע וועגן יידישן בוך אין ראַטנפאַרבאַנד אין 1936 בכלל און וועגן בירָאבידזשאַן בפרט; אַ זאַמלבוך צו דער געשיכטע פונעם בירגער־קריג אויף דער טערי־טאָריע פון דער יידישער געגנט א״א. לויט דער באַשטעלונג פון דער קאָמיסיע, זיינען אין 1936 אויסגעפאַרטיקט געוואָרן עטלעכע ערנסטע וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן וועגן דער פּראָבלעמאַטיק פון דער לאַנד־ווירטשאַפט אין דער יידישער געגנט (פּראָפ. ברוק), וועגן דער פלאַנצן־וועלט און די בעלי־חיים פון בירָאבידזשאַן (ג. גרינבערג) און אויך אַן אַלגעמיינע געאָגראַפיע פון דער געגנט (פּראָפ. זשיוו).

די יידישע געזעלשאַפטלעכקייט פון בירָאבידזשאַן האָט אָט די וויסנשאַפטלעך־פאָרשערישע קאָמיסיע „מיט רעכט באַטראַכט אַלס קע־מערל פון דעם צוקונפטיקן אינסטיטוט פאַר יידישער פּראָלעטאַרישער

* פּ. נאָוויק, ז. 65.

קולטור".* אַ געוועזענע מיטאַרבעטערין פון דער קאָמיסיע, אסתר ראָזענטאַל־שניידערמאַן, דערציילט: „אין דער דאָזיקער וויסנשאַפטלע־כער קאָמיסיע האָבן עקזיסטירט פאַרשיידענע אָפּטיילן. מיט דער צייט האָט זי געדאַרפט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ גרויסער יידישער פאָר־שונגס־אַקאַדעמיע".**

אַ גאַנץ באַזונדער אָרט אין קולטור־לעבן און אין דער יידישיזאַ־ציע פון דער געגנט האָט פאַרנומען דער ביראָבידזשאַנער יידישער מלוכה־טעאַטער. שוין די געשיכטע פון אָט דעם טעאַטער איז ווייט ניט קיין געוועגלעכע. ער איז געשאַפן געוואָרן ווי אַ מתנה פאַר דער יידישער געגנט מצד דעם מאָסקווער יידישן מלוכה־טעאַטער („גאָסעט"). די מתנה איז געגרייט געוואָרן, מיט אומגעהויער אַ סך ליבשאַפט און האָפענונג, במשך פון גאַנצע דריי יאָר — אין שוישפּיל, רעפּערטואַר, רעזשי, מוזיק און כאָרעאָגראַפיע — אויף די שול־בענק פון דער טע־אַטער־שול ביים מאָסקווער „גאָסעט". דער גאַנצער צווייטער אַרויסלאָז פון טעאַטער־שול האָט געשאַפן דעם קערן פונעם שוישפּילער־קאָלעק־טיוו פאַרן ביראָבידזשאַנער טעאַטער. יעדער שוישפּילער האָט זיך מתחייב געווען צו בלייבן אין דער יידישער געגנט מינימום אַ צוויי־דריי יאָר. אין חודש אַפּריל 1934 איז, אַזוי אַרום, אַרויסגעפאָרן פון מאָסקווע קיין ביראָבידזשאַן אַ גרייטער, הויך־געשולטער און צוזאַ־מענגעשפּילטער טעאַטער־אַנסאַמבל, אין באַשטאַנד פון פינף־און־צוואַנ־ציק שוישפּילער, זעקס אָרקעסטער־מוזיקאַנטן, אַ רעזשיסאָר, אַ קינסט־לערישער לייטער, אַ פולער טעכנישער און אַדמיניסטראַטיווער פּער־סאָנאַל און עטלעכע וואַגאָנען דעקאָראַציעס מיט קאָסטיומען.

די פייערלעכע דערעפענונג פון טעאַטער — וועלכער האָט צום ערשטן מאָל אָפיציעל געהייסן „ביראָבידזשאַנער יידישער מלוכה־טע־אַטער" — איז פאָרגעקומען דעם 2טן יוני 1934. די דערעפענונג־פּראָג־ראַם איז באַשטאַנען פון אַ שלום־עליכם־אָוונט, ווי אַן אויסדרוק פון דאַנקבאַרקייט און פאַרערונג פאַרן מאָסקווער „גאָסעט", וועלכער האָט, מיט העכער דריי־און־צוואַנציק יאָר פריער, דעם 1טן יאַנואַר 1921, זיך געהאָט אַליין דערעפנט, אין די יאָרן פון רעוואָלוציאָנערן אויפ־

* קירזשניץ, ז. 62.

** ראָזענטאַל־שניידערמאַן, ז. 372.

ברויז, פון הונגער און קעלט, מיט די זעלבע דריי איינאַקטערס פון שלום־עליכם: „אַ גט", „מזל־טוב" און „ס'אַ ליגן".

אויסער דער שטאָט ביראָבידזשאַן, ווו ס'איז פאַר אים אויסגעבויט געוואָרן אַ ספּעציעלער בנין, מיט אַ צושויער־זאַל פון 450 פּלעצער, האָט דער טעאַטער באַדינט אויך די פאַרשיידענע אָרטשאַפטן פון דער געגנטלעכער „פּראָווינץ". ער פלעגט אָפט שפּילן פאַר די לאַנדווירט־שאַפטלעכע ישובים און צייטנווייז אפילו — פאַר די רויטאַרמייער פון אָרטיקן גאַרניזאָן און די מאַטראָסן פון דער מיליטערישער פלאָ־טיליע פונעם גרענעץ־טייך אַמור. זייער שנעל איז דער טעאַטער גע־וואָרן אומגעהויער באַליבט אין דער גאַנצער יידישער אויטאָנאָמער געגנט.

אַ ביז גאָר אַנגעזעענע קולטור־אינסטיטוציע איז אויך געווען די געגנטלעכע ביבליאָטעק אופן נאָמען פון שלום־עליכם. געגרינדעט אין 1931, מיט אַ פאָנד פון קוים 2.000 בענדער, איז זי געוואָרן אָרגאַ־ניזירט — ווידער מיט דער הילף פון קיעווער אינסטיטוט פאַר יידי־שער פּראָלעטאַרישער קולטור. אין 1933 האָט דער אינסטיטוט גע־שיקט קיין ביראָבידזשאַן דעם וויסנשאַפטלעכן מיטאַרבעטער פון דער ביבליאָגראַפישער צענטראַלע, י. עליאַוויטש, וואָס איז באַשטימט געוואָרן פאַר דירעקטאָר פון דער ביבליאָטעק. אין 1936 האָט דער ביכער־פאָנד געציילט שוין 22.000 בענדער, דערפון 11.700 אויף יידיש.*

די געגנט האָט פאַרמאָגט אַ טעגלעכע צייטונג „ביראָבידזשאַנער שטערן" (טעגלעך, פון אָקטאָבער 1934), אַ באַטייטיקע שרייבער־גרופּע און, פון 1936, אַ טעגלעכע ראַדיאָ־עמיסיע אויף יידיש. וואָס ווייטער, אַלץ מער, האָט ביראָבידזשאַן זיך פאַרוואַנדלט אין אַ קולטור־צענ־טער און באַלד, מיט אַ בפירושער טענדענץ צו דערשיינען נישט בלויז ווי אַ צענטער, נאָר ווי דער צענטער פון דער יידישער סאָוועטישער קולטור. צוויי ביישפּילן אילוסטרירן אַמבעסטן די דאָזיקע טענדענץ.

סוף 1935 איז געקומען אין דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט, אויף באַזעצן זיך און שטענדיקער אַרבעט, דער לענינגראַדער יידישער וואָקאַלער אַנסאַמבל, בראש מיטן באַקאַנטן קאָמפּאָזיטאָר יוסף מיל־נער, איינער פון די פּיאָנערן פון דער מאָדערנער יידישער מוזיק־באַ־

---

* י. לבבי, ההתישבות... ז. 288.

ווערונג. דער אַנסאַמבל איז אָפיציעל איינגעשלאָסן געוואָרן אין דער געגנטלעכער נעץ קולטור־אַנשטאַלטן.*

נאָך מער אויפפאַלנדיק און סימפּטאָמאַטיש זעט אויס אַ צווייטער ביישפּיל. אָנהויב 1936 איז פון זשיטאָמיר אַריבערגעפאָרן קיין בירא־בידזשאַן אַן אַנסאַמבל מוזיקער, „מיט דער אויסזיכט אויסצובילדן פון זיך אין דער נאָענטסטער צייט אַ סימפאָנישן אָרקעסטער".**

דער קולטור־פונאַנדערבלי איז אָבער ניט געווען קיין אָפּגעריסע־נע דערשיינונג פון בלויז „מרכז רוחני", ער האָט אָפּגעשפּיגלט די אַל־געמיינע אַנטוויקלונג פון דער געגנט, וועלכע איז, במשך פון עטלע־כע יאָר — ריכטיקער, בלויז פון צוויי יאָר — געוואָרן נישט צו דער־קענען. די ענדערונגען האָבן זיך בולט אָנגעמערקט אויפן וויכטיקסטן געביט, אויפן דעצידירנדיקן „פראָנט" — פון איינוואַנדערונג און דע־מאָגראַפיע.

נאָך דער קאַטאַסטראָפאַלער דערפאַרונג פונעם יאָר 1933 — 3.000 איינוואַנדערער אויף 4.000 אויסוואַנדערער — איז דער איינוואַנדע־רונג־פּלאַן אויף 1934 געווען אַ מער באַשיידענער: ער האָט פּאָרויסגע־זען „בלויז" 10.000 איינוואַנדערער. געקומען זיינען 5.250, ס'הייסט העכער אַ העלפט (אָבער כמעט טאָפּלט ווי מיט אַ יאָר פריער), פון וועלכע עס זיינען, ווי געוויינלעך, צוריקגעפאָרן — ווידער העכער אַ העלפט, אַזוי אַז פאַרבליבן אין דער געגנט זיינען בלויז 2.000 איינ־וואַנדערער. אין פאַרגלייך מיטן פריערדיקן, קאַטאַסטראָפאַלן יאָר, האָט זיך עס גערעכנט פאַר אַ דערפאָלג. דער יידישער ישוב, אַנשטאָט זיך צו פאַרקלענערן, האָט זיך פאַרגרעסערט אויף אַ גאַנצן דריטל און איז אויסגעוואַקסן, פון 6.000 אויף 8.000 נפשות. סוף 1934, ווען עס האָט זיך אַדמיניסטראַטיוו אָרגאַניזירט און האָט געשטעלט אירע ערשטע מלוכה־טריט די אויטאָנאָמע געגנט, האָט די יידישע באַפעלקערונג — 8.000 נפשות — אויסגעמאַכט 13,5 פּראָצענט (לויט אַנדערע מקורות — 15,4 פּראָצענט) פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג.

דער איבערברוך אין דער איינוואַנדערונג־ליניע — אַ שאַרפער, אַ ראַשיקער, אַ קוואַנטיטאַטיווער און קוואַליטאַטיווער גלייכצייטיק — איז דערשינען גלייך פונעם יאָר 1935 אָן. לויטן פּלאַן, האָט די צאָל

* קירזשניץ, ז. 45.

** קירזשניץ, ז. 45.

איינוואַנדערער געדאַרפט דערגרייכן, אין דעם יאָר, 10.500 מאַן. גע־קומען זיינען 8.344 מאַן, ס׳הייסט אַכציק פּראָצענט, אַ פּראָפּאָרץ וואָס איז נאָך קיינמאָל ניט געהאַט דערגרייכט געוואָרן. אויף דער אַלגעמיי־נער צאָל פון 8.344 איינוואַנדערער, זיינען 6.135 געקומען דורכן קאָ־מערד (דער געזערד איז, ווי באַקאַנט, „באַפרייט" געוואָרן פון דער דאָזיקער פונקציע) און די איבעריקע, אויף אייגענער איניציאַטיוו. צום ערשטן מאָל האָבן, צווישן די איינוואַנדערער, זיך געפונען אַ באַ־טייטיקע צאָל ניט־יידן — 820 בלויז דורכן קאָמערד, כמעט אַלע סטאָלערס און טעסלערס. עס איז אַנצונעמען, אַז אויך צווישן די, וואָס זיינען געקומען אויסערן קאָמערד, איז געווען אַ צאָל ניט־יידן, וואָר־שיינלעך אויך בעיקר בוי־אַרבעטער, אין וועלכע די געגנט האָט זיך שטאַרק גענויטיקט. געקומען זיינען אויך מערערע יידישע הויך־קוואַ־ליפיצירטע ספּעציאַליסטן — אַגראָנאָמען, דאָקטוירים, פּעדאַגאָגן, קול־טור־טוער, ווירטשאַפטלער, אַדמיניסטראַטיווע טוער א״א. — העכער 600 מאַן.*

דער איבערברוך איז אָבער דערשינען מיט אַ באַזונדער בולט־קייט ביים צווייטן אַספּעקט פונעם איבערוואַנדערונג־פענאָמען: עס האָט זיך אינגאַנצן אָפּגעשטעלט די אויסוואַנדערונג. קיין צוריקפאָרער זיינען אין 1935 נישט געווען, יעדנפאַלס לויט די אָפיציעלע ידיעות, וועלכע זיינען וואַרשיינלעך געשטאַנען ניט זייער ווייט פון אמת. לכל הדעות האָט די יידישע באַפעלקערונג פון דער געגנט זיך פאַרגרעסערט, במשך פונעם יאָר, אויף גאַנצע 6.000 נפשות, ס׳הייסט שיער־ניט זיך פאַרטאָפּלט און איז אויסגעוואַקסן ביז 14.000 נפשות. דאָס איז געווען דער גרעסטער שפּרונג אין דער יידישער דעמאָגראַפיע פון ביראָבי־דזשאַן. אַזוי אַרום איז געלייזט געוואָרן אַן עיקרדיקער פּראָבלעם — דער מאַסן־אָפּפלוס — וואָס האָט געהאַט אַראָפּגעריסן אַלע פּלענער און סיטעמאַטיש דערזאָרגאַניזירט די ווירטשאַפט פון דער געגנט.

אויפן יאָר 1936 האָט דער פּלאַן פאָרויסגעזען 10.000 איינוואַנדע־רער. געקומען זיינען גאַנצע 8.000, פון זיי 6.758 דורכן קאָמערד. דאָס איז געווען, צום צווייטן יאָר שוין, אַ מאַסן־איינוואַנדערונג, אין פולן זין פון וואָרט. אין חודש אויגוסט 1936 האָט די יידישע באַפעלקערונג פון דער אויטאָנאָמער געגנט דערגרייכט, לויט אַ דערקלערונג פון

* קירזשניץ, ז. 6.

פראָפ. ליבערבערג אויף אַ געזערד־זיצונג אין מאָסקווע, די צאָל פון 18.000 מאַן. במשך פון קאַרגע צוויי יאָר האָט זי בכן מער ווי פאַר־טאָפּלט זיך און אויסגעמאַכט 23,5 פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער באַ־פעלקערונג פון דער געגנט.

נאָך מער ראַשיק און איבערראַשנדיק איז געווען דער וווּקס פון דער שטאָט ביראָבידזשאַן גופא, די הויפּט־שטאָט פון דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט. אין 1926 האָט די באַן־סטאַנציע „טיכאָנקאַיאַ" גע־ציילט בסך־הכל 881 איינוווינער. מיטן אָנהויב פון דער יידישער איינ־וואַנדערונג, האָט די איינוווינערשאַפט אָנגעהויבן פּאַמעלעך זיך צו פאַר גרעסערן און האָט אויסגעמאַכט: אין 1929 — 1.288 נפשות און סוף 1931 — 3.000. „טיכאָנקאַיאַ" האָט דאַן שוין משנה שם געווען אויף „בי־ראָבידזשאַן" און דער וווּקס האָט זיך פאַרשנעלערט: אין 1932 — 4.000 איינוווינער, אין 1933 — 7.000 און אין 1934 — 7.400 (לויט אַנדערע מקורות — 8.000). דאַן קומט דער נייער ריטם, וואָס איז כאַ־ראַקטעריסטיש פאַר די ערשטע צוויי יאָר פון דער אויטאָנאָמער געגנט: אין אָקטאָבער 1935 האָט די שטאָט געציילט 10.300 איינוווי־נער, אין מאַי 1936 — קרוב 15.000 און סוף 1936 — 20.000. מיט אַנדערע ווערטער, במשך פון די צוויי יאָר, איז די שטאָט אויסגע־וואַקסן אויף צוויי מיט אַ האַלבן מאָל.

„די שטאָט ביראָבידזשאַן, הויפּט־שטאָט פון דער יידישער אויטאָ־נאָמער געגנט — האָט געשריבן אין סעפּטעמבער 1936 אַזאַ געניטער אָבסערוואַטאָר ווי פּ. נאָוויק — איז באמת דאָס, וואָס אַמעריקאַנער רופן אָן „די ביגגעסט ליטל טאַון", די גרעסטע קליינע שטאָט. דער פאַרנעם, דער אימפּעט, דער גאַנצער פּולס איז ווי פון אַ גרויס־שטאָט, טאַקע ווי פון אַ הויפּטשטאָט. וואָרום אפילו ניט אַלע גרויסע שטעט האָבן מלוכה־טעאַטערס, טעכניקומס, ביראָבידזשאַן האָט עס... אויפן טאָג־אָרדענונג שטייט איין וואָרט: בויען. דאָס איז דער לייט־מאָטיוו פון דער שטאָט ביראָבידזשאַן".* דאָס איז געווען גלייכצייטיק דער לייטמאָטיוו פון דער גאַנצער יידישער אויטאָנאָמער געגנט.

עס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דער סאָוועטישער ווירקלעכקייט פון יענע יאָרן און אייגנטלעך, נישט בלויז פון יענע יאָרן — אַז אין

---

* פּ. נאָוויק, דייט 16 און 20.

דער יידישער געזעלשאַפֿטלעכקייט פֿון ראַטנפֿאַרבאַנד איז קיינמאָל ניט אויפֿגעקומען עפֿנטלעך די פֿראַגע וועגן די סיבות פֿונעם טיפֿן שינוי אין פֿאַרנעם און כאַראַקטער פֿון דער איבערוואַנדערונג קיין ביראָבי־בידזשאַן, אין די יאָרן 1935 און 1936, וועגן די סיבות פֿונעם נייעם און אומגעזעענעם ריטם אין אויפֿבוי פֿון דער יידישער געגנט. מען איז געבליבן ביי דער אָפּגעבליאַקעוועטער, קאַזיאָנער סכעמע: אַלע פּע־לערן, אַלע דורכפֿאַלן, אַלע „דורכרייסן" שטאַמען פֿון כלערליי „רעכ־טע אָפּאָרטוניסטן", „לינקע ניהיליסטן", שעדיקער, פֿאַררעטער און שונ־אים פֿון פֿאָלק; אַלע דערפֿאָלגן קומען, ווי דער פֿאַרצייטיקער „דעוס עקס מאַכינאַ", פֿון דער ריכטיקער פּאַרטיי־ליניע, פֿון דער „פֿעסטער באַלשעוויסטישער אָנפֿירונג".

אָט איז למשל אַן אויפֿקלערונג פֿון אַן ערנסטן יידיש־סאָוועטישן פּובליציסט: „באַלד נאָך איר פּראָקלאַמירונג, האָט די נייע געגנט באַ־קומען אַ פֿעסטע באַלשעוויסטישע אָנפֿירערשאַפֿט, וועלכע האָט אַנט־שיידן געענדערט די מעטאָדן און דעם סטיל פֿון דער אַרבעט אויף אַלע באַצירקן פֿון דער נאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער ניי־בויאונג... די באַלשעוויסטישע אָנפֿירערשאַפֿט פֿון דער געגנט האָט אַנטשיידן באַ־קעמפֿט דאָס ניט־דערשאַצן די וויכטיקייט פֿון קולטורעל אויפֿנעמען און פֿאַרפֿעסטיקן די איבערוואַנדערער און האָט מאָביליזירט אַלע פּאַר־טייאישע, פּראָפֿעסיאָנעלע, סאָוועטישע און ווירטשאַפֿטלעכע אָרגאַני־זאַציעס צו ליקווידירן די גרונט־סיבות, וואָס האָבן אַרויסגערופֿן דעם אָפּפֿלוס". *

די דאָזיקע „פֿעסטע באַלשעוויסטישע אָנפֿירונג" איז אגב קורץ דער־נאָך אַראָפּגענומען געוואָרן, מיט שאַנד־און־שפּאָט, און דער הויפּט־אָנ־פֿירער, דער געגנטלעכער פּאַרטיי־סעקרעטאַר מאַטוועי פּאַוולאָוויטש כאַוועקין, אַ קליין מענטשעלע און דערצו אַן עם־הארץ, וואָס האָט גע־שפּילט „אין ביראָבידזשאַן די ראָלע פֿון אַ סטאַלין אין מיניאַטור",** כאַוועקין איז געשטעמפּלט געוואָרן דורך „זיין" געגנטלעכן פּאַרטיי־קאָ־מיטעט, ווי „אַן אומווירדיקער מענטש, מער נאָך, אַן אומווירדיקער פּאַרטייער און פּאַרטיי־פֿירער".

---

* קירזשניץ, ז. 5 און 7.

** ראָזענטאַל־שניידערמאַן, ז. 349.

דער אומגעהויערער דערפּאָלג פון די ערשטע צוויי יאָר אויטאָ־נאָמע געגנט איז געווען דער דערפּאָלג פון — דער קאַלינין־דאָקטרין, וואָס ליבערבערג האָט זיך פאַרנומען זי צו רעאַליזירן, טריט ביי טריט, אָבער קאָנסעקווענט און ביזן סוף, אָן טומל און דעקלאַראַציעס, אָבער מיט פיל מוט, מיט כסדר נייע איניציאַטיוון, מיט כסדרדיקע, טאָג־טעג־לעכע מעשים. קאַלינינס רוף צו „פאַרבינדן זיך מיט בירָאָבידזשאַן", צו העלפן בירָאָבידזשאַן, האָט געפונען אַ טיפן אָפּקלאַנג. דער אָפיציע־לער הכשר, וואָס קאַלינין האָט געגעבן פאַר דער ליבשאַפט צו דער „יידישער נאַציאָנאַלער קולטור" און דעם „ווילן אויפצוהיטן די נאַ־ציאָנאַליטעט" איז טאַקע געווען בעיקר אַ פּראַגמאַטישער, אָן אַ דעם טעאָרעטיזירנדיקן יסוד, אויף וועלכן עס האָט זיך געשטיצט דער כוח פון פּאַרטיי־דאָגמע. לכל הדעות אָבער האָבן קאַלינינס ווערטער אַריינ־געבראַכט זין און פּערספּעקטיוו דאָרט, ווו עס האָט געהערשט בלויז אומלייזבאַרע סתירותדיקייט פון יעווסעקיזם. דער סאָוועטישער וואַ־ריאַנט פון אחד־העם׳יזם איז, זעט אויס, געווען שטאַרק צום האַרצן פון געוויסע טיילן פון סאָוועטישן יידנטום און קודם כל פון דער יידי־שער אינטעליגענץ, וואָס האָט אַנגעהויבן זיך אָפּגעבן אַ חשבון, אויף ווי וויט די כוואַליעס פון אַסימילאַציע זיינען געוואָרן אַלץ מער באַ־דראָענדיק.

די בירָאָבידזשאַן־איינוואַנדערונג פון די יאָרן 1935 און 1936 האָט דעריבער זיך אונטערשיידט וועזנטלעך פון דער גאַנצער פריערדיקער איינוואַנדערונג — נישט בלויז קוואַנטיטאַטיוו, מיט איר מאַסן־כאַראַק־טער און איר סטאַביליקייט, נאָר גלייכצייטיק מיט איר געזעלשאַפט־לעכן באַוווסטזיין און הויכער נאַציאָנאַלער אָנלאָדונג. זי האָט געבראַכט אין דער יידישער געגנט אַ ביז דאַן אומגעזעענע דערהויבנקייט. „עס האָבן זיך באַוויזן נייע מענטשן — האָט געשריבן שמעון דימאַנשטיין אין זיין אַרטיקל „סאָוועטישע יידישע מלוכהשקייט", צום צוויי־יאָריקן יובל פון דער געגנט — נייע מענטשן, וואָס האָבן פולקום באַהערשט די טעכניק און האָבן זיך איינגעשלאָסן מיט קאָלאָסאַלן ענטוזיאַזם אין דער נייער בויאונג".* אָט דער „קאָלאָסאַלער ענטוזיאַזם" איז ניט גע־ווען סתם יובל־מליצה, נאָר אַ פאַקט, וואָס עס באַשטעטיקן אַלע עדי־ראיה פון יענער צייט.

---

* „פאַרפּאָסט", נומ. 1, ז. 119„ בירָאָבידזשאַן, 1936.

דאָס הייסט אָבער ניט, אַז אַלץ אין דער יידישער געגנט איז גע־גאַנגען כשורה, ווייט ניט אַלץ. מיט אַ באַזונדער שאַרפקייט איז גע־שטאַנען — ריכטיקער, איז ניט אַראָפּ פון סדר־היום — די פראַגע פון דער לאַנדווירטשאַפט. דאָס איז געווען, לויטן אָנגענומענעם סאָוועט־טישן אויסדרוק, „דער ענגער אָרט״ פון דער גאַנצער געגנטלעכער ווירטשאַפט. פונעם ראַשיקן וווקס פון דער איינוואַנדערונג האָבן גע־נאָסן בעיקר, אויב ניט אויסשליסלעך, די שטאָטישע ישובים און ספּע־ציעל די הויפּט־שטאָט בּיראָבּידזשאַן. דער וווקס פון די דאָרפישע ישובים איז געווען אַ באַשיידענער. דער מצב פון די עלטערע קאָל־ווירטן — „אַמורזעט״, „וואַלדהיים״, „בירעפעלד״, „איקאָר״ — איז גע־ווען אַ שווערער, צייטנווייז אַ קריטישער. די אָנגעגעבענע ציפערן וועגן באַשטאַנד פון אָט די קאָלווירטן, אין מענטשן און אינווענטאַר, האָבן ניט געהאַט קיין גרויס ממשות, מחמת דער באַשטאַנד האָט זיך כסדר געענדערט.

דער פאַרזיי־שטח, וואָס איז במשך פון די יאָרן 1931/1928 סיס־טעמאַטיש געוואָקסן — פון 14.000 ביז 28.899 העקטאַר — איז אין 1932 געפאַלן ביז 28.350 העקטאַר און האָט סוף 1933 דערגרייכט קוים 31.000 העקטאַר. מיטן פּראָקלאַמירן די אויטאָנאָמע געגנט, האָט זיך אָנגעמערקט אַ געוויסער איבערברוך אויך אין דער לאַנדווירטשאַפט. אין 1934 זיינען געשאַפן געוואָרן פיר נייע „איבערוואַנדערער־קאָלווירטן״ און אין 1935 נאָך פינף, ס'הייסט צוזאַמען ניין, אָנטקעגן די בסך־הכל פינף קאָלווירטן וואָס די געגנט האָט פריער פאַרמאָגט. דער פאַרזיי־שטח האָט ווידער אָנגעהויבן צו שטייגן: 32.500 העקטאַר אין 1934, 38.000 אין 1935 און 42.000 אין 1936. אָט דער וווקס פון העכער 35 פּראָצענט, במשך פון די צוויי יאָר עקזיסטענץ פון דער אויטאָנאָמער געגנט, איז זיכער געווען אַ דערגרייכונג, אָבער ווייט ניט קיין גענוגנ־דיקע, מחמת פאַר דער זעלבער צייט איז די באַפעלקערונג פון דער געגנט אויסגעוואָקסן אויף צוויי מיט אַ האַלבן מאָל. סוף 1936 האָט די געגנט פאַרמאָגט 16 „איבערוואַנדערער־קאָלווירטן״ — צוויי געשאַפענע במשך פונעם יאָר — מיט אַ באַפעלקערונג פון 2.500 נפשות, וואָס האָט אויסגעמאַכט קוים 15 פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער יידישער באַפעלקערונג פון בּיראָבּידזשאַן. דער א״ג „איינרייס צווישן דער לאַנד־ווירטשאַפטלעכער און אינדוסטריעלער באַזעצונג״ האָט, נישט בלויז זיך פאַרקלענערט, נאָר אדרבא געהאַלטן אין אין זיך פאַרגרעסערן.

די שוואַכקייטן פון כמות האָט די יידישע לאַנדווירטשאַפט באַמיט זיך צו קאָמפּענסירן, כאָטש טיילוויז, דורך דערגרייכונגען פון איכות. די „איבערוואַנדערער־קאָלווירטן", מיט דער הילף פון די געגנטלע־כע „פּרוביר־פעלדער", האָבן דערגרייכט גערעטעונישן, וואָס האָבן ווייט אַריבערגעשטיגן דעם דורכשניט פון דער געגנט — און פון גאַנצן ווייט־מיזרחדיקן קאַנט. בלויז במשך פון איין יאָר (1936 אין פאַרגלייך מיט 1935) איז אין די יידישע קאָלווירטן די גערעטעניש אויף יעדן העקטאַר באַדן אויסגעוואַקסן: פון ווייץ — אויף אַ דריטל, פון האָ־בער — מער ווי טאָפּלט, פון רייז — כמעט ווי טאָפּלט און פון קאַר־טאָפל — בערך אויף צוויי דריטל. דאָס איז, ווידער אַ מאָל, געווען אַ וויכטיקער אויפטו, אָבער נישט קיין דעצידירנדיקער און וואָס האָט נישט געקאָנט ענדערן די אַלגעמיינע לאַגע. צו אַן אייגענער, גענוגנ־דיקער „לאַנדווירטשאַפטלעכער באַזע" איז נאָך אַלץ געווען ווייט.

די הויפּט־סיבה פונעם שווערן מצב אין דער לאַנדווירטשאַפט איז געלעגן בעיקר — אינעם מאַנגל פון געהעריקן באַדן. די נויטיקע מע־ליאָראַציע־אַרבעטן, וואָס עס האָבן געהאַט פאַרויסגעזען אַלע אַן אויס־נאַם וויסנשאַפטלעכע עקספּעדיציעס, זיינען נאָך אַלץ ניט געווען דורכ־געפירט. פרייע שטחים האָבן טאַקע זיך געצויגן ביז אין־סוף, אָבער מען האָט נאָך אַלץ געמוזט צוערשט אויסטריקענען זומפּן, אויסוואָרצ־לען אור־בוימער און אויפהויבן רויערד. צוגלייך מיט די „איבערוואַנ־דערער־קאָלווירטן", זיינען געשאַפן געוואָרן אין דער געגנט אויך עט־לעכע „איבערוואַנדערער־מ. ט. ס." („מאַשין־טראַקטאָר־סטאַנציעס"). די דאָזיקע „מ. ט. ס." האָבן נישט בלויז, ווי אין גאַנץ ראַטנפאַרבאַנד, באַ־דינט די קאָלווירטן מיט לאַנדווירטשאַפטלעכע מאַשינען און מיט פאַר־שיידנאַרטיקער טעכניש־מעכאַנישער הילף, נאָר פלעגן נאָך אַליין דורכ־פירן — די איינציקע אין דער געגנט — געוויסע מעליאָראַציע־אַרבעטן, בכדי צו דערמעגלעכן דאָס שאַפן פון נייע לאַנדווירטשאַפטלעכע ישובים. דער פאַרנעם פון די דאָזיקע אַרבעטן איז אָבער געבליבן אַ ביז גאָר באַשיידענער און ס'איז אַלץ ערנסטער געוואָרן די געפאַר פאַר דער סטרוקטור גופא פון דער יידישער געגנט. קאַלינין אַליין, דער איבערגע־געבענער פריינט פון דער יידישער מלוכהשקייט, זאָל האָבן געשטעלט די פראַגע אויף אַ זיצונג פונעם פּרעזידיום פון אויספיר־קאָמיטעט פ. ס. ס. ר.: „וואָס ווילן מיר דען? ווילן מיר דען שאַפן אַ נייעם מערב־קאַנט, אַ יידישע באַפעלקערונג אין די שטעט און אַ ניט־יידישע אין די

דערפֿער? וואָס זשע פֿאַר אַ נאַציאָנאַלע יידישע מלוכה וואָלט דאָס געווען? *

דעם 9טן פֿעברואַר 1936 האָט די יידישע געגנט אויפֿגענומען אַ גרויסן גאַסט. עס איז געקומען קיין ביראָבידזשאַן, מיט אַן אָפֿיציעלן באַזוך, „דער סעקרעטאַר פֿון צ. ק. אַלקפּ (ב). דער נאָענטסטער מיטקעמפֿער פֿון דעם גרויסן סטאַלין, דער אייזערנער פֿאָלקס־קאָמיסאַר פֿון פֿאַרקער, חבר לאַזאַר מאָיסעיעוויטש קאַגאַנאָוויטש". ** קאַגאַנאָוויטש איז אין יענע יאָרן אָנגעגאַנגען פֿאַר סטאַלינס פֿאַרטרויאונג־מאַן און, נאַטירלעך, פֿאַר אַ מאַן פֿון אוניווערסאַלער קאָמפּעטענץ. ער פֿלעגט ווערן געשיקט אויף אַלע „באַדראָטע פֿראָנטן", אין אַלע „ענגע ערטער" פֿון דער סאָוועטישער ווירטשאַפֿט און פּאָליטיק. זיין „אייזערנע האַנט" האָט געהאַט אַ שם אין גאַנצן לאַנד. די סאָוועטישע יידן זיינען געווען היפּשלעך שטאָלץ מיט אָט דעם שני למלך, וואָס האָט קיינמאָל ניט אויסבאַהאַלטן זיין יידישקייט.

אין ביראָבידזשאַן איז קאַגאַנאָוויטש באַגעגנט געוואָרן מיט גרויס פֿייערלעכקייט, מיט מיטינגען, באַגריסונגען אאַ"וו. אויף אַ פֿאַרזאַמלונג פֿונעם שטאָטישן פּאַרטיי־אַקטיוו איז ער אַרויסגעטראָטן „מיט אַ צוויי־שעהדיקער גלענצנדיקער, באַגייסטערנדיקער רעדע". *** נאָך אַ לענגערן אַנאַליז פֿון „די דערגרייכונגען פֿון דער לענין־סטאַלינישער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק" און נאָכן דערמאָנען דעם „קאַמף קעגן די פֿאַרשיידענע בורזשואַזע נאַציאָנאַלע פּאַרטייען, בפֿרט קעגן די ציוניסטן, בונדאָווצעס, פּועלי־ציון א"א, האָט קאַגאַנאָוויטש „זיך אויספֿירלעך אָפּגעשטעלט אויף דער אַרבעט פֿון דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט. אויף די אויפֿגאַבן פֿון די באָלשעוויקעס פֿון דער געגנט צו פֿונאַנדערוויקלען די סאָציאַליסטישע בויאונג, צו דערציען נייע מענטשן, צו אַנטוויקלען די נאַציאָנאַלע שפּראַך און קולטור און אומאָפּנייגלעך פֿאַרווירקלעכן די לענין־סטאַלינישע נאַציאָנאַלע פּאָליטיק". לויטן דאַמאָלסטיקן מנהג, האָט די פֿאַרזאַמלונג זיך פֿאַרענדיקט מיט — „ווענדונגען", אָנגענומענע בפּה אחד: „ווענדונגען צום באַליבטן לערער און פֿירער פֿון די אַרבעטנדי־

---

* „עמעס", 10טן אויגוסט 1936; ציטירט לויט: י. לעשצינסקי, „דאָס סאָוועטישע יידנטום", ז. 532.

** קירזשניץ, ז. 88.

*** דאָרטן, ז. 88.

קע פון דער גאַנצער וועלט — צום חבר סטאַלין און זיין טרייען מיט־קעמפּער, חבר קאַגאַנאָוויטש״.*

ווען דער אויפגאַבע „צו אַנטוויקלען די נאַציאָנאַלע שפּראַך און קולטור״ האָט קאַגאַנאָוויטש גערעדט נאָך ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן, יעדעס מאָל מיט אַ סך ערנסט און צודרינגלעכקייט — אפילו וועגן יידישע נאַציאָנאַלע מאכלים. אויף אַ פייערלעכער פאַרשטעלונג אין ביראָבידזשאַנער יידישן טעאַטער, ווו עס איז, לכבוד דעם גאַסט, אויפגעפירט געוואָרן שלום־עליכמס „גאָלדגרעבער״, האָט דער „אייזערנער פאָלקס־קאָמיסאַר״ דערקלערט, אַז ס׳איז געקומען די צייט אַרויפצוברענגען אויף דער בינע „די הערויִשע מאָמענטן פון דער געשיכטע פון יידישן פאָלק״. דאָס איז געווען אַזוי אומגלויבלעך־ניי, אַזוי אומגעוועגלעך און ממש דערשיטערנדיק, דאָס האָט דערוועקט אַזוי פיל אומגעדאַכטע, פריידיקע האָפענונגען, אַז אויפן אָרט כמעט איז אָנגענומען געוואָרן אַ באַשלוס: אָנרופן דעם יידישן מלוכה־טעאַטער פון ביראָבידזשאַן אויפן נאָמען פון לאַזאַר מאָיסעיעוויטש קאַגאַנאָוויטש. דער באַשלוס איז אָפיציעל באַשטעטיקט געוואָרן דורך אַ מלוכה־אַקט פון 11טן אויגוסט 1936. אַזוי אַרום איז דער „נאָענטסטער מיטקעמפּער פון גרויסן סטאַלין״ פאַרוואַנדלט געוואָרן אין שוץ־מלאך און פּאַטראָן, אין באַשירעמער־און־באַהיטער פון דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט.

עס קאָן אויסזען אויסטערליש — און בינדט זיך וויניק מיט דער אימאַזש און דעם אינטערעסן־קרייז פונעם „אייזערנעם פאָלקס־קאָמיסאַר״ — אָבער ס׳איז אַ פאַקט, אַז מיט קאַגאַנאָוויטשעס באַזוך אין ביראָבידזשאַן איז געווען פאַרבונדן אַ פּראָיעקט וועגן — אַ יידישער שפּראַך־קאָנפערענץ. די איניציאַטיוו האָט געשטאַמט טאַקע פון אים אַליין, פון קאַגאַנאָוויטשן גופא. ער האָט איינגעפונען, אַז די אָפיציעלע מלוכה־שפּראַך פון דער אויטאָנאָמער געגנט — יידיש — מוז ווי אַמשנעלסטן אויסאַרבעטן די געהעריקע און אָבליגאַטאָרישע שפּראַך־פאָרמען פאַר דער יונגער יידישער מלוכהשקייט. די קאָנפערענץ, אַן אַלסאָוועטישע — און דאָס מאָל אַ מלוכהשע — האָט געזאָלט פאַרקומען, נאַטירלעך, אין ביראָבידזשאַן. ס׳איז ניט שווער זיך אָנצושטויסן, אַז הינטער דעם דאָזיקן פּראָיעקט איז געשטאַנען נישט קיין אַנדערער,

* דאָרטן, ז. 89.

ווי דער פּאָרזיצער פֿון בּיראָבּידזשאַנער אויספֿיר־קאָמיטעט, פּראָפ. י. ליבּערבּערג.

במשך פֿון פֿיל־חדשימדיקע צוגרייטונגען, אין דער פּרעסע, אין ראַדיאָ און אויף ספּעציעלע בּאַראַטונגען, הן אין דער אויטאָנאָמער געגנט, הן אין מאָסקווע, קיעוו און מינסק, זיינען אָנגעצייכנט געוואָרן די הויפּט־פּונקטן פֿון סדר־היום: דיאַלעקטן־אייניקייט, טערמינאָלאָגיע, אָרטאָגראַפֿיע און נאָרמאַטיווע גראַמאַטיק, אָפּשטעל־צייכנס, צייטונג־שפּראַך און ליטעראַטור־שפּראַך. ווי רעפֿערענטן זיינען בּאַשטימט געוואָרן די וויכטיקסטע יידישע פֿילאָלאָגן און שפּראַך־קענער פֿון ראַטנפֿאַרבּאַנד. די „יידישע מלוכהשע שפּראַך־קאָנפֿערענץ" האָט געדאַרפֿט דערעפֿנט ווערן דעם 9טן פֿעבּרואַר 1937, ס'הייסט פּונקט צום יאָרטאָג פֿון קאַגאַנאָוויטשעס ערשטן, און שוין היסטאָרישן, בּאַזוך אין בּיראָבּידזשאַן — ווי אַן אויסדרוק — (אַ זייער דיסקרעטער אויסדרוק) פֿון אָנערקענונג און דאַנקבּאַרקייט פֿאַרן שוץ־מלאך, דעם „אייזערנעם פֿאָלקס־קאָמיסאַר".

מיט דעם זעלבּן בּאַזוך איז, ווייזט אויס, געווען פֿאַרבּונדן אַ צווייטער פּראָיעקט. ס'האָט זיך געהאַנדלט וועגן געפֿינען אַן אויסוועג פֿונעם קריטישן מצב אין דער בּיראָבּידזשאַנער לאַנדווירטשאַפֿט. די אָנגעמערקטע לייזונג איז געווען: אונטערנעמען אַזוי שנעל ווי מעגלעך די פֿאַרויסגעזעענע מעליאָראַציע־אַרבּעטן, בּכדי צו שאַפֿן בּיזן סוף פֿונעם יאָר 1936 אַ נייעם ערד־פֿאָנד פֿון גרייטן בּאָדן. דערצו איז נויטיק געווען, די רעגירונג זאָל צוטיילן הן אַ געהעריקן בּודזשעט, הן די געהעריקע טעכנישע מיטלען. דאָס אַלץ איז אויסגעפּועלט געוואָרן מיט קאַגאַנאָוויטשעס הילף, און בּאַשטעטיקט אָפֿיציעל אינעם בּאַשלוס פֿון צי"ק פֿון 29סטן אויגוסט 1936. אויף דעם דאָזיקן סמך האָט די אָנפֿירערשאַפֿט פֿון דער יידישער געגנט פֿאַרפּלאַנירט אויפֿן יאָר 1937 דאָס שאַפֿן פֿון 25 נייע קאָלווירטן און די פֿאַרגרעסערונג פֿונעם פֿאַרזיי־שטח — פֿון צוויי און פֿערציק, אויף הונדערט טויזנט העקטאַר.

דער סך־הכל פֿון די ערשטע צוויי יאָר יידישע אויטאָנאָמע געגנט איז אַזוי אַרום דערשינען, אין די אויגן פֿון די יידישע סאָוועטישע טוער, נישט בּלויז ווי אַ צופֿרידנשטעלנדיקער, נאָר ממש ווי אַ טריומפֿאַלער. נייע, אומגעדאַכטע האָריזאָנטן האָבּן זיך געעפֿנט פֿאַר בּיראָבּידזשאַן. „עס איז שוין פֿאַרגעקומען — האָט געשריבּן שמעון דימאַנשטיין — דער איבּערגאַנג פֿון „קוסטאַרישער" אַרבּעט, פֿון „קליינע

מעשים״, פון דער אַנפאַנגלעכער כוחות־אַנזאַמלונג, צו אַ פונאַנדערגעוויקלטער מלוכהשער בויאונג פון דער יידישער געגנט, מיט אַ ביז איצט אומגעהערטן מלוכהשן שוווּנג״.*

ביז גאָר כאַראַקטעריסטיש — פאַר אים גופא און נישט בלויז פאַר אים — איז געווען דימאַנשטיינס פולשטענדיקער „באַקערן זיך״ צו דער „קאַלינין־דאָקטרין״ און צו דער קאָנצעפּציע פון „גייסטיקן צענטראַליזם״ פאַר ביראָבידזשאַן. בסך הכל מיט צוויי יאָר פריער, אין דער בראָשור „די יידישע געגנט — אַ קינד פון דער אָקטיאַבער־רעוואָלוציע״, האָט ער ניט דערמאָנט, מיט קיין איין שורה, מיט קיין איין וואָרט — נישט וועגן פלאַץ פון ביראָבידזשאַן אין דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער קולטור און נישט וועגן יידישער קולטור בכלל. דאַקעגן איז דאָרט אָנגעוויזן געוואָרן אויף דער נויטווענדיקייט פון „ניט־יידישע קאַדערן״ און אויפן שידוך צווישן „בורייער קוילן און קליינ־כינגאַנער אייזן״, וואָס האָט שיער־ניט געדאַרפט זיין דער הויפּט זכות הקיום פון דער יידישער געגנט. מער נאָך, אין די בייגעלייגטע דאָקומענטן צו דער בראָשור,** איז קאַלינינס באַרימטע פראַזע: „איך רעכן אַז אין אַ יאָר צען אַרום וועט ביראָבידזשאַן זיין דער וויכטיקסטער אויב ניט דער איינציקער אויפהיטער פון דער יידישער סאָציאַליסטישער נאַציאָנאַלער קולטור״ געוואָרן „קאָרעגירט״ און איבערגעגעבן אין פאָלגנדיקער איבערזעצונג: „איך פערזענלעך האַלט, אַז אין אַ יאָר צען אַרום וועט ביראָבידזשאַן זיין דער גרונטלעכער קולטור־צענטער פון די יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן״.

און אָט זיינען אַריבער בלויז צוויי יאָר — אָבער צוויי יאָר פון יידישער מאַסן־איינוואַנדערונג און פון „סוביעקטיווער יידישיזאַציע״ — און דער זעלבער דימאַנשטיין האָט געשריבן, אין אַרטיקל „סאָוועטישע יידישע מלוכהשקייט״: „די יידישע אויטאָנאָמע געגנט וועט איינגיכן ווערן דער גרעסטער צענטער פון דער יידישער סאָציאַליסטישער קולטור. דאָרט וועט מען אָנהויבן שאַפן לערן־אַנשטאַלטן, דערונטער אויך הויכשולן, און וויכטיקע גרויסע קולטור־צענטערן, ווי אַן אַלפאַרבאַנדישע צענטראַלע יידישע ביבליאָטעק. אַזאַ כאַראַקטער וועט אויך האָבן דער יידישער מוזיי, דער טעאַטער, דער וויסנשאַפטלעך־אויספאָרשע־

* „פאַרפאָסט, נומער 1, ז. 27

** זייט 39.

רישער אינסטיטוט, וואָס וועט אַרבעטן אין פאַרשיידענע צווייגן פון דער יידישער קולטור — פון לינגוויסטיק, פאָלקלאָר, געשיכטע פון די יידן אא״וו״.*

אַלע ליבערבערג־פּלענער — וועגן אַ יידישן אוניווערסיטעט אין ביראָבידזשאַן, וועגן אַן אַלפאַרבאַנדישער צענטראַלער יידישער ביבליאָטעק (וואָס עס האָט געמיינט, אין דער ערשטער ריי, דאָס אַריבערפירן אין דער יידישער געגנט פון דער קיעווער יידישער אַקאַדעמישער ביבליאָטעק), וועגן אַ צענטראַלן יידישן מוזיי, וועגן פאַרוואַנדלען די „וויסנשאַפטלעכע קאָמיסיע״ אין אַ וויסנשאַפטלעך־פאָרשערישן אינסטיטוט — אַלץ איז דורך דימאַנשטיינען באַגיטיקט, אין איין אָטעם, אין אַ טאָן פון חסידות פאַר ביראָבידזשאַנער „מרכז רוחני״, מיט, אויף אַ צוגאָב, אַ כאַראַקטעריסטישן דעטאַל: אין די אַרבעט־געביטן פון צוקונפטיקן אינסטיטוט איז פאַרויסגעזען... „געשיכטע פון די יידן״.

אָבער נישט בלויז יידישע טוער האָבן גערעדט איז אַזאַ טאָן. נאָך מער פייערלעך און מער דעקלאַראַטיוו האָט געקלונגען, וועגן ביראָבידזשאַן, די שפּראַך פון די העכסטע סאָוועטישע מלוכה־אינסטאַנצן גופא. דעם 20סטן אויגוסט 1936 איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַ באַשטימונג פונעם פּרעזידיום פון צענטראַלן אויספיר־קאָמיטעט פון ראַטנפאַרבאַנד „וועגן דער סאָוועטישער,ווירטשאַפטלעכער און קולטורבויאונג פון דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט״, געחתמעט דורכן פאַרזיצער מ. קאַלינין און סעקרעטאַר אי. אַקולאָוו. דאָס איז אַ דאָקומענט, וואָס האָט זיך פאַרמאָסטן אויף היסטאָרישקייט און פאַרדינט בפירוש צו בלייבן היסטאָריש, ווי אַן אויסדרוק פון עכטער יידן־פריינטלעכקייט — בלי ספק אַן אויפריכטיקער — מצד דער סאָוועטישער „מלוכהשער ליניע״, אין די מיטן־דרייסיקער יאָרן.

די באַשטימונג פון 29סטן אויגוסט 1936 הויבט זיך אָן מיט דער פעסטשטעלונג אַז „די פאַרוואַנדלונג, אין הסכם מיט דער לענין־סטאַלינישער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק, פון דעם ביראָבידזשאַנער ראַיאָן אין אַ יידישער אויטאָנאָמער געגנט, האָט זיך גענצלעך און פולשטענדיק באַרעכטיקט״.

און דער דאָקומענט זעצט פאָר: „במשך פון פיל יאָרהונדערטער, האָט דאָס אונטערדריקטע יידישע פאָלק געקעמפט קעגן דער צאַרישער אַליינ־

* „פאָרפּאָסט, נומער 1, ז. 127.

הערשאַפט, פאַרן באַשאַפן זיין אייגענע נאַציאָנאַלע קולטור, פאַר דאָס רעכט אויף בילדונג, פאַר דאָס רעכט צו לעבן פריי. צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון יידישן פאָלק האָט זיך פאַרווירקלעכט זיין הייס באַגער צו שאַפן אַן אייגן היימלאַנד, צו שאַפן זיין נאַציאָנאַלע מלוכהש־קייט. אונטער דער אָנפירונג פון דער גרויסער פאַרטיי פון לענין־סטאַלין, ביי דעם אַקטיוון אָנטייל פון דער סאָוועטישער געזעלשאַפט־לעכקייט, אַנטוויקלען די יידישע האַרעפּאַשנע מאַסן און פאַרפעסטיקן ביי זיך די סאָוועטישע מלוכהשקייט אין פאַרמען, וואָס אַנטשפּרעכן די נאַציאָנאַל־שטייגערישע באַדינגונגען פון זייער פאָלק״.

נאָכן אָפּמערקן, מיט גרויס לויב, די דערגרייכונגען פון דער יידי־שער לאַנדווירטשאַפט, פון דער האַנטווערקער־קאָאָפּעראַציע, פון דער אינדוסטריע און פונעם קולטור־בוי („די יידישע אויטאָנאָמע געגנט ווערט דער צענטער פון דער סאָוועטישער נאַציאָנאַלער יידישער קול־טור פאַר דער גאַנצער אַרבעטנדיקער יידישער באַפעלקערונג״), רעכנט אויס דער דאָקומענט אַ גאַנצע ריי פּראַקטישע מאָסמיטלען, מיט וועלכע פאַרשיידענע פאָלקס־קאָמיסאַריאַטן דאַרפן העלפן די יידישע געגנט, גאָר באַזונדערס אויפן געביט פון אַגריקולטור, און פאַרענ־דיקט אַזוי: „דער פּרעזידיום פון צענטראַלן אויספיר־קאָמיטעט פונעם פאַרבאַנד ססר דריקט אויס זיין זיכערקייט אין דעם, אַז אַלע אַר־בעטער און קאָלווירטניקעס פון דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט, אַלע אַרבעטנדיקע יידן פון ראַטנפאַרבאַנד און די סאָוועטישע געזעל־שאַפטלעכקייט, וועלן מאַכן אַלע אָנשטרענגונגען בכדי ווי אַמשנעלסטן צו לייזן די אויפגאַבן פון ווייטערדיקער אַנטוויקלונג און פאַרשטאַר־קונג פון דער נאַציאָנאַלער סאָוועטישער יידישער מלוכהשקייט אינעם פאַרבאַנד פון די סאָוועטישע סאָציאַליסטישע רעפּובליקן״.*

„צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון יידישן פאָלק...״ נאָך קיינמאָל איז אין ראַטנפאַרבאַנד ניט גערעדט געוואָרן אַזוי אויסדריק־לעך־קלאָר, אין אַ אָפיציעלן מלוכהשן דאָקומענט, וועגן „אַן אייגענעם היימלאַנד״, וועגן „נאַציאָנאַלער סאָוועטישער יידישער מלוכהשקייט״, אינטעגרירטע אין דער „געשיכטע פון יידישן פאָלק״. די דאָזיקע „נאַ־ציאָנאַלע סאָוועטישע מלוכהשקייט״, אַן איינגעשלאָסענע אין די גרע־נעצן פון פסר, איז אַזוי אַרום דערשינען ווי אַן איינגעשלאָסע־

* פולער טעקסט אין די ביילאַגעס.

נע גלייכצייטיק אין די ראַמען אויך פון דורותדיקער יידישער געשיכט־לעכקייט, פון אַט דעם דורותדיקן „הייסן באַגער" צו שאַפן „אַן אייגן היימלאַנד". דאָס איז געווען וועזנטלעך ניי, פּרינציפּיעל ניי און וויכטיק און האָט, אויף עפּעס אַן אומקלאָרן, אָבער זיכערן אופן — אין דער סאָוועטישער טראַדיציע פון טעקסט און אונטערטעקסט — זיך געבונדן הן מיט קאַגאַנאָוויטשעס אויסטערלישער דערקלערונג וועגן אַרויפ־ברענגען אויף דער בינע „די העראָישע מאָמענטן פון דער געשיכטע פון יידישן פאָלק", הן אפילו מיט דימאַנשטיינס בשורה, אַז דער צו־קונפטיקער ביראָבידזשאַנער וויסנשאַפטלעך־פאָרשערישער אינסטיטוט וועט זיך פאַרנעמען אויך — מיט „דער געשיכטע פון יידן".

די „שלאַכט פאַר ביראָבידזשאַן" האָט אויסגעזען אַן ענדגילטיק געוווּנענע און דער אָפּקלאַנג פון נצחון איז, ווידער אַ מאָל, זיך צעגאַנ־גען איבער גאָר דער יידישער וועלט.

אין ניו־יאָרק, אונטער אַן אויפרוף, אַ געחתמעטן דורך אַזעלכע פירנדיקע יידישע שריפטשטעלער ווי יוסף אָפּאַטאָשו, אפרים אויער־באַך, גלאַנץ־לעיעלעס, פרץ הירשביין, זישע וויינפער, ה. לייוויק, לע־אָן קאָברין, ל. שאַפּיראָ א״א. — אַלע ניט־קאָמוניסטן — איז געווען געזאָגט: „אין ביראָבידזשאַן איז געלייגט געוואָרן דער פונדאַמענט פון דער יידישער סאָציאַליסטישער רעפּובליק. די יידישע אויטאָנאָמע געגנט אַנטוויקלט זיך מיט אַ שנעלן טעמפּאָ, אינדוסטריעל און אַגרי־קולטורעל. די גאַנצע קולטור־אַרבעט אין ביראָבידזשאַן ווערט געפירט אין יידיש — די שפּראַך פון די ברייטע מאַסן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד און איבער גאָר דער וועלט".*

די יידישע טוער פון ראַטנפאַרבאַנד האָבן טריומפירט און, פאַר־שטייט זיך, ניט פאַרפעלט צו מאַכן אַלע נויטיקע אויספירן, דורך אַ פאַר־גלייך: ביראָבידזשאַן — פּאַלעסטינע. אין דעם פריער ציטירטן אַר־טיקל „די סאָוועטישע יידישע מלוכהשקייט" האָט געשריבן שמעון די־מאַנשטיין: „אויפן פאָן פון די אַלע אויסערגעוויינלעכע דערגרייכונגען פון דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט, אויף דער באַזע פון דער לע־נין־סטאַלינישער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק, קאָנען מיר ניט פאַרבייגיין פאַרביי דעם, וואָס אין אַן אַנדער לאַנד, וואָס איז אַ שטיצפּונקט פון

* ציטירט לויט: נחמן מייזיל „דאָס יידישע שאַפן אין ראַטנפאַר־באַנד", ז. 172.

דער אימפעריאַליסטישער פּאָליטיק פון ענגלאַנד, — אין פּאַלעסטינע, האָבן מיר אין דער זעלבער צייט גרויזאַמע דערשיינונגען: די יידישע באַפעלקערונג פון פּאַלעסטינע מוז צאָלן פּאַר די זינד פון ציוניזם״.

און דער אַרטיקל ענדיקט זיך מיט פאָלגנדיקער קעגנשטעלונג: „אַזוי האָבן מיר צוויי וועלטן: די וועלט פון סאָציאַליזם און די וועלט פון קאַפּיטאַליזם — צוויי אופנים פון לייזן די יידישע נאַציאָנאַלע פראַגע. די וואָס האָבן פאַרבונדן זייער גורל מיטן אימפּעריאַליזם, שטייען פאַרצווייפלט פאַר אַ קאַטאַסטראָפע; די וואָס האָבן פאַרבונדן זייער גורל מיטן סאָציאַליזם, בליען אויף, געניסן אַלע דערגרייכונגען פון פסבר, פאַרווירקלעכן זייער מלוכהשע, סאָוועטישע, נאַציאָנאַלע בוי־אונג אין זייער אויטאָנאָמער געגנט, וועלכע גייט שנעל פאָרויס, שטייגט פון יאָר צו יאָר און ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ גרויסן ווייט־מזרחדיקן קאַנט״.*

צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון יידישן פאָלק... אַנטוויקלונג און פאַרשטאַרקונג פון דער נאַציאָנאַלער סאָוועטישער יידישער מלוכהשקייט... — דאָס איז געווען דער רוף פון דער „מלוכהשער ליניע״. אין דעם זעלבן טאָג, ווען אָט דער רוף האָט זיך צעטראָגן איבער דער וועלט — און אפשר אַ טאָג, צי אַ וואָך שפּעטער און אפשר גאָר אַ טאָג צי אַ וואָך פריער, דאָס איז געבליבן אויף אייביק אומבאַוווּסט — האָט אָפּגעענטפערט די „פּאַרטייאישע ליניע״.

עס איז פּלוצלונג פאַרשוווּנדן — נישט אין ביראָבידזשאַן, נאָר אין מאָסקווע, וווּהין ער איז ספּעציעל געהאַט אַרויסגערופן געוואָרן — דער פאָרזיצער פונעם געגנטלעכן ביראָבידזשאַנער אויספיר־קאָמיטעט, דער רוח החיים, אין פולן זין פון וואָרט, פון דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט — פּראָפ. יוסף ליבערבערג.

* „פאָרפּאָסט, נומער 1, ז. 129.

קאַפּיטל פופצן

אין די יאָרן פון בלוט און גרויל...

צוויי חדשים נאָכן פאַרשווינדן פון ליבערבערגן — די דאַטע פון זיין אַרעסט איז קיינמאָל ניט פעסטגעשטעלט געוואָרן — האָבן אין בי־ראָבידזשאַנער זשורנאַל „פאָרפּאָסט", נומער צוויי, פון אָקטאָבער 1936, זיך באַוויזן פאָלגנדיקע שורות: „דער געוועזענער פאָרזיצער פונעם געגנטלעכן אויספיר־קאָמיטעט ליבערבערג איז דעמאַסקירט געוואָרן אַלס נידערטרעכטיקער קאָנטער־רעוואָלוציאָנער־טראָצקיסט, אַלס בורזשוי־אַזער נאַציאָנאַליסט".* עס האָבן זיך געהאַט אָנגעהויבן די טרויעריק־באַרימטע, די בלוטיקע „רייניקונגען" פון די „יעזשאָוו־יאָרן".

אין דער ליטעראַטור וועגן ביראָבידזשאַן חזרט זיך איבער, ביי אַלע מחברים, איין און די זעלבע פעסטשטעלונג: די „רייניקונגען" פון די גרויזאַמע יאָרן פון דער „יעזשאָווששינע" האָבן דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט געבראַכט אַ באַזונדערס גרויסן שאָדן. די דאָזיקע פעסטשטעלונג שטימט בלי ספק מיט דער ווירקלעכקייט. אויף וויפל אָבער זי באַגנוגנט זיך בעצם בלויז מיטן קוואַנטיטאַטיוון אויסמעסט, קלערט זי ניט אויף — נישט די סיבות פון דעם „באַזונדערס גרויסן שאָדן", נישט דעם ספּעציפישן כאַראַקטער זיינעם אין דער יידישער געגנט און במילא אויך ניט זיינע עיקרדיקע פאָלגן.

אין דעם בלוטיקן טעראָר־שגעון, וואָס איז אין דער געדעכעניש פון יעדן סאָוועטישן בירגער פאַרבליבן אונטערן אָפּשרעקנדיקן כלל־נאָמען „דער זיבן און דרייסיקסטער יאָר", אָבער וועלכער האָט פאַק־טיש אָנגעהאַלטן פון סוף אויגוסט 1936 ביז אָנהויב 1939, אין אָט דעם גרויליקן שגעון לאָזן זיך אויסשיילן עטלעכע פּערמאַנענטע ריכט־

* ז. 125.

ליניעס, וואָס זיינען געווען שוין אָנגעצייכנט, הגם אין אַ מילדערער פאָרם אין אַלע „רייניקונגען״ פון די פריערדיקע יאָרן. אַ דאָקומענט פון א״ג „סמאָלענסקער אַרכיוו״ וואַרפט אַ געוויסן שיין אויף אָט דעם טראַגישן סאָוועטישן וואַריאַנט פון „די געטער זיינען דורשטיק״.

ווי באַקאַנט, האָט די סאָוועטישע אַדמיניסטראַציע, בעת דער בליץ־אָפענסיווע פון די היטלער־אַרמייען, זומער 1941, נישט באַוויזן צו עוואַקואירן דעם פאַרטיי־אַרכיוו פונעם סמאָלענסקער געגנט־קאָמיטעט. דער גאַנצער אַרכיוו, פון בערך 500 טעקעס מיט 200.000 דאָקומענטן, איז אַזוי אַרום אַריינגעפאַלן אין די הענט פון דער דייטשישער אַרמיי און געבראַכט געוואָרן קיין דייטשלאַנד. אין 1945 האָט דעם אַרכיוו פאַרכאַפּט די אַמעריקאַנער אַרמיי און אים אַריבערגעפירט אין די פאַר־אייניקטע שטאַטן, ווו ער געפינט זיך ביז היינט צו טאָג. דאָס איז די איינציקע אין דעם מין זאַמלונג פון אויטענטישע סאָוועטישע דאָקו־מענטן, פאַר די יאָרן 1922 ביז 1938, אויסער די גרענעצן פון ראַטנ־פאַרבאַנד. אַ גרעסערע אָפּהאַנדלונג וועגן די אַרכיוו־מאַטעריאַלן האָט פאַרעפנטלעכט דער אַמעריקאַנער היסטאָריקער פיינסאָד, אין זיין אַר־בעט „סמאָלענסק בימי סטאַלין״.

איינער פון די דאָקומענטן פון ערשטראַנגיקן אינטערעס שטעלט פאָר מיט זיך אַ באַריכט פון „רייניקונגען״, דורכגעפירט אין 1935, נאָכן מאָרד פון קיראָוו. בלויז אין סמאָלענסקער ראַיאָן זיינען דאָן אויסגעפאָרשט געוואָרן 4.100 אָנקלאָגן, דערפון 721 עפנטלעכע באַשול־דיקונגען, אויף פאַרזאַמלונגען, און 200 שריפטלעכע מסירות. 455 פאַר־טיי־מיטגלידער זיינען געוואָרן אויסגעשלאָסן פון דער פאַרטיי, 204 פאַלן זיינען אָפּגעלייגט געוואָרן אויף אַ צוגאָב־אויספאָרשונג. די מאָ־טיוון פון אויסשלוס, לויט קאַטעגאָריעס און לויט זייער ערנסטקייט, ווי אויך די צאָל אויסגעשלאָסענע פון יעדער קאַטעגאָריע, זיינען גרו־פּירט אין פאָלגנדיקער טאַבעלע:

1) אַגענטן פון שונא (שפּיאָנען און מענטשן, וואָס האָבן מיט זיי געהאַט פאַרבינדונגען) — 7;

2) ווייסגוואַרדייער און מענטשן, וואָס האָבן אָנטייל גענומען אין קאָנטר־רעוואָלוציאָנערע אויפשטאַנדן — 12;

3) אָנגעהעריקע צו קאָנטר־רעוואָלוציאָנערע און אַנטי־פּאַרטייאי־שע גרופּירונגען, באַאיינפלוסטע דורך טראָצקי און זינאָוויעוו — 9;

4) פּאַרטיי־מיטגלידער, וואָס האָבן אַמאָל אָנגעהערט צו אַנדערע פּאַרטייען און זיינען געבליבן טריי זייערע אַמאָליקע איבערצייגונ־גען — 9;

5) שווינדלער, וואָס האָבן אויסגענוצט דעם פּאַרטיי־אַפּאַראַט בכדי צו באַקומען פּאַרטיי־דאָקומענטן — 2;

6) שווינדלער, וואָס האָבן באַקומען די פּאַרטיי־קאַרטע אויף אַן אומערלעכן אופן — 5;

7) אָפּשטאַמיקע פון קלאַסן־שונא, וואָס האָבן אויסבאַהאַלטן זייער פאַרגאַנגענהייט — 99;

8) פּאָליטיש אומזיכערע עלעמענטן, וואָס פאַרראַטן די פּאַרטיי־אינטערעסן — 127;

9) מענטשן מיט אַ קרימינעלער פאַרגאַנגענהייט (צווישן זיי 13 פאַרמשפּטע פאַר געלט־שווינדלערייען) — 53;

10) דעזערטירן פון דער רויטער אַרמיי — 12;

11) אויסבאַהאַלטענע פון די רייניקונגען פון 1929 און 1933 — 3;

12) אָנגענומענע אין דער פּאַרטיי, נישט לויט די פאַרפליכטנדיקע כללים — 9;

13) אויסבאַהאַלטענע פאַרן קאָנטראָל פון פּאַרטיי־דאָקומענטן — 3;

14) סאָציאַל און מאָראַליש קאָרומפּירטע עלעמענטן — 32;

15) אַנטי־פּאַרטייאישע באַציאונג צו פּאַרטיי־דאָקומענטן — 38;

16) ניט גענוגנדיקע געזעלשאַפטלעכע אַקטיוויטעט, ניט־צאָלן מיט־גליד־אָפּצאָל — 33;

צוזאַמען — 455 אויסשלוסן.*

עס וואַרפט זיך אין די אויגן, אַז די ווייט־גרעסטע מערהייט פון די „אויסגערייניקטע" זיינען סאַנקציאָנירט געוואָרן, נישט אַזוי מחמת בעצם־פּאָליטישע, אָדער מלוכה־זיכערהייטלעכע טעמים, נאָר צו־ליב חטאים פון לעבנס־שטייגער (סאָציאַלע אָפּשטאַמונג, שווינדל, קרי־מינעל־פאַרברעכנס, אוממאָראַלישקייט, אומזיטלעכקייט אא"וו), אָדער צוליב געזעלשאַפטלעכער אומאַקטיוויטעט און „פּאָליטישער אומזיכער־קייט". פון די זעכצן אויסגערעכנטע קאַטעגאָריעס, פאַרנעמען זיי גאַנ־צע צוועלף, מיט אַ צאָל פון 416 אויסשלוסן. די ערשטע פיר קאַטע־גאָריעס — מלוכה־פאַרברעכן און פּאָליטיש־אידעאָלאָגישע ווידעראַ־

*) Jean Elleinstein, « Histoire de l'URSS », Paris, Ed. Sociales 1976, vol. 2, p. 206.

נאָנדן — זײַנען פֿאַרטראַטן אײַנגאַנצן מיט 39 אויסגעשלאָסענע. דאָס איז, אין די באַדינגונגען פֿון ראַטנפֿאַרבאַנד, געווען אַ סימן פֿון מער־ווייניק „נאָרמאַלע צײַטן". קוים מיט אַ יאָר שפּעטער, האָט דאָס בילד זיך פּלוצלונג געענדערט פֿולשטענדיק. דאָס אויסנאַמלעכע האָט, מיט איין מאָל, זיך פֿאַרוואַנדלט אין אַ כּלל.

די באַרימטע „מאָסקווער פּראָצעסן" האָבן געווירקט ווי אַן ערד־ציטערניש. דער ערשטער פּראָצעס, מיט זינאָוויעוון און קאַמעניעוון בראָש, האָט זיך דערעפֿנט דעם 19טן אויגוסט 1936. דער צווייטער פּראָצעס, מיט פּיאַטאַקאָוון, ראַדעקן און סאָקאָלניקאָוון בראָש — אין יאַנואַר 1937. דער דריטער פּראָצעס, מיט ריקאָוון, בוכאַרינען, קרעס־טינסקין און ראַקאָווסקין בראָש — אין מערץ 1937. אַלע באַשולדיקטע האָבן זיך מודה געווען אין אַלע פֿאַרברעכנס, עפֿנטלעך, הויך אויפֿן קול, בפֿני כּל עם ועדה, אין טעראָריזם, צוגרייטונג פֿון אַטענטאַטן קעגן סטאַלינען, פֿאַרשווערונגען קעגן דער רעוואָלוציע, שפּיאָנאַזש לטובֿת די קאַפּיטאַליסטישע מלוכות און נאָך און נאָך. די ערשטע דרײַ קאַטעגאָריעס פֿון דער „רייניקונג־טאַבעלע" זײַנען, מיט איין מאָל, געוואָרן צונויפֿגעשמאָלצן און אַמאַלגאַמירט: טראָצקיזם־זינאָוויעוויזם האָט באַטײַט ניט עפּעס אַנדערש, ווי אַגענטן פֿון דער קאָנטער־רעוואָלו־ציע, שפּיאָנען און טעראָריסטן.

די פּראָצעסן האָבן גלײַכצײַטיק געדאַרפֿט באַווײַזן עפּעס מער: אַז צוואַנציק יאָר נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, אין די נײַע געשיכט־לעכע באַדינגונגען פֿון „סאָציאַליזם אין איין לאַנד" און פֿון „באַלאַגער־טער פֿעסטונג", האָט דער אַלטער דור רעוואָלוציאָנערן, דער לענין־דור, וואָס האָט די רעוואָלוציע דורכגעפֿירט — נישט בלויז שוין אָפּ־געשפּילט זײַן היסטאָרישע ראָל, נאָר איז געוואָרן דעגענערירט און האָט זיך פֿאַרוואַנדלט אין אַ דראָענדיקער געפֿאַר פֿאַרן לאַנד פֿון בוי־ענדיקן סאָציאַליזם. דאָס הייסט במילא, אַז ער איז היסטאָריש געוואָרן פֿאַרמשפּט צום אומקום. די רעוואָלוציאָנערע גערעכטיקייט האָט גע־דאַרפֿט בלויז אויספֿירן דעם געשיכטלעכן משפּט — און זי האָט אים אויסגעפֿירט מיט פֿולער מידת הדין.

פֿון די 1966 דעלעגאַטן אויפֿן זיבעצנטן צוזאַמענפֿאָר פֿון דער אַלפֿאַרבאַנדישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, אין יאַנואַר 1934, זײַנען 1108 אומגעבראַכט געוואָרן בעת די „יעזשאָוו־יאָרן". פֿון די 139 מיט־גלידער פֿון צענטראַל־קאָמיטעט, וואָס אַט דער צוזאַמענפֿאָר האָט גע־

האט אויסגעוויילט, זיינען אומגעבראַכט געוואָרן 98. אויף דער אַלגע־מיינער צאָל פון 30 מיטגלידער, וואָס עס האָט געציילט די פּאָליט־ביוראָ פון דער אַלפאַרבאַנדישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, צווישן 1919 און 1935, זיינען 15 דערשאָסן געוואָרן און 2 דערפירט צו זעלבסט־מאָרד. ביז גאָר בלוטיק איז געווען דער שניט אין דער רויטער אַר־מיי: 3 מאַרשאַלן (אויף 5), 13 אַרמיי־גענעראַלן (אויף 15), 57 גענע־ראַל־מאַיאָרן (אויף 85), 110 דיוויזיע־גענעראַלן (אויף 195), 75 מיט־גלידער פון העכסטן מיליטער־ראַט (אויף 80), טויזנטער אָפיצערן פון אַלע גראַדן זיינען געוואָרן דערשאָסן. טויזנטער אַנדערע זיינען געוואָרן פאַרשיקט.

די מאָסקווער פּראָצעסן, מיט זייער עפנטלעכקייט לשם דוגמא, האָבן אויפגערופן דאָס פאָלק צו זיין אַן עדות און אַ מיט־באַשולדיקער און אַ מיט־שותּף אויך — צום בלוטיקן געיעג, אָנגעטריבן דורך אַן אַלגעמיינעם פּחד, דורך אַן אַלגעמיינעם חשד־פּסיכאָז, פון אַלעמען קעגן אַלעמען. אָט וואָס למשל עס האָט געשריבן אין ביראָבידזשאַ־נער „פאַרפּאָסט", פון אָקטאָבער 1936, אַן אַנאָנימער מחבר, וואָרשיינ־לעך דער „באַלעבאָס" אַליין מאַטוועי פּאָוולאָוויטש: „די טראָצקיסטיש־זינאָוויעווישע באַנדע איז צעגראָמירט געוואָרן, סיי אין צענטער, סיי אין די נאַציאָנאַלע רעפּובליקן און געגנטן. עס זיינען געבליבן בלויז איינצלנע גרופּן פאַרביטערטע קאָנטר־רעוואָלוציאָנערן, מיט אַ שאַר־פער גיריקייט נאָך מאַכט און נקמה... אויך אין אַ ריי יידישע אי־דעאָלאָגישע אינסטיטוציעס זיינען געווען טעטיק טראָצקיסטן — פיינט פון פאָלק... די דאָזיקע פאַרשוינען האָבן געפירט אַ נידערטרעכטי־קע צווייפּנימדיקע אַרבעט. זיי האָבן זייער וואָלפישע נאַטור געפרווווט צודעקן מיט אַ שאָפן־פעל. אויך אין אונדזער געגנט האָבן די פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס, בשעת דער דורכקאָנטראָלירונג און אויסטויש פון די פּאַרטיי־דאָקומענטן און אפילו נאָכן אויסטויש, דעמאַסקירט אַ ריי טראָצ־קיסטיש־זינאָוויעווישע מנובלים... אויך דער געוועזענער פאָרזיצער פונעם געגנטלעכן אויספיר־קאָמיטעט ליבערבערג איז דעמאַסקירט גע־וואָרן אַלס נידערטרעכטיקער קאָנטר־רעוואָלוציאָנער־טראָצקיסט, אַלס בורזשואַזער נאַציאָנאַליסט... דער צבועק נאָרט אָפּ די פּאַרטיי, דער צבועק איז אַ שונא פון דער ראַטנמאַכט, אַ שונא פון פאָלק. דער צבועק — דאָס איז אַן אַגענט, אַ שעדיקער, אַ פּראָוואָקאַטאָר, אַ שפּיאָן פון דער קאָנטר־רעוואָלוציע. אַ קאָמוניסט, וואָס ווייזט אַרויס טאָלעראַנט־

לעריי און פוילן ליבעראַליזם צו צוויי־פּנימדיקייט, אין וואָס פאַר אַ פאַרמען זי זאָל זיך ניט אַרויסווייזן, באַגייט דעם גרעסטן פאַרברעכן קעגן דער פּאַרטיי, קעגן דער ראַטנמאַכט, קעגן אונדזער פאָטער־לאַנד״.*

די „רייניקונג־טאַבעלע״ האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַן „אומקום־טאַבעלע״ און זיך באַרייכערט אין קאַטעגאָריעס. ריכטיקער, איין קאַטעגאָריע — די פּערטע — האָט זיך גאָר באַזונדערס, צעבליט און צעצווייגט. אויב עס האָבן געקאָנט זיך פאַרוואַנדלען אין שפּיאָנען און מערדער די אַלטע באָלשעוויקעס פון לענין־דור, זיינען אויף אַזעלכע פאַרברעכן אל אחת כמה וכמה פעיק געווען די אַלע, וואָס זיינען צו דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי צוגעשטאַנען שוין נאָך דער רעוואָלוציע און האָבן פריער אָנגעהערט צו כלערליי קליינבירגערלעך־נאַציאָנאַליסטישע און קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען. און אוודאי זיינען אויף די פאַרברעכן געווען פעיק די טוער פון די סאָוועטישע נאַציאָנאַלע רעפּובליקן און ראַנד־געביטן, ס׳רוב געוועזענע נאַציאָנאַליסטן, וועלכע געפינען זיך אין כסדרדיקן גרענעץ־קאָנטאַקט מיט דער אימפּעריאַליסטישער וועלט און דאָס הייסט, אין דירעקטן פאַרקער מיט די אימפּעריאַליסטישע שפּיאָנאַזש־אַגענטורן. און שוין גאָר זיכער זיינען אויף אַלע פאַרברעכן פעיק געווען די אויסלענדער, וואָס זיינען געקומען קיין ראַטנפאַרבאַנד כלומרשט ווי הייסע פריינט, ווי ערלעכע קאָמוניסטן, אָבער אין דער אמתן — מיט דער געהיימער מיסיע צו שפּיאָנירן, צו סאַבאָטירן, צו מאָרדן.

קיין מוסטער־פּראָצעסן זיינען מער ניט נויטיק געווען. אין דעם מאַסן־פּסיכאָז פון פאַרראַט און שפּיאָנאַזש, פון פחד און צאָרן, זיינען די אומגלויבלעכסטע פּראָוואָקאַציעס אויפגענומען געוואָרן מיט אַ פאַנאַטאַסטישער נאַטירלעכקייט און אַלייך־פאַרשטענדלעכקייט. אַלץ איז געווען קלאָר, מען האָט געדאַרפט „דעמאַסקירן דעם שונא״. יעדער סאָוועטישער בירגער האָט גענוי געדאַרפט וויסן: ווען מען דאַרף דעמאַסקירן, ווי אַזוי מען דאַרף דעמאַסקירן און ווו מען דאַרף דעמאַסקירן.

אויפן באַפעל פון סטאַלינען, זיינען אין 1937 „אויפגעדעקט״ געוואָרן ברייט־פאַרצווייגטע אונטערערדישע אַנטיסאָוועטישע אָרגאַניזאַ־

* „פּאַרפּאָסט״, נומער 2, ז. 124 און 125.

ציעס אין דער אַרמענישער, גרוזינישער און ווייסרוסישער ראַטן־רעפּו־בליקן. זייער ציל: אַפּרייסן אַט די רעפּובליקן פונעם ראַטנפאַרבאַנד. עס זיינען געוואָרן אומגעבראַכט אָדער פאַרשיקט כמעט אַלע מיטגלי־דער פון צענטראַל־קאָמיטעט און פונעם ראַט פון די פאָלקס־קאָמי־סאַרן פון אַרמעניע, די וויכטיקסטע פּאַרטייאישע און מלוכהשע קאַ־דערן פון גרוזיע, די אָנגעזעענסטע טוער פון דער פּאַרטיי, דער מלו־כה, דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג און דעם קאָמוניסטישן יוגנט־פאַרבאַנד אין ווייסרוסלאַנד. אין אוקראַינע האָט די טעראָר־כוואַליע דערגרייכט אַ נאָך קיינמאָל ניט געזעענע הויך. דאָס איז אַלץ געווען קלאָר און נאַטירלעך, הגם דער פּחד איז געוואַקסן און געוואָרן אומ־דערטרעגלעך: מען האָט געמוזט „דעמאַסקירן דעם שונא״.

אויפן באַפעל פון סטאַלינען, זיינען אַרעסטירט געוואָרן טויזנטער אויס־לענדישע קאָמוניסטן, וואָס האָבן, צוליב דער פּאָליטישער לאַגע אין זייע־רע אָפּשטאַם־לענדער, זיך געפונען — צייטווייליק אָדער אויף באַשטענ־דיק — אין ראַטנפאַרבאַנד. כמעט אַלע זיינען געוואָרן אומגעבראַכט. אַזוי זיינען אומגעקומען: דער גרינדער פון דער אונגאַרישער סאָוועטן־רעפּובליק פון 1919, בעלאַ קון, מיט אַ צאָל אַנדערע פירער פון דער אונגאַרישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי; פיל הונדערטער דייטשישע קאָ־מוניסטן, אַנטלאָפענע פון היטלערן, בראש מיט די דייטשישע קאָמוניס־טישע פירער הוגאָ עבערליין, הערמאַן רעמעלע, היינץ נוימאַן א״א; דער גאַנצער פּאַרטיי־אַקטיוו און דער צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּוילישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, בראש מיט אַדאָלף וואַרסקי, יוליאַן לענסקי און וועראַ קאָסטשעוואַ; הונדערטער קאָמוניסטן און פּאַרטיי־פירער פון די באַלטישע לענדער, פון בולגאַריע, רומעניע, יוגאָסלאַ־וויע, איטאַליע, פינלאַנד, שפּאַניע א״א. דאָס האָט אַלץ געהייסן: „דע־מאַסקירן דעם שונא״.

די שגעון־אָפּענסיווע פון „דעמאַסקירן און אומשעדלעך מאַכן די שונאים פון פאָלק״ האָט אַזוי אַרום זיך אַנטוויקלט מיט אַ באַזונדער קראַפט — פּאַראַלעל צו דער הויפּט־ריכטונג פון די ערשטע דריי אמאלגאמירטע קאַטעגאָריעס פון דער „אומקום־טאַבעלע״: שפּיאָנאַזש, קאָנטער־רעוואָלוציע, טראָצקיזם — אין די דריי ריכטונגען פון דער פונאַנדערגעוואַקסענער פערטער קאַטעגאָריע: קעגן די „אַמאָל־אַנגעהע־ריקע צו אַנדערע פּאַרטייען״, קעגן די נאַציאָנאַלע (ניט־רוסישע) מלו־כה־אויסבילדונגען פון די ראַנד־געביטן פון סאָוועטן־פאַרבאַנד און קעגן

די אויסלענדער. פּאַראַדאָקסאַל האָבן די דאָזיקע דריי ריכטונגען זיך איבערגעקרייצט אַלע אין ביראָבידזשאַן גופא און געשאַפן אין דער יידישער געגנט אַן אויסטערלישן ברען־פּונקט פון דער בלוטיקער בהלה.

אויב פאַר די ערשטע, צוויפגעגאָסענע, דריי קאַטעגאָריעס פון דער „טאָבעלע״ — שפּיאָנאַזש, קאָנטר־רעוואָלוציע, טראָצקיזם — איז אַ בלויזער חשד, צי בלויז אַ מסירה, געווען גענוג צו פאַרמשפּטן אויף אומקום, איז פאַר דער קאַטעגאָריע פון „אַמאָליקער אַנגעהעריקייט צו אַנדערע פּאַרטייען״ קיין חשד אפילו ניט נויטיק געווען. דער פאַקט גופא פון „אַמאָליקייט״ האָט פאַרגעשטעלט מיט זיך דעם סאַמע זיכערסטן, דעם סאַמע איבערצייגעוודיקסטן באַווייז. וועגן דעם, צי דער „אַמאָל אַנגעהעריקער״ איז יאָ אָדער ניט געבליבן „טריי זיינע אַמאָליקע איבערצייגונגען״, האָבן דעצידירט, מיט אַבסאָלוטער אָנספּקדיקייט, די באַרימטע „זיכערקייט־אָרגאַנען״. ריכטיקער, די פראַגע האָט זיך פאַר זיי בכלל ניט געשטעלט, מחמת איינער פון די עיקר־פּאָסטולאַטן פונעם טעראָר־שגעון איז געווען, אַז אַלע „אַמאָליקע״ זיינען פאַרבאַהאַלטענע שונאים, וועלכע מען דאַרף דעמאַסקירן און פאַרניכטן.

דאָס אומגעוועגלעכע, דאָס אויסנאַמלעכע, דאָס ממש אומפאַרשטענדלעכע פאַרן יינגערן דור ניט־יידישע סאָוועטישע טוער איז געווען דער פאַקט, וואָס אין ביראָבידזשאַן איז די ווייט־גרעסטע מערהייט אָנפירנדיקע קאַדערן, אויף די געביטן פון פּאַרטייאישער, מלוכהשער, ווירטשאַפטלעכער און קולטור־אַרבעט — אַלע, אָדער כמעט אַלע, מיט אומבאַטייטיקע אויסנאַמען, זיינען אַרונטערגעפאַלן אונטער דער קאַטעגאָריע פון אַמאָל „אַנגעהעריקע צו אַנדערע פּאַרטייען״: „בונד״, „פּועלי־ציון״ אָדער „פאַראייניקטע״. דאָס האָט אין יענע יאָרן, געוואָרפן אויף דער געגנט בכלל אַ ספּעציעל און אומהיימלעך ליכט.

אויך אין אַלע אַנדערע סאָוועטישע נאַציאָנאַלע מלוכה־אויסבילדונגען — אויטאָנאָמע געגנטן, אויטאָנאָמע רעפּובליקן, פאַרבאַנד־רעפּובליקן — זיינען צווישן די פּאַרטייאישע און מלוכהשע קאַדערן געווען פאַרטראָטן, מער אָדער וויניקער צאָלרייך, די „אַמאָל אַנגעהעריקע״ צו פאַרשיידענע „קליינבירגערלעך־נאַציאָנאַליסטישע פּאַרטייען״. די דאָזיקע „אַמאָליקע״ — אין אוקראַינע למשל און אין די קאַווקאַזער רעפּובליקן — זיינען אָבער געווען בלויז אַ טייל (און וואָס איז סיסטעמאַטיש געוואָרן „דורכגעזיפּט״ און רעדוצירט) פון די אָנפירנדיקע

טוער. אין אָט די אַלע נאַציאָנאַלע, ניט־רוסישע, רעפּובליקן האָט די באָלשעוויסטישע פּאַרטיי געהאַט געשלאָגן וואָרצלען נאָך אין אָנהויב יאָרהונדערט און געצויגן איר געזעלשאַפטלעכן יחוס נאָך העט־ווייט פון פאַר דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. אַ לחלוטין אַנדערע איז אָבער געווען די לאַגע אויף דער „יידישער גאַס״.

אין די סוף־צוואַנציקער און אָנהויב־דרייסיקער יאָרן, ווען מען האָט אין ראַטנפאַרבאַנד אָנגעהויבן „איבערשרייבן״ די געשיכטע בכלל און די געשיכטע פון דער אַרבעטער־באַוועגונג און דער רעוואָלוציע בפרט, האָט מען אויך געפּרוווט „איבערשרייבן״ די געשיכטע פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג. דאָס גאַנצע איבערשרייבעכץ איז גע־גאַנגען אונטער דער לאָזונג: „קעגן דער אידעאַליזאַציע פון „בונד״ און „בונדיזם״. ספּעציאַליזירט אין דער דאָזיקער מלאכה האָט זיך בעיקר ווייסרוסלאַנד, ווו דער „בונד״ איז געהאַט געווען דער ווייט־דאָמינירנדיקער כוח אין דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט. אין 1932 האָט דער מינסקער מלוכה־פאַרלאַג פאַרעפנטלעכט אַן אַרבעט פון כאַצקל דונעץ, מיטן פילזאָגנדיקן טיטל: „קעגן סאָציאַל־פאַשיסטישן בונד״. די ווייסרוסישע וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע האָט אַרויסגעלאָזט אַזש צוויי אויסגאַבן קעגן „בונד״, אין 1933 און 1935.

אָט די „שלאָגלערישע״ אַנטי־בונד־קאַמפּאַניע און אַלע פּרוּוון אַרויסצוהויבן די באָלשעוויסטישע „צפון־מערבדיקע און פּאָלעסיער קאָ־מיטעטן ביי דער ר. ס. ד. אַ. פּ״. זיינען, נאַטירלעך, ניט געווען מסוגל אויף אַ האָר צו ענדערן דעם געשיכטלעכן פאַקט, אַז די גאַנצע „יידישע אַרבעט״ אין ראַטנפאַרבאַנד איז געווען דאָס ווערק פון די געניטע טוער פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, וועלכע האָבן, אין די ערשטע יאָרן נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, זיך אָנגעשלאָסן אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. זיי טאַקע, און בלויז זיי — פון „בונד״, פון „פּועלי־ציון״, פון די „פאַראייניקטע״ (און בעיקר פון „בונד״, די צאָלרייכסטע פּאַרטיי) זיינען עס געוואָרן די בויער פון דער סאָוועטי־שער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט, אין אירע פאַרשיידענע אַספּעקטן און אויף אַלע אירע געביטן. קיין אַנדערע ווי זיי, זיינען אויף די פירנדיקע פּאָזיציעס פון דער „יידישער גאַס״ נישט געווען. במילא האָבן קיין אַנדערע נישט געקאָנט זיך געפינען אויך אויף די שליסל־פּאָזיציעס פון ביראָבידזשאַן.

פאַר דעם „וואַכנדיקן אויג״ פון דער רעוואָלוציאָנערער גערעכטי־קייט האָט עס אָבער אויסגעזען, אַז די גאַנצע יידישע אויטאָנאָמע געגנט איז איין גרויסע נעסט פון „אַמאָל אַנגעהעריקע״, פון אַמאָל „געוועזענע״, ס׳הייסט פון היינטיקע שונאים און פאַררעטער. ס׳איז כאַראַקטעריסטיש, אַז אַנדערטהאַלבן צענדליק יאָר נאָך דער בלוטיקער „יעזשאָווטשינע״ און שוין נאָך סטאַלינס טויט, איז אין דער מלוכה־שער אויסגאַבע פון לענינס „קריטישע נאָטיצן צו דער נאַציאָנאַלער פראַגע״, אין דער הערה וועגן „בונד״, וויטער דערציילט געוואָרן, אַז נאָך דער ליקווידאַציע פון „בונד״ אין 1921, האָבן געוויסע מיטגלידער זיינע, „צוויי־פּנימדיקע פאַרשוינען, זיך אַנגעשלאָסן אין דער פּאַרטיי, בכדי זי אויפצורייסן פון אינעווייניק און זיינען שפּעטער דעמאַסקירט געוואָרן ווי שונאים פון פאָלק״.* אין געגעבענעם פאַל האָט דער „בונד״ געדינט ווי אַ כלל־נאָמען פאַר דער גאַנצער יידישער ארבעטער־באַוועגונג. אויך צווישן די „אַמאָל אַנגעהעריקע״ פון אַלע אַנדערע יידישע אַרבעטער־פּאַרטייען זיינען „דעמאַסקירט״ געוואָרן „שונאים פון פאָלק״, בראש מיטן פאַרזיצער פונעם אויספיר־קאָמיטעט, פּראָפ. ליבערבערג, אַ געוועזענער „סיימיסט״־„פאַראייניקטער״.

אָבער נישט בלויז „שונאים פון פאָלק״ זיינען „דעמאַסקירט״ געוואָרן צווישן די „אַמאָל אַנגעהעריקע״, נאָר אויך — „פּשוטע שפּיאָנען״. ווי ס׳רוב נאַציאָנאַלע מלוכהשע אויסבילדונגען, איז די יידישע אויטאָנאָמע געגנט — אַ גרענעץ־געביט. אויף קנאַפּע זעקס הונדערט קילאָמעטער, לענגאויס דעם טייך אַמור, האָט ביראָבידזשאַן זיך געפונען אין דירעקטער שכנהשאַפט מיט דער וואַסאַלן־מלוכה מאַנדזשוקואָ און דאָס הייסט, מיט יאַפּאַן און במילא — מיט די אימפּעריאַליסטישע שפּיאָנאַזש־אַגענטורן. דאָס איז געווען גענוג, עס זאָל אָנגענומען ווערן, ממש ווי אַן אַקסיאָמע, אַז די יידישע געגנט „שווימלט און גריבלט״ מיט יאַפּאַנישע שפּיאָנען. פאַר שפּיאָנאַזש לטובת יאַפּאַן זיינען דערשאָסן געוואָרן צענדליקער אומשולדיקע טוער פון דער געגנט, צווישן זיי — דער געוועזענער סעקרעטאַר פון הויפּט־ביוראָ פון די יידסעקציעס אין ווייסרוסלאַנד, מיטגליד פון אויספיר־קאָמיטעט פון דער ווייסרוסישער ראַטן־רעפּובליק, געוועזענער מיטגליד פון צענטראַל־קאָמיטעט פון „בונד״, יאנקל לעווין.

---

* מאָסקווע 1954, פראַנצויזישע אויסגאַבע, ז. 182.

און לסוף, נאָך אַ ריכטונג, די דריטע — צוזאַמען מיט די „אַמאָל אַנגעהעריקע" און די „שפּיאָנען" — פון דער טעראָר־מגפה: די אויסלענדער. במשך פון יאָרן, האָט די סאָוועטישע רעגירונג זיך באַמיט אויף די פאַרשיידנסטע אופנים, דורך דירעקטער און אומדירעקטער פּראָפּאַגאַנדע, אַריבערצוברענגען קיין ביראָבידזשאַן וואָס אַ גרעסערע צאָל איבערוואַנדערער פון אויסלאַנד. די באַמיאונגען האָבן אויסגעזען צו ווערן געקרוינט מיט דערפאָלג אין 1931, ווען עס זיינען געקומען 469 אויסלענדישע איינוואַנדערער און נאָך מער אין 1932, ווען זייער צאָל האָט דערגרייכט 784. נאָך דער אַלגעמיינער צוריקפאָר־בהלה פון 1932, איז בלויז אַ קליינער טייל פון זיי געבליבן אין דער יידישער געגנט. די גרעסטע מערהייט האָט שנעל — אָדער אינגאַנצן פאַרלאָזט דעם ראַטנפאַרבאַנד (כמעט אַלע געקומענע פון די פאַראייניקטע שטאַטן און פון מערב־אייראָפּע), אָדער זיך באַזעצט אין פאַרשיידענע סאָוועטישע שטעט, בעיקר אין מאָסקווע. די צאָל פאַרבליבענע אויסלענדער איז געווען אַ באַשיידענע — קוים עטלעכע הונדערט — אָבער די פּראָפּאָרץ זייערע אַ פיל גרעסערע, ווי ערגעץ־ווו אַנדערש אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. די דאָזיקע האַרעפּאַשנע יידן, ס׳רוב פון ליטע און דרום־אַמעריקע, האָבן דורכגעמאַכט אַלע חבלי־לדה, דאָס גאַנצע „פּאַקן־און־מאָזלען" פונעם אַריינפּאַסן זיך אין אַ נייער, אומגעוווינלעך שווערער סביבה. ביסלעכווייז האָבן זיי זיך אַקלימאַטיזירט, אַנגעהויבן איינוואָרצלען זיך, געוואָרן טיכטיקע „ביראָבידזשאַנצעס" און אפילו ביראָבידזשאַנער פּאַטריאָטן. פאַר די „זיכערקייט־אָרגאַנען" זיינען זיי אָבער פאַרבליבן — אויסלענדער, ס׳הייסט פאַרבאַהאַלטענע שונאים, שעדיקער און פאַרברעכער, וועלכע מען האָט געדאַרפט „דעמאַסקירן און פאַרניכטן".

אויגוסט 1936 איז געוואָרן אַ ווענד־פּונקט אין דער געשיכטע פון ביראָבידזשאַן. נאָך אַן אומגעוווינלעכן באַרג־אַרויף, האָט זיך אַנגעהויבן אַ ראַשיקער באַרג־אַראָפּ. דער אַרעסט פון פּראָפ. ליבערבערג האָט טיף דערשיטערט די יידישע געגנט און אַנגעוואָרפן אַ פחד אויף דער באַפעלקערונג. עס דערציילט אַן עד־ראיה: „ליבערבערג איז דאָ געווען אַרומגערינגלט מיט זייער אַ סך פריינט און פאַרערער. דאָס זיינען די טרייסטע בויער פון אונדזער געגנט. זיי האָבן אים ליב און באַציען זיך צו אים מיט גרויס דרך־ארץ פאַר זיין אַפּפערוויליקייט, פאַר זיין גרייטקייט צו גיין אויף די גרעסטע קרבנות, כדי ביראָבידזשאַן זאָל

דערפירט ווערן צו אַ יידישער אויטאָנאָמער סאָציאַליסטישער רעפּובליק — אַ יידישע נאַציאָנאַלע היים. ס'איז קלאָר, אַז אַלע, וואָס האָבן מיט אים מיטגעאַרבעט און אים געאַכטעט, וועלן איצט דערפאַר טייער באַצאָלן... אָט די אַלע גרויסע ספּעציאַליסטן זיינען דאָך דורך ליבערבערגן אַהער געקומען. זיי זיינען געווען גוט איינגעאָרדנט אין פאַרשיידענע שטעט פון לאַנד. ליבערבערג האָט מיט זיין גרויסן אויטאָריטעט אויף זיי געווירקט, זיי זאָלן קומען העלפן בויען די יידישע סאָציאַליסטישע היים".*

האָט זיך ווידער באַנייט — דער צוריקפאָר, ריכטיקער, אַ בהלהדיק אַנטלויפן, ווער עס האָט נאָר געקאָנט און געהאַט וווהין צו לויפן. פאַרן גאַנצן יאָר 1935 איז דער אָפּפלוס פון די איינוואַנדערער געהאַט געוואָרן אָפּגעשטעלט און אַזוי אויך, ווייזט אויס, במשך פון די ערשטע דריי פערטל יאָר 1936. אָבער דער לעצטער יאָר־פערטל האָט פאַרצייכנט אַ נייעם אָפּפלוס, אַ באַטייטיקן, הגם מען האָט זיך באַמיט אָפּיציעל אים צו פאַרשווייגן. וועגן פאַרנעם זיינעם לאָזט זיך משפטן בלויז אומדירעקט. סוף 1935 האָט די יידישע באַפעלקערונג פון דער אויטאָנאָמער געגנט געציילט העכער 14.000 נפשות. מיט די 8.000 איבערוואַנדערער, וואָס זיינען אַריינגעקומען במשך פונעם יאָר 1936, האָט זי געדאַרפט, סוף יאָר, דערגרייכן 22.000 מאַן. אויב אפילו מען זאָל אָננעמען, אַז צווישן די 6.758 איינוואַנדערער אַראָפּגעבראַכטע אין 1936 דורכן קאָמערד, האָבן זיך געפונען אַ געוויסע צאָל ניט־יידן, האָט די דאָזיקע צאָל זיכער ניט איבערגעשטיגן טויזנט מאַן. דער יידישער ישוב פון ביראָבידזשאַן האָט אַזוי אַרום געדאַרפט ציילן, סוף 1936, בערך 21.000 נפשות. אין דער אמתן אָבער האָט ער אויסגעמאַכט קוים 18.000 נפשות — אַ ווּוקס פון 4.000 מאַן בסך הכל — און דאָס הייסט, אַז עטלעכע טויזנט יידישע איבערוואַנדערער, ניי־געקומענע און אַלטע תושבים, האָבן די לעצטע חדשים פון יאָר פאַרלאָזט די געגנט.

באַלד איז פאָרגעקומען אַ פולשטענדיקע רעאָרגאַניזאַציע, וואָס קאָן אויסזען לחלוטין אומפאַרשטענדלעך און ממש אַבסורדאַל, אויב מען באַטראַכט זי ניט אין קאָנטעקסט פון דער צייט — פונעם „זיבן און דרייסיקסטן יאָר", דעם יאָר פון בלוט און גרויל.

---

* ניסן ראָזענטאַל, „יידיש לעבן..." ז. 370.

ווי באַקאַנט איז אין 1934 דער געזערד געוואָרן „באַפּרייט" פון דער אויפגאַבע אָנצופירן מיט דער איינוואַנדערונג קיין ביראָבידזשאַן און די דאָזיקע אויפגאַבע איז איבערגעגעבן געוואָרן דעם קאָמערד, אַ מלוכה־אָרגאַן. דאָס איז געווען די ערשטע עפנטלעכע סאַנקציע לגבי דער אָרגאַניזירטער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט. דער גאַנצער ענין יידישע אויטאָנאָמע געגנט איז געוואָרן ווייניקער אַ יידיש־געזעל־שאַפטלעכער און מערער אַן אַלגעמיין־מלוכהשער. אין 1937 אָבער איז אויך דער קאָמערד — הגם אַ מלוכה־אָרגאַן, אָבער מיט ס׳רוב יידישע טוער, מערסטנטייל „אַמאָליקע אָנגעהעריקע" — געוואָרן „באַ־פרייט" פון דער איינוואַנדערונג־לאַסט. אויך צום קאָמערד האָבן די „העכסטע אינסטאַנצן" מער ניט געהאַט קיין צוטרוי. די אויפגאַבע אָנצופירן מיט דער איבערוואַנדערונג איז אָנגעטרויט געוואָרן — די „לאָקאַלע סאָוועטישע אַדמיניסטראַטיווע אָרגאַנען" פונעם ווינאַרט פון די צוקונפטיקע איבערוואַנדערער. די דאָזיקע אַדמיניסטראַטיווע אָרגאַנען האָבן, פאַרשטייט זיך, ניט געהאַט די מינדעסטע אַנונג וועגן די באַדערפענישן און מעגלעכקייטן פון דער יידישער געגנט און אגב אויך ניט דעם מינדעסטן אינטערעס צו דעם גאַנצן ענין. וואָס שייך דעם טראַנספּאָרט פון די איבערוואַנדערער, — פון זייער ווינאָרט ביז דער יידישער געגנט — איז ער איבערגעגאַנגען אין דער קאָמפּעטענץ פון... דער באַרימטער נ. ק. וו. ד.„ ס׳הייסט צום פּאָלקס־קאָמיסאַ־ריאַט פאַר אינערן־און זיכערקייט־ענינים, וועלכער איז דאַן געווען דער הויפּט־אינסטרומענט פון צעפלאַקערטן טעראָר און ממש אַ גרויל־נאָמען פאַר גאַנץ ראַטנפאַרבאַנד.

די רעזולטאַטן פון דער „רעאָרגאַניזאַציע" האָבן לאַנג אויף זיך ניט געלאָזט וואַרטן. דער איבערוואַנדערונג־פּלאַן אויפן יאָר 1937 האָט פאַרויסגעזען 9.357 איבערוואַנדערער, געקומען זיינען קוים 3.000 מאַן, צווישן זיי, אַ געוויסע צאָל ניט־יידן. מער ווי אַ העלפט איז גלייך צוריקגעפאָרן. סוף יאָר 1937 האָט די יידישע באַפעלקערונג פון דער אויטאָנאָמער געגנט געציילט בערך 19.000 נפשות.

קאַפּיטל זעכצן

ליקווידאַציע פון ייִדישן נאַציאָנאַליזם — טראַגישער באַשולדיקונגס־אַקט

אין זיין גרונט־ווערק „דער סטאַליניזם", ציטירט דער סאָוועטי־שער היסטאָריקער ראָי מעדוועדעוו די זכרונות פון אַלטן באָלשעוויק ע. פּ. פראָלאָוו וועגן קאָמוניסטישן פילאָזאָף יאַן סטען, וואָס איז אַרעסטירט און אומגעבראַכט געוואָרן אין 1937. מיט צוועלף יאָר פריי־ער, אין 1925, האָט סטאַלין זיך געהאַט געוואָנדן צו סטען'ען מיט אַ בקשה, ער זאָל אים העלפן, אויף סיסטעמאַטישע צוזאַמענטרעפן, אַריינדרינגען אין די סודות פון דער פילאָזאָפיע בכלל און פון דער העגעליאַנישער דיאַלעקטיק בפרט. בעת זייערע באַגעגענישן, פלעגט סטאַלין, ניט באַגרענעצנדיק זיך צו פילאָזאָפיע, תמיד באַרירן פאַרשיי־דענע פּראָבלעמען פון פּאָליטישער אַקטואַליטעט. דערציילט פראָלאָוו אַט וואָס: „שוין אין 1928 האָט סטען זיך אָנפאַרטרויט פאַר אַ קליי־נער גרופּע פריינט: קאָבאַ (סטאַלינס פּאַרטיי־פּסעוודאָנים פון פאַר דער רעוואָלוציע, וועלכן עס פלעגן נאָך באַנוצן אַלטע באָלשעוויקעס) וועט נאָך אויפטאָן זאַכן, וואָס וועלן איבערשטייגן און פאַרשאָטענען די דרייפוס־אַפערע און דעם בייליס־פּראָצעס".*

דאָס גלייכצייטיקע פאַררופן זיך הן אויף דער דרייפוס־אַפערע, הן אויפן בייליס־פּראָצעס, האָט זיכער געמיינט צו זאָגן, אַז „קאָבאַ" איז פעיק אויף די נידעריקסטע פעלשונגען, בלבולים און פּראָוואָקאַ־ציעס, אָבער אויף וויפל ביידע פּראָצעסן זיינען געווען אויסדריקלעך און בעיקר אַנטיסעמיטישע, האָט עס אויך אוודאי אָנגעטייט אויף

* „דער סטאַליניזם", פראַנצויזישע אויסגאַבע, פּאַריז 1972, ז. 273.

סטאַלינס פֿיינדשאַפֿט, אָדער לכל הפּחות אומפֿריינדשאַפֿט, צו ייִדן, שוין אין די צוואַנציקער יאָרן.

פֿונדעסטוועגן וואָלט קוים מעגלעך געווען דערפֿון צו דרינגען, אַז דער פּאָגראָם אין ביראָבידזשאַן און אין דער ייִדיש־סאָוועטישער געזעלשאַפֿטלעכקייט בכלל, פֿון די יאָרן זיבן און דרייסיק, אַכט און דרייסיק, איז געווען אַ רעזולטאַט פֿון סטאַלינס באַוווסטזיניקער אַנטי־ייִדישקייט. אַ זייער גרויסע צאָל ייִדן זיינען, במשך פֿון אַ יאָרצענדליק נאָך, געבליבן אין אַפּאַראַט פֿון דער פּאַרטיי, פֿון דער מלוכה, אין דער אַרמיי־אָנפֿירונג און אפֿילו אין די באַרימטע „זיכערקייט־ אָרגאַנען".

דער פּאָגראָם איז געווען אַן אַלגעמיינער און פֿון אומגעהויערער אכזריותדיקייט. אין בלוטיקן שגעון איז צעבראָכן געוואָרן דער חוט־השדרה ממש פֿון דער פּאַרטיי און פֿון מלוכה־אַפּאַראַט. אין דער רוסלענדישער ראַטן־רעפּובליק (רספסר), מיט אַלע אירע אויטאָנאָמע רעפּובליקן און אויטאָנאָמע געגנטן — טאַטאַרישע, באַשקירישע, קאַזאַכישע א״א — אין אוקראַינע, אין ווייסרוסלאַנד, אין די קאַווקאַזער רעפּובליקן, אין די צענטראַל־אַזיאַטישע רעפּובליקן — אומעטום האָט בלוט זיך געגאָסן טייכנווייז.

און דאָך האָבן אין די געשעענישן פֿון ביראָבידזשאַן — און אויף דער סאָוועטישער „ייִדישער גאַס" בכלל — זיך אָנגעמערקט שטריכן ספּעציפֿישע. שאַרפֿער ווי לגבי וועלכער ניט איז אַנדער מלוכהשער אויסבילדונג, אָדער לגבי וועלכן ניט איז אַנדערן סאָוועטישן פֿאָלק, האָט זיך דאָ אָנגעצייכנט אַ טענדענץ פֿון פֿולשטענדיקער דע־נאַציאָנאַליזירונג. עס האָט אויסגעזען ווי, פּונקט להיפּוך צו דער „מלוכהשער ליניע", צו דער „קאַלינין־דאָקטרין", וועלכע האָט געשטרעבט „אונטערצופֿירן אַ סאָוועטישן פֿונדאַמענט אונטער דער ייִדישער נאַציאָנאַליטעט אין פֿססר" און געבן אָט דער נאַציאָנאַליטעט „אַ נאָרמאַלע מלוכהשע אַנטוויקלונג", וואָלט, קאַפּויער, די שטרעבונג פֿון דער „פּאַרטייאישער ליניע" געווען אָט דעם „נאַציאָנאַלן פֿונדאַמענט" און די מעגלעכקייט פֿון „נאָרמאַלער מלוכהשער אַנטוויקלונג" — ביי דער ייִדישער נאַציאָנאַליטעט אָפּצונעמען. דאָס איז, פֿאַרשטייט זיך, חל געווען אויך אויף דער „ייִדישער סאָציאַליסטישער נאַציאָנאַלער קולטור".

וועגן די סיבות פֿון דער דאָזיקער דערשיינונג קאָן מען, נאַטירלעך, בלויז משער זיין. דאָ איז זיכער געקומען אין חשבון די באַרימטע סטאַלין־תורה, אַז ייִדן זיינען בכלל קיין נאַציע און די סטאַלינס־

טישע פּאָליטיק פון נאַציאָנאַלער ניוועלירונג, וואָס האָט, אין די דריי־סיקער יאָרן, זיך אַנגעקליידט אין דער כלומרשט וויסנשאַפטלעכער טעאָריע, אַז די תקופה פון נאַציאָנאַלער אידענטיפיקאַציע און פון מלוכהשער אויסגעשטאַלטיקונג פון די סאָוועטישע פעלקער און פעלקערשאַפטן איז ענדגילטיק אָפּגעשלאָסן און איבערגעשטיגן. דאָ האָט וואַרשיינלעך געווירקט גלייכצייטיק — און אפשר אויף אַ דעצידירנדיקן אופן — דער פּאַטאָלאָגישער אומצוטרוי צו די „אַמאָל־אַנגעהעריקע", וואָס זיינען אויף דער „יידישער גאַס" געווען פּאָרטראַטן אַזוי צאָלרייך, אַזוי אויסשליסלעך כמעט, אַז זיי האָבן אויף איר געלייגט זייער אומאָפּמעקבאַרן חותם און זיינען געוואָרן ממש דער סימבאָל אירער. דאָס האָבן זיי טאַקע, די „אַמאָל־אַנגעהעריקע", סימבאָליזירט אויך דעם פּראָצעס פון אויספורעמונג פון דער סאָוועטישער יידישער מלוכהשקייט. פאַר דער „פּאַרטייאישער ליניע" איז עס געווען, נישט בלויז אומאָנגנעמבאַר, נאָר ממש אומדערטרעגלעך.

דער בלוטיקער געיעג פון די „יעזשאָוו־יאָרן" איז אין אַלע נאַציאָנאַלע (ס׳הייסט, ניט־רוסישע) רעפּובליקן און געגנטן געפירט געוואָרן אונטער דער לאָזונג פון „קאַמף קעגן נאַציאָנאַליזם". די דאָזיקע לאָזונג האָט, נאַטירלעך, געדאַרפט זיין חל אויך אויף דער יידישער געגנט. די אַלגעמיינע סכעמע אָבער איז, אין יעדן באַזונדערן פאַל, אויסגעפילט געוואָרן דורך אַ קאָנקרעטן אינהאַלט פון לאָקאַלן כאַראַקטער, וואָס האָט איר געזאָלט צוגעבן אַ געוויסע וואַרשיינלעכקייט. דווקא דאָס האָט אין בּיראָבידזשאַן זיך אַרויסגעוויזן פאַר וויניקער פּשוט, ווי עס האָט לכתחילה געקאָנט זיך אויסווייזן.

דער סימן־מובהק פון נאַציאָנאַליזם — בורזשואַזן, קעמפערישן אא״וו — איז אין ראַטנפאַרבאַנד אַ קלאָרער, איינפאַכער און אַלגעמייך־אָנגענומענער. דאָס איז קודם כל, אין אָט דער — אין פּרינציפּ און טעאָרעטיש־גענומען — „ברידערלעכער פעלקער־משפחה", דער פענאָמען פון ניט־ברידערלעכקייט, פון צווישן־פעלקערלעכער אומפריינדשאַפט. אומפריינדשאַפט בכלל, פון איין סאָוועטישן פאָלק צו אַ צווייטן און בפרט, מען קאָן זאָגן בעיקר — אומפריינדשאַפט צום „עלטערן ברודער", צום רוסישן פאָלק, מיט טענות, מער אָדער וויניקער עפנטלעך אַרויסגעבראַכטע, קעגן גרויסרוסישן שאָוויניזם, קעגן פאַרשמעלערונג פון אייגענער נאַציאָנאַל־מלוכהשער קאָמפּעטענץ, קעגן אויפגעצוווּנגענער רוסיפיקאַציע, דענאַציאָנאַליזאַציע וכדומה. אויף אַזעלכע מינים

טענות, למשל מצד אוקראַינע אָדער מצד די קאַווקאַזער רעפּובליקן, פלעגט סטאַלין סיסטעמאַטיש ענטפערן מיט בלוטיקע פּראַצעסן פאַר נאַציאָנאַליסטישע פאַרשווערונגען, וועלכע האָבן כלומרשט געזאָלט אָפּרייסן די רעפּובליקן פון ראַטנפאַרבאַנד.

דאָס אַלץ האָט פאַרשטייט זיך ניט געהאַט די מינדעסטע שייכות צו ביראָבידזשאַן. די יידישע פאָלקס־מאַסן פון ראַטנפאַרבאַנד, אומאָפּהענגיק פון פערזענלעכער באַציאונג צו דער יידישער געגנט, האָבן אויפגענומען דעם פאַקט גופא פון סאָוועטישער יידישער מלוכהשקייט מיט אומגעהויערער צופרידנקייט און דאַנקבאַרקייט און ממש מיט שטאָלץ, בפירוש מיט סאָוועטישן שטאָלץ: אָט, זעט ווי עס ווערט אין סאָוועטן־פאַרבאַנד געלייזט די יידן־פראַגע, אין דער זעלבער צייט, ווי עס בושעוועט אויסער די סאָוועטישע גרענעצן דער ווילדער חיהשער אַנטיסעמיטיזם! עס איז בלי ספק, אַז דער אויפקום פון יידישער מלוכהשקייט אין ביראָבידזשאַן האָט ביים סאָוועטישן יידנטום געשטאַרקט און פאַרטיפט דאָס אויפריכטיק געפיל פון פעלקער־פריינדשאַפט בכלל און פון פריינדשאַפט דווקא צום „עלטערן ברודער", צום רוסישן פאָלק בפרט.

אויך די יידישע מלוכה־אויסבילדונג גופא, די אויטאָנאָמע געגנט, איז געוואַקסן אין אַן אַטמאָספערע פון גוט־שכנהשאַפט און פעלקער־פריינדשאַפט. קיין לכתחילהדיקע זיכערקייט, אַז אַזוי וועט עס זיין, איז ביים שטעלן די ערשטע טריט נישט געווען. עס האָבן ניט געפעלט קיין ספקות, הן בנוגע דער אָפיציעלער געזעלשאַפטלעכקייט פון ווייט־מזרחדיקן קאַנט, הן בנוגע דער אָרטיקער באַפעלקערונג פון דער געגנט. וועגן אָט די ספקות האָט אָפן גערעדט מערעזשין, אויפן צווייטן פּלענום פון געזערד, אין יאַנואַר 1929.

עס האָט זיך אָבער זייער שנעל אַרויסגעוויזן, אַז די אָפיציעלע געזעלשאַפטלעכקייט פון סאָוועטישן ווייטן מזרח האָט צום געדאַנק וועגן „אַ יידישן נאַציאָנאַלן איינס" אין ביראָבידזשאַן זיך באַצויגן מיט זייער פיל גוטוויליקייט. דאָ איז געגאַנגען נישט בלויז אין פאַרטיי־דיסציפּלין — אין דעם אויך, נאַטירלעך — נאָר גלייכצייטיק אין אמתער יידן־פריינדשאַפט, וואָס איז אגב געווען כאַראַקטעריסטיש פאַרן ראַטנפאַרבאַנד בכלל אין די צוואַנציקער און אָנהויב־דרייסיקער יאָרן. די יידישע געגנט האָט זיך לייכט איינגעבירגערט אין ווייטן מזרח, איז

אין אַ קורצער צייט געוואָרן אָרגאַניש איינגעגלידערט אין דעם שכנישן אַרום.

מען דאַרף אוודאי מאַכן אַ חילוק צווישן „אָפיציעלער געזעלשאַפט־לעכקייט" און דער אָרטיקער באַפעלקערונג פון ביראָבידזשאַן. לויט דער פאָלקסציילונג פון 1926, האָבן אויף דער טעריטאָריע פון דער צוקונפטיקער יידישער אויטאָנאָמער געגנט געוווינט 32.250 מאַן, דער־פון העכער אַ העלפט טראַנסבאַיקאַלער קאָזאַקן. ס'וועט זיכער ניט זיין קיין בלבול חלילה, אויב מען וועט משער זיין, אַז פאַר אָט דער קאָזאַקן־באַפעלקערונג למשל, איז דער באַגריף פון פעלקער־פריינד־שאַפט נישט געווען קיין צו שטאַרק קענטלעכער. עס האָבן די ערשטע צייטן, צווישן די יידישע איינוואָנדערער און דער אָרטיקער איינוווי־נערשאַפט, ניט געפעלט קיין אינצידענטן מיט אויסדריקלעכע פאַלן פון אַנטיסעמיטיזם: דראָאונג־בריוו, באַליידיקונגען, זידלערייען, אפילו געוואַלד־טאַטן. עס האָט אָבער אויך ניט געפעלט, גלייכצייטיק, גוט־מוטיקע גאַסטפריינדלעכקייט און הילף אויף כלערליי אופנים. מיט דער צייט, מיט דער יידישער פּיאָנערישער אַרבעט אין אויפהויבן רויערד, אין דורכהאַקן וועגן, אין פאַרמעסט אויף מאָדערנער, מעכאַניזירטער לאַנדווירטשאַפט, מיט טראַקטאָרן — אומגעזעענע באַשעפענישן אויפן גאַנצן ווייטן מזרח — האָבן אָנגעהויבן זיך איינשטעלן גוט־שכנותדיקע באַציאונגען, צווישן דער יידישער און ניט־יידישער יוגנט און פאַמעלעך אויך צווישן די עלטערע דורות. פעלקער־פריינדשאַפט האָט זיך דאָ געשטאַלטיקט — נישט פון אידעאָלאָגיע און פאַרטיי־דיס־ציפּלין, נאָר פון נעענטערן באַקענען זיך און געמיינזאַמער מי.

נישט אַרום ביראָבידזשאַן, נישט אין ביראָבידזשאַן איז ניט געווען קיין שמץ פון עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל שטיין אין סתירה צום אָפיציעלן סאָוועטישן נוסח פון „אַ ברידערלעכער פעלקער־משפחה", פון עפּעס וואָס זאָל זיין מסוגל צו קאָנקרעטיזירן די אַבסטראַקטע אָבער אָבליגאַ־טאָרישע סכעמע פון „קאַמף קעגן נאַציאָנאַליזם". דעם „קעמפערישן יידישן נאַציאָנאַליזם", מיט וועלכן די יידישע סאָוועטישע טוער האָבן ניט אויפגעהערט צו שרעקן, במשך פון די לעצטע יאָרן, האָט מען ערשט געדאַרפט דערפינדן, געמוזט דערפינדן — און אויפן סאַמע דרינגענדיקסטן אופן. די דאָזיקע אויפגאַבע האָט אויף זיך גענומען — ריכטיקער, זי איז העכסט וואַרשיינלעך אויף אים אַרויפגעלייגט געוואָרן, ווי אַ פאַרטיי־חוב, אין נאָמען פון פאַרטייאישקייט און

פּאַרטיי־דיסציפּלין — משה ליטוואַקאָוו, רעדאַקטאָר פון מאָסקווער „עמעס". דעם 18טן אַפּריל 1937 האָט ער פּאַרעפנטלעכט אין „עמעס" אַ גרויסן מאמר אונטערן טיטל: „דער קלאַסן־קאַמף אַרום דער בוי־אונג פון דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט". (פולער טעקסט, אין די ביילאַגן), דעם זעלבן אַרטיקל, אַ געהעריק „באַאַרבעטן", מיט עטלעכע זייער וועזנטלעכע, עיקרדיקע שינויים, האָט דער מחבר אָפּגעדרוקט אויך אויף רוסיש, אין געזערד־אָרגאַן „טריבונאַ".

אין אַריינפיר פון אַרטיקל צייכנט אָן ליטוואַקאָוו די אַלגעמיינע שטריכן פון זיין טעמע אויף פאָלגנדיקן אופן: „די בויאונג פון דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט גייט די גאַנצע צייט, פון סאַמע אָנהויב אָן, אין באַדינגונגען פון שאַרפן קלאַסן־קאַמף. די קלאַסן־שונאים האָבן אויך די יידישע אויטאָנאָמע געגנט אויסגעקליבן פאַר אַן אַרענע פון זייערע פאָלקס־פיינטלעכע, פּאַרטיי־פיינטלעכע און בכלל שעדיקערי־שע מעשים. און גאָר אַ באַזונדערע ראָל האָט געשפּילט און שפּילט אין דעם קלאַסן־קאַמף אַרום דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט דער קאָנטער־רעוואָלוציאָנערער קריגערישער יידישער נאַציאָנאַליזם".

משה ליטוואַקאָוו, אַן ערשטראַנגיקער זשורנאַליסט, פּובליציסט און ליטעראַטור־קריטיקער, אַן אויסגעצייכנטער סטיליסט, איז געווען איי־נער פון די צענטראַלע פיגורן פון דער סאָוועטישער יידישער גע־זעלשאַפטלעכקייט. „פּאַראַנטוואָרטלעכער פאַרן אידעאָלאָגישן פראָנט" בימי פון דער יידסעקציע, האָט ער פאַרגעשטעלט מיט זיך די פאַר־קערפּערונג ממש, דעם סימבאָל פון יעווסעקיזם. במשך פון העכער אַ יאָרצענדליק, האָט ער געטאָן קיניגן איבער דער יידישער ליטעראַ־טור און קולטור אין ראַטנפאַרבאַנד, געקיניגט מיט שטאַרקער האַנט און געפּירט — ריכטיקער, אונטערגעטריבן — די שרייבער, מיט אַ ליידנשאַפטלעכער פאַרליבטקייט אין אידעאָלאָגישן קאַנטשיק, אויפן דרך הישר פון דער „פּאַרטיי־ליניע". ער האָט שטאָלצירט מיטן צונאָ־מען „בעסטער טשעקיסט פון דער יידישער ליטעראַטור" און זיך ספּע־ציאַליזירט אין אויפדעקן כלערליי „אָפּנויגן": לינקע און רעכטע און נאַציאָנאַליסטישע און קליינבירגערלעכע און רעכט־אָפּאָרטוניסטישע און לינק־אָפּאָרטוניסטישע און קליינבירגערלעך־אָפּאָרטוניסטישע און נאָך און נאָך. דער דאָזיקער האָפערדיקסטער פּוסק אחרון אין הלכות־אידעאָלאָ־גיע איז נאָך דעם פונאַנדערלאָזן פון די יידסעקציעס געוואָרן אַ פּאָליטי־שער יורד. זיין שאַרפע טעמפּעראַמענטפולע פען האָט אָבער ווייטער

געשטורעמט אויף די זייטן פון „עמעס", אין אַנגרייפערישער קרי־טיק — אַ באַוויז פון „קאָמוניסטישער וואַכזאַמקייט" — און פון צייט צו צייט, אויך אין זעלבסטקריטיק — אַ באַוויז פון „קאָמוניסטישן מוט" און „קאָמוניסטישער מאָראַל". אין אַזעלכע מינים „באַווייזן" האָט ליט־וואַקאָוו זיך געניטיקט אַלץ מער און מער, מחמת ער אַליין איז גע־ווען, נישט סתם אַן „אַמאָל אַנגעהעריקער", נאָר אַ פירער פון דער אַמאָליקער פּאַרטיי „פּאַראייניקטע".

ליטוואַקאָוס „דער קלאַסן־קאַמף אַרום דער בויאונג פון דער יידי־שער אויטאָנאָמער געגנט" האָט זיך פאַרמאָסטן צו זיין אַ באַשולדי־קונגס־אַקט קעגן „קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן יידישן קריגערישן נאַציאָ־נאַליזם" און זיין ראָל אין ביראָבידזשאַן. פון אַרטיקל האָט מען גע־קאָנט בכן דערוואַרטן, אויב אפילו ניט קיין פּאַרטיפּטן אַנאַליז, איז לכל הדעות אַן אַלגעמיינע באַשרייבונג פון אָט דעם פענאָמען פון יידישן נאַציאָנאַליזם — זיינע צילן, זיינע מעטאָדן, די פאָרמען פון די „שע־דיקערישע מעשים" זיינע וכדומה. וועגן דעם אַלעמען האָט דער מח־בר קיין וואָרט ניט געזאָגט. ער האָט זיך באַגנוגנט מיט פּסקנען, און ענדגילטיק פאַרמשפּטן, שטיצנדיק זיך אויף אומגלויבלעך־בייזוויליקע ראַיות, אינסינואַציעס, אָפּט אומזיניקע, אָדער פּשוטע מסירות — בעיקר קעגן „ליבערבערגן און זיין כנופיה" און פאַרבייגייענדיק אויך קעגן כאַווקינען, קעגן „דעם דריילינג ח' לאַרין און טשעמעריסקי־מערעזשין", קעגן „נאַציאָנאַליסט בראַגין", קעגן „געוועזענעם פּועלי־ציוניסט פון פוילן, מאַקס עריק" א"א. עס איז דערמאָנט געוואָרן אפילו „דער שוואַרץ־מאה'שער יידישער היסטאָריקער, דער עמיגראַנט דובנאָוו".

וואָס שייך דעם הויפּט־באַשולדיקטן, „דעם קריגערישן נאַציאָנאַ־ליסט ליבערבערג" („אַ סיימאָנעץ, וואָס האָט זיך איבערגעפאַרבט אין אַ באָלשעוויק"), זיינען צווישן אַ ים ממש קלענערע און גרעסערע חטאים, אויסגערעכנט געוואָרן דריי זיינע עיקר־פאַרברעכנס:

ערשטנס, „אין 1934 יאָר איז ליבערבערגן סוף כל סוף געלונגען אָפּצונאַרן די פּאַרטיי און אַריינשמוגלען זיך אין דער אָנפירונג פון דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט. און אַלע זיינע מעטאָדן — נאַציאָ־ליסטישער „לידעריזם" אין „וועלט־מאַסשטאַב", טראָצק, פּאַראַד, שע־דיקעריי בנוגע אַלע אַנשטאַלטן פון יידישער קולטור אין גאַנצן ראַטנ־פאַרבאַנד, האָט ליבערבערג אָנגעהויבן פּראַקטיצירן שוין אַלס „אָנפירער פון דער יידישער מלוכה". ער האָט אָנגעהויבן שטעלן די פראַגע וועגן

אַריבערפירן קיין ביראָבידזשאַן דעם קיִעווער אינסטיטוט, דעם מענ־דעלע־מוזיי פון אָדעס, די קיִעווער ביבליאָטעק־פאָנדן אא״וו אדג״ל — ראַטעווען, הייסט עס, די יידישע נאַציאָנאַלע ווערטן פון „גלות״ אין ראַטנפאַרבאַנד און זיי אַריבערפעקלען אין דעם כלומרשטן, דעם ליבער־בערגישן „ארץ־ישראל״.

צווייטנס, „קעגנשטעלן די יידישע אויטאָנאָמע געגנט דער גאַנ־צער אַרבעט פון דער פּאַרטיי און דער ראַטנמאַכט אין ראַטנפאַרבאַנד; די איינשטעלונג, אַז אַלץ, וואָס ווערט געטאָן אין ראַטנפאַרבאַנד, קאָן ניט האָבן קיין קיום, אַז נאָר דאָס וואָס ווערט געשאַפן אין דער יידי־שער אויטאָנאָמער געגנט האָט אַ נאַציאָנאַלן ווערט״.

און דריטנס, „אַ מין לאָזונג „העט וויד מאָסקווי״, „אָן מאָסקווע״, „אָן קיִעוו״, „אָן מינסק, אא״וו, מען דאַרף ניט קיין קאָמערד, מען דאַרף ניט קיין געזערד, מען דאַרף ניט קיין „עמעס״, דאָס אַלץ איז טריף, ס׳פאַרשטעלט די זון, די ליכטיקע געשטאַלטן פון די „נאַציאָנאַלע פירער״ פון ביראָבידזשאַן, מיר וועלן אַלץ אַליין מאַכן״.

דער טאָן פון ליטוואַקאָווס אַרטיקל איז געווען אין איינקלאַנג מיט דער צייט — פּונקט דער זעלבער, ווי אין די באַשולדיקונגס־אַקטן פון אַלע „מאָסקווער פּראָצעסן״. עס האָט אָבער אין אים אָפּגעקלונגען גלייכצייטיק צו פיל פּערזענלעכס — פּערזענלעכע חשבונות, פּערזענ־לעכע אַנטוישטע אַמביציעס, אַנגערירטער כבוד וכדומה. און דער עיקר, עס האָט געפעלט די פּאָליטישע פּאַראַלגעמיינערונג, אויף וועלכער די געהעריקע „אָרגאַנען״ האָבן קודם כל געוואַרט. דער אינדיווידועלער פאַל מיט ליבערבערגן האָט זיי מער ניט אינטערעסירט. ליבערבערג האָט שוין ניט געלעבט. ער איז אומגעבראַכט געוואָרן אין מערץ 1937, אָבער דאָס איז געבליבן אַ מלוכה־סוד כמעט גאַנצע צוויי יאָרצענדליק.

ליטוואַקאָוו האָט בכן געדאַרפט זיין אַרטיקל „פאַרריכטן״ און „פאַר־אַלגעמיינערן״ און — דאָס קאָן אויסזען אומגלויבלעך — ער האָט אים טאַקע „פאַרריכט״ און „פאַראַלגעמיינערט״. די רוסישע איבערזעצונג, וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין „טריבונאַ״ האָט עס פאַרגעשטעלט מיט זיך די „נייע און אויסגעברייטערטע אויפלאַגע״. דער אַריינפיר־אַפּזאַץ פון יידישן טעקסט: „גאָר אַ באַזונדערע ראָל האָט געשפּילט און שפּילט אין דעם קלאַסן־קאַמף אַרום דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט דער קאָנטער־רעוואָלוציאָנערער קריגערישער יידישער נאַציאָ־נאַליזם״ איז אויף רוסיש געוואָרן: „דאָ האָט ווי דער הויפּט־שונא

זיך אַרויסגעוויזן און ווייזט זיך אַרויס דער קאָנטר־רעוואָלוציאָנערער קריגערישער יידישער נאַציאָנאַליזם, וועלכער האָט נאַטירלעך זיך צו־נויפגעשלאָסן און שליסט זיך צונויף מיטן טראָצקיזם".*

דאָס איז געווען — נישט בלויז אַ באַוווסטזיניקע פעלשונג, נאָר בפירוש אַ בלבול, ממש אַ בלוט־בלבול, אַ פאַרשאַרפטע האַק אויפגע־הויבן איבער אומצייליקע קעפּ. נישט טראָצקי, נישט די טראָצקיסטן, נישט דער טראָצקיזם ווי אַ שיטה, האָבן קיינמאָל ניט געהאַט די מינ־דעסטע שייכות צו דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט און צו איר פּראָבלעמאַטיק. ליטוואַקאָוו האָט עס גלענצנדיק געוווּסט. נישט טראָצקי און נישט זיינע יידישע מקורבים האָבן קיינמאָל, לכל הדעות אין ראַטנפאַרבאַנד, ניט אָנערקענט זיך צו זייער יידיש־קייט — וועלכע זיי האָבן אמת אויך ניט פאַרלייקנט — אָבער וואָס האָט פאַר זיי ניט געהאַט דעם מינדעסטן באַטייט און דעם מינדעסטן אינטערעס. די „אָנטפּלעקונגען" פון אַזאַ קאָמפּעטענטן עדות, אַן עקס־פּערט ממש, ווי דער געוועזענער יידישער פאַראַנטוואָרטלעכער פאַרן „אידעאָלאָגישן פראָנט", האָבן עפנטלעך באַשטעטיקט דעם חשד, וואָס האָט געגעסטיקט אין סאַמע צענטער פון סטאַליניזם־שגעון: נעמלעך, אַז עס עקזיסטירט אַ „צוזאַמענשלוס" — אַ פּאָליטישער און אָרגאַני־זאַציאָנעלער — צווישן דעם נאַציאָנאַליזם אין אַלע זיינע פאָרמען, אַריינגערעכנט דעם יידישן נאַציאָנאַליזם, און דעם טראָצקיזם.

במילא איז דערקלערט געוואָרן „כולו חייב" די גאַנצע „יידישע גאַס", וואָס איז געשאַפן געוואָרן דורך די „אַמאָל אָנגעהעריקע" — און פאַקטיש בלויז דורך זיי: געזעלשאַפטלעכקייט, קולטור, ליטעראַטור, מלוכהשקייט. אַ שאָטן פון קאָנטער־רעוואָלוציע, פון נאַציאָנאַליזם און טראָצקיזם איז געפאַלן אויף אַלץ און אויף אַלעמען — אפילו אויפן יידישן אות. עס זיינען געוואָרן אַרעסטירט — און באַלד אומגעבראַכט אָדער פאַרשיקט — אַלע געוועזענע פירער פון דער אַמאָליקער יידי־שער אַרבעטער־באַוועגונג, בראש מיט אסתר פרומקין. דעם זעלבן גורל האָט נישט אויסגעמיטן אויך משה ליטוואַקאָוו. נאָך אַלע „אַמאָל־אָנגע־העריקע", איז געקומען לסוף די ריי אויך אויפן אַלטן באָלשעוויק שמעון דימאַנשטיין, סימבאָל ממש פון יידישן קאָמוניסטישן טוער נאָך פון

---

* רוסישער טעקסט „טריבונאַ" 1937, נומ. 9; ציטירט לויט: לבבי, ז. 363.

לעבינס צייטן, פאַרקערפּערונג פון „יידישער אַרבעט" און יידישער פּאָליטיק אין ראַטנפאַרבאַנד. אָנהויב 1938 איז געשלאָסן געוואָרן דער מאָסקווער „עמעס" און עס זיינען באַלד ליקווידירט געוואָרן הן דער געזערד, הן דער קאָמערד. פון דער רייכער און פילפאַרביקער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט איז קיין שפּור ניט פאַרבליבן.

עס וואָלט אוודאי געווען פאַלש און זינלאָז צו וועלן אַרויפלייגן די שולד דערפון אויף ליטוואַקאָווס „דעמאַסקירונגען" און „אַנטפּלעק־קונגען". אפילו אָן זיי, וואָלט דער בלוטיקער שטורעם נישט אויסגע־מיטן די „יידישע גאַס". די „רעוואָלוציאָנערע גערעכטיקייט" איז גע־ווען אַן אימאַנענטע און האָט זיך נישט גענויטיקט — אין קיין שום פּראָצעדור און אין קיין שום באַווייזן. ליטוואַקאָווס „באַשולדיקונגס־אַקט" איז אָבער פאָרט אַ טראַגישער דאָקומענט פון אַ גרויליקער צייט; מען וואָלט אפשר געקאָנט זאָגן — אַ טראַגישער דענקמאָל דעם יעווּ־סעקיזם.

און דערווייל האָט אין ביראָבידזשאַן זיך פונאַנדערגעוויקלט דער קאַמף קעגן „קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן יידישן נאַציאָנאַליזם". דעם 15טן סעפּטעמבער 1936 האָט זיך דערעפנט, אין אַ ספּעציעל יאָנטעוודיקער אַטמאָספערע, דער דריטער פּלענום פונעם געגנטלעכן פּאַרטיי־קאָמי־טעט. מען האָט געפייערט די היסטאָרישע באַשטימונג פונעם צי"ק פּסטר, פון 29סטן אויגוסט. ליבערבערג איז שוין דאַן אין ביראָבי־דזשאַן נישט געווען, אָבער וועגן זיין גורל האָט נאָך קיינער גאָרניט געוווּסט און דער פּלענום איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין ליבערבערג־סטיל. ווידער איז געשטאַנען די שפּראַך־פראַגע און נישט קיין אַנדע־רער ווי דער דיוויזיע־קאָמאַנדיר וו. ראָכי האָט געשטורעמט: „מען מוז בויען די נאַציאָנאַלע יידישע סאָציאַליסטישע קולטור! מען מוז זיך אויסלערנען אַ גוטן יידיש!" און נאָך קלאָרער: „מען דאַרף אין דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט אַזוי שאַרף אויפקשטעלן די פראַגע וועגן דער נאַציאָנאַלער שפּראַך, ווי זי איז אַמאָל געשטעלט געוואָרן אין אוקראַינע בנוגע אוקראַיניש, אין ווייסרוסלאַנד בנוגע ווייסרוסיש און אַזוי ווייטער".*

---

* פּ. נאָוויק, ז. 57 און 61.

באַלד איז דערגאַנגען די איוב־בשורה וועגן ליבערבערגן און עס האָבן תיכף זיך אָנגעהויבן רדיפות: „... די פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע הויבט אָן פאַרפאָלגן יעדן איינעם, וואָס האָט געהאַט דעם מינדעסטן שייכות צו ליבערבערגן: אומפּאַרטייאישע נעמט מען אַראָפּ פון דער אַרבעט, פּאַרטיי־מיטגלידער שליסט מען אויס פון דער פּאַרטיי (צווישן זיי אויך מיך), אַ טייל אַרעסטירט מען. שנעל, פּיבערהאַפט ווערן צו־גויפגערופן ספּעציעלע מאַסן־פאַרזאַמלונגען פון אַרבעטערס, קאָל־ווירטלערס, פון אָנגעשטעלטע און אינטעליגענץ. אויפן טאָג־סדר או־מעטום איין און דער זעלביקער פּונקט: „פאַרשטאַרקן די קאָמוניסטי־שע וואַכזאַמקייט און פאָדערן פון דער נ. ק. וו. ד. זי זאָל וואָס שטרענ־גער באַשטראָפן די אַלע, וואָס זיינען געווען ליבערבערגס אָפענע און געהיימע מיטהעלפערס ביים שעדיקן די סאָציאַליסטישע בויאונג פון דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט". צום סוף פון יעדער פאַרזאַמלונג ווערט פאַרגעלייענט דער פּראָיעקט פון אַ געהעריקער רעזאָלוציע. פאַר־שטענדלעך, אַז די דאָזיקע רעזאָלוציע ווערט אומעטום אָנגענומען איינ־שטימיק. עס שטימען פאַר איר אויך די, פאַר וועלכע ליבערבערג איז דער גרעסטער אידעאַליסט. און אויך זיינע קיעווער בני־עיר. איר וווּנדערט זיך? איז דאָס אַ סימן, אַז איר קענט נישט די סאָוועטישע רעאַליטעט". *

די „רייניקונג"־קאַמפּאַניע האָט זיך פאַרשטאַרקט. מען איז אַריינ־געטראָטן אין אכזריותדיקן יאָר זיבן און דרייסיק, מיט זיינע מאַסן־אַרעסטן און מאַסן־שחיטות. דער פּערטער פּלענום פון ביראָבידזשאַ־נער פּאַרטיי־קאָמיטעט, פון 4טן אַפּריל 1937, האָט קודם כל „אויסגע־רייניקט" דעם „הויפּט־רייניקער" — דעם ערשטן סעקרעטאַר פון געגנט־לעכן קאָמיטעט, מאַטוועי פּאַוולאָוויטש כאַווקין. קוים עטלעכע טעג שפּעטער האָט דער „ביראָבידזשאַנער שטערן", אין אַ לייטאַרטיקל פון 10טן אַפּריל, דעם „אויסגערייניקטן" אָפּגעשילדערט בזה הלשון: „אַ גרויס געשוויר האָט אָנגעריסן אין אונדזער געגנטלעכער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע. דער געשוויר איז באַשאַפן דורך אַ מענטשן, וואָס איז געשטאַנען בראש פון דער פּאַרטיי־אָנפירונג פון דער געגנט — דורכן סעקרעטאַר פונעם געגנטקאָם כאַווקין. כאַווקין האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַן אומווירדיקן מענטשן, מער נאָך — פאַר אַן אומווירדיקן פאַר־

* ראָזענטאַל־שניידערמאַן, ז. 350 און 351.

טייער און פּאַרטיי־פירער. אין זיין סיסטעם און אין „סטיל" פון זיין אַרבעט, איז אַריין אַלץ, וואָס איז אומווירדיק, אַלץ וואָס איז אַנטי־באָלשעוויסטיש — שאַנטאַזש, העצעריי, חניפה, אינטריגעס. ער האָט פאַרשוועגדט מלוכהשע געלטער. ער האָט ניט פאַרטראָטן די אינטע־רעסן פון דער פּאַרטיי, נאָר פאַרראָטן די אינטערעסן פון דער פּאַרטיי. ער האָט געהאַנדלט ווי אַ טראָצקיסט. מיט זיין טעטיקייט האָט ער גע־האַמעוועט די בויאונג פון דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט. כאַווקין האָט די גאַנצע צייט זיך באַרימט און באַמיט זיך פאַרשטעלן דעם ענין אַזוי, ווי ער וואָלט עס כלומרשט דעמאַסקירט דעם טראָצקיסטישן מנוול ליבערבערגן און זיין כנופיה. אָבער, ווי עס ווייזט זיך אַרויס, האָט כאַווקין לאַנג שוין געוווּסט, אַז ליבערבערג איז אַ טראָצקיסטישער מנוול און דווקא דאָס האָט ער פאַרשוויגן, אויף אַזאַ אופן האָט ער פאַקטיש פאַרטיידיקט אַ טראָצקיסט! דעם טראָצקיסטישן פרצוף פון ליבערבערגן האָט אַנדעקט נישט כאַווקין, אָבער דעם עקלהאַפטן פר־צוף פון כאַווקינען האָט ענדגילטיק אַנדעקט די פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע".

עס איז, פאַרשטייט זיך, ניט געווען גענוג צו אַנטפּלעקן „דעם עקל־האַפטן פרצוף" פון דער פּאַרטיי־אַנפירונג און אים קוואַליפיצירן ווי טראָצקיזם. מען האָט געדאַרפט אויך אַנטפּלעקן „דעם עקלהאַפטן פרצוף" פון איר פּאָליטיק. אין דעם דווקא האָט אַ סך געהאָלפן ליטוואַקאָווס באַשולדיקונגס־אַקט, געהאָלפן הן דער אָרטיקער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע פון ביראָבידזשאַן, הן און בעיקר די העכערע פּאַרטיי־אינסטאַנצן, וועל־כע האָבן דעצידירט וועגן דער פּאָליטיק און דעם גורל פון דער יידי־שער געגנט.

ליטוואַקאָווס קרייץ־צוג קעגן „קאָנטר־רעוואָלוציאָנערן קעמפערישן יידישן נאַציאָנאַליזם" האָט פאַקטיש באַטייט נישט עפּעס אַנדערש, ווי אַ קרייץ־צוג קעגן דער „קאַלינין־דאָקטרין". ליבערבערגס באַמיאונגען צו פאַרוואַנדלען די יידישע געגנט אין דעם צענטער און אויפהיטער פון דער יידישער קולטור אין ראַטנפאַרבאַנד — שאַפן דאָ יידישע הויכשולן און אַ יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט, אַריבערפירן אַהער די קיעווער אַקאַדעמישע ביבליאָטעק, דעם אָדעסער מענדעלע־מוזיי וכדומה — האָבן אויף קיין האָר ניט איבערגעטראָטן דעם קאַלינין־פּראָיעקט פון אַ „מרכז רוחני" און, צוגלייך, פון אַ ממשותדיקן באָדן אויף פאַראַנקערן און פאַרוואָרצלען דעם נאַציאָנאַלן אייגנאַרט פון סאָ־

וועטישן יידנטום און ווו „ביי אונדז וועלן יידן לענגער ווי ערגעץ־ווו זיך איינהאַלטן״.

אויף אַט דער „קאַלינין־דאַקטרין״ האָט ליטוואַקאָוו — עפנטלעך און אויף רוסיש, עס זאָל דערגיין, ווי אַ באַווייז פון „קאָמוניסטישער וואַכזאַמקייט״, דירעקט צו די געהעריקע אינסטאַנצן — אָנגעוויזן מיטן פינגער: אַט דאָס איז קאָנטער־רעוואָלוציאָנערער קעמפערישער יידישער נאַציאָנאַליזם! די אָנווייזונג איז תיכף געגומען געוואָרן צו קענטעניש. „דער טראַגישער דענקמאָל דעם יעווסעקיזם״ איז געוואָרן געבענטשט מיט דערפאָלג. קודם כל האָט זיך אָנגעהויבן — אָן אַלגעמיינע „דע־יידישאַציע״.

דער פּראָצעס פון „יידישיזירונג״ פון דער אויטאָנאָמער געגנט — וואָס ליבערבערג האָט געפירט מיט אַזוי פיל אָנטשלאָסנקייט במשך פון גאַנצע צוויי יאָר — איז נאָך ווייט ניט געווען פאַרענדיקט. האַרבסט 1936, האָבן „די מיידלעך אויף דער פּאָסט״ נאָך גערעדט „שלעכט יידיש״ און „אַזוי די אָנגעשטעלטע אין אַנדערע אינסטיטוציעס״.* וואָס שייך דעם פּאַרטיי־אַפּאַראַט, זיינען דאָן געוואָרן „געמאַכט די ערשטע טריט ברייט איבערצוגיין אויף יידיש„.** די ערשטע טריט — נאָך גאַנצע צוויי יאָר עקזיסטענץ פון דער יידישער מלוכהשקייט. דער „אַפּאַראַט״ האָט, זעט אויס, ניט אַרויסגעוויזן צו פיל התמדה פאַר דער יידישיזירונג. אויף אַ פּלענום פון ביראָבידזשאַנער אויספּיר־קאָמיטעט פון יוני 1935, האָט זיך כאַווקין געקלאָגט: „די באַשטימונג וועגן איינפלאַנצן די יידישע שפּראַך ווערט ניט אויסגעפּילט אין אונ־זערע אַנשטאַלטן... פאַראַן ביי אונדז טוער, וואָס האָבן באַקומען ביל־דונג אין יידישע סאָוועטישע לערן־אַנשטאַלטן און גראָד זיי סאַבאָטירן די מוטער־שפּראַך אין דער... יידישער געגנט״.*** פאַר די פּאַרטיי־ביוראָקראַטן, געקומענע פון דער „אַלגעמיינער אַרבעט״ (קיין באַזונ־דערע „יידישע אַרבעט״ האָט שוין דאַן אין דער פּאַרטיי נישט עקזיס־טירט) האָט דאָס איבערגיין פון רוסיש אויף יידיש געהאַט אפנים דעם ביטערן טעם פון „דרייען אויף צוריק די ראָד פון געשיכטע״. די שפּראַך־אַסימילאַציע האָט, ווייזט אויס, אָנגעהויבן טיף אַריינדרינ־

---

* פּ. נאָוויק, ז. 21.

** דאָרטן, ז. 67.

*** „עמעס״, 1טן יולי 1935, ציטירט לויט: לעשצינסקי, ז. 237.

גען, אָנהויב דרייסיקער יאָרן, אין די יידישע שטעט און שטעטלעך פון אוקראַינע און ווייסרוסלאַנד.

די יידישיזירונג פון דער אויטאָנאָמער געגנט האָט געפאָדערט צוויי הויפּט־באַדינגונגען: ערשטנס, מלוכה־כוח, הינטער יידיש, פּונקט ווי אין אַלע מלוכהשע אויסבילדונגען, וואָס ציכטן און באַשירעמען זייער אָפיציעלע שפּראַך. צווייטנס — צייט, בכדי צו דערציען, אין די נייע מלוכהשע באַדינגונגען, דעם יונגן דור און איבערדערציען די עלטערע דורות. ביידע באַדינגונגען זיינען לכתחילה געווען פאַרזיכער־טע, אָבער פּלוצלונג האָט זיך אַלץ געביטן.

אָנהויב 1937 איז די יידישע אויטאָנאָמע געגנט געוואָרן בליץ־שנעל „דע־יידישיזירט". די מלוכהשע און שטאָטישע אַדמיניסטראַציע, וואָס איז טיילווייז געהאַט שוין אַריבערגעגאַנגען אויף יידיש, האָט זיך צוריקגעקערט צו רוסיש. דער יידישער געריכט (אין 1936 האָט ער געהאַט מער ווי פאַרטאָפּלט די צאָל באַהאַנדלטע ענינים) איז געוואָרן רוסיפיצירט. די אָבליגאַטאָרישקייט פונעם יידיש־לימוד אין די ניט־יידישע שולן (רוסישע און קאָרעישע) איז אָפּגעשאַפט געוואָרן. דאַקעגן איז געוואָרן איינגעפירט רוסיש ווי די לימוד־שפּראַך אין לאַנדווירט־לעכן טעכניקום, אין באַרגמעטאַלורגישן טעכניקום, אין מעדיציינישן טעכניקום און אין אַ צאָל יידישע שולן. דער יידישער שול־וועזן האָט אָנגעהויבן איינשרומפּן. די צאָל יידישע קינדער־גערטנער (25 אין 1936, אָנשטאָט 19 אין 1935) האָט זיך ראַשיק פאַרקלענערט און באַלד דערפירט געוואָרן ביז נול.

אַ כאַראַקטעריסטישער דעטאַל: דער ניי־באַשטימטער, נאָך ליבער־בערגס אַרעסט, פאַרזיצער פון ביראָבידזשאַנער געגנטלעכן אויספיר־קאָמיטעט, מ. קאַטעל, אַ געזערד־טוער אין אוקראַינע, האָט פאַרן אָפּ־פאָרן אין דער יידישער געגנט, געהאַלטן פאַר נויטיק, אויף אַ געזעג־געענונג־אָוונט אין מאָסקווע, מודיע צו זיין בפני כל עם ועדה, אַז... ער קען ניט קיין יידיש.*

נאָך דער שפּראַך, איז געקומען די ריי אויף אינסטיטוציעס. די „וויסנשאַפטלעכע קאָמיסיע צו דערלערנען די קולטור און נאַטירלעכע רייכטימער פון דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט" — אַלגעמיין אָנער־קענטער קערן פון ביראָבידזשאַנער אינסטיטוט פאַר יידישער קולטור

* י. לבבי, „ההתישבות"... ז. 242.

— איז געוואָרן פונאַנדערגעלאָזט. אַ צאָל פאַרפלאָנירטע און שוין טייל־ווייז אָדער אינגאַנצן פאַרענדיקטע וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן — צווישן אַנדערע, אַ לערנבוך פון יידיש פאַר דערוואַקסענע אָנפאַנגער און אַ יידיש־רוסישער ווערטערבוך — זיינען געוואָרן פראָסט־פשוט אַנו־לירט.

אַלע גרויספאַרנעמיקע פּלענער וועגן יידישע הויכשולן, וועגן אַ צענ־טראַלער אַלפאַרבאַנדישער יידישער ביבליאָטעק, וועגן אַ יידישן מוזיי, וועגן אַ סימפאָנישן אָרקעסטער זיינען צעשוווּמען ווי רויך. עס איז נעלם געוואָרן, פאַרשוווּנדן אָן אַ שפור, דער „מלוכהשער וואָקאַלער אַנסאַמבל", וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין דעצעמבער 1936, מיטן קאָמפּאָזיטאָר מ. מילנער ווי אָן אָנפירער.

באַזונדערס סימפּטאָמאַטיש איז געווען דער גורל פון דער לאַנג־געגרייטער אַלסאָוועטישער יידישער שפּראַך־קאָנפערענץ. ווי באַקאַנט, האָט די איניציאַטיוו פון דער קאָנפערענץ געשטאַמט פונעם „איי־זערנעם פאָלקס־קאָמיסאַר", דעם „נאָענטסטן מיטקעמפער פון דעם גרויסן סטאַלין" — לאַזאַר מאָיסעיעוויטש קאַגאַנאָוויטש. די קאָנפע־רענץ, אָן אָפיציעל מלוכהשע, האָט געזאָלט דערעפנט ווערן אין בי־ראָבידזשאַן דעם 9טן פעברואַר 1937, פּונקט צום יאָרטאָג פון קאַגאַ־נאָוויטשעס באַזוך אין דער יידישער געגנט. דער פאַרמעסט פון דער קאָנפערענץ איז געווען אָן אויסערגעוויינלעכער: זי האָט געדאַרפט ענדגילטיק פאַראייינהייטלעכן און ממש קאָדיפיצירן די שפּראַך־כּללים פון יידיש און שאַפן נייע, איינהייטלעכע מלוכהש־שפּראַכלעכע פאַר־מען פאַרן יידישן מלוכה־לעבן אין ראַטנפאַרבאַנד. דאָס האָט גע־דאַרפט זיין די אָפיציעלע דערהויבונג, די פייערלעכע קרוינונג פון יידיש ווי די נאַציאָנאַלע שפּראַך פון דער יונגער יידישער סאָוועטי־שער נאַציע און ווי די מלוכה־שפּראַך פון דער יונגער יידישער מלו־כה־אויסבילדונג, די צוקונפטיקע יידישע רעפּובליק. אַלץ איז געווען גרייט — סדר־היום, רעפערענטן, רעפעראַטן, פּראָיעקטן פון רעזאָ־לוציעס וכדומה. וועגן דער אַטמאָספערע אַרום דער קאָנפערענץ זאָגט עדות דער טיטל פון שמעון דימאַנשטיינס אַן אַרטיקל: „די סאָציאַ־ליסטישע מלוכה בויט די יידישע שפּראַך".

צום באַשטימטן טערמין, דעם 9טן פעברואַר 1937, איז אָבער די קאָנפערענץ נישט דערעפנט געוואָרן. זי איז אָפּגעלייגט געוואָרן אויפן 7טן מאַי 1937, ס'הייסט אויפן יאָרטאָג — דעם דריטן —

פון דער פּראָקלאַמירונג פון דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט. אָבער אויך צום יאָרטאָג פון דער געגנט איז די קאָנפערענץ נישט צושטאַנד געקומען — נישט צום דריטן יאָרטאָג, נישט צום פערטן און נישט צו קיין שום אַנדערן. זי איז פּראָסט־פּשוט געוואָרן אַנולירט. דאָס איז געווען אַ פינאַל־אַקאָרד אין דער שלאַכט קעגן „קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן קעמפערישן יידישן נאַציאָנאַליזם", אַ מין סוף־פּסוק אין דער „ליקווידאַציע פון יידישן נאַציאָנאַליזם". אין פּראָצעס פון „רייניקונג" און „דע־יידישיזירונג" פון דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט, איז „אויסגערייניקט" און „דע־יידישיזירט" געוואָרן — יידיש גופא. פּאַקטיש און באַלד אויך אָפיציעל, איז יידיש געוואָרן אויס נאַציאָנאַלע שפּראַך, אויס מלוכה־שפּראַך פון דער יידישער סאָוועטישער מלוכהשקייט. דאָס איז געווען אַ סימבאָל: עס איז געוואָרן עלימינירט, און פאַרמשפּט, דאָס „נאַציאָנאַלע לויט דער פאָרם", דער עיקר־אויסדרוק אין ראַטנפאַרבאַנד פון נאַציאָנאַלער אידענטיטעט און נאַציאָנאַלער קולטור. די סאָוועטישע יידישע מלוכהשקייט האָט אויפגעהערט באַטראַכט צו ווערן בעצם ווי אַ יידישע, זי איז געוואָרן דע־נאַציאָנאַליזירט, זי איז געוואָרן אַנטיידישט.

עס איז דערלויבט משער צו זיין, אַז דער באַשלוס וועגן ענדגילטיקער „דע־יידישיזירונג" און „דענאַציאָנאַליזירונג" איז דאַן אָנגענומען געוואָרן — נישט בלויז פאַר דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט, נאָר פאַר גאַנץ ראַטנפאַרבאַנד, פאַר דער גאַנצער סאָוועטישער יידישקייט. דאַן איז עס געשטעלט געוואָרן דער גלייך־צייכן צווישן יידיש, יידישער קולטור, יידישן אייגנאַרט, פון איין זייט, און — נאַציאָנאַליזם, אַנטי־פּראָגרעסיוועקייט, רעאַקציע, שיער־ניט קאָנטער־רעוואָלוציע, פון דער צווייטער זייט. דער גזר־דין, וואָס האָט מיט אַ יאָרצענדליק שפּעטער דערפירט צום בלוטיקן חורבן פון דער יידישער ליטעראַטור, קונסט און קולטור, פונעם יידישן לעבן אין ראַטנפאַרבאַנד, שטאַמט פון יענע גרויליקע יאָרן זיבן און דרייסיק, אַכט און דרייסיק. מען דאַרף אָננעמען, אַז קיין צייט־פּלאַן איז דאַן נישט אויסגעאַרבעט געוואָרן. מען האָט זיך באַגנוגנט בלויז מיט „פּרינציפּן". ווען און ווו און ווי אַזוי די דאָזיקע „פּרינציפּן" צו רעאַליזירן, איז שוין פאַרבליבן אַ פראַגע בלויז — פון טאַקטיק.

אַן אומדירעקטן באַווייז פאַר אַזאַ מין השערה ברענגט אונדז דער גורל פונעם יידיש־סאָוועטישן שול־וועזן. עס איז אָנגענומען

אַ ווערסיע: די יידישע שול אין ראַטנפֿאַרבאַנד איז געפֿאַלן אַ קרבן פֿון די „רייניקונגען" אין די „יעזשאָוו־יאָרן", אַ קרבן עפּעס אַזוי ווי אײַנגאַנצן אַ צופֿעליקער, וואָס איז אומגעקומען ניט ווילנדיק און אָן שום שלעכטער כּוונה מצד דעם אכזר. די דאָזיקע ווערסיע, נישט בלויז וואָס זי דערקלערט לחלוטין גאָרניט, נאָר איז אַ דורכויס פֿאַלשע. דווקא איז די יידישע שול, אין זיבן און דרייסיקסטן, געווען צווישן די אַמווייניקסטנס געליטענע, מחמת צווישן די אַמווייניקסטנס „פֿאַרזינדיקטע", אויפֿן געביט פֿון רעכטגלויביקייט, פֿון אידעאָלאָגישער אָרטאָדאָקסיע און פֿאַרטייאישער געטרייקייט. די יידישע סאָוועטישע לערערשאַפֿט פֿון די מיטן־דרייסיקער יאָרן האָט געהאַט אָן אומגעהויער ווייטן שייכות צו דער אידעיש־פּילפֿאַרביקער לערערשאַפֿט פֿון די אָקטאָבער־צייטן. דער אומגעהויערער וווּקס פֿונעם יידישן שול־וועזן אין ראַטנפֿאַרבאַנד האָט געפֿאָדערט אַ גרויסן קאָנטיגענט לערער, וועלכע זײַנען אויסגעבילדעט געוואָרן שוין אין די יידיש־סאָוועטישע פּעדאַגאָגישע טעכניקומס און אין די יידישע אָפּטיילן פֿון די פּעדאַגאָגישע פֿאַקולטעטן ביי פֿאַרשיידענע אוניווערסיטעטן. אַ יונגע, אָן ענטוזיאַסטישע, ס'רוב אַ פֿאַרטייאישע אָדער אַ קאָמיוגישע, האָט די יידישע לערערשאַפֿט כמעט ווי נישט פֿאַרמאָגט קיין „אַמאָל אָנגעהעריקע" אין אירע רייען. זי איז טאַקע בדרך כּלל, פֿון צווישן אַלע יידישע קולטור־טוער, געווען די אַמווייניקסטנס „רעפּרעסירטע", ממש לגמרי ניט קיין „רעפּרעסירטע".

אויך די יידישע שול ווי אַזעלכע — מיט אירע לערן־פּראָגראַמען, אירע טעקסט־ביכער, איר מעטאָדיק — איז קיינמאָל ניט געוואָרן פֿאַראורטיילט אָדער סאַנקציאָנירט. די זעלבע יידישע לערנביכער, מיט וועלכע מען האָט זיך באַנוצט אין די אָנהויב דרייסיקער יאָרן — כרעסטאָמאַטיעס, טעקסט־ביכער — זײַנען אין 1941/1939 געוואָרן איבערגעדרוקט אין ווילנע, קאָוונע און לעמבערג פֿאַר די יידישע שולן, וואָס זײַנען געשאַפֿן געוואָרן, אויף אַ קורצער ווייל, ביז דער שנעלער „דעיידישיזירונג", אין די ניי־צוגעקומענע געביטן פֿון מערב־ווייסרוסלאַנד, ליטע, מערב־אוקראַינע און די באַלטישע לענדער.

נישט קיין יידישע לערער האָבן, הייסט עס, אויסגעפֿעלט צום סוף פֿון די „יעזשאָוו־יאָרן", נישט קיין שולביכער, נישט קיין שולבנינים און אוודאי נישט קיין שול־קינדער. עס זײַנען אָבער געשלאָסן געוואָרן, צום ערשטן מאָל אין ראַטנפֿאַרבאַנד, יידישע שולן

— און דאָס, אין אַ מאַסן־פאַרנעם. אינעם יאָר 1938 זײַנען, מיט איין מאָל, אָן קיין שום פאַרוואָס און פאַרווען, פאַרמאַכט געוואָרן אין אוקראַינע און ווייסרוסלאַנד עטלעכע הונדערט יידישע שולן — אַרום צוויי הונדערט, לויט איניקע ידיעות, העכער דריי הונדערט, לויט אַנדערע. עס איז פאַרמאַכט געוואָרן אויך די איינציקע מאָסקווער יידישע שול, אין דער „מאַריאינאַ־ראָשטשאַ״־געגנט, און די באַ־רימטע מאַלאַכאָווקע־שול, נעבן מאָסקווע, איינע פון די עלטסטע אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. דאָס איז געווען דער ערשטער אַקט פון דער אַלגעמיין־סאָוועטישער „דע־יידישיזאַציע״, דער ערשטער טריט און דער ערשטער שניט, אַ גוט דורכגעטראַכטער און וויט־גרייכנדיקער — בכדי אונטערצושניידן די וואָרצלען פון בוים, בכדי אונטערצוגראָבן דעם פונדאַמענט גופא פונעם בנין פון דער סאָוועטישער יידישקייט. אגב אורחא, נישט אַלע יידישע שולן האָט מען געשלאָסן. אַ געוויסע צאָל זײַנען פאַרבליבן — וואַרשיינלעך צוליב טעמים פון טאַקטיק — און זײַנען געווען טעטיק ביזן סאַמע אויסברוך פון דער מלחמה.

די סתירות צווישן דער „פאַרטייאישער ליניע״ און דער „מלו־כהשער ליניע״ האָבן זיך אויפגעלייזט. פאַר דער מלוכהשער ליניע איז אָנגעצייכנט געוואָרן אַ געענדערטע ריכטונג — די סטאַלינישע.

קאַפּיטל זיבעצן

אונטערן שלייער פון מלוכה־סוד — אויבנאויפיקער סך־הכל

פאַרמעל־אַדמיניסטראַטיוו האָט זיך גאָרנישט געענדערט. די יידישע אויטאָנאָמע געגנט האָט געאַרבעט און זיך געבויט. די פאַרזיצערס פונעם געגנטלעכן אויספיר־קאָמיטעט האָבן זיך געביטן, איינער נאָכן צווייטן. קוים עטלעכע חדשים נאָכן אַרעסט פון פּראָפ. ליבערבערג, איז אַרעסטירט געוואָרן זיין נאָכפאָלגער מ. קאַטעל — אויך פאַר נאַציאָנאַליזם און טראָצקיזם — און באַלד, דער נאָכפאָלגער פונעם נאָכפאָלגער, פונקט פאַר די זעלבע פאַרברעכנס. דאָס נעמלעכע איז געשען אויך מיט די סעקרעטאַרן פונעם געגנטלעכן פּאַרטיי־קאָמיטעט.

די „כנופיה פון ליבערבערגן״ — די וויכטיקסטע און איבערגעגעבנסטע קאַדערן פון דער אַדמיניסטראַציע, פון די ווירטשאַפט־אינסטיטוציעס, פונעם קולטור־און בילדונג־וועזן — איז געוואָרן אָראָפּגענומען פון די פּאָסטנס און ס׳רוב אַרעסטירט. דאָס האָט, נאַטירלעך, אַריינגעבראַכט אין דער געגנט אַ פולשטענדיקע דעזאָרגאַניזאַציע. אַרויסגעהאָלפן האָט דער כוח פון אינערץ און די רוטין. אין מערץ 1938, צום צען־יאָריקן יובל פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע אין ביראָבידזשאַן און פון דער באַשטימונג וועגן „יידישן נאַציאָנאַלן איינס״, זיינען אין דער יידישער געגנט איינגעאָרדנט געוואָרן אַ גאַנצע ריי פייערונגען. קוים עטלעכע וואָכן שפּעטער, דעם 7טן מאַי 1938, האָט מען ווידער געיובלט, דאָס מאָל דעם פערטן יאָרטאָג פון דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט. פּונקט ווי עס וואָלט קיינמאָל גאָרניט געשען, זיינען געהאַלטן געוואָרן פייערדיקע דרשות און פאַרעפנטלעכט פלאַמיקע אַרטיקלען וועגן דעם וויכטיקסטן יידישן קולטור־צענטער אין ביראָבידזשאַן און וועגן דער צוקונפטיקער יידישער רעפּובליק.

פּאָליטישע פאַנטאַסטיק געהערט צו די גרונט־שטריכן פון דער סאָוועטישער רעאַליטעט. די העכסטע אָרגאַנען פון מלוכה־פּלאַניפיקאַציע האָבן ווידער אַ מאָל באַשטעטיקט אָט דעם כלל. אויפן דריטן פינפיאָר־פּלאַן פון 1938־1942 איז פאַר דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט פאָרויסגעזען געוואָרן אַ מאַסן־איבערוואַנדערונג פון גאַנצע הונדערט טויזנט מאַן, געגוי פאַרטיילט לויט פאָלגנדיקער טאַבעלע: אין 1938 — 10.000 מאַן, אין 1939 — 15.000, אין 1940 — 20.000, אין 1941 — 25.000 און אין 1942 — פולע 30.000. וועגן דער פאַרווירקלעכונג אָדער ניט־פאַרווירקלעכונג פון דעם דאָזיקן פּלאַן — אין פּראָצענטן, לויטן סאָוועטישן מנהג — איז גאָרניט באַוווּסט. פונעם יאָר 1938 אָן, איז וועגן דער דעמאָגראַפיע פון דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט — איינוואַנדערונג, אויסוואַנדערונג, נאַטירלעכער צוּוווּקס — בכלל מער ניט פאַרעפנטלעכט געוואָרן קיין שום ציפערן. דאָס איז געוואָרן אַ מלוכה־סוד.

אויך דער שלייער פון מלוכה־סוד איז אַ כאַראַקטעריסטישער שטריך פון דער סאָוועטישער רעאַליטעט. דאָס מאָל אָבער האָט דער סוד געהאַט בעיקר מיליטערישע טעמים. ביי דער געגעבענער אינטערנאַציאָנאַלער לאַגע און דער אַליאַנס צווישן בערלין און טאָקיאָ, האָט דער גאַנצער סאָוועטישער ווייט־מזרחדיקער קאַנט, איינגעשלאָסן די יידישע אויטאָנאָמע געגנט, זיך פאַרוואַנדלט אין אַ פּאָטענציעלער מיליטערישער זאָנע. די עווענטואַליטעט פון אַ באַוואָפנטן צוזאַמענשטויס אויפן ווייט־מזרחדיקן פראָנט איז דורך די סאָוועטישע אָנפירנדיקע אינסטאַנצן באַטראַכט געוואָרן פאַר אַזאַ וואַרשיינלעכע און ערנסטע, אַז פונעם ווייטן מזרח, און אויך פון דער יידישער געגנט, איז אַרויסגעשיקט געוואָרן, צוליב זיכערקייט־טעמים, די גאַנצע כינעזישע און קאָרעאַנישע באַפעלקערונג, יונג און אַלט, מענער, פרויען און קינדער.

אין ביראָבידזשאַן־פּראָבלעם, וואָס האָט פון תמיד אָן פאַרמאָגט אַ טאָפּלטן אַספּעקט, אַ יידיש־געזעלשאַפטלעכן און אַ מלוכהש־סטראַטעגישן, האָט אָנגעהויבן דאָמינירן — און דאָמינירן אַבסאָלוט — דאָס סטראַטעגישע. די דערשיינונג דערקלערט זיך אָבער — נישט בלויז מיטן עיקרדיקן באַטייט און דער דרינגלעכקייט פון סטראַטעגישן פאַקטאָר, נאָר אויך דערמיט, וואָס דער יידיש־געזעלשאַפטלעכער פאַקטאָר איז געבליבן אָן אַ וועלכן ניט איז אָנשפּאַר, אָן קיין שום אַר־

גאַניזאַציאָנעלער סטרוקטור. ער האָט פאַרלוירן יעטוועדע רעאַלע פּאָליטישע ממשות.

אין פריער ציטירטן אַרטיקל פון שמעון דימאַנשטיין „סאָוועטישע יידישע מלוכהשקייט", אָנגעשריבן צום צווייטן יאָרטאָג פון דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט, דערמאָנט דער מחבר: „מיר האָבן דיסקאָנטירט די פּאַראינטערעסירטקייט פון דער סאָוועטישער מלוכה אין דעם, אַז דער קאַנט זאָל ווי מעגלעך גיכער באַזעצט ווערן און מיר האָבן פולקום ריכטיק אָפּגעשאַצט דעם פאַקט, וואָס די אַלגעמיינע אינטערעסן פון דער מלוכה און די אינטערעסן פון די יידישע מאַסן פאַלן דאָ צונויף". אין אָט דעם צוויי מאָל איבערגעחזרטן „מיר" („מיר האָבן דיסקאָנטירט", „מיר האָבן אָפּגעשאַצט") האָט דער פּירוואָרט „מיר" באַטייט די יידישע אָרגאַניזירטע געזעלשאַפטלעכקייט, אין דער פאָרם, פאַרשטייט זיך, ווי דאָס איז מעגלעך געווען אין ראַטנפאַרבאַנד — ס'הייסט, צוערשט די יידישע קאָמיסאַריאַטן און די יידסעקציעס ביי דער קאָמפּאַרטיי, שפּעטער דער געזערד און אין אַ קלענערער מאָס און אומדירעקט, אויך דער קאָמערד. אין דער רעאַליזירונג פון דעם בי־ראָבידזשאַן־פּראָיעקט — די קאָלאָניזאַציע, אָנהויבנדיק פון 1928 און דערנאָך די אויטאָנאָמע געגנט אין 1934 — זיינען אַזוי אַרום תמיד געווען צוויי צדדים: די סאָוועטישע מלוכה, פון איין זייט און, פון דער צווייטער זייט, די אָרגאַניזירטע יידישע געזעלשאַפטלעכקייט פון ראַטנפאַרבאַנד, וועלכע האָט פילמאָליק זיך געוואָנדן נאָך הילף און פילמאָליק געקריגן הילף — אפילו באַטייטיקע הילף — פון דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט אין אַ גאַנצע ריי לענדער און גאָר באַזונדערס, אין די פאַראייניקטע שטאַטן. האָט זיך במילא באַקומען, אַז אויך דאָס יידישע אויסלאַנד — צאָלרייכע יידישע פאָלקס־מענטשן פון גאָר דער וועלט און אפילו די א"ג גרויסע יידישע הילפס־אָרגאַניזאַציעס — איז געווען, אויב נישט קיין אָפיציעלער דריטער צד אין דעם ניט־געשריבענעם אָפּמאַך צווישן דער סאָוועטישער רעגירונג און דעם סאָוועטישן יידנטום, אָבער פאַרט אַ שותף צו דער יידיש־סאָוועטישער געזעלשאַפטלעכקייט ביים אויפבוי־ווערק פון דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט.

דאָס „באַפרייען" דעם געזערד, אין 1934, פון דער אויפגאַבע אָנצופירן מיט דער איינוואַנדערונג קיין ביראָבידזשאַן — נאָך דעם קאַטאַסטראָפאַלן דורכפאַל פון די „מאַסן־איינוואַנדערונגען" פון די יאָרן

1933/1931 — איז געווען אַן אויסדרוק פון די ספקות, וואָס זיינען גע־האַט אויפגעקומען אין די סאָוועטישע מלוכה־קרייזן בנוגע דעם, צי די יידישע געזעלשאַפטלעכקייט וועט זיין מסוגל אויסצופירן מיט איי־גענע כוחות די אַלגעמיין־סטראַטעגישע אויפגאַבן, וועלכע זיינען איר געוואָרן אַנגעטרויט אויפן ווייטן מזרח. דער קאָמערד, מלוכה־אָרגאַן, צו וועמען די אָרגאַניזאַציע פון דער איבערוואַנדערונג איז איבערגע־גאַנגען, האָט געקאָנט — און וואָרשיינלעך געדאַרפט — ווערבירן איינ־וואַנדערער אויך צווישן ניט־יידן. דער ענין־ביראָבידזשאַן איז אַזוי אַרום, פאַר דער מלוכה, אַרויס פון אויסשליסלעך יידישער געזעל־שאַפטלעכער קאָמפּעטענץ.

במשך פון די ערשטע צוויי יאָר פון דער אויטאָנאָמער געגנט, האָט אָבער די לאַגע זיך ווערזנטלעך געענדערט. עס האָט זיך אַרויס־געוויזן אַז, ביי אַ געהעריקער מאָביליזירונג אַרום געהעריקע לאָזונגען, איז די יידישע געזעלשאַפטלעכקייט דווקא יאָ בכוח אויסצופילן אַלע אָנגעצייכנטע פלענער. נישט בלויז האָט זיך די יידישע באַפעלקערונג פון דער געגנט, פאַר דער קורצער צייט, מער ווי פאַרטאָפּלט און די שטאָט ביראָבידזשאַן איז אויסגעוואַקסן אויף צוויי מיט אַ האַלבן מאָל, נאָר עס האָבן זיך איינגעפונדעוועט און שטאַרק זיך פאַרגרעסערט אַ ריי קלענערע שטאָטישע ישובים — און במילא סטראַטעגיש־וויכטיקע — אַזעלכע ווי אָבלוטשע, ביראַקאַן, בירע, לאָנדאָנקאָ א״א. אין די דאָ־זיקע באַדינגונגען, האָט די ליקווידירונג פון געזערד און קאָמערד נישט געקאָנט ווערן אויפגעקלערט מיט וועלכן ניט איז שייכות צו מלוכהש־סטראַטעגישע אינטערעסן, נאָר בלויז און איינציק מיטן פאַר־לאַנג אָפּצווישן די לעצטע שפּורן פון דער אָרגאַניזירטער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט אין ראַטנפאַרבאַנד.

במשך פון די גאַנצע צען יאָר זינט דעם אָנהויב פון דער יידישער איינוואַנדערונג אויפן ווייטן מזרח, איז יעדע „דערהויבונג״ פון ביראָ־בידזשאַן אויף די שטאַפּלען פון יידישער מלוכהשקייט — צו אַ „ראַ־יאָן״ אין 1930 און צו אַן אויטאָנאָמער געגנט אין 1934 — צונויפגע־פאַלן מיט שווערע מיסדערפאָלגן, דעמאָגראַפישע, עקאָנאָמישע און במילא פּאָליטישע דורכפאַלן. דווקא אָבער ווען די יידישע געגנט האָט אָנגעהויבן ווערן אַ דערפאָלגרייכער יש, האָט מען זי אַנטיידישט און צוגענומען ביי איר דעם לעצטן יידישן געזעלשאַפטלעכן אָנלען. האָט זיך באַקומען, פאַראַדאָקסאַל, אַז די יידישע מלוכהשקייט איז נישט בלויז

אַרויס פון אויסשליסלעכער יידישער קאָמפּעטענץ — וואָס מען קאָן נאָך פאַרשטיין — נאָר איז, פון אַן ענין אַ בלויז־יידישן, פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ לחלוטין... אויס־יידישן. איינער פון די צוויי צדדים פון דעם ניט־געשריבענעם אָפּמאַך, דער „מיר״ פון דימאַנשטיין, דער יידישער צד, איז אין 1938 געוואָרן פּראָסט־פּשוט (ניין, בלוטיק!) עלי־מינירט. דאָס האָט אָבער באַטייט, אַז דער אָפּמאַך גופא איז געוואָרן בטל ומבוטל.

די דאָזיקע עלימינירונג איז אוודאי געווען אַ רעזולטאַט פון דעם סטאַלין־טעראָר. זי איז אָבער געוואָרן דערמעגלעכט (ריכטיקער, פאַר־לייכטערט — בימי סטאַלין איז אַלץ געווען מעגלעך) דורך אַ מין קריסטאַליזירונג, אַ צונויפפלעכט פון טיפע אינערלעכע סתירות, שוין אַלטע און אָרגאַנישע, הן אינסטיטוציאָנעלע, הן אידעאָלאָגישע.

די וויכטיקסטע אינסטיטוציאָנעלע סתירה האָט געהאַט אַ שייכות צום סטאַטוס פון „יידישן צד״ אין דעם ניט־געשריבענעם אָפּמאַך וועגן ביראָבידזשאַן, צום סטאַטוס פון „יידישן צד״ בכלל אין ראַטנפאַרבאַנד. עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן די קאָנסעקווענצן פונעם אַלטן, היסטאָ־רישן וויכוח (גענויער אַנאַליזירט אין קאַפּיטל דריי פונעם בוך) צווישן לענינען און דעם „בונד״. ביידע צדדים האָבן געהאַלטן, אַז דער וויכוח איז געוואָרן אָפּגעשלאָסן אין 1921. דער „בונד״ איז דאַן אַריבער אויף די לענין־פּאָזיציעס, האָט זיך אָפּגעזאָגט פון זיין נאַציאָנאַלן פּראָגראַם, זיך אויפגעלייזט און אַריינגעגאָסן זיך אין דער קאָמוניסטישער פּאַר־טיי. דאָס לעצטע וואָרט אין וויכוח האָט אָבער געהערט — דער גע־שיכטע און זי האָט אַרויסגעגעבן איר באַשייד, אין די דרייסיקער יאָרן, ביי לחלוטין אומפאַרויסגעזעענע באַדינגונגען, אין שייכות מיטן ענין פון יידישער מלוכהשקייט, אַ באַשייד דווקא קעגן לענינען און פאַרן „בונד״.

ווי באַקאַנט, איז דער וויכוח — און דער פּאַרעקשנטער קאַמף פון העכער צוויי יאָרצענדליק — געגאַנגען אַרום פּראָבלעם וועגן אויטאָנאָמיע פאַר דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, בכדי צו פאַר־טיידיקן די ספּעציפישע, נאַציאָנאַלע אינטערעסן פון יידישן פּראָלע־טאַריאַט. די באָלשעוויסטישע פּאַרטיי האָט שאַרף באַקעמפט דעם גע־דאַנק וועגן וועלכער ניט איז אויטאָנאָמיע און קאַטעגאָריש אָפּגעלייקנט די עקזיסטענץ גופא פון באַזונדערע, נאַציאָנאַלע אינטערעסן פון יידישן אַרבעטער־קלאַס. לויט דער באָלשעוויסטישער דאָקטרין פון „טעריטאָ־

ריעלער באַשטימונג פון נאַציע״ און די באַרימטע סטאַלין־סימנים, זײַנען ייִדן נישט אָנערקענט געוואָרן פאַר אַ נאַציע, נאָר בלויז פאַר אַ נאַציאָנאַלע מינדערהייט. דער 10טער צוזאַמענפאָר פון דער סאָוועטישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, אין מערץ 1921, האָט די ייִדן אַרייַנגערעכנט אין דער קאַטעגאָריע „נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, וואָס אין ראַטנפאַרבאַנד האָבן זיי קיין טעריטאָריע ניט, אָבער זיי האָבן טעריטאָריעס ערגעץ אַנדערש״, צוזאַמען מיט לעטלענדער, פּאָלאַקן, עסטלענדער א״א.

עס איז קלאָר, אַז דאָס אַרייַנרעכענען דעם סאָוועטישן ייִדנטום אין דער קאַטעגאָריע מינדערהייטן, „וואָס האָבן אַ טעריטאָריע ערגעץ־אַנדערש״, איז געווען אַן אַבסאָלוטע מלוכהש־אינסטיטוציאָנעלע פיקציע. די דאָזיקע פיקציע איז אָבער אין אַ געוויסער מאָס קאָרעגירט געוואָרן דורך אַ צווייטער פיקציע, אַ פּאַרטייאיש־אינסטיטוציאָנעלער — דורך דער פּאַקטישער, הגם ניט אָפיציעלער, קאָמפּעטענץ פון דער ייִדסעקציע. פּונקט ווי די ייִדישע פּראָבלעמאַטיק אין סאָוועטן־פאַרבאַנד איז, פון די ערשטע טעג פון דער רעוואָלוציע, געווען נישט קיין פּראָבלעמאַטיק פון אַ נאַציאָנאַלער מינדערהייט, נאָר אַ נאַציאָנאַלע פּראָבלעמאַטיק פאַר עקסעלאַנס — וועגן נאַציאָנאַלן גורל פון פילמיליאָניקן רוסלענדישן ייִדנטום; פּונקט אַזוי האָט די ייִדסעקציע, פון אַ טעכנישער שפּראַך־קאָמיסיע אויף אַגיטאַציע־און־פּראָפּאַגאַנדע, וועלכע האָט געדאַרפט אויך „דורכפירן די דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט אויף דער ייִדישער גאַס״, ביסלעכווייז זיך פאַרוואַנדלט אין אַ כמו־פּאַרטיי פון אָט דער עקסטעריטאָריעלער „ייִדישער גאַס״, מיט פאַקטיש דער זעלבער אַלגעמיין־נאַציאָנאַלער קאָמפּעטענץ אין ייִדישער פּראָבלעמאַטיק און ייִדישער פּאָליטיק, ווי ביי אַלע אַנדערע נאַציאָנאַלע קאָמפּאַרטייען אין ראַטנפאַרבאַנד, אין דער פּראָבלעמאַטיק און פּאָליטיק פון זייערע נאַציעס.

ווען די ייִדסעקציע איז אָנהויב 1930 געוואָרן ליקווידירט, האָבן — נישט בלויז אירע חסידים, נאָר אפילו אירע דם־שונאים, און אַזעלכע זײַנען געווען זייער פיל — אפילו זיי האָבן באַלד זיך געכאַפּט, צומאָל טאַקע מיט חידוש, אַז מיטן סוף פון דער מאַכט פון די פאַרהאַסטע „יעווסעקן״, איז געוואָרן נישט בעסער, נאָר ערגער. דאָס ייִדיש לעבן איז געוואָרן אָרעמער, די ייִדישע געזעלשאַפטלעכקייט — מער בלוטלאָז. די „ייִדישע גאַס״ איז געוואָרן אויס „ייִדישע גאַס״, נאָר

אַ פּראָסט־פּשוט „נאַצמינדישע״ (נאַציאָנאַל־מינדערהייטלעכע) גאַס. עס איז אָפּגעשטעלט געוואָרן אַ מעכטיקער מאָטאָר פון יידישער שעפע־רישקייט, גאָר באַזונדערס אויפן געביט פון קולטור, און איז מיט קיין אַנדערן, פון אַלגעמיינער קאָמפּעטענץ, נישט פאַרביטן געוואָרן. אָבער דווקא זיינען, אין שייכות מיטן ווייט־מזרחדיקן פּראָיעקט, מיטן „פינפטן פונקט״ און „נאַציאָנאַל־טעריטאָריעלן איינס״, אויפגעקומען אַלץ מער — און דאָס מאָל שוין אָפיציעל — פּראָבלעמען, נישט קיין „נאַצמינ־דישע״, נאָר נאַציאָנאַלע, אין פולן זין פון וואָרט.

אַנהויב דרייסיקער יאָרן איז די אינסטיטוציאָנעלע סתירה געוואָרן אַן אויגנשיינלעכע. די יידישע מלוכהשקייט אין ביראָבידזשאַן, די פּראָ־יעקטירטע יידישע רעפּובליק, דער אויסעראָרדנטלעכער היסטאָרישער פּראָצעס פון „נאַציאָנאַלער קאָנסאָלידאַציע״, האָבן פאַרגעשטעלט מיט זיך איינע פון די העכסטע פאָרמען פון ספּעציפיש־נאַציאָנאַלער פּראָ־בלעמאַטיק און פון יידישער פּאָליטיק, אין ברייטסטן זין גענומען. עס האָט אָבער נישט עקזיסטירט קיין שום אינסטיטוציאָנעל־סטרוקטוריר־טער צענטער פון יידישן פּאָליטישן געדאַנק, וואָס זאָל אָט די ספּעצי־פיש־נאַציאָנאַלע פּראָבלעמאַטיק באַזיניקן און קאָנקרעטיזירן און גע־פינען פאַר איר די געהעריקע לייזונגען אין געהעריקן מאָמענט. אוודאי האָט לענין קוים געקאָנט זיך פאָרשטעלן, אָנהויב צוואַנציקסטן יאָר־הונדערט, אין די „איסקראַ״־צייטן, ווען ער האָט „די אידעע וועגן אַ באַזונדערן יידישן פאָלק״ באַטראַכט נישט בלויז ווי אַן „אָרעמע אין וויסנשאַפטלעכן זין״, נאָר אויך ווי „רעאַקציאָנער לויט איר פּאָ־ליטישער באַדייטונג״, אוודאי האָט ער דאַן קוים געקאָנט זיך פאָר־שטעלן, אַז דער פּרעזידענט פון אַ צוקונפטיקער אַרבעטער־און־פּויע־רים־מלוכה אין רוסלאַנד וועט אַמאָל וואַרפן די לאָזונג: „פאַרן יידישן פאָלק שטייט אַ גרויסע אויפגאַבע — איינצוהיטן זיין נאַציאָנאַליטעט״. אוודאי האָט לענין, שוין נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, בעת ער האָט פאָר דימאַנשטיינען איבערגעחזרט, אַז „יידן זיינען נישט קיין נאַציע״, קוים זיך פאָרגעשטעלט, אַז דאָס לאַנד פון אָקטאָבער, וואָס ער האָט באַשאַפן, וועט אין אַ יאָרצענדליק שפּעטער זיך פאַרמעסטן דווקא — צו פאַרוואַנדלען די יידן יאָ אין אַ נאַציע, אין אַ סאָציאַליס־טישער נאַציע, מיט אַן אייגענער נאַציאָנאַלער מלוכהשקייט.

די היסטאָרישע רעאַליטעט האָט זיך פולשטענדיק געביטן, אָבער די אַמאָליקע, פאַרעלטערטע, אָפּגעלעבטע סכעמע איז פאַרבליבן אין

פולער קראַפט. עס איז נישט דערלאָזט געוואָרן קיין שום אינסטיטוציאָנעלער צענטער, וואָס זאָל גלייכצייטיק געבן דעם אימפּולס און אָנפירן אָרגאַניזאַציאָנעל מיטן פּראָצעס פון באַשאַפן און אויספורעמען די „יידישע סאָציאַליסטישע נאַציע" און די „אייגענע נאַציאָנאַלע מלוכה". דער געזערד, די איינציק פאַרבליבענע יידישע געזעלשאַפטלעכע פּאָזיציע, איז אין די דרייסיקער יאָרן געוועזן אַ בלאַסער שאָטן פון דער ליקווידירטער יידסעקציע, אַ „מאַסן־אָרגאַניזאַציע" אין סאָוועטישן זין פון וואָרט, ס׳הייסט נישט קיין לאַבאָראַטאָריע פון פּאָליטישער דעציזיע, נאָר בלויז אַן אַפּאַראַט צו „מאָביליזירן די מאַסן". זיין „מאָביליזירנדיקער" איינפלוס איז אגב געווען אַ נישטיקער.

אזוי אָרום האָט זיך באַשטעטיקט די סאַמע פּעסימיסטישע פון די היפּאָטעזן, וואָס דער „בונד" האָט געהאַט פאָרמולירט אין זיין לאַנגיאָריקן קאַמף פאַר אויטאָנאָמיע פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג און נעמלעך, די היפּאָטעזע, אַז די טעריטאָריעלע לאַנד־פּאַרטיי קאָן, אין געוויסע היסטאָרישע אומשטאַנדן, ווערן אַזוי פאַרשלונגען דורך דער אַלגעמיינער פּראָבלעמאַטיק פון לאַנד און דעם אַלגעמיינעם פּאָליטישן קאַמף, אַז זי זאָל נישט דערזען — ניט וועלן אָדער ניט קאָנען דערזען — די ספּעציפישע נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען פון די יידישע פאָלקס־מאַסן. נאָך פאַר דעם יאָר אַכט און דרייסיק, נאָך פאַר דער ליקווידירונג פון געזערד און קאָמערד, איז דער „יידישער צד" אין ראַטנפאַרבאַנד געווען שוין ניט מער ווי אַ שאָטן. דעריבער טאַקע, האָט ער אַזוי לייכט געקאָנט ווערן עלימינירט. אין מאָמענט ווען עס איז פאַרמשפּט געוואָרן, פּאַקטיש, דורך דער „פּאַרטייאישער ליניע", דער פּרינציפּ גופא פון יידישער מלוכהשקייט, און נישט קאַלינין, דער „פאָטער פון ביראָבידזשאַן" און נישט לאַזאַר קאַגאַנאָוויטש, דער פּאַטראָן און פּראָטעקטאָר פון ביראָבידזשאַן, האָבן ניט געוואָגט אַ וואָרט צו זאָגן, האָט אין גאַנץ ראַטנפאַרבאַנד זיך ניט געפונען קיין שום קערפּערשאַפט, קיין שום געזעלשאַפטלעכער אָרגאַניזם, קיין שום פּאַרטייאישע אינסטאַנץ, וואָס זאָל זיין אינסטיטוציאָנעל באַרופן זיך אַרויסצוזאָגן וועגן דער יידישער פּראָבלעמאַטיק אין לאַנד און במילא וועגן גורל פון דער פּאַרויסגעזעענער יידישער סאָוועטישער רעפּובליק.

עס איז קוים נויטיק צו שטעלן די פראַגע, צי אַזאַ מין קערפּערשאַפט — אויב אפילו זי וואָלט יאָ עקזיסטירט — וואָלט געווען בכוח, אין די בלוטיקע יאָרן זיבן און דרייסיק, אַכט און דרייסיק, מיט עפּעס־

וואָס צו ענדערן דעם לויף פון די געשעעענישן. ניין, זיכער נישט! פאַר סטאַלינען איז ניט געווען פאַראַן קיין שום געזעץ און קיין שום אינסטי־טוציאָנעלער מכשול. אגב, די אינסטיטוציאָנעלע סתירה האָט, ווי פריי־ער געזאָגט, נישט דערמעגלעכט, נאָר בלויז פאַרלייכטערט די עלימי־נירונג פון „יידישן צד".

נאָך מער אָבער און נאָך עצמדיקער האָט געווירקט אַ צווייטע סתי־רה, נאָך אַ טיפערע, וואָס האָט אין אַ גרויסער מאָס אָרונטערגעריסן פון אינעווייניק און ממש סטעריליזירט דעם פאַרמעסט פון סאָוועטי־שער יידישער מלוכהשקייט. דאָס איז געווען די סתירה צווישן קאָנ־צעפט גופא פון דער דאָזיקער מלוכהשקייט און דער אידעאָלאָגיע פון די געזעלשאַפטלעכע כוחות, וואָס האָבן דעם קאָנצעפט געדאַרפט רע־אַליזירן. אַנדערש געזאָגט, די סתירה צווישן די באַגריפן: יידישע מלו־כהשקייט און — יעווסעקיזם.

במשך פון העכער אַ יאָרצענדליק, האָט די יידסעקציע איינגע־פירט די דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט אויף דער „יידישער גאַס" און „געפירט דאָס יידישע פאָלק צום סאָציאַליזם". מיט שטורעמדיקן רע־וואָלוציאָנערן אימפעט האָט זי מלחמה געהאַלטן קעגן יידישן גאָט און אַלע זיינע מיטהעלפער, קעגן דער יידישער בורזשואַזיע און אַלע אירע מיטהעלפער, קעגן ציוניזם אין אַלע זיינע פאָרמען און בכלל קעגן אַלע מינים שונאים — אָפענע און באַהאַלטענע, ביודעים ובלא יודעים — פון דער „סאָוועטסקע וולאַסט". די יידסעקציע האָט אויסגעוואָרצלט אַלע גרונטזיילן פון אַלטער יידישקייט: קהילות, בתי־מדרשים, חדרים, טראַדיציעס. זי האָט אויך אויסגעריסן אַלע אויפגייענדיקע שפּראָצן פון נייער, מאָדערנער — אָבער ניט סאָוועטישער — יידישקייט: פּאַרטייען, קולטור־געזעלשאַפטן, בילדונג־אַנשטאַלטן, פאַרלאַגן, זשורנאַלן וכדו־מה. זי איז געוואָרן דער אַבסאָלוטער העגעמאָן, דער איינציקער, איי־פעריקער הערשער איבערן גאַנצן סאָוועטישן יידנטום, פונקט ווי די אַלסאָוועטישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי, און ביסלעכווייז סטאַלין אַליין, איז עס געוואָרן איבער דעם גאַנצן פילנאַציאָנאַלן סאָוועטישן פאָלק.

אויף דער „טאָבולאַ ראַזאַ" פון דער סאָוועטיזירטער „יידישער גאַס" האָט די יידסעקציע אויפגעבויט אַ גראַנדיעזן בנין, פון ממש אומ־געזעענעם פאַרנעם — יידישע נאַציאָנאַלע ראַיאָנען, יידישע עפנטלעך־מלוכהשע אַדמיניסטראַציע (סאָוועטן, געריכטן, מיליץ), אַ ריזיקן יידישן שולוועזן פון אַלע מדרגות, אַן ערשטראַנגיקע יידישע ליטעראַטור,

אַ הויך־קינסטלערישן טעאַטער, וויסנשאַפטלעכע אינסטיטוטן, פֿאַר־לאַגן, זשורנאַלן און נאָך און נאָך. דאָס איז געווען אין פּולן זין פֿון וואָרט — פֿאַסצינירנדיק, הן פֿאַר פֿלאַמיקע חסידים, הן פֿאַר פֿאַרבי־סענע מתנגדים.

פּאַראַדאָקסאַל אָבער, האָט אָט דער פֿאַסצינירנדיקער בנין נישט געהאַט קיין אינערלעכע ממשות און האָט במילא נישט געקאָנט האָבן קיין קיום. דאָ איז אויסגעשמידט געוואָרן אַ יידישקייט פֿון אַ גאַנץ באַזונדערן מין, אין אַבסאָלוטן קעגנזאַץ צו די טויזנטיאָריקע טראַדי־ציעס פֿון יידישער געשיכטלעכקייט: אַ יידישקייט פֿון נאַציאָנאַלע מעשים, און דווקא וויכטיקע מעשים — אָבער אָן קיין שום נאַציאָנאַלער פֿינאַליטעט. אין דעם איז אייגנטלעך באַשטאַנען דער תמצית פֿונעם יעווסעקיזם. דאָס האָט אָפֿן אָנערקענט משה ליטוואַקאָוו, אין די יאָרן ווען ער איז געווען דער האַר און הערשער איבער דער יידישער גייסטיקייט אין ראַטנפֿאַרבאַנד: „אָט האָט די אַלפֿאַרבאַנדישע באַראַ־טונג פֿון די פּאַרטייאישע יידסעקציעס — האָט ער געשריבן — דרייסט געשטעלט די פֿראַגע פֿון אַסימילאַציע און קאָנסאָלידאַציע. טוער, וואָס שאַפֿן שטענדיק נייע פֿאַקטן פֿון נאַציאָנאַלן איבערבוי, האָבן דאָך ניט מורא געהאַט צו שטעלן די פּראָבלעם פֿון אַסימילאַציע. פֿאַרוואָס? ווייל זייער איינציקער ציל איז ניט נאַציאָנאַלער איבערבוי, נאָר קאָמוניס־טישער איבערבוי, קאָמוניזם״.*

במשך פֿון יאָרן, האָבן — טאַקע נישט די „טוער״, נאָר די ווירק־לעכע שאַפֿער פֿון „שטענדיק נייע פֿאַקטן פֿון נאַציאָנאַלן איבערבוי״ און קודם כל די יידישע שרייבער, קינסטלער, וויסנשאַפֿטלער, לערער — געפֿירט אַ פֿאַרעקשנטן, אַ פֿאַרצווייפֿלטן קאַמף, דווקא פֿאַר דער אייגנטלעכער פֿינאַליטעט פֿון אָט דעם „נאַציאָנאַלן איבערבוי״, ס׳הייסט פֿאַר נאַציאָנאַלער פֿינאַליטעט פֿון דער סאָוועטישער יידישקייט. דער קאַמף איז אָבער געווען פֿון פֿאָרויס אַ פֿאַרשפּילטער — די יידסעקציע איז געווען דער סימבאָל פֿון מאַכט, פֿון דיקטאַטור פֿון פּראָלעטאַריאַט אויף דער יידישער גאַס.

יידישע מלוכהשקייט האָט מיט זיך פֿאַרגעשטעלט דעם העכסטן אויסדרוק פֿון נאַציאָנאַלער פֿינאַליטעט. במילא איז זי פֿאַרן יעווסעקיזם געווען לחלוטין אומאָננעמבאַר. אינעם יאָר 1921 זיינען די רעשטן פֿון

---

* מ. ליטוואַקאָוו, „אָף צווייי פראָנטן״, 1931, ז. 8.

דער רוסלענדישער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, אין זייער געשטאַלט פון יעווסעקיזם, אַריינגעטראָטן אין דער תקופה פון וועלט־רעוואָלוציע און — דאָרט שוין פאַרבליבן אויף אייביק. די וועלט־רעוואָלוציע גופא איז טאַקע צו אָט דער תקופה פון וועלט־רעוואָלוציע נישט דער־גאַנגען, די סאָוועטישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי האָט זיך באַגנוגנט מיט סאָציאַליזם אין איין לאַנד. דער יעווסעקיזם אָבער האָט מיט ציין און־נעגל זיך געקלאַמערט אינעם „נייעם אָנהויב״, אין אינטערנאַציאָ־נאַליזם, אין איבערנאַציאָנאַליזם, אין אוניווערסאַליזם און באחרית־הי־מימדיקייט. די באַגריפן „נאַציאָנאַלער איבערבוי״ און „קאָמוניזם״ זיינען פאַר אים געבליבן אַבסאָלוט אַנטאַגאָניסטישע. ער האָט ניט באַמערקט — ניט געוואָלט, אָדער ניט געקאָנט באַמערקן — אַז די נייע רעאַלי־טעט פון סאָציאַליזם הויבט זיך אָן צו אויסקריסטאַליזירן דווקא אַרום נאַציעס און באַלד אפילו אַרום נאַציאָנאַליזמען. אין די דאָזיקע באַדינ־גונגען, איז דער סתם־לאָזונג „אַריינפירן אין סאָציאַליזם״ געוואָרן אַלץ מער און מער דער סינאָנים פון יידישער נאַציאָנאַלער אויפלייזונג.

די סאָוועטישע יידישע מלוכהשקייט איז דעם יעווסעקיזם פּאַקטיש געוואָרן אָנגעוואָרפן. געוויס איז ער ניט געווען בכוח זיך אָפּצוזאָגן פון דער דאָזיקער אומגעבעטענער מתנה, אָבער ער האָט, אין תוך, זי באַטראַכט פאַר מינדערווערטיק, פאַר אַ טפל־זאַך, ממש פאַר אַן אַנאַכראָניזם. בכדי צו „פירן דאָס יידישע פאָלק צום סאָציאַליזם״, איז יידישע מלוכהשקייט געווען — נישט בלויז אַ פינפטע ראָד צום וואָגן, נאָר ממש אַ שטייך אין וועג, אַ סכנה פון דערוואַכונג פון גע־שיכטלעכן זכרון און במילא פון צוריקקער צום ציקל פון אַלטער היס־טאָרישקייט, וואָס די יידסעקציע האָט אים באַטראַכט פאַר אַן ענד־גילטיק אָפּגעשלאָסענעם.

עס וואָלט געווען אומיושרדיק צו פאַרשווייגן די אומגעהויער וויכ־טיקע ראָל, וואָס די יידסעקציע האָט אָפּגעשפּילט אין דער עפּאָפּעע „ערד״, ס׳הייסט אין דער יידישער מאַסן־קאָלאָניזאַציע אין אוקראַינע און קרים — אַזוי לאַנג, ווי די באַוועגונג איז געגאַנגען אונטער דער לאָזונג פון פּראָדוקטיוויזאַציע, איינשליסלעך דאָס שאַפן פון יידישע נאַציאָנאַלע ראַיאָנען. זי איז אָבער געווען ממש אָרגאַניש אומפעיק צו שטעלן זיך בראש און ווערן דער באַלעבנדיקער גייסט אינעם פּראָ־צעס פון נאַציאָנאַלער קאָנסאָלידאַציע. דער אייגנטלעכער זין און באַ־טייט פון יידישער מלוכהשקייט איז פאַר איר געבליבן אַ פיינלעכער

סוד און במילא איז ער אויך אַזאַ פֿאַרבליבן פֿאַרן סאָוועטישן יידן, וואָס בלויז און איינציק זי האָט געהאַט אַ מעגלעכקייט אים אויפֿצו־קלערן און באַווירקן. עס וועט קוים זיין אַ גוזמא צו זאָגן, אַז דער דורכפֿאַל פֿון דער יידישער קאָלאָניזאַציע אין ביראָבידזשאַן אין די דעצידירנדיקע התחלה־יאָרן 1928־1934, דאַרף אַרויפֿגעשריבן ווערן אין אַ גרויסער מאָס אויפֿן היסטאָרישן חשבון פֿון יעווסעקיזם.

אגב, וואָלט געווען ריכטיקער צו זאָגן — פֿון אָרטאָדאָקסאַלן יעווסעקיזם. דער כלל־נאָמען יעווסעקיזם איז אַ שטאַרק סכעמאַטישע פֿאַר־איינפֿאַכונג פֿון אַ דערשיינונג, וואָס איז געווען היפּש קאָמפּלעקס. אי־נערהאַלב פֿונעם יעווסעקיזם האָבן עקזיסטירט ניואַנסן און אפֿילו ערנס־טע חילוקי־דעות, וואָס בלויז דער „דעמאָקראַטישער צענטראַליזם״ פֿון דער קאָמפּאַרטיי האָט זיי נישט דערלויבט זיך אויסצוקריסטאַליזירן אין באַזונדערע שיטות. די וויכוחים צווישן פֿאַרשטייער פֿון אָט די שיטות דערמאָנען אויף אַ שטוינענדיקן אופֿן די וויכוחים צווישן די ערשטע יידיש־קריסטלעכע געמיינדעס, וואָס האָבן זיך פֿאַרגעוואָרפֿן גלייכצייטיק, הן דאָס ניט געוונג שטרענגע אָפּהיטן די דינים פֿון תורת משה, הן די ניט גענוגנדיקע דערנענטערונג מיט די „ניט־באַשניטענע״.

דער דערפֿאָלג פֿון די ערשטע צוויי יאָר אויטאָנאָמע געגנט — 1935 און 1936, אַ דערפֿאָלג אַן איבערראַשנדיקער און שוין כמעט אַן אומגעריכטער, איז געווען אַ בפֿירוש אַנטי־יעווסעקישער. ער האָט געבראַכט צום אויסדרוק אַ נייעם נוסח אין דער סאָוועטישער יידישקייט, וואָס איז פֿאַמעלעך געהאַט אויפֿגעקומען צווישן טיילן פֿון דער יידישער אינטעליגענץ בעיקר אין אוקראַינע און גאָר באַזונדערס אַרום דעם קיע־ווער אינסטיטוט פֿאַר יידישער פּראָלעטאַרישער קולטור, אַ נוסח וואָס די יידסעקציעס האָבן גערודפֿט און געשטעמפּלט ווי „נאַציאָנאַל־באָלשע־וויזם״. יידיש, יידישע קולטור, יידישע מלוכהשקייט האָבן אויפֿגעהערט צו זיין בלויז „פֿאָרמען, מיטלען פֿאַר דעם קלאַסן־ציל פֿון פּראָלעטאַ־ריאַט, פֿאַר דער אויפֿבויאונג פֿון קאָמוניזם״.* זיי האָבן צוריק באַקו־מען זייער נאַטירלעכע לעבנס־פֿונקציע, זייער אייגנטלעכע נאַציאָנאַלע פֿינאַליטעט. דער אָרטאָדאָקסאַלער יעווסעקיזם האָט דערויף רעאַגירט ווי אויף אַ חילול־השם, מיט בייזוויליקע אינסינואַציעס און בילבולים. ליטוואַקאָוו האָט „דעמאַסקירט״ דאָס „קולטיווירן יידישלעכע מתי־

---

* אסתר, „אַלפֿאַרבאַנדישע באַראַטונג...״ ז. 139.

קות״ אין ביראָבידזשאַן, דאָס „קוויקן זיך מיט יידן און מיט יידישקייט, כלומרשט אויף אַ נייעם, פּראָלעטאַרישן אופן״. ער האָט אויסגעחוזקט דאָס „פאַרנעמען זיך מיט געפילטע פיש, מיט זאָגן „אַ גוט שבת״,* ס׳הייסט דעם פּרווו צו פאַרפעסטיקן די אייגענע נאַציאָנאַלע מלוכהש־קייט דורך אַן אייגענעם נאַציאָנאַלן שטייגער.

די טוער פון דער יידישער געגנט האָבן געענטפערט — נישט מיט פּאָלעמיק, נאָר מיט מעשים און אויך, מיט איגנאָרירן די אַלטע יעוו־סעקישע היעראַרכיע. זיי האָבן טאַקע געאַרבעט „אַן מאָסקווע״, „אַן קיעוו״, „אַן מינסק״, וואָס עס האָט אָבער באַטייט — אַן דעם אויסגע־שפּילטן, פּאָליטיש־באַנקראָטירטן יעווסעקיזם, מיט זיין אויסגעהוילטן, מעכאַניסטישן און ווולגאַרן מאַרקסיזם, מיט זיין נאַציאָנאַלן ניהיליזם, זיין פּראָגראַמלאָזיקייט און זיין אומענדלעכן אָפּאָרטוניזם. דאָס האָט אָבער באַטייט גלייכצייטיק, אין ראַטנפאַרבאַנד פון די מיטן־דרייסיקער יאָרן — גיין קעגן שטראָם און באַלד — קעגן בלוטיקן שטראָם פון סטאַליניזם, וואָס האָט אַלץ און אַלעמען פאַרטרונקען.

ווען די גרויליקע טעראָר־כוואַליע איז פאַרביי, האָט ביראָבידזשאַן זיך אויפגעכאַפּט, ווי נאָך אַ מבול. די יידישע אויטאָנאָמע געגנט איז געבליבן פאַריתומט, אַן געזעלשאַפטלעכער אפוטרופסות, אַן פּאָליטי־שער ריכטליניע, אַן קלאָרע פּערספּעקטיוו, מיט אַ דעזאָרגאַניזירטער אַדמיניסטראַציע און אַ רואינירטער לאַנדווירטשאַפט. בראש פון דער געגנט זיינען געשטעלט געוואָרן קליינע פּאַרטיי־באַאַמטע. די שוין פריער אויך ניט־געגנוגנדיקע באַשפּייזונג־באַזע האָט זיך נאָך מער פאַר־שמעלערט. די באַשלוסן פונעם געגנטלעכן פּאַרטיי־פּלענום פון סעפּ־טעמבער 1936 זיינען פאַרבליבן אויפן פּאַפּיר. אַנשטאָט די 25 נייע קאָלווירטן, וואָס האָבן געדאַרפט ווערן געגרינדעט, זיינען געשאַפן גע־וואָרן — דריי, צוויי אין 1937 און בלויז איינער אין 1938. דער פאַר־זיי־שטח פון דער אויטאָנאָמער געגנט, וואָס האָט געהאַט דערגרייכט 38.460 העקטאַר אין 1935, 42.000 אין 1936 און געזאָלט אויסגעברייי־טערט ווערן, מיט דער הילף פונעם „אייזערנעם פאָלקס־קאָמיסאַר״ לאַ־זאַר קאַגאַנאָוויטש, ביז 100.000 העקטאַר אין 1937 און 200.000 אין 1938, דער דאָזיקער פאַרזיי־שטח האָט אין 1938 דערגרייכט קוים 34.115 העקטאַר, ס׳הייסט ער איז געפאַלן, אין פאַרגלייך מיטן פריער־

* „דער עמעס״ 18טן אַפּריל 1937 ; ביילאַגן, ז. 361.

דיקן יאָר, אויף העכער צוואַנציק פּראָצענט. אין 1939 איז ער ווייטער געפאַלן — ביז 33.700 העקטאַר.

ספּעציעל האָבן, זעט אויס, געליטן די יידישע קאָלווירטן, דעזאָרגאַניזירטע דורך דער בהלה פון די „רייניקונגען" און צוריקפּאַר. די געגנטלעכע אָנפירונג איז געוועזן גענויט צו שיקן ספּעציעלע שליחים צו די יידישע קאָלווירטן אין אוקראַינע און קרים, נאָך דרינגענדיקער הילף — ברענגען קאָלווירט־פאַרזיצערס און „בריגאַדירן". דאָס ספּעציפיש געוויכט פון דער יידישער ערד־אַרבעט אין דער אַלגעמיינער לאַנדווירטשאַפט פון דער געגנט, האָט אָנגעהויבן סיסטעמאַטיש צו פאַלן. זומער 1939, אין די ראַמען פון אַן אַלגעמיין־מלוכהשער איבערוואַנדערונג־קאַמפּאַניע קיין ווייטן מזרח פון גאַנצע קאָלווירטן („פּאַטריאָטן־איבערוואַנדערער"), האָט דער סעקרעטאַר פון ביראָבידזשאַנער געגנטלעכן פּאַרטיי־קאָמיטעט, הירש סוכאַרעוו, פאַרעפנטלעכט דורך דער יידישער פּרעסע אַ קול קורא צו די יידישע קאָלווירטן פון אוקראַינע און קרים, אונטערן טיטל: „קומט צו אונדז!". דער זעלבער רוף איז גלייכצייטיק פאַרעפנטלעכט געוואָרן אויף רוסיש, אין דער רוסישער פּרעסע, צו די קאָלווירטן בכלל. די רעזולטאַטן, לכל הדעות בנוגע די יידישע קאָלווירטן, זיינען, ווייזט אויס, געווען אומבאַטייטיקע.

אָפיציעל האָט, ווי געוועגלעך, גאָר זיך ניט געענדערט. אויף דער אַלפאַרבאַנדישער לאַנדווירטשאַפטלעכער אויסשטעלונג אין מאָסקווע, אין 1939, איז די יידישע אויטאָנאָמע געגנט געווען ברייט פאַרטראָטן דורך אַ ספּעציעלן זאַל אין ווייט־מזרחדיקן פּאַוויליאָן. אין 1940, אין שייכות מיט די ניי־צוגעקומענע געביטן פון מערב־אוקראַינע, מערב־ווייסרוסלאַנד, די באַלטישע לענדער, בעסאַראַביע און בוקאָווינע, האָבן זיך פאַרשפּרייט קלאַנגען וועגן אַ נייעם פּלאַן: באַזעצן אין ביראָבידזשאַן 45.000 יידן פון די דאָזיקע געביטן. דער פּלאַן האָט געהאַט דעם זעלבן גורל, ווי אַלע זיינע פאַרגייער.

קיין שום ציפערן וועגן ביראָבידזשאַן זיינען ניט פאַרעפנטלעכט געוואָרן — אויף זיי איז געלעגן דער שלייער פון מלוכה־סוד. ס׳איז אָבער מעגלעך אַ פאַרגלייך: די יידישע באַפעלקערונג פון דער אויטאָנאָמער געגנט איז, אין 1937, געשאַצט געוואָרן אויף 19.000 מאַן. זיבן יאָר שפּעטער, אין 1944, האָט זי אויסגעמאַכט בערך 20.000 מאַן.

דער צוווּקס פון בלויז 1.000 נפשות האָט אפילו נישט געדעקט דעם נאַטירלעכן צוווּקס פון ישוב.

דעם 21סטן יוני 1941 איז היטלער־דייטשלאַנד באַפאַלן דעם ראַטנפאַרבאַנד. עס האָט זיך אָנגעהויבן די „פאָטערלענדישע מלחמה". דאָס גאַנצע לאַנד, און אויך די יידישע געגנט, איז איבערגעגאַנגען אויף אַ נייעם, טראַגישן לעבנס־נוסח: „אַלץ פאַרן פראָנט! אַלץ פאַרן זיג!".

קאַפּיטל אַכצן

„ס'איז צייט צו וויסן...״ — דער לעצטער פּרווו

פון דער מלחמה איז דאָס סאָוועטישע יידנטום אַרויס — נישט בלויז אויסגעבלוטיקט ביז גאָר, נאָר גלייכצייטיק דערשיטערט ביז די טיפסטע טיפענישן.

דער יידישער שלאַכטמאַן האָט זיך געשלאָגן מיט העלדישקייט און מסירת נפש. די פאַרלוסטן זיינען געווען אומגעהויער שווערע. „וועגן דעם אָרט, וואָס די יידן פון סאָוועטן־פאַרבאַנד האָבן פאַרנומען אינעם פאַרטיידיקן דאָס פאָטערלאַנד — שרייבט דער סאָוועטישער סטאַטיס־טיקער ל. זינגער — רעדט דער פאַקט, וואָס פאַר אַרויסווייזן געוואַגט־קייט און העלדישקייט אין די שלאַכטן קעגן די דייטשע פאַרכאַפּער, זיינען באַלוינט געוואָרן מיט אָרדנס און מעדאַלן 123.822 יידישע סאָל־דאַטן און אָפיצערן און 105 יידן האָבן געהאַט דעם כבוד צו קריגן דעם הויכן טיטל „העלד פון ראַטנפאַרבאַנד״. לויט דער צאָל באַלוינטע פאַר שלאַכט־פאַרדינסטן מיט אָרדנס און מעדאַלן, ווי אויך לויט דער צאָל העלדן פון ראַטנפאַרבאַנד, פאַרנעמען די יידן צווישן די איבעריקע פעלקער פונעם לאַנד דאָס פערטע־פינפטע אָרט״.* בכדי אָפּצושאַצן ווי געהעריק די דאָזיקע ציפערן, איז נויטיק צו דערמאָנען, אַז די יידי־שע באַפעלקערונג פון סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט, סוף דרייסיקער יאָרן, אויסגעמאַכט קוים אָנדערטהאַלבן פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער באַ־פעלקערונג פון לאַנד.

אויך די יידישע אויטאָנאָמע געגנט האָט געהאַט איר חלק אינעם גורלדיקן פאַרמעסט. דעם ביראָבידזשאַנער יידישן אַרבעטער יוסף בומאַגין, וואָס איז געפאַלן אין שלאַכט, איז צוגעטיילט געוואָרן, פאַר

---

* ל. זינגער, „דאָס אויפגעריכטע פאָלק״, מאָסקווע, 1948.

„אויסערגעוועגלעכער העלדישקייט אין פנים פון שונא", דער טיטל „העלד פון ראַטנפאַרבאַנד". אַ צאָל אַנדערע שלאַכטלייט פון ביראָבי־דזשאַן זיינען באַלוינט געוואָרן מיט פאַרשיידענע מלחמה־אויסצייכע־נונגען.

נאָך שווערער און נאָך גרויזאַמער, ווי די פאַרלוסטן אויף אַלע שלאַכטפעלדער פון דער מלחמה, איז געווען דער סך־הכל פונעם אומ־שולדיק פאַרגאָסענעם בלוט דורכן נאַצישן אכזר. עס זיינען פאַרשניטן געוואָרן זעכציק פּראָצענט פון אוקראַיִנישן יידנטום, פינף־און־זעכציק פּראָצענט פונעם ווייסרוסישן יידנטום און גאַנצע ניינציק פּראָצענט פון דער יידישער באַפעלקערונג פון די באַלטישע לענדער. פון אַלעמען, וואָס האָבן, צוליב דער אומגעריכטקייט און בליץ־שנעלקייט פון דעם נאַצי־אַנגריף, נישט באַוויזן צו אַנטלויפן, צו עוואַקויִרן זיך אין הינ־טערלאַנד, איז געבליבן בלויז — „טיפע גריבער, רויטער ליים". דאָס איז געווען אַן אויפשוידערנדיקע נאַציאָנאַלע קאַטאַסטראָפע, וואָס האָט באַלד באַקומען אַ נייעם אויסמעסט מיט די גרויליקע בשורות וועגן דער פאַרלענדונג פונעם גאַנצן פוילישן יידנטום, וועגן די שרעקלעכע פאַרלוסטן פון אַלע אַנדערע יידישע ישובים אין אייראָפּע, וועגן אומ־קום פון אַ דריטל פון גאַנצן יידישן פאָלק. אַ דערשיטערנדיקער נאַ־ציאָנאַלער חורבן איז געקומען אויפן יידישן פאָלק — נישט בלויז אויפן „סאָוועטישן יידישן פאָלק", נאָר אויפן „יידישן פאָלק", אין זיין גאַנצ־קייט און אַלוועלטלעכקייט און זיין היסטאָרישן דויער. אין די טראַגי־שע, די מאָרומדיקע טעג האָט ביים סאָוועטישן יידנטום דערוואַכט דער באַוווּסטזיין פון זיין גורל־געמיינשאַפט מיט אָט דעם פאָלק, וואָס איז צעזייט און צעשפּרייט צווישן פעלקער און וואָס אַ שונא, אַ צורר און פאַרניכטער האָט, ווידער אַ מאָל, געשוווירן אָפּצווישן פון דער פלאַך פון דער ערד. ביים סאָוועטישן יידן האָט פאַמעלעך גענומען אויפטויכן דער היסטאָרישער זכרון. פּאַראַדאָקסאַל האָט אים צו דער פאַרטיפונג פון נאַציאָנאַלער אידענטיטעט געהאָלפן — די סאָוועטישע רעגירונג.

אין אויגוסט 1941, בעת די נאַצי־חילות האָבן, ווי אַ ווויסטער שטורעם, זיך געטראָגן איבער די שטעט און שטעטלעך פון ווייסרוס־לאַנד, אוקראַיִנע און צענטראַל־רוסלאַנד, און יידיש בלוט איז שוין געפלאָסן טייכנווייז, האָט פּלוצלונג פון מאָסקווער ראַדיאָ אָפּגעקלונגען, אויף יידיש, אַ רוף צו די „ברידער יידן". דאָס האָבן „די פאַרשטייער פון סאָוועטישן יידישן פאָלק" — אַזוי האָבן זיי זיך אָפיציעל באַצייכנט

— פאַרזאַמלטע אויפן ערשטן יידישן אַנטיפאַשיסטישן מיטינג אין מאָסקווע, פייערלעך זיך געוואַנדן „צו די יידן פון דער גאַנצער וועלט" און זיי גערופן אַנצושליסן זיך „אין קאַמף קעגן דעם שונא פון דער גאַנצער מענטשהייט, דעם שונא פון אַלע פרייהייט־ליבנדיקע פעלקער, דעם שונא פון יידישן פאָלק, דעם דייטשישן פאַשיזם". אויף דעם מי־טינג איז געשאַפן געוואָרן דער יידישער אַנטיפאַשיסטישער קאָמיטעט, בראש מיט שלמה מיכאָעלס ווי אַ פאַרזיצער.

דער דאָזיקער קאָמיטעט איז נאַטירלעך געגרינדעט געוואָרן לויט דער איניציאַטיוו און אונטער דער דירעקטער השגחה פון דער סאָוועטישער רעגירונג. אַזוי אַרום איז, קוים דריי יאָר נאָכן שליסן דעם געזערד און קאָמערד, ס'הייסט נאָך דער ליקווידירונג פון די לעצטע רעשטן פון דער אָרגאַניזירטער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט אין ראַטנפאַרבאַנד, ווידער אויפגעקומען אַן אינסטיטוציאַנעלער עמבריאָן פון יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן. דאָס האָט פאַרשטענדלעך נישט באַטייט קיין שום פרינציפיעלע ענדערונג, מצד דער „פאַרטייאישער ליניע", אין איר צוגאַנג צו דער יידישער פּראָבלעמאַטיק אין ראַטנפאַרבאַנד. עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן טאַקטיק, אין די ראַמען פון דער סטראַטעגיע: „אַלץ פאַרן פראָנט, אַלץ פאַרן זיג".

ביז גאָר כאַראַקטעריסטיש איז דער צוזאַמענשטעל פון דעם ביי־געשאַפענעם קערן פון דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט. אין אַנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט זיינען כמעט ווי ניט געווען פאַרטראָטן קיין געזעלשאַפטלעכע טוער. די וויכטיקסטע פירער פון דער יידסעקציע און פון געזערד — דימאַנשטיין, טשעמעריסקי, מערעזשין, ליטוואַקאָוו א"א — האָבן שוין דאַן ניט געלעבט. זיי זיינען אַלע אומגעקומען אין בלוטיקן געוויטער פון די „ריייניקונג"־יאָרן, אסתר פרומקין האָט זיך געפונען אין אַ פאַרשיקונג־לאַגער אויפן ווייטן צפון, ווו זי איז, עט־לעכע יאָר שפּעטער, אויסגעגאַנגען פון הונגער און קעלט. דער קאָמי־טעט איז באַשטאַנען פון די אָנגעזעענסטע פאַרשטייער פון דער יידי־שער ליטעראַטור און קונסט, ווי אויך פון אַ צאָל אָנגעזעענע יידישע וויסנשאַפטלער, קינסטלער, מעדיצינער און מיליטער־לייט. די יידישע אויטאָנאָמע געגנט איז געווען פאַרטראָטן דורך דעם בּיראָבּידזשאַן־דעפּוטאַט אין העכסטן סאָוועט פון ראַטנפאַרבאַנד, לאה לישניאַנסקאַיאַ, דורכן פאַרזיצער פון אויספיר־קאָמיטעט פון דער געגנט משה זילבער־

שטיין און דורך די צוויי סעקרעטאַרן פונעם געגנטלעכן פּאַרטיי־קאָ־מיטעט.

אין מאַי 1942 איז אין מאָסקווע אָפּגעהאַלטן געוואָרן די צווייטע יידישע אַנטיפאַשיסטישע קאָנפערענץ. וועגן גייסט פון אָט דער קאָנ־פערענץ זאָגט אַמבעסטן עדות דער פאָלגנדיקער אויסצוג פון דער רע־דע, וואָס עס האָט געהאַלטן דוד בערגעלסאָן: „מיר האָבן אַזוי פיל מאָל באַוויזן דער וועלט, אַז מיר האָבן זיך געבראַכט אַלס קרבנות פאַר דער עקזיסטענץ פון אונדזער פאָלק. אַזוי פיל מאָל אין אונדזער פאַר־גאַנגענהייט זיינען יידן געגאַנגען אויף קידוש־השם, כדי זיי זאָלן קאָ־נען שטאַרבן אַלס יידן. היינט מוזן יידן זיך שטאַרקן מיט זייער טראַ־דיציע פון זעלבסט־קרבנות כדי זיי זאָלן בלייבן לעבן אַלס יידן".*

אַזאַ איז אויך געווען דער זין פונעם בלוטיקן געראַנגל פון סאָ־וועטישן יידן, במשך פון די גאַנצע מלחמה־יאָרן. אין אומגליק און פּיין, אויפן שלאַכטפעלד, אין אומקום און טויט, אין ווידערשטאַנד און קאַמף, אין אוממענטשלעכע יסורים פון אַ גאַנצן פאָלק, האָט דער היינט זיך צונויפגעשמאָלצן מיטן נעכטן, דער אַלטער קידוש־השם מיט דער מסירת־נפשדיקער העלדישקייט פון יונגן רויטאַרמייער. דאָס סאָוועטישע יידנטום איז אַרויס פון דער מלחמה מיט דערשיטערנדי־קער אין איר טיפקייט נאַציאָנאַלער דערקענונג — דערשיטערנדיקער מחמת דער מאָדנדיקער צייט און דעם גרויזאַמען חורבן, וואָס האָבן אָט די דערקענונג אויסקריסטאַליזירט.

די דאָזיקע נאַציאָנאַלע דערשיטערונג, אַ טראַגיש דערהויבנדיקע, איז אָבער געווען נישט די איינציקע. גלייכצייטיק איז געקומען נאָך אַ צווייטע, פון אַ גאַנץ אַנדער מין — די דערשיטערונג פון אַ צע־בראָכענעם גלויבן, פון אויסגערונענע, פאַרשווונדענע אילוזיעס. עס איז צעבראָכן געוואָרן, אויף פּיץ־פּיצלעך, דער גלויבן — אין פעלקער־פריינדשאַפט.

במשך פון אַ גאַנצן פערטל יאָרהונדערט, האָט מען די פעלקער פון ראַטנפאַרבאַנד געלערנט — אין שול, אין דער פּאַרטיי, אין דער ליטעראַטור, אין טעאַטער — מקיים צו זיין די מצווה פון פעלקער־פריינדשאַפט, דעם געבאָט פון פעלקער־פריינדשאַפט, איינעם פון די צען געבאָטן אויסגעקריצטע נאָך אויף די לוחות פון דער אָקטאָבער־

---

* „יידישע קולטור", ניו־יאָרק, יוני 1942, ז. 4.

רעוואָלוציע. די נאַציאָנאַלע ליטעראַטורן פון אַלע סאָוועטישע פעלקער האָבן געדאַרפט גובר זיין די איינגעוואָרצלטע נאַציאָנאַלע עגאָצענט־רישקייט, עפּענען זיך פאַר דער דרויסנדיקער וועלט און אַריינגעמען די וועלט אין זיך, אויסשפּרייטן די אָרעמס פאַרן ניט־אייגענעם, פאַרן אַנדער־פאָלקישן, פאַר אַלע ברידער־פעלקער פונעם פעלקער־פריינד־לעכן פאַרבאַנד פון די סאָוועטן. אין די מיטן־דרייסיקער יאָרן, דווקא ווען דער אַלמעכטיקער סטאַליניזם האָט, מיט זיין פּאָליטיק פון פאַר־שאַרפטן מלוכהשן צענטראַליזם און גרויס־רוסישן שאָוויניזם, אָנגע־הויבן אַרויסרופן אַ קעגנזייטיקע אומפריינדשאַפט צווישן די סאָוועטישע פעלקער, איז — מיט דער כאַראַקטעריסטישער פאַר דער תקופה סתי־רותדיקייט צווישן וואָרט און רעאַליטעט — פּראָקלאַמירט געוואָרן, אַז דער געבאָט פון פעלקער־פריינדשאַפט האָט זיך טיף איינגעגלידערט אין דער לעבעדיקערווירקלעכקייט פון לאַנד און פאַרוואַנדלט זיך אין אַן אָרגאַנישן באַשטאַנד־טייל פון דעם סאָוועטישן לעבנס־נוסח.

צווישן דער יידישער באַפעלקערונג איז, מיט גרויס פייערלעכקייט, פאַרשפּרייט געוואָרן דורך דער פּרעסע די בשורה טובה וועגן א״ג „צימליאַנער סאָץ־געוועט״. אין 1936 איז צווישן די קאָזאַקן פון דער צימליאַנער סטאַנציע אין צפון־קאַווקאַז און די יידישע קאָלווירטניקעס פונעם שכנותדיקן יידישן ניי־זלאָטאָפּאָלער ראַיאָן געשלאָסן געוואָרן אַן אָפּמאַך פון „סאָציאַליסטישן געוועט״. דער אָפּמאַך איז באַגלייט גע־וואָרן דורך אַ בריוו, וואָס די קאָזאַקן האָבן צוגעשיקט צו די יידישע קאָלווירטניקעס און אין וועלכן עס איז געווען געשריבן פאָלגנדיקס, בזה הלשון:

„... צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע האָט זיך דער אַרבעטנ־דיקער קאָזאַק באַגעגנט מיטן אַרבעטנדיקן יידן, באַגעגנט און פאַר־בונדן אַ שטאַרקע, ניט צעשטערבאַרע פריינדשאַפט. מער ניט ווי ביי אונדז, ווו עס דערבויט זיך זיגרייך דער סאָציאַליזם, איז מעגלעך אַזאַ פריינדשאַפט צווישן די אַרבעטנדיקע פון אַלע נאַציאָנאַליטעטן פון אונדזער איינהייטלעכן בליענדיקן היימלאַנד... דער גרויסער סטאַלין האָט אונדז אויסגעלערנט ליב צו האָבן איינער דעם אַנדערן.

„... איז זייט וויסן, טייערע חברים, אַז דאָס פריערדיקע קאָזאַקנ־טום, וואָס איז געווען דער אָנשפּאַר פון דער רעאַקציע, איז ניטאָ. איצט איז פאַראַן אַ ניי סאָוועטיש קאָזאַקנטום — דער אָנשפּאַר פון אונדזער סאָציאַליסטישן היימלאַנד... מיר ווייסן, ווי שווער עס האָט זיך גע־

לעבט דער יידישער אָרעמשאַפט, וואָס איז געווען פאַרטריבן דורך דער צאַרישער זעלבסטהערשונג אין „תחום", אין די ענגע שטעטלעך. מיר ווייסן אויך, אַז אין פּסטר איז מער ניטאָ קיין אָרעמע און קבצנישע יידן. מיר אַלע לעבן מיט אַ קולטורעל, פריילעך, פאַרמעגלעך לעבן. מיר שיקן אונדזער קאַלווירטישן קאָזאַקישן גרוס אַלע אייערע קאָל־ווירטניקעס, קאַלווירטניצעס און דער גאַנצער הערעפּאַשנער באַפעל־קערונג פונעם נאַציאָנאַלן יידישן ניי־זלאַטאָפּאָלער ראַיאָן. זאָל לעבן די פעלקער־פריינדשאַפט! זאָל לעבן דער פירער פון די פעלקער — חבר סטאַלין!".*

אויף דער טעמע פון „צימליאַנער סאָכ־געוועט" האָט דער אָנגע־זעענער יידיש־סאָוועטישער פּראָזאַיקער שמואל גאָדינער אָנגעשריבן אַ דערציילונג, וואָס ענדיקט זיך מיט אַ שמחה — נישט בלויז פאַרן כלל, נאָר אויך פאַרן יחיד: אַ יידישער קאָלווירטניק פון ניי־זלאַטאָ־פּאָל גייט למזל חתונה האָבן מיט אַ קאָזאַקישער טאָכטער פון דער סטאַניציע צימליאַן.

און אָט איז געקומען דער גורלדיקער פייער־פּרווו, די מלחמה, און געשען איז עפּעס — נישט בלויז אומדערוואַרטס, נאָר וואָס האָט אויסגעזען אומגלויבלעך, אומדענקבאַר, אומבאַגרייפלעך, אומרעאַל ווי אַ קאָשמאַר, אָבער דאָך, גלייכצייטיק, פון גרויזאַמער רעאַליטעט. די „ניט צע־שטערבאַרע פריינדשאַפט" האָט פּלוצלונג געפּלאַצט ווי אַ זייפנבלאָז און איז פאַרשוווּנדן ווי קיינמאָל אויף דער וועלט ניט געווען. אויף איר אָרט האָט זיך געעפנט אַן אָפּגרונט, אַ תהום מיט שוימענדיקער שנאה. מיט אַ פאַנטאַסטישער שנעלקייט איז אויפגעגאַנגען די גערעטעניש פונעם סם, וואָס די נאַציס האָבן פאַרזייט — נאָך פון דער ווייטן. נאָך איידער די דייטשע חילות האָבן פאַרפלייצט דאָס לאַנד, האָט מען געראַבעוועט יידיש פאַרמעגן און אָפּגעזאָגט אַ טרונק וואַסער פאַר יידישע פּליטים, פאַרשמאַכטע פון דורשט. באַלד האָבן נעכטיקע שכנים און גוטע פריינד — מיט אומבאַטייטיקע אויסנאַמען, וועלכע מען דאַרף אָבער דערמאָנען צום גוטן, ווי קליין זייער צאָל זאָל ניט האָבן געווען — זיך צוגעקוקט גלייכגילטיק, אויב ניט מיט שאַדנפרייד, ווי מען האָט אויסגעקוילעט גאַנצע עדות, אומשולדיקע און שוצלאָזע, פרויען, קינ־

* ציטירט לויט ל. זינגער, „דאָס באַנייטע פאָלק", מאָסקווע, 1941. ז. 101 און 102.

דער און אַלטע לייט. דערנאָך האָט מען זיך געטיילט מיטן הפקר גע־בליבענעם יידישן האָב־און־גוטס.

ווען די לעבנגעבליבענע יידן — דעמאָביליזירטע מיליטער־לייט, פּאַרטיזאַנער פון די וועלדער, עוואַקואירטע משפחות פון היגטערלאַנד — האָבן, נאָך דער באַפרייאונג פון אוקראַינע און ווייסרוסלאַנד, אָנגע־הויבן ביסלעכווייז אומצוקערן זיך אין זייערע פריערדיקע וווינערטער, האָבן זיי געפונען זייערע היימען (אויב נאָר זיי זיינען ניט געווען פאַר־לענדט דורכן מלחמה־פייער) פאַרנומען דורך פרעמדע און מען האָט זיי צומאָל ניט אַריבערגעלאָזט איבער זייערע אייגענע שוועלן.

אין די יידישע נאַציאָנאַלע ראַיאָנען, אין די יידישע דערפער, אין די יידישע קאָלווירטן פון אוקראַינע און קרים איז אַלץ געווען חרוב. דער גאַנצער טויטער און לעבעדיקער אינווענטאַר צערויבט. און ווי־דער דאָס קאָשמאַרפולע — די אַמאָליקע שכנים, דערצויגענע במשך פון אַ פערטל יאָרהונדערט אויפן געבאָט פון פעלקער־פריינדשאַפט, האָבן שנאהדיק געטריבן פון דער ערד, וואָס די צוריקגעקומענע יידי־שע פויערים, און אָפטמאָל אויך זייערע טאַטעס און זיידעס, האָבן גע־האָט באַפרוכטיקט מיט אייגענער שווערער מי, מיט אייגענעם בלוט און שווייס.

די באַרויבטע יידן האָבן זיך געלאָזט נאָך שוץ און הילף דאָרט, ווו זיי זיינען געווען זיכער, שוץ און הילף צו געפינען — צו דער פּאַרטיי, צו דער רעגירונג. דער ענטפער איז געווען אַן אומבאַגרייפלע־כער, אַ נאָך מער דערשיטערנדיקער. די פּאַרטיי פון לענינען האָט זיך געשטעלט אויפן צד פון די שנאהדיקע יידן־פאַרפאָלגער, פון די יידן־מערדער. דער דעמאָלסטיקער „באַלעבאָס" פון אוקראַינע, ניקיטאָ כרושטשאָוו, האָט געטאָן אַלץ, וואָס מעגלעך, בכדי נישט צו דערלאָזן, עס זאָלן זיך אומקערן און באַזעצן צוריק אין זייערע פריערדיקע היי־מען, די אוקראַינער יידן. אַזאַ איז געווען, פאַרן סאָוועטישן יידנטום, נאָכן פאַרגיסן אַזוי פיל בלוט אויף אַלע שלאַכטפעלדער פון דער „פאַטערלענדישער מלחמה", דער עפּילאָג פון דער פרשה — „פעל־קער־פריינדשאַפט".

און דאָן איז ביי די דערשיטערטע, באַליידיקטע, דערנידעריקטע און רעוואָלטירטע יידן אויפגעקומען דער געדאַנק וועגן — אַן אייגן ווינקל. אין די באַדינגונגען פון ראַטנפאַרבאַנד, אין יענע יאָרן, האָט עס געהייסן במילא אַ געדאַנק וועגן ביראָבידזשאַן. די יידישע אויטאָנאָמע

געגנט איז מיט אַ מאָל דערשינען ווי אַ היים, אַ מקלט. דער קאָנצעפּט פון נאַציאָנאַלער מלוכהשקייט האָט פלוצלונג באַקומען אַ לחלוטין ניי־עם אינהאַלט, אַ נייע, אַ טראַגישע דימענסיע. די פאַרמלחמהדיקע ווי־כוחים וועגן „נאַציאָנאַלער קאָנסאָלידאַציע" האָבן אויסגעזען ווי סכאָ־לאַסטישע פּלפּוליסטיק. די פאַרמולע גופא „יידישע סאָציאַליסטישע נאַ־ציע" האָט אָפּגעקלונגען מיט טראַגישן חוזק. עס איז מער ניט געווען קיין רייד וועגן „בויען דעם סאָציאַליזם אויפן ווייטן מזרח", וועגן „סאָציאַליסטישן פאַרפּאַסט ביים שטילן אָקעאַן". מען האָט געדורשט נאָך אַ היים, נאָך אַן אייגענער היים, וווּ אָוועקצולייגן דעם מידן קאָפּ, ווו אָפּצורוען דעם צעווונדיקן גוף און די צעווונדיקטע נשמה.

צי האָט אָבער „אייגענע היים" געמוזט באַטייטן — דווקא ביראָ־בידזשאַן? דאָס איז ווייט ניט געווען זיכער. עס זעט אויס, אַז אין די קרייזן, וואָס האָבן זיך גרופּירט אַרום יידישן אַנטיפאַשיסטישן קאָמי־טעט, און וואָרשיינלעך צווישן דער סאָוועטיש־יידישער געזעלשאַפטלעכ־קייט בכלל, האָט מען די אויטאָנאָמע יידישע געגנט געהאַלטן פאַר אַ פול־שטענדיקן דורכפאַל. נאָך דער בלוטיקער בהלה פון די יאָרן זיבן און דריי־סיק, אַכט און דרייסיק, נאָך דער „דע־יידישיזירונג" פון דער געגנט, נאָך דער פאַקטישער אַנולירונג פון דער קאַלינין־דאָקטרין, האָט דאָס קאַפּיטל ביראָבידזשאַן אויסגעזען ווי ענדגילטיק אָפּגעשלאָסן. במילא איז ווידער אויפגעשווומען דער אַלטער פּראָיעקט, וואָס איז אפנים קיינמאָל ניט געהאַט פולשטענדיק פאַרוואָרפן געוואָרן — דער פּראָיעקט וועגן קרים. דער באַנייטער קרים־פּראָיעקט האָט אגב זיך געשטיצט אויף אַ נייעם און ביז גאָר וואָגיקן אַרגומענט: דער קרי־מער האַלב־אינדזל איז נאָך דער מלחמה געווען אינגאַנצן אומבאַוווינט.

אין די סוף־צוואַנציקער יאָרן, בעת די לײדנשאַפטלעכע דיסקו־סיעס אַרום דער פראַגע קרים־אָדער־ביראָבידזשאַן, איז די הויפּט־טענה קעגן קרים־פּראָיעקט געווען, אַז דער יידישער איבערוואַנדערונג־חשבון טאָר ניט געמאַכט ווערן אַן דעם באַלעבאָס פון דער קרימער רעפּובליק — די קרימער טאָטאַרן. די דאָזיקע טענה איז אָבער אָפּ־געפאַלן. תיכף נאָך דעם, ווי די רויטע אַרמיי האָט פאַרטריבן די דייטשן פון קרים, איז, לויט סטאַלינס באַפעל, די גאַנצע טאָטאַרישע באַפעל־קערונג פון דער קרימער אויטאָנאָמער רעפּובליק, העכער 200.000 נפשות, מענער און פרויען, יונג און אַלט, דעפּאָרטירט געוואָרן אויפן

וויטן צפון, אין פרילינג 1944, פאַר מיטאַרבעט מיטן שונא. די קרי־מער פעלדער און וויינגערטנער זיינען פאַרבליבן פוסט און וויסט.

אין אַפּריל (פעברואַר?) 1944 איז אין מאָסקווע אָפּגעהאַלטן געוואָרן דער דריטער פּלענום פון יידישן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט, מיטן אָנטייל פון די אָנגעזעענסטע יידישע שרייבער, קינסטלער, וויסנשאַפטלער און פון אייניקע יידישע הויך־ראַנגיקע מיליטער־לייט, ווי אויך פון פאָרשטייער פון דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט. אויפן דאָזיקן פּלענום איז עפנטלעך — און ניט געקוקט אויף דער אָנוועזנקייט פון דער ביראָבידזשאַן־דעלעגאַציע — געשטעלט געוואָרן די פראַגע וועגן „אָפּגעבן קרים פאַר אַ יידישער אויטאָנאָמער רעפּובליק".*

די אויפלעבונג פונעם קרים־פּראָיעקט האָט באַשטעטיקט אויך דער ביראָבידזשאַנער יידישער שרייבער הערשל וויינרויך־ווינאָקור. אין 1944, דערציילט ער, אין אַ מיליטערישער שליחות פון פראָנט, איז אים אויסגעקומען צו באַזוכן מאָסקווע און בייצוזיין אויף אַ פאַרזאַמלונג פון יידישע שרייבער, אין לאָקאַל פון אַלגעמיינעם שרייבער־פאַרבאַנד. „פּרץ מאַרקיש האָט מיט ענטוזיאַזם גערעדט וועגן די גרויסע דערגרייכונגען פון די יידישע שרייבער, וועגן דעם, אַז די סאָוועטישע יידישע ליטעראַטור איז אַרויף אויף אַ שטאַפּל העכער. דערויף האָט טרויעריק אָפּגעענטפערט פּראָפ. נוסינאָוו: „צוליב וואָס זאָלן מיר ריידן וועגן יידישער ליטעראַטור, ווען מיר האָבן ניט קיין יידיש פאָלק? דאָס ביסל געראַטעוועטע עוואַקואירטע יידן זיצן אין סיביר, אין מיטל־אַזיע. אַט גייט איצט די מלחמה צו ענדע. מיר זעען שוין באַשיינפערלעך דעם זיג פון דער רויטער אַרמיי. און די יידן, וווהין זאָלן זיי זיך אומקערן, אין די חרוב־געוואָרענע שטעט און שטעטלעך פון אוקראַינע און ווייסרוסלאַנד? איך לייג פאָר, אַז מיר, די יידישע שרייבער און דער יידישער אַנטיפאַשיסטישער קאָמיטעט, זאָלן זיך ווענדן צו דער רעגירונג, אַז מען זאָל די יידן פון סיביר און מיטל־אַזיע שיקן נישט אין די חרוב־געוואָרענע שטעט און שטעטלעך, נאָר ערגעץ אין איין פּלאַץ, אויף איין טעריטאָריע, לאָמיר זאָגן קיין קרים".**

די פירערשאַפט פון דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט איז נאַטירלעך געווען פון אַן אַנדער מיינונג. אויפן פּלענום פון אַנטיפאַשיסטישן

---

* י. עמיאָט, „דער ביראָבידזשאַנער ענין", ראָטשעסטער, 1960, ז. 7.

** ה. וויינרויך, „בלוט אויף דער זון", ניו־יאָרק, 1950, ז. 10 און 11.

קאָמיטעט האָבן די פאָרשטייער פון דער געגנט דערקלערט, אַז זיי זעען „גראָד איצט אַ שעת הכושר צו אַנטוויקלען ביראָבידזשאַן, נאָך אַלע דורכפאַלן". עס איז אַוועק פון זיי אַ דעלעגאַציע צו קאַלינינען און קאַלינין האָט זיי פאַרזיכערט, אַז ער האַלט זיך ביי דאָס „זייניקע". *
און באמת, ביי אַלע חסרונות און אַלע דורכפאַלן, האָט ביראָבידזשאַן געהאַט איין גרויסע מעלה: די יידישע אויטאָנאָמע געגנט איז שוין געווען אַ יש, זי האָט שוין עקזיסטירט, לכל הדעות — אַפיציעל־אַדמיניסטראַטיוו. זי איז פאַרט געווען די אַנערקענטע סאָוועטישע יידישע מלוכהשע אויסבילדונג, די „אייגענע נאַציאָנאַלע מלוכה", ס'הייסט פאַרט — אַ היים.
די וויכוחים זיינען נאָך אגב געווען פריצייטיקע. די יידישע אויטאָנאָמע געגנט האָט זיך געפונען אין אַן אָפּגעשלאָסענער, ניט צוטריטלעכער פראָנט־זאָנע, פנים אל פנים מיט דער יאַפּאַנישער אַרמיי. ערשט נאָך דער קאַפּיטולאַציע פון יאַפּאַן און דעם סוף פון דער מלחמה, האָט זיך געעפנט אַ מעגלעכקייט, צוערשט בלויז אַ טעאָרעטישע, פון איינוואַנדערונג. דאַן אויך האָט זיך אָנגעהויבן, אין אַ ברייטערן פאַרנעם די רעעוואַקואַציע פון די פּליטים. ניט געקוקט אויף אַלע איוב־בשורות, וואָס זיינען אָנגעקומען פון די אַלטע וווינערטער, ניט געקוקט אויף די כלערליי בייזווויליקע אַדמיניסטראַטיווע שוועריקייטן אַהין זיך צו דערקלייבן, האָט עס דאָך אַלעמען געצויגן — דווקא צו דער אַלטער היים. אַן אומצוימבאַרער דראַנג האָט געשטויסן אַנצוקוקן, מיט די אייגענע אויגן, דעם חורבן און אַ פאַרבאַהאַלטענע האָפענונג האָט געטליעט — אפשר, אפשר, עמיצן פון די אייגענע אָפּגעפינען צווישן די לעבעדיקע. דאַן טאַקע האָבן עס די צוריק־געקומענע יידישע מלחמה־פּליטים זיך אָנגעשטויסן מיט דערשיטערונג אויף דער נייער סאָוועטישער רעאַליטעט פון נאָך דער מלחמה.
פאַר מיטאַרבעט מיטן שונא און פאַרראַט האָט סטאַלין „באַשטראָפט" — און באַשטראָפט אכזריותדיק — עטלעכע קלענערע סאָוועטישע פעלקער, שולדיקע און אומשולדיקע, פון קינדער אין די וויגן, ביז טיפע זקנים. די טשעטשענצעס, אינגושן, קאַראַטשאַיער, באַלקאַרער, קאַלמוקן, קרימער טאַטאַרן און דייטשן פון דער דייטשישער בייוואָלגער רעפּובליק — צוזאַמען קאַרגע אַנדערטהאַלבן מיליאָן

* עמיאָט, דאָרטן, ז. 7.

נפשות — זיינען געוואָרן אַרויסגעריסן פון זייערע היימען און פאַר־
שיקט. דאָס רוב פון זיי איז אומגעקומען. נישט אַזוי פשוט איז אפנים
געווען צו „באַשטראָפן" די צענדליקער מיליאָנען אוקראַינער, וועלכע
האָבן ניט וויניקער, און אפשר מער נאָך, זיך „פאַרשולדיקט". באַזונ־
דערס אייפעריק איז געווען זייער מיטאַרבעט מיט די דייטשן אויפן
געביט — פון יידיש בלוט. קעגן זיי האָט די רעגירונג ניט אָנגענומען
קיין שום מאָסמיטלען. דער אַנטיסעמיטיזם האָט ווילד געבושעוועט. דאָס
צוריקקומען פון טייל לעבנגעבליבענע יידן האָט די אַטמאָספערע אָנגע־
שפאַנט ביז פאָגראָם. די רעגירונג האָט נישט רעאַגירט.

אויף די דאָזיקע חדשים — צווייטע העלפט פונעם יאָר פינף און
פערציק — איז אויסגעפאַלן אַן איניציאַטיוו, וואָס איז געבליבן וויניק
באַקאַנט, אָבער וועלכע איז אויסגענוצט געוואָרן עטלעכע יאָר שפע־
טער, אויף אַ טראַגישן אופן, בעת דעם בלוטיקן, ענדגילטיקן חורבן
פון דער סאָוועטישער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט.

שלמה מיכאָעלס, פאָרזיצער פון יידישן אַנטיפאַשיסטישן קאָמי־
טעט, האָט זיך געוואָנדן צו סטאַלינען מיט אַן אויספירלעכן מעמאָ־
ראַנדום וועגן מצב פון דער יידישער באַפעלקערונג און פאָרגעלייגט,
אין נאָמען פון אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט, צוריקצוקערן זיך, אין די
נייע באַדינגונגען, צום אַלטן קרים־פראָיעקט — אַ יידישע טעריטאָ־
ריעלע קאָנצענטראַציע אויפן אומבאַוווינטן קרימער האַלב־אינדזל.

מיכאָעלס איז געווען איינער פון די גרעסטע און אָנגעזעענסטע
טעאַטער־קינסטלער פון ראַטנפאַרבאַנד. אַ מענטש פון אַלזייטיקער קול־
טור און הויכער אינטעליגענץ, האָט ער, אין די מלחמה־יאָרן, זיך אַנט־
פלעקט ווי אַ געזעלשאַפטלעכער טוער פון גרויסן פאַרנעם. אין חודש
יולי 1943 איז ער, צוזאַמען מיטן דיכטער איציק פעפער, געשיקט גע־
וואָרן דורך דער סאָוועטישער רעגירונג אין די פאַראייניקטע־שטאַטן,
אָפיציעל אין אַ דעלעגאַציע פון אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט, פאַקטיש
ווי אַ פאַרשטייער פון סאָוועטישן יידנטום צום אַמעריקאַנער יידנטום.
מיכאָעלסעס ערשטער אַרויסטריט, אין ניו־יאָרק, פאַר אַן עולם פון אי־
בער פופציק טויזנט מאַן, האָט אויפגעטרייסלט די אַמעריקאַנער עפנט־
לעכע מיינונג. די דעלעגאַציע האָט באַזוכט דריי לענדער — די פאַר־
אייניקטע־שטאַטן, קאַנאַדע און מעקסיקאָ. די שליחי־צבור פון די יידן
אין ראַטנפאַרבאַנד זיינען אומעטום אויפגענומען געוואָרן מיט אויי־
סערגעוויינלעכן ענטוזיאַזם. אויך נאָך זיין צוריקקומען קיין מאָסקווע,

האָט מיכאָעלס ניט אויפגעהערט צו באַטראַכטן זיך ווי אַ שליח־צבור, גרייט צו אינטערווענירן וועגן די פאַרשיידנסטע יידישע ענינים אין די אָפיציעלע סאָוועטישע אינסטאַנצן און אַדמיניסטראַציעס.

דער מעמאָראַנדום צו סטאַלינען איז אַ לאַנגע צייט געבליבן אָן אַן ענטפער. לסוף איז געקומען אַן אָפיציעלע תשובה. זי איז באַשטאַנען בסך הכל פון זיבן ווערטער: „פּאָרא יעוורעיסקאָמו אַנטיפאַשיסטקאָמו קאָמיטעטו זנאַט סוואָיאָ מיעסטאָ" — „ס'איז צייט, אַז דער יידישער אַנטיפאַשיסטישער קאָמיטעט זאָל וויסן זיין אָרט". אונטערגעשריבן: וו. מאָלאָטאָוו. מען דערציילט, אַז מיכאָעלס, נאָכן איבערלייענען דעם בריוו, האָט לאַנג געשוויגן און לסוף זיך אָנגערופן: „פאַר מיר איז אַלץ געענדיקט". נאָך אַ ווײַלע, האָט ער צוגעגעבן, שטיל: „כ'האָב מורא, פאַר אונדז אַלעמען..."

נאָך אַ מאָל און שוין צום לעצטן מאָל איז געשטעלט געוואָרן אַ סוף־פּונקט אויפן סטאַטוס פון סאָוועטישן יידנטום — און דאָס הייסט במילא אויך, אויפן אַלטן לעניך־„בונד"־וויכוח. קיינער אין ראַטנפאַרבאַנד, קיין שום אינסטיטוציע, קיין שום אינסטאַנץ, קיין שום קערפּערשאַפט, קיין שום פּערזאָן, האָט ניט געהאַט קיין רעכט צו פאַרנעמען זיך מיט יידישער נאַציאָנאַלער פּראָבלעמאַטיק, מיט פראַגן וועגן גורל און וועגן דער צוקונפט פון סאָוועטישן יידנטום, קיינער — אויסער דער פּאַרטיי, וואָס עס האָט געמיינט, נאַטירלעך, אויסער סטאַלינען.

דער קרים־פּראָיעקט איז ווידער געוואָרן אָפּגעוואָרפן. אויפסניי איז געעפנט געוואָרן דאָס קאַפּיטל ביראָבידזשאַן. דער אָפּפאָר אויפן וויטן מזרח פון אַ גרעסערער צאָל יידן האָט געדאַרפט מאַכן אַ סוף צו אַ ריי פיינלעכע קאָנפליקטן אויף די ערטער און אָנטשפּאַנען, אויב ניט אינגאַנצן אויסלאַטש טיילווייז, די אָנגעגליטע אַטמאָספערע.

דעם 26סטן יאַנואַר 1946 האָט דער ראַט פון פאָלקס־קאָמיסאַרן פון רספסר (רוסלענדישע ראַטן־רעפּובליק) און צומאַרגנס, דעם 27סטן יאַנואַר, דער ראַט פון די פאָלקס־קאָמיסאַרן פון פססר (פאַרבאַנד פון די ראַטן־רעפּובליקן) אָנגענומען אָפיציעלע באַשלוסן וועגן „באַנייען דעם פונאַנדערבוי" פון דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט. פאַרן קאָמיסאַריאַט פון געזונטהייט־ענינים איז געשטעלט געוואָרן די אויפגאַבע צו שיקן קיין ביראָבידזשאַן כך וכך יידישע דאָקטוירים און פאַרן בילדונג־קאָמיסאַריאַט — אַהין צו שיקן כך וכך יידישע לערער. די דאָזיקע רעגירונג־באַשלוסן האָבן אויף דער יידישער באַפעלקערונג געמאַכט

אָן אומגעהויערן רושם. עס האָט אויפגעשיינט, פון וויטן — אַ היים.

שוין פריער, אין דער צווייטער העלפט פון 1945 — ביראָבי־דזשאַן האָט נאָך דאַן זיך געפונען אין אַ מיליטערישער אָפּגעשלאָסע־נער זאָנע — האָבן זיך אָנגעהויבן השתדלות וועגן באַזעצן זיך אין דער יידישער געגנט. עס האָבן זיך משתדל געווען הן יידן פון אוקראַי־נע און ווייסרוסלאַנד, רעעוואַקואירטע אָדער נאָך אפילו פון די רעעוואַ־קואַציע־פּונקטן, הן ביראָבידזשאַנער תושבים, אויף אַריבערצוברענגען זייערע משפּחות. גלייך נאָך דער פאַרעפנטלעכונג פון די רעגירונג־באַ־שלוסן פון יאַנואַר 1946, האָט די באַוועגונג אָנגענומען אַ מאַסן־כאַ־ראַקטער, אין דעם געוועהנלעכן סאָוועטישן נוסח: פאַרזאַמלונגען אויף די אַרבעט־פּלעצער, מיטינגען, רעזאָלוציעס, וכדומה.

אין מערץ 1946 האָט דער יידישער אַנטיפאַשיסטישער קאָמיטעט אָרגאַניזירט אין מאָסקווע אַ ספּעציעלן צונויפטרעף מיט די ביראָבי־דזשאַנער דעפּוטאַטן אין דער נאַציאָנאַליטעטן־קאַמער פון אַלסאָוועטישן פּאַרלאַמענט, אַלעקסאַנדער באַכמוטסקי און שפרה קוטשינאַ. באַכמוטסקי איז געווען סעקרעטאַר פונעם געגנטלעכן פּאַרטיי־קאָמיטעט פון דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט. באַלד איז באַקאַנט געוואָרן אַן איבער־ראַשנדיקע ידיעה: די רעגירונג אָרגאַניזירט אַ „פרייע מאַסן־איבער־וואַנדערונג" — מיטן טראָפּ אויף „פרייע" — קיין ביראָבידזשאַן און נעמט אַלע הוצאות הדרך אויפן אייגענעם חשבון און טיילט אויס גרוי־סע הלוואות פאַר אַלע יעניקע, וואָס ווילן זיך באַזעצן אויף לאַנד און פירט דורך אָט די איבערוואַנדערונג אין ספּעציעלע צוגן („עשעלאָנען"). ניט וואַרטנדיק אפילו אויף דער דאָזיקער אָרגאַניזירטער „פרייער מאַסן־איבערוואַנדערונג", האָבן הונדערטער און הונדערטער יידן, יחי־דים און משפּחות, זיך אַ לאָז געטאָן אויף אייגענער אחריות צו דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט — פון קרים, פון אוקראַינע, פון צענ־טראַל־אַזיע, פון סיביר.

דער ערשטער ספּעציעל־צוג („עשעלאָן") איז אַרויסגעפאָרן אין דעצעמבער 1946, פון וויניצע, אין אוקראַינע. פון דער זעלבער שטאָט זיינען אַרויסגעפאָרן נאָך צוויי צוגן, אין 1947. במשך פון דעם זעלבן יאָר זיינען אָפּגעפאָרן דריי צוגן, איינער פון קרים און צוויי פון דרום־אוקראַינע — כערסאָן און ניקאָלאַיעוו. אין 1948 זיינען אָפּגעפאָרן זעקס ספּעציעל־צוגן — פינף פון אוקראַינע: צוויי פון ניקאָלאַיעוו, צוויי פון דניעפּראָפּיעטראָווסק און איינער פון אָדעס — און דער

לעצטער פון סאַמאַרקאַנד, אין צענטראַל־אַזיע. די ספּעציעל־צוגן, פון 45 ביז 50 וואַגאָנען יעדער, האָבן גרופּירט איבערוואַנדערער, בישט בלויז פון די אָפּפאַר־שטעט, נאָר פון גאַנצע געגנטן, פון אַלע געוועזע־נע יידישע נאַציאָנאַלע ראַיאָנען. עס זיינען געפאָרן גאַנצע יידישע קאָל־ווירטן פון די נאַציאָנאַלע ראַיאָנען. אין דעם ספּעציעל־צוג פון דניעפּראָ־פּיעטראָווסק, פון 1948, האָט דער יידיש־סאָוועטישער שרייבער עליע גאָרדאָן אָפּגעמערקט אויף וואַגאָנען פאָלגנדיקע אויפשריפטן: „קאָל־ווירט באַטווין־ביראָבידזשאַן", „קאָלווירט אַזעטעווקע־ביראָבידזשאַן", „קאָלווירט לעקערט־ביראָבידזשאַן".*

די אַלגעמיינע צאָל איבערוואַנדערער פאַר די יאָרן 1948/1945 ווערט געשאַצט פאַרשיידן. לויט אַלעקסאַנדער באַכמוטסקי זיינען פאַר דער צייט אָנגעקומען קיין ביראָבידזשאַן „העכער צוואַנציק טויזנט יידישע אַרבעטנדיקע". ישראל עמיאָט רעדט וועגן „אַ צען טויזנט יידי־שע פאַמיליעס",** וואָס דאַרף אויסמאַכן קרוב דרייסיק טויזנט נפשות. דאַקעגן י. לבבי האַלט, אַז די צאָל איבערוואַנדערער האָט ניט איבער־געשטיגן צען טויזנט מאַן.***

וועגן סאָציאַלן באַשטאַנד פון די איבערוואַנדערער דערציילט יש־ראל עמיאָט: „דער מענטשן־מאַטעריאַל איז געווען אַ פאַרשיידנאַר־טיקער. דער ווייט־גרעסטער טייל איז געווען זייער אַ נוצלעכער עלע־מענט; זייער אַ סך אויסגעצייכנטע בעלי־מלאכות און מייסטער פון דער שווער־אינדוסטריע, אינזשיניערן, דאָקטוירים, לערער און אַלטע, דערפאַרענע פאַרמערס, הויכע אָנגעשטעלטע, וועלכע האָבן זיך מיט גרויס מי קוים באַפרייט פון זייערע שטעלעס אין אוקראַינע. צווישן זיי, דער דירעקטאָר פון באַרימטן כערסאָנער עלעוואַטאָר. דער דאָזיקער אויסגעצייכנטער אָרגאַניזאַטאָר איז באַשטאַנען צו אַרבעטן אין ביראָ־בידזשאַן, צווישן יידן, ווי אַ פאַרוואַלטער פון אַ ראַיאָנעם ערד־אָפּטייל („ראַיזעמאָטדיעל"), ווי אָנצופירן מיטן גרויסן צענטראַלן ברויט־שפּייכ־

---

* ע. גאָרדאָן, „קאָלווירטניקעס פאָרן קיין ביראָבידזשאַן", „היימ־לאַנד", נומ. 5 מאָסקווע, 1948.

** י. עמיאָט, „דער ביראָבידזשאַנער ענין", ז. 11.

*** ההתשיבות...", ז. 107.

לער פון אוקראַינע. און פונקט אַזוי האָבן געהאַנדלט אַ ריי אַנדערע חשובע און אויסערסט־פעיקע יידן״.*

די באַזונדערס גרויסע סאָציאַל־עקאָנאָמישע ווערטפולקייט פון דער נאָך־מלחמה־איינוואַנדערונג ווערט אָפּגעשפּיגלט אין די פאַרעפנטלעכטע ציפערן וועגן 1770 משפחות, געקומענע מיט די ספּעציעל־צוגן, און וועלכע זיינען איינגעאָרדנט געוואָרן אויף פאָלגנדיקע געביטן: לאַנדווירטשאַפט (קאָלווירטן, סאָוווירטן, מאָטאָר־טראַקטאָר־סטאַנציעס) — 830 משפחות; אַרטיקע אינדוסטריע — 180; לייכט־אינדוסטריע — 125; קאָאָפּעראַטיווע פּראָדוקציע — 100; בוי־אינדוסטריע — 165; האַנדלס־אַפּאַראַט — 50; אייזנבאַן — 25; קאָמונאַלע ווירטשאַפט — 25; געזונטהייט־וועזן — 32; שול און דערציאונג — 35; פאַרשיידענע — 203.** בערך אַ העלפט פון די איבערוואַנדערער איז אַזוי אַרום תיכף אַריין אין דער לאַנדווירטשאַפט, וועלכע האָט זיך שטאַרק גענויטיקט אין דערפאַרענע הענט.

מיט די ערשטע איבערוואַנדערער, אין „עשעלאָן״ וואָס איז אָפּגעפאָרן פון ווינניצע אָנהויב יוני 1947 — דאָס איז געווען דער צווייטער ספּעציעל־צוג — איז געקומען קיין ביראָבידזשאַן דער גרויסער יידישער פּראָזע־מייסטער, דער נסתר. ער האָט דעם צוג גענומען נישט פון ווינניצע, נאָר איז אין אים איינגעשטיגן אין מאָסקווע. דער איינציקער צווישן דער יידישער שרייבער־משפחה, האָט ער זיך אָנגעשלאָסן אין אַן עדה יידישע איבערוואַנדערער, בכדי במשך פון אַ גאַנצן חודש אונטערוועגנס זיך דורכדרינגען מיט זייער געמיט, מיט זייער פּיין און מיט זייערע האָפענונגען. אויך ער, דער נסתר, האָט געטיילט זייערע האָפענונגען.

זיינע רייזע־איינדרוקן זיינען דערשינען אינעם נומער איינס פון מאָסקווער באַנייטן נאָך דער מלחמה יידישן זשורנאַל, „היימלאַנד״, אונטערן טיטל „מיט איבערוואַנדערער קיין ביראָבידזשאַן״. עטלעכע פעדער־שטריכן וועגן די איבערוואַנדערער: „אָט פאָרן דאָ מענטשן, וואָס זייער מיין איז בלויז מאַטעריעל זיך בעסער איינאָרדענען; און אָט אַנדערע — מער אַנדערע, מער מיט נאַציאָנאַלע מיינען, וועלכע פרעגן זיך ניט נאָך אויף בעסערס: זאָל זיין, ווי ס׳וויל זיך, אַבי דאָרט...

* י. עמיאָט, ז. 21.

** ציטירט לויט י. לבבי, „ההתישבות״... ז. 106.

און אַט האָט איר שוין גאָר פלאַמיקע ענטוזיאַסטן, וועלכע זיינען גרייט אַלץ אָפּצוגעבן, אַבי אַליין זיך דאָרט צו געפינען און אויך אַ האַלבע וועלט אַהין אַריבערשלעפּן״.*

און עטלעכע רעיונות פון מחבר גופא, אין זיין כאַראַקטעריסטישן רמזימדיקן נוסח: „אוי ווי גוט, וואָס מיר האָבן שוין בכוח אַט די קליי־נע דרייסטע דודלעך, וועלכע דאַרפן אָבער נאָך מער און נאָך מער בפועל, אומאויפהערלעך און וואָס ווייטער אין אַלץ גרעסערער מאָס, באַוואָפנט ווערן אויך מיט יענעם דוד־שטאָלץ, מיט יענער דוד־ווירדע און ליבע צו זייער פאָלק, צו זייער פאָטערס־הויזגעזינט און צו זייערע ברידער, כדי קיינע, קיינע גליתן זאָלן זיי קיינמאָל ניט שרעקן... און דאָס וועט זיין און דאָס וועט קומען אין דער גאָר גרויסער און געוווּנטשענסטער מאָס, ווען אַט די דודלעך, אַט די פאַרברוינטע און מיט שטאַרקע מוסקלען באַשאָנקענע מעטאַליסטן אַקראָבאַטן, וועלן זיך געפינען אין יענעם אָרט פון פאָלקס שעפערישער אַנזאַמלונג, פון ניי־געבורט און איבערדערציאונג, אַווּהין זיי שטרעבן און ציען איצט, ווי פויגלען מיט פרילינג־בשורה אין די פליגל״.**

ביראָבידזשאַן — דאָס „אָרט פון פאָלקס שעפערישער אַנזאַמלונג, פון ניי־געבורט״! די „פרייע מאַסן־איבערוואַנדערונג״, וואָס די רעגי־רונג האָט אָרגאַניזירט, אין בחינמדיקע ספּעציעל־צוגן, האָט פאַקטיש באַטייט די ענדגילטיקע ליקווידירונג פון אַנדערטהאַלבן יאָרהונדערט ייִדישע קאָלאָניזאַציע אין אוקראַינע און דעם סוף פון אַלע ייִדישע נאַ־ציאָנאַלע ראַיאָנען, אָבער געפאָרן איז מען פאַרט — אַהיים, געצויגן אַהין, „ווי פויגלען מיט פרילינג־בשורה אין די פליגל״.

פונעם אַמאָליקן פילפאַרביקן ייִדישן קולטור־לעבן זיינען אין דער אויטאָנאָמער געגנט פאַרבליבן בלויז שאָטנס. דאָס ייִדישע שולוועזן איז געווען כמעט פולשטענדיק ליקווידירט. געבליבן איז בלויז די בי־ראָבידזשאַנער ייִדישע מיטלשול, ריכטיקער, אַ זכר פון דער מיטלשול, מיט בסך הכל 70 תלמידים — אַנשטאָט די 800 תלמידים פון 1936 — אין אַן אַלטן הילצערנעם הויז. די גרויסע געמויערטע געביידע, וואָס איז געהאַט אויפגעבויט געוואָרן, אין סאַמע צענטער שטאָט, ספּע־ציעל פאַר דער ייִדישער מיטלשול, איז איבערגעגאַנגען צו אַ רוסישער

* „היימלאַנד״, נומ. 1, מאָסקווע, 1947, ז. 109.

** דאָרטן, ז. 118.

שול. עטלעכע יידישע אָנפּאַנגשולן האָבן עקזיסטירט אויף דער פּראָווינץ, אין וואָלדהיים און אַמורזעט. אַלע טעכניקומס, אויסער דעם פּעדאַגאָגישן, זיינען געווען הונדערט־פּראָצענטיק רוסיפיצירט. אין פּעדאַגאָגישן טעכניקום איז יידיש נאָך געלערנט געוואָרן, אָבער בלויז ווי אַ לימוד.

מיטן אָנקומען פון די טויזנטער נייע איבערוואַנדערער, כמעט אַלע יידיש־ריידנדיקע, האָט זיך שאַרף געשטעלט די פראַגע וועגן שולן. עלטערן האָבן געזאַמלט אונטערשריפטן אונטער אַ פּעטיציע — געפאָדערט יידישע גרונטשולן פאַר זייערע קינדער, אין דער שטאָט ביראָבידזשאַן גופא. די אָנפירונג פון דער געגנט האָט געגעבן כסדר הבטחות. דער ערשטער סעקרעטאַר פונעם געגנטלעכן פּאַרטיי־קאָמיטעט אַלעקסאַנדער באַכמוטסקי איז געווען ביז גאָר אָפּטימיסטיש. ער האָט צוגעזאָגט יידישע שולן, ער האָט דערציילט וועגן פּלענער אַריבערצופירן פון קיעוו קיין ביראָבידזשאַן דעם „קאַבינעט פאַר יידישער סאָוועטישער ליטעראַטור, שפּראַך און פאָלקלאָר" — דעם זכר נאָכן פאַגראָמירטן „אינסטיטוט פאַר יידישער פּראָלעטאַרישער קולטור" — וועגן פּלענער צו גרינדן אין דער אויטאָנאָמער געגנט אַ יידישע הויכשול און אפילו — וועגן באַנייטע פּערספּעקטיוון פון אַ יידישער אויטאָנאָמער רעפּובליק. אין מאָסקווע, אין די הויכע פענצטער פון דער „מלוכהשער ליניע", האָט מען אפנים זיך דערמאָנט וועגן דער קאַליניןדאָקטרין.

די יידישע געגנט האָט פאַמעלעך, מיט אומזיכערע טריט, אָנגעהויבן קומען צו זיך. נאָך די בלוט־און־טרערן־יאָרן — צוערשט פון די „רייניקונגען", דערנאָך פון דער מלחמה — האָט ווידער אויפגעשיינט אַ בלייכער שטראַל פון האָפענונג. די נייע איבערוואַנדערער האָבן שנעל זיך איינגעגלידערט הן אין דער לאַנדווירטשאַפט, הן אין דער אינדוסטריע, הן אין געזעלשאַפטלעכן לעבן. קיין אָפּפלוס, ווי פאַר דער מלחמה, קיין צוריקפאָר אַהיים איז מער ניט געווען — פשוט דערפאַר, ווייל קיין אַלטע היים איז מער ניט פאַרבליבן. אמת, דער שכנותדיקער ווייטער מזרח איז געלעגן אָפן און דאָרט איז די לופט ניט געווען אַזוי פאַרסמט, ווי אויפן מערב. אָבער, צום ערשטן מאָל זינט צוואַנציק יאָר, איז מען געפאָרן מיט אַ טראַגישער, מיט אַ בלוטיקער עקשנות — צו פאַרבלייבן, צו בויען אַ היים, אַ נעסט פאַר „ניי־געבורט".

יידיש האָט ווידער זיך באַוויזן אויף אַדמיניסטראַטיווע מו־דעות, איז ווידער באַנוצט געוואָרן אויף אָפּיציעלע זיצונגען און פֿאַר־זאַמלונגען. דאָס יידישע קולטור־לעבן האָט ביסלעכווייז אָנגעהויבן פּול־סירן מיט נייעם בלוט. דער ביראָבידזשאַנער יידישער מלוכה־טעאַטער, נאָך אַ לענגערן טורנע, במשך פֿון גאַנצן יאָר 1945, אין מיטל־אַזיע, ווו ער האָט געשפּילט פֿאַר יידישע מלחמה־פּליטים, האָט זיך צוריק־געקערט אַהיים און באַנייט זיין נאָרמאַלע טעטיקייט. סוף יאָר האָט ער זיך איבערגעצויגן אין אַ נייעם בנין, וואָס איז פֿאַר אים ספּעציעל אויפֿגעבויט געוואָרן, מיט אַ צושויער־זאַל פֿון 500 פּלעצער. די פֿייער־לעכע חנוכת־הבית־פּרעמיערע איז פֿאָרגעקומען דעם 30סטן דעצעמ־בער 1946. צוויי שוישפּילער, חיים העלפֿאַנט און יוסף גראָס, זיינען באַלוינט געוואָרן מיטן טיטל: „פֿאַרדינסטפֿולער אַרטיסט פֿון דער רעפּובליק״.

נאָך אַ לענגערן איבעררייס, איז אין 1945 באַנייט געוואָרן דער „ביראָבידזשאַנער שטערן״. באַלד איז, לויט אַ באַשלוס פֿונעם געגנטלעכן פּאַרטיי־קאָמיטעט, געגרינדעט געוואָרן אַ יידישער פֿאַרלאַג. מען האָט אָנגעהויבן גרייטן אַ נייעם זשורנאַל, צו פֿאַרטרעטן דעם פֿאַרמלחמה־דיקן „פֿאָרפּאָסט״. דער זשורנאַל האָט געהייסן: „ביראָבידזשאַן״, מיטן אונטערטיטל: „ליטעראַריש־קינסטלערישער און פּאָליטיש־געזעלשאַפֿט־לעכער אַלמאַנאַך פֿון דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט״. דער ערש־טער נומער „ביראָבידזשאַן״, מיט אַ טאָפּלט־נומעראַציע 1־2, דאַטירט פֿון 1946, איז פֿאַקטיש דערשינען אָנהויב 1947. דאָס איז געווען די ערשטע יידישע צייטשריפֿט, וואָס האָט דערזען די ליכטיקע שיין אין ראַטנ־פֿאַרבאַנד, נאָך דער מלחמה, פֿריער ווי „היימלאַנד״ אין מאָסקווע און ווי „דער שטערן״ אין קיעוו. דער אַלמאַנאַך האָט פֿאַרעפֿנטלעכט שאַ־פֿונגען פֿון אַלע ביראָבידזשאַנער יידישע שרייבער. דער צווייטער נו־מער „ביראָבידזשאַן״ איז דערשינען סוף 1947 און דער דריטער, אין יוני 1948. דער פֿאַרלאַג האָט אָנגעהויבן אַרויסגעבן יידישע ביכער — צוויי בענדער לידער. עס זיינען באַנייט געוואָרן די ליטעראַריש־קינסט־לערישע־אָוונטן, מיטן אָנטייל פֿון שרייבער און שוישפּילער. אין געגנט־לעכן אויספֿיר־קאָמיטעט זיינען ווירקלעך אויסגעאַרבעט געוואָרן פּלע־נער פֿאַר אַ יידישן אוניווערסיטעט און אַלץ אָפּטער זיינען געוואָרן די קלאַנגען וועגן דעם, אַז די יידישע געגנט וועט אין דער נאָענטסטער צוקונפֿט פֿאַרוואַנדלט ווערן אין אַ יידישער אויטאָנאָמער רעפּובליק.

דעם 9־טן אָקטאָבער 1948 איז אָנגעקומען קיין בירָאבידזשאַן דער צוועלפטער ספּעציעלער אײַנוואַנדערונג־צוג, דער „עשעלאָן" פון סאַ־מאַרקאַנד, מיט מלחמה־פליטים פון מיטל־אַזיע. די „אייניקייט" פון 12־טן אָקטאָבער 1948 ברענגט פאָלגנדיקע באַשרײַבונג פון דער באַ־געגעניש מיט אָט די נײַע בויער פון דער ייִדישער מלוכהשקייט: „פון אַכט אַזייגער אינדערפרי, האָבן זיך אויפן וואָקזאַל אָנגעהויבן זאַמ־לען מענטשן — אַרבעטער פון די אונטערנעמונגען, אָנגעשטעלטע, סטודענטן פון די בירָאבידזשאַנער טעכניקומס, יום־טובדיק געקליי־דעטע, מיט בוקעטן בלומען אין די הענט. פיל פון זיי גרייטן זיך היינט באַגעגענען קרובים און באַקאַנטע. דער זאַל איז באַצירט מיט פּאָרטרעטן און לאָזונגען... ניין אַזייגער אינדערפרי, עס הילכן די אָרקעסטערס, עס דערנענטערט זיך צום פּעראָן דער עשעלאָן. אויף דער באַצירטער טריבונע גייען אַרויף די אָנפירער פון דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט..." עס באַגריסט, צווישן אַנדערע, דער פּאַרזי־צער פונעם געגנט־אויספּירקאָם, ח' לעוויטין. ער רעדט וועגן „די צוקונפטיקע נײַע און נײַע עשעלאָנען".*

קיין „נײַע עשעלאָנען" זײַנען מער ניט אָנגעקומען. דער ספּעציעל־צוג פון סאַמאַרקאַנד איז געווען דער לעצטער. אַ חודש שפּעטער איז ווידער אויסגעבראָכן אַ בלוטיקער געוויטער — נײַע „רייניקונגען" און אַ קאַמפּאַניע קעגן „קאָסמאָפּאָליטן" ס'הייסט קעגן ייִדן. סטאַלינס אַלטע אַנטיסעמיטישע פאַנטאַזמען זײַנען געוואָרן אַן אינטעגראַלער באַשטאַנד־טייל פון דער „פּאַרטייאישער ליניע" און פון דער סאָוועטישער מלו־כה־פּאָליטיק. עס האָט זיך אָנגעהויבן דער ענדגילטיקער, בלוטיקער חורבן פון דער סאָוועטישער ייִדישער געזעלשאַפטלעכקייט, פון דער סאָוועטישער ייִדישקייט.

דער ערשטער קרבן איז געפאַלן שוין פריער. אויף אַן אכזריות־דיקן אופן איז, אין יאַנואַר 1948, דערמאָרדעט געוואָרן, כלומרשט אין אַן אויטאָ־פּאַרפּאַל, דער פאָרזיצער פון אַנטיפאַשיסטישן קאָ־מיטעט, שלמה מיכאָעלס. דער טויט פון מיכאָעלסן האָט געמאַכט אַן אומגעהויערן אײַנדרוק צווישן דער ייִדישער באַפעלקערונג. אין די קרייזן פון אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט האָט מען געפילט, אַז עס דערנענטערט זיך אַ קאַטאַסטראָפע.

* ציטירט לויט נ. מייזיל, „דאָס ייִדישע שאַפן...", ז. 279.

אין דעצעמבער 1948 און אין די ערשטע חדשים 1949 זיינען אַרעסטירט געוואָרן כמעט אַלע אָנגעזעענע יידישע שרייבער, קינסט־לער און וויסנשאַפטלער. די קרוין־נעמען פון דער יידישער סאָוועטי־שער ליטעראַטור, אירע פאָנען־טרעגער — דוד בערגעלסאָן, דוד האָפּ־שטיין, פרץ מאַרקיש, לייב קוויטקאָ, איציק פעפער — זיינען, נאָך אַ פּאַראָדיע פון אַ פּראָצעס, פאַרמשפּעט געוואָרן צו טויט־שטראָף. צווישן אַ ריי אַנדערע פאַרברעכנס, האָט דער באַשלודיקונג־אַקט זיי פאַרגעוואָרפן אַ מלוכה־פאַרשווערונג, דורכן יידישן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט, מיטן ציל אָפּצורייסן פון ראַטנפאַרבאַנד — דעם קרימער האַלב־אינדזל. דאָס איז געווען די תשובה פון סטאַלינען אויף מיכאָעל־סעס מעמאָראַנדום וועגן קרים־פּראָיעקט. אַלע פאַרמשפּטע זיינען אומ־געבראַכט געוואָרן אין אויגוסט 1952, אַלע אויסער דער איינציקער פרוי, פּראָפ. לינאַ שטערן, מיטגליד פון דער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע און טרעגערין פון סטאַלין־פּרייז. זי איז געוואָרן פאַרשיקט אין אַ לאַגער אויפן ווייטן צפון און באַפרייט נאָכן 20סטן קאָנגרעס. דער נסתר איז אין תפיסה אויסגעגאַנגען. די איבעריקע שרייבער האָבן יאָרן־לאַנג אָפּ־געשמאַכט אין די לאַגערן.

אין דעצעמבער 1948 זיינען פלוצלונג פאַרמאַכט געוואָרן: דער יידישער אַנטיפאַשיסטישער קאָמיטעט און די צייטונג „אייניקייט“, די צייטשריפט „היימלאַנד“ אין מאָסקווע און „דער שטערן“ אין קיעוו; דער פאַרלאַג „עמעס“ מיט זיין דרוקעריי (אַלע אויסגעזעצטע ווערק, צעשאָטן; דעם זאַץ צעבראָכן, די געפונענע מאַנוסקריפּטן פאַרניכטעט אָדער קאָנפיסקירט). עס זיינען געשלאָסן געוואָרן: דער באַרימטער מאָסקווער יידישער מלוכה־טעאַטער „גאָסעט“ און באַלד אַלע יידישע טעאַטערן פון ראַטנפאַרבאַנד; אַלע נאָך פאַרבליבענע יידישע ביבליאָ־טעקן (און זייערע ביכער־פאָנדן פאַרוואַנדלט אין פּאַק־פּאַפּיר און מאַ־קולאַטור). עס זיינען ליקווידירט געוואָרן: דער ווילנער יידישער מוזיי און דער קיעווער „קאַבינעט פאַר סאָוועטיש־יידישער ליטעראַ־טור, שפּראַך און פאָלקלאָר“. די פאַרבליבענע אוצרות פון דער יידי־שער אַקאַדעמישער ביבליאָטעק אין קיעוו זיינען פאַרמשפּט געוואָרן אויף אַן אויסטערליש־פאַנטאַסמאַגאָרישן גורל: גאַנצע בערג ביכער און כתב־ידן, פון אומשאַצבאַרן ווערט, זיינען ,אין די נעכט, געוואָרן געבראַכט צו די קאַטאַקאָמבעס פון קיעווער פּאָדאָל־געגנט און אַריינ־געוואָרפן אין די היילן פון פּעטשערסקער באַרג — פאַרמשפּטע צו

פוילן, צום טויט.* דאָס איז ניט געווען קיין פּשוטע ליקווידירונג פון אינסטיטוציעס, נאָר אַ פּאָגראָם, אַ פּאַרטיליקונג מיט טעמפּער אַכ־זריות, אַ שנאהדיקע פאַרניכטונג, להשמיד ולאבד, אויף אָפּצומעקן פון דער ערד.

אין ביראָבידזשאַן זיינען אַרעסטירט געוואָרן דער סעקרעטאַר פון געגנטלעכן פּאַרטיי־קאָמיטעט, אַלעקסאַנדער באַכמוטסקי, דער פאַרזיצער פונעם געגנטלעכן אויספיר־קאָמיטעט מיכאַיל לעוויטין, דער פריערדיקער לאַנגיאָריקער פאַרזיצער פון געגנטלעכן אויספיר־קאָמיטעט, משה זילבערשטיין, די רעדאַקציע־מיטגלידער פון אַלמאַנאַך „ביראָ־בידזשאַן", כמעט אַלע אַנדערע יידישע שרייבער און אַ ריי טוער פון דער פּאַרטייאישער און מלוכהשער „ליניע". באַכמוטסקי און זילבער־שטיין זיינען פאַרמשפּט געוואָרן צו טויט־שטראָף, וועלכע איז זיי אָבער פאַרביטן געוואָרן אויף 25 יאָר תּפיסה. לעוויטין איז אין תּפיסה אויס־געגאַנגען.

קעגן אַלע אַרעסטירטע איז אַרויסגערוקט געוואָרן אַן אַלגעמיינע באַשולדיקונג, פון מאָנסטרועזער פּראָוואָקאַציע: „ביראָבידזשאַן דאַרף דינען ווי אַ רינגעלע אין דער קייט פון דער גרויסער פאַרשווערונג פון יידישן פאָלק... די ביראָבידזשאַנער באַזע איז אַ נעסט פון שפּיאָ־נאַזש. דאָס וועט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ פּלאַצדאַרם פון דער אינ־טערנאַציאָנאַלער רעאַקציע... ביראָבידזשאַן וועט לסוף אָפּגעריסן ווערן פון ראַטנפאַרבאַנד און אָפּגעגעבן ווערן צו אַמעריקע".**

אַן אַרעסטירטער שוישפּילער פון ביראָבידזשאַנער יידישן מלוכה־טעאַטער דערציילט: „אויף אונדזער פראַגע, ווי אַזוי קאָן דאָס פאַר־ווירקלעכט ווערן געאָגראַפיש, אַז ביראָבידזשאַן געפינט זיך אויפן ווייטן מזרח און אַמעריקע געפינט זיך אויפן ווייטן מערב? — האָט דער אויספאָרשער אונדז געענטפערט מיט אַ כיטרען ווונק: „יעוורעי יעס־לי זאַכאָטיאַט, ווסיאָ סמאָגוט" — „די יידן, אַז זיי ווילן נאָר, קאָנען זיי אַלץ".***

* אסתר ראָזענטאַל־שניידערמאַן, ז. 288.

** י. עמיאָט, „דער ביראָבידזשאַנער ענין", ז. 16.

*** פּיוויש אַראָנעס, „פאַרוואָס האָט מען מיך אַרעסטירט?", „אונ־זער שטימע", פּאַריז, 17 אַפּריל, 1979.

דער דיכטער ישראל עמיאָט, רעדאַקציע־מיטגליד פון אַלמאַנאַך „ביראָבידזשאַן״, איז אַרעסטירט געוואָרן אָנהויב 1949. ער דערציילט וועגן באַשולדיקונגס־אַקט קעגן אים: „עס הייסט לויט דער באַשול־דיקונג, אַז: ... כ׳האָב אין מיינע ליטעראַרישע אַרבעטן און לוי־דער אַרויסגעבראַכט בורזשואַז־נאַציאָנאַליסטישע אידעען וועגן אייני־קייט פון יידישן פאָלק, אונטערגעשטראָכן שטענדיק דעם יידישן מאָ־מענט אין דערשיינונגען, פאַרשפּרייט „באַליידיקנדיקע אויסטראַכטע־נישן״ וועגן אַ כלומרשטן אַנטיסעמיטיזם אין אוקראַינע... אין מיין געזעלשאַפטלעכער אַרבעט האָב איך גערופן „קינסטלעך״ איינפלאַנצן די יידישע קולטור אין דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט, אין דער צייט, ווען ס׳איז קיין נויטווענדיקייט אין דעם ניט געווען... כ׳האָב זיך מיט אַלע כוחות געווערט קעגן פונקט 6, וואָס מיינט שפּיאָנאַזש, וועלכן מען האָט מיר אויך געפּרוּווט צושרייבן״.*

מער־וויניק ענלעכע פאַרברעכנס זיינען פאַרגעוואָרפן געוואָרן אַלע אַנדערע יידישע שרייבער און קולטור־טוער. טראַגישער אַבסורד: אַלע זיינען זיי געוואָרן באַשולדיקט, און שווער פאַרמשפּט, פאַר „קינסטלעך אויפצווינגען די יידישע שפּראַך און די יידישע קולטור״ אין... דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט, אין דער יידישער נאַציאָנאַלער מלו־כהשקייט.

די לעצטע יידישע שולן פון דער געגנט זיינען געוואָרן געשלאָסן. דער יידישער מלוכה־טעאַטער, אויפן נאָמען פון לאַזאַר מאַיסעיעוויטש קאַ־גאַנאָוויטש — פאַרמאַכט און דער בנין איבערגעגעבן פאַר אַ פּיאָנערן־הויז. אין „געגנטלעכן מוזעאום פאַר לאַנדקענטעניש״ איז ליקווידירט געוואָרן דער אָפּטייל פאַר יידישער קולטור. עס זיינען געוואָרן גע־שלאָסן דער יידישער פאַרלאַג און דער זשורנאַל „ביראָבידזשאַן״. יידי־שע אותיות זיינען פאַרשוווּנדן פון די גאַסן, פון די אַדמיניסטראַטיווע בלאַנקען, פון די פּאָסט־שטעמפּלען. פון דער ביראָבידזשאַנער שטאָ־טישער שלום־עליכם־ביבליאָטעק, מיט איר ביכער־פאָנד פון 130.000 בענדער, דערפון 30.000 אין יידיש און אַ באַטייטיקער יודאַיקאַ־אָפּ־טייל אויף רוסיש און אַ צאָל אייראָפּעישע שפּראַכן, זיינען אַרויסגע־צויגן און פאַרברענט געוואָרן די ווערק פון אַלע פאַרדעכטיקטע, אַרעסטירטע יידישע שרייבער, דאָס הייסט פּאַקטיש — פון דער גאַנ־

* י. עמיאָט, „דער ביראָבידזשאַנער ענין״, ז. 19 און 20.

צער סאָוועטישער יידישער ליטעראַטור. די יודאַיקאַ איז אויך פאַר־שווּנדן — אין אַ קעלער. איבעריקס, יידישע ביכער האָט מען אַנגע־הויבן ברענען אין סתם יידישע הייזער — מחמת מורא באַשולדיקט צו ווערן אין נאַציאָנאַליזם און אין סימפּאַטיע צו „שונאים פון פאָלק".

ווידער זיינען די האָפענונגען אויסגערונען, אין בלוט און טרערן. ביראָבידזשאַן איז ניט געוואָרן קיין „אָרט פון פאָלקס שעפערישער אַנזאַמלונג" און נישט פון „ניי־געבורט". די „פרילינג־בשורה", וואָס די פויגל האָבן געטראָגן אין די פליגל, האָט זיך אויסגעלאָזט מיט קלאָג־און־וויי. צום צווייטן מאָל שוין, האָט די יידישע אויטאָנאָמע געגנט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ לעבנסגעפערלעכע פייער־פּאַסטקע. צום צווייטן מאָל האָט זי געדינט ווי אַ צילברעט פאַר אַנטי־יידישע פּראָ־וואָקאַציעס. אויף אַ דריטן מאָל האָט מער ניט געהאַט קיין זין צו וואַרטן. מען האָט אָנגעהויבן לויפן, לויפן, לויפן...

קיין שום ציפערן זיינען ניט פאַרעפנטלעכט געוואָרן ביז דער אַלגעמיין סאָוועטישער פאָלקסציילונג פון 1959. דעם 15טן יאַנואַר 1959 האָט די אַלגעמיינע באַפעלקערונג פון דער יידישער אויטאָנאָ־מער געגנט דערגרייכט די צאָל פון 162.856 איינוווינער, דערפון בסך הכל 14.269 יידן, ס'הייסט קוים 8,8 פּראָצענט. די אַנדערע נאַציאָנאַ־לע גרופּן זיינען געווען: רוסן — 127.281 (78,2 פּראָצענט), אוקראַינער — 14.425 (8,9 פּראָצענט), ווייסרוסן — 1.578 (1,0 פּראָצענט) און מאָרדווינער — 1.446 (0,9 פּראָצענט).

דער חשבון איז אַ פּשוטער. אין יאַנואַר 1937 האָט דער יידישער ישוב פון דער אויטאָנאָמער געגנט געציילט 19.000 נפשות און צום סוף פון דער מלחמה — 20.000. פאַר די יאָרן 1945־1948 איז די יידישע איינוואַנדערונג געשאַצט געוואָרן, ווי פריער געזאָגט, שטאַרק פאַרשיידן: אויף 10.000 נפשות (לבבי), אויף 20.000 (באַכמוטסקי) און אפילו אויף 30.000 אָדער מער (עמיאָט).

אין יאַנואַר 1959 האָט אַזוי אַרום דער יידישער ישוב געדאַרפט אויסמאַכן אפילו אָן קיין שום נאַטירלעכן צוואוקס — נישט 14.269 — נאָר מינימום 30.000 נפשות און אפשר 40.000, צי נאָר 50.000 און מער נאָך.

אַנדערש געזאָגט: פאַר די צען יאָר, פון סוף 1948 ביז אָנהויב 1959, האָט די יידישע אויטאָנאָמע געגנט פאַרלוירן מינימום אַ העלפט און אפשר צוויי דריטל צי גאָר דריי פערטל פון איר יידישער באַפעלקערונג.

דאָס איז געווען — דער לעצטער פּרוּוו.

קאַפּיטל נײַנצן

די אײַגנאַרטיקסטע ייִדישע מלוכהשקייט...

די נײַע סאָוועטישע קאָנסטיטוציע פֿון 1977 — צום 60סטן יאָרטאָג פֿון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע — איז אײַנגעטײלט אין נײַן טײלן. דער דריטער טייל, וועלכער הייסט: „די נאַציאָנאַל־מלוכהשע סטרוקטור פֿון פססר", באַשטייט פֿון פיר קאַפּיטלען — דער אַכטער, נײַנטער, צענטער און עלפֿטער פֿון דער קאָנסטיטוציע. דער אַכטער קאַפּיטל דעפֿינירט די אַלגעמיינע סטרוקטור, די פֿונקציאָנירונג און די קאָמפּעטענצן פֿון דעם פֿאַרבאַנד, ווי אַ גאַנצן. ער איז אָנגערופֿן: „פססר — אַ פֿאַרבאַנדישע מלוכה". דער נײַנטער קאַפּיטל איז שייך די באַזונדערע פֿאַרבאַנדישע סאָוועטן־רעפּובליקן. דער צענטער קאַפּיטל — די אויטאָנאָמע סאָוועטן־רעפּובליקן. דער עלפֿטער קאַפּיטל — די אויטאָנאָמע געגנטן און אויטאָנאָמע קרײַזן. דער אַרטיקל 87 פֿון דער קאָנסטיטוציע, אין קאַפּיטל 11, לייענט זיך אַזוי: „אין דער רוסלענדישער פֿעדעראַטיווער סאָציאַליסטישער סאָוועטן־רעפּובליק גייען אַרײַן די אויטאָנאָמע געגנטן: אַדיגייער, באַרג־אַלטייער, ייִדישע, קאַראַטשייעוו־טשערקעסער, כאַקאַסער".

ביראָבידזשאַן פֿיגורירט אַזוי אַרום אויך אין דער נײַער סאָוועטישער קאָנסטיטוציע, ווי אַ ייִדישע נאַציאָנאַלע מלוכהשע אויסבילדונג, ווי אַ ייִדישע אויטאָנאָמע געגנט, אַן אָרגאַנישער באַשטאַנד־טייל פֿון דער „נאַציאָנאַל־מלוכהשער סטרוקטור פֿון פססר", איינע פֿון די פֿינף אויטאָנאָמע געגנטן פֿון דער רוסלענדישער פֿעדעראַטיווער סאָציאַליסטישער סאָוועטן־רעפּובליק (רספֿסר).

די אַלגעמיינע באַפֿעלקערונג פֿון דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט האָט בעת דער לעצטער סאָוועטישער פֿאָלקסציילונג פֿון 1970 אויסגעמאַכט 172.449 מאַן אַנשטאָט 162.856 ביי דער פֿריערדיקער פֿאָלקסציילונג פֿון יאַנואַר 1959, מיט אַ צווווּקס פֿון 5,6 פּראָצענט. אין דעם זעלבן צײַט־אָפּשניט, האָט די ייִדישע באַפֿעלקערונג פֿון דער געגנט זיך

פאַרקלענערט, פון 14.269 נפשות אין 1959, צו 11.412 אין 1970, ס׳הייסט אויף גאַנצע אַכצן פּראָצענט און, נעמענדיק אין חשבון דעם נאַטירלעכן צוּוווּקס, אויף כמעט צוואַנציק פּראָצענט. די פּראָפּאָרץ פון דער יידישער באַפעלקערונג אין דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג איז געפאַלן פון 8 פּראָצענט אויף קאַרגע 7 פּראָצענט.

די נאָענטסטע סאָוועטישע פאָלקסציילונג פון 1980 וועט באַווייזן, צי די דאָזיקע דעמאָגראַפישע טענדענץ האָט אָנגעהאַלטן ווייטער — און אין וואָס פאַר אַ פאָרנעם — במשך פונעם יאָרצענדליק 1980/1970. לכל הדעות אָבער, הן אין פאַל פון ווייטערדיקער פאַרקלענערונג, הן אין פאַל פון סטאַביליזירונג אָדער אפילו פאַרגרעסערונג, קאָן עס שוין דעם מצב וועזנטלעך נישט ענדערן. אין ביראָבידזשאַן איז דער איבערברוך־פּונקט דערגרייכט געוואָרן, אומווידעררופלעך.

דאָס הייסט אָבער ניט, אַז די יידישע אויטאָנאָמע געגנט איז כולו פיקציע. אדרבא, זי איז כולו רעאַליטעט. אַ פיקציע איז — בלויז די יידישקייט אין איר און דאָס אויך נישט אינגאַנצן, מחמת כולו יידיש איז פאַרבליבן איר קומען אויף דער וועלט. דעריבער טאַקע דאַרף אויפגענומען ווערן ביז גאָר קריטיש אַזאַ משפט צדק פון אַ כרושטשאָוו למשל אָדער פון אַנדערע סאָוועטישע מלוכה־מענער, און נעמלעך, אַז „די יידישע קאָלאָניזאַציע אין ביראָבידזשאַן איז אַ דורכפאַל״. אַ דורכפאַל — אין וואָס, פאַר וועמען? יעדנפאַלס, נישט פאַרן ראַטנפאַרבאַנד.

דער לאַנגיאָריקער פאָרזיצער פון ביראָבידזשאַנער געגנטלעכן אויספיר־קאָמיטעט, משה זילבערשטיין, וואָס איז אויף זיין פּאָסטן פאַרבליבן פון 1941 ביז 1947 (און אַ יאָר שפּעטער פאַרמשפּט געוואָרן צו טויט־שטראָף), האָט ניט אומזיסט זיך באַרימט: „אין משך פון געציילטע יאָרן, איז אונדזער אויטאָנאָמע געגנט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ בליענדיקע געגנט, מיט ניי־אויסגעבויטע שטעט, זאַוואָדן און פאַבריקן, קאָלווירטן, לערן־און קולטור־אַנשטאַלטן. ביראָבידזשאַן ווערט באַצייכנט ווי „די פּערל פון ווייטן מזרח״.*

אָט די „פּערל פון ווייטן מזרח״ איז אויפגעקומען נישט פון זיך אַליין. זי איז געבוירן און געהאָדעוועט געוואָרן דורך יידישע פּראָצע,

---

* „יידישע קולטור״, ניו־יאָרק, מערץ 1946, ז. 17.

דורך יידישן מסירת־נפש. יידישע בחורים און מיידלעך פון אוקראַינע און ווייסרוסלאַנד, וואָס זיינען געפאָרן אין עק וועלט אַריין, אויף צען טויזנט קילאָמעטער פון זייערע היימען, בכדי צו בויען אין גרויסן ראַטנפאַרבאַנד אויך „אַ יידיש לאַנד", האָבן אַרויסגעוויזן וווּנדער פון מוט, עקשנות און אויסדויער. דאָס האָבן זיי, די ערשטע חלוצים פון ביראָבידזשאַן, אין ברענענדיקער פרעסט, אָפּט אין ניט־דערעסן און צייטנוויז ממש אַן אַ שטיקל ברויט — דאָס האָבן זיי אויסגעקאָרטשע־וועט אורבוימער און דורכגעשניטן וועגן אין אורווילדקייט פון טאַיגאַ און אויסגעטריקנט זומפּן און אויסגעבויט די ערשטע בריקן, די ערש־טע הייזער און די ערשטע ישובים. דאָס האָבן זיי געבראַכט די ערש־טע טראַקטאָרן אויפן ווייטן מזרח —געשיקט במתנה פון צענדליקער טויזנטער יידישע פאָלקס־מענטשן אין אַמעריקע — און זיינען גע־וואָרן די פּיאָנערן פון אַ מאָדערנער לאַנדווירטשאַפט. דאָס האָבן אויך זיי, און זייערס גלייכן, פאַרלייגט דעם יסוד פון דער גאַנצער אינדוס־טריע אין דער געגנט און געבויט שטעט און פאַרוואַנדלט די פאַרוואָר־פּענע, פון גאָט־פאַרגעסענע באַן־סטאַנציע „טיכאָנקאַיאַ" אין דער מאָ־דערנער שטאָט ביראָבידזשאַן, איינער פון די שענסטע, אויב ניט די סאַמע שענסטע, פון גאַנצן סאָוועטישן ווייטן מזרח.

נישט די יידישע אויטאָנאָמע געגנט איז אַ דורכפאַל. אַ דורכפאַל, — אַ פולשטענדיקער, אַ טראַגישער — איז די יידישע מלוכהשקייט. דער דאָזיקער דורכפאַל איז נישט געווען קיין אומפאַרמיידלעכער — לחלוטין ניט — אָפּגעזען פון דער געאָגראַפישער און היסטאָרישער פרעמדקייט פון ביראָבידזשאַן; אָפּגעזען פון דער יעווסעקציע מיט איר פּאָקטישער קעגנערשאַפט צו טעריטאָריעלער קאָנצענטראַציע און יידי־שער מלוכהשקייט, סינאָנים — פאַר איר — פון נאַציאָנאַלער באַגרע־נעצטקייט און פון „דרייען אויף צוריק די ראָד פון געשיכטע"; אָפּגעזען אפילו פון די טיפע וווּנדן, וואָס עס האָבן אין דער יידישער געגנט איבערגעלאָזן די „רייניקונגען" פון די יעזשאָוו־יאָרן, מחמת „אַמאָל אָנגעהעריקייט", „קריגערישן נאַציאָנאַליזם" און טראָצקיזם. פאַר דער סאָוועטישער יידישער מלוכהשקייט איז נאָך געהאַט פאַרבליבן אַ „שאַנס", איינער פון אַט די טראַגישע, בלוטיקע „שאַנסן", מיט וועל־כע עס איז פול די יידישע געשיכטע — ווען גאַנצע ישובים, נאָך אַ היסטאָרישן קאַטאַקליזם, ווערן אַרויסגעשטויסן פון זייערע איינגעזע־

סענע היימען און לאָזן זיך גיין, וווהין די אויגן פירן, זוכנדיק אַ נייעם מקום מנוחה.

ביראָבידזשאַן איז וואַרשיינלעך געווען מסוגל צו ווערן אַזאַ מין מקום מנוחה. דאָרט האָט מען, „ניט געקוקט אויף אַלץ, זיך געפילט אין דער היים".* פאַר די גאַנצע צוויי יאָר, וואָס עס האָט געהאַט אָנ־געהאַלטן די נאָך־מלחמהדיקע מאַסן־איינוואַנדערונג, אין 1946־1948, האָט דער ריטם אירער, הגם נישט תמיד קיין גלייכמעסיקער, זיך ניט פאַרלאַנגזאַמערט. אדרבא, יעדער פון די צוויי לעצטע „עשעלאָנען" האָט געבראַכט אַנדערטהאַלבן מאָל אַזוי פיל איינוואַנדערער, ווי די פריערדיקע צוגן. אין דער זעלבער צייט, האָט מיטן אָנקום פון די דערפאַרענע קאָלווירטלערס פון די געוועזענע יידישע נאַציאָנאַלע ראַ־יאָנען אין אוקראַינע און קרים — באַרימטע מיט זייערע מוסטערהאַפ־טע באַלעבאַטישקייטן און גערעטענישן — זיך אָנגעצייכנט אַן ערנס־טע פערספעקטיוו צו שאַפן ענדלעך די נויטיקע באַשפּייזונג־באַזע, וואָס זאָל איינשטעלן דעם עקאָנאָמישן גלייכגעוויכט פון דער געגנט. די האָפענונג אויף „נייע און נייע עשעלאָנען" איז אַזוי אַרום געווען ניט סתם „קאַזיאָנער אָפּטימיזם", נאָר אַן אָפּשאַצונג, וועלכע האָט אויס־געזען צו שטימען מיט דער ווירקלעכקייט, הן וואָס שייך די קאַנדי־דאַטן אויף דער איינוואַנדערונג, הן וואָס שייך די מעגלעכקייטן זיי אויפצונעמען און איינאָרדענען. נאָך עטלעכע יאָר פון אַזאַ וווקס — און די יידישע מלוכהשע אויסבילדונג וואָלט העכסט וואַרשיינלעך גע־וואָרן אַ יש און עס וואָלטן רייף געוואָרן אַלע נויטיקע פאַרבאַדינגונגען צו פאַרוואַנדלען, אין די אָנהויב פופציקער יאָרן, די יידישע אויטאָ־נאָמע געגנט אין אַ רעפּובליק.

אוודאי וואָלט עס טאַקע געווען, לויט דעם טרעפלעכן אויסדרוק פון ערשטן געזערד־פאָרזיצער, יורי לאַרין, „אַ מין איבערחזרונג, אין די סאָוועטישע באַדינגונגען, פון דער מעשה־אוגאַנדאַ". אַן איבער־חזרונג אָבער מיט אַ „העפּי ענד", וואָס וואָלט אגב באַוויזן, אַז אין געוויסע היסטאָרישע באַדינגונגען, קאָן אויך אַ מעשה־אוגאַנדאַ זיך פאַרוואַנדלען אין אַ רעאַליטעט.

דער דורכפאַל אָבער — אפילו פון אַזאַ היפּאָטעטישער פאָרם פון „סאָוועטישער מעשה־אוגאַנדאַ", דער דורכפאַל פון יעדער מין פאָרם

* י. עמיאָט, „דער ביראָבידזשאַנער ענין", ז. 11.

פון סאָוועטישער ייִדישער מלוכהשקייט — איז געוואָרן אַבסאָלוט אומפּאַרמיידלעך, מיטן מאָמענט ווען צו דעם קאַמף קעגן די „אַמאָל אַנגעהעריקע", קעגן „קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן קריגערישן ייִדישן נאַ־ציאָנאַליזם" און „קעגן טראָצקיזם", איז נאָך צוגעקומען, אין 1948, דער קאַמף קעגן „קאָסמאָפּאָליטיזם", אַנדערש געזאָגט — קעגן ייִדן. דער סטאַליניזם, מיט אַן אָפֿן אינטעגרירטן גיפֿטיקן אַנטיסעמיטיזם, האָט זיך געשטעלט אין אַבסאָלוטער סתירה צו וועלכער ניט איז פֿאָרם פֿון ייִדישער מלוכהשקייט, פּונקט ווי צו וועלכער ניט איז פֿאָרם פֿון אָרגאַניזירטער ייִדישער געזעלשאַפֿטלעכקייט. אַלץ האָט געמוזט חרוב ווערן און — אַלץ איז חרוב געוואָרן. די סאָוועטישע ייִדישע מלוכהש־קייט איז געוואָרן דערמאָרדעט אין פֿולער צייטיקונג.

דער נייער נוסח סטאַליניזם איז תיכּף דערשינען אין כאַראַקטער און פֿאַרנעם פֿון די „רייניקונגען" פֿון 1949/1948. אין די יעזשאָוו־יאָרן איז דער בלוטיקער שניט אין די רייען פֿון דער ייִדישער געזעל־שאַפֿטלעכקייט אַנגעגאַנגען לויט די זעלבע קריטעריעס און די זעלבע קאַטעגאָריעס, ווי אין דער געזעלשאַפֿטלעכקייט פֿון אַלע אַנדערע סאָ־וועטישע פֿעלקער. גאַנץ אַנדערש איז געווען אין די סוף־פֿערציקער יאָרן. דער ייִדישער חורבן איז דאַן אַ טאָטאַלער. ביי די גרוזינער למשל, אָדער אַרמענער און אַנדערע פֿעלקער, איז דער טעראָר, הגם אַ גרוי־זאַמער, געווען געצילט בלויז אין אַ טייל פֿון דער גייסטיקער עליטע. די אומגעקומענע זיינען געוואָרן פֿאַרביטן — אין די צייטונגען, זשור־נאַלן, פֿאַרלאַגן, טעאַטערן, וויסנשאַפֿט־אינסטיטוטן. די ייִדישע גייס־טיקע עליטע איז אומגעבראַכט געוואָרן כמעט אינגאַנצן, טאָטאַל (אָדער פֿאַרטריבן אין די לאַגערן) און דורך קיינעם ניט פֿאַרביטן געוואָרן. די ייִדישע גייסטיקייט, ווי אַזעלכע, האָט געדאַרפֿט ווערן אויסגעוואָרצלט פֿון דער סאָוועטישער ערד און אוודאי אויך — פֿון דער סאָוועטישער ייִדישער מלוכהשקייט.

במשך פֿון גאַנצע צען יאָר, פֿון סוף 1948 ביז אָנהויב 1959, איז ניט דערשינען אין ראַטנפֿאַרבאַנד, אויף ייִדיש, קיין איין און איינציק בוך, קיין איין און איינציקער זשורנאַל, קיין שום צייטונג (אויסער דעם נעבעכדיקן בלעטל „דער ביראָבידזשאַנער שטערן"), קיין שום אויס־גאַבע, קיין שום שריפֿט פֿון וועלכן ניט איז כאַראַקטער. מיט אַן אויסטערלישער, אַ שגעונדיקער ממש איררעאַציאָנעלקייט, איז געוואָרפֿן געוואָרן אַ חרם — אויפֿן ייִדישן אות גופֿא. דער ייִדישער אות, ווי

אַזעלכער, איז געשטעלט געוואָרן אויסערן געזעץ, ווי אַ מין סימבאָל פון אַבסאָלוטן בייז. דער אָפּבילד פון יידישן אות, אין דרוק־זאַץ, איז געוואָרן צעבראָכן און פאַרניכטעט.

אונטערן דרוק פון דער אויסלענדישער געזעלשאַפטלעכער מיי־נונג, און גאָר באַזונדערס פון דער פראַנצויזישער קאָמוניסטישער פּאַר־טיי, איז אָנהויב 1958 דער חרם פונעם יידישן געדרוקטן וואָרט אָראָפּגע־נומען געוואָרן. נאָך אַן איבעררייס פון העכער צען יאָר, איז דערשינען אין מאָסקווע אַ יידיש בוך — אַ באַנד שלום־עליכם־דערציילונגען. פון דאַן אָן האָט זיך ווידער באַוויזן אין ראַטנפאַרבאַנד דאָס יידישע בוך, אמת זייער זעלטן, קוים צוויי־דריי בענדער אין יערלעכן דורכ־שניט, אָן דעם מינדעסטן פאַרגלייך מיט דער יידישער ביכער־פּראָדוק־ציע פון פיל הונדערטער בענדער אַ יאָר, פאַר דער מלחמה, און פיל צענדליקער בענדער, נאָך דער מלחמה. אין חודש אויגוסט 1961 איז אַרויס דער ערשטער נומער פון אַ יידישן ליטעראַריש־קינסטלערישן זשורנאַל, „סאָוועטיש היימלאַנד״, לכתחילה אַ צוויי־חדשים־שריפט און שפּעטער אַ חודש־זשורנאַל, וואָס דערשיינט רעגלמעסיק ביז היינט צו טאָג.

פּאַראַדאָקסאַל אָבער איז דער חרם אויפן יידישן אות נאָך אַלץ געבליבן אין קראַפט. ניט געקוקט אויפן חודש־זשורנאַל און אויף די עטלעכע געציילטע ביכער, וואָס באַווייזן זיך פון צייט צו צייט, גע־פינט זיך דער יידישער אות נאָך אַלץ אויסערן געזעץ. אין ראַטנפאַר־באַנד איז פאַרבאָטן אַרויסצוגעבן אַ פּשוטן אלף־בית־ביכל פאַר יידישע קינדער. דאָס קאָן אויסזען אומגלויבלעך, שיער־ניט פאַנטאַס־מאַגאָריש, אָבער אַזאַ איז די ווירקלעכקייט. אין אַלע לענדער פון גאָר דער וועלט, וווּ עס וווינען יידן, אפילו אין די קלענסטע ישובים, קאָן מען געפינען אַ יידישן אלף־בית, צו לערנען מיט יידישע קינדער. אין אַלע לענדער פון גאָר דער וועלט — אויסער אינעם גרויסן ראַטנפאַר־באַנד, מיט זיין קרוב דריי־מיליאָניקער יידישער באַפעלקערונג. אין זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד״, אין בריוו פון לייענער, דערציילן אַמאָל יידישע יוגנטלעכע, ס׳רוב סטודענטן, ווי אַזוי זיי האָבן זיך גע־לערנט יידיש: צוערשט האָט מען געזוכט אין ענציקלאָפּעדיעס דעם יידישן אלף־בית, דערנאָך האָט מען געפּרווּווט לייענען יידישע טעקסטן. דער זשורנאַל האָט איינגעפירט אַ ספּעציעלע אָפּטיילונג „פאַר די, וואָס לערנען יידיש״, דריי זייטעלעך פּעטיט־שריפט, צוטריטלעך פאַרשטייט

זיך בלויז פאַר דערוואַקסענע. דאָס יידישע קינד אין ראַטנפאַרבאַנד דאַרף ניט, קאָן ניט, טאָר ניט, לערנען קיין יידיש. צווישן די אלף־ביתן פון אַלע סאָוועטישע פעלקער און פעלקערשאַפטן (וואָס אַ טייל האָט באַשאַפן ערשט די אָקטאָבער־רעוואָלוציע), פעלט דער עלטסטער פון אַלע — דער יידישער אלף־בית.

אַזאַ מצב פון צוואַנג־אַסימילאַציע דויערט שוין יאָרצענדליקער און שוין גאַנצע פערציק יאָר, פולע צוויי דורות, ווי דאָס יידישע קינד פון סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט ניט קיין שום יידישע שול, און קיין שום יידיש־לימוד אויף קיין שום קורסן פון קיין שום מין און מדרגה. דאָס דערקלערט זיך נישט מיט דעם, וואָס די יידישע באַפעלקערונג איז, לויט דער אָפיציעלער דעפיניציע „אַ פּליסיקע נאַציאָנאַלע גרופּע, אַ נאַציאָנאַלע מינדערהייט אַריינגעשפּרענקלט אין אַנדערע נאַציאָנאַלע מערהייטן״. אויך אין ביראָבידזשאַן, אין דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט, איז שוין דרייסיק יאָר ניט פאַראַן קיין שום יידישע שול.

אין דער זעלבער צייט זיינען דווקא יאָ פאַראַן שולן פאַר אַנדערע נאַציאָנאַלע מינדערהייטן. לויט די אינפאָרמאַציעס פון דער לעצטער סאָוועטישער פאָלקסציילונג פון 1970, זיינען דאָן אין אוקראַינע געווען טעטיק 800 שולן — פוילישע, אונגאַרישע און מאָלדאַווישע, הגם נישט די פּאָלאַקן און נישט די אונגאַרן האָבן קיינמאָל ניט געהאַט אין ראַטנפאַרבאַנד קיין שום טעריטאָריעל־מלוכהשע אויסבילדונג.* גלייכצייטיק זיינען אין דער רוסלענדישער סאָוועטן־רעפּובליק (רספסר) געווען אַ געוויסע צאָל פול־קלאַסיקע אַרמענישע שולן, הגם די אַרמענער פאַרמאָגן יאָ אַן אייגענע פאַרבאַנדישע רעפּובליק.** עס איז בכן דערלויבט צו מאַכן אַן אויספיר, אַז דאָס יידיש קינד אין ראַטנפאַרבאַנד האָט ניט קיין יידישע שול — נישט מחמת וועלכע ניט איז טעמים, וואָס האָבן אַ שייכות, אַ דירעקטן צו אומדירעקטן, צום סטאַטוס פון נאַציאָנאַלער מינדערהייטלעכקייט, אָדער צום פאַקט פון טעריטאָריעלער „אַריינגעשפּרענקלטקייט״, נאָר בלויז־און־איינציק מחמת דעם, וואָס עס איז אַ יידיש קינד.

די דאָזיקע אַבסאָלוטע און אַבסאָלוט־אויפגעצוווּנגענע „דע־יידישיזירונג״ פון גאַנצע צוויי דורות יונגע יידן האָט נאַטירלעך געמוזט ברענ־

---

*) Hélène Carrère d'Encausse : « L'Empire éclaté », Paris, Flammarion, 1978, p. 180.

** דאָרטן, ז. 182.

גען באַלדיקע רעזולטאַטן: די צאָל יידיש־ריידנדיקע אין ראַטנפאַר־באַנד איז ראַשיק געפאַלן.

בעת דער פאָלקס־ציילונג פון 1897, האָבן 96,9 פּראָצענט יידן פון דער צאַרישער אימפּעריע אָנגעגעבן יידיש ווי זייער מוטער־שפּראַך. אין 1926, ביי דער ערשטער סאָוועטישער פאָלקס־ציילונג, איז דער דאָזיקער פּראָצענט געפאַלן ביז 74,4.

די צווייטע סאָוועטישע פאָלקס־ציילונג איז פאָרגעקומען כמעט מיט אַ פערטל יאָרהונדערט שפּעטער, ערשט אין 1959. דער דאָזיקער צייט־אָפּשניט האָט אַרומגענומען הן דעם בלי־פּעריאָד פון דער יידי־שער קולטור אין ראַטנפאַרבאַנד, הן איר פולשטענדיקן חורבן און צווישןביידע — די מלחמה און די פאַרלענדונג פון אַ העלפט פון סאָוועטישן יידנטום. דער סך הכל — פאַר די פּאָזיציעס פון יידיש — איז געווען אַ קאַטאַסטראָפאַלער: דעם 15טן יאַנואַר 1959 האָבן בלויז 17,9 פּראָצענט פון דער יידישער באַפעלקערונג אָנגעגעבן יידיש, ווי זייער ערשטע שפּראַך. מיט צען יאָר שפּעטער, ביי דער פאָלקס־ציילונג פון 1970, האָט דער דאָזיקער פּראָצענט אויסגעמאַכט 17,7. דערביי אָבער האָבן ניין פּראָצענט פון די רוסיש־ריידנדיקע יידן דערקלערט, אַז זיי קענען יידיש (אָדער אַ צווייטע יידישע שפּראַך, למשל טאַטיש ביי די קאַווקאַזער בערג־יידן).

אין דער רוסלענדישער ראַטן־רעפּובליק (ר. ס. פ. ס. ר.) זיינען בלויז 21,3 פּראָצענט פון דער יידישער באַפעלקערונג געווען מסוגל, אין 1970, אויסצודריקן זיך אין יידיש (ווי אַן ערשטע אָדער צווייטע שפּראַך); אין אוקראַינע — בלויז 20,3 פּראָצענט און נאָך ווייניקער אין דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט — בלויז 17,5 פּראָצענט (1970 יידיש־ריידנדיקע אויף אַ יידישער באַפעלקערונג פון 11.542 נפשות).

אָט דער פּראָצעס פון שפּראַך־פאַרפרעמדונג איז אַ רעזולטאַט פון פאַרשיידענע פאַקטאָרן און אוודאי וואָלט געווען פון אומגעהויערן אינטערעס צו קאָנען אויספאָרשן און פּרווון פעסטשטעלן די ראָל, וואָס יעדער איינער פון זיי האָט אָפּגעשפּילט באַזונדער: די באַקאַנטע טענ־דענץ פון שפּראַך־אַסימילאַציע, די ליקווידירונג פון יידישן שולוועזן און פון דער יידישער קולטור בכלל, דער אומקום בעת דער מלחמה ס׳רוב פון עלטערן דור, וואָס האָט אַ סך ווייניקער ווי די יוגנט באַ־וויזן זיך צו עוואַקואירן א״א. וועלכע עס זאָלן אָבער ניט געווען די סי־בות פון אָט דער שפּראַך־פאַרפרעמדונג, וואָלט געווען אַן אומזין צו

וועלן אידענטיפיצירן, אויף אַ מעכאַנישן אופן, די באַגריפן „דע־יידי־שיזירונג" און דע־נאַציאָנאַליזירונג".

במשך פון יאָרטויזנטער, האָט דער פענאָמען פון אַקולטוראַציע, פון איינגלידערן זיך אין אַ פרעמדער קולטור און פרעמדער שפּראַך — און טאַקע, גלייכצייטיק, אין קולטורן און שפּראַכן, אין מערצאָל — נישט אָפּגענומען ביים יידישן פאָלק זיין נאַציאָנאַלע אידענטיטעט. וועגן די גורמים פון אָט דער אויסטערלישער דערשיינונג לאָזט זיך פיל דיסקוטירן, אָבער די דערשיינונג גופא איז אוממעגלעך צו פאַרלייקענען. דאָס הייסט ניט, אַז געוויסע ישובים אָדער טיילן פון ישובים, ווערן ניט, אין געוויסע צייטן, פאַרלוירן פאַר דער נאַציאָנאַלער סובסטאַנץ. דאָס הייסט אויך ניט, אַז די עצם־יידישקייט איז געבליבן איינע און די זעלבע, אַן אומפאַרענדערטע און אומפאַרענדערלעכע, במשך פון טויזנטיאָריקן געשיכטלעכן וועג. אויף דעם דאָזיקן וועג הויבן זיך מיילשטיינער פון פאַרשיידענע תקופות — ס׳רוב פון שחיטה און פאַרטיליקונג, אָבער אויך פון שטורעמדיקע האָפענונגען. ביי די מיילשטיינער געשטאַלטיקט זיך יעדעס מאָל אויפסניי און ווערט איבערגעשמידט און באַקומט אַ נייעם אויסקלאַנג און אַ נייעם זין דער יידישער נאַציאָנאַלער באַוווסטזיין, דאָס געפיל פון נאַציאָנאַלער אידענטיטעט. אַזאַ מיילשטיין, אין דער מאָדערנער יידישער געשיכטע, שטעלן פאַר מיט זיך דער פערטער און פינפטער יאָרצענדליק פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט — היטלער־חורבן, פון איין זייט, און אויפקום פון מדינת ישראל, פון דער צווייטער זייט. אָט ביי דעם דאָזיקן מיילשטיין פון טיפסטער נאַציאָנאַלער דערשיטערונג געפינט זיך היינט דאָס סאָוועטישע יידנטום, און ניט געקוקט אויף זיין ווייטגייענדיקער „דע־יידישיזירונג" — נישט בלויז אין קיין מצב פון „דע־נאַציאָנאַליזאַציע", נאָר גראָד פאַרקערט, מיט בולטע סימנים פון „רע־נאַציאָנאַליזירונג", פון פאַרשטאַרקטן נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין. צו דער אַלגעמיין־יידישער דערשיטערונג, איז אים צוגעקומען זיין אייגענע, זייער ספּעציפישע דערשיטערונג פון סאָוועטישן יידן — די דערשיטערונג פון סטאַלינישן אַנטיסעמיטיזם.

דער סאָוועטישער היסטאָריקער ראָי מעדוועדעוו דערציילט: „נאָכן אַרעסט פון די מיטגלידער פון (יידישן אַנטיפאַשיסטישן) קאָמיטעט, האָבן די אַנטי־יידישע מאַסמיטלען זיך פאַרשטאַרקט. לשם „פּראָפילאַקטיק", איז באַגרענעצט געוואָרן דער צוטריט פון דער יידישער יוגנט אין פילצאָליקע אוניווערסיטעטן און אַנדערע הויכשולן. מען האָט

דערוווייטערט די יידן פון דיפּלאָמאַטישן דינסט, מען האָט זיי מער נישט דערלאָזן צו ריכטער־פּאָסטנס און צו דער פּראָקוראַטור. בלויז די אַד־וואָקאַטור איז פאַר זיי געבליבן אָפן. אין גרעסטן טייל הויכשולן און וויסנשאַפטלעכע אינסטיטוטן — און אויך אין פיל פאַבריקן — איז איינגעפירט געוואָרן אַ פּראָצענט־נאָרמע פאַר יידן, פונקט ווי בעת דעם צאַריזם, אין די צייטן פון פּאָבעדאָנאָסצעוו. אפילו ביי דאָקטאָראַט־דיסערטאַציעס זיינען דורכגעלאָזט געוואָרן בלויז אַ געוויסער פּראָצענט יידן... אין די פערציקער און אָנהויב פופציקער יאָרן איז פּאַקטיש דורך סטאַלינען ניט באַשטימט געוואָרן קיין איין איינציקער ייד אויף אַ פאַראַנטוואָרטלעכן פּאָסטן, אפילו ניט ווי אַ סעקרעטאַר פון אַ ראַ־יאָן־קאָמיטעט... אין די לעצטע יאָרן זיינע האָט סטאַלין אָראָפּגעוואָרפן זיין מאַסקע פון אַן אידעאָלאָג און אָפן אַריינגענומען דעם אַנטיסעמי־טיזם, ווי אַן אינטעגראַלן באַשטאַנד־טייל פון זיין פּאָליטיק. עס זענען פאַראַן אַלע באַווייזן, אַז ער האָט זיך געגרייט צו דעפּאָרטירן מאַסנווייז די יידן אין ערגעץ אַ פאַרוואָרפענעם געביט פון ראַטנפאַרבאַנד".

נאָך דעם בלוט־בלבול פון די „מערדער אין ווייסע כאַלאַטן", האָט אין גאַנץ ראַטנפאַרבאַנד זיך אָנגעהויבן אַן אַנטיסעמיטישע קאַמפּאַניע „וואָס וואָלט אויסגעזען לחלוטין אומגלויבלעך אין סאָוועטישן סיסטעם און האָט שטאַרק דערמאָנט אין פּאָגראָמען", און מעדוועדעוו ברענגט אַ ריי פּרטים: „אויסגעשלאָסן אַלע יידן פון צענטראַל־קאָמיטעט, פון מאָסקווער פּאַרטיי־קאָמיטעט, פון מאָסקווער שטאָטישן סאָוועט, פון די ראַיאָן־קאָמיטעטן, פון דער צייטונג „פּראַוודאַ", פון אינערן־מיניסטע־ריום, פון דער פּראָקוראַטור, פון די געריכטן, פון די מיליטערישע אָרגאַניזאַציעס, פון אויסשפּירונג־דינסט, פון ראַדיאָ, פון פאַרשיידענע מיניסטעריומס און אָרגאַניזאַציעס; פאַרעפנטלעכט פּאָגראָם־אַרטיקלען אין די צייטונגען „קולטור און לעבן", „מעדיצין־אַרבעטער" „פּראַוודאַ", „איזוועסטיאַ" און אַנדערע צענטראַל־אָרגאַנען; אָרגאַניזירט פּאָגראָמען אין אוקראַינע".*

נאָך סטאַלינס טויט, איז די פּאָגראָם־העצע אָפּגעשטעלט געוואָרן, אָבער די אַנטי־יידישע מאָסמיטלען זיינען כמעט אַלע פאַרבליבן אין פולער קראַפט און האַלטן אָן ביז היינט צו טאָג — אמת, ניט אָפן,

* ראַי מעדוועדעוו, „דער סטאַליניזם", פראַנצויזישע אויסגאַבע, פּאַ־ריז, 1972, ז. 544 און 547.

נאָר פאַרשטעלט, צביעותדיק פאַרבאַהאַלטן, נישט אין וואָרט, נאָר אין טאַט. דאָס סאָוועטישע דיפּלאָמאַטישע דינסט, די אָנפירנדיקע פּאַרטיי־אינסטאַנצן, די מיליטערישע אַקאַדעמיעס, די פאַרבאַנדישע און רעפּו־בליקאַנער רעגירונגען זיינען אינגאַנצן, אָדער כמעט „יידן־ריין״. אין די אוניווערסיטעטן, הויכשולן און וויסנשאַפטלעכע אינסטיטוטן איז איינ־געפירט, אין אַזאַ אָדער אַנדער פאָרם און פאַרנעם — די פּראָצענט־נאָרמע פאַר יידן.

אַ פראַנצויזישער שפּריכוואָרט זאָגט: היפּאָקריזיע איז אַ לויבגע־זאַנג פון דער פאַרדאָרבנקייט לכבוד דעם יושר. ניקיטאַ כרושטשאָוו איז ניט געווען קיין היפּאָקריט. ער האָט איינפאַך ניט געהאַלטן פאַר־דאָרבנקייט — פאַר פאַרדאָרבנקייט און אַנטיסעמיטיזם — פאַר אַנטי־סעמיטיזם.

אין חודש מאַי 1956 האָט כרושטשאָוו, דאַן גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער סאָוועטישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, אויפגענומען א דעלע־גאַציע פון דער פראַנצויזישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי (ס. פּ. י. אָ.), וואָס איז געווען איינגעלאַדן קיין מאָסקווע. די פראַנצויזן האָבן גע־שטעלט עטלעכע קשיות וועגן אַנטיסעמיטיזם אין ראַטנפאַרבאַנד און כרושטשאָוו האָט געענטפערט:

„עס זיינען נאָך פאַראַן ביי אונדז אַנטיסעמיטישע שטימונגען. דאָס זיינען איבערבלייבענישן פון אַ רעאַקציאָנערער פאַרגאַנגענהייט. די לאַ־גע פון די יידן און זייערע באַציאונגען מיט אַנדערע פעלקער איז אַ קאָמפּליצירטער ענין.ביים אָנהויב פון דער רעוואָלוציע זיינען גע־ווען ביי אונדז אַ סך יידן אין דער אָנפירונג פון דער פּאַרטיי און דער מלוכה. זיי זיינען געווען מער געבילדעט. אפשר מער רעוואָלוציאָנער ווי דער דורכשניט פון די רוסן. דערנאָך האָבן מיר געשאַפן נייע קאַדערן...״

דאָ האָט זיך אָנגערופן כרושטשאָווס נאָענטער מיטאַרבעטער, פערוווכין, און אונטערגעשטראָכן: „... אונדזער אייגענע אינטעלי־גענץ...״.

און כרושטשאָוו האָט פאַרגעזעצט: „ווען די יידן וואָלטן איצט געוואָלט פאַרנעמען די ערשטע ערטער אין אונדזערע רעפּובליקן, וואָלט נאַטירלעך די אָרטיקע באַפעלקערונג אויף זיי געקוקט קרום. די אָרטיקע איינוווינער וואָלטן שלעכט אויפגענומען אַזעלכע פּרעטענ־זיעס, איבערהויפּט ווען זיי האַלטן זיך אַליין פאַר ניט ווייניקער איינ־

טעליגענט און פעיק ווי די יידן. אָדער למשל אין אוקראַינע, אַז אַ ייד ווערט באַשטימט אויף אַ וויכטיקן פּאָסטן און ריגגלט זיך אַרום מיט מיטאַרבעטער יידן, איז פאַרשטענדלעך, אַז עס קומט אויף אַן אייפער־זוכט און אַ פיינדלעכקייט לגבי די יידן.

„אָבער מיר זיינען ניט קיין אַנטיסעמיטן. זעט אַ שטייגער קאַגאַ־נאָוויטשן. ער פאַרנעמט זייער הויכע אַמטן. ער איז אַ ייד. אָט דאָ האָט איר מיטין׳ען. ער איז אויך אַ ייד און אונדזער לידיאַ פאַקטאָר, די גלענצנדיקע איבערזעצערן וואָס איבערזעצט אַזוי גוט אונדזער שמועס. זי איז אַ יידישקע. איך אַליין, כ׳האָב אַן איינִיקל, אַ האַלבן־ייד. מיר קעמפן קעגן אַנטיסעמיטיזם״.*

ווי זייער פיל אַנטיסעמיטן, האָט כרושטשאָוו זיך ניט געהאַלטן פאַר קיין אַנטיסעמיט. ער האָט בלויז איינגעפונען, אַז דער ענין „באַ־ציאונגען צווישן יידן און אַנדערע פעלקער״ איז „אַ קאָמפּליצירטער ענין״ ביז גאָר. קיין שום פאַרגלייך, הייסט עס, מיט די באַציאונגען — זייער פשוטע, זייער ברידערלעכע, אָן קיין שום פּראָבלעמען — צווישן אַלע אַנדערע פעלקער, אָט ווי, למשל, צווישן רוסן און אוקראַינער אָדער גרוזינער א״וו. דאָס האָט אָבער, פאַר כרושטשאָוון, ניט געהאַט די מינדעסטע שייכות מיט אַנטיסעמיטיזם — והראיה, זיין האַלב־יידיש אייניקל. אגב, כרושטשאָוו איז טאַקע ניט געווען קיין אַנטיסעמיט בעיקר, ער איז עס געווען אויך. בעיקר איז ער געווען, זיין גאַנץ לעבן — אַ סטאַלין־תלמיד און אַ סטאַלין־משרת און שפּעטער, אַ סטאַ־לין־יורש. און טאַקע ווי אַ סטאַלין־יורש, האָט ער אינעם שמועס מיט די פראַנצויזישע סאָציאַליסטן, אַנטפּלעקט — אויף זיין אייגנאַרטיקן אופן — די גרונט־פּרינציפּן פון דער סאָוועטישער פּאָליטיק אין דער נאָך־סטאַלין־תקופה בנוגע דער יידן־פּראַגע, אַ פּאָליטיק וואָס האָלט אָן ביז היינט צו טאָג ביי אַלע סטאַלין־יורשים.

קיין טעאָרעטישע חקירות איז געוויס פון כרושטשאָוון ניט געווען צו דערוואַרטן און אויך ניט קיין שום קלאַסן־אַנאַליז. ער האָט ניט גע־רעדט וועגן פּראָלעטאַרישן אינטערנאַציאָנאַליזם, וועגן בורזשואַזן שאָ־וויניזם און אפילו ניט וועגן ברידערלעכקייט פון דער סאָוועטישער פעלקער־משפחה. ער האָט גערעדט פּראָסט־און־פּשוט, ממש פון האַרצן אַראָפּ, ווי אין די אַלטע גוטע צייטן — וועגן יידן און ניט־יידן. אַז

* ציטירט לויט: François Fejto, « Les Juifs et l'antisémitisme dans les pays communistes », Paris, Plon, 1960, p. 124.

יידן זיינען געלערנטע און קאָנען איבערקערן אַ וועלט... דעריבער טאַקע זיינען זיי געקומען שטאַרק צו נוץ אין יענע באַרימטע צען טעג, ווען מען האָט עס באַדאַרפט איבערקערן די וועלט, און אויך אַ צייט שפּעטער... דערנאָך אָבער האָט מען „געשאַפן נייע קאַדערן" און פּערוווכין האָט אויפגעקלערט: „אונדזער אייגענע אינטעליגענץ"...

„אונדזער אייגענע" האָט געקאָנט ווערן געטייטשט מיט אַ סך טייטשן: סאָוועטישע, קאָמוניסטישע, פּאַרטייאישע, קאָמיוגישע או"וו או"וו. דער כרושטשאָוו־פּערוווכין־טייטש איז געווען אַן אַנדערער, אַן איינפאַכער, אַן אַלטער, ווידער ווי אין די אַלטע גוטע צייטן: „אונדזער" איז געווען דער היפוך פון „זייער", ס'הייסט פון יידישער; „אונדזער אייגענע" האָט געהייסן — די רוסישע, די עכט־רוסישע, די עכט־אוקראַינישע, די עכט־ווייסרוסישע, מיט איין וואָרט — עכט־אַרטיקע, עכט־וואָרצלענדיקע, עכטע פלאַנצן פון עכטן נאַציאָנאַלן באָדן, להיפוך צו די יידן, וואָס זיינען נישט קיין עכט־אַרטיקע, נישט קיין עכט־וואָרצלענדיקע, נישט קיין עכטער פלאַנץ פון קיין שום עכטן נאַציאָנאַלן באָדן. („די יידן זיינען נישט קיין נאַציע" — סטאַלין). ווי לאַנג, וויפל יאָרן, וויפל דורות, וויפל יאָרהונדערטער דאַרף דויערן ביז אַ צוגעפלאַנצטער שפּראָץ שלאָגט וואָרצלען אין נייעם באָדן און ווערט עכט־וואָרצלענדיק, עכט־אַרטיק, עכט־היגעבוירנדיק? די קשיה איז קיין קשיה ניט געווען, מחמת עס האָט זיך געהאַנדלט נישט וועגן כראָנאָלאָגיע, נאָר וועגן מעטאַפיזיק.

אין 1934 האָט דער „אלסאָוועטישער סטאַראָסטאַ", מיכאַיל קאַלינין, דערקלערט, אַז „די יידן זיינען זייער אַן איבערגעגעבענע סאָוועטישע נאַציאָנאַליטעט". דאָס האָט געשטימט מיט דערווירקלעכקייט. זייער איבערגעגעבנקייט, זייער צוגעבונדקייט צום לאַנד, זייער עכטן פּאַטריאָטיזם האָבן די סאָוועטישע יידן באַוויזן אויף כלערליי אופנים, הן אין די שטורמישע יאָרן פון די פינפיאָר־פּלענער, הן בעת דעם בלוטיקן מבול פון דער מלחמה.

אָבער אין 1956 האָט דער סאָוועטישער ייד זיך דערוווּסט, פונעם מויל פון די סטאַלין־יורשים, אַז ער איז ניט מער קיין סאָוועטישער „אונדזער אייגענער"; אַז הגם די סאָוועטן־מאַכט האָט שטענדיק אַנערקענט און אַנערקענט אויך ווייטער אַלע מינים אַנדערשקייטן פון אַלע אַנדערע סאָוועטישע פעלקער און אומות און האָט אַלע אַנדערשקייטן איינגערעמט אין איין געמיינזאַמער רעם, ווערט אָבער זיין, דעם יידנס

אַנדערשקייט באַטראַכט ווי פון עפּעס אַ באַזונדערן מין, אַן אַנדערש־קייט אַן אַנדערע, אַן אַבסאָלוטע, וואָס שטעלט אים מחוץ למחנה.

און דער סאָוועטישער ייד גופא, וועלכער האָט במשך פון יאָר־צענדליקער זיין אַנדערשקייט אויפגענומען מיט דער זעלבער פּשטות, ווי אַלע אַנדערע פּעלקער און אַנגעהויבן אפילו וועגן איר אינגאַנצן צו פאַרגעסן, האָט מיט שטוינונג און דערשיטערונג זיך געלאָזט זוכן די קוואַלן פון זיין אַנדערשקייט און די ספּעציפיק פון זיין אייגענעם תוכן און איז דערגאַנגען אין זיין זוכן ביז צום אויסטערלישן טאַנץ אום שמחת־תורה אַרום דער מאָסקווער שול — פאַר יוגנטלעכע, וואָס אַ גאַנץ יאָר איז זייער פוס אין דער שול ניט געקומען און זייער האַנט האָט קיינמאָל צו דער תורה זיך ניט צוגערירט.

פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע און דעם עמאַנצי־פּאַציע־דעקרעט פון 1791, דאַרף ווערן גערעכנט נאָך העכער זעכציק יאָר — לויט דעם פראַנצויזישן היסטאָריקער פּאַטריק זשיראַר — ביז די יידישע עמאַנציפּאַציע אין פראַנקרייך האָט ביסלעכוויז, פון אַ פּאַר־מעל־יורידישער, זיך פאַרוואַנדלט אין אַ פּאַקטישער, אין אַ פולער ציווילער און פּאָליטישער גלייכבאַרעכטיקונג פון פראַנצויזישן יידנ־טום. דער דאָזיקער היסטאָרישער פּראָצעס, הגם אַ קאָמפּלעקסער און זיגזאַג־אַרטיקער, האָט אָבער געפירט כסדרדיק באַרג־אַרויף. אין אָנ־הויב פון דער צווייטער העלפט פון 19טן יאָרהונדערט, איז דאָס פראַנ־צויזישע יידנטום, מיט זיין אייגענער, ספּעציפישער סטרוקטור, געווען שוין אַן אָרגאַנישער באַשטאַנד־טייל פון דער פראַנצויזישער געזעל־שאַפט. דער פראַנצויזישער ייד האָט זיך באַטראַכט און איז באַטראַכט געוואָרן ווי אַ גלייכער מיט זיין מיטבירגער, דעם ניט־ייד. דאָס איז געווען דער פראַנצויזישער אַסימילאַציע־נוסח, וועגן וועלכן עס שרייבט פּאַטריק זשיראַר: „זי (די אַסימילאַציע) האָט לחלוטין ניט באַ־טייט דעם סוף פון יידנטום, זי איז געווען אַן עטאַפּ אין דער יידישער געשיכטע, פּונקט אַזאַ יידישער און אַזאַ צבורדיקער, ווי אַנדערע עטאַפּן. דאָס פראַנצויזישע יידנטום האָט געפּרוווט שאַפן און האָט באַשאַפן אַ האַרמאָנישן סימביאָז צווישן צוויי ירושות, ס'הייסט דער יידישער און דער פראַנצויזישער.*

*) Patrick GIRARD, « Les Juifs de France, de 1789 à 1860 », Paris, Calmann-Lévy. 1976, p. 251.

אין דעם אופן, ווי אַזוי דאָס לאַנד פון דער גרויסער פראַנצויזי־שער רעוואָלוציע האָט געלייזט די יידן־פראַגע, שפיגלט זיך אָפּ דער גורל און די היסטאָרישע מערכה פון אַט דער רעוואָלוציע גופא.

אויך אין לאַנד פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע שפיגלט אָפּ די לייזונג פון דער יידן־פראַגע — ריכטיקער, דער פולשטענדיקער דורכ־פאַל פון אַט דער לייזונג — דעם גורל גופא און די היסטאָרישע מערכה פון דער דאָזיקער רעוואָלוציע. אין 1917 איז געווען נאַטירלעך, אַז דער ייד טראָצקי זאָל, צוזאַמען מיטן רוס לענין, זיך געפינען בראש פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע און אַז דער ייד סווערדלאָוו זאָל, אויף לע־נינס איניציאַטיוו, אויסגעוויילט ווערן פאַרן פאָרזיצער פון צענטראַלן אויספיר־קאָמיטעט פון די סאָוועטן, ס'הייסט פאַרן פרעזידענט פון סאָ־וועטן־רוסלאַנד. די שייד־ליניע איז דאַן געגאַנגען נישט צווישן ייד און ניט־ייד, נאָר צווישן רעוואָלוציאָנער און קאָנטער־רעוואָלוציאָנער. אַנטיסעמיטיזם איז געווען דער סימנים פון קאָנטער־רעוואָלוציע.

פערציק יאָר שפעטער איז פאַר ניקיטאַ כרושטשאָוון געווען „פאַר־שטענדלעך", און במילא „נאַטירלעך", אַז אויב אַ ייד ווערט באַשטימט, למשל, אין אוקראַינע אויף אַ וויכטיקן פּאָסטן, רופט עס אַרויס „איפּער־זוכט און אַ פיינטלעכקייט לגבי יידן". דער אויספיר האָט זיך גע־בעטן פון זיך אַליין — ס'איז גלייכער קיין יידן אויף אַ פאַראַנטוואָרט־לעכן פּאָסטן נישט צו באַשטימען. דאָס זעלבע איז געבליבן „פאַרשטענד־לעך" און „נאַטירלעך" — מען וואָלט געקאָנט זאָגן, אַלץ מער „פאַרשטענד־לעך" און מער „נאַטירלעך" — אויך פופציק יאָר און אויך זעכציק יאָר נאָך אָקטאָבער, פאַר אַלע סטאַלין־יורשים, ביז אויף היינטיקן טאָג. דער אַלטער חילוק צווישן רעוואָלוציאָנער און קאָנטער־רעוואָלוציאָנער איז שוין לאַנג פאַרגעסן געוואָרן, במילא איז אַנטיסעמיטיזם שוין מער ניט קיין סימנים פון קאָנטער־רעוואָלוציע. אַנטיסעמיטיזם איז פשוט אַ רעגירונג־מעטאָד.

דאָס איז פונדעסטוועגן אַן אַנטיסעמיטיזם פון אַ באַזונדערן מין: ניט בלויז פאַרלייקנט ער זיך אַליין — דאָס טרעפט ניט זעלטן — נאָר ער פאַרמשפט זיך גופא, מיט פולער קאַטעגאָרישקייט. אינעם אַר־טיקל 36 פון דער סאָוועטישער קאָנסטיטוציע ווערט געזאָגט בפירוש: „די בירגער פון פסםר פון פאַרשיידענע ראַסעס און נאַציאָנאַליטעטן האָבן גלייכע רעכט. יעטוועדע דירעקטע אָדער אומדירעקטע באַגרע־נעצונג פון די רעכט, דאָס איינשטעלן דירעקטע אָדער אומדירעקטע

פאַרצוגן פון בירגער לויט ראַסעווע און נאַציאָנאַלע סימנים, ווי אויך יעטוועדע פריידיקונג פון ראַסעווער אָדער נאַציאָנאַלער אויסנעמלעכ־קייט, שנאה אָדער ביטול־באַציאונג — ווערט באַשטראָפט לויטן געזעץ".

אויף אַט דעם געביט אָבער, ווי אויף פיל אַנדערע, דינט די סאָוועטישע קאָנסטיטוציע — און זי איז אגב נישט קיין אויסנאַם אין דעם פרט — ווי אַ גלענצנדיקער מעסטער פון דעם מהלך צווישן טעאָריע און פראַק־טיק, צווישן אידעאָלאָגיע און רעאַליטעט.

אין קעגנזאַץ צו דעם עמאַנציפּאַציע־פּראָצעס פון דער פראַנצוי־שער רעוואָלוציע, מיט זיין כסדר שטייגנדיקער ריכטליניע, פון ווייניקער רעכט צו מער רעכט, איז די עוואָלוציע אויפן געביט פון דער יידן־פראַגע אין ראַטנפאַרבאַנד געווען אַ פאַרקערטע, פון מער רעכט — פולע און אָלזייטיקע רעכט, הן יחידישע, הן נאַציאָנאַלע — צו ווייניקער און אַלץ ווייניקער, ביז דעם פולשטענדיקן אָפּשאַפן פון אַלע נאַציאָנאַלע רעכט בכלל.

ביים סאָוועטישן יידן איז פאַרבליבן אַ פיינלעך געפיל פון פרוס־טראַציע און אומרו, פון טיפער באַליידיקונג, פון ווייטאָק און פראָטעסט. במשך פון יאָרצענדליקער, אַ גלייכער צווישן גלייכע, „אַ זייער איבער־געגעבענע סאָוועטישע נאַציאָנאַליטעט", איז ער פלוצלונג, אָן אַ פאַר־וואָס און פאַר־ווען, אַראָפּגעשטויסן געוואָרן צו דער מדרגה פון צווייט־ראַנגיקייט און דיסקרימינאַציע. ער האָט ניט קיין שום מעגלעכקייט זיך אויסצולעבן אין פולער דימענסיע פון זיין יידישקייט, אָבער איז גלייכצייטיק אויסגעשלאָסן פון יעדער אַנדער נאַציאָנאַלער דימענסיע.

דער סאָוועטישער ייד פילט אַרום זיך דעם אייזיקן אָטעם פונעם אָפּשטויס־פּראָצעס לגבי דעם „ניט־אונדזערן", דעם „ניט־אייגענעם" און זעט מיט פאַרביטערונג, ווי אַט דער פּראָצעס ווערט עפנטלעך דערמו־טיקט און אונטערגעהאַלטן. אין זשורנאַלן און צייטונגען מיט מיליאָנען־טיראַזש, וווּ קיין איין אייציקער אות ווערט ניט אָפּגעדרוקט אָן דעם הסכם פון דער רעגירונג, דערשיינען גיפטיקע אַרטיקלען, כלומרשט בלויז קעגן ציוניזם, אָבער פול מיט די ווילדעסטע אַנטיסעמיטישע בלבולים, וואָס שטאַמען דירעקט פון די „זקני־ציון־פּראָטאָקאָלן". מיט דער ברכה פון דער רעגירונג דערשיינען ביכער, ווידער כלומרשט בלויז קעגן „אינטערנאַציאָנאַלן ציוניזם", וואָס שוימען מיט ווייסטער,

אוראַלטער, שגעונדיק־איררעַציאָנעלער יידן־שנאה, מיט וועלכער עס וואַלטן זיך ניט געשעמט די שוואַרצע־מאות פון אַלע צייטן.

אויף דעם „מלוכהשן שפיגל פון סאָוועטישן יידישן פאָלק" — קאַ־ ליגינס באַליבטער נאָמען פאַר ביראָבידזשאַן — גלימערט היינט דער טראַגישער אָפּשיין פונעם גורל, הן פון דער סאָוועטישער יידישער מלוכהשקייט, הן פון „סאָוועטישן יידישן פאָלק". גלייכצייטיק אָבער בלענדט דאָרט ממש, מיט שאַרפן גרעלן ליכט, די גאַנצע אויסטער־ לישקייט פון דער היסטאָרישער טראַיעקטאָריע, וועלכע האָט, פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע מיט איר משיחישער מענטש־און וועלט־דער־ לייזערישקייט, דערפירט ביז... די „זקני־ציון".

די סאָוועטישע פּובליציסטיק פאַרנעמט זיך לעצטנס מיט אַ דער־ שיינונג, וואָס ווערט דורך איר באַצייכנט, ווי „די וואַקסנדיקע אינטער־ נאַציאָנאַליזירונג" פון די פעלקער און פעלקערשאַפטן פון ראַטנפאַר־ באַנד. ווי אַ באַוויז פון אָט דער אינטערנאַציאָנאַליזירונג, ווערט גע־ בראַכט דער פאַקט, וואָס אין עלף פון די פופצן רעפּובליקן פון פססר, געהערט שוין מער ווי אַ פערט־חלק פון דער באַפעלקערונג — נישט צו די נאַציעס, אויף וועמענס נאָמען די רעפּובליקן זיינען אָנגערופן.

עס וועט העכסט וואַרשיינלעך ניט זיין קיין טעות, אויב מען וועט משער זיין, אַז אָט דער פערט־חלק באַשטייט — פון רוסן. מיט אַנ־ דערע ווערטער, דער באַגריף „אינטערנאַציאָנאַליזירונג" ווערט גענוצט ווי אַ פּשוטער קריפּטאָנים פאַר — רוסיפיצירונג.

אין דעם זין, איז די יידישע אויטאָנאָמע געגנט היינט פולשטענדיק „אינטערנאַציאָנאַליזירט". מען קאָן זאָגן, אָן גוזמא, אַז זי איז ממש אַ מוסטער, שיער־ניט אַן אידעאַל פון „אינטערנאַציאָנאַליזירונג". במילא דערשיינט די סאָוועטישע יידישע מלוכהשקייט ווי אַן אייגנאַרטיקע ביז גאָר, ווי די אייגנאַרטיקסטע ביז אומגלויבלעכקייט: אַ יידישע נאַציאָנאַלע מלו־ כהשקייט אָן קיין שום יידישע נאַציאָנאַלע רעכט, אָן אַ יידישער שפּראַך, אָן יידישער קולטור, אָן יידישן אלף־בית און כמעט — אָן יידן.

בייגעלייגטע דאקומענטן

דעקרעט פונעם ראַט פון די פאָלקס־קאָמיסאַרן
וועגן דערשטיקן ראַדיקאַל די אַנטיסעמיטישע באַוועגונג

לויט די ידיעות, וואָס זיינע אָנגעקומען אין ראַט פון די פאָלקס־קאָמיסאַרן, פירן די קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן אין אַ סך שטעט, באַזונדערס אינעם פראָנט־פאַס, אַ פאָגראָם־אַגיטאַציע, וואָס אין איר רעזולטאַט זיינען אין אייניקע ערטער פאָרגעקומען עקסצעסן קעגן דער אַרבעטנדיקער יידישער באַפעלקערונג. די בורזשואַזע קאָנטער־רעוואָלוציע נעמט איבער אין אירע הענט דאָס געווער, וואָס איז אַרויסגעפאַלן פון דעם צאַרס הענט.

יעדעס מאָל, ווען דער זעלבסטהערשערישער רעגירונג איז נויטיק געווען אָפצווענדן פון זיך דעם פאָלקס־צאָרן, האָט זי אים געריכטעט אויף די יידן, דערביי פלעגן די יידישע גבירים שטענדיק געפינען פאַר זיך אַ שוץ, און געליטן און אומגעקומען פון דער העצע און פון דער גוואַלדטאַט איז די יידישע אָרעמשאַפט.

איצט הויבן ווידער אָן די קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן אַ העצע קעגן די יידן, אויסנוצנדיק דעם הונגער, די מידקייט, און אויך די אומאַנטוויקלטקייט פון די אַממערסטנס אָפגעשטאַנענע מאַסן און די רעשטלעך פון שנאה צו יידן, וואָס די זעלבסטהערשונג האָט איינגעפלאַנצט אין פאָלק.

אין דער רוסלענדישער סאָוועטישער פעדעראַטיווער רעפובליק, ווו ס'איז פראָקלאַמירט געוואָרן דער פרינציפ פון זעלבסטבאַשטימונג פון די אַרבעטנדיקע מאַסן פון אַלע פעלקער, קאָן ניט האָבן קיין פלאַץ די נאַציאָנאַלע אונטערדריקונג. דער יידישער בורזשואַ איז אונדז אַ שונא נישט אַלס ייד, נאָר אַלס בורזשואַ, דער יידישער אַרבעטער איז אונדז אַ ברודער. יעדע העצע קעגן וועלכער ס'איז נאַציע איז אומדערלאָזבאַר, פאַרברעכעריש און שענדלעך.

דער ראַט פון די פאָלקס־קאָמיסאַרן דערקלערט, אַז די אַנטיסע־מיטישע באַוועגונג און די פאָגראָמען אויף יידן זיינען אַ לעבנס־געפאַר פאַר דער זאַך פון דער אַרבעטער־און פויערים־רעוואָלוציע און פאַדערט אויף דאָס אַרבעטנדיקע פאָלק פונעם סאָציאַליסטישן רוסלאַנד צו קעמפן מיט אַלע מיטלען קעגן אָט דעם בייז.

די נאַציאָנאַלע שנאה שוואַכט אָפּ אונדזערע רעוואָלוציאָנערע רייען, דעם איינהייטלעכן, אָן אונטערשייד פון נאַציאָנאַליטעט, אַרבעט־פראָנט און איז נאָר אַ שטיצע פאַר אונדזערע שונאים.

דער ראַט פון די פאָלקס־קאָמיסאַרן באַפעלט אַלע סאָוועטן אָנצונעמען די אַנטשיידנדיקסטע מיטלען צו דערשטיקן אין וואָרצל די אַנטיסעמיטישע באַוועגונג. די פאָגראָמשטשיקעס און פאָגראָם־אַגיטאַטאָרס שטעלן אויסערן געזעץ.

פאָרזיצער פון ראַט פון די פאָלקס־קאָמיסאַרן —
אוליאַנאָוו (לענין)

פאַרוואַלטער מיט די ענינים פונעם ראַט פון די פאָלקס־קאָמיסאַרן —
וול. באָנטש־ברויעוויטש

סעקרעטאַר — **נ. גאָרבונאָוו**

פאַרעפנטלעכט אין דער צייטונג „איזוועסטיאַ" פון וועצ״ק נומער 158 פון 27סטן יולי 1918.

ערשטער באַשלוס וועגן בירָאָבידזשאַן

אויסצוג פונעם פראָטאָקאָל נומ. 45. זיצונג פונעם פרעזידיום פון צענטראַלן אויספיר־קאָמיטעט פון פססר, דעם 24־28סטן מערץ 1928.

באַטראַכט:

וועגן פאַרפעסטיקן דעם בירָאָבידזשאַנער ראַיאָן אינעם ווייט־מזרחדיקן קאַנט פון פססר פאַרן קאָמיטעט צו איינאָרדענען די אַר־

בעטנדיקע יידן אויף ערד („קאָמערד"), וואָס פונקציאָנירט ביים פּרע־זידיום פון נאַציאָנאַליטעטן־ראַט פון צאַק פססר צוליב די באַ־דערפעניש פון דער איבערוואַנדערונג פון די אַרבעטנדיקע יידן (אַריינ־געטראָגן פון דעם קאָמערד און דעם אַלפאַרבאַנדישן איבערוואַנדערונגס־קאָמיטעט; פּראָטאָקאָל פון סעקרעטאַריאַט פון צאַק פססר נומ 41, פּונקט 1).

באַשלאָסן:

1. פאַרפעסטיקן פאַרן קאָמערד צוליב די באַדערפענישן פונעם דורכזויסיקן באַזעצן מיט אַרבעטנדיקע יידן די פרייע ערד אינעם ביי־אַמורער פּאַס פונעם וויט־מזרחדיקן קאַנט, וואָס נעמט אַריין אין זיך דעם בירא־בידזשאַנער ראַיאָן אין די פאָלגנדיקע לפי ערכדיקע גרע־נעצן: איבערן טייך אַמור, מערבדיקער פון דער שטאָט כאַבאַראָווסק, ביז דער לעפּצונג פונעם טייך כינגאַן און מיטן טייך כינגאַן ביז צו דער אייזנבאַן־ליניע; ווייטער, צפונדיקער פונעם אייזנבאַן־פּאַס צו מז־רח צו, ביז צו דעם טייך אורמי, און איבער די טייכן אורמי און טונ־גוסקע; און אין מזרח־זייט לויט דער ליניע מערבדיקער פון דער שטאָט כאַבאַראָווסק.

2. פונעם אָנגעוויזענעם שטח אויסשליסן די ערד־באַנוץ־שטחים פון דער אַלטגעזעסענער באַפעלקערונג און פון דער קאָזאַקן־באַפעל־קערונג, און אויך די שטחים, וואָס זיינען שוין פאַרנומען מיט איבער־וואַנדערער, אָדער זיינען פאַררעכנט געוואָרן אויף זייער נאָמען, ביז ס'וועט זיך פאַרענדיקן דער געזעצלעכער טערמין. די שטחים, וועלכע באַפרייען זיך אין רעזולטאַט פון איינאָרדענען אויף ערד די אָרטיקע באַפעלקערונג, צי אין רעזולטאַט דערפון, וואָס ס'האָט זיך פאַרענדיקט דער געזעצלעכער טערמין פאַר די פּערזאָנען, וועלכע האָבן פאַר זיך פאַרפעסטיקט ערד־חלקים, נאָר זיי האָבן זיי נאָך ניט פאַרנומען, דאַרפן אויך איבערגעגעבן ווערן פאַר די באַדערפענישן פון דעם איינאָרדע־נען אויף ערד די אַרבעטנדיקע יידן.

3. די פרייע חלקים, וועלכע דער אַלפאַרבאַנדישער איבערוואַנדע־רונגס־קאָמיטעט האָט צוגעגרייט אין די גרענעצן פון דעם ראַיאָן, וואָס איז אָנגעצייכנט געוואָרן אינעם פּונקט 1, דאַרפן איבערגעגעבן ווערן פאַר די אָנגעוויזענע צילן, אָנהויבנדיק פונעם יאָר 1928, און צוליב דעם דאַרף מען אויפהערן אויף ווייטער פאַררעכענען ערד־חלקים

אינעם בירָאבידזשאַנער ראַיאָן נישט לויט די אָרדערס פונעם קאָמערד.

4. די גענויע גרענעצן פון דעם ראַיאָן, וואָס איז באַצייכנט אינעם פונקט 1, איבערגעבן פעסטצושטעלן אויפן אָרט דער קאָנטישער ערד־פאַרוואַלטונג, דער ראַיאָנער איבערוואַנדערונג־פאַרוואַלטונג און דעם קאָמערד; די רעזולטאַטן פון זייער אַרבעט מיט אַלע מאַטעריאַלן, נאָך דעם, ווי זיי וועלן באַהאַנדלט ווערן אין דעם קאָנט־אויספירקאָם פונעם ווייט־מזרחדיקן קאָנט — צושטעלן אין אַלפאַרבאַנדישן איבערוואַנדע־רונגס־קאָמיטעט מיט אַ רעזאָלוציע פונעם קאָמערד רספסר צו באַ־שטעטיקן.

5. ביי גינסטיקע רעזולטאַטן פון דעם דורכויסיקן באַזעצן מיט אַרבעטנדיקע יידן דעם ראַיאָן, וואָס איז אָנגעוויזן אין ערשטן פונקט. — האָבן אין זינען די מעגלעכקייט צו אויסבילדן אויף דער טעריטאָ־ריע פון דעם דאָזיקן ראַיאָן אַ יידישן נאַציאָנאַלן אַדמיניסטראַטיוו־טע־ריטאָריעלן איינס.

— סעקרעטאַר פון צענטראַלן־קאָמיטעט פון פססר.
א. יענוקידזע

באַשלוס פון פרעזידיום פון אַלרוסלענדישן צענטראַלן אויספיר־קאָמיטעט
אויסצוג פון פראָטאָקאָל פון 30סטן סעפטעמבער 1931 יאָר.

וועגן אַ יידישן נאַציאָנאַלן אַדמיניסטראַטיוו־טעריטאָריעלן איינס אין בירָאבידזשאַן

1. פאַרלייגן דעם מלוכה־פּלאַן פון רספסר און דעם ווייט־מזרחדיקן אויספירקאָם, צוציענדיק דעם קאָמערד, תיכּף זיך נעמען פאָ־נאַנדעראַרבעטן און צושטעלן ניט שפּעטער ווי אין נאָוועמבער ד. י. די קאָנטראָל־ציפערן פון אַלע צווייגן פון ווירטשאַפטלעכער און קולטו־רעלער בויאונג אין בירָאבידזשאַנער ראַיאָן אויף די יאָרן 1932 און 1933, אָריענטירנדיק זיך אויף אויסבילדן צו ענדע 1933 יאָר אין די

גרענעצן פון ביראָבידזשאַנער ראַיאָן אַ יידישן אויטאָנאָמען אַדמיניס־טראַטיוו־טעריטאָריעלן איינס אינעם באַשטאַנד פון ווייט־מזרחדיקן קאַנט.

2. ביים פונאַנדעראַרבעטן די דאָזיקע קאָנטראָל־ציפערן אַרויסגיין פון די פאַראַנענע מעגלעכקייטן אַ סך צו פאַרשטאַרקן די טעמפּן פונעם ווירטשאַפטלעכן וווּקס פונעם ראַיאָן — אויף דער באַזע פון אַנטוויקלען מיט די אָרטיקע רוי־מאַטעריאַלן (אייזן, גראַפיט, געהילץ, בוי־מאַטעריאַלן), גרויסע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען, קוסטאַר־פּראָדוקציע, ראַטווירטישע און קאָלווירטישע בויאונג, די געהעריקע וועג־אַרבעטן און מעליאָראַטיווע אַרבעטן, ווי אויך באַזונדערס פאַרויסזען מאָס־מיטלען אויף צו זיכערן די געהעריקע טעמפּן פון בויען וווינהייזער.

אין די דאָזיקע קאָנטראָל־ציפערן פּראָיעקטירן דעם סכום אַרבעט־קראַפט פון יידישע איבערוואַנדערער אין באַזונדערע צווייגן פון דער פאָלקס־ווירטשאַפט און די נויטיקע מאַסמיטלען, בכדי די איבערוואַנדערער זאָלן זיך דאָרט פעסט באַזעצן (הייזער־בוי, קולטור־בוי א״א).

3. דער פאָלקאָמערד פון רספסר און דער העכסטער ראַט פאַר פאָלקס־ווירטשאַפט פון רספסר דאַרפן תיכף געבן אָנווייזונגען די אַנטשפּרעכיקע ווירטשאַפטלעכע פאַראייניקונגען וועגן דעם, אַז ביים אויסאַרבעטן די קאָנטראָל־ציפערן אויפן יאָר 1932 מוזן זיי אַרויסגיין פון דער איינשטעלונג, וואָס איז געגעבן אינעם ערשטן פּונקט פון דער דאָזיקער באַשטימונג.

4. פאַרלייגן דעם פאָלקאָמבילד פון רספסר, דעם פאָלקאָמגעזונט פון רספסר און דעם ווייט־מזרחדיקן קאַנט־אויספּירקאָם, זיי זאָלן אָננעמען מיטלען צו פונאַנדערוויקלען אין ביראָבידזשאַנער ראַיאָן פון 1932 יאָר אָן אַזאַ נעץ קולטור־אויפקלערישע און סאַניטאַר־מעדיצינישע אַנשטאַלטן, וואָס זאָל פולשטענדיק באַפרידיקן די באַדערפענישן פון די איבערוואַנדערער, דיסקאָנטירנדיק די ספּעציפישקייט פון דער איבערוואַנדערונג אין דעם דאָזיקן ראַיאָן און פאַרויסזען פאַר די דאָזיקע מאַסמיטלען אַנטשפּרעכנדיקע קרעדיטן.

5. פון דער צאָל יידן, וואָס ענדיקן די הויכשולן, טעכנישע הויכשולן, טעכניקומס, סאָוופּאַרטשולן, א״א פאַרבראַנירן אַ באַשטימטע און גענוגנדיקע צאָל פאַרן ביראָבידזשאַנער ראַיאָן. דער ווייט־מזרחדיקער קאַנט־אויספּירקאָם און דער קאָמערד דאַרפן ניט שפּעטער ווי דעם ערשטן אָקטאָבער ד. י. באַשטימען די צאָל נויטיקע קאַדערן

פאַרן ראַיאָן אין 1932 יאָר. אָנערקענען פאַר נויטיק, אַז די דאָזיקע פאָדערונג זאָל אויסגעפילט ווערן אין דער ערשטער ריי — אין משך פון האַרבסט־פעריאָד ד. י. די קאַדערן־אָפּטיילונגען פון די געהעריקע פאָלקאָמאַטן און אָרגאַנען דאַרפן באַצייטנס אָננעמען מיטלען, אַז די דאָזיקע באַשטימונג זאָל ווערן פּינקטלעך אויסגעפילט.

6. געבן דאָס רעכט דעם ביראָבידזשאַנער ריי־אויספּירקאָם פון יאַנואַר 1932 יאָר אָן, פאַראײנפאַכט אָנצונעמען אין בירגערשאַפט פון ראַטנפאַרבאַנד, לויטן געזעץ פון 22סטן אַפּריל 1931 יאָר, מיט דער שפּעטערדיקער באַשטעטיקונג דורכן ווייט־מזרחדיקן קאַנט־אויספּיר־קאָם.

סעקרעטאַר פון אלצאַק — **א.קיסעלעוו**

באַשטימונג פון צענטראַלן אויספּיר־קאָמיטעט פון פססר

וועגן פאַרוואַנדלען דעם ביראָבידזשאַנער יידישן נאַציאָנאַלן ראַיאָן פונעם ווייט־מזרחדיקן קאַנט אין אַ יידישער אויטאָנאָמער געגנט.

באַטראַכט דעם פאָרשלאַג פונעם אַלרוסלענדישן צענטראַלן אויס־פּיר־קאָמיטעט וועגן פאַרוואַנדלען דעם ביראָבידזשאַנער יידישן נאַציאָ־נאַלן ראַיאָן אין אַ יידישער אויטאָנאָמער געגנט, באַשטימט דער צענ־טראַלער אויספּיר־קאָמיטעט פון פססר:

די השתדלות באַפרידיקן און פאַרוואַנדלען דעם ביראָבידזשאַנער יידישן נאַציאָנאַלן ראַיאָן אין אַ יידישער אויטאָנאָמער געגנט אינעם באַשטאַנד פון ווייט־מזרחדיקן קאַנט.

פאָרזיצער פון צענטראַלן אויספּיר־קאָמיטעט פון פססר. — **מ. קאַלינין**

סעקרעטאַר פון צענטראַלן אויספּיר־קאָמיטעט פון פססר. — **א. יענוקידזע**

מאָסקווע, קרעמל, 7טן מאַי 1934 יאָר.

װעגן דער סאָװעטישער, װירטשאַפטלעכער און קולטורעלער בױאונג פון דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט

באַשטימונג פונעם פּרעזידיום
פון צענטראַלן אויספיר־קאָמיטעט פון פססר.

אויסגעהערט דעם פאַרטראַג פונעם אויספירקאָם װעגן דער סאָװעטישער, װירטשאַפטלעכער און קולטורעלער בױאונג פון דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט, קאָנסטאַטירט דער פּרעזידיום פונעם צענטראַלן אויספיר־קאָמיטעט פון פססר, אַז די פאַרװאַנדלונג, אין הסכם מיט דער לענין־סטאַלינישער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק, פונעם בירא־בי־דזשאַנער ראַיאָן פון װײַט־מזרחדיקן קאַנט אין אַ ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט, האָט זיך אינגאַנצן און פולשטענדיק באַרעכטיקט.

אין משך פון פיל יאָרהונדערטער, האָט דאָס אונטערדריקטע ייִדישע פאָלק געקעמפט קעגן דער צאַרישער אַלײנהערשונג, פאַר שאַפן אַן אײגענע נאַציאָנאַלע קולטור, פאַר דאָס רעכט צו באַקומען בילדונג, פאַר דאָס רעכט צו לעבן פרײַ. צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון ייִדישן פאָלק, האָט זיך פאַרװירקלעכט זײַן הייסער װוּנטש װעגן שאַפן אַן אייגן לאַנד, װעגן שאַפן אַן אייגענע נאַציאָנאַלע מלוכהשקייט. אונטער דער אָנפירונג פון דער גרויסער פאַרטיי פון לענין־סטאַלין, בײַ דעם אַקטיװן אָנטייל פון דער סאָװעטישער געזעלשאַפטלעכקייט, אַנט־װיקלען בײַ זיך די ייִדישע אַרבעטער־מאַסן און פאַרפעסטיקן די סאָ־װעטישע מלוכהשקייט, אין פאָרמען װאָס אַנטשפּרעכן די נאַציאָנאַל־שטייגערישע באַדינגונגען פון זייער פאָלק.

אויפן סמך פונעם סטאַלינישן סטאַטוט פון לאַנדװירטשאַפטלעכן אַרטעל, האָבן די ייִדישע איבערװאַנדערישע קאָלעקטיװן און קאָלװירט־ניקעס אין דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט באַקומען אַקטן אויף אייביקן ערד־באַנוץ. צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע באַקומט דער ייִדישער אַרבעטמאַן מלוכה־אַקטן אויף דער מוטערשפּראַך — אויף דער מלוכהשער שפּראַך פון דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט. האָבנדיק

זייער מלוכהשקייט, זייער ערד, באַהערשן דערפֿאַלגרייך די יידישע קאָלווירטניקעס די טעכניק פֿון סאָציאַליסטישער לאַנדווירטשאַפֿט, פֿאַרגרעסערן די גערעטעניש פֿון די פֿעלדער, פֿאַרפֿעסטיקן אָרגאַניזאַציאָנעל און ווירטשאַפֿטלעך די קאָלווירטן, העכערן די פֿעולהדיקייט פֿון לאַנדווירטשאַפֿטלעכער מי און לייקענען אָפּ מיט מעשים דעם דורותדיקן בורזשואַזן ליגן, אַז די יידישע באַפֿעלקערונג איז כלומרשט אומפֿעיק צו ערד־אַרבעט.

אַזעלכע קאָלווירטן, ווי „רויטער אָקטאָבער", „קיראָוו", „לאַוורענטיעוו", „סמידאָוויטש" „איקאָר" באַווייזן מוסטערן פֿון סטאַכאַנאָווישער אַרבעט.

די אַנטוויקלונג פֿון די קאָלעקטיווע לאַנדווירטשאַפֿטלעכע באַלעבאַטישקייטן ווערט אַ פֿאַקטאָר, וואָס אָרגאַניזירט די אַרבעטנדיקע יידן אין איין גרויסער משפּחה, אַ פֿעיקער צו בויען און אָנצופֿירן מיט איר מלוכה.

עס וואַקסט און פֿאַרשטאַרקט זיך די פּראָדוציר־קאָאָפּעראַציע, וואָס האָט אירע אויסאַרבעטונגען פֿאַרגרעסערט פֿון 3,9 מיליאָן רובל אין 1934 ביז 18 מיליאָן רובל אין לויפֿנדיקן יאָר. די פּראָדוציר־קאָאָפּעראַטיוון פֿון דער געגנט פֿאַרמאָגן אַ ריי אַרטעלן און אונטערנעמונגען. וואָס שטייגן איבער פּילמאָליק די איינגעשטעלטע פּראָדוקציע־נאָרמען. מיט שנעלע טעמפּן וואַקסט אויך די מלוכהשע אינדוסטריע פֿון דער געגנט; אין די נאָענטסטע חדשים ווערן געעפֿנט אין דער יידישער געגנט אַ ריי גרויסע מלוכהשע אונטערנעמונגען.

די יידישע אויטאָנאָמע געגנט ווערט דער צענטער פֿון דער סאָוועטישער נאַציאָנאַלער יידישער קולטור פֿאַר דער גאַנצער אַרבעטנדיקער יידישער באַפֿעלקערונג. עס זיינען פֿאַראַן באַטייטיקע דערגרייכונגען אויפֿן געביט פֿון דער בויאונג פֿון יידישע שולן, טעכניקומס און פֿאַרשיידענע קולטור־אויפֿקלערישע און שטייגערישע אַנשטאַלטן. עס ווערן געשאַפֿן נאַציאָנאַלע קאַדערן פֿון ליטעראַטן, שרייבער, קינסטלער און אַרטיסטן.

פֿאַר די לעצטע צוויי יאָר האָט די יידישע באַפֿעלקערונג פֿון דער געגנט זיך פֿאַרגרעסערט אויף דריי מאָל. צווישן די יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן פֿאַרשטאַרקט זיך אַלץ מער דער דראַנג און די אויפֿמערקזאַמקייט צו דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט, ניט נאָר צווישן די יידן פֿון פּססר, נאָר אויך צווישן אויסלענדישע יידן.

צוזאַמען מיט דער איבערגעגעבנקייט צו דעם גרויסן סאָציאַליס־טישן היימלאַנד — דעם פאַרבאַנד סאָוועטישע, סאָציאַליסטישע רעפּו־בליקן — וואַקסט און שטאַרק זיך צווישן די אַרבעטנדיקע יידן דער פּאַטריאָטיזם און די ליבשאַפט צו זייער נאַציאָנאַלער געגנט.

בכדי ווייטער צו אַנטוויקלען און פאַרפעסטיקן די יידישע אויטאָ־נאָמע געגנט, באַשליסט דער פּרעזידיום פונעם צענטראַלן אויספיר־קאָמיטעט פססר:

1. פאַרפליכטן דעם פּרעזידיום פונעם געגנטלעכן אויספיר־קאָ־מיטעט פון דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט:

א) במשך פון דער קורצסטער צייט צו איבעראָריענטירן זיין אַר־בעט און די אַרבעט פון דעם גאַנצן סאָוועטישן און ווירטשאַפטלעכן אַפּאַראַט פון דער געגנט אויף אַזאַ אופן, אַז אין צענטער פון דער אויפמערקזאַמקייט פון די געגנטלעכע אָרגאַנען זאָלן קודם כל געשטעלט ווערן די לאַנדווירטשאַפטלעכע איבערוואַנדערונג און די גרינטלעכע פאַרבעסערונג פון דער טעטיקייט ביים אויפנעמען, איינאָרדענען און באַ־דינען די איבערוואַנדערער, גאָר באַזונדערס די יידן־קאָלווירטניקעס;

ב) דורכויס פאַרבעסערן די אַרבעט פון די סאָוועטן און זייערע מאַסן־אָרגאַנען — סעקציעס און גרופּן פון דעפּוטאַטן — אָריינציענ־דיק דורך זיי אין דער טעטיקייט פון די סאָוועטן די ברייטע אַרבעטנ־דיקע מאַסן און מאָביליזירן זיי בכדי אַלזייטיק אויסצובעסערן דאָס איינאָרדענען פון די איבערוואַנדערער; העכערן די קוואַליפיקאַציעס פון די פאָרזיצערס פון די דאָרף־ראַטן און פון די מיטאַרבעטער פון די ראַיאָן־אויספיר־קאָמיטעטן, שאַפן קולטורעלע באַדינגונגען פאַר דער אַרבעט פון די דאָרף־ראַטן און ראַיאָן־אויספיר־קאָמיטעטן.

2. פאַרלייגן דעם פאָלקס־קאָמיסאַריאַט פאַר ערד־ענינים פון פססר, דעם פאָלקס־קאָמיסאַריאַט פאַר לאָקאַלער אינדוסטריע פון רספסר און דער אַלפאַרבאַנדישער אָנפירונג פון וואַלד־אינדוסטריע צו פאַרשטאַרקן דעם מאַטעריעל־טעכנישן און פינאַנציעלן מצב פון זייערע בוי־אָרגאַניזאַציעס אין דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט („פּראָמסטראַי", „ביראָבידזשאַנסטראַי", „קוסטזשילסטראַי" און „פּערעסעלענסטראַי") און באַזאָרגן די דאָזיקע אָרגאַניזאַציעס מיט די נויטיקע טעכנישע מיטלען און מיט דעם נויטיקן אויטאָ־טראַנספּאָרט בכדי צו קאָנען אינעם לויפנ־דיקן יאָר, נישט בלויז פאַרענדיקן דעם בוי־פּראָגראַם, וואָס איז פאָ־

רויסגעזען לויטן פּלאַן, נאָר אויך דורכפירן די נויטיקע האָלץ־צוגריי־ טונגען פאַרן בוי־פּלאַן פונעם יאָר 1937.

3. פאַרלייגן דעם פאָלקס־קאָמיסאַריאַט פאַר ערד־ענינים פון פּסטר אויסצואַרבעטן די נויטיקע מאָסמיטלען פאַר דער אָרגאַניזירונג און פאַרשטאַרקונג פון די איבערוואַנדערישע קאָלווירטן אין דער יידי־ שער אויטאָנאָמער געגנט און, ניט שפּעטער ווי דעם 1טן אָקטאָבער פונעם לויפנדיקן יאָר, צושטעלן דעם ראַט פון די פאָלקס־קאָמיסאַרן פון פּסטר אַ פּראָיעקט פון צוגרייטן אַן ערד־פאָנד פון מינימום הונ־ דערט טויזנט העקטאַר פאַר נייע איבערוואַנדערישע קאָלווירטן.

4. פאַרלייגן דעם אַלפאַרבאַנדישן ראַט פון פּראָדוציר־קאָאָפּעראַטיוון און דער אַלפאַרבאַנדישער אָנפירונג פון וואַלד־אינדוסטריע אויסצו־ אַרבעטן במשך פון אַ חודש און צושטעלן דעם ראַט פון די פאָלקס־ קאָמיסאַרן פון פּסטר, אַ פּלאַן פון אויסברייטערונג פון דער פּראָדוציר־ קאָאָפּעראַציע אין דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט, נעמענדיק אין חשבון די נויטווענדיקייט באַטייטיק אויסצושפּרייטן, פון 1937 אָן, די פּראָדוציר־קאָאָפּעראַציע מיט דער כסדר וואַקסנדיקער צאָל יידישע האַנט־ ווערקער, נישט בלויז אין דער שטאָט ביראָבידזשאַן, נאָר אויך אין די ראַיאָן־צענטערן און אין די קאָלווירטן.

5. פאַרלייגן דעם אויספיר־קאָמיטעט פונעם ווייט־מזרחדיקן קאַנט צו פאַרשטאַרקן זיין השגחה און זיין הילף פאַר דער יידישער אויטאָ־ נאָמער געגנט, ביים אויספילן די בויאונג־פּלענער אויפן געביט פון לאַנדווירטשאַפט, אינדוסטריע, וווינונגען און קולטורעל־שטייגערישע אינסטיטוציעס.

6. פאַרלייגן די צענטראַלע אויספיר־קאָמיטעטן פון דער אוקראַי־ נישער ססר, דער ווייסרוסישער ססר און דעם אויספיר־קאָמיטעט פונעם מערבדיקן קאַנט פון רפּססר, אין הסכם מיט דער באַשטימונג פונעם ראַט פון די פאָלקס־קאָמיסאַרן פון פּססר, פון 27סטן מערץ 1936, צו לייגן אַ באַזונדער אויפמערקזאַמקייט, אין די אַרויספאָר־ער־ טער פון די איבערוואַנדערער, אויף דער אַרבעט פון די ראַיאָן־אויס־ פיר־קאָמיטעטן און פון די דאָרף־ראַטן ביים אויסוואַל און ביים איבערשיקן אַרבעטנדיקע יידן אין דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט.

7. פאַרלייגן דעם צענטראַל־ראַט פון געזערד צו שטעלן אין צענטער פון אויפמערקזאַמקייט פון אַלע געזערד־אָרגאַניזאַציעס די הילף ביים אויסוואַל און ביים איבערשיקן די איבערוואַנדערער אין

דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט און דאָרט צוגרייטן קאַדערן פאַר דער געגנט.

דער פּרעזידיום פון צענטראַלן אויספיר־קאָמיטעט פון פאַרבאַנד ססר דריקט אויס זיין איבערצייגונג אין דעם, אַז אַלע אַרבעטער און קאָלווירטיניקעס פון דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט, די אַרבעטנ־דיקע יידן פון סאָוועטן־פאַרבאַנד און די סאָוועטישע געזעלשאַפטלעכ־קייט וועלן מאַכן אַלע אָנשטרענגונגען בכדי ווי אַמשנעלסטן צו לייזן די אויפגאַבן פון ווייטערדיקער אַנטוויקלונג און פאַרפעסטיקונג פון דער נאַציאָנאַלער סאָוועטישער יידישער מלוכהשקייט אינעם פאַר־באַנד פון די סאָוועטישע סאָציאַליסטישע רעפּובליקן.

פאָרזיצער פון צענטראַלן אויספיר־קאָמיטעט פונעם פאַרבאַנד ססר —

א. קאַלינין

סעקרעטאַר פון צענטראַלן אויספיר־קאָמיטעט פונעם פאַרבאַנד ססר —

אי. אקולאָוו

מאָסקווע, קרעמל, 29סטן אויגוסט 1936

די אויבן־געבראַכטע פינף דאָקומענטן, לויט:
די ערשטע פיר — „יידן אין פססר".
דער פינפטער — „פאָרפּאָסט", נומער 2.

מ. ליטוואַקאָוו

דער קלאַסן־קאַמף אַרום דער בויאונג פון דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט

בויען און אויסבויען די יידישע אויטאָנאָמע געגנט איז אַ הויכער געבאָט פון דער פּאַרטיי, פון דער רעגירונג. די יידישע אויטאָנאָמע געגנט בויט דאָס גאַנצע לאַנד. די גאַנצע סאָוועטישע געזעלשאַפטלעכ־קייט רינגלט אַרום די יידישע אויטאָנאָמע געגנט מיט גרויס ליבע און אויפמערקזאַמקייט.

אָבער די בויאונג פון דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט גייט די גאַנצע צייט, פון סאַמע אָנהויב אָן, אין באַדינגונגען פון שאַרפן קלאַסן־קאַמף. די קלאַסן־שונאים האָבן אויך די יידישע אויטאָנאָמע געגנט אויסגעקליבן פאַר אַן אַרענע פון זייערע פאַלקס־פיינטלעכע, פאַרטיי־

פיינטלעכע און בכלל שעדיקערישע מעשים. און גאַר אַ באַזונדערע ראָל האָט געשפּילט און שפּילט אין דעם קלאַסן־קאַמף אַרום דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט דער קאָנטער־רעוואָלוציאָנערער קריגערי־שער ייִדישער נאַציאָנאַליזם.

1.
אַ ביסל פאָרגעשיכטע

נאָך אין דעם ראַיאָנעם, אַזוי צו זאָגן, פעריאָד פון דער געשיכטע פון דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט, האָט שוין דער קריגערישער ייִדישער נאַציאָנאַליזם געפּרוּווט אַראָפּרייסן די בויאונג פון דער געגנט. עס איז באַוווּסט דער קאַמף, וואָס עס האָבן קעגן ביראָבידזשאַן אַלס ראַיאָן פון דער ייִדישער איבערוואַנדערונג מיט פערספעקטיוון צו פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ ייִדישן נאַציאָנאַל־מלוכהשן איינס געפירט דער פאַרשטאַרבענער ח׳ לאַרין צוזאַמען מיט מערעזשינען און טשע־מעריסקין. זיי זיינען געווען קעגן ביראָבידזשאַן און פאַר אַ ייִדישער רעפּובליק „פון אַדעס ביז אַבכאַזיע״, — אָט די „אידעע״, וואָס עס האָט אַרויסגערוקט דער נאַציאָנאַליסט בראַגין. דעם „עמעס״ איז דאָן נישט איין מאָל אויסגעקומען שאַרף אַרויסצוטרעטן קעגן די דאָזיקע שעדלעכע איינשטעלונגען.

און אויך דעמלט זיינען די נאַציאָנאַליסטישע איינשטעלונגען גע־גאַנגען האַנט ביי האַנט מיט באַלעבעסלדיקע פּרעטענזיעס אויף „לי־דעריזם״, אויף נאַציאָנאַלער און נאַציאָנאַליסטישער פירערשאַפט „אין וועלט־מאַסשטאַב״. באַזונדערס האָט זיך אין דעם אויסגעצייכנט מע־רעזשין, וועלכער איז אין מינסק אפילו אַרויסגעטראָטן מיט פּרעטענ־זיעס אויף דאָקטאָר הערצלס באַרד (השגות פון אַ קאַסרילעווקער „לידער״) . . .

שוער איז אָנגעקומען צו דעמאַסקירן די שעדלעכע, אַנטיפּאַרטיי־אישע פּאָליטיק פונעם דריילינג ח׳ לאַרין און טשעמעריסקי־מערע־זשין און זיי באַזייטיקן פון דער אָנפירונג מיטן קאַמערד. אָבער גאָר אַ פאַרביסענער קאַמף פונעם קריגערישן קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן ייִדישן נאַציאָנאַליזם איז קעגן אים האָט זיך אָנגעהויבן קעגן און אַרום בי־ראָבידזשאַן, ווען דער ראַיאָן איז שוין פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אויטאָנאָמער ייִדישער געגנט.

.2

נאַציאָנאַליסטיש־טראָצקיסטישע שעדיקעריי

אין סאַמע אָנהויב עקזיסטענץ פון דער געגנט האָט זיך אין איר גלייך אַריינגעשמוגלט דער קריגערישער נאַציאָנאַליסט ליבערבערג, דאָס איז אַ סיימאָוועץ, וועלכער האָט זיך איבערגעפּאַרבט אין אַ באָל־שעוויק. אין תוך ניט געטרויענדיק דער לענין־סטאַלינישער נאַציאָ־לער פּאָליטיק, באַזונדערס בנוגע דעם יידישן פאָלק, האָט ער שטענ־דיק געשטרעבט צו שאַפן „סיימישע" שוך־גראַבנס אין דער פּאַרטיי, קעגן דער פּאַרטיי, צו „באַשיצן" די אינטערעסן פון דער „יידישער נאַציע". און יעדן אָנשטאַלט, וואָס איז אים אָנגעטרויט געוואָרן פון דער פּאַרטיי אָנצופירן מיט אים, האָט ער געשטרעבט צו פאַרוואַנדלען אין אַזאַ „שוך־גראָבן", פאַרשטייט זיך, אונטער זיין נאַציאָנאַלער אָנ־פירונג, נאַטירלעך, „אין וועלט־מאַסשטאַב".

באַזונדערס האָט ער געהאַט אַ דראַנג צו נאַציאָנאַלער אָנפירער־שאַפט אין וועלט־מאַסשטאַב. נאָך אין יאָר 1928, ווען ער איז באַ־שטימט געוואָרן פאַר דעם אָנפירער פון דער קאַטעדרע פון יידישער פּראָלעטאַרישער קולטור ביי דער אוקראַאינישער וויסנשאַפטן־אַקאַדע־מיע, האָט ער צו דער עפענונג פון דער קאַטעדרע איינגעלאַדן דעם שוואַרץ־מאה׳שן יידישן היסטאָריקער — דעם עמיגראַנט דובנאָוו, דעם צענטראַל־אָרגאַן פונעם „בונד" אין פוילן, די „פאָלקס־צייטונג" א״א. ווי עס צו זען, האָט ליבערבערג גלייך אָנגענומען אַ יידישלעכן „וועלט־מאַסשטאַב". דער „עמעס" איז דאַן שאַרף אַרויסגעטראָטן קעגן דער דאָזיקער האַנדלונג און האָט דעמאַסקירט דעם נאַציאָנאַליסטישן, אַנ־טיפּאַרטייאישן כאַראַקטער פון ליבערבערגס אויפפירונג.

דערנאָך איז די קאַטעדרע פאַר יידישער פּראָלעטאַרישער קול־טור פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אינסטיטוט פאַר יידישער פּראָלעטאַ־רישער קולטור ביי דער אַלאוקראַאינישער וויסנשאַפטן־אַקאַדעמיע. לי־בערבערג איז געבליבן דער אָנפירער. דער אינסטיטוט איז געווען אַ וויכטיקסטער אָנשטאַלט פון דער סאָוועטישער יידישער קולטור, און געפונען האָט ער זיך אינעם גרעסטן יידישן קולטור־צענטער אין ראַטנפאַרבאַנד — אין קיעוו. דערפאַר האָט די פּאַרטיי און די מאַכט דעם אינסטיטוט מיט אַלץ געהאָלפן, אים געכאָוועט, קאָנצענטרירט

אינעם אינסטיטוט קאָלאָסאַלע קולטור־אוצרות, אַריבערגעפירט אַהין גרויסע ביכער־פאָנדן פון לענינגראַד או״ו. אָבער ליבערבערג האָט ניט באַטראַכט דעם אינסטיטוט אַלס איינעם פון די בעסטע אַנשטאַלטן — זאָל זיין אפילו דעם בעסטן — אין דעם סיסטעם פון סאָוועטישע יידישע קולטור־אַנשטאַלטן פונעם ראַטנפאַרבאַנד, וועלכע דאַרפן אַלע בליען און אַרבעטן צוזאַמען. ער האָט געשטרעבט צו אַנטבלויזן, רואי־נירן אַלע אַנדערע ענלעכע יידישע אַנשטאַלטן אין ראַטנפאַרבאַנד, אויף אַ מאַראַדיאָרישן אופן צונעמען ביי זיי קאַדערן, אַרכיוו־פאָנדן, ביכער־פאָנדן און אַלע איבערפעקלען צו „זיך״. ווייל ער האָט געהאַלטן, אַז אַ נאַציאָנאַלן ווערט און אַ נאַציאָנאַלן קיום קאָן האָבן נאָר דאָס, וואָס געפינט זיך אונטער זיינע פליגלען.

שוין ביי אַזאַ זעלבסטפאַרליבטקייט און זעלבסטזיכערקייט פון אַ קאַסרילעווקער איוואַן קאַליטאַ, במחילה, אַ צונויפזאַמלער פון יידי־שע נאַציאָנאַלע ווערטן פון „גלות״ ראַטנפאַרבאַנד אין זיין, ליבער־בערגס, „נאַציאָנאַלע היים״ אַריין, האָט גאָר ניט געקאָנט זיין קיין רייד וועגן באָלשעוויסטישער וואַכזאַמקייט ביים אָפקלייבן קאַדערן. און דער אינסטיטוט איז בוכשטעבלעך פאַרמיסטיקט געוואָרן מיט אַנטיפאַר־טייאישע עלעמענטן. וועגן עריקן, למשל, האָט די רעדאַקציע „עמעס״ ניט איין מאָל סיגנאַליזירט ליבערבערגן. אַ געוועזענער פועלי־ציוניסט פון פוילן, וועלכער האָט זיך אין ערגעץ און קיינמאָל עפנטלעך ניט אָפגעזאָגט פון זיינע פועלי־ציוניסטישע אַנשויאונגען, אַ מענטשן, וואָס האָט נאָך אין 1933 יאָר פאַרעפנטלעכט אַרבעטן וועגן... „תוספות יום־טוב״ („טויספעס יאָנטעוו״) אין אַ זאַמלבוך אין וואַרשע רעדאַגירט פון פרילוצקי — אַזאַ מענטשן, ווי עריק, האָט מען אינעם אינסטיטוט פאַר פּראָלעטאַרישער קולטור אין קיעוו געמאַכט פאַר אַ אידעאָלאָ־גישן פירער, וואָס גיט „מאַרקסיסטיש־לענינסטישע״ דירעקטיוון פאַר־טייער אין פראַגן פון ליטעראַטור־שאַפונג און ליטעראַטור־פּאָליטיק. נאָך אין יוני 1933 האָט מען פון דער רעדאַקציע „עמעס״ וועגן דעם סיגנאַליזירט דעם אינסטיטוט — ליבערבערגן און מען האָט פאָרגעלייגט צו שטעלן די פראַגע וועגן עריקן פאַר דער פאַרטיי־אָרגאַניזאַציע פו־נעם אינסטיטוט. די פראַגע איז פאַר דער פאַרטיי־אָרגאַניזאַציע ניט געשטעלט געוואָרן, מען האָט נאָר וועגן דעם אינפאָרמירט עריקן, וועל־כער האָט אָפּגעדרוקט אַ ליגנערישע דערקלערונג אינעם מינסקער „אָקטיאַבער״.

ליבערבערג האָט באַטראַכט דעם אינסטיטוט ווי זיינע אַ נחלה. ער האָט דאָרט געבאַלעבאַטעוועט, ווי אים האָט זיך געוואָלט, געהאַלטן אין איין טראַסקעריי, אין מאַכן פייערלעכע פּאַראַדן, אָפּנאַרן די פּאַרטיי און די מאַכט.

ער האָט דאָרט אַנטוויקלט די מאוסטע משפּחהדיקייט, אונטער־לעקעריי, און אַלץ אויפן באַדן פון נאַציאָנאַליזם. און ווען ער האָט דערפילט אַז דער באָדן הויבט אָן ברענען אונטער די פיס, האָט ער באַ־שלאָסן איבערטראָגן זיין טעטיקייט אין דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט.

נאָך אין 1932 יאָר האָט ער און זיין שטענדיקער אַדיוטאַנט ברוך (הובערמאַן) זיך „קאָנסטיטואירט" אין אַ „נאַציאָנאַלע עקספּעדיציע" און זיי האָבן זיך אָוועקגעלאָזט אין דעם בירָאָבידזשאַנער ראַיאָן אויס־צוקוקן און אויסצושמעקן. שוין דאַן האָבן זיי אָנגעמערקט אַ סכעמע פון „נאַציאָנאַלער פירערשאַפט": הובערמאַן האָט געזאָלט ווערן דער... סעקרעטאַר פונעם ראַיאָנעם קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי אין בירָאָבי־דזשאַן, ליבערבערג האָט געזאָלט ווערן דער פּאַרזיצער פונעם ראַי־אויספּירקאָם. און שוין דעמלט, אין 1932 יאָר, איז ביי זיי געבוירן געוואָרן דער פּראָיעקט איבערצוטראָגן דעם אינסטיטוט פאַר יידישער פּראָלעטאַרישער קולטור פון קיעוו קיין בירָאָבידזשאַן, — פאַרשטייט זיך, אויב עס וועט זיך איינגעבן די קאָמבינאַציע צו ווערן אין צווייען די „פירער" פונעם נאַציאָנאַלן ראַיאָן. אָט דער געדאַנק אַריבערצו־פירן דעם אינסטיטוט פון קיעוו קיין בירָאָבידזשאַן נאָך אין 1932 יאָר איז לכתחילה געווען אַ שעדיקערישער און פון דעמלט אָן הויבט טאַ־קע אָן דער אינסטיטוט צו זינקען אַלץ נידעריקער און נידעריקער. די אַרבעט אין אים ווערט פאַרוואָרלאָזט, די קאַדערן ווערן אַלץ מער און מער פאַרמיסטיקט. און אין דער שעדיקערישער אַרבעט האָט ליבער־בערג צוזאַמען מיט הובערמאַנען געפונען געננוג שטיצע און הילף ביי די פיינט פון פאָלק ווי קילעראָג, אַשראַפיאַן און אַנדערע. דערביי האָט די שעדיקערישע אַרבעט בנוגע יידישע קולטור־אַנשטאַלטן זיך ניט באַגרענעצט מיט קיעוו און מיטן אינסטיטוט, נאָר זי האָט אָנגע־רירט אויך אַנדערע אַנשטאַלטן און ניט נאָר קיעוו.

אין 1934 יאָר איז ליבערבערגן סוף כל סוף געלונגען אָפּצונאַרן די פּאַרטיי און אַריינשמוגלען זיך אין דער אָנפירונג פון דער יידי־שער אויטאָנאָמער געגנט. און אַלע זיינע מעטאָדן — נאַציאָנאַליסטישער „לידעריזם" אין „וועלט־מאַסשטאַב", טראַסק, פּאַראַד, שעדיקעריי בנור־

גע אַלע אַנשטאַלטן פון יידישער קולטור אין גאַנצן ראַטנפאַרבאַנד, האָט ליבערבערג אָנגעהויבן פּראַקטיצירן שוין אַלס „אָנפירער פון דער יידישער מלוכה". ער האָט אָנגעהויבן שטעלן די פראַגע וועגן אַריבערפירן קיין בירא־בידזשאַן דעם קיעווער אינסטיטוט, דעם מענדע־לע־מוזיי פון אָדעס, די קיעווער ביבליאָטעק־פאָנדן א"א אד'גל. — ראַטעווען, הייסט עס, די יידישע נאַציאָנאַלע ווערטן פון „גלות" אין ראַטנפאַרבאַנד און זיי אַריבערפעקלען אין דעם כלומרשטן, דעם ליי־בערבערגישן „ארץ־ישראל". די פּאַרטיי האָט זיינע פאַרשלאָגן אָפּגע־וואָרפן, אָבער ער האָט צוזאַמען מיט פאַרשיידענע פיינט פון פאָלק און מיט זייער הילף דאָך אָנגעטאָן פיל שאָדן אי דעם אינסטיטוט, אי אַ ריי אַנדערע אַנשטאַלטן.

און ווען דער אויטאָר פון די דאָזיקע שורות און אויך אַנדערע פּאַרטיי־טוער האָבן אי אין דער פּרעסע, אי אויף באַראַטונגען אָנגע־וויזן אויף דער שעדלעכקייט פון אָט דער „טאַקטיק" פון ליבערבערגן און זיין כנופיה, האָט ליבערבערג (און אויך אַנדערע טוער פון דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט) אָנגעהויבן גוואַלדעווען, אַז מיר אונטער־שאַצן דעם ווערט און די באַדייטונג פון דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט, אַז מיר טרעטן אַרויס קעגן דער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק פון דער פּאַרטיי אא"וו א"אוו.

קעגנשטעלן די יידישע אויטאָנאָמע געגנט דער גאַנצער אַרבעט פון דער פּאַרטיי און דער ראַטנמאַכט אין ראַטנפאַרבאַנד; די איינ־שטעלונג, אַז אַלץ, וואָס עס ווערט געטאָן אין ראַטנפאַרבאַנד, קאָן ניט האָבן קיין קיום, אַז נאָר דאָס, וואָס עס ווערט געשאַפן אין דער אוי־טאָנאָמער געגנט, האָט אַ נאַציאָנאַלן ווערט; שטרעבן צו רואינירן, צו אַנטבלוטיקן אַלע אַנשטאַלטן פון דער יידישער קולטור־בויאונג אין אוק־ראַאינע, אין ווייסרוסלאַנד אא"וו און אַלץ איבערפעקלען אין דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט שוין איצט, ווען קיינע שום באַדינגונגען האָט מען נאָך פאַר זיי ניט געשאַפן און מען שאַפט ניט; די יידישע אויטאָנאָמע געגנט האַלטן אין צושטאַנד פון שטענדיקן דורכרייס, כדי אַרונטערצורייסן דעם גלויבן אין דער אויסבויאונג פון דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט אַלס סאָוועטישע יידישע מלוכהשקייט, און דערביי חרוב מאַכן קולטור־אַנשטאַלטן אין אוקראַאינע און ווייסרוסלאַנד, כדי צו שאַפן ירידה־שטימונגען ביי די יידישע מאַסן און ביי דער יידישער אינטעליגענץ, — אָט דאָס איז געווען די ליבערבערגישע טאַקטיק.

3.

נאַציאָנאַליסטישער טראַסק

ווי אַזוי האָט די פּאַרטיי־אָנפירונג פון דער געגנט אין דער פּער־זאָן פונעם ערשטן סעקרעטאַר פונעם געגנטקאָם אלקפּ (ב) פון דער געגנט ח׳ כאַווקין זיך באַצויגן צו אָט דער טאַקטיק פון ליבערבערגן, ווי אַזוי האָט זי אויף איר רעאַגירט?

דאָס שאַפן די יידישע אויטאָנאָמע געגנט איז די באַקרוינונג פון דער גאַנצער אַרבעט פון דער פּאַרטיי און דער ראַטנמאַכט אין דער יידישער סביבה, די בויאונג און די אויסבויאונג פון דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט איז איצט דער פירנדיקער רינג אין דער דאָזיקער אַרבעט. די יידישע אויטאָנאָמע געגנט דאַרף ווערן און וועט ווערן דער וויכטיקסטער קולטור־צענטער פונעם יידישן פאָלק אין ראַטנפאַרבאַנד — און ניט נאָר אין ראַטנפאַרבאַנד. אָבער — די יידישע אויטאָנאָמע געגנט דאַרף ערשט אויסקעמפן איר היסטאָרישע רעכט צו זיין דער צענטער פון דער יידישער סאָוועטישער קולטור. און כדי אויסקעמפן דאָס דאָזיקע רעכט האָט די אָנפירונג פון דער געגנט געדאַרפט אָנ־שטרענגען אַלע אירע כוחות צו פאַרווירקלעכן אַלע פּלענער, וואָס עס האָט אָנגעמערקט די פּאַרטיי און די רעגירונג. באַזעצן די געגנט מיט וואָס גרעסערע יידישע מאַסן, שאַפן די געהעריקע באַדינגונגען פאַר אַזאַ מאַסן־באַזעצונג. דערציען די שוין פאַראַנענע און די צוקומענדיקע מאַסן אין סאָוועטישן גייסט, אַנטוויקלען אין דער געגנט באַלשעוויס־טישע קריטיק און זעלבסטקריטיק, ברייט פונאַנדערוויקלען די סאָווע־טישע דעמאָקראַטיע אין דער געגנט, זיך פאַרנעמען ערנסט און טיף מיט ראַטן־בויאונג, אָננעמען אַלע מיטלען, אַז די ראַטן אין דער יידי־שער אויטאָנאָמער געגנט זאָלן ווערןווירקלעכע אָרגאַנען פון פּראָ־לעטאַרישער דיקטאַטור, ווירקלעכע מלוכה־אָרגאַנען — באַלעבאַטים פון דער געגנט. דערציען און כאַוואַן קאַדערן, בויען און כאַוואַן די סאָוועטישע יידישע קולטור אין דער געגנט, איינפלאַנצן אומעטום דאָרט די יידישע שפּראַך אַלס די שפּראַך פון דער סאָוועטישער יידישער מלוכהשאַפט און דאָס אַלע טאָג, אין ענגן קאָנטאַקט און מיטאַרבעט מיט דער גאַנצער יידישער קולטור־בויאונג און קולטור־שאַפונג אינעם ראַטנפאַרבאַנד; שאַפן באַדינגונגען וועלכע זאָלן צוציען, וועלכע זאָלן

מיטרייסן צו זיך אין דער געגנט דאָס בעסטע צווישן די קולטור־שע־
פער, וואָס עס פאַרמאָגט דאָס יידישע פאָלק אין ראַטנפאַרבאַנד.

די פאַרטיי־אָנפירונג פון דער געגנט אין דער פערזאָן פונעם
ח׳ כאַווקין איז ניט אַוועק מיט אָט דעם וועג. ליבערבערגס ליניע
האָט פון סאַמע אָנהויב ניט באַגעגנט קיין ווידערשטאַנד מצד כאַוו־
קינען. זיי האָבן ביידע גלייך, ווי אָפּגעזונדערט די יידישע אויטאָנאָמע
געגנט פון דעם אַלעם, וואָס עס איז געשאַפן געוואָרן אין דער יידישער
סביבה אין משך פון די יאָרן פון דער גרויסער סאָציאַליסטישער רע־
וואָלוציע.

אָנשטאָט צו פאַרפעסטיקן דאָס דערגרייכטע אין דער יידישער אוי־
טאָנאָמער געגנט און פאַרברייטערן אירע דעראָבערונגען, אָנשטאָט ווײַ־
טער שאַפן דאָרט אַלע פּאָרויסזעצונגען פאַר דער סאָוועטישער יידישער
מלוכהשאַפט אין קאָנטאַקט און מיט דער הילף פון די אינסטיטוציעס
און אָרגאַנען, וואָס די פאַרטיי און די מאַכט האָבן געשאַפן אין דער
יידישער סביבה, האָבן זיי אָנגעהויבן אָט די אינסטיטוציעס און די
אָרגאַנען באַטראַכטן אַלס קאָנקורענטן, אָפט אַלס פיינט, מערסטנס אַלס
פּרעטענדענטן אויף אָנפירונג מיטן יידישן פאָלק, אַלס פּרעטענדענטן
אויף דער מאַכט און כבוד אין דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט. פון איין
זייט, האָט מען געפאָדערט הילף, שטיצע — און אָפט אַזאַ מין פאָרם
שטיצע, וואָס האָט געשמעקט מיט דער אַלטער יידישלעכער קיצבה —
ביי אַלע יידישע אינסטיטוציעס און אָרגאַנען און, פון דער אַנדערער
זייט, האָט מען פאַרבאָטן ניט נאָר צו זאָגן אַ דעה, נאָר אפילו אַרויס־
זאָגן אַ מיינונג וועגן די מעטאָדן און וועגן פון בויען די יידישע אוי־
טאָנאָמע געגנט.

אָנשטאָט צו אָנערקענען דאָס שאַפן און בויען די יידישע אויטאָ־
נאָמע געגנט, אַלס די באַקרוינונג פונעם פאַרווירקלעכן די לענין־סטאַ־
לינישע נאַציאָנאַלע פּאָליטיק בנוגע דעם יידישן פאָלק אין ראַטנפאַר־
באַנד, האָט אויך כאַווקין, פונקט ווי ליבערבערג, אָנגעהויבן דאָס באַ־
טראַכטן ווי די אַנולירונג, די ליקווידאַציע פון דעם אַלעם, וואָס איז
געשאַפן געוואָרן ביז דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט. אָן אַ פּלאַן,
אויף אַ פאַרטיזאַנישן אופן, שטרעבן צעטרענצלען אָנשטאַלטן, „כאַפּן״
קאַדערן, זיך פאַרנעמען מיט נאַציאָנאַליסטישער גרינדעריי, — און
דערביי זיך ווייניק קימערן איבער דעם, וואָס פלענער, וועלכע דאַרפן
שאַפן די פאַרבאַדינגונגען פאַר דער נעץ קולטורעלע און אַנדערע אַנש־

טאַלטן אין דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט, ווערן ניט אויסגעפּילט. אַנשטאָט צו באַזאָרגן באַדינגונגען פאַר דעם, אַז יידישע באַפעלקערונג זאָל אין דער געגנט ווערן וואָס מער, כדי זי זאָל באַקומען אַ פאַקטישן געוויכט און דערמיט וועט דער ספּעציפישער געוויכט פון דער באַפעל־קערונג פון דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט ווערן גאָר אַ גרויסער, האָט מען געהאַלטן פאַר בעסער און לייכטער שוין צו ריידן אינעם נאָמען פונעם גאַנצן יידישן פאָלק און דערביי שטרעבן צו רואינירן די עקזיסטירנדיקע אַנשטאַלטן פונעם יידישן פאָלק אין אוקראַינע, ווייסרוסלאַנד אאַ"וו. און גלייכצייטיק דורכוואַלגערן די פּלענער פון דער בויאונג אין דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט. מיט אַ שטיקל צייט שפּעטער האָט זיך, אמת, אָנגעהויבן אַ קאַמף צווישן כאַווקינען און ליבערבערגן, אָבער עס איז ניט געווען קיין קאַמף פון צוויי ליניעס — פון דער פּאַרטיי־ליניע, וואָס איז מחויב געווען צו פאַרטרעטן כאַווקין, קעגן ליבערבערגס נאַציאָנאַליסטישער שעדיקעריי, נאָר עס איז געווען אַ קאַמף פאַר „לידעריזם", פאַר דעם טיטל „נאַציאָנאַלער פירער פו־נעם יידישן פאָלק", פאַר דעם, ווער מען פון זיי קומט מערער פייערלע־כער טראַסק און פּאַראַד. אַזוי, אַן ערך, האָט טאַקע פאַרצייכנט דער ווייט־מזרחדיקער קאַנטקאָם אלקפּ (ב) אין זיין באַשטימונג וועגן דעם קאַמף כאַווקין־ליבערבערג אין האַרבסט 1935. וועגן דעם האָט נאָך סיגנאַליזירט די „טיכאָאָקעאַנסקאַיאַ זוועזדאַ" אין מאַי 1935.

און דערנאָך, אָנגעהויבן פון אויגוסט 1936, ווען ליבערבערג איז דעמאַסקירט געוואָרן אַלס נאַציאָנאַליסט־טראָצקיסט, האָט כאַווקין אין זיין פּראַקטיק דאָס אויפגענומען ניט אַלס אַ דורכפאַל פון אַ ליניע, וועל־כע ער איז פריער מחויב געווען צו באַקעמפן און איז איצט מחויב אויסצוראָטן אירע שעדיקערישע פאָלגן, — ער האָט עס אויפגענומען, ווי דעם דורכפאַל פון אַ פּערזענלעכן שונא, פון אַ קאָנקורענט אויפן טיטל „נאַציאָנאַלער לידער", און די ליניע פון קעגנשטעלן די יידישע אויטאָנאָמע געגנט דער גאַנצער אַרבעט פון דער פּאַרטיי און דער ראַטנמאַכט אין דער יידישער סביבה אין ראַטנפאַרבאַנד האָט כאַווקין און די ביוראָ פונעם געגנטקאָם אויך ווייטער פאַרגעזעצט. און יעדער סיגנאַל, אפילו דער סאַמע באַשיידענער, וועגן דער ניט־ריכטיקייט, וועגן דער שעדלעכקייט פון אַזאַ מין איינשטעלונג פלעגט פון דער ביוראָ פונעם געגנטקאָם אלקפּ (ב) פון דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט אויפגענומען ווערן אויף מעסערס.

אָט האָט למשל דער „עמעס״ געשריבן אין אַ לייטאַרטיקל (30סטער סעפּטעמבער 1936):

„דער צענטער פון דער סאָוועטישער יידישער קולטור אין דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט קומט אויף אויף דער שטענדיקער כוואַליע פון אויפשטייג פון דער סאָוועטישער יידישער קולטור אין די אַלטגעזעסענע מאַסן־ישובים פון דער יידישער באַפעלקערונג אין ראַטנפאַרבאַנד. ער קומט אויף אין רעזולטאַט פונעם אויפשטייג פון דער נאַציאָנאַלער יידישער קולטור, אַ סאָציאַליסטישער לויטן אינהאַלט, און איז באַרופן פון זיין זייט צו ווערן אַ מעכטיקער פאַקטאָר פון אויפשטייג פון דער דאָזיקער קולטור. דער דאָזיקער צענטער ווערט דערווייל געשפייזט פון די צענטערן פון סאָוועטישער יידישער קולטור, ווי קיעוו, אָדעס, מינסק א״א, מיט דער נאָענטער פערספעקטיוו צו ווערן זייער קולטור־שפייזער״.

ריידנדיק ווייטער וועגן די אויפגאַבן פון דער סאָוועטישער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט אין געביט פון אויסבויען דעם קולטור־צענטער אין דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט, זאָגט ווייטער דער לייטאַרטיקל:

„די דאָזיקע געזעלשאַפטלעכקייט דאַרף שוין פירן דעם באַלאַנס פון די קולטור־כוחות פון שטאַנדפונקט פונעם גאַנצן קאָמפּלעקס פּראָבלעמען פון דער סאָוועטישער יידישער קולטור־בויאונג, טאַקע האָבנדיק אין אויג די פּערספּעקטיוו פון דער סאָוועטישער יידישער קולטור אין דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט.

„אָפּגעבנדיק איר גרונט־אויפמערקזאַמקייט דער בויאונג און אויסבויאונג פון דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט, דאַרף די דאָזיקע געזעלשאַפטלעכקייט געדענקען, אַז אַ מעכטיקער פאַקטאָר פון בויען און אויסבויען די געגנט איז די גרויסע נעץ פון אַנשטאַלטן פון סאָוועטישער יידישער קולטור, וואָס איז באַשאַפן געוואָרן אינעם ראַטנפאַרבאַנד פאַר די יאָרן פון דער גרויסער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע, און זי, די געזעלשאַפטלעכקייט, דאַרף זאָרגן אויך פאַר דער גאַנצקייט און אויפבלי פון דער דאָזיקער נעץ, טאַקע אין נאָמען פון דער געגנט״.

אָט דער לייטאַרטיקל פונעם „עמעס״, ווי אויך אייניקע לייטאַרטיקלען אויף דער טעמע פריער, האָבן אַרויסגערופן „הייליקן״ צאָרן ביים ח׳ כאַווקין און ביי דער ביוראָ פונעם געגנטקאָם. מען האָט אין

דעם איינגעזען אַן אונטערשאַצונג פון דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט אא״וו, אדג״ל.

אַנשטאָט שאַפן אַ נאַציאָנאַלע יידישע געגנט מיט אַ באַלשעוויס־טישן סטיל פון אַרבעט און לעבן, האָט מען געפירט אַ יידישלעכן שטאָט. אַ נאַציאָנאַלע געגנט דאַרף האָבן אַ נאַציאָנאַלע קולטור, אַ סאָציאַליס־טישע לויטן אינהאַלט. עס שאַפט זיך דאָרט אַ נאַציאָנאַלער (ניט קיין נאַציאָנאַליסטישער) שטייגער, עס קאָנען זיין נאַציאָנאַלע מאכלים אא״וו, אדג״ל. די אָנפירונג האָט געדאַרפט אָנהויבן און אָפּגעבן דעם עיקר אויפמערקזאַמקייט דער בויאונג פון דער נאַציאָנאַלער קולטור, דער איינפלאַנצונג פון דער יידישער שפּראַך אא״וו. אָבער דאָס איז שווער, פיל לייכטער איז פאַרנעמען זיך מיט געפילטע פיש, מיט זאָגן „אַ גוט שבת", „יברכך" („יעוואָרעכעכאַ") און בכלל מיט אויסערלעכן טראַסק. קיין קולטור־קאַדערן האָט מען נישט געכאַוועט, — פאַרקערט, עס פלעגט פאַר זיי געשאַפן ווערן שווערסטע באַדינגונגען, וועלכע סטי־מולירן כלל ניט צו אַרבעט און צו שאַפן.

מען האָט אין דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט אַריין אַריבער־געטראָגן די קאָסרילעווקער באַגרענעצטקייט. דער פּרנס־חודש און זיינע טיש־מענטשן, זיינע לויב־זינגער. מען האָט אָנגעהויבן קולטי־ווירן יידישלעכע מתיקות, קוויקן זיך מיט יידן און יידישקייט, כלו־מרשט אויף אַ נייעם, פּראָלעטאַרישן אופן. אַזעלכע ניט־סאָוועטישע פיזמונים, אַז אין ראַטנפאַרבאַנד בכלל קען אַ ייד זיין 12 יאָר בלינד און פאַרפאַלן, אָבער אין דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט מוז מען אים אויסהיילן אין 8 טעג; אַז דער ייד פון ביראָבידזשאַן, ווען ער כאַפּט זיך אויף אינדערפרי, גיט ער גלייך אַ קוק מיט האַרצקלאַפּעניש צי איז נאָך די סאָפּקע פאַראַן, צי האָט זי חלילה דער שונא ניט אַוועקגעשלעפּט: אַזאַ זאָרג קאָן, הייסט עס, האָבן פאַר דער אומבאַ־רירלעכקייט פון אונדזערע גרענעצן נאָר דער ביראָבידזשאַנער ייד, — פונקט ווי די יידישע בירגער פון אוקראַינע, פון ווייסרוסלאַנד און בכלל פונעם ראַטנפאַרבאַנד זיינען ניט קיין פּאַטריאָטן, וועלכע זאָרגן זיך פאַר דער אומבאַרירלעכקייט פון אונדזערע גרענעצן. אַ נאַציאָנאַליס־טיש־ליקווידאַטאָרישע באַציאונג צו דעם אַלעם, וואָס עס איז געשאַפן געוואָרן פון דער פּאַרטיי און דער ראַטנמאַכט פאַר און אין דעם יידישן פאָלק אין ראַטנפאַרבאַנד ביז דער שאַפונג פון דער יידישער אויטאָ־

נאָמער געגנט און ביז דעם קומען פון די נייע „פירער" צו דער אַר־בעט צווישן דעם יידישן פאָלק.

אָט די ליניע איז געווען אַ שעדלעכע און שעדיקערישע. נאָך ניט אויסגעבויט די יידישע אויטאָנאָמע געגנט, נאָך גאָרניט ניט גע־טאָן פאַר איר אויסבויאונג, פאַרקערט, דורכוואַלגערנדיק אַלע פּלענער פון דער פּאַרטיי און דער רעגירונג פאַר דער געגנט, האָט שוין די אָנפירונג פון דער געגנט מיטן ח' כאַווקין בראש געפּריידיקט אַ מין לאָזונג „העט וויד מאָסקווי", „אָן מאָסקווע", „אָן קיעוו", „אָן מינסק" אא"וו. מען דאַרף ניט קיין קאָמערד, מען דאַרף ניט קיין געזערד, מען דאַרף ניט קיין „עמעס", דאָס אַלץ איז טריף, ס'פאַרשטעלט די זון, די ליכטיקע געשטאַלטן פון די „נאַציאָנאַלע פירער" פון ביראָבידזשאַן, מיר וועלן אַלץ אַליין מאַכן, און אויב מיר וועלן די אַרבעט דורכוואַל־גערן, וועלן זיין שולדיק... דער קאָמערד, דער געזערד, דער „עמעס", מאָסקווע בכלל.

אָט דער נאַציאָנאַליזם איז איצט דעמאַסקירט ביזן גרונט. אָבער די דערפאַרונג פון די דריי יאָר עקזיסטענץ פון דער יידישער אויטאָנאָ־מער געגנט, דאָס, וואָס מען האָט דאָך געקאָנט אַזוי אָרודעווען און באַלעבאַטעווען און מען איז ניט באַצייטנס דעמאַסקירט געוואָרן, באַ־וויזט, אַז ביי דער פּאַרטייאישער און סאָוועטישער געזעלשאַפטלעכ־קייט, וועלכע פאַרנעמט זיך מיט העלפן דער בויאונג פון דער יידי־שער אויטאָנאָמער געגנט, האָט געפעלט די געהעריקע וואַכזאַמקייט, אַז מען איז דאָ געווען פאַרשיכורט פון דעם עצם פאַקט פון שאַפן די יידי־שע אויטאָנאָמע געגנט, די סאָוועטישע יידישע נאַציאָנאַלע מלוכהשאַפט. מען האָט דערפון אַליין געקראָגן קאָפּ־שווינדל און מען האָט ניט באַ־נומען די שעדלעכקייט פון די מעשים, וואָס ווערן אין דער געגנט אָפּ־געטאָן. און דערביי איז נאָך געווען אַ יידישלעך־נאַציאָנאַליסטישער שטריך אויך: אַ יידישע זאַך, מען דאַרף ניט מאַכן קיין געוואַלד, עס וועט זיך „איבערקאָיען", בעסער „טישקעווען" אין זיך. באַזונדערס האָט מען אין דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט געפּריידיקט אַזאַ מין „טעאָריעלע": די געגנט איז אַ יידישע, אַן איבערוואַנדערישע — מיט צו פיל קריטיקירן זי קאָן מען זי נאָך חלילה, דיסקרעדיטירן און געבן שפּיז די פיינט... האָט מען אַזוי לאַנג „געטישקעוועט", ביז די אַנטי־פּאַרטייאישע אויפפירונג איז שוין פאַרגאַנגען צו ווייט.

נאָר דאָ האָט זיך אַריינגעמישט דער פעברואַר־פּלענום פונעם צק

אלקפּ (ב), דעם חבר סטאַלינס פאַרטראַג און שלוס-וואָרט, און די פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע פון דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט האָט, ענדלעך, באַשלאָסן צו מאַכן די נויטיקע כירורגישע אָפּעראַציע און אויפשניידן דעם געשוויר.

די דאָזיקע אַלע פאַקטן, די דאָזיקע „אַנטוויקלונגס-ליניע" דאַרף ברייט באַוווּסט ווערן דער גאַנצער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע פון דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט, באַזונדערס אין צוזאַמענהאַנג מיט די פּאַרשטייענדיקע ראַיאָנע פּאַרטיי־פאַרזאַמלונגען און דער געגנטלעכער פּאַרטיי־קאָנפערענץ. ווייל דאָ האַנדלט זיך ניט נאָר פּשוט וועגן „שלימזל־דיקע" פּערזאָנען, וועגן „שלעכטע כאַראַקטערס", וועגן פאַרביוראָקראַטעוועטע טוער אאַ"וו. דאָס איז ניט נאָר קיין פּערזאָנען־פראַגע, נאָר דער עיקר אַ פראַגע וועגן אַן אויסגעשפּראָכן אַנטיפּאַרטייאישער ליניע, וועגן אַ ליניע אויף אָראָפּרייסן די לענין־סטאַלינישע נאַציאָנאַלע פּאָליטיק און פאַרבייטן זי מיט דער פּאָליטיק פונעם קריגערישן יידישן נאַציאָנאַליזם.

אָט וואָס עס איז דער עיקר דעמאַסקירט געוואָרן אין דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט, און דאָס דאַרף פאַר זיך קלאָר מאַכן יעדער פּאַרטייער אין דער געגנט ביי די וואַלן פון די פּאַרטיי־אָרגאַנען און ביים גרייטן זיך צו די ראַיאָנע און צו דער געגנטלעכער פּאַרטיי־קאָנפערענץ.

„דער עמעס", מאָסקווע, 18טן אַפּריל 1937.

סערזש גרוסאר

אינטערוויו מיט ניקיטאַ כרושטשאָוו געגעראַל־סעקרעטאַר פון דער אַלפאַרבאַנדישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און פּאָרזיצער פון מיניסטאַרן־ראַט פון פססר

כרושטשאָוו:

.... די סאָוועטישע נאַציאָנאַלע פּאָליטיק איז אַ ריכטיקע און גרויסמוטיקע. דער ראַטנפאַרבאַנד האָט, דער ערשטער אויף גאָר דער וועלט, באַשלאָסן צו העלפן די יידן, נישט בלויז ווי יחידים, נאָר ווי אַ פאָלק... צו דעם צוועק האָבן מיר אויסגעקליבן, אין סיביר, צו

צפון פון מאַנדזשוריע, אַ ווייניק באַפּעלקערטע געגנט, ביראָבידזשאַן. מיר האָבן זי געשטעלט אין רשות פון די יידן און איר צוגעטיילט אַ ספּעציעלן סטאַטוט. דאָס איז געווען אַ הערלעכע מתנה. דער באָדן פון ביראָבידזשאַן געהערט צו די פּרוכטיקסטע, וואָס קאָן נאָר זיין. דער קלימאַט איז דאָרט אַ דרומדיקער, ערד־אַרבעט — אַן אמתער פאַרגעניגן. ס׳איז פאַראַן וואַסער און זון, ס׳זיינען פאַראַן ריזיקע וועלדער, פעטע ערד, אַן אַ שיעור נאַטור־אוצרות, טייכן פול מיט פיש.

וואָס האָט זיך אָבער באַקומען? די יידן זיינען געפאָרן קיין ביראָבידזשאַן מאַסנווייז. זיי זיינען געווען ענטוזיאַסטיש, פול מיט התפעלות. זיי האָבן זיך אַ לאָז געגעבן פון אַלע עקן ראַטנפאַרבאַנד און, כ׳וואָלט געזאָגט, פון אַלע לענדער פון אייראָפּע, בכדי צו אַנטרינען פון רדיפות. נו, און וואָס זשע ווייטער? ווייטער זיינען זייער ווייניק פאַרבליבן. די לעצטע צייטן האָט דער הין־און־צוריק נאָך אַלץ אָנגעהאַלטן. מען דאַרף אָבער אָנערקענען, אַז דאָס צוריקפאָרן שטייגט איבער אַלץ מער און מער.

וויפל יידן זיינען פאַרבליבן אין דער דאָזיקער שיינער געגנט? ס׳איז מיר שווער צו זאָגן פּינקטלעך, נישט האָבנדיק מיט זיך קיין שום דאָקומענטן. וואַרשיינלעך איז נאָך געבליבן אַ גאַנץ גרויסע צאָל. אַט אַ שטייגער, אין 1955 בין איך דורכגעפאָרן ביראָבידזשאַן. אין קעגנזאַץ צו אייערע אינפאָרמאַטאָרן, האָב איך דאָרט באַמערקט צאָלרייכע אויפשריפטן אויף יידיש, אין די וואָקזאַלן און אין די גאַסן אַרום די וואָקזאַלן. אָבער שוין מיט דעם אַלעמען, אויב מען מאַכט אַ סך־הכל, מוז מען פעסטשטעלן, אַז די יידישע קאָלאָניזאַציע אין ביראָבידזשאַן האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ דורכפאַל. זיי קומען דאָרט אָן מיט פלאַם־פייער און דערנאָך, איינער נאָכן צווייטן, פאָרן זיי צוריק.

מיט וואָס לאָזט זיך דערקלערן אָט די אומאָנגענעמע דערשיינונג? לויט מיין מיינונג, מיט היסטאָרישע סיבות. די יידן האָבן פון תמיד אָן מער געהאַלטן פון האַנטווערק־מלאכות: זיי זיינען שניידער, גלעזער, איידלשטיין־שלייפער, סוחרים, אַפּטייקערס, גערן סטאָלערס. אָבער אויב איר נעמט למשל די בוי־אינדוסטריע, אָדער די מעטאַלורגיע, וועט איר, אויף וויפל מיר איז באַקאַנט, נישט טרעפן דאָרט קיין איין ייד. זיי האָבן ניט ליב קיין קאָלעקטיווע אַרבעט, קיין גרופן־דיסציפּלין. זיי האָבן שטענדיק בעסער געוואָלט זיין צעשפרייט. דאָס זיינען אינדיווידואַליסטן.

לאָמיר לאָזן אין אַ זייט די יונגע מדינת־ישראל. די יידן, זינט צענדליקער יאָרהונדערטער, האָבן קיינמאָל ניט געקאָנט אַנטשליסן זיך צו לעבן צווישן זיך אַליין, צו ציען חיונה און גלייכגעוויכט בלויז פון זיך גופא, אויסערהאַלב פון אַנדערע קאָלעקטיוון. אַ צווייטער כאַ־ראַקטער־שטריך: די יידן זיינען בטבע אינטעלעקטואַלן. זיי געפינען קיינמאָל נישט איין, אַז זיי האָבן גענוג בילדונג. ווי נאָר זיי קאָנען, ווילן זיי גיין אין אוניווערסיטעט, אומאָפּהענגיק פון די קרבנות, וואָס דאָס פאָדערט. איר האָט מיר געפרעגט, פאַרוואָס עס זיינען נישטאָ קיין יידישע שולן אין ביראָבידזשאַן און אין אַנדערע ערטער? מחמת עס איז אוממעגלעך אויפצוצווינגען די יידן צו באַזוכן יידישע שולן.

„לע פיגאַראָ״, פאַריז, 9טער אַפּריל 1958.

אינהאַלט

זייט

פאָרוואָרט: 5

קאַפּיטל איינס: דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט קעגן כלל־ישראל 9

קאַפּיטל צוויי: כלל־ישראל ווערט פּראָסאָוועטיש 29

קאַפּיטל דריי: די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג טרעט אַריין אין דער תקופה פון וועלט־רעוואָלוציע און קאָמוניזם 44

קאַפּיטל פיר: „אין דער סאָכע ליגט די מזל־ברכה״ — יידישע קאָלאָניזאַציע 77

קאַפּיטל פינף: קיום האומה — יידישער נאַציאָנאַליזם פון אַ רוסישן מלוכה־פּרעזידענט 97

קאַפּיטל זעקס: דאָס צוגעזאָגטע לאַנד — קרים אָדער ביראָבידזשאַן .. 113

קאַפּיטל זיבן: דער נס פון פּאַרטיי־דיסציפּלין — גרויס־פּאָליטיק און קליין־פּאָליטיק 124

קאַפּיטל אַכט: די ערשטע טריט — כל התחלות 139

קאַפּיטל ניין: אידעאָלאָגיע און רעאַליטעט 156

קאַפּיטל צען: קאַלינין־וואַריאַנט פון אחד־העם׳יזם: ביראָבידזשאַן אַ מרכז רוחני 174

קאַפּיטל עלף: די פּאַנעץ פון ביראָבידזשאַן פּלאַטערן הויך... אין אויסלאַנד 186

קאַפּיטל צוועלף: קוואַדראַטור פון קרייז — בויען אַ נאַציע, אין קאַמף קעגן נאַציאָנאַליזם 194

זייט

קאַפּיטל דרייצן: מיט דער קאַלינין־דאַקטרין — „אָביעקטיווע" און „סוביעקטיווע" יידישיזאַציע 209

קאַפּיטל פערצן: „צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון יידישן פאָלק" — אַ היימלאַנד 230

קאַפּיטל פופצן: אין די יאָרן פון בלוט און גרויל 253

קאַפּיטל זעכצן: ליקווידאַציע פון יידישן נאַציאָנאַליזם — טראַגי־שער באַשולדיקונגס־אַקט 266

קאַפּיטל זיבעצן: אונטערן שלייער פון מלוכה־סוד, אויבנאויפיקער סך־הכל 284

קאַפּיטל אַכצן: „ס'איז צייט צו וויסן..." — דער לעצטער פּרווו .. 299

קאַפּיטל ניינצן: די אייגנאַרטיקסטע יידישע מלוכהשקייט 322

ביי־געלייגטע דאָקומענטן 339

פאַרעפנטלעכטע ווערק פון ח. סלאַוועס:

דראַמאַטורגיע:

נקמה־נעמער,
טראַגעדיע, פאַרלאַג „אויפסניי״, פאַריז 1947

המנס מפלה,
פאַלקס־שפּיל, פאַרלאַג „אויפסניי״, פאַריז 1949

די יונהם און דער וואַלפיש,
פאַלקס־שפּיל, פאַרלאַג „אויפסניי״, פאַריז 1953

ברוך פון אַמסטערדאַם,
דראַמע „איקוף״־פאַרלאַג „אויפסניי״, ניו־יאָרק 1956

די מלחמה פון גאָט,
דראַמע, „איקוף״־פאַרלאַג, ניו־יאָרק, 1963

דראַמע, פאַרלאַג „אויפסניי״, פאַריז 1965
צען ברידער זיינען מיר געווען,

עסייען:

אין און אַרום,
„איקוף״־פאַרלאַג, ניו־יאָרק 1970

ACHEVE D'IMPRIMER SUR LES PRESSES DE LA SOCIETE D'IMPRIMERIE
PERIODIQUES ET D'EDITION, 32, RUE DE MENILMONTANT,
75020 PARIS, EN DECEMBRE 1979